STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08541

IN GANG FUN DOYRES

Jakob Meitlis

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב י. מייטליס

★

אין גאַנג פון דורות

יעקב י. מייַטליס

אין גאַנג פון דורות

עסייען וועגן תנ"ך,
פאָלקלאָר און ליטעראַטור

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
תל-אביב, תשל"ה — 1975

Yaakov J. Maitlis

IN THE WAKE OF GENERATIONS

(IN GANG FUN DOYRES)

Israel Book, Publishing House, Tel-Aviv (Israel). P.O.B. 1777

יעקב י. מײַטליס

אין גאַנג פון דורות

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אביב, רח' איתמר בן־אבי 4

Copyright 1975
by Dr. J. Maitlis, London

Printed in Israel 1975 נדפס בישׂראל

דפוס „להב" תל־אביב, רח' המסגר 60, טל. 36564

אַ שטילער קדיש נאָך מײַן פֿאָטער
יוסף לוי, מײַן מוטער **חנה** און אַלע
נאָענטע וואָס זײַנען אַוועק פֿון אונדז
אין די חורבן-יאָרן תּרצ"ט—תּש"ה

אינהאַלט

אַ וואָרט פאָרויס 9

תּנכישע עסייען

דער אייביקער קַיִן 15
תּמר און רות 23
מיכהס אָפּגאָט 48
גדעון — דער פאָלקסהעלד 59
היסטאָרישע רעפלעקסיעס אין די ברכות פון יעקבן . . . 87
דער אָנהייב פון אַ נביא — די יוגנט פון שמואלן . . . 103
מאָרגן איז ראש־חודש 117
אמנון און תּמר 129
דער אומבאַקאַנטער נביא 138
אליהו בײַם באַרג חורב 151
די פּרוי פון שונם 167
חורבן און גאולה אינעם נביאישן חזיון 180

פאָרשונגען און ליטעראַטור

דער ייִדישער מדרש צו פּרקי אבות 193
אַלט־ייִדישע עפּישע ליטעראַטור 203
פאָלקסשאַפונג און ליטעראַטור 214
חיים גרינבערג — דער רעפּרעזענטאַנט פון אַ דור . . . 225
מאָדערנע ייִדישע היסטאָריאָסאָפיע
(פון נחמן קראָכמאַל ביז שמעון ראַבידאָוויטש) . . . 232
דער מורד אין דער העברעיִשער ליטעראַטור
(צום אָנדענק פון יוסף חיים ברענער) 241
איבעררײַס אָדער המשך?
(צום 85סטן יובל פון מ. ז. פײַערבערג) 254
דער פאָלקסטימלעכער איוב
(שלום־עליכמס „טביה דער מילכיקער") 264
אַנ־סקי און דער ייִדישער פאָלקלאָר 273
עקדה און גאולה־מאָטיוון אין לייוויקס שאַפונגען . . . 288
ברוך האַגער — דער חסידות־דערציילער 295
אַ דײַטש־ייִדישער חשבון־הנפש 309
עמאַנסיפּאַציע און ייִדישע גורלדיקייט 320
געדאַנקען וועגן גאולה 334

אַ וואָרט פֿאָרויס

ווי בײַ אַ סך קולטור-פֿעלקער, איז אויך ליטעראַטור בײַ ייִדן אַן אינטעגראַלער טייל פֿונעם אַקטיוון, פֿולסירנדיקן לעבן, מיט זײַן אומרו און אויפֿטרייסלונג, מיט זײַן נויט און פֿרייד. שפּיגלט דעריבער די ליטעראַרישע יצירה אָפּ שוין פֿון תּמיד דעם אידעיִשן גאַנג פֿון פֿאָלק, הויכע רעיונות און קוואַליקע מחשבה, חזיון און באַנײַונג. שוין אין איר באַגינען איז די ליטעראַטור בײַ ייִדן כּולל אין זיך נישט בלויז יסודותדיקע עטיש-רעליגיעזע עיקרים, חכמה און שירה, נאָר אויך קדמונדיקע מסורות און נאַראַטיווע שטאָפֿן פֿון געשעענישן און פּאַסירונגען פֿון ווײַטן עבר. שפּיגלט זי אָפּ אויף אַ בולטן אופֿן דאָס קאָנקרעטע און אַקטועלע לעבן, סײַ פֿון יחיד און סײַ פֿון כּלל אין אַלע זײַנע גײַסטיק-קולטורעלע און סאָציאַל-פּאָליטישע אַספּעקטן און גילגולים אין וואָס דאָס לעבן מאַניפֿעסטירט זיך, אי צום גוטן און אי צום שלעכטן. טראָגט אַזוי אַרום אויף זיך דאָס שאַפֿערישע קולטור-אייגנס דעם חותם פֿון פֿאָלקישער אייגנקייט מיט איר פּנימיות און נוסח, און איז בעצם אַ לעבעדיקער, אַלץ-אַרומנעמענדיקער טייל אין דער אַנטוויקלונג פֿון ייִדישן גײַסט אין זײַן היסטאָרישן גאַנג. עס איז אַ כּסדרדיקע, שטראָמיקע המשכדיקייט, וואָס נעמט אַרום אין איר ליטעראַרישן לבוש ווײַטע און נאָענטע דורות, די קדמון-צײַט פֿון פֿאָלק ישׂראל ביז אין אונדזערע הײַנטיקע טעג. עס איז אַ פּראָצעס פֿון אַ מהותדיקער, דינאַמישער אייניקייט, וואָס שפּאַנט רחבותדיק-געהויבן איבער צײַט און שטח, פֿון די פּאַרצײַטיקע אָנהייבן, איבער שפּעטערדיקע דורות ביז אין דער אויפֿגעשטורעמטער און זיך בײַטנדיקער איצטיקייט. אַנטפּלעקן זיך, שוין ריין טעמאַטיש, אין אונדזער רײַכער און פֿילפּנימדיקער פֿאָלק-ירושה, אַ ריי שאַפֿעריש-ווירקעוודיקע אידעיִשע שטרעמונגען, נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע, וואָס לאָזן זיך אַקטואַליזירן אויפֿן פּאָן פֿון הײַנטצײַטיקע געשעענישן מיט זייער קנויל פּראָבלעמען און סתּירות.

שוין אינעם תנ"ך שטייט פאַר אונדז דער מענטש, אַמאָל ווי היינט, אין זיין פאַרלוירנקייט און שוואַכקייט, מיט זיינע נסיונות און גורלדיקייט, ראַנגלעניש און אויפברויז, — די אייביקע דילעמע פון וואָס עס איז שווער אַרויסצוקומען. אויף דעם אַלעם זאָגט בפירוש עדות דער תנכישער סיפור-המעשה מיט זיין צימצומדיקן סטיל און אָפּגעהיטענעם וואָרט. עס איז אַ ליטעראַרישע עשירות פון פערל-דיקע, נאָוועליסטישע דערציילונגען פון דער יִדישער פאַרצייטיקייט, מיט איר מענטשלעכער נויט און פרייד, קלעם און טרייסל, מיכשולים און געראַנגל. דערצו מאָלט אונדז דער אַמאָליקער דערציילער מיט אַ סך פאַרב און עפּישער רחבות די וואָכעדיקייט און דעם יום-טוב, דעם איינגעשטעלטן לעבנס-סדר, שטייגערישקייט און מינהגים, — אַ קוואַל פון אינספּיראַציע און אַנטציקונג פאַר דורות שרייבערס און קינסטלערס סיי ביי יִדן און סיי ביי די אומות-העולם.

אין דעם אָפּקלייב פון אַ ריי ליטעראַרישע אַרבעטן וואָס דער מחבר לייגט פאַר דעם לייענער, גייען בלויז אַריין עטלעכע, קנאַפּע פּרקים וואָס קערן זיך אָן צו דעם ברייטן, קוואַליקן תּחום פון דער ליטעראַרישער יצירה ביי יִדן אין משך פון דורות. דער טראָפּ דאַרף ליגן אויף דער דורותדיקער המשכדיקייט וואָס ציט זיך פון די מענטשלער-טיפּע שאַפונגען פון דער ווייטער אַמאָליקייט און פאַר-מאָגן אַן אימאַנענטע סמיכות מיט די פּראָבלעמען פון אונדזער היינט. דווקא אונדזער צעשטורעמטע איצטיקייט מיט איר איך- און וועלט-געפיל, מיט איר פּראָבלעמאַטיק פון יחיד און כּלל, העלפט אונדז אָפּט אַריבערוואַרפן בריקן צו דעם ווייטן עבר, אים פאַרשטיין און באַשיידן. אַוודאי מוז מען זיין געוואָרנט פאַר היסטאָרישע אַנאַ-לאָגיעס און גזרה-שוות, אָבער אַ צד-השווה צווישן דעם שאַפערישן מענטש פון אַמאָל און היינט, מיט די סתירות און פּראָבלעמען אין לעבן, איז פאַרט פאַראַן. היינט ווי אַמאָל מאַטערן זיך באַהויבטע מענטשן, קינסטלערס און בעל-מחשבות, מיט די פּראָבלעמען פון גוטס און שלעכטס, פון יִיד און וועלט, פון יחיד און כּלל. דער היינט ווערט צום אַמאָל, און דער אַמאָל צום היינט. אַזוי קייטלט זיך די יצירה-קייט און עס ציִען זיך אירע גאָלדענע רינגען אין אַ שטראָ-מיקער המשכדיקייט איבער דורות און צייטן אין אונדזער ליטעראַ-טור. אין דער קולטור-ירושהדיקייט פון פאָלק ליגט דער סוד פון אונדזער גייסטיקן באַשטאַנד און נאַציאָנאַלן קיום.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער אָפּקלײַב וואָס דער מחבר האָט פֿאַרגרייט פֿאַר זײַן איצטיק בוך, פּרעטענדירט נישט צו זײַן פֿון איין ליטעראַרישן גוס, ווי אַן אָפּגעשלאָסענע ליטעראַרישע גאַנצקייט. דאָס איז דער מחבר נישט אויסן געווען. גיכער זײַנען דאָס באַטראַכטונגען און אָפּשאַצונגען פֿון פּראָבלעמען און טענדענצן אין דער ליטעראַטור בײַ ייִדן אינעם גאַנג פֿון דורות. היות ווי די מייִנסטע אַרבעטן וואָס גייען איצט אַרײַן אין אַ בוך-פֿאָרעם זײַנען געוואָרן געשריבן און פֿאַרעפֿנטלעכט אין משך פֿון יאָרן און אונטער אַ באַשטימטן קוק-ווינקל, האָבן זיך נישט געלאָזט פֿאַרמײַדן געוויסע איבערחזורונגען אינעם סטיל פֿון געשילדערטע געשעענישן, פֿון רעיונות און וואָרט-אָפּקלײַב. דער מחבר האָפֿט, אַז די ליטעראַריש-אידעיִשע גאַנצקייט האָט דערפֿון נישט געליטן.

צום סוף וויל דער מחבר נאָך באַדאַנקען דעם ליזאַ און ווילי שאָר סטיפּענדיע פֿאָנד בײַם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור-קאָנגרעס אין ניו-יאָרק, און דעם קאָמיטעט פֿאַר ייִדישער קולטור אין ישׂראל פֿאַר דער פּרעמיע און מיטהילף מיט וואָס זיי האָבן מזכּה געווען דעם מחבר. אַ האַרציקן יישר-כּוח אויך דעם פֿרײַנד אריה שמרי פֿאַר דעם עול וואָס ער האָט געטראָגן בײַם דרוקן און לייענען די קאָרעקטורן.

יעקב י. מײַטליס

לאָנדאָן, נאָוועמבער 1974

תנכישע עסייען

דער אייביקער קַיִן

„...דאָס קול פון דײַן ברודערס בלוט שרײַט צו מיר פון דער ערד...״
בראשית, ד, י.

די מסורה פון קַיִנען דעם ברודער־מערדער, וואָס מיר געפינען אין ספר בראשית, קאַפּיטל ד, ג—ט״ז, איז גאָר אַלט. זי האָט געוואַנדערט פון מויל צו מויל, פון דור צו דור איבער צײַטן און פעלקער ביז זי האָט געפונען איר קלאַסישע פאָרמולירונג אין דער תּורה. דער סיפּור־המעשׂה, וואָס האָט זיך דורות־לאַנג געוועבט בײַם פאָלק, האָט געכישופט מיט זײַן פּשטות און אײַנגעהאַלטנקייט, און פאַרכאַפּט דעם אָטעם פון די צוהערערס און לייע־נערס באַגלײַך מיט זײַן ציטער און אימה. זינט דער מענטש האָט אָנגעה־הויבן טראַכטן איבער זײַן גורל, צו זוכן אַן ענטפער אויף די אָנגעווייטאָגטע פראַגן פון מענטשלעכן מין, פון גוטס און שלעכטס, האָט מען זיך מסתּמא דערציילט די מעשׂה פון די צוויי ברידער, וואָס גרייכט טאָקע ביזן סאַמע אָנהייב פון דער מענטשלעכער קולטור. דעם עצם מאָטיוו געפינען מיר טאָקע בײַ אַ ריי אַלטע פעלקער, בעיקר אין די עלטסטע יישובים פון מע־סאָפּאָטאַמיע און מצרים, ווו די מעשׂיות האָבן אָנגענומען מיט דער צײַט אַזאַ אָדער אַן אַנדערע פאָרעם. אָבער אין ערגעץ פילן מיר נישט דעם טיפן מענטשלעכן ציטער, די טראַגישע אימה און באַגלײַך די מאָראַליש־רעלי־גיעזע דערהויבנקייט ווי אינעם תּנכישן סיפּור־המעשׂה. דאָ פילן מיר תּיכּף דעם הייסן אָטעם פון דעם נביא, דעם הייליקן פּאַטאָס פון דעם גרויסן מאַמין. דאָ רעדט צו אונדז דער אַלטער מוכיח און וועלט־פאַרבעסערער פון ישׂראל, וואָס איז אויסן מיט דער דאָזיקער מעשׂה אונדז צו לאָזן אָפּ־לערנען אַ מוסר־השׂכּל פון מידות און דרך הישר. אויף אָט דעם פּרוכפּער־דיק־רעליגיעזן באָדן פון ייִדישן פאָלק האָט די מעשׂה באַקומען איר אמתן תּיקון. אין דער מעשׂה רעדט צו אונדז אַ פאָלק, וואָס איז אָנגעגליט מיטן פײַער פון געטלעכער קדושה, וואָס טראָגט אויף זיך אַ גוואַלדיקע אחריות פאַרן לעבן פון יעדן יחיד־מענטש, וואָס איז הייליק, מחמת זײַן מקור איז אַ ליכטיקער און אַ געטלעכער. רעפלעקטירט טאָקע דאָס פאָלק אין אָט דער קַיִן־הבל פאַבולע איבער די סאַמע גורלדיקע פראַגן פון מענטש

און לעבן, פון גלטס און שלעכטס און די מאָראַלישע אָרדענונג אין דער וועלט. פון וואַנען נעמט עס זיך, הערן מיר ווי אַן אָנצוהערעניש פונעם דערציילער, וואָס איין מענטש איז אַ דם־שונא דעם אַנדערן, וואָס ער טראַכט כּסדר דעם אַנדערן עוקר מן השורש צו זײַן. וואָס איז טאַקע, אין תּוך, די סיבה פון הריגות און רציחות אין דער וועלט?

עס איז דער היסטאָריאָסאָפישער וועלט־באַנעם פון יידישן פאָלק, זײַן קוק אויף דער געשיכטע פון דער מענטשהייט פון איר באַגינען, וואָס פּרווּוט דאָ צו געבן אַ פּירוש און באַגלײַך אַן ענטפער אויף דער סיבה פון דער ביטערער מענטשלעכער מערכה. ווי אַזוי איז גאָר מעגלעך מאָרד, טאַקע ברודער־מאָרד נאָך דערצו, אַז גאָט האָט געשאַפן אַ שלמותדיקע וועלט, אַ וועלט ווו אַלע ברואים זײַנען געווען מלכתּחילה גלײַך, וואָס גאָט האָט זיי געבענטשט נאָך דעם גרויסן בראשית־אַקט און וואָס קענען נאָר האָבן אַ קיום אַדאַנק דעם געטלעכן חסד? דער אַלטער יידישער היס־טאָריאָסאָף האָט זיך באַדינט מיט אָט דער קדמונדיקער קין־מעשׂה, כּדי צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס האָט דורות־מענטשן פאַר אים און נאָך אים כּסדר געמאַטערט: אויב די וועלט איז אַ פון גאָט־באַשאַפענע און דעריבער אַ שלמותדיקע, ווי אַזוי האָט זיך שוין באַלד פון אָנהייב באַוויזן דער פּגם אין דער יצירה, ווי אַזוי איז עס דערצו געקומען, וואָס דער מענטש, דער בחיר היצור, האָט אויפגעהויבן זײַן האַנט אויף אַן אַנ־דער מענטש אים צו רצחנען? ליגט דאָך שוין דאָ דער שורש פון אַלדאָס בייז, דער אָנהייב פון דער גרויסער מענטשלעכער טראַגעדיע פון טויט און פאַרלענדונג, פון דעם חרב איש ברעהו, וואָס ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע פון באַגינען ביז אין אונדזערע טעג, און וואָס האָט הײַנט, נאָך אַזוי פיל חורבן און אומקום, נאָך מער פאַרשטאַרקט אונדזער טיפע אומרו און וויסטע אימה פאַרן עצם קיום פונעם מענטשלעכן מין. ובכן, ווי אַזוי איז עס דערצו געקומען, ווי אַזוי האָט זיך דאָס אַמאָל אָנגעהויבן?

האָט דער יידישער געניוס גענומען אויסטײַטשן די געשעענישן פון אַמאָל, אינטערפּרעטירן די געשיכטע פון דער מענטשהייט פון איר ערשטי־קייט און די ירידה וואָס איז געקומען ווען דער מענטש איז אָפּגעפאַלן פון זײַן באַשאַפער. עס הייבט זיך אָן מיט דעם באַקאַנטן מיטאָס פון מענטשס לעבן אין גן־עדן. עס איז געווען אַ גליקלעך לעבן, אומגעשטערט און אומשולדיק, אָן מורא און אָן האַס, אומוויסיק און צופרידן. עס איז דעמאָלט געווען די אַבסאָלוטע גאָט־הערשאַפט איבער דער וועלט. עס איז געווען

דער קדמון־צושטאַנד פון מענטש איידער ער האָט געזינדיקט. דער מענטש איז דעמאָלט געווען, לאָזט אונדז דער מיטאָס הערן, אַ טייל פון יענער גרויסער שלמות אין דער וועלט, און ווו די אָרדענונג איז געווען אַ ריין געט־לעכע. אָבער די תשוקה צו וויסן, דער יצר צו דערגיין דאָס פאַרהוילענע, וואָס איז סוף־כל־סוף דער מקור פון אונדזער אומרו, פון זוכן און פאָרשן, פון וועלן אויסגעפינען דאָס פאַרבאָרגענע, די סודות פון דער בריאה און פון דער נאַטור ווי אַזוינער — אַט דאָס אַלץ האָט שוין דעם ערשטן מענטש אַ שטויס געטאָן צו אָפּנייג און אָפּפאַל. פאַר דעם וועלט־באַנעם פונעם תנכישן מענטשן איז דאָס געווען מרידה אין דער וועלט־אָרדענונג, וואָס גאָט האָט איינגעשטעלט אין די בראשית־טעג פונעם וועלט־באַשאַף. אויף אַזאַ אופן, וויל אונדז דער שפּעטערדיקער תנכישער היסטאָריאָסאָף דער־קלערן, איז פאָרגעקומען די ערשטע התרחקות (דערווייטערונג) פון מענטש און זיין באַשאַפער און דאָס איז שפּעטער געוואָרן דער אייגנטלעכער גורם פון אַלע פורעניותן און צרות, פון שווערע נסיונות און אומגליקן, וואָס זיינען דעם מענטש באַפאַלן זינט ער איז געוואָרן פאַרטריבן פון גן־עדן. ביז דעמאָלט איז ער געווען ריין, אָן אַ פּגם און נישט געוווּסט פון קיין בייז. איצונדער אָבער נאָך דער זינד מיטן עץ־הדעת האָבן זיך אים גע־עפנט די אויגן און ער האָט זיך מיט אַ מאָל דערזען אַ נאַקעטן, אַ באַלאָ־דענעם מיט זאָרג און מורא פאַר זיין לעבן. די אומשולדיקייט האָט זיך פון אים אָפּגעטראָגן, און איצט מוז ער זיך שווער ראַנגלען פאַר זיין קיום. ער מוז ציִען זיין קאַרגע חיונה פון דער ערד, וואָס גאָט האָט אַזוי אומ־ברחמנותדיק פאַרשאָלטן, וואָס גיט אים ברויט בדוחק, און אַרום אים איז אַ וועלט אַ האַרטע, פול מיט פיינדשאַפט און האַס.

אויב שוין ביים סאַמע אָנהייב פון דער מענטשלעכער געשיכטע איז געשטאַנען מרידה און אָפּפאַל, דאָס פאַרלאָזן גאָטס דרך, טאָ וואָס פאַר אַ וווּנדער, אַז אין די שפּעטערדיקע דורות איז דער מענטש געפאַלן אַלץ טי־פער און טיפער. וויל אונדז טאַקע דער סיפור־המעשה פון דער תורה לאָזן הערן, אַז אין תוך גענומען, וואָס מער דער מענטש האָט זיך געריקט פאָרויס, וואָס מער עס איז געוואַקסן זיין קולטור און פּראָגרעס, אַלץ מער איז ער בשעת מעשה געפאַלן מאָראַליש און וואָס זינדיקער איז ער געוואָרן. הקיצור, וואָס מער שפע און ווילטאָג, אַלץ מער פאַרדאָרבונג און רישעות. אויב מען וויל, איז דאָס בעצם אַ פּעסימיסטישער וועלט־אויסקוק, וואָס מיר געפינען כסדר באַשטעטיקט אינעם „ספר בראשית" און וואָס האָט נאָך אויפצווייזן אַ ריי אינטערעסאַנטע פּאַראַלעלן ביי אַ סך אַנדערע קולטור־

פעלקער פונעם אַלטערטום. הכּלל, וואָס מער אויפריכטעניש און וואָס מער אָנגעזאַמלטע עשירות, אַלץ מער דערוואַיטערט זיך דער מענטש פון זײַן געטלעכן שורש און איז צום סוף עלול צו טאָן כּל המינים פאַרברעכנס, זיך נישט אָפּשטעלנדיק אַפילו פאַר רציחות. דער נסיון דערצו איז טאַקע באַלד געקומען.

די וועלט איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגע, די בריאה אַ פרישע, ממש אָקערשט אַרויס פונעם אייער־שאָלעכץ, בשעת עס איז אויפגעשטאַנען קין און דערהרגעט הבלן. די תּנכישע דערציילונג איז דאָ ווידער אַ מאָל קנאַפּ און צימצומדיק, אַ שטייגער ווי מען וואָלט גאָרנישט אויסן געווען די מעשׂה גופא. באַנוצט זיך דאָ טאַקע דער פּסוק מיט גאָר אַן אַלטער מסורה וועגן דעם טראַגישן קאָנפליקט פון די צוויי ברידער קין און הבל, אָבער ער מאָלט אויף זײַן שטייגער די געשעעניש, וואָס איז ממש אָנגעפּיקעוועט מיט דראַמאַטישן שטאָף, מיט געמאָסטענע ווערטער און אַ סך אײַנגעהאַלטנקייט. די פּרטים פון דער דראַמע זײַנען פאַר דעם גאונישן מחבר, וואָס האָט אונדז געשענקט דעם ספר הספרים, כּמעט אומוויכטיק און אַ בלויזער טפל. אים, דעם גרויסן דערציִער און מורה־דרך פון פאָלק גייט דאָ נישט סתּם אונדז צו דערציילן אַ מעשׂה־שהיה, נאָר אויפן וועג פון אַ משל אונדז צו לאָזן הערן אַ מוסר־השׂכּל. נעמט, על כּן, דער בעל־התּנ״ך דעם קדמון־שטאָף פון ברודער־מאָרד און שטעלט אים אַוועק אינעם צענטער פון זײַן רעליגיאָסאָפישער באַטראַכטונג און טראָגט אַרויס אויף זײַן שטייגער זײַן שטרענגן משפּט וועגן דעם גרויליקן פאַרברעכן, וואָס זאָל זיך טיף אײַנקריצן אין דמיון און אין די מוחות פון פאָלק.

פרעגן מיר זיך איצט, זײַנען זיי טאַקע געווען אין דער אמתן צוויי לײַבלעכע ברידער, איינער קין און דער אַנדערער הבל, קינדער פון איין טאַטע־מאַמע, זין פון אָדם און חוהן? אָדער רעדט דאָ די תּורה פון דעם אייביק־מענטשלעכן, סימבאָליזירט דורך די צוויי מענטשן, וואָס זײַנען צוגעבונדן פון נאַטור איינער צום אַנדערן ממש ווי צוויי לײַבלעכע ברי־דער? אָדער זײַנען אפשר יענע פאַרטײַטשער און קריטיקער גערעכט, וואָס ווילן דווקא זען אין די צוויי־ברידער־געשטאַלטן צוויי באַשטימטע קולטור־פאָרמען אויפן שטאַפּל פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג: דעם נאָמאַד הבל און דעם ערד־אַרבעטער קין, ובכן די נאָמאַדישע און אײַנגעזעסענע קולטור? האָבן מיר אפשר אין אָט דער קדמון־אַלטער מסורה, וואָס אירע פּרטים זײַנען אונדז נישט מער באַוווּסט, אַן אָנצוהערעניש וועגן דעם קאָנפליקט, וואָס האָט פון קדמונים געהערשט צווישן דעם וואַנדערנדיקן

נאָמאַד מיט זײַנע סטאַדעס בהמות און דעם ערד־אַרבעטער, וואָס זיצט אויף זײַן סאָכע און איז באַהאַפטן מיטן באָדן. אַוודאי איז דאָס לעבן פונעם פויער, דעם ערד־אַרבעטער אַ סך שווערער ווי דאָס לעבן פונעם פאַסטעך־נאָמאַד. זינט די ערד איז געוואָרן פאַרשאָלטן פון גאָט, מוז דער מענטש שווער האָרעווען אויף זײַן שטיקל ברויט און זיך דערנערן מיט גרויס מאַ־טערניש. אָבער דעם האָדעווער פון בהמות, וויל אונדז דער פסוק לאָזן הערן מיט אַ רמז, קומט אַלצדינג אָן אַ סך גרינגער. ער איז נישט צוגע־בונדן צו דער ערד ווי דער פויער. ער וואַנדערט שפּילעוודיק־לײַכט מיט זײַנע סטאַדעס פון איין פּאַשע־פּלאַץ צום אַנדערן, איבער בערג און טאָלן, און אַפילו גאָט אַליין האָט אים אויך ליב.

ווייסן מיר שוין הײַנט נישט מער אַקוראַט וועמען די צוויי העלדן קַין און הבל רעפּרעזענטירן. איינס איז יאָ זיכער, אַז דער פסוק זעט זיי ווי צוויי ברידער, ענג באַהאַפטן מיט אַנאַנד, וואָס וואָלטן באַדאַרפט לעבן אין ליב־שאַפט און אחדות. אָבער אינעם מענטש האָט זיך איצט אַרײַנגעגנבעט אַ געפיל פון קינאה, וואָס נאָגט טיף אין זײַן האַרץ, ברענט יסורימדיק ווי אַ סם אין זײַן אינגעווייד און איז דער גורם פון צעשיידונג און אָפּגעפרעמד־קייט צווישן נאָענטע. אומבאַמערקט, כּמעט ווי מיט אַ רמז, ווערט דאָ ווידער אַ מאָל דער מענטש פון נאָך דער בריאה, דער גן־עדן מענטש אין זײַן גאַנצער אומשולדיקייט און שלמות, קאָנפראָנטירט מיט דעם מענטש נאָך דער זינד און אָפּפאַל. וואָס פאַר אַ וווּנדער, אַז דער מענטש וואָס האָט נישט געפאָלגט גאָטס געבאָט און אין אים מורד געווען, איז עלול זיך אין גאַנצן צו פאַרגעסן און נאָך ווערן אַ גרעסערער פּורץ גדר? איין עבירה, האָבן מיר אַן אַלטן כּלל, פירט צו אַן אַנדערער. קוים איז דער מענטש אַראָפּ פון גלײַכן וועג וועט ער שוין נישט האָבן קיין גוטן סוף. גיך קײַקלט ער זיך באַרג אַראָפּ און זײַן מוטווילן פירט צו אַלדאָס בייז און רציחה. דאָס איז די מוראדיקע טראַגעדיע פון מענטש אינעם היסטאָריאָסאָפישן קוק פונעם תּנכישן מחבר. אָנגעהויבן צו פאַלן פאַלט ער אַלץ מער, ער ווייסט נישט ווו צו בלײַבן שטיין. זײַן גורל איז אייביקע קוויזאַליטעט.

אָבער דער מענטש איז בדרך כּלל זייער אַ קאָמפּליצירטע באַשעפע־ניש. באַמערקן מיר טאַקע אין אונדזער סיפּור־המעשׂה אַן אַנדערן כאַראַק־טעריסטישן שטריך פון קַינען, וואָס מאַכט אים אונדז גאָר אויף אַ האָרעלע סימפּאַטישער און אפשר אויך מענטשלעך נענטער. קַין איז בעצם דער אומרויִקער, דער ספקן, אַן אומגליקלעכער און אַ בעל־יסורים, וואָס גייט אַרום, דוכט זיך, אַ צערודערטער און ווייס גאָרנישט ווו ער האַלט אין

דער װעלט. ער פֿאַרשטײט ממש נישט פֿאַר װאָס עס גײט דװקא אים, װאָס האַרעװעט אַזױ שװער אױף דעם קאַרגן שטיקל ברױט, אַזױ שלעכט, פֿאַר װאָס ער האָט אַזאַ בײזע מערכה, בעת זײַן ברודער, דעם צד שכּנגד, קומט אָן אַלץ אַזױ גרינג, אַזױ שפּילעװדיק לײַכט. דערצו איז יענער נאָך דער ליבלינג פֿון גאָט. גאָט נעמט אָן זײַן קרבן מיט ליבשאַפֿט און צו דעם קרבן פֿון אים, פֿון קינען, װאָס האָט געבערענגט פֿון די שענסטע פּרוכטן פֿון פֿעלד און פֿון אַקער־באָדן, האָט זיך גאָט נישט געקערט. פֿאַר װאָס קומט אים דאָס? צי מעסט מען גאָר אױבן אין הימל מיט צװײ מאָסן? איז דאָס אַלץ פֿאַר אים אַזױ מאָדנע און אומפֿאַרשטאַנדיק, אַזױ אומיושרדיק האַרט, אַז זײַן האַרץ װערט אױפֿגעציטערט פֿון רוגז און ביטערקײט, און ער װערט בײַ זיך געפֿאַלן. אין זײַן אָנמעכטיקײט און הילפֿלאָזיקײט צעגיסט זיך די קינאה װי אַ סם אין זײַנע געדערעם, װאָס פֿירט גיך צום טראַגישן ברודער־מאָרד, פֿון װאַנען עס איז נישטאָ, װי אין דער גריכישער טראַגע־דיע, קײן אַנטרינען.

אַז דער מאָרד איז געשען און קין, אַ צעדולטער און אַ פֿאַרצװײפֿלטער, נעמט זיך אַנטלױפֿן פֿון זײַן גאָט, דערהערט ער פֿון די הימלדיקע הייכן די דונערנדיקע, אױפֿטרײסלענדיקע שטים פֿון גאָט: קין, װוּ איז דײַן ברודער? דאָס בלוט פֿון דײַן ברודער שרײַט צו מיר פֿון דער ערד! עס איז דאָס אומשולדיק פֿאַרגאָסענע בלוט, װאָס דער מענטש פֿאַרגיסט כּסדר, װאָס שרײַט צו גאָט איבער צײַטן און לענדער און פֿאָדערט נקמה. עס זידט און קאָכט און קען זיך נישט באַרויקן. איז פֿאַראַן אַ פֿאַרגעבונג? יאָ, עס קומט דער געטלעכער משפּט. און װי אין דער גריכישער טראַגעדיע קומט אױך דאָ בעל־כּרחהדיק און אומפֿשרהדיק די שטראָף. עס איז דער גרױסער געטלעכער משפּט איבערן מענטש. און װידער אַ מאָל, ממש װי מיט אַן אָנצוהערעניש און כּלאחר יד, װײל אונדז דער פּסוק אײַנשאַרפֿן די גרײס פֿון די זינד. באַשטײט טאַקע דער חטא פֿונעם מענטש אין דעם, װאָס ער האָט פֿאַרשװעכט די הײליקײט פֿון מענטשלעכן לעבן. דאָס לעבן פֿון אַ מענטש, קומט אונדז דער פּסוק אָפּלערנען, איז הײליק, װײַל עס איז אַ טײל פֿון דער שלמותדיקער אָרדענונג, װאָס גאָט האָט געשאַפֿן אין דער װעלט. דורך זײַן רציחה האָט דער מענטש צעשטערט אָט די האַרמאָניע, די שלמות אין קאָסמאָס און געשאַפֿן אַ מחיצה צװישן זיך און גאָט. דער חטא איז אַזױ גרױס, אַז דער מענטש קען גאָרנישט אױף אים מכפּר זײַן.

אָבער די שטראָף מוז קומען. דער מענטש־רוצח האָט פֿאַרדינט אַ שװערן עונש. אפֿשר האָט גאָר דער אַמאָליקער צוהערער פֿון דער עפּישער

מעשה דערוואַרט, אַז גאָט וועט אַרויסטראָגן קעגן קין אַ האַרבן פסק־דין, ווי ער האָט זיך דאָס כשר פאַרדינט און אים טייטן אויפן אָרט, אַ מין נפש־תחת־נפש־דין. אָבער דער יידישער היסטאָריאָסאָף פונעם אַלטערטום לערנט גאָר אַנדערש פשט. קין גלייך צו הרגענען, וואָלט אפשר געווען אַ צו לייכטע, אַ צו וואָלוועלע שטראָף פאַר אים. זיין רציחה פאַרלאַנגט אַ פירסום, כדי דער מענטש זאָל דערפון אָפלערנען דעם נייטיקן מוסר־השכל. ווערט, על כן, קין נישט געמשפט מיטן זעלביקן דין ווי יעדער אַנדער רוצח. פאַר אים איז דאָ אַן אַנדער עונש. ער מוז ווייטער לעבן, אָבער זיין נע ונד, פאַרפאָלגט און געיאָגט אָן אָפרו, און באַגלייך טראָגן אויף זיך דעם שאַנד־פלעק פון מאָרד. דער ווידערשפעניקער מורד, תמיד באַזעסן פון אַ טיפער אומרו מוז אויף זיך איצט נעמען די שטראָף פון זיין נע ונד. די ערד וואָס ער באַאַרבעט ווערט פאַרשאָלטן, אַז זי זאָל אים נישט מער געבן איר קראַפט און די אַמאָליקע פרוכפערדיקייט. ער ווערט פאַרטריבן פון זיין באָדן, וואָס וויל אים נישט מער דערנערן, און מוז זיך נעמען וואַנדערן אַ לעבן־לאַנג איבער לענדער און צייטן, און טראָגן אויף זיין שטערן דעם אות־קין, דעם שאַנד־פלעק פון זיין רציחה. פון איצט אָן טאָר ער מער נישט וויסן פון קיין רו. זיין מוטוויליקע אומרו, וואָס איז געווען סוף־כל־סוף דער גורם פון דעם רוצחישן אַקט, וועט אים באַגלייטן אויף אייביק. אַ פאַרוואָגלטער און אַ פאַרשטויסענער זאָל ער זיין גאַנץ לעבן פאַרברענגען אויף אָט דער ערד, וואָס האָט אים אויסגעשפיגן. קין, דער סימבאָל פון אַלדאָס שלעכטס אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, זאָל אין ערגעץ נישט געפינען קיין רו און ווערן כסדר געוואָרפן ווי אין אַן אייביקן כף־הקלע, אומעטום וווהין ער וועט נאָר קומען, וועלן מענטשן טייטן אויף אים מיט די הענט, אַז אָט דאָ גייט קין, דער ברודער־מערדער מיטן צייכן פון רציחה אויף זיין שטערן. אָ, וואָס פאַר אַ מוראדיקע שטראָף פאַר דעם זינדיקער!

אַגב איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, וועבט דער דערציילער נאָך אַריין אין זיין סיפור־המעשה אַ שטריך פון אַ גרויסן מאָראַליש־רעליגיעזן באַ־טייט. עס איז דער געדאַנק פון דער געטלעכער השגחה. ווי מיר וויסן קומט דער מאָרד איבער הבלן פאָר אויפן פרייען פעלד, אין דרויסן, ווייט מסתמא פון אַ מענטשלעכן יישוב. ובכן, וועט דאָך דער פשוטער פאָלקס־מענטש ביי זיך טראַכטן, האָט דאָך קיינער נישט געזען דעם מאָרד און אַוודאי זיינען נישט פאַראַן קיין עדות, וואָס זאָלן מאָנען דעם רוצח לדין. קומט אָבער צוגיין די תורה מיט איר דערהויבענער לערע און לאָזט אונדז

הערן אַ ווײַטערדיקן גרויסן חידוש: דער מענטש איז נישט הפקר. עס איז תּמיד פֿאַראַן אַ וואַך אויג וואָס זעט און קוקט זיך צו צו די מעשׂים פֿון די מענטשן און גאָרנישט בלײַבט פֿון גאָט, דעם באַשאַפֿער פֿאַרהוילן. ער מאָנט דאָס אומשולדיק פֿאַרגאָסענע בלוט פֿון די הענט פֿון קַיִנען. ער איז דער דערבאַרעמדיקער פֿאָטער פֿון דעם באַשאַף און באַגלײַך דער מאָראַלי־שער שופֿט פֿון דער וועלט, וואָס נעמט זיך אָן די קריוודע פֿון יעדער בריאה.

דער „קול דמי אחיך" אַרויסגעשריִען מיט אַזוי פֿיל צער און צאָרן, הילכט נאָך אַלץ אימהדיק אָפּ אין אונדזערע אויערן. ער מאָנט און פֿאַר־לאַנגט דין און משפּט. אין דער אייביקער קַיִן־מעשׂה לאַדנט, וואָלט איך געזאָגט, דאָס ייִדישע פֿאָלק די מענטשהייט צום דין, פֿאַרלאַנגט און מאָנט אַ חשבון פֿאַר די מעשׂים־תּעתּועים און בלוט־פֿאַרגיסענישן. דער אוממעגלעך־דערנדיקער אויסגעשריי פֿונעם „קול דמי אחיך" קען נישט און וועט נישט פֿאַרשטומט ווערן, כּל זמן עס וועט הערשן רישעות און רציחה אויף דער וועלט. קַיִן איז דער אייביקער סימבאָל פֿון דער מוראדיקער רציחה־שאַנד פֿון מענטש. די תּורה האָט אים געשטעלט אַ זכר לדורות.

(1963)

תּמר און רות

דער סימן־מובהק פונעם תּנכישן סיפור־המעשׂה איז זײַן שפּאָרעוודי־קייט, אײַנגעהאַלטנקייט און צימצום. ער איז נישט ווי די מאָדערנע דער־ציילונג ברייט־אָנגעוואָרפן, עלעגאַנט און באַריידעוודיק, און אָנגעלאָדן מיט פּסיכאָלאָגישע קאָמפּליקאַציעס. דאָס איז נישט דער דרך פונעם אַנטיקן דערציילער. זײַן סטיל איז פּשטותדיק, קערנדיק און עקספּרעסיוו, אַ מאָל שפּילעוודיק און מעטאַפאָריש, און ווידער אַ מאָל שטאַרק דראַמאַטיש, וואָס פאַסצינירט און פאַרכאַפּט דעם אָטעם סײַ פונעם צוהערער און סײַ פונעם לייענער. אין חנעוודיקן, לעבעדיקן סיפור־המעשׂה פון תּנ״ך רעדט זיך נישט פון די שטימונגען און געפילן פון די העלדן, זייער נשמהדיקער צי־טער און אויפברויז, זייערע ראַנגלענישן און איבערלעבענישן, ווי דאָס איז מען נישט אויסן. אדרבא, אָט דאָס אַלץ פאַרבלײַבט נישט דערזאָגט, עפּעס ווי צניעותדיק באַהאַלטן אינעם הינטערגרונט פון די דראַמאַטישע געשעענישן. מען קען זיי נאָר דערשפּירן, הגם אָנטאַפּן, זיי דערזען קען מען נישט. מיט אַ פּאָר קנאַפּ־געמאָסטענע שטריכן, מיט ווייניק ווערטער, אָפּט אָנצוהערענישן און רמזים, פירט אונדז דער פאַרצײַטיקער דערציילער אַרײַן אין דעם קנויל פון פּראָבלעמען, אין דעם סאַמע קאָמפּליצירטן געמיט־מעמד פון די העלדן וואָס ער באַהאַנדלט. דאָרט ווו מיר דערוואַרטן אַ פּסיכאָלאָגישע פאַרטיפטקייט, פּרטימדיקע כאַראַקטער־שילדערונגען, הערן מיר פון מעשׂים און עובדות. די אייגנקייט פון דעם יחיד־העלד, זײַן כאַ־ראַקטער און טראַכטעניש קומט בולט צום אויסדרוק אין דעם אופן ווי ער רעדט און האַנדלט. דאָס איז לעבן און אַזוי האַנדלען מענטשן. פּאַר קינסט־לערישע באַטראַכטונגען, רעפלעקסיעס און אויספירן איז דאָ נישטאָ דער אָרט, מחמת פאַר דעם פאַרצײַטיקן דערציילער איז נישט דער עצם מעשׂה דער עיקר, נאָר דאָס וואָס מ׳קען אָפּלערנען פון איר. עס איז תּמיד דער מוסר־השׂכּל און נימשל וואָס שטייט אינעם צענטער פון זײַן רעליגיעז־דידאַקטישן אינטערעס. אויף אַזאַ אופן שטעלט ער אַוועק דעם צוהערער און לייענער פון זײַנע נאַראַטיווע שטאַפּן פּנים־אל־פּנים מיט די געשעע־נישן אין לעבן, סײַ די גוטע און סײַ די טראַגישע, אַז מען זאָל פון זיי

אָפּלערנען צו גײן בדרך־הישר, זײַן גוט און גאָטפּאָרכטיק און אויסמײַדן מיאוסע מעשׂים און שלעכטס. דאָס איז אין תּוך דער מהות פון יהדות, פון דעם גײַסטיקן װעלט־באַנעם פון ייִדישן פאָלק, װאָס האָט באַקומען אין משך פון לאַנגע דורות זײַן אויסנעמיקן אויסדרוק און פאָרעם אין דער תּנכישער ליטעראַטור.

האָט מען אַמאָל, פּונקט אַזוי װי הײַנט, געװוּסט אַז דאָס לעבן איז פול מיט שטרויכלונגען און ירידות, געשפּאַנטקייט און האַפּענונג, מיט שׂינאה און ליבשאַפט, טרויער און פרייד, רישעות און גוטסקייט, מיט װאָס דער מענטש ראַנגלט זיך כּסדר און לײַדט דערפון.

די אַלע פּערסאָנאַזשן און געשעענישן פון װײַטן עבר הילכן אָפּ האָס־טיק אין דעם סיפּור־המעשׂה מיט זײַן אינטימען קלימאַט און אייגנדיקער שטימונג װאָס הערשט אין אים. אָט דער רושם שאַפט זיך דער עיקר פון דעם לעבעדיקן, צאַפּלדיקן סטיל פונעם דערציילער, פון דעם אופן װי זײַנע העלדן ריידן און האַנדלען. מען פילט זײַן הייסן אָטעם, דעם כּוח פון װאָרט מיט זײַן פּאַרב און קלאַנג, מיט זײַן בילדערישקייט און עפּישער רחבות, װאָס שאַפט אַ דירעקטע, אינטימע פאַרבונדנקייט מיטן עולם צו־הערערס. די רעציטאַציע פונעם דערציילער איז על־פּי־רוב פאַרבונדן מיט געמאָסטענע תּנועות, מיט מימיק און אַ ריטמישער זשעסטיקולאַציע, װאָס פאַסצינירט און אַנטציקט, און רופט אַרויס בײַ דעם אַרומשטייענדיקן, גאַפנדיקן עולם סײַ אַ רעאַקציע פון כּעס און צאָרן און סײַ אַ געפיל פון אָפּהענטיקייט און טרויער אָדער פון האַפּענונג און פרייד לגבי די העלדן װעגן װעלכע עס רעדט זיך. געמיט־שטימונגען, פּסיכאָלאָגישע איבערלעבע־נישן, פּרטים פון מענטשלעכער נויט און לייד, פון האָפענונג און גוטס־קייט, פאַרבלײַבן אָן אַ זײַט. די אַנגעגליטע, צעצונדענע פאָלקס־פאַנטאַזיע, װאָלט איך געזאָגט, נעמט די אַלע נישט־דערזאָגטע באַזונדערקייטן און שטריכן אין קאָן אַרײַן און װעבט אויף איר שטייגער מיט תּמימות און חן די אַלטע מסורה אין אַלע אירע גילגולים און אויסטײַטשונגען.

דער מאָדערנער לייענער פון תּנ״ך מוז קענען דאָס אַלץ אָפּלערנען פון צװישן די שורות. אַנדערש איז נישט מעגלעך צו דערגרונטעװען זיך און פאַרשטיין דעם עצם פון דער תּנכישער דערציילונג מיט איר צימצום און לאַקאָנישן סטיל. דאָס געמיט פונעם פאַרצײַטיקן מענטש, זײַנע געפילן און איבערלעבענישן זײַנען אפשר פּונקט אַזוי קאָמפּליצירט װי די פון דעם הײַנטיקן מענטש, אָבער זיי װערן געשילדערט מיט מער אײַנגעהאַלטנקייט, שאַרף און פּלאַסטיש. דערפאַר בײַטיקט זיך דער מאָדערנער לייענער אין אַ

פירוש און אַן אינטערפּרעטאַציע פון די געשעענישן און פּערסאָנאַזשן פון דעם ווײַטן עבר, מיט זייער קנויל פּראָבלעמען, אומרו און אויפברויז, לייד און תּענוג. מיר קענען זיי נאָר פאַרשטיין מיטן הײַנטצײַטיקן בליק און אַנאַליז, און אַ היסטאָרישע אָפּשאַצונג. לאָמיר דעריבער דאָס פּרווון טאָן דערווײַל אויפן פּאָן פון צוויי פּרעכטיקע נאַראַציעס פון תּנ״ך, די מעשׂה פון תּמר און רות.

א. תּמר

סײַ די דערציילונג פון תּמרן און סײַ די פון רותן, זײַנען בעצם אויפגעבויט אויף דעם זעלביקן מאָטיוו. עס איז דער מאָטיוו פון דער געטרײַשאַפט פון דער קינדערלאָזער אלמנה צו איר טויטן מאַן. אָט די געטרײַשאַפט ווערט תּמיד באַלוינט, און ווי אינעם פאָלקסטימלעכן מעשׂהלע, איז פאַר איידלקייט און גוטע מידות פאַראַן אַ שׂכר. דורך אַ ריי קאָמפּליצירטע און געשפּאַנטע מאָמענטן גליקט עס אָפּ סײַ תּמרן און סײַ רותן צו האָבן קינדער און אַזוי אַרום אויפהיטן דעם נאָמען און דאָס גדעכעניש פונעם פאַרשטאָרבענעם מאַן, אַז ער זאָל נישט ווערן אָפּגעמעקט פונעם כּלל פאָלק.

אויב „רות״ איז, ווי געטהע האָט אַמאָל געזאָגט, איינע פון די שענסטע, קורצע נאָוועלן אין דער וועלט־ליטעראַטור, קען מען באַצייכענען די מעשׂה־תּמר (בראשית, קאַפּ. ל״ח, נישט פאַרבײַטן מיט דער טראַגישער געשיכטע פון אמנון און תּמר,ביידע קינדער פון דוד המלך, שמואל ב, י״ג), ווי אַ קורצע, פּערלדיקע דערציילונג פון קדמונישן ייִדישן עבר. כאַראַקטעריסטיש פאַר ביידע פרויען־העלדן איז דווקא, וואָס זיי שטאַמען אָפּ פון דער פרעמד, תּמר פון כּנען און רות פון מואָב. פון תּמרן ווייסן מיר אַפילו נישט צי זי איז געווען אַ גיורת, אַן ענין וואָס האָט אפשר דעמאָלט גאָר ווייניק אינטערעסירט דעם ברייטן עולם. דער עיקר וואָס דער דערציילער וויל אונדז לאָזן הערן איז טאַקע די איבערגעגעבנקייט און געטרײַשאַפט פון תּמרן צו איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, וואָס האָט זי איבערגעלאָזט אָן קינדער.

די עקספּאָזיציע פון דער מעשׂה־תּמר איז זייער אַ פּשוטע. אין דעם אַרײַנפיר הערן מיר אַז יהודה, יעקב אָבינוס אַ זון, האָט פאַרלאָזט זײַנע ברידער, אַוועק צו זײַנעם אַ פרײַנד חירה פון עדולם און דאָרט גענומען פאַר אַ ווײַב די טאָכטער פון שוע (וואָס איר נאָמען ווערט נישט דערמאָנט), וואָס האָט אים געבוירן דרײַ זין. אַז דער עלטסטער זון איז אונ־

טערגעוואָקסן, האָט אים יהודה געגעבן תּמרן פאַר אַ װײַב. ער איז אָבער באַלד אָפּגעשטאָרבן, און ווי דער פּסוק איז מוסיף „גאָט האָט אים געטייט", אָבער מיר ווייסן נישט פאַר וואָס פאַר אַ זינד. ער גיט נאָר לאָקאָניש צו, אַז דער בכור ער איז „געווען שלעכט אין די אויגן פון גאָט" און דערפאַר האָט ער אים געטייט. לויט דעם קדמונדיקן מינהג, מוז דער ברודער פון דעם פאַרשטאָרבענעם נעמען זײַן אלמנה פאַר אַ װײַב, אַז ער זאָל אויפֿשטעלן זאָמען נאָך זײַן ברודער, דעם טויטן. דער נאָמען טאָר נישט ווערן פאַרשניטן פונעם כּלל ישׂראל. דער צווייטער ברודער אונן פירט זיך, על כּן, אויף לויטן אַלטן מינהג און נעמט תּמרן פאַר אַ װײַב. פאַרבאָרגענערהייט האָט אָבער אונן, ווי מיר הערן, סאַבאָטירט דעם מינהג פון קדמונים צו געווינען קינדער פאַר דעם פאַרשטאָרבענעם ברודער. דער פּסוק באַטירט בלויז, אַז ער האָט געוווסט „אַז דער זאָמען וועט נישט געהערן צו אים, און אַז ער איז געקומען צו זײַן ברודערס װײַב, האָט ער דאָס אויסגעבראָכט צו דער ערד, כּדי נישט צו געבן אַ זאָמען צו זײַן ברודער". די סיבה פון אָט דעם בפירושן אָנאָניר-אַקט איז אונדז נישט קלאָר. וויל אונן נישט זײַן אַ צוטשעפּעניש צו זײַן ברודערס נאָמען און וויל האָבן אייגענע קינדער? רעוואָלטירט ער אויף זײַן שטייגער קעגן דעם מינהג צו לעבן אינעם שאָטן פון זײַן טויטן ברודער? פאַראַן צווישן די שורות אַ שלל פון דראַמאַטישן שטאָף, וואָס דער צניעותדיקער דערציילער באַהאַלט אויס פאַרן אויג פון פּשוטן מענטש, אַז דאָס זאָל נישט זײַן קיין שטרויכלונג פאַר אים. ווי עס איז תּמיד געווען דער דרך פונעם תּנכישן דערציילער, רעדט ער בלויז מיט אַ רמז און שווײַגט וועגן די בײַ-פּרטים, וואָס זײַנען אפשר נישט אין הסכּם מיטן רעליגיעז-מאָראַלישן וועלט-באַנעם פון פאָלק. אין זײַן פּשטות פאַרנאָטירט ער בלויז, אַז די התנהגות פון אונן איז נישט געווען געפעליק אין די אויגן פון גאָט און ער האָט אים געטייט. בלײַבט תּמר ווידער אַ מאָל אַ וויסטע אַלמנה פון איר צווייטן מאַן.

וועגן די צוויי ברידער ער און אונן האָבן מיר נישט קיין שום ווײַטערדיקע, פאַקטישע ידיעות. פאַר דעם עצם סיפּור-המעשׂה איז דאָס אָן אַ באַטײַט. דעריבער רעדט ער וועגן דעם אַלעם מיט אײַנגעהאַלטנקייט און בקיצור. וואָס ער איז אויסן, איז דער מוסר-השׂכּל, אַז דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען דערפון וואָס ער מעג און וואָס ער טאָר נישט טאָן. עס קען אָבער גרײַלעך געמאָלט זײַן, אַז אין דעם סיפּור-המעשׂה האָט זיך אויפֿגעהיטן אַ פראַגמענט פון אַן אַלטער מסורה וועגן צוויי שבטים, וואָס זייערע רעפּרעזענטאַנטן זײַנען געווען ער און אונן, און זײַנען מיט דער צײַט גע־

וואָרן פאַרשניטן. בלויז די לעגענדע וועגן זייער אויסטערלישן טויט האָט זיך אויפגעהיטן אין איר פאַנטאַסטישער פאָרעם.

נאָכן טויט פון זײַן צווייטן זון, האָט שוין אָפּנים יהודה מורא געהאַט פאַרן לעבן פון זײַן דריטן און ייִנגסטן זון שֵׁלָה, טאָמער וועט אים באַשערט זײַן דער זעלביקער גורל ווי פון זײַנע עלטערע, צוויי ברידער. האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ פאַרשפּרייטן מאָטיוו פון אַ פאָלק־גלייבעניש וועגן אַן אויסטערלישן שד וואָס דערהרגעט די חתנים פון דער פרוי? ווי דאָס זאָל נישט זײַן, דער פאַרדאַגהטער יהודה באַשליסט, אַז עס איז בעסער צו וואַרטן מיט דער חתונה פון זײַן זון שֵׁלָה. און ער זאָגט צו זײַן שנור תּמר: „גיי אַהיים צו דײַן פאָטערס הויז און זיץ דאָרט ווי אַן אלמנה ביז שֵׁלָה וועט אונטערוואַקסן", און אַזוי האָט תּמר געטאָן. דער אָרט פון אַן אלמנה איז דעם פאָטערס הויז, אַזוי האָט מען זיך פאַרצײַטנס געפירט. קענען מיר זיך לײַכט אויסמאָלן די געמיט־שטימונג פון דער וויסטער אלמנה און איר האַרץ־קלעמעניש, בשעת זי מוז צוריקקערן צו איר פאָטערס שטוב, זיצן און וואַרטן, און אפשר גאָר בלײַבן אַ פאַרזעסענע. וואָס וועט פון איר ווערן, און וואָס וועלן מענטשן וועגן איר זאָגן? צו זײַן עקרהדיק, אָן אַ קינד, איז פאַר אַ פרוי אין דער אַלטער צײַט געווען אַ שווערע שטראָף. דאָס האָט זי געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט אין די אויגן פון לײַט. האָט אָבער אַ פרוי קינדער, איז דאָס סײַ פאַר איר און סײַ פאַר דער וועלט אַ גרויסער כּבוד. עס הייבט איר אָנזען אין דער משפּחה און אין שבט. עס איז אַ גליקלעכע מערכה פאַר אַלעמען און מאַכט זי מיט לײַטן גלײַך. בלײַבט זי אָבער אָן אַ קינד, וואָס פאַר אַ ווערט האָט זי שוין און וואָס פאַר אַ פּנים קען זי האָבן?

די אַלע טראַכטענישן און שטימונגען דערמאָנט דער דערציילער נישט, אָבער מסתּמא האָט אויף אַזאַ אופן רעאַגירט דער עולם־צוהערערס. דאָס פאָלק שטעלט זיך אײַן פאַר זײַנע העלדן, ווײַזט אַרויס אײַנזעעניש פאַר זייער נויט, און פרייד ווען זיי באַגליקן. וואָס וועט איצט די אָרעמע, פאַרלוירענע תּמר טאָן? האָט זיך מן הסתּם געפרעגט דער אויפגערעגטער עולם מיט אַ שטילער שושקעניש. וואָס וועט מיט איר געשען? וועט זי חלילה אויסגיין און אײַנדאַרן ווי אַן אומפּרוכטיקער בוים, אָדער אפשר ווידער אַ מאָל אויפבליִען און טראָגן אַ צײַטיקע פרוכט אין איר טראַכט? ניין, תּמר איז אַ קלוגע פרוי, אַ מוטיקע פרוי, זי וועט זיך שוין געבן אַן עצה. פאַרצײַטיקע מענטשן האָבן שטאַרק געשאַצט און באַוווּנדערט די קלוגשאַפט פון אַ פרוי און איר בריהשאַפט. אַ פרוי ווי תּמר רעזיגנירט

נישט אַזוי לײַכט, זי ווייסט ווי זיך צו העלפֿן. באַלד מאַכט זיך טאָקע אַ געלעגנהייט ווו זי באַווײַזט איר אײַנפֿאַלערישקייט און אויפֿטוערישקייט.

עס איז אַוועק אַ שטיק צײַט און דאָס ווײַב פֿון יהודה, די טאָכטער פֿון שוע איז געשטאָרבן. אַז יהודה האָט זיך געהאַט געטרייסט נאָך זײַן אבדה, איז ער, דער פּי־ציכטער אַרויפֿגעגאַנגען צו די שערערס פֿון זײַנע שאָף צוזאַמען מיט זײַן פֿרײַנד חירה פֿון עדולם. אין דער אַלטער צײַט איז שאָף־שערן ווי אַנדערע אַגראַר־יום־טובים געוואָרן געפּראַוועט מיט גרויס פּאַראַד און פֿרייד. אויף יהודהס יום־טוב פֿון זײַן שאָף־שערונג האָבן זיך מן הסתם צונויפֿגעקליבן נאָענטע פֿרײַנד און קרובים, ווו מען האָט פֿאַרבראַכט אַ שטיקל צײַט מיט עסן, טרינקען און פֿריילעכקייט. אָן תּמרן און זײַן צוזאָג צו איר צו געבן פֿאַר אַ מאַן זײַן זון שֵׁלָה, האָט ער זיכער שוין געהאַט פֿאַרגעסן. מיר האָבן זיך אים פֿאָרצושטעלן, הגם דער פּסוק זאָגט אונדז גאָרנישט וועגן דעם, ווי אַן אָנגעזעענעם, יוסטן באַלעבאָס, אַ לאַנדבאַזיצער וואָס פֿאַרמאָגט אויך גרויסע סטאַדעס פֿון שאָף. ווי די ניכבדים פֿון אַנדערע פֿעלקער אין יענער צײַט, טראָגט אויך יהודה, אַזוי הערן מיר, אַ זיגלרינג (חותם), אַ קייט (פּתילים) און אַ טײַערן שטעקן (מטה), ווי אַ סימן פֿון זײַן הויכער פּאָזיציע און סטאַזש. ווי מיר ווייסן, האָבן אויך די שׂררות אין אַלטן בבל געטראָגן אַ זיגלרינג און אַ קונציק געשניצטן שטעקן, אויף וואָס עס איז געווען אויסגעטאָקט אַן עפּל, אַ רויז, אַ ליליע אָדער גאָר אַן אָדלער — אַ וואָרצייכן פֿון דעם הויכן שטאַנד. אויך אין מִצרים האָט די פּני געטראָגן אַזוינע זיגלרינגען און לוקסוס־שטעקענעס. דעם זיגלרינג האָט מען, פֿאַרשטייט זיך, באַנוצט צום חתמענען פֿון אָפּמאַכן.

גייט איצט יהודה מיט זײַן פֿרײַנד חירה אַרויף קיין תּמנה צו דער שאָף־שערונג, ווו דער באַלעבאָס, זײַנע פֿרײַנד מיט די פּאַסטעכער און קנעכט וועלן צוזאַמען אָפּריכטן דעם יערלעכן יום־טוב אויפֿן לאַנד מיט אַ סך אויפֿגערוימטקייט און פֿריילעכקייט. די פֿאַרביטערטע תּמר הערט דערפֿון און פֿאַלט אויף אַ געדאַנק. זיצט זי דאָך שוין גאָר אַ לאַנגע צײַט, אַ וויסטע און אַ פֿאַרזעצטע אין אירע אלמנה־קליידער אין פֿאָטערס הויז, און איר שווער יהודה האָט נאָך אַלץ נישט מקיים געווען זײַן צוזאָג. שֵׁלָה איז אין צווישן אונטערגעוואַקסן און מען האָט אים נאָך נישט געגעבן איר פֿאַר אַ מאַן. וואָס פֿאַר אַ פּנים האָט זי און וואָס זאָגן מענטשן דערצו? האַנדלט אַזוי אַ בכּבודיקער מענטש, אַ בעל בעמיו, ווי יהודה? זי קען שוין נישט לענגער איבערטראָגן דעם צער און די שאַנד. אָבער די

קלוגע, מיושבדיקע פרוי ווייסט וואָס זי האָט צו טאָן. זי וועט צווינגען איר שווער מקיים־פסק צו זײַן. גאָט איז איר עדות, אַז זי איז דערמיט נישט אויסן חלילה קיין בייז. עס איז דער כּבוד פון דער ייִדישער פרוי פאַר וואָס זי שטעלט זיך אײַן. ריזיקירט זי דעריבער אַן אויסטערליש־אײַנפאַלערישן שריט מיט וואָס זי וויל בעל־כּרחה באַגליקן.

דערציילט אונדז דער פּסוק מיט זײַן לעבהאַפטיקן, לאַפּידאַרן סטיל, ווי אַזוי דאָס איז צוגעגאַנגען. תּקיפותדיק־אַנטשלאָסן טוט תּמר אויס אירע אלמנה־קליידער, פּוצט זיך מסתּם אויס ווי ס'באַדאַרף צו זײַן, פאַרדעקט אָבער דאָס פּנים מיט אַ שלייער, און אײַנגעוויקלט אין אירע פרישע מלבושים זעצט זי זיך אַוועק אויף אַן אָפענעם וועג, בײַם אַרײַנגאַנג צו עֵינַיִם וואָס פירט קיין תּמנה, און דאָרט וויל זי אָפּוואַרטן יהודהן. אין אַזאַ מין הילוך און אַזוי האָבן אָפּנים פאַרצײַטנס אויסגעזען די הייליקע זונות (קדשות *), און ווי אַזוינע האָט זיך אויך תּמר פאַרשטעלט, אַז מען זאָל זי נישט דערקענען. נאָר אַזוי, וויל אונדז משמעות לאָזן הערן דער דערציי־לער, האָט געקענט האַנדלען אַ טיף־באַליידיקטע און פאַרשעמטע פרוי, וואָס שטעלט אַלץ אײַן, כּדי אָפּצוטאָן פון זיך די חרפּה און בושה פון אַן אלמנה, אַ פאַרבליבענע אָן קינדער. אין דעם סיפּור־המעשׂה איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר קיין סענטימענטן און פּסיכאָלאָגישע רעפלעקסיעס. מיט קנאַפּע, געמאָסטענע ווערטער דערציילט זיך בלויז אָן אַן איבעריקן פּאַטאָס, ווי אַזוי אַ קלוגע, טיכטיקע פרוי איז גובר איר שטאָלץ און צווינגט ממש דעם שווער איר צו געבן אַ קינד, וואָס זאָל אויפהיטן דעם נאָמען און דאָס געדעכעניש פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן.

אַז יהודה דערזעט תּמרן בײַם אַרײַנגאַנג אין שטעטל פון עֵינַיִם, דער־קענט ער זי נישט. ער האָט געטראַכט, אַז דאָס איז אַ קדשה, אַ הייליקע

---

* בײַ אַ סך פאַרצײַטיקע פעלקער האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל די הייליקע פּראָסטיטוציע. דער עיקר איז דאָס געווען בײַ די כּנענים און אינעם שכנותדיקן אוגרית, וואָס האָבן פאַרהייליקט דעם גאָט פון פּרוכפּערדיקייט אין דער נאַטור. ער האָט סימבאַליזירט אין זיך די בײַטנדיקע תּקופות פון יאָר, דעם אויפגיי און פאַרגיי, לעבן און טויט, אויפבלי און אונטערגאַנג. ווי אַ מאַגישער סטימול האָט מען אין די טעמפּלען אויך געדינט דעם גאָט מיט תּאווהדיקער ליבע און אַקטן פון הייליקער זנות, צו וואָס פרויען, בפרט יונגפרויען האָבן זיך מקדיש געווען. ייִדן האָבן אָט די אויסטערלישע און זינדיקע מינהגים פון קדמונים באַקעמפט. די תּורה, אַ שטייגער אין דברים, כ״ג, י״ח וואָרנט בפירוש אַקעגן אָט די אומווערדיקייטן און טומאות פון די געצנדינערישע פעלקער.

טעמפּל־זונה. ווײל ער קומען צו איר. אָבער תּמר אײַלט זיך נישט, זי איז מיושבדיק און וויל קודם־כּל וויסן וואָס פֿאַר אַ מתּנה ער וועט איר געבן. עס איז אַ ביז גאָר, אין קורצע שטריכן און מיט אַ סך הומאָר געשילדערטע סיטואַציע, וואָס איז אַפֿילו אין די אויגן פֿון דערציילער נאַטירלעך און מענטשלעך. זײַן עולם האָט מסתּמא שטאַרק הנאה געהאַט פֿון דער בר־דעת תּמרן און אירע קלוגע רייד, און ווי אַזוי יהודה, דער שײנער ניכבד איז אַדורכגעפֿאַלן צום סוף. פֿרעגט זי טאַקע ממזריש יהודהן וואָס פֿאַר אַ באַלוינונג ער וויל איר געבן, אויב ער וועט קומען צו איר. ער זאָגט איר צו צו שיקן ווי אַ געשאַנק אַ ציגנבעקל פֿון זײַנע שאָף. אין אַ פּרימיטי־ווער אַגראַר־ווירטשאַפֿט איז דאָס זיכער געווען אַ פּאַסיקע מתּנה פֿאַר אַזאַ סאָרט פֿרוי. אָבער די פּיפּיקע תּמר, נאָך איר ביטערער אַנטוישונג מיטן שווער, וויל זיך נישט פֿאַרלאָזן אויף סתּם הבטחות. פֿאַרלאַנגט זי דערווײַל פֿון אים אַ משכּון און דערצו גאָר אַ וואָגיקן. זאָל ער איר דער־ווײַל געבן זײַן זיגלרינג, די קייט און שטעקן אין זײַן האַנט, וואָס ער טראָגט מיט אַזאַ שטאָלץ, ווי אַ סימן פֿון זײַן געהויבענעם שטאַנד. יהודה איז מסכּים, און דער פּסוק אין זײַן פּשטות זאָגט אונדז אָן, אַז ער איז געקומען צו איר און זי איז דערנאָך געוואָרן טראָגעדיק פֿון אים. בינו לבינו גייט תּמר אַ צופֿרידענע און מיט אַ לײַכט געמיט צוריק אַהיים אין איר פֿאָטערס הויז, אויסגעטאָן דעם שלייער און ווידער אָנגעטאָן אירע אַלמנה־קליידער. וויל אונדז דער תּנכישער דערציילער דערמיט דערמאָ־נען, אַז זי איז אַלץ נאָך די פֿרוי פֿון אַ פֿאַרשטאָרבענעם מאַן, הגם ער איז שוין לאַנג טויט, און דער מינהג פֿאַרלאַנגט אַז זי מוז ווײַטער טראָגן אויף זיך דעם סימן פֿון אַלמנהשאַפֿט.

באַלד אָבער ווײַזט זיך אַרויס ווער עס האָט באַגליקט און פֿון וועם מען קען גאָר מאַכן ס׳לײַטישע געלעכטער. מיר זעען ווי שטילערהייט און מיט אַ ווײַטיקער איראָניע חוזקט דער דערציילער אָפּ פֿון יהודהס מפּלה. ער שיקט דאָס צוגעזאָגטע ציגנבעקל מיט זײַן גוטן פֿרײַנד פֿון עדולם, וואָס זאָל אויך אָפּנעמען פֿון דער פֿרוי דעם משכּון. אָבער ער געפֿינט זי נישט. שטעלט זיך אַרויס, אַז די מענטשן פֿון עינַיִם האָבן קיין מאָל נישט געהערט אָדער געזען אַ קדשה, וואָס זאָל זיך אויפֿהאַלטן אין זייער מקום. זי איז דאָ נישט באַקאַנט און מען קען זי נישט. אַז יהודה הערט דאָס פֿון זײַן געטרײַען שליח, פּילט ער זיך אַ געפּלעפּטער, אַן אָפּגענאַרטער און אַ פֿאַרשעמטער. וואָס קען ער טאָן, ער איז מיאוס אַרײַנגעפֿאַלן. אַן אָפּהענ־טיקער זאָגט ער צו זײַן פֿרײַנד: מילא, זאָל זי האַלטן דעם משכּון פֿאַר

זיך, כדי איך זאָל נישט ווערן צו שאַנד אין די אויגן פון די לײַט. איך האָב געהאַלטן וואָרט און געשיקט דאָס ציגנבעקל און די פרוי איז נישטאָ.

באַלד קומט דער סיפור־המעשׂה צו זײַן קולמיניר־פּונקט. דרײַ חדשים שפּעטער, זאָגט מען אַן יהודהן, אַז זײַן שנור האָט מזנה געווען און איז פאַרגאַנגען אין טראָגן. אַזאַ מעשׂה־נורא רופט אַרויס אַ סך פּאַרדראָס און שיברי־לב. עס איז אַ חרפּה און אַ בושה פאַר אַלעמען. יהודה הייסט, אַז מען זאָל תּמרן אַרויספירן און פאַרברענען. אַזוי האָט פאַרלאַנגט די מאָראַ־ליטעט פון פאָלק. עס איז געווען אַן אומפּשרהדיקער דין. אויב תּמר די פרוי פון אַ מאַן האָט מזנה געווען, איז איר משפּט שׂרפה, כּדי אַנדערע זאָלן אָפּלערנען דערפון און וויסן ווי זיך נוהג צו זײַן. הכּלל, תּמר ווערט אַרויסגעפירט צו דער עקזעקוציע.

אַ צערודערטער שטייט דער צוהערער און הערט זיך צו צו די אויפ־טרייסלענדיקע געשעענישן. די געשפּאַנטקייט וואַקסט און מיט איר די פאַראינטריגירטקייט פון די צוהערערס. פאַרשטייט זיך, אַז דער דערציי־לער שטעלט זיך נישט אָפּ אויף דעם געמיט־צושטאַנד פון זײַן העלדין, איר פּײַן און חרפּה, בעת זי ווערט געפירט צום אויטאָ־דאַ־פע. מסתּמא האָט זיך דער צוהערער־עולם געפרעגט: וואָס איז באמת געווען דער סוף פון דער מעשׂה? האָט תּמר פאַרדינט אַ טויט־שטראָף? איז דאָס גערעכ־טיקייט און יושר?

ניין, דוכט זיך, וויל אים דער דערציילער טרייסטן, צו דעם וועט עס נישט קומען. תּמר איז אַ קלוגע, אַ בריה, זי האָט זיכער אַ פאַרענטפערונג וואָס לייגט זיך אויפן שׂכל. און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. אינעם מאָ־מענט פון העכסטער געשפּאַנטקייט, נעמט תּמר אַרויס יהודהס משכּון און לאָזט זאָגן איר שווער „צו דעם מאַן וואָס די דאָזיקע (זאַכן) געהערן, צו אים בין איך טראָגעדיק". איצט שטייט שוין נישט תּמר פאַרן משפּט, נאָר דווקא יהודה אַליין. אויף אים פאַלט די שולד. ער זעט דאָס אײַן און איז זיך עפנטלעך מודה, אַז זי איז גערעכט. ער, יהודה, האָט לגבי איר נישט ריכטיק געהאַנדלט. הלמאי, האָט ער איר נישט געגעבן שלהן פאַר אַ מאַן! מיט אַ מאָל בײַט זיך די סצענע, דער אָנגעקלאָגטער ווערט דער באַשולדי־קער. יהודה ווייסט, אַז ער האָט תּמרן געטאָן אַן עוולה און שיִער נישט פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט. אויף אַזאַ אופן ווערט די אָקערשט געהאַסטע און פאַראַכטיקטע פרוי רעהאַביליטירט. דער בזיון און די חרפּה ווערן פון איר אָפּגעטאָן און איר מוטיקער אײַנשטעל ווערט אַפּלאָדירט. פון איצט

אָן וועט מען אומעטום לויבן און רימען איר קלוגשאַפט און מוט, מיט וואָס שפּעטערדיקע דורות וועלן נאָך שטאָלצירן.

אַזוי איז עס טאַקע געווען. הערן מיר טאַקע אין ספר רות, ווי ווײַבער וואָס האָבן געקענט די אויסטערלישע געשיכטע פון תּמרן, ווינטשן זיך צו זײַן ווי תּמר אין ישׂראל, דער סימבאָל פון אַ געטרײַער, כּשרער ייִדישער פרוי.

האָבן מיר דאָ צו טאָן, ווי אין אַ סך אַנדערע ערטער אין תּנ״ך מיט אַן אייגנדיקן ליטעראַרישן זשאַנער, וואָס איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער תּנכישער דערצייל־קונסט. איר סטיל איז, ווי מיר האָבן געזען, אַ קנאַפּער און אַ געמאָסטענער, מער אָנצוהערעניש און רמז ווי באַריי־דעוודיקע און באַריכותדיקע שילדערונגען, וואָס איז אָבער אָנגעלאָדן מיט אַ סך דראַמאַטישקייט און געשפּאַנטקייט. אָפט זײַנען עס טראַגישע איבער־לעבענישן און קאָנפליקטן, פּײַן און לייד, אָבער באַגלײַך גליק און אויפֿ־ריכטעניש, פּיקחות און אײַנשטעלערישקייט, וואָס העלפן גובר צו זײַן די מניעות און מיכשולים אין לעבן. הגם די קאַנווע איז אַ געצוימטע און אַ שמאָלע, איז זי פאָרט רחבותדיק אין איכות מיט אַ דימענסיע אין טיפֿ־קייט. מיט אַ באַזונדערן צאַרט געפיל און אַן אײַנגעהאַלטענעם, צימצום־דיקן סטיל, מיט קנאַפּע געמאָסטענע און קרעפּטיקע שטריכן, מאָלט אונדז דער דערציילער פאַרצײַטיקע געשעענישן און פערסאָנאַזשן, אַ יום־טוב און אַן אינדערוואָכן, שטייגער און מינהגים, טרויער און פרייד, וואָס כּישופן דעם לייענער מיט זייער נאַטירלעכער פּשטות און תּמימות, — אַ סוזשעט פאַר אַ גרויסן קינסטלערישן בעל־יכולת.

קוים אָבער האָט דער בעל־המעשׂה דערגרייכט דעם קולמיניר־פּונקט פון זײַן פאַבולע, איז ער זי ווידער אַ מאָל מַשלים מיט קורצע, תּוכיקע שורות. אַזוי טאַקע דערציילט ער צום סוף, ממש כּלאחר־יד, אַז תּמר האָט געבוירן צו יהודהן צוויי זין, פּרץ און זרח, און פאַרענדיקט דערמיט זײַן פערלדיקע דערציילונג. דער קריזיס איז אַריבער און אַלץ האָט זיך אויס־געלאָזט צום גוטן. פון שֵׁלָהן, וואָס האָט געזאָלט זײַן דער מאַן פון תּמרן, הערן מיר אויך שוין גאַרנישט מער. דאָס איז אַלץ אַ טפל וואָס אינטע־רעסירט נישט מער. דער עיקר איז, אַז עס איז געווען באַשערט דער פאַר־לאָזטער, אומגליקלעכער אלמנה צו האָבן קינדער, וואָס זײַנען איר קרוין, און דער נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם מאַן וועט נישט פאַרבלײַבן אויסגע־לאָשן פון צווישן פאָלק. תּמר, די קלוגע, אַמביציעזע פרוי, האָט אויסגע־פירט וואָס זי האָט געוואָלט. זי האָט געקעמפט עקשנותדיק און אויסגעהאַלטן

פאַר איר רעכט צו זײַן אַ מוטער, און גאָט האָט געבענטשט צום סוף איר טראַכט. איר געטרײַשאַפט צו איר טויטן מאַן איז געוואָרן רײַך באַלוינט. קינדער זײַנען אַ ברכה און אַ שטאָלץ פאַר דער פרוי. תּמרס זין וועלן פונקט אַזוי ווי דער זון פון רותן אויפהיטן דאָס געדעכעניש פון זייערע פאַרשטאָרבענע מענער אינעם כּלל ישׂראל.

ב. רות

לויט דער מסורה שפּילט זיך אָפּ די מעשׂה פון תּמר און יהודה אין די קדמון־טעג פון די בני־יעקב, און איז מן הסתּם אַ לאַנגע צײַט געוואָרן איבערגעגעבן בעל־פּה, דערציילט און איבערדערציילט פון דורות מיט שינויים און הוספות, ביז זי האָט באַקומען איר איצטיקע, לעצטגילטיקע, קינסטלערישע פאָרעם. אַנדערש איז, זעט זיך אויס, די גענעזע פון דער רות־פּאַבולע. ווען זי איז בערך געוואָרן געשאַפן, ווייסן מיר אַקוראַט נישט מער. פאַראַן פאַרשיידענע סברות, און פאָרשערס זײַנען אין דעם פּרט מחולק. די שפּעטע תּלמוד־מסורה זאָגט אונדז, אַז דער מחבר פון רות איז געווען שמואל הנביא. ווי דאָס זאָל אָבער נישט זײַן, דער תּנכישער דער־ציילער שטעלט אַרײַן זײַן עפּיש־שטראָמיקן סיפּור־המעשׂה אין דער תּקופֿה פון די שופֿטים. אַזוי הייבט ער אויך אָן (א, ו.) „און עס איז געווען אין די טעג ווען די שופֿטים האָבן געהערשט. און עס איז געווען אַ הונגער אין לאַנד". ווערט טאַקע דערציילט ווי אלימלך מיט זײַן הויזגעזינד, אַן אָנגעזעענע משפּחה פון בית־לחם אין לאַנד פון יהודה, איז פון דאָרט אויסגעוואַנדערט צוליבן הונגער קיין מואב און דאָרט פאַרבליבן אַ שטיק צײַט. אָבער דער עיקר קאָנצענטרירט זיך דער סיפּור־המעשׂה אין זײַנע עטלעכע קאַפּיטלעך פײַן־געשליפענע פּראָזע, אַרום רותן, איר גורל, נסיונות און איבערלעבענישן.

להיפּוך צו דער מעשׂה־תּמר, האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ ווערק פון אַ פאַרנעמיקן, פײַנעם עפּישן דיכטער, וואָס שילדערט מיט רחבותדיקער פרישקייט און אַ שטייגערישן רעאַליזם די ווײַטע, יידישע אַמאָליקייט, פול־בלוטיקע מענטשן, ממש מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן, און טאָג־טעגלעכע געשעענישן, באַנוצנדיק זיך מיט געוויסע אידיאָמאַטישע אויסדרוקן, וואָס זײַנען בעצם כאַראַקטעריסטיש ביז גאָר פאַר דער בעסטער פּראָזע אין דער תּנכישער דערציילערישקייט, מיט איר קלאַסישער ריינקייט פון סטיל. הגם דער דיכטער וועבט זײַן טעמאַטיק אַרום אַ היסטאָרישער פּאַסירונג, איז אָבער זײַן שאַפונג אַ בעלעטריסטישע פיקציע. עס איז גיכער, וואָלט איך

געזאָגט, אַ פּיקטיווע נאָוועלע מיט אַ צוגעטראַכטן היסטאָרישן הינטער־גרונט, וואָס אידעאַליזירט ליבלעך די אַמאָליקע צײַט און אירע מענטשן. מיט איר רײנעם, קלאַסיש־תּנכישן סטיל איז זי אַ צײַטיק, ליטעראַריש ווערק, וואָס זאָגט בפירוש עדות אויף אַ דורות־לאַנגער ליטעראַריש־קינסטלערישער אַנטוויקלונג. כּישופט דאָס ספר רות מיט זײַן חן און אידילישער שײנקייט, מיט זײַן עפּישער שלווהדיקייט און פּשטות, מיט זײַן אַרומנעמענדיקער גאַנצקייט, וואָס האָט שוין אויף אַזאַ גאונישן ליטעראַטור־קענער ווי געטהע געמאַכט אַ גרויסן רושם און אַרויסגערופן בײַ אים אַ סך התפּעלות.

דער הויפּטמאָטיוו פון אונדזער נאָוועלע איז דער זעלביקער ווי אינעם סיפּור־המעשׂה פון תּמרן. עס איז די צוגעבונדנקייט און געטרײַשאַפט פון דער פרוי צו דעם געדעכעניש פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, וואָס איז אַוועק פון דער וועלט אָן קינדער. רות, די פרעמדע, וואָס קומט פון מואב, האַלט אויס אַ סך שווערע נסיונות, מאַטערנישן און אומגליקן און גיט זיך נישט אונטער. זי איז אַן אײדעלע, איבערגעגעבענע און דערצו מוטיקע פרוי, וואָס ראַנגלט זיך מיט איר גורל און בלײַבט שטאַנדהאַפטיק. זי האָט בטחון אינעם גאָט פון ישׂראל, צו וועם זי באַקענט זיך, און ווערט דערפאַר באַלוינט מיט גליק און אויפריכטעניש. דער סובטעל־פרומער מוסר־השׂכּל דערפון איז, אַז גאָט פאַרלאָזט נישט די וואָס זײַנען אין אַ נויט און זוכן באַשיצונג אין אים. ער שיקט איר צום סוף צו איר באַשערטן זיווג. דער זכות פון איר אמונה און ערלעכקייט שטייט איר בײַ, אַז פון איר איז אַרויסגעקומען אײנער פון די גרעסטע זין פון יידישן פאָלק, דוד המלך.

שוין פון סאַמע אָנהייב וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַ סך דראַמאַטישן שטאָף, ווײל דער פײַנפיליקער מחבר, אַז מיר זאָלן דערפילן אַפילו אויבנאויפיק דעם קנויל פון פּראָבלעמען, סתירות און האָפענונגען, פון אָט דער עלנטער, פאַרוואָגלטער אלמנה, וואָס איז געקומען זיך צו באַשיצן אונטער די פליגל פון גאָט פון ישׂראל. עס זײַנען געווען שווערע איבערלעבענישן פון אַ באַטריבט געמיט, אַ געפיל פון פרעמדקייט און אומזיכערקייט. זי האָט פאַרלוירן איר מאַן, די קרוין פון איר קאָפּ, געבליבן אָן קינדער וואָס זײַנען אַ שטיץ אין לעבן. צו דעם אַלעם איז זי אַן איזאָלירטע, אַ נישט צוגעהעריקע אין אַ פרעמדער סביבה פון אַ נײַ לאַנד, מיט אַן אַנדער גלויבן און לעבנס־שטייגער. פאַר דעם פאַרצײַטיקן מענטש איז דאָס געווען גאָר אַ וויכטיקער פּסיכאָלאָגישער פאַקטאָר. אַ מענטש וואָס פאַרלאָזט די היים און די אײגענע סביבה, פאַרלירט ער אויך דערמיט

זײַן אייגענעם גאָט וואָס באַשיצט אים. דער גאָט איז תּמיד אַ פּאַרטיקו־לאַרער, אַן אייגענער, אַ היימישער, פאַרבונדן מיט דער ערד, ווו דער מענטש האָט זײַנע טיפע, רעליגיעזע און סאָציאַלע וואָרצלען. אין אַ געוויסן זינען איז דער פּרט אויך חל אויף דעם מאָדערנעם מענטש, וואָס וואַנ־דערט אויס פון זײַן אײַנגעזעסענער היים אין אַ פרעמד לאַנד. ווערט ער ממילא אָפּגעריסן פון זײַן גײַסטיק־סאָציאַלן מקור, און ווי אַ פרעמדער אַרײַנגעוואָרפן אין דער צאַפּלדיקער קולטור פון זײַן נײַ לאַנד, צו וואָס עס איז אים תּחילתדיק שווער זיך צוצופּאַסן. הײַנט ערשט אין דער ווײַטער אַמאָליקייט מיט אירע ספּעציפישע באַזונדערקייטן, מיט איר קאָנקרעטן, ערדישן גאָט, מיט אירע גלייבענישן, מינהגים און שטייגערישקייטן! אוודאי האָט רות זיך אָנגעשלאָסן מיט גרויס געטרײַשאַפט און ליבשאַפט צו איר שוויגער נעמין. אָבער נעמי אַליין איז געווען אַ פאַראָרעמטע, פאַרצרהטע און וויסטע אלמנה, עלנט ווי אַ שטיין. אויף וועם קען זיך, על כּן, די געפּלאָגטע רות פאַרלאָזן? ווער וועט איר קענען העלפן אין אָט דער שווערער מערכה, דוכט זיך, פרעגט דער דערציילער גופא מיט אַן אָנצו־הערעניש. ווי אַזוי וועט זי זײַן ביכולת צו שאַפן זיך אַן אחיזה אין דער נײַער סביבה און אויפשטעלן אַ געדענקעניש פאַר איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, אַז זײַן נאָמען זאָל האָבן אַ האַפט?

זיכער האָבן אַזוינע און ענלעכע מחשבות טיף געגנאָגט אין איר צע־רודערט האַרץ. ווײַל אונדז אָבער דער דערציילער לאָזן הערן, אַז רות פּונקט אַזוי ווי די אַמאָליקע תּמר, איז געווען אַ שטאַנדהאַפטיקע, קלוגע און רע־זאָלוטע פרוי, וואָס וועט זיך שוין ווי עס איז געבן אַן עצה. זי איז בײַ זיך פאַרט נישט געפאַלן. זי איז דאָך פאַרבליבן געטרײַ דעם געדעכעניש פון איר מאַן וואָס האָט געשטאַמט פון לאַנד יהודה און אַזוי אַרום אויך טיף פאַרבונדן מיט זײַן פאָלק. גאָרנישט קען זיי צעשיידן. זי פאַרלאָזט, על כּן, איר היים און אַלץ וואָס איז איר נאָענט און טײַער. רות, זאָגט אונדז דער פּסוק מיט אַ סך רימונג האָט זיך באַהאַפטן אין נעמין און באַ־שלאָסן מיט איר מיטצוציִען. מיט גרויס עמאָציע, וואָס מיר פילן בחוש נאָך בײַ הײַנטיקן טאָג, בשעת מיר לייענען די קנאַפּ־געמאָסטענע ווערטער, זאָגט זי צו איר שוויגער נעמי (א, 16) „וווהין דו וועסט גיין, וועל איך גיין, און ווו דו וועסט נעכטיקן וועל איך נעכטיקן, דײַן פאָלק איז מײַן פאָלק, דײַן גאָט איז מײַן גאָט״. דאָס זײַנען שטאַרקע, גלײַקע ווערטער. וואָס שׂרפען נאָך עד היום אונדזער געמיט. ערפּה, די אַנדערע שנור פון נעמי איז געווען פּראַקטיש און מיושבדיק. זי האָט געוווּסט וואָס פאַר אַ

שווערע נסיונות און מיכשולים עס דערוואַרטן זי אויף דעם נײַעם וועג, איז זי באַצײַטנס צוריקגעגאַנגען אַהיים. נישט אַזוי רות. זי איז געווען געשניצט פון אַן אַנדערן חומר. קאָנסעקווענט, אומפשרהדיק, אין איר ער־לעכער געטרײַשאַפט צו נעמין, וואַרפט זי אַוועק איר פאַרגאַנגענהייט און דערמיט די ירושהדיקייט פון אירע אָבות, נעמט אויף זיך ביודעים דעם עול פון יסורים, אַבי צו פאַרבלײַבן בײַ נעמין און זיך צו באַהעפטן מיטן פאָלק ישׂראל. אָט דעם אומדערשראָקענעם, גבורהדיקן שריט פון דער פרעמדער רות, די אָפּשטאַמיקע פון מואב, האָט זיך טיף אײַנגעקריצט אינעם זכּרון פון יידישן פאָלק. מען האָט איר נאָמען געריימט און זיך מיט איר געגרייסט. שפּעטערדיקע דורות האָבן געוועבט אַרום איר אַ וווּנדער־לעכן קראַנץ פון אגדות און לעגענדעס, וואָס האָבן דערציילט מיט אַ סך גדלות און שטאָלץ פון אירע גרויסע מעשׂים און דערהויבענע מידות. איר זכות איז געווען, וואָס נישט בלויז דוד המלך, דער מעכטיקער הערשער איבער ישׂראל איז אַרויסגעקומען פון איר, נאָר אַז דער מלך־המשיח וואָס וועט בײַם סוף פון די דורות ברענגען די גאולה, וועט זײַן אַ בן־דוד. דוכט זיך נאָר אַ גיורת און וואָס פאַר אַ יִחוס פאַרן יידישן פאָלק! ווער ווייסט, צי מען וואָלט זי הײַנט באַטראַכט פאַר אַ כּשרע, יידישע טאָכטער.

אַזוי פאַרלאָזט רות איר היים אין מואב און ציט צוזאַמען מיט איר שוויגער נעמי קיין בית־לחם אין יהודה. קומען זיי אָן אַהינצו, קאָכט די שטאָט מיט גערודער און געטומל. אַ קליניקייט, נעמי איז צוריקגעקומען. די אויפרודערונג איז גרויס, אָבער, פרעגן זיך די לײַט „הזאת נעמי?״ איז דאָס די זעלביקע נעמי, די פרוי פון דעם אָנגעזעענעם, אײַנגעזעסענעם באַלעבאָס אין לאַנד, וואָס יעדער איינער האָט זי געקענט, אַ ליבלעכע, אַ צירלעכע און אַ גליקלעכע ווי זי איז אַמאָל געווען? ניין, טענהן די לײַט מיט חידוש און פאַרדראָס. זי איז נישט מער די זעלביקע וואָס אַמאָל. זי האָט אַלצדינג פאַרלוירן, איר מאַן און אירע זין, און אַ וויסטע, פאַר־צרהטע אלמנה איז זי איצט צוריקגעקומען. זאָגט זי צו די לײַט פון שטאָט, רופט מיך נישט מער נעמי, די זיסע, נאָר בעסער מרה, די ביטערע, וואָרום גאָט האָט מיך זייער פאַרביטערט. אַ פולע, מיט עשירות און אַ הויזגעזינד בין איך פון דאַנען אַרויסגעגאַנגען, און אַ ליידיקע, אַ פאַראָרעמטע פון אַלץ האָט מיך גאָט אומגעקערט. גאָט האָט איר געטאָן שלעכטס, און איר גורל איז איצט אַ ביטערער און אַ האַרטער. דער פּסוק איז נאָך מוסיף, אַז בשעת נעמי מיט איר שנור רות זײַנען אָנגעקומען קיין בית־לחם איז געווען די צײַט פון אָנהייב פון גערשטנשניט.

מאריך זײַן וויל דער דערציילער דאָ נישט מער. אים גייט עס וועגן דעם עיקר, דער גורל און די אויפריכטעניש פון רותן, און ווי דאָס אַלץ איז צוגעגאַנגען. נעמט ער זיך איצט צו דערציילן מיט אַ סך קאָליר, שטייגערישקייט און קלאַסישער פשטות דעם עצם פאַרלויף פון די געשעענישן. מיט קורצע זאַפטיקע שטריכן פירט ער אַרײַן דעם צד־שכּנגד, בועזן, דעם באַשערטן זיווג פון זײַן העלדין רות. האָבן מיר זיך אים פאַרזושטעלן ווי אַ פאַרמעגלעכן מענטש, אַן ערד־באַזיצער, אַ שיינער, יוסטער באַלעבאָס אין שטאָט, וואָס איז אויך אַ קרוב פון דער משפּחה אלימלך, און בכן פון זײַן פרוי נעמי און איר שנור רות. האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ לעבעדיקן, פּרעכטיקן, פולבלוטיקן טיפּ פון דער אַלטער צײַט. ערלעך, יושרדיק, אָן אַ פּגם, פּשוט און געטרײַ, אַן אמתער בן־חיל. היות ווי עס איז גראָד געווען די צײַט פון גערשטנשניט, גייט די ליבלעכע, יונגע רות אַרויס אין די נאָענטע פעלדער פון שטאָט, צו קלײַבן זאַנגען הינטער די שניטערס. האָט זי אַקוראַט געטראָפן אויף די פעלדער פון איר קרוב בועז, וווּ זי האָט גענומען קלײַבן זאַנגען, וואָס זי וועט נעמען אַהיים, כּדי עס זאָל זײַן עפּעס צו עסן. אין יענע צײַטן האָט קיינער נישט באַדאַרפן אַרומצוגיין אַ הונגעריקער, בפרט אין צײַט פון שניט. האָבן מיר דאָ אין די עטלעכע קאַפּיטלעך אַ קורצע אָבער מײַסטערישע שילדערונג פונעם פּאַטריאַרכאַלישן שטייגער און לעבן בײַ ייִדן אין יענע ווײַטע דורות. עס שמעקט מיט ערד און אַ ווײַטן, בלויען זומערדיקן הימל, מיט גערעטעניש און פרישער תּבֿואה, מיט ערדאַרבעט און לעבנספרייד. מען פילט אַ רחבֿותדיקייט און אַ זאַטקייט, גליק און צופרידנקייט פון פּשוטן מענטש. עס איז אַן אידיליש בילד וואָס כּישופט מיט אַ סך חן און פּשטות. הערן מיר אויך פון דעם שיינעם, פּאַרצײַטיקן מינהג פון לקט וואָס איז געווען אײַנגעפירט בײַם פאָלק ישׂראל. יעדער איינער, אַן אָרעמאַן צי סתּם אַ ניצרך, אַ היימישער צי גאָר אַ פרעמדער, האָט געמעגט קלײַבן אַ ביסל תּבֿואה אין דער צײַט פון שניט אויף די פעלדער הינטער די שניטערס, און קענען עסן צו דער זעט. שטייט אויך איצט די גראַטענע רות אין דער היץ פון טאָג און קלײַבט צונויף זאַנגען צווישן די גאַרבן הינטער די שניטערס. גראָד קומט אָן בועז פון שטאָט און ווי זײַן שטייגער באַגריסט ער די שניטערס אויפן פעלד מיט אַ ברייטן „גאָט מיט אײַך״, און זיי ענטפערן אים גוטגינציק „בענטשן זאָל דיך גאָט״. עס איז גוטפרײַנדשאַפט וואָס פאַרבינדט אַרבעטערס אין פעלד מיט זייער לײַטזעליקן באַלעבאָס. בועז דערזעט די יונגע פרוי וואָס קלײַבט זאַנגען אויפן פעלד, אָבער ער ווייסט נישט ווער

זי איז. איר ליבלעכקייט און צניעות איז אים מן הסתם געפעלן, פרעגט ער בײַ דעם ראָש פון די שניטערס, ווער איז דאָס. ענטפערט ער אים, אַז דאָס איז אַ יונגע פרוי, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון מואב צוזאַמען מיט נעמין. בועז איז אַפּנים פאַראינטריגירט. רופט ער, דער גוטהאַרציקער, ליבער בועז צו זיך רותן און זאָגט צו איר: זי זאָל פאַרבלײַבן בײַם שניט אויף זײַנע פעלדער און פון דאַנען נישט אַוועקגיין. ער האָט באַפוילן, גיט ער צו מיט אַ וואַרעמען שמייכל, זײַנע שניטערס, אַז זיי זאָלן זי נישט טשעפּען. אַדרבא, זיי זאָלן זיך פאַרהאַלטן פרײַנדלעך צו איר, און ווען זי זײַן דאָרשטיק, זאָל זי צוגיין טרינקען פון די געפעסן פון וואַנען עס שעפּן די שניטערס. אין דער צײַט פון עסן, זאָל זי גענענען אַהערצו און עסן צוזאַמען מיט זיי פון דעם וואָס זיי עסן. בועז וויל נישט אַז זי זאָל זיך פילן פאַרשעמט. זאָל זי זיך פילן היימיש און זיך האַלטן מיט די יונגע שניטערקעס. ער האָט שוין געהערט פון די שטאָט-לײַט, זאָגט ער, ווי זי האָט זיך אויפגעפירט מיט נעמין, איר אויסגעהאַלטנקייט און געטרײַשאַפט. זי האָט פאַרלאָזן דעם פאָטערס הויז און דאָס לאַנד ווו זי איז געבוירן געוואָרן און האָט זיך באַהאַפטן מיט אַ פאָלק וואָס זי האָט גאָרנישט געקענט. די אַלע גוטע און שיינע מעשׂים פון דער פרעמדער פרוי האָבן אויף דעם לײַטישן, ווילן בועז געמאַכט אַ טיפן רושם. אַזוי קען נאָר האַנדלען אַן אידעלע, גוטע פרוי. רעדט ער איר דעריבער צו, שטאַרקט איר האַרץ און זאָגט צו איר מיט וואַרעמקייט: „זאָל גאָט באַלוינען דײַן מיזונג, און דײַן שׂכר זאָל זײַן אַ פולער פונעם גאָט פון ישׂראל, וואָס דו ביסט געקומען זיך באַשיצן אונטער זײַנע פליגל”. בועז, דער שיינער באַלעבאָס, דער ברייטער מכניס-אורחים, וועט קיינעם נישט לאָזן אַוועקגיין אַ הונגעריקן און אַ פאַרשעמטן. אַזוי איז געווען דער אײַנגעשטעלטער מינהג פון קדמונים, און אַזוי האָט זיך בועז מיט גרויס הרחבת־הדעת נוהג געווען.

מאָלט אונדז ווידער דער דערציילער מיט קורצע שטריכן אַ פּרעכטיק, אידיליש בילד פון דעם פאַרצײַטיקן שטייגער־לעבן. אַז עס איז געקומען די צײַט פון עסן, האָט זיך רות געזעצט בײַ דער זײַט פון די שניטערס. עס איז אַ פשוט, פרײַנדלעך עסן פון די תבואה־שניטערס. מען דערלאַנגט געברענטע זאַנגען פון שניט און מען פאַרטרינקט דאָס מיט געשמאַקן פרישן ווײַן, וואָס לעשט דעם דאָרשט און דערפרישט דאָס געמיט אין דער היץ פון זומערדיקן טאָג. דערנאָך איז רות אויפגעשטאַנען, ווײַטער געקליבן די זאַנגען אין פעלד ביזן אָוונט, זיי אויסגעקלאַפּט און מיט אַ פול מעסטל גערשטן איז זי אַוועק אַהיים, צו איר שוויגער.

אין הינטערגרונט פון אָט די אַלע קוריאָזן און געשעענישן באַמערקן מיר די קלוגע, געניטע און מסוגלדיקע נעמי. זי איז צו רותן ווי אַ גוטע, געטרײַע מאַמע. רות איז בײַ איר אײַנגעבאַקן אין האַרץ, זי וועט זי נישט לאָזן פאַלן. אַדרבא, זי פּרוּווט מיט אַ סך אײַנפאַלערישקייט און טאַקט איר צו העלפן, שטאַרקן איר בטחון און באַשײַנען איר עתיד. ווי באַלד זי הערט ווי אַזוי בועז, איר קרוב, האָט זיך אויפגעפירט צו רותן מיט אַזוי פיל וואַרעמער האַרציקייט, ווייסט זי וואָס עס איז דאָ צו טאָן. אויף דער עצה פון דער שוויגער, גייט רות בײַ נאַכט אַוועק צו בועזן אין שײַער אַרײַן. האָבן מיר ווידער אַ מאָל אַ פּרעכטיק בילד פון אַלטן שטייגער פאַר אונדזערע אויגן. עס איז אַ קילע זומער־נאַכט. נאָך אַ הייסן זומערדיקן טאָג בלאָזט אַ פרישן ווינטל. בײַ זיך אין שײַער דרעשט בועז די אָט־וואָס געשניטענע תבואה פון די פעלדער. דער קילער נאַכט־ווינט וואָס בלאָזט פון מערב העלפט אויסשיידן די שווערע, פולע גערשטן־קערנער פון די זאַנגען. בועז דער בכבודיקער אַרבעטסמענטש בלײַבט מיט זײַנע שניטערס און פעלד־אַרבעטערס איבער נאַכט און העלפט בײַ דער האַרטער אַרבעט. מען רוט זיך אָפּ צו ביסלעך, מען עסט, מען טרינקט און עס הערן זיך פריילעכע שניטער־געזאַנגען פונעם שײַער. דער פלײַסיקער בועז פאַרבלײַבט אין שײַער נאָך דער פאַרענדיקטער נאַכט־אַרבעט, כּדי אָפּצוהיטן די תבואה, די פּראַצע פון אַ גאַנץ, גע־בענטשט יאָר. אַזוי האָבן זיך פויערים תּמיד געפירט. אין יענער נאַכט בידערט רות אַראָפּ, לויט דער עצה פון דער קלוגער נעמי, צו בועזן אין שײַער אַרײַן. עס איז אַ באַקלערטער פּלאַן פון קוראַזש און ליבשאַפט צו רותן. נעמי ווייסט, אַז זי קען זיך פאַרלאָזן אויף איר שנור, אויף איר צניעות, טאַקט און קלוגשאַפט. פאָלגט זי איר שוויגער. בײַ איר אין האַרצן ווייסט זי, אַז זי טוט עס נישט פאַר זיך. זי איז נישט קיין הפקרדיקע פרוי. וואָס זי טוט איז נאָר פון געטרײַשאַפט וועגן צו איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. דאָס שטאַרקט איר געמיט און גיט איר זיכערקייט און פאַרטרויען. עס איז אין מיטן נאַכט. בועז וואַכט אויף אַ פאַרציטערטער, אַ דערשראָקענער, בעת ער באַמערקט פּלוצעם אַ פרוי בײַ זיך צופוסנס. וואָס פאַר אַ שלל פון דראַמאַטישן שטאָף פאַרמאָגן מיר אין אָט די קנאַפּ־געמאָסטענע שורות און ווי צניעותדיק־אײַנגעהאַלטן מאָלט אונדז דער מחבר די דאָזיקע דעליקאַטע סיטואַציע. רות האָט געוואַגט, זי איז געווען דרייסט, האָפט זי, אַז זי וועט נישט ווערן געשטרויכלט. אין דער פינצ־טערקייט פון דער נאַכט און מיט אַ צאַרטן, ווייכן קול גיט זי זיך אים

צו דערקענען. איר שטים ציטערט בעת זי רעדט, אָבער זי האָפט, אַז בועז וועט האָבן אײַנזעעניש מיט איר און זי נישט פאַרשטויסן. איר נויט איז גרויס, און ער, דער קרוב פון דער משפחה, איז דער אײנציקער גואל וואָס קען איר העלפן. מיט פאַלגעוודיקער ליבשאַפט זאָגט זי צו אים: איך בין רות דײַן דינסט. דערמיט לײגט זי אַוועק איר גורל אין זײַנע הענט. זאָל ער אײַנזען איר פלאַגעניש און זי נישט לאָזן אײַנדאַרן יונגערהייט, נאָר אויסשפרייטן זײַנע פליגל איבער איר, וואָרום אַן אויס־לייזער איז ער. בועז איז ממש גערירט פון איר צוטרוי און געטרײַשאַפט. אים אימפּאָנירט אויך, וואָס זי איז געקומען צו אים און לויפט נישט נאָך עפּעס אַ יונגן בחור, צי אָרעם צי רײַך. דאָס איז פאַר אים אַ גרויסע מעלה. זײַן רעאַקציע איז אַ שפּירעוודיקע און ער זאָגט איר: געבענטשט זאָלסטו זײַן פון גאָט, מײַן טאָכטער. דײַן לעצטע גוטסקייט איז נאָך שענער פון דער ערשטער. ער מוטיקט זי און זאָגט: און איצונד, מײַן טאָכטער, האָב נישט קיין מורא. אַלץ וואָס דו וועסט בעטן וועל איך טאָן, וואָרום אַלע לײַט אין שטאָט ווייסן אַז דו ביסט אַן אשת־חיל, אַ טײַערע, וווּנדערלעכע פרוי. דער גוטהאַרציקער, צוגעלאָזענער בועז ווייסט ווי אָפּצושאַצן אַ געפיל פון צוגעבונדנקייט און אמתע געטרײַשאַפט. וועט ער נישט אײַנרוען ביז ער וועט נישט האָבן אַלצדינג געטאָן, כּדי צו קענען נעמען רותן פאַר אַ ווײַב.

בײַם שפּראָץ פונעם זומערדיקן טאָג שיקט בועז רותן אַהיים. ער, אַן אָנגעזעענער מענטש צווישן פאָלק, מוז זײַן פאָרזיכטיק. זאָל זיך קיינער נישט דערוויסן, אַז בײַ אים האָט איבערגענעכטיקט אַ פרעמדע פרוי. ער פאַרגעסט אויך נישט מיטצוגעבן רותן אַ מאָס פרישן גערשטן, מסתּמא ווי אַ כּלה־מתּנה. וועט דאָס אויך זיכער זײַן שטאַרק אָנגעלייגט בײַ דער אָרעמער שוויגער, נעמי. אַן אויפגעלייגטע און אַ שטראַליקע קומט רות צוריק צו איר טײַערער שוויגער. עס איז איר אויך איצט אַ סך לײַכטער אויפן האַרץ, די מורא פאַר אַן אומבאַשטימטן מאָרגן האָט זיך פון איר אָפּגעטאָן. אַהיימקומענדיק דערציילט זי אַוודאי נעמין ווי עס האָט זיך אַלץ פאַרלאָפן, און דעם גרויסן חסד וואָס בועז וועט מיט איר טאָן. דערצו האָט זי נאָך באַוויזן דאָס מעסטל גערשטן וואָס בועז האָט מיטגעשיקט, ווי אַ סימן פון זײַן ערנסטער אַנטשלאָסנקייט. אָט דאָס אַלץ האָט מסתּמא אַרויסגערופן בײַ דער האַרציקער נעמי אַ סך פרייד און גליק. אָבער וועגן דעם שווײַגט אונדזער דערציילער. געמיט־קאָמפּלי־קאַציעס, טיפע, פערזענלעכע איבערלעבענישן, דאָס ברענגט מען נישט

אַרויס אויפן פּאַפּיר, דערמיט מוז מען זײַן שטאַרק אָפּגעהיטן. דאָס אַלץ הערט זיך אַרויס פון דער אָפּגעמאָלטער סיטואַציע, פון איר דראַמאַטישער געשפּאַנטקייט, וואָס דער צניעותדיק־אָפּגעהיטענער דערציילער גיט אונדז איבער פּאַראַבאָליש אויף זײַן פּשטותדיקן אופן. אַלץ איז אַקציע, זי שטראָמט און איבערגעוועלטיקט. הײַנט, צו וואָס נאָך מאריך זײַן מיט איבעריקע פּרטים, וואָס יעדער בר־דעת פאַרשטייט פון זיך אַליין?

פאַרגלײַכט מען אָט די צוויי תּנכישע נאַראַציעס, אַזוי פּאַלן אויף געוויסע אונטערשיידן, הן אין דער מאַניר פון די דערציילער און אַפילו די מיטלען וואָס זיי ניצן צו שאַפן אַן עפעקט, און הן אין סטיל־באַזונדערקייטן און ניואַנסן, אַפילו לשון און אויסדרוקן, וואָס זײַנען שכיח בײַ דעם איינעם און נישט בײַ דעם אַנדערן. עס קען גאָר גרינגלעך געמאָלט זײַן, אַז זיי האָבן אָנגעהערט צו צוויי באַזונדערע ליטעראַרישע שולעס. ווי דאָס זאָל נישט זײַן, דער צד־השווה אין דער כאַראַקטעריזאַציע פון די צוויי העלדינס, תּמר און רות, איז, וואָס ביידע זײַנען קלוגע, מוטיקע און אַנטשלאָסענע פרויען. ביידע זײַנען וויסטע אלמנות, אָן קינדער, וואָס זײַנען פאַרבליבן געטרײַ דעם אָנדענק פון זייערע פאַרשטאָרבענע מענער און ווילן מיט כּוח פאַרהיטן, אַז זייער געדעכעניש זאָל נישט ווערן אויס־געלאָשן פונעם כּלל־פאָלק. פאַרשיידענע פרויען און פאַרשיידענע כאַ־ראַקטערן. תּמר, מאַנענדיק איר רעכט בײַ יהודהן, פאַרשטעלט זיך פאַר אַ קדשה, וואָס פאַרשטייט זיך אויפן עסק, רעדט קלאָרע דיבורים, און איידער וואָס איידער ווען רעדט זי אָפּ מכּוח איר באַלוינונג. עס גייט איר קודם־כּל אינעם זנות־געשאַנק וואָס אַ קדשה קען פאַרלאַנגען. רות אָבער פאַרנעמט זיך אויף אַן אַנדערן וועג. אַן איידעלע, אַ צניעותדיק־שעמעוודיקע גייט זי אַרויס קלײַבן זאַנגען אין די פעלדער פון בית־לחם, און אַזוי אויך נידערט זי שפּעטער אַראָפּ צו בועזן אין שײַער אין מיטן נאַכט. אַלץ גייט דאָ צו בנעימותדיק און געלאַסן, ממש אידיליש־ליבלעך. געשילדערט אין דער מיליע — איז משמעות נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר קיין ביליקע, פּיקאַנטע עפּיזאָדן און עראָטישע אָנצוהערענישן, מיט וואָס דער פאַרצײַטיקער מענטש האָט זיך אָפּט געקוויקט

אויך אין ספר „רות" ווי אין דער מעשׂה־תּמר טרעפן מיר זיך אָן מיטן אַלטן, אינטערעסאַנטן מינהג פון חליצה, וואָס ווערט אָנגערופן אין די תּנכישע מקורים אַן אַקט פון חליצת הנעל, פון אַראָפּציִען דעם שוך. הערן מיר בפירוש (ד, ו.) פון אַ פאַרצײַטיקער תּקנה אין ישׂראל, אַז בײַ אַן אויסלייז אָדער אַן אויסבײַט, כּדי צו באַפעסטיקן דעם אָפּמאַך,

האָט דער איינער צד אויסגעצויגן זײַן שוך און געגעבן דעם אַנדערן. עס איז געווען, וואָלט איך געזאָגט, אַ סימבאָליש־קאָנקרעטער אַקט פון אַ הסכם צווישן די צוויי צדדים אין אַ צײַט, ווען די שריפטיקייט איז נישט געווען פאַרשפּרייט צווישן פאָלק. אַזוי איז דאָס אויך געווען אינעם נאָענטן משפחה־לעבן, ווען אַ מענטש איז אַוועקגעשטאָרבן אָן קינדער און איבערגעלאָזט אַ נחלה נאָך זיך וואָס האָט געדאַרפט איבערגיין צו זײַן געזעצלעכן יורש. לויטן אײַנגעשטעלטן מינהג איז דער ברודער פונעם מת אָדער זײַן נאָענטער קרוב געווען מחויב צו נעמען די אלמנה פאַר אַ ווײַב, כּדי ווי עס הייסט אין פּסוק „אויפצושטעלן דעם נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם אויף זײַן נחלה״. מען איז, על כּן, דערמיט אויסן געווען, אַז דער נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם זאָל ווײַטער לעבן צווישן זײַן פאָלק און זײַן נחלה זאָל נישט בלײַבן אָן קיין יורש. דער פאַרצײַטיקער מענטש האָט בכלל גאַרנישט געקענט תּופס זײַן, אַז אַ מענטש זאָל אַוועקגיין פון דער וועלט, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין יורש, וואָס זאָל ממשיך זײַן דעם לעבעדיקן פאָדעם פון אַן אײַנגעשטעלטען סדר אין משפּחה־לעבן. דער אויסקוק איז בעצם געווען אַ קאָנקרעט־ערדישער, אַן עולם־הזהדיקער. עס איז געווען די וועלט, די ערד אויף וואָס דער מענטש האָט געלעבט. וועגן עולם־הבא, פון אַ תּחית־המתים האָט אפנים דער דעמאָלטיקער מענטש נישט געטראַכט. דערפאַר טאַקע האָט מען געוואָלט אָפּהיטן פיזיש און ממשותדיק, אַז דער נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם אָן קינדער, זאָל זיך לחלוטין נישט אויסלעשן, און אַז די אלמנה, די טרעגערין פון זײַן נאָמען, זאָל אויפשטעלן קינדער נאָך אים. דאָס געדעכעניש פון מאַן איז אַ גרויסע זכיה און מען טאָר זי אים נישט פאַרלייקענען. גיט אויך דער פּסוק (דברים כ״ה, ו) בפּירוש דעם טעם פאַר אָט דעם מינהג־קדמונים, אַז „עס זאָל נישט פאַרשניטן ווערן דער נאָמען פון טויטן פון זײַנע ברידער אין טויער פון זײַן שטאָט״.

לאָמיר דאָ נאָך, אגב, באַמערקן, אַז די באַצייכענונג „אין טויער פון זײַן שטאָט״, איז קולטור־היסטאָריש אינטערעסאַנט. אין דער אַלטער צײַט איז דער טויער פון אָרט געווען אַ וויכטיקער צענטער פון שטאָטישן לעבן. אינעם טויער פאַרזאַמלען זיך די שטאָט־לײַט, חשובע פון דער עדה טרעפן זיך אָן עצה צו האַלטן, אַרומצורידן לויפיקע, כּלל־ און פּרט־וואָטע ענינים, אויסהערן די טענות פון די בעלי־דין און אַרויסטראָגן אַ משפּט. דורכן טויער פון שטאָט קומען אויך אָן פרעמדע, ציִען קאַראַוואַ־נען מיט קעמלען, וואָס פירן כּל המינים סחורות, בשׂמים און אַנדערע

טײַערע חפצים פון ווײַטע שטעט און לענדער. דאָרט קומט מען זיך אויך צונויף צו הערן עפּעס נײַס, סײַ לאָקאַלע און סײַ פון דער פרעמד. עס וואָלט דעריבער געווען ממש אומדערלאָזלעך, אַז אַן אַנגעזעענער באַלע־באָס זאָל שטאַרבן און זאָל נישט איבערלאָזן נאָך זיך אַ ווערטיקן יורש, וואָס זאָל פאַרנעמען זײַן אָרט צווישן די פּני און בעל־עצות פון שטאָט. האָט מען טאַקע מקפּיד געווען אין דער ייִדישער אַמאָליקייט, אַז דער נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם זאָל נישט ווערן פאַרשניטן פון צווישן די לעבעדיקע, אַקטיווע מענטשן אין שטאָט אָדער אין שבט.

האָט אָבער דער ברודער פון פאַרשטאָרבענעם אָדער אַ קרוב נישט געוואָלט נעמען די אלמנה פאַר אַ ווײַב, דעמאָלט מוז ער געבן חליצה. עס איז געווען, ווי געזאָגט, די צערעמאָניע פון אַראָפּציִען דעם שוך, ווי אַ באַווײַז אַז אַן עדות פאַר זײַן אָפּזאָג. אַזאַ און ענלעכע מינהגים געפינען מיר אויך בײַ אַ ריי קולטור־פעלקער, ווי למשל בײַ די אינדער, אַראַבער און אויך בײַ די אַלטע גערמאַנען. די צערעמאָניע האָט זיך געווינטלעך אָפּגעשפּילט בײַם טויער פון שטאָט, אין אַ רשות־הרבים, כּדי די זאַך זאָל האָבן אַ פּירסום. די פרוי ציט אַראָפּ דעם שוך פון מאַן וואָס וויל זי נישט באַווײַבן, און לויטן חומש (דברים, כ״ה, ט) זאָל זי דערבײַ „אַ שפּײַ טאָן אין זײַן פּנים, און מיט אַ הויך קול זאָגן: „אַזוי זאָל געטאָן ווערן צו דעם מאַן וואָס וויל נישט בויען זײַן ברודערס הויז״. צו אַזאַ איינעם קען מען נישט האָבן קיין דרך־ארץ. מ׳טאָר אים דאָס בפירוש נישט שענקען, און דעריבער זאָל מען אים שטעלן בחרפּה און פאַר די אויגן פון גאַנצן פאָלק מבזה זײַן. דערמיט ווערט די אלמנה פרײַ און מעג אַפּנים חתונה האָבן מיט וועם זי וויל.

איז קולטור־היסטאָריש נאָך כּדאַי צו באַמערקן, אַז דער שוך איז אין דער ווײַטער אַמאָליקייט געווען דער צייכן פון הערשאַפט, פון באַזיץ און אַ מדרגה אין געזעלשאַפט. מיטן אַקט פון אַראָפּציִען דעם שוך פון פוס האָט מען מוותר געווען אויף זײַן רעכט, און עס אַריבערגעטראָגן אויפן אַנדערן. האָבן מיר שוין דערמאָנט דאָס עדות־זאָגן פונעם דערציילער (רות, ד. ז.), אַז פאַרצײַטנס (לפנים בישׂראל) האָט מען זיך נוהג געווען בײַ קניות און אָפּמאַכן, נישט צו שרײַבן און חתמענען, נאָר אַראָפּגעצויגן דעם שוך און איבערגעגעבן דעם אַנדערן. דאָס איז געווען די פּרימיטיווע פאָרעם פון פאַרגלייביקן אַ הסכּם.

קומען מיר איצט צום סאַמע סוף פון דעם פּרעכטיקן סיפּור־המעשׂה. דאָ קאָרגט שוין דער דערציילער נישט מיט זײַנע רייד, נאָר מאָלט אונדז

מיט זײַן פֿאָלקסטימלעכער פּשטות און מיט אַלע פּרטים די צערעמאָניע פֿון אויסלייזן די נחלה נאָכן פֿאַרשטאָרבענעם מאַן פֿון רותן און דעם אַקט פֿון אַראָפּציִען דעם שוך. לאָמיר נישט פֿאַרגעסן, אַז רות האָט אויך אַ חלק אין דעם שטיק פֿעלד, וואָס געהערט צו דער משפּחה פֿון אלימלכן. זי איז נישט בלויז אַ יורש נאָר געהערט אַרײַן אין קאַן פֿון דער נחלה, און ווער עס קויפֿט און לייזט אויס די נחלה, צו דעם געהערט אויך רות ווי אַ ווײַב. האָבן מיר אינעם קאַפּיטל ד׳ אַ פֿאַסצינירנדיקע סצענע פֿון ייִדישן פּאַרציַײטיקן לעבן מיט זײַן גאַנצער שטײַגערישקייט. עס קומט זיך צונויף אינעם טויער פֿון שטאָט אַן עולם מענטשן, בראש פֿון אים די פּני, די עלטסטע פֿון פֿאָלק. אפֿשר זײַנען געשטאַנען צווישן דעם עולם נײַגעריקע צוקוקערס אויך נעמי מיט איר שנור רות. בועז, וואָס איז דאָ די הויפּט־פּערזאָן, האַנדלט אַנטשלאָסן און גיך. עס איז אַ פּראָצעדור, וואָס האָט זיך איר סדר און סיסטעם. בראש זעצט בועז אַוועק אַ מנין עלטסטע פֿון פֿאָלק און ווען עס קומט אָן דער נאָענטסטער קרוב פֿון דער משפּחה, וואָס דאַרף זײַן דער אויסלייזער, פֿרעגט אים בועז בפֿני קהל ועדה, אָפֿן פֿאַרן גאַנצן עולם, צי ער האָט בדעה צו קויפֿן און אויסלייזן די נחלה פֿון אלימלכן. זאָגט זיך דער אויסלייזער אָפּ דערפֿון, טאָמער וועט אים אויס־קומען צו פֿאַרדאַרבן דערמיט זײַן אייגענע נחלה, וואָס קען ברענגען שאָדן זײַן אייגענעם הויז־באַשטאַנד. ער זאָגט דעריבער צו בועזן: קויף דו, און ער האָט אַראָפּגעצויגן זײַן שוך, ווי אַן עדות פֿאַר דעם הסכם. בועז טראַכט נישט לאַנג. ער איז געווען גרייט דערצו. אָן איבעריקע שהיות און מיט גרויס פֿאַרגעניגן קלאַפּט ער צו די קניה. אויף אַזאַ אופֿן האָט ער נישט בלויז אָפּגעקויפֿט דאָס שטיק פֿעלד וואָס האָט באַלאַנגט צו דער משפּחה אלימלך, נאָר אויך אויסגעלייזט רותן, ווען ער וועט נעמען פֿאַר אַ ווײַב, און דערמיט אויפֿשטעלן, ווי דער פּסוק באַטאָנט ווידער אַ מאָל, „דעם נאָמען פֿון דעם געשטאָרבענעם אויף זײַן נחלה".

די סצענע איז איצט אַ שטאַרק צעוואָרעמטע און אַ הילכיקע. עס איז סוף־כּל־סוף געקומען די אויפֿריכטעניש פֿון דער איידעלער, געראָ־טענער רות, דער אלמנה פֿון נעמיס זון, כּליון. די פֿרייד פֿון דעם אָרו־מיקן עולם איז גרויס, ממש אין לשער. מיט שטראַליקע בליקן פֿון גליק און אַנטציקונג, ווינטשן אַלע דעם ווילן און האַרציקן בועז, אַז ער זאָל זוכה זײַן אויפֿצושטעלן צוזאַמען מיט זײַן זיווג רותן, אַ יוסט, שײַנעוודיק הויז ווי דאָס הויז פֿון פּרץ, וואָס תּמר האָט געבוירן צו יהודהן. זעען מיר דאָ באַשײַמפּערלעך ווי דער דערציילער פֿון רותן קניפּט אָן מיט אַ כּיוון

אין דער מעשׂה־תּמר. עס איז דער זעלביקער מאָטיוו: די געטרײַשאַפט פון דער פרוי, איר גוטסקייט און אויסנעמיקע מוטיקייט. אָט די זעלטענע מעלות העלפן סײַ תּמרן און סײַ רותן אויפצושטעלן אַ יורש, אַ נאָמען און אַ געדעכעניש פאַר דעם געשטאָרבענעם מאַן.

באַלד דערנאָך האָט בועז געגומען רותן פאַר אַ ווײַב. זי האָט פאַרשוואַנגערט און אים געבוירן אַ זון, וואָס זײַן נאָמען איז געווען עובד. גרויס איז געווען דער תּענוג און די פרייד פון אַלעמען. מען האָט געיום־טובט און מיט אַן אויפגערוימטער שטימונג זיך געלאָזט ווילגיין. נאָענטע און ווײַטע האָבן געקליבן נחת. די ווײַבער פון אַרום האָבן נישט פאַרגעסן אין נעמין, דער שוויגער פון רותן, וועם זי האָט שטאַרק ליב געהאַט. מיט גרויס התפּעלות האָבן זיי געלויבט גאָט פאַר זײַן חסד און אָפּגעגעבן דער ווילגעפעליקער, געטרײַער נעמין אַ האַרציקן מזל־טוב. זיי האָבן צו איר געזאָגט: „געלויבט איז גאָט וואָס האָט דיר באַשערט אַן אויסלייזער, און זאָל זײַן נאָמען האָבן אַ קיום אויף דורות אין ישׂראל! זאָל ער זײַן אַ דערקוויקעניש פאַר דײַן האַרץ און העלפן אויפהאַלטן דײַן עלטער. האָט דיך דײַן שנור גאָר שטאַרק ליב". זײַן נאָוועליסטישן סיפּור־המעשׂה פאַרענדיקט דער דיכטער מיט דער גענעאַלאָגיע פון בועזן, וואָס ציט זײַן ייִחוס פון פּרצן, דעם זון פון יהודהן און תּמרן. צו בועזן האָט רות געווינען זײַן זון עובד, וואָס האָט דערנאָך געבוירן ישין, וואָס איז געווען דער פאָטער פון דודן. שטאַמט אַזוי אַרום דוד המלך אָפּ פון דער גיורת רות, וואָס איז געקומען פון פעלד מואב קיין בית־לחם אין יהודה. עס איז געווען אינעם זכות פון דער צניעותדיקער, גאָטפאָרכטיקער פרוי פון מואב, וואָס פון איר איז שפּעטער אַרויסגעקומען דער גרויסער ייִדישער קעניג דוד.

די רות־נאָוועלע וואָס דער אַנאָנימער דיכטער האָט געשאַפן אויפן פאָן פון דער ייִדישער אַמאָליקייט, שמעקט מיט היימישער, וואַרעמער ערד, מיטן ריח פון פעלד און פרישער תּבואה. דער פּויערישער לעבנסשטייגער רעדט צו אונדז פון יעדער שורה. עס איז אַ רײַף ליטעראַרישווערק פון אַ קינסטלער אַ בעל־יכולת וואָס מאָלט מיט קנאַפּע, פּלאַסטישע שטריכן כאַראַקטערן מיט זייער אייגנקייט, אַ זאַטע ערדישקייט און שטייגערישקייט און מענטשלעכע סיטואַציעס, וואָס ער שטעלט אין אַ היסטאָריש־צוגעטראַכטער ראַם, ווי אַן עדות פאַר זייער אויטענטישקייט. ווי דער שטייגער פון אַ פאָלקסטימלעכן דערציילער פאַרוועבט אונדזער דיכטער מסוגלדיק אין זײַן נאָוועלע אַ ריי, ווײַט־פאַרשפּרייטע פאָלקלאָר־

מאַטיוון וואָס זײַנען בנימצא בײַ אַ סך אַלטע קולטור־פעלקער אין פאַר־שיידענע רעצענזיעס. אַזוי למשל הערן מיר אין דער אַלט־מיצרישער מי־טאָלאָגיע פון דער געטרײַשאַפט פון איזיסן, דער געטין פון דער נאַטור און פרוכפּערדיקייט, צו איר מאַן אָזיריס, דעם גאָט פון דער אונטער־וועלט, וואָס ווערט, אגב, אויך אידענטיפיצירט ווי דער גאָט פון דער זון. אָזיריס פאַלט אַ קרבן פון זײַן ברודער סעט, דעם גאָט פון שלעכטס און אַלדאָס בייז. איזיס איז אָבער געבליבן געטרײַ איר דערהרגעטן מאַן אָזי־ריס און דערפאַר ווערט זי באַלוינט מיט אַ זון האָרוס, דער סימבאָל פון ליכט, וואָס נעמט נקמה אין סעטן, דעם דם־שונא פון זײַן פאָטער. נאָך אַ געהעריקן יִישוב־הדעת באַשליסן די געטער אָנצוערקענען האָרוסן, דעם זון פון איזיסן, ווי דעם אמתן יורש פון זײַן פאָטער אָזיריס.

אָבער וואָס פאַר אַ מהלך, וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט איז פאַראַן צווישן אָט דעם אומווערדיקן, זינדיקן אַקט פון אַכזריותדיקער רציחה אין דער מיצרישער מיטאָלאָגיע, און דעם ליכטיקן, ריינעם און אידילישן סיפּור־המעשׂה פונעם ספר רות. אין די מיטאָלאָגיעס פון די אַלטע קולטור־פעל־קער שאַטנט עס אינעם געטלעכן פאַנטעאָן, מיט אַ סך עולם־הזהדיקייט, מיט נקמה און הפקרות, מיט תּאוות און זנות, מיט פאַלשקייט און עוולות פון די אייבערשטע הארן פונעם וועלט־באַשאַף, וואָס דער פאַנטאַסטישער דמיון פון מענטש האָט אויסגעמאָלט. אָבער ווי ציכטיק־ריין און צניעות־דיק אָפּגעהיטן איז דער תּנכישער דערציילער אין זײַנע מענטשלעך־פּשטות־דיקע שילדערונגען. אין דער רות־נאָוועלע האָבן מיר צו טאָן מיט לעבע־דיקע, רעאַלע, פולבלוטיקע מענטשן, מיט זייערע נאַטירלעכע אינסטינקטן און גוטע, איידעלע נטיות. זײַן סיפּור־המעשׂה איז ריין פון אַ וועלכער עס איז מיטאָלאָגישער השפּעה. ער אָטעמט מיט אַ זעלטענער עטישער האַרמאָניע, מיט רעליגיעזער דערהויבנקייט, מיט שיינקייט פון מידות און מעשׂים־טובים, וואָס זײַנען ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַרן גײַסטיקן וועלט־באַנעם פון ייִדישן פאָלק.

סײַ תּמר און סײַ רות זײַנען רעאַלע געשטאַלטן, איידעלע פרויען־טיפּן, באַהויכט פון אַ געפיל פון זעלטענער גוטסקייט, לײַטזעליקייט און געטרײַשאַפט. זיי צייכנט אויס אַ נאַטירלעכע חכמה און גראַטנקייט, פלינקייט און מוטיקייט, און דערפאַר איז אויך זייער לוין אַ גערעכטער און אַ גאַנצער. אָט די מעלות טובות פון דער פאַרצײַטיקער ייִדישער פרוי האָט דאָס פאָלק פון תּמיד פאַרשטאַנען ווי געהעריק אָפּצושאַצן. מען האָט זיך געקוויקט מיט זייער פאַרדינטן ביסל מזל, מיט זייער גליק און

אויפריכטעניש, וואָס איז זיי געווען באַשערט צום סוף. פאַרענדיקט טאַקע דאָס ספר רות מיט אַן אַפּאָטעאָז אויף דעם קומענדיקן מלך דוד, די גרויסע, שטראַליקע געשטאַלט אין דער יידישער געשיכטע. די גוטע, מו־טיקע תּמר האָט געבוירן פּרצן און פון אים ציט זיך יִחוסדיק די גאָל־דענע קייט צו רותן און בועזן, וואָס פון זיי איז אַרויסגעקומען דוד המלך. און פון זײַנע לענדן איז אָנגעברייט אַרויסצוקומען בײַם סוף פון די דורות דער גואל צדק, דער מלך משיח, וואָס וועט ברענגען די גאולה שלמה פאַרן פאָלק ישׂראל און דער וועלט בכלל.

(1951/73)

מיכהס אָפּגאָט

און עס איז געווען אין יענע ווײַטע טעג, ווען עס איז נאָך נישט געווען קיין קעניג אין ישׂראל. איטלעכער האָט געטאָן וואָס איז געווען גלײַך אין זײַנע אויגן.

ערגעץ ווו אינעם געבערג פון אפרים האָט געלעבט צוזאַמען מיט זײַן מוטער אַ רײַכער מאַן מיטן נאָמען מיכה. האָט מען בײַ דער מוטער אַמאָל צוגעגנבעט עלף הונדערט זילבער שקלים. ווייסן מיר דערווײַל נישט ווער עס האָט דאָס געלט צוגענומען. וואָס די אומגליקלעכע פרוי האָט בשעת מעשׂה געפילט, דערציילט אונדז דער פסוק נישט. דאָס איז נישט זײַן שטייגער. איז דאָך דעם אַלטן דערציילער, וואָס דערציילט נאָר פּאַקטישע פּאַסירונגען, על־פּי־רוב מיט קנאַפּע, געמאָסטענע ווערטער, בכלל פרעמד צו שילדערן דעם געמיטצושטאַנד פון זײַן העלד, זײַנע איבערלעבענישן און שטימונגען. אָבער מיר קענען זיך גרײַלעך אויסמאָלן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין מיכהס הויז, בשעת מען האָט אויפגעדעקט די גנבה. אויך פאַר אַ רײַכן מאַן איז דאָס געווען אַ גרויסע מטבע. האָט די גנבה מסתמא אַרויסגערופן אין הויז אַ סך פּאַרדראָס און פאַרצווייפלונג; אפשר איז גאָר דער חשד געפאַלן אויפן הויזגעזינד. ווער ווייס, וואָס מען האָט דעמאָלט אַלץ געטאָן, כּדי צו דערגיין ווער עס האָט צוגענומען אַזאַ מטמון מיט געלט.

איז אין דער אַלטער צײַט געווען בײַ אַזאַ פאַל אַ מינהג, אַז מען האָט דעם אומבאַקאַנטן גנב פאַרשאָלטן. דאָס איז פאַרצײַטנס געווען אַ שווערע, אַ האַרבע שטראָף. די קללה האָט ווי דער שאַרף פון שווערד געהאַנגען מיט אַ מוראדיקן פּחד איבערן קאָפּ פון גנב. ער האָט זיך געפילט שולד־באַלאָדן און אַ פאַרשטויסענער פון גאַנץ עדה. לויט דעם אַלטן מינהג האָט אויך מיכהס מוטער געהאַנדלט. זי האָט פאַרשאָלטן דעם גנב. באַלד האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז עס איז גאָר געווען איר אייגענער זון, וואָס האָט בײַ איר צוגענומען די גראָבע מטבע. מיט אַ געפיל פון חרטה איז ער זיך מודה, און שעמט זיך אַוודאי, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אַזאַ נאַרישע מעשׂה. זיכער האָט ער מורא פאַר דער מאַמעס קללה און

ווייל נישט אַרויסרופן גאָטס צאָרן קעגן זיך. אַז די מוטער דערהערט די רייד פון איר זון, ווערט איר ליכטיק אין די אויגן. זי ווערט מלא שימחה און אײַלט זיך אַראָפּצונעמען די קללה פון איר זונס קאָפּ. האָט זי אויף אַן אמת מורא, אַז דאָס זאָל אים נישט פּאַרשאַטן, אַז טאָמער וועט פּאַרט די קללה מקוים ווערן. פּאַרוואַנדלט זי גיך די קללה אין אַ ברכה. בענטשט זי אים און גיט צו גאָטספּאַרכטיק „געבענטשט זאָל זײַן מײַן זון פון גאָט". כדי אָבער אין גאַנצן אָפּצושרײַען די סכנה פון דער קללה, הײליקט זי דאָס געלט צו גאָט. ווײל זי דערמיט משמעות פּאַרהיטן דעם צאָרן פון גאָט אויף איר זון און אגב באַווירקן, אַז עס זאָל מיכהן קײן שום שלעכטס נישט פּאַסירן. ווײל זי טאַקע מיט איר רחבותדיקער נדבה אויספּועלן בײַ גאָט לײַטזעליקייט פּאַר איר זון, וואָס האָט אין אַ מאָמענט פון לײַכטזיניקייט צוגענומען דאָס געלט און אַזוי אַרום אַרויסגערופן די קללה.

באַלד דערנאָך האָט די מוטער איבערגעגעבן דאָס זילבער צום שמעלצער, וועלכער האָט דערפון געמאַכט אַ געגאָסן בילד, וואָס מען האָט אַוועקגעשטעלט אינעם הויז פון מיכה. און מיכה האָט פון איצט אָן געהאַט, דערציילט אונדז דער פּסוק (שופטים, י"ז, ה), „אַ הויז צו גאָט און ער האָט געמאַכט אַן אפוד און תּרפים, און ער האָט דערפילט די האַנט פון איינעם פון זײַנע זין צו זײַן אַ כהן". עס איז געווען יענע צײַט, ווען דער גאָטסדינסט איז נאָך נישט געווען צענטראַליזירט אויף איין אָרט, און יעדער וואָס האָט נאָר געוואָלט, האָט זיך געשאַפן זײַן פּריוואַטן מקום קדוש. אָט אַזאַ מין באַשיידענעם פּריוואַטן הײליקטום האָט זיך איצט געשאַפן דער רײַכער פּויער מיכה פונעם געבערג אין אפרים. ער האָט דאָס געלט אויף וואָס עס איז געלעגן אַ קללה, אויסגעביטן אין אַ ברכה, אויף וואָס עס זאָל ליגן גאָטס גנאָד, מחמת ער האָט עס באַשטימט פּאַר גאָט. האָפט ער, אַז גאָט וועט אים מוחל זײַן די עבירה און אָפּטאָן פון אים די קללה.

איצט האָט שוין מיכה זײַן הײליקטום. אָבער אין גאַנצן צופרידן איז ער פון דעסטוועגן נישט. דערווײַל פּאַרנעמט זײַן זון די שטעל פון אַ כהן. וואָלט אָבער מיכה וועלן האָבן אַ ריכטיקן כהן, איינעם פון די לויים, וואָס זאָל טאָן די געטלעכע עבודה אין זײַן בית המיקדש. זײַן זון איז נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער כהן און קען זיך מסתּמא נישט אַזוי גוט אויס אין די ענינים פון רעליגיעזן ריטואַל און צערעמאָניאַל. אָבער אויטענטישע לויים זײַנען געווען זעלטן, בפרט נאָך אין דעם פּאַרוואָרפענעם געבערג פון אפרים. מוז ער דערווײַל פּאַר ליב נעמען דעם מצב אַזוי ווי ער איז. באַדינט טאַקע זײַן זון, וואָס מיכה האָט דערפילט זײַן האַנט פּאַר אַ כהן, דאָס

געגאָסענע בילד. ברענגט אי מתּנות און אי קרבּנות פֿאַר גאָט, און פֿרעגט אַ מאָל אויך אַן אָראַקל. אַזוי איז דאָס געווען פֿאַרצײַטנס דער מינהג. בשעת דער יחיד אָדער דער ציבור האָבן געוואָלט וויסן צי דאָס וואָס זיי האָבן בדעה צו טאָן וועט באַגליקן, האָט מען אָנגעפֿרעגט בײַ גאָט.

מאַכט זיך אָבער אַ מעשׂה, אַז אינעם אָרט ווו מיכה וווינט, גייט אַ מאָל פֿאַרבײַ אַ וואַנדערנדיקער כּהן. עס איז געווען איינער פֿון יענע כּהנים־פּראָפֿעסיאָנאַלן, וואָס פֿלעגן ציִען פֿון אָרט צו אָרט און אָננעמען אַ גאָטסדינסטלעכע אַרבעט אומעטום, ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט. דאָ הערן מיר וועגן אַ יונגן לוי, וואָס האָט געשטאַמט פֿון אפֿרים און האָט אַ לענגערע צײַט געלעבט אין בית לחם פֿון יהודה. נאָך אַ שטיק צײַט איז ער פֿון דאָרט ווידער אַוועק, און צוריקקומענדיק אינעם געבערג פֿון אפֿרים, איז ער אונטערוועגנס אַרײַן צו מיכהן אין הויז. מיר קענען זיך לײַכט אויסמאָלן די גרויסע שׂימחה פֿון מיכהן בשעת ער האָט פֿאַר זיך דערזען אַן אמתן כּהן. אויף אַזאַ געטלעכן דינער האָט ער שוין לאַנג אַרויסגעקוקט. איצט, אַז ער איז טאַקע געקומען אינעם שאָטן פֿון זײַן באַלקן, איז ער פֿאַר אים גאָר אַן אָנגעלייגטער גאַסט און וויל אים נישט לאָזן גיין. ער פֿרעגט אים אויס פֿון וואַנען ער קומט און וווהין ער גייט, און בעט אים בײַ אים צו פֿאַרבלײַבן און זײַן אי פֿאָטער, און אי כּהן פֿאַר אים און זײַן הויז. כּדי אים צו איבעררײדן, לייגט ער אים פֿאָר גאָר אַ פֿײַנע שׂכירות, צען זילבערנע שקלים אַ יאָר, אַן אויסשטאַט פֿון קליידער און פֿולע קעסט. ווילִיקט דער לוי אײַן צו בלײַבן בײַ מיכהן און ער האַלט אים ווי אַן אייגענעם זון. דערציילט אונדז דער פּסוק, אַז מיכה האָט „דער־פֿילט די האַנט פֿון דעם לוי, און דער יונגערמאַן איז אים געווען פֿאַר אַ כּהן". איצט, אַז מיכה האָט שוין באַקומען אַן אמתן כּהן פֿאַר זײַן בית־מיקדש, אַ כּהן, וואָס קען טאָן די עבֿודה פֿאַר גאָט, איז ער זיכער בײַ זיך, אַז גאָט וועט אים באַגיטיקן, אַז זײַן גנאָד וועט רוען אויף די מעשׂים פֿון זײַנע הענט, גאָט האָט בכן אים מוחל געווען די זינד פֿון דער אויסטער־לישער קללה. פֿון איצט אָן וועט זײַן ברכה רוען אויף זײַן הויף און הויזגעזינד, אַזוי האָט מיכה מסתּמא בײַ זיך געטראַכט און אַזוי איז אויך געווען דער אויספֿיר פֿון די צוהערערס אין די שפּעטערדיקע דורות, וואָס האָבן זיך מיט אַ סך געשפּאַנטקייט צוגעהערט צו דער דאָזיקער מעשׂה־פּלא פֿון די אַמאָליקע צײַטן.

אָבער אַזוי פּשוט איז דאָס אַלץ פֿאָרט נישט געווען. אין פֿלוג וויל אונדז דער דערציילער גאָר לאָזן הערן, אַז אַ בית־מיקדש מיט אַ געגאָסן

בילד, וואָס איז בעצם אויפגעקומען פון אַ גנבה, קען פּאַרט נישט האָבן קיין האַפּט. די קללה פון דער גנבה הענגט עפּעס ווײַטער איבערן בילד. והא ראיה, וויל דער דערציילער אונטערשטרײַכן, דאָס בילד ווערט סוף־כּל־סוף צוגענומען פון די בני דן. עס איז ממש מידה כּנגד מידה. אָט הערט:

און דער פּסוק דערציילט אונדז מיט זײַן אייגנדיקער פּשטות און תּמימות, ווי אַזוי אין יענע ווײַטע טעג האָט דער שבט דן געזוכט אַ נחלה אויף זיך צו באַזעצן, „וואָרום ביז יענעם טאָג איז אים נישט צוגעפאַלן פאַר אַ נחלה צווישן די שבטים פון ישׂראל". (י"ח א'). די דאָזיקע טרוקענע, פאַקטישע ידיעה ווערט טאָקע באַשטעטיקט פון אַנדערע היסטאָרישע מקורים. ווי מיר ווייסן, האָט זיך פון אָנהייב געהאַט דער שבט דן, אַ קליינער, אַ דריבנער אָבער העלדישער שבט, באַזעצט אינעם צפון־מערב פון יהודה, אויפן גרענעץ פון אפרים און די פּלישתּים. דאָרט זײַנען זיי תּמיד געשטאַנען אין אַ קאַמף מיט דער מיליטערישער אייבערמאַכט פון די פּלישתּים, וואָס האָבן זיי כּסדר געהאַלטן אין איין אַרויסשטופּן פון זייער לאַנד. סוף־כּל־סוף זײַנען די בני דן געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זייערע היימען און זיך נעמען זוכן אַ נײַעם מקום מנוחה. דעמאָלט זענען צו זיי דערגאַנגען ידיעות, אַז דאָרט אויבן אין צפון, נישט ווײַט פון די האַנדלס־שטעט צור און צידון, איז פאַראַן אַ רחבותדיק לאַנד, וואָס זײַן פאָלק לעבט זיך רויִק און שלווהדיק און טראַכט גאָרנישט פון קיין מלחמות. שיקן דעריבער די קינדער פון דן פון זייערע ווינקעלטער אין צרעה און אשתּאול פינף העלדישע מענער קיין צפון, וואָס זאָלן אויסקוקן דאָס לאַנד און עס אויספאָרשן.

מאַכט זיך גראַד, אַז די פינף מרגלים קומען אויף זייער וועג קיין צפון אינעם געבערג פון אפרים, צו מיכהס הויז. פון דרויסן הערן זיי דאָס קול פון דעם יונגן כּהן און דערקענען, אַז ער איז נישט פון דאַנען. זעט זיך אויס, אַז דער כּהן, שטאַמענדיק פון אפרים, האָט פרי אויסגעוואַנדערט קיין יהודה און גערעדט מיטן דיאַלעקט פון דרום. ווייסן מיר, אַז דער צפון־דיאַלעקט פון אפרים האָט זיך אונטערשיידט מיט אַ ריי אידיאָמאַטישע באַזונדערקייטן פונעם דרום־דיאַלעקט. אַזוי אַרום דערקענען טאָקע די פרעמדע מענער דעם אייגענעם, זייער לאַנדסמאַן פון יהודה, מיט וועמען זיי פילן זיך גאָר היימיש. זיי פאַרבלײַבן איבער נאַכט אין זײַן הויז און פאַרפירן אַגב אורחא מיט אים אַ פרײַנדלעכן שמועס, פרעגן אים אויס פון וואַנען ער קומט און ווער האָט אים דאָ אַהערגעבראַכט. ער דערציילט זיי וואָס עס האָט זיך מיט אים פאַרלאָפן, אַז מיכה האָט אים געדונגען פאַר אַ כּהן און אָט איז ער טאָקע דאָ. בײַ דער געלעגנהייט בעטן די מרגלים דעם

יונגן כּהן, אַז ער זאָל אָנפרעגן בײַ גאָט צי דער וועג וואָס זיי גייען אויף אים וועט באַגליקן. אַן אָראַקל בײַ אַזאַ געלעגנהייט איז אין דער אַלטער צײַט נישט געווען קיין זעלטענע זאַך, עס האָט דעם מענטש באַשטעטיקט צי גאָר אָנטפּלעקט דעם רצון פון גאָט. דערהערנדיק פונעם מויל פון כּהן, אַז גאָט איז מיט זיי, ציִען זיי מיט אַ הארץ מלא שׂימחה פון דאַנען אַרויף־צו קיין לַיִש, וואָס איז געלעגן בײַ דעם מעכטיקן ירדן־קוואַל. דאָרט געפי־נען זיי אַ פּרוכפּערדיק, רחבותדיק לאַנד. די באַוווינער זײַנען פרידלעכע האַנדלס־מענטשן ווי די צידונים און האָבן פײַנט מלחמות. זעט זיך אויס אַז די לײַט פון לַיִש האָבן זיך מער פאַרזיכערט אויף זייער ווילשטאַנד איידער אויף פעסטונגען. זיי האָבן אַפילו נישט געהאַט קיין אַליאַנץ מיט די שכנותדיקע מדינות, און אַזוי אַרום האָט מען זיי געקענט לײַכט באַ־פאַלן און אײַננעמען זייער געביט.

גיך זײַנען די מרגלים צוריקגעקומען צו זייער שבט אין דרום און פול מיט התפּעלות זיי דערציילט, וואָס זיי האָבן געזען אין לַיִש, און ווי לײַכט מען קען די שטאָט בײַקומען. זיי דערמוטיקן זייערע ברידער און זאָגן צו זיי, לאָמיר אויפשטיין און אַרויפגיין אַרבן דאָס לאַנד, „פאַרוואָר, גאָט האָט עס געגעבן אין אײַער האַנט אַרײַן!"

באַלד לאָזן זיך די בני דן אין וועג אַרײַן. זיי ציִען אַוועק פון צרעה און אשתּאול קיין צפון. אָנקומענדיק אינעם געבערג פון אפרים, דערוויסן זיי זיך פון די פינף מרגלים וועגן דעם הייליקטום פון מיכהן, ווו עס גע־פינט זיך אַן אפוד און אַ געגאָסן בילד. פאַר זיי, די כיטרע און קריגע־רישע בני דן, איז אַזאַ הייליקטום ממש אַן אוצר, זײַן ווערט איז גאָרנישט אָפּצושאַצן. עס וועט זײַן אַ קוואַל פון מזל און שפע אויף דעם נײַעם וועג פון זייער וואַנדערונג. באַשליסן זיי טאַקע אויפן אָרט צוצונעמען דאָס היי־ליקטום פון מיכהן צוזאַמען מיטן כּהן. האָפן זיי אַזוי אַרום צו געפינען אַ סך לײַטזעליקייט אין די אויגן פון גאָט. דער איבערפאַל איז אַ געלונגענער. בשעת די באַוואָפנטע מאַכט פון די בני דן שטעלט זיך אַוועק בײַם אַרײַנ־גאַנג פון טויער, גייען די פינף מענער, די פריִערדיקע מרגלים, אַרײַן אין הויז, באַגריסן זייער באַקאַנטן כּהן און נעמען צו דאָס געגאָסענע בילד. איז דאָס געווען אַ שעת הכּושר איבערצוריידן דעם כּהן מיט זיי מיטצו־גיין. זאָגן זיי צו אים (י"ח, י"ט): „גיי מיט אונדז, און זײַ אונדז פאַר אַ פאָטער און פאַר אַ כּהן". מאָטיווירן זיי זייער בקשה צו אים דערמיט, וואָס עס איז דאָך בעסער צו זײַן אַ כּהן פון אַ גאַנצן שבט, איידער פון איין מענטש. זעט דאָס אָפּנים דער כּהן אײַן און ער איז מסכּים מיטצו־

ציִען מיט זיי. האָבן זיי צוגענומען צוזאַמען מיטן געגאָסענעם בילד די איבעריקע כּלי־קודש און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן.

קוים האָבן זיי זיך נאָר־וואָס געהאַט דערווײַטערט פון הויז, אַז מען האָט באַמערקט די גנבה — מסתמא איז מיכה מיט זײַן הויזגעזינד גראָד דעמאָלט געווען בײַ דער אַרבעט אין פעלד — איצט ערשט כאַפּט ער זיך, אַז דאָס הייליקע הויז איז געוואָרן אויסגעליידיקט פון אַלצדינג. טוט זיך טאָקע אָפּ חושך. אַ קלייניקייט, דער רויב פון הייליקטום. איז דאָך דאָס געווען אין דער אַלטער צײַט אַ שווערער חטא. איז טאָקע די חרפּה און בושה זייער גרויס. באַלד אַלאַרמירט מען די הויז־מענטשן און די שכנים, וואָס לויפן זיך צונויף פון אַלע זײַטן. אָבער לאַנג וואַרטן האָט מען נישט געקענט. די לאַגע האָט פאַרלאַנגט אַ גיכע אַנטשלאָסנקייט און מעשׂים. נעמט טאָקע באַלד מיכה מיט אַ הייפל פון זײַנע קנעכט נאָכצויאָגן די קינדער פון דן, כּדי בײַ זיי אָפּצונעמען די מיאוסע גנבה. די שווער־באַלאָדענע וואַנדערער מיט זייערע ווײַבער און קינדער, בהמות און לאַסטן, קענען זיך גאַטירלעך נישט אַזוי שנעל באַוועגן ווי די לײַכט־באַוואָפנטע לײַט מיט מיכהן בראש. גיך האָט ער זיי אָנגעיאָגט און נעמט זיך מיט זיי משפּטן. זײַנען מיר עדות פון אַט דעם דורכווערטלען זיך פון דיביידע צדדים. אַז די בני דן קוקן זיך אַרום און דערזעען מיכהן מיט זײַנע קנעכט, רופן זיי אויס מיט בייזוויליקייט און שפּאָט צו אים: וואָס איז געשען מיט דיר, וואָס דו ביסט דיך צונויפגעלאָפן? ענטפערט זיי מיכה מיט אַ שטאָך פון ביטערקייט: איר האָט צוגענומען מײַן גאָט וואָס איך האָב געמאַכט, און דעם כּהן, און זײַט אַוועקגעגאַנגען! וואָס נאָך האָב איך? הײַנט פרעגט איר גאָר מיך, וואָס איך וויל, וואָס איז מיר? אָבער די בני דן זײַנען ביטערע חברה־לײַט און האַרטע קריגער. זיי פאַרשטייען נישט קיין קונצן. מיט זיי קען מען זיך נישט אויסטענהן און מאָנען יושר. וואָרענען זיי מיכהן: לאָז בעסער נישט הערן דײַן קול, וואָרום מיר זײַנען פאַר־ביטערטע מענטשן. קען נאָך גאָר געמאָלט זײַן, אַז מיר וועלן אָנפאַלן אויף דיר און אומברענגען דיך און דײַן הויזגעזינד. זיי זײַנען אין דער אמתן געווען די שטאַרקערע, בעסער באַוואָפנטע און פילצאָליקער, הײַנט וואָס פרעגן זיי נאָך מיכהן מיט זײַן הייפל קנעכט? הערן מיר ממש אַרויס פון זייערע שטאָלצע רייד דעם חוזק און ביטול, מיט וואָס זיי האָבן באַגלייט זייערע אָנשרעקענישן אויפן אַדרעס פון הילפלאָזן מיכה מיט זײַנע לײַט. וואָס האָט מיכה באמת געקענט טאָן? ער ווייס, אַז ער קען נישט ריזיקירן מיט זיי קיין קאַמף, אויב ער וויל אַרויס מיט גאַנצע ביינער. איז ער זיך מיישב

(און מסתּמא מיט אַ שווער האַרץ), דרייט זיך אויס און גייט מיט זײַנע מענטשן צוריק אַהיים. אַ ברירה האָט ער געהאַט! אָבער די בני דן זײַנען מלא שׂימחה. אַזאַ גילדענע מערכה! אַ קלייניקייט, ס׳האָט זיי דאָך אָפּגעגליקט צו באַקומען אַזוי לײַכט, ממש פֿאַר אַ שיבוש, אַ גאָט און דערצו נאָך אַ כּהן, וואָס וועלן זיי איצט באַגלייטן אויף זייער נײַעם וועג און העלפֿן זיי פֿאַרנעמען דעם נײַעם מקום מנוחה, וואָס גאָט האָט פֿאַר זיי באַשטימט.

אָט די מעשׂה פֿון צוגענומענעם בילד, וואָס איז געוואָרן דערציילט אינעם אַלטן ישׂראל מיט אַ סך הומאָר און אַ חוזק־אונטערשלאַק, האָט מסתּמא אַרויסגערופֿן בײַ די צוהערערס אַ שטימונג פֿון פֿאַרגעניגן און אַנטציקונג. די מעשׂה האָט אַמוזירט. דער עולם האָט דערבײַ געלאַכט און זיך געפֿרייט איבער דעם געלונגענעם אײַנפֿאַל פֿון די בני דן. דער מוסר־השׂכּל איז געווען אַ פּשוטער, אַ פֿאָלקסטימלעכער, פֿון דעם טיפּ „על דאטפת אטפוך״, אַזוי ווי דו מיר, אַזוי איך דיך. די מיאוסע גנבה פֿון מיכהן איז אים געוואָרן ריכטיק אָפּגעגילט. ער האָט כּשר פֿאַרדינט, אַז די בני דן זאָלן בײַ אים צונעמען זײַן הייליקטום, אים אַפֿילו אויסכאַפּן דעם כּהן און פֿון אים אָפּשפּעטן און זיך גאָר פֿון אים אויסלאַכן. וואָס האָט נאָך מיכה מער געקענט טאָן, ווי אויסדרייען דעם דישל און אַנטלויפֿן אַהיים מיט זײַנע קנעכט, כּל זמן עס איז נאָך געווען צײַט?

דער סיפּור־המעשׂה ענדיקט זיך דערמיט, וואָס עס ווערט אונדז דערציילט, ווי אַזוי די בני דן האָבן אײַנגענומען די שטאָט ליש. אין זײַן פֿאָלקסטימלעך־תּמימותדיקן טאָן דערציילט אונדז דער פּסוק, אַז די קינדער פֿון דן זײַנען אומגעריכט באַפֿאַלן די שטאָט ליש מיט איר פֿאָלק, וואָס איז געזעסן רויִק און זיכער אויף זײַן באָדן, נישט דערוואַרטנדיק קיין שום בייז, „זיי געשלאָגן מיטן שאַרף פֿון שווערד און די שטאָט פֿאַרברענט אין פֿײַער״. מלחמות זײַנען תּמיד מוראדיק און טראַגיש, און עס איז שווער אויף זיי צו געפֿינען אַ זכות. דאָ ווערט באַפֿאַלן אַ כּנענישע באַפֿעלקערונג, וואָס לעבט בשלום און שלווהדיק אויף איר באָדן, אַ זיכערע אין איר ווילשטאַנד און שפֿע. זי ווערט אויסגעהרגעט און די שטאָט פֿאַרברענט ביזן דנאָ, כּדי עס זאָל פֿון איר קיין זכר נישט בלײַבן פֿאַר די קומענדיקע דורות. עס איז אַפֿילו נישט געווען, גיט דער פּסוק לאַקאָניש צו, ווער עס זאָל ליש מציל זײַן, קומען איר צו הילף, ווײַל זי איז געווען ווײַט אַוועק פֿון צידון. אײַנגענומען די שטאָט און זי צעשטערט, האָבן די בני דן באַלד דערנאָך אויפֿגעבויט אויף די חורבות פֿון דער אַלטער שטאָט אַ נײַע, זיך אין איר באַזעצט און איר אַ נאָמען געגעבן דן. עס איז געווען

דער וויַטסטער פונקט אין צפון, ווהין די גרענעץ האָט געגרייכט אין דער אַלטער צײַט, דערפאַר טאַקע הערן מיר תמיד אין תנ״ך וועגן די גרענעצן פון לאַנד, וואָס ציִען זיך „פון דן ביז באר שבע״, פון סאַמע צפון ביזן סאַמע דרום. דער עיקר פון דעם סיפור־המעשה אָבער איז נישט דאָס איַינ־נעמען פון לַיש דורך די בני דן, נאָר דער וויַטערדיקער גורל פון מיכהס אָפּגאָט. דערמיט טאַקע ענדיקט זיך די מעשה. צום סוף דערציילט אונדז נאָך דער פסוק, אַז די בני דן האָבן אויפגעשטעלט „דאָס געשניצטע בילד״, מסתמא אין אַ הייליקטום, וואָס זיי האָבן אויפגעבויט. דאָס דאָזיקע היי־ליקטום, וואָס האָט אַפּנים געדינט דעם גאַנצן שבט, האָט עקסיסטירט עט־לעכע הונדערט יאָר, ביזן טאָג ווען דאָס פאָלק איז פאַרטריבן געוואָרן דורך אַשור, בערך 734 פאַר דער הײַנטיקער צײַט.

פון אַ רעליגיעז־געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט איז אינטערעסאַנט דער פאַקט, וואָס אונדזער דערציילער פאַרגעסט צום סוף עפּעס אין גאַנצן אין דעם כהן, וואָס די בני דן האָבן צוגענומען צוזאַמען מיטן בילד פון מיכהס הויז. ער איז נאָר מוסיף אויף זײַן לאַקאָנישן אופן, אַז יהונתן, דער זון פון גרשם, דער זון פון משהן (מנשה), ער און זײַנע זין, זײַנען פון דעמאָלט אָן געווען כהנים פון שבט דן. האָבן מיר על כן צו טאָן מיט אַ ליניע פון כהנים, וואָס ציט גאָר איר ייִחוס פון יהונתן, אַן אייניקל פון משהן. אָדער אפשר גאָר איז טאַקע דער יונגער כהן, וואָס האָט געדינט ביַי מיכהן, געווען דער זעלביקער יהונתן? ווי דאָס זאָל נישט זײַן, עס האָט זיך אונדז דאָ אויפגעהיטן ביז גאָר אַן אינטערעסאַנטע טראַדיציע, וואָס וויס פון אַ שיכט כהנים, וואָס שטאַמט נישט פון דער מיוחסתדיקער כהנים־אַריס־טאָקראַטיע אהרן אין ירושלים, נאָר גאָר פון משהן.

*

אין די קאַפּיטלעך י״ז און י״ח פון שופטים האָבן מיר אַ פּרעכטיק געמעל פון אַ שטיק פאַרצײַטיש־ייִדישער ווירקלעכקייט מיט דעם גאַנצן חן און פשטות פון אַ פאָלקסטימלעכער דערציילונג. עס איז אַן עכט שטיקל העברעיִשע פּראָזע, וואָס האָט אויפגעהיטן פון די עלטסטע צײַטן אַ געשיכט־לעכע מסורה וועגן דעם הייליקטום אין דן, ווי אַזוי עס איז אויפגעקומען און פון וואַנען עס האָט זיך בעצם גענומען דאָס געגאָסענע בילד, וואָס שפּעטערדיקע דורות האָבן נאָך אַוודאי געקענט. אגב דאָס דערמאָנט אונדז די תנכישע מעשה, אַז ירבעם דער ערשטער האָט נאָך דער צעטיילונג פון דער מלוכה אַוועקגעשטעלט איינס פון די צוויי גילדענע קעלבער, וואָס

ער האָט געמאַכט (מלכים א׳, י״ב, כ״ח־כ״ט), אין דן, טאַקע דאָרט, וווּ עס איז געשטאַנען דאָס אַלטע הייליקטום.

דער סיפּור־המעשׂה פון שופטים גיט אונדז אַ לעבעדיק בילד פון יענעם פריִען עבר, מיט דער גאַנצער פאַרביקער שטייגערישקייט פון יענע ווײַטע דורות, זייער וועלט־באַנעם און מינהגים. דערמיט פאַרבינדט באַגלײַך דער דערציילער אַ גבורהדיק קאַפּיטל פון דער וואַנדערונג פון שבט דן פון דרום קיין צפון און פון אויפקומען פון דער שטאָט דן מיט איר שבט־הייליקטום. פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט זיך דאָ אַ פּאַרצײַטישע וועלט מיט איר גאַנצער פאָלקסטימלעכער אייגנדיקייט, אַ געזונטע, אַן ער־דישע, מיט איר לעבנספרייד און אייגענעם נוסח. עס פילט זיך נאָך אין איר די גאַנצע בראשיתדיקע פרישקייט פון דעם פּאַרצײַטישן מענטש: גבורהדיק, פול מיט חיות און שטיפערישן צאַפּל. ער, דער מענטש, איז נאָך אַ נאַטור־קינד, בעצם זאָרגלאָז, תּאוותדיק, אַ בעל־כּוח און מיט געזונטע אַפּעטיטן. ער גריבלט זיך נישט. ער איז פרײַ פון פאַרצווימונגען און זײַן קינדישע פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך לײַכט און ליכטיק ווי דער זוניק־בלויער הימל איבער דער ארץ־ישׂראלדיקער ערד. דערווײַל איז ער נאָך צונויפגע־גאָסן מיט דער מוטער־ערד, וואָס דערנערט אים, מיט די כּוחות פון דער נאַטור, מיט די וואַסער־קוואַלן און געוויקסן, מיט די מעכטיקע, אַרויס־שטאַרצנדיקע פעלדזן פון די גאָלע בערג, און פון די טיפע, פרוכפּערדיקע טאָלן. אומעטום רעדט צו אים די בריאה, און אומעטום באַגעגנט ער זײַן גאָט, זײַן פּערזענלעכן גאָט, וועמען ער דינט אויף פאַרשיידענע דרכים און אופנים, ווו ער גייט און ווו ער שטייט: בײַ די קוואַליקע וואַסערן, אויף די הויכקייטן און צווישן די פעלדזיקע שטיינער, אונטער די שפּראָצונגען פון די גרינעביימער, אינעם ליכט פון טאָג און אין דעם מאָטן אָפּשײַן פון דער נאַכט. עס זײַנען פאַרבאָרגענע נאַטור־כּוחות, וואָס ריידן מיט זייער סודותפולן לשון צו דער טיפעניש פון מענטשלעכן האַרץ, וואָס רופן אַרויס פרייד און אָפּשײַ, מורא און פאַרגעניגן.

עס איז נאָך אַ ווײַטע, אַ רחבותדיקע, אַ צעעפנטע און אומשולדיקע וועלט, איידער דער מענטש האָט זיך צונויפגעטראָפן פּנים אל פּנים מיט זײַן מאָראַלישן גאָט, דעם אײנציקן וועלט־גאָט, דעם האַר און באַשאַפער, מיט דער ריינער, סובלימירטער רעליגיאָזיטעט און אַ מעטאַפיזישן וועלט־באַנעם, וואָס האָט דעם מענטש צוגענומען פון דער ערד און אים דער־הויבן צו די הימלען. דערווײַל איז דער מענטש נאָך צוגעקאָוועט צו דער ערד, אַרײַנגעטאָן מיט אַלע זײַנע חושים אין דער שפעדיקער פרוכפּערדיקייט

פון אונטן. זײַן אמונה באַשטייט פון פרימיטיווע פאָרשטעלונגען, פון קינדי־שער פרייד און לעבנס־הנאה, אָפט געמישט מיט אַ באַהאַלטענער מורא פאַר די פאַרבאָרגענע נאַטור־כוחות, וואָס זײַנען די פערסאָניפיקאַציעס פון כל המינים געטער און רוחות, וועמען מען טאָר נישט דערצערענען. אַדרבא, מען מוז זיך מיט זיי גוט האַלטן און קענען באַפרידיקן זייערע זשעדנע אַפּעטיטן. האָט ער, דער מענטש פון יענע ווײַטע דורות, געמוזט האָבן זײַן אייגענעם גאָט, אָדער ווי דער פאַרצײַטישער מענטש פון תּנ״ך, אַ סימבאָל פון דעם גרויסן, אָפּגעשיידטן, הימלדיקן גאָט, וועמען ער זעט נישט, אָבער וועמען ער מוז האָבן בײַ זיך און אַרום זיך, כּדי זיך מיט אים אויסצו־שמועסן אינטים און פערזענלעך בשעת הצורך, צו אים געבענענען מיט אַ בקשה און זיך מיט אים קענען איבערבעטן. עס איז געווען אַ געטלעכקייט פון ערד־נאָענטשאַפט, איידער עס איז געקומען יענע פון וועלט־ווײַטקייט און פון מעטאַפיזישער דערהויבנקייט.

שטאַמט אונדזער ליטעראַריש אַזוי צײַטיק קאַפּיטל אין שופטים פון אַט יענער ווײַטער קינדער־צײַט פון דעם אַלטוועלטיקן ייִד פון דער תּנ״ך־צײַט, ווען די באַציונג פון מענטש צו זײַן גאָט איז נאָך געווען אַ פערזענ־לעכע, אַן אוממיטלבאַרע און אַ נאַטירלעכע. וואָרפט טאַקע דאָס קאַפּיטל אַן אינטערעסאַנט ליכט אויף די רעליגיעזע פאַרהעלטענישן אין ארץ־ישׂראל אין יענע ווײַטע דורות. צענטראַלע הייליקטימער, זעען מיר, זײַ־נען נאָך דעמאָלט געווען אַ זעלטענע זאַך. אַ מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז אַ נאַציאָנאַלער פירער, דער ראָש פון אַ שבט אָדער פון אַן אָנגעזעענער משפּחה, האָט געהאַט בײַ זיך אין אָרט אַ מזבח אָדער אַפילו אַ פּריוואַטן בית־מיקדש. אָט הערן מיר למשל (שופטים, ו׳, כ״ה), אַז יואש, דער הויפּט פון דער משפּחה אביעזר, האָט געהאַט אַ מזבח (אגב פאַרן בעל־גאָט), וווּ אייגענע און אַרומיקע מענטשן האָבן פון צײַט צו צײַט מקריב געווען קרבנות. זײַן זון גדעון, איינער פון די העלדישע שופטים פון יענער צײַט, האָט נאָך זײַן נצחון איבער די מדיינים אָוועקגעשענקט דאָס גאַנצע צוגע־ראַבעוועטע גאָלד דעם הייליקטום אין עפרה און דערפון געמאַכט אַ גילדענעם אפוד, אַ מין סטאַטוע, ווי אַ סימבאָל פון דעם לעבעדיקן גאָט. ענלעך האָט זיך אויך נוהג געווען מיכה פון אפרים מיט די זילבערנע שקלים, וואָס זײַן מוטער האָט אָוועקגעשענקט צו גאָט. ער האָט דערפון געמאַכט אַ געגאָסן בילד און עס אָוועקגעשטעלט אין זײַן פּריוואַטן היי־ליקטום, וואָס איז דערנאָך אַריבער צו די בני דן.

אויך פּראָפעסיאָנעלע כּהנים זײַנען נאָך דעמאָלט געווען זייער זעלטן.

על־פּי־רוב האָט די גאָטסדינסטלעכע פונקציע אויסגעפירט דער ראש פון דער משפּחה אָדער אײנער פון די פּני העיר. לוײם זײַנען דעמאָלט געווען ווייניק. זײ באַווײַזן זיך אונדז ווי וואַנדערנדיקע כּהנים, וואָס ציִען פון איין אָרט צום אַנדערן, פאַרדינגען זיך צו טאָן אויף אַ געוויסע צײַט די הייליקע עבודה אין אַ הייליקטום אָדער אַרום אַ מזבח און אַזוי אַרום זיך פאַרדינען אויף ברויט. אַזוי איז דאָס געווען מיט דעם יונגן לוי, וואָס איז געוואָרן אַ כּהן אין הייליקטום פון מיכהן. בשעת די בני דן האָבן צוגענומען דאָס געגאָסענע בילד מיט די איבעריקע הייליקע חפצים, איז דער כּהן מיט זײ מיטגעגאַנגען. אין דער שטאָט דן איז טאַקע באַלד אויפגעקומען אַ הייליקטום וווּ די עבודה איז געוואָרן געטאָן פון אַ כּהן, וואָס האָט געשטאַמט פון משהן. ווײַל אונדז דער פּסוק דערמיט אפשר גאָר לאָזן הערן, אַז אין יענע ווײַטע צײַטן, ווען עס איז נאָך נישט געווען קיין מלך איבער ישׂראל, איז די כּהונה, ווי מיר קענען זי פון שפּעטער, נאָך נישט געווען קיין נאָרמאַליזירטע און קאָנווענציאָנעלע אינסטיטוציע, וואָס האָט באַלאַנגט צו איין באַשטימטער משפּחה. די כּהנים זײַנען דווקא נישט תּמיד געווען פון די בני אהרן. שטייען מיר דאָ נאָך אויף אַ טיפערן שטאַפּל, אפשר גאָר אין די סאַמע אָנהייבן פון דער רעליגיעז־קולטישער אַנטוויקלונג פון ייִדישן פאָלק, מיט דעם שפּעטער באַשטימטן און פון דער טראַדיציע געהייליקטן ריטואַל און סאַנקציאָנירטן צערעמאָניאַל. ערשט דורות שפּעטער, און אַדאַנק דער פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון דער מלוכה און דער קאָנצענטראַציע פון מאַכט אין די הענט פון די מלכים, איז דער רעליגיעזער קולט געוואָרן צענטראַליזירט אין ירושלים און מיט אים אַ כּהנים־שיכט, וואָס האָט געצויגן איר דורות־אַלטן ייִחוס פון אהרן. דערפאַר טאַקע זײַנען פאַר אונדז אַזוי וויכטיק און ביז גאָר אינטערעסאַנט די ידיעות, וואָס אונדזער דערציילער האָט מיט אַ סך פיעטעט אויפגעהיט. עס שמעקט פון דאָרט מיט בראשיתדיקער ערד, מיט זוניקע בערג און ליכטיקע טאָלן און מיט אַ סך פאָלקסטימלעכקייט. עס איז אַ לעבעדיק, וואַרעם בילד פון דער אַמאָליקער פאַרביקער שטייגערישקייט, פון אַ נאַטירלעכער פרישקייט און אַ געזונטער, שפּילעוודיקער פרייד פון דעם פאַרצײַטישן מענטש, איידער ער האָט זיך פאַרקליבן אויף דעם לאַנגן, שווערן באַרג־אַרויף צו די הימלדיקע הויכקייטן פון דער שפּעטערדיקער ייִדישקייט.

(1958)

גדעון — דער פאָלקסהעלד

דעם אַנאָנימען קעמפער פאַר פרײַהייט אין דער ייִדישער מדינה

„...די ווערטיקייט פון אונדזערע קעמפער באַשטייט נישט אין זכות פון אײַזן, נאָר אין זכות פון אַן איבערצײַגונג, פון אַ העכערער שליחות... צו פאַרזיכערן דעם קיום פון פאָלק״... **דער רמטכ״ל יצחק ראַבין.**

און עס איז געווען אין די צײַטן פון די ריכטער, די שופטים.

עס איז געווען די צײַט נאָך דער באַצווינגונג און פאַראַרבונג פון די בני ישראל אינעם לאַנד כנען, די גרויע צײַט פון אַ פאָלק־באַגינען אויף זײַן אייגענער ערד. עס איז געווען יענע דערהויבענע תקופה אינעם לעבן פון פאָלק מיט זײַנע גבורה־מעשים און גײַסטיקן געראַנגל, וואָס שטייט פאַרשריבן מיט גילדענע אותיות אין די קדמון־כראָניקעס און אין די עפּישע העלדן־לידער פון יענעם אויפגעשטורעמטן, ווײַטן עבר פון דער פאָלקס־געשיכטע.

גרויסע טיילן פונעם לאַנד כנען האָבן שוין די שבטים געהאַט אײַנגענומען און זיך אין זיי קונה־שביתה געווען. די האַלב־נאָמאַדן פון נעכטן, וואָס זײַנען אַנגעקומען אינעם רײַכן קולטור־לאַנד פון כנען נאָך אַ לאַנגן מאַרשרוט דורך דער מידבר, האָבן זיך גיך פאַרפונדעוועט און פאַרפעסטיקט אין דעם נײַעם באָדן. זיי זײַנען באַלד אַריבער צו אַן אַגריקולטורעלערווירטשאַפט, דערגרייכט אַ שיינע שטופע פון לאַנד־אַרבעט און זיך אַלס פויערים פאַראַרבט אינעם לאַנד.

אָבער קיין מלך האָט נאָך דעמאָלט נישט געקיניגט איבער ישראל. עס איז נאָך נישט געווען קיין צענטראַל־אָרגאַניזירטער כּוח, אַ שטייגער ווי בײַ אַ סך אַלט־אײַנגעפונדעוועטע אָריענטאַלישע מדינות, וואָס זאָל אָנפירן מיט די בשותּפותדיקע אינטערעסן פון די איינצלנע שבטים. פּאָליטיש איז דאָס לעבן געשטאַנען אין אַ צייכן פון אַ שבט־פּאַרטיקולאַריזם, יעדער שבט אָפּגעזונדערט און געלעבט פאַר זיך מיט זײַן „הייליקן עגאָיזם״. צו קיין נאַציאָנאַלער אחדות איז מען נאָך דערווײַל נישט געווען דערוואַקסן.

זײַענדיק אָפּגעריסן פֿונעם כּלל פֿאָלק, איז איטלעכער שבט אָפּט געשטאַנען אַלײן, מיט זײַנע אַנגסטן און פֿרײד, מיט זײַנע דאגות און געראַנגל. זעלטן איז מען געװען פֿעיִק אױסצופֿירן אַ בשותּפֿותדיקע פֿאַר־טײדיקונגס־אַקציע און אַזױ אַרום זיכערן די פּאָליטישע און טעריטאָריאַלע גאַנצקײט פֿון לאַנד. דאָס עפּנטלעכע לעבן פֿון די שבטים איז לאַנגע יאָרן געשטאַנען אונטערן צײכן פֿון יחידישע אינטערעסן, מיט דעם באַרימט־געװאָרענעם, דורות־אַלטן מאָטאָ פֿון „איש הישר בעיניו יעשׂה". יעדער אײנציקער האָט אַזױ געטאָן װי עס איז אים געפֿעלן געװאָרן!

אָט דעם מצב פֿון סעפּאַראַציע, פֿון אינעװײניקסטער צעשפּליטערטקײט און פּאָליטישער הילפֿלאָזיקײט, האָבן די קריגערישע שכנים פֿאַרשטאַנען זײער גוט אױסצונוצן לטובת זײערע רױבעריש־מערדערישע אָנפֿאַלן אױף די ישׂראל־שבטים, זײ זײַנען מחנותװײַז באַפֿאַלן דאָס לאַנד, געראַבעט און געמאָרדעט און פֿאַרפֿלײצט, אַ שטראָם פֿון געבלינקער גבורה פֿון די פּאַרטײַסע לענדער. פֿון דראַנגען האָט פֿאַרלענדט די שװערד און פֿון אינעװײניק האָט געהערשט אַן אימה און אַ בהלה פֿאַרן מאָרגן.

אין אַזאַ צײַט פֿון פּורעניות און נױט פּלעגט דאָרט זיך באַװײַזן אַ פֿאָלקס־פֿירער, אַ גיבור חיל, װי דער תּנ״ך רופֿט אים אָן, שטאָלץ און מוטיק, דרײסט און גבֿורהדיק, װאָס האָט געשטאַמט פֿון די סאַמע יאָדער־דיקע פֿאָלקס־שיכטן און איז געװען גרײט צו העלפֿן זײַן שבט אין דער עת־צרה. אין זײַן האַרץ האָט געברענט אַ פֿײַער פֿון נקמה צו די שׂונאים און באַדריקער, און אױפֿגעהױבן די פֿאָקלען פֿון מרידה און װידערשטאַנד. מיטן כּוח פֿון זײַן העלדישער פּערזענלעכקײט האָט ער צעצונדן די הערצער פֿון זײַן שבט און אַרום זײַן מרידה־פֿאָן פֿאַרזאַמלט אַ מחנה פֿאַרביטערטע נקמה־נעמערס, װעמען קײן זאַך איז נישט געװען טײַערער װי די אײגענע פֿרײַהײט. זײ זײַנען געװען גרײט אױף אַלץ, אַפֿילו אױף די גרעסטע קרבנות, אַבי צו שיצן מיט זײער לעבן דאָס ביסל אײגנס, זײער ביסל האָב און גוטס, און פֿאַרטײדיקן זײער מענטשלעכן כּבֿוד. מיט עקשנותדיקער גבֿורה האָבן זײ זיך געװאָרפֿן אױפֿן שׂונא און זײַנען נישט אָפּגעשטאַנען, ביז עס האָט זײ נישט אָפּגעגליקט אים צו פֿאַרטרײַבן און באַפֿרײַען דאָס לאַנד פֿונעם פֿרעמדן יאָך.

עס זײַנען געװען כאַריסמאַטישע פֿירער, אָנגעפֿילט מיט אַ געטלעכן גײַסט, װאָס האָבן זיך געשטעלט בראש פֿון קאַמף און נישט גערוט ביז זײ האָבן אױסגעפֿירט זײער דערהױבענע שליחות. זײַנען אָט די פֿירערס פֿון דעם העלדישן פֿאַרטײדיקונגס־קאַמף געבליבן אַ צײַט לאַנג די לעגי־

טימע הערשערס פון זייער שבט, אָדער גאָר פון אַ גרופּע שבטים, וואָס האָבן זיך געהאַט פאַרבונדן אונטער זייַן אָנפירונג צום קאַמף קעגן דעם פרעמדן באַדריקער. מען האָט זיי גערופן ריכטער, שופטים, וואָס האָבן געמשפּט דאָס פאָלק אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן געלעבט. עס איז בעצם געווען אַ פאָלקס־דעמאָקראַטיע מיט אירע אינסטיטוציאָנעלע אָרגאַנען, וואָס האָט באַשטימט איר מנהיג, וואָס זאָל אָנפירן מיט די אינטערעסן פונעם כּלל. בדרך כּלל איז זייַן אַמט נישט אַריבערגעגאַנגען בירושה צו זייַנע קינדער. מיט דעם שופטס טויט האָט זיך אויך געענדיקט דער טערמין פון זייַן געוויילטער הערשאַפט, ביז עס האָט זיך אָנגערוקט אַ נייַע סכּנה, עס איז געקומען אַ פרישע עת־צרה און עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייַער פירער, אַ העלדישער מנהיג, וואָס איז געוואָרן דער אינסטרומענט פון פאָלקס־ווילן, פון קאַמף און נצחון קעגן די שונאים פון זייַן פאָלק.

אין אַט אַזאַ ערנסטער צייַט און בייַ אַזאַ פּאָליטישער קאָנסטעלאַציע איז אַרויפגעשוווּמען אויף דער נאַציאָנאַלער אַרענע די פירער־פיגור פון גדעון־ירובעל פון דער משפּחה אביעזר אינעם שבט מנשה. אויף די שבטים, וואָס האָבן געלעבט אינעם האַרץ פון לאַנד כּנען, בעיקר דער שבט מנשה, האָט זיך דעמאָלט אָנגערוקט אַ גרויסע סכּנה. פון דעם ראַנד עבר־הירדן האָבן זיך, בערך אין אָנהייב פון דעם 11טן יאָרהונדערט, אַ וואָרף געטאָן גרויסע מחנות בעדויִנער אויף דעם קולטור־לאַנד אויף דער מערב־זייַט פון ירדן. רייַכע תּבֿואה־פעלדער, סטאַדעס מיט בהמות און שאָף, אַ יוסטע באַלעבאַטישקייט האָט שוין פון תּמיד אָן געצויגן דעם מידבר־מענטש, וואָס האָט געזוכט ברויט און וואַסער פאַר זיך און זייַן פיך. מחנותווייַז האָבן זיי זיך אַרייַנגעריסן און פאַרפלייצט דאָס קולטור־לאַנד מיט זייערע מענטשן און אויסגעהונגערטע סטאַדעס. אין יענער צייַט זייַנען עס געווען די מדיינים און די מענער פון עמלק מיט די קינדער פון מיזרח, וואָס האָבן זיך אין משך פון לאַנגע יאָרן — דער פּסוק רעדט פון זיבן יאָר נאָך אַנאַנד — אַרייַנגעריסן אין די פּרוכפּערדיקע טאָלן און בערג פון לאַנד און אָנגעשפּאַרט העט ווייַט ביז צום דרום, ממש ביז עזה. ווי אַ כמאַרע היישעריקן האָבן זיי באַדעקט די שייַן פון דער ערד, געראַבעוועט און צעשטערט די ייִדישע פּראַצע און איבערגעלאָזט נאָך זיך גאָלע פאַרוויסטונג. זייערע אָנפאַלן פלעגן אָט די זין פון דער מידבר אויספירן אין דער צייַט פון שניט, ווען די פעלדער זייַנען געשטאַנען אָנגעלאָדן מיט רייַפער תּבֿואה און דער פּויער אויף דער סאָכע האָט דערוואַרט מיט

אַ שטילן ציטער אינעם האַרץ די ברכה פון הימל און ברויט צו דער זעט. דעמאָלט זײַנען אָט די ווילדע מידבר־באַוווינער אָנגעקומען מחנותווײַז אויף זייערע שנעלע קעמלען פון מיזרח־ירדן און באַפאַלן דאָס אומבאַשיצטע לאַנד. זייערע סטאַדעס קעמלען האָבן אויפגעפרעסן אָדער צעטראָטן די שטייענדיקע תּבֿואות און די פּרוכט פון די פעלדער. דאָס ביסל קאָרן אָדער ווייץ, וואָס דער ייִדישער פּויער האָט שוין געהאַט באַוויזן צו דרעשן, צוזאַמען מיט זײַנע בהמות און שאָף, האָבן די אויסגעהונגערטע, ווילדע בעדויִנער אַוועקגעשלעפּט און אַנטלאָפן מיט זייער זאַקרויב. קעגן אַזאַ באַוואָפנטע און שנעל באַוועגלעכע רויבער־מחנה האָט זיך דער אײַנגעזעסענער און שווער־באַוועגלעכער ייִדישער פּויער נישט געקענט קיין עצה־געבן. ער איז געווען שוצלאָז און הילפלאָז. איז מען דעריבער אַנטלאָפן פון די פעלדער און דערפער אין די אַרומיקע בערג, זיך אויסבאַהאַלטן אין די היילן און לעכער, כּדי זיך פּשוט צו ראַטעווען דאָס נאַקעטע חיות. מען האָט אַלץ איבערגעלאָזט אויף הפקר און די רוצחישע באַנדעס האָבן זיך אַוועקגעזעצט בײַ געגרייטע טישן. זיי האָבן געשניטן, וואָס אַנדערע האָבן געזייט, געפרעסן, וואָס אַנדערע האָבן פאַרפלאַנצט. מען האָט געהוליעט און זיך געלאָזט ווילגיין, געלעבט אַ גוטן טאָג אויפן חשבון פונעם פאַרטריבענעם פּויער, מען האָט געראַובט און פאַרוויסט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. פאַרשוווּנדן זײַנען אָבער אָט די זין פון מידבר אַזוי גיך ווי זיי זײַנען געקומען, איבערלאָזנדיק נאָך זיך צעשטערונג און פאַרוויסטונג.

מיט זײַן כאַראַקטעריסטישן צימצומדיקן עפּיקער־סטיל, פּירט אונדז דער תּנכישער דערציילער פון שופטים קאַפּ. ו׳ אַרײַן אין די אויפטרייסלענדיקע געשעענישן פון יענער צײַט. ער איז קורץ, פאַקטיש און רעדט מיט געמאָסטענע רייד. ער פאַרלירט נישט קיין איבעריק וואָרט, כּדי אַרויסצואַרבעטן דעם דראַמאַטישן עלעמענט פון זײַן פאַבולע. די געשפּאַנטקייט פון דער לאַגע פילט מען נאָר אַרויס פון צווישן די שורות. ער רעדט גיכער מיט אַ רמז, מיט אַ זשעסט איידער מיט אַן איבעריק וואָרט. ער פאַרמאָגט נאָך דעם אָפּשײַ און אַ מידה פון דרך־ארץ צו דעם אַרויסגערעדטן וואָרט, וואָס איז דווקא זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַלטער דערצייל־קונסט. אָבער דווקא די מעלה פון אַן אײַנגעהאַלטענעם, עפּיש־געלאַסענעם סטיל, גיט צו דעם תּנכישן סיפּור־המעשׂה זײַן באַזונדערן חן און כּישוף.

אַזוי דערציילט אונדז דער פּסוק מיט זײַן עפּישער פּשטות און מיט געמאָסטענע רייד די מעשׂים און גבֿורות פון גדעונען און זײַן קאַמף קעגן די

מדיינים און זייערע אַליאַנטן. די לאַגע ווערט אונדז קלאָר שוין מיטן ערשטן פסוק, וואָס זאָגט אונדז אָן, אַז די האַנט פון מדיין איז געלעגן האַרט אויף ישׂראל (ו׳ ב׳). „האָט ישׂראל געהאַט געזייט, אַזוי פלעגן אַרויפגיין מדיין און עמלק און די קינדער פון מיזרח און פאַרוויסט די תבואה פון לאַנד. און זיי פלעגן נישט איבערלאָזן קיין דערנערונג אין ישׂראל, צו מאָל אַ שעפּס, אָדער אַן אָקס, אָדער אַן אייזל. און ישׂראל איז זייער פאַראָרעמט געוואָרן פון וועגן מדיין״.

די לאַגע אינעם לאַנד איז אַ שווערע ביז גאָר. עס איז ווידער אַ מאָל די צײַט פון שניט. אַן אומרו און אַ געפיל פון פחד באַהערשט אַלעמען. אויף די רײַך־פאַרזייטע פעלדער שטייען איצט די רײַפע, פולע זאַנגען און וואַרטן אויף די שניטער. דער ייִדישער פויער וואַרט שוין מיט אומגעדולד, נאָך אַ שווערן, הונגעריקן ווינטער, אויף דעם ביסן ברויט, וואָס ער האָפט אַראָפּצונעמען פון זײַן סאָכע און האָבן עסנוואַרג פאַר זיך און אַ ביסל פאַשע פאַר זײַנע בהמות. דאָס לעצטע יאָר האָבן די מידבר־וואַנדאַלן גע־רויבט און פאַרניכט די גערעטעניש, האָט דאָס פאָלק געהונגערט. ווי וועט זײַן הײַ־יאָר? וועט מען זוכה זײַן צו אַ ברכה פון הימל און קענען באַצײַטנס אַראָפּנעמען דאָס ביסל קאָרן און ווייץ פון פעלד, איידער די משחיתים פון דער מידבר וועלן אָנקומען? עס איז אַ שטימונג פון אָפּ־העטיקייט און ייִאוש. דער מצב איז מסוכּנדיק. וועט מען ווידער אַ מאָל מוזן לײַדן הונגער און נויט? דאָס אַלץ זאָגט אָבער דער נאַראַטאָר בפירוש נישט אַרויס. מיר קענען זיך נאָר אין דעם אָנשטויסן פון דעם עצם סיפּור־המעשׂה.

אָט די סאָרט געדאַנקען האָבן מסתּמא אויך באַשעפטיקט די אײַנ־ווױנער פון דעם שטעטל עפרה, וואָס איז געלעגן אין שבט מנשה און איז געווען דער ווינאָרט פון דער אָנגעזעענער משפחה אביעזר. גדעונס פאָטער, דער אַלטער יואש אביעזר האָט געהערט צו אַ משפחה פון אַלט־אײַנגע־זעסענע פויערים, אײַנגעפונדעוועטע אין זייער באָדן, אים זאָרגעוודיק באַאַרבעט און דערפון געצויגן זייער חיונה. אָרעם זײַנען זיי נישט געווען, אָבער קיין גרויס עשירות האָבן זיי מסתּמא אויך נישט געהאַט. עס איז געווען אַ יוסטע באַלעבאַטישקייט, וואָס האָט געגעבן, נאָך אַ האַרטער פּראַצע, ברויט צו דער זעט פאַר די מענטשן און זייער פיך. זײַנען אָבער אָנגעקומען שווערע צײַטן פון מהומות און רציחות, איז מען געשטאַ־נען ראַטלאָז און נישט געוווסט וואָס צו טאָן.

א. די שליחות

עס איז דער ערשטער אַקט פון דער דראַמע, די שליחות פון גדעון, דעם זון פון יואשן פון דער משפחה אביעזר. דער טאַטע יואש האָט, ווײַזט זיך אויס, צוגעטראַכט אַ פּאַרטל. ער וויל נישט דערלאָזן, אַז זײַן ביסל פּראַצע זאָל אַרײַנפאַלן אין די הענט פון די מידבר־גזלנים. האָבן אים די כּסדרדיקע אינוואַזיעס סײַ ווי סײַ שטאַרק פאַראָרעמט, זאָל מען נאָך צו־נעמען בײַ אים דעם לעצטן ביסן ברויט? ער האַנדלט גיך. שנעל נעמט ער אַראָפּ די האַלב־פאַרטיקע תּבואה פון די פעלדער. זײַן זון גדעון נעמט זיך צום דרעשן נאָך איידער דער שונא זאָל באַווײַזן אַנצופאַלן אויפן לאַנד. ער דרעשט, דערציילט אונדז דער פּסוק, נישט אין אַ שײַער ווי דער שטייגער איז, נאָר אינעם קעלטער, דאָרט ווו מען טרעט די טרויבן.

דער שטאָף איז אָנגעלאָדן מיט דראַמע. מיר, צוזאַמען מיטן פאָלקס־מענטש אין דער אַלטער צײַט, הערן זיך גוט אײַן און ווערן מיט אַ מאָל אויפמערקזאַמער. דער אינטערעס אין דער דערציילונג וואַקסט, מיט אַ מאָל באַנעמען מיר וואָס עס קומט דאָ פאָר. הגם נישט בפירוש דערמאָנט, פון דעסטוועגן קענען מיר זיך לײַכט אָנשטויסן, וואָס, אין קעלטער דרעשט מען גאָר תּבואה? יאָ, איז מסתּמא געווען דער ענטפער פונעם דערציילער, טאַקע אינעם קעלטער, ווו מען טרעט געוויינטלעך די טרויבן, האָט דעמאָלט גדעון געדראָשן זײַן תּבואה. ער איז שוין גאָר נישט געווען קיין נאַר. אויף אַזאַ אופן האָט ער מסתּמא געוואָלט אויסבאַהאַלטן דאָס ביסל ווייץ פון פעלד פונעם שונא. אַפילו די כיטרע מדיינים וואָלטן נישט געקומען זוכן קיין תּבואה אַנדערש ווי אין שײַער. די כּסדרדיקע אָנפאַלן פון די רויבער־באַנדעס האָבן שוין אַזוי פאַראָרעמט די משפּחה, אַז זי האָט אַפילו שוין נישט קיין בהמה צום דרעשן. תּבואה איז מסתּמא נישט געווען קיין סך, אַזוי קלאַפּט גדעון דעם ווייץ אויף אַ פּרימיטיוון אופן מיט אַ שטעקן. עס איז אַ שווער שטיקל אַרבעט. זאָל דאָס בעסער קיינעם נישט אויספאַלן. ער וויל אַרײַנכאַפּן אַלץ וואָס עס לאָזט זיך.

די סצענע פון דער האַנדלונג האָבן מיר זיך אפשר גאָר אויסצומאָלן אין אַ ווײַנגאָרטן, ווײַט פון די תּבואה־פעלדער, אויפן רוקן פון די אָרו־מיקע בערג, ווו עס האָבן געוואַקסן אין דער ליכטיקער פרילינג־זון די טרויבן און עס איז געשטאַנען דער קעלטער. דערנעבן איז געשטאַנען אַן אֵלה, אַן אַלטער, טיף־פאַרוואָרצלטער אייכנבוים, וואָס דאָס פאָלק האָט אָפּנים פאַרהייליקט. עס איז געווען דאָס ביסל אייגנס פון יואש פון דער

משפחה אביעזר. גדעון איז געווען זײַן ייִנגסטער זון, אָבער דער פסוק זאָגט עדות אויף אים, אַז ער איז געווען אַ העלדישער בחור, דרייסט און אומדערשראָקן. שטייענדיק אַזוי אינעם קעלטער בײַם דרעשן פון ווייץ אין דער שטילקייט פון טאָג, האָט ער זיך אפשר גאָר פאַרטראַכט וועגן דער ביטערער מערכה פון זײַן לאַנד און געפּײַניקט פאָלק, און וואָס אַזוינס מען וואָלט געדאַרפט טאָן. יונגע מענטשן זײַנען בעצם נישט צופרידן מיטן מצב אַזוי ווי ער איז, און ווילן אים מיט כוח ענדערן. ווער ווייס, אפשר וויל אונדז דער תנכישער דערציילער געבן אַן אָנצוהערעניש, וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט בשעת־מעשׂה אינעם האַרץ פון אָט דעם דאָזיקן יונגן, אומרויִקן בחור. אפשר זײַנען עס געווען טיף־עגבערנדיקע געדאַנקען וועגן גורל פון זײַן פאָלק: הלמאַי האָט גאָט פאַרלאָזט זײַנע קינדער און זיי איבערגעענטפערט אין די הענט פון די מדיינים. אָדער האָט אפשר גאָר בײַ אים אויפגעבליצט דער געדאַנק פון נקמה־נעמען אין די שׂונאים פון זײַן פאָלק, בשעת ער האָט געקלאַפּט ווי צום טאַקט מיט דעם שטעקן איבער די פולע קעפּלעך פון די זאַנגען און עס זײַנען אַרויסגעפאַלן גיל־דענע, רײַפע קערנדלעך ווייץ, וואָס האָבן פריידיק אָנגעזאָגט אַ שטיקל פריש ברויט צו דער זעט?

וועגן דעם אַלעם־אַ שווײַגט אָבער צניעותדיק דער דערציילער. זײַן אויפגאַבע איז נישט מאריך צו זײַן, צו ריידן וועגן זײַטיקע זאַכן אָדער צו געבן הײַנטצײַטיק פּאַרטיפּטע, פּסיכאָלאָגישע שילדערונגען. עפּישע פּראָזע אין דער אַלטער צײַט איז צימצומדיק־קנאַפּ, געוויגן און געמאָסטן, אָבער נישט ווייניקער קערנדיק און דראַמאַטיש. מיט אַ סך פאָלקסטימלע־כער בריהשאַפט דערציילט ער אונדז זײַן הויך־דראַמאַטישן סיפּור־המעשׂה, אָבער ממש כלאחר יד, עפּעס ווי דאָס איז ער נישט אויסן. עפנט ער פאַר אונדז אַ זײַטיקע טיר און דאָרט זעען מיר מיט אַ מאָל ווי דער פאַר־פלאָנטערטער קנויל פון די דרויסנדיקע געשעענישן הייבט זיך אָן פאַ־מעלעך פאַנאַנדערצוּוויקלען. אין אָט דער טיר, וואָס עס עפנט פאַר אונדז דער דערציילער מיט אַ געניטער האַנט, דערזעען מיר מיט אַ מאָל אַ פּער־זאָן, וואָס קאָנצענטרירט אויף זיך אונדזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. ווער איז ער דאָס געווען, וואָס האָט זיך מיטן דערינען באַוויזן צו גדעונען? סתם אַ פרעמדער, אַ וואַנדערער פון ווײַטע מקומות, וואָס וויל זיך אינעם שאָטן פון אייכנבוים אָפּרוען, אָדער גאָר, ווי דער פסוק גיט צניעותדיק־פרום צו, אַ שליח, אַ מלאך פון גאָט? די געהיימע פּערזאָן אינטריגירט. דער מענטש אין דער אַנטיקער צײַט האָט בעצם ליב דאָס פאַרהוילענע

און סודותדיקע: עס העלפט אונטערצושטרײַכן די ערנסטקייט פון מאָמענט און פון די געשעענישן. וויל אונדז דער דערציילער אין זײַן ביז גאָר לעבעדיקן, פּאָלקסטימלעכן סטיל אויסמאָלן די סיטואַציע אין איר גאַנצער דראַמאַטישער פאַרפּלאָנטערטקייט, אַזוי באַווײַזט ער אונדז ווי דער יונגער גדעון שטייט אין זײַן פּאַטערס קעלטער, אפשר גאָר פאַרטראַכט אין זײַנע טרויעריקע מחשבות, וואָס מאַטערן אים לעצטנס גאָר שטאַרק, און אָט באַמערקט ער אַ פרעמדן, וואָס האָט זיך אַ מידער אַנידערגעזעצט אָפּרוען אונטער דעם בוים. איז דאָס אַ וואַנדרער, אַן אורח, וואָס קומט פון ווײַטע מקומות און וואָס גייט איבער די יידישע יישובים פון איין עק לאַנד צום אַנדערן, כּדי צו ברענגען מוט און האָפענונג פאַר די אָפּהענטיקע? אָבער לויט געוויסע סימנים זעט ער זיך אויס צו זײַן עפּעס מער ווי אַ פּראָסטער מענטש, אַ בשׂר ודם, וואָס האָט זיך דאָ אַהער צופעליק פאַרבלאָנדזשעט. דער סוד ווערט אַלץ טיפער און פאַרהוילענער. מען פילט אַרויס די געשפּאַנטקייט בײַ די צוהערערס. מען הערט ווי דער פרעמדער באַגריסט גדעונען מיט די ווערטער: „גאָט מיט דיר, העלדישער גיבור." גדעון אַ צעטומלטער און אַ פאַרחידושטער טראַכט: הערט ער ריכטיק, זעט ער ריכטיק? מיינט דאָס דער סודותפולער פרעמדער אים, דעם באַשיידענעם אַרבעטס־יונג אין זײַן טאַטנס קעלטער, מיט זײַן „גיבור החיל?" האָט אים יענער גאָר צוגעטראָפן אין זײַנע טיפע מחשבות, אין זײַנע אמתע געפילן?

גדעונס האַרץ איז שווער. עס איז פול מיט סתירות, פּײַן און ספקות. מיט אַ געפיל פון ביטערקייט פרעגט ער דעם פרעמדן (און וויפל דורות פאַר אים און נאָך אים האָבן איבערגעחזרט אָט די דאָזיקע האַרבע, ביטערע טענה?) „ויש יהוה עמנו ולמה מצאתנו כל זאת?" אויב גאָט איז מיט אונדז, טאָ פאַר וואָס האָט ער אונדז פאַרלאָזט און איבערגעענטפערט אין די הענט פון די מדיינים? (ו', י"ג). איז דאָס אַ טענה, וואָס קומט פון אַ טיף אומרויִק און אויפגעטרייסלט האַרץ, וואָס ברענט נאָך עד־היום מיט אַ גיהנום־פײַער אין אונדזער אינגעווייד.

איז דאָ אַן ענטפער? נישט זעלטן שטייט דער מענטש פּנים אל פּנים פון אַ שווערן קריזיס סײַ אין זײַן אייגן לעבן און סײַ אינעם לעבן פון כּלל. זײַן האַרץ איז פול מיט אומרו און יאוש. ער פילט ווי דער באָדן אונטער זײַנע פיס נעמט זיך אײַנברעכן. פון וואַנען זאָל ער שעפּן פרישע כּוחות און מוט ווײַטער אָנצוגיין אין לעבן. אין אָט אַזאַ סיטואַציע האָט זיך מסתּמא אויך געפונען דער יונגער גדעון. אָבער דווקא אין יענער גורלדיקער שעה

פון שווערע איבערלעבענישן, פון אָפּהענטיקייט און אַ גײַסט פון מרידה, פאַרנעמט ער אַ שטים, וואָס אָט קומט זי פון אינעווייניק, פון זײַן מענטש־לעכן ממעמקים און אָט דוכט זיך אים אויס הערט ער זי פונעם מויל פון דעם פרעמדן וואַנדערער. עס איז אַ שטים אַ צאַרטע, אַ פּאַטערלעכע אָבער באַגלײַך אַ פעסטע, אַ געביטערישע, פול מיט זאָרגעוודיקער ליבשאַפט, וואָס שטראַלט אויס חיזוק און התעוררות. זי גלעט און מונטערט אויף און צינדט נײַע האָפענונגען, זי פאָדערט און באַפעלט. עס איז די געטלעכע שליחות צו דעם אומבאַקאַנטן, אַנאָנימען מענטש, דעם יחיד, וואָס רופט אים צו: „גיי מיט דײַן דאָזיקן כּוח, און זאָלסט העלפן ישׂראל פון דער האַנט פון מדיין; פאַרוואָר, איך האָב דיך געשיקט!" אָבער ווער איז ער, וואָס קען אויף זיך נעמען אָט די שווערע, אחריותדיקע שליחות, וואָס גאָט האָט אויף אים אָקערשט אַרויפגעלייגט? ווייס ער דאָך ווי מאַכטלאָז ער איז און ווי האָפענונגסלאָז עס איז דער מצב. מיט וואָס קען ער, דער אומבאַהאַווּנטער, דער מינדסטער אין זײַן משפּחה, גיין און העלפן דעם פאָלק אין זײַן גרויסער נויט? האָט שוין נישט אַמאָל משה, דער גרויסער מנהיג און פאָטער פון די נביאים, אַרויסגעזאָגט ענלעכע ווערטער צו גאָט? שרעקט זיך גדעון פאַר דעם געדאַנק פון זײַן שליחות. בעט ער זיך תּחנונימדיק בײַ דעם פרעמדן: „בי אדני במה אושיע את ישׂראל?" „איך בעט דיך מײַן האַר, מיט וואָס קען איך העלפן ישׂראל? זע, מײַן משפּחה איז די אָרעמסטע אין מנשה, און איך בין דער מינדסטער אין מײַן פאָטערס הויז" (ו' ט"ו). אָבער דער געטלעך־מאָראַלישער אימפּעראַטיוו איז שטאַרקער ווי אַלע זײַנע מענטשלעכע באַוואָרענישן און ספקות, וואָס ער מוז גובר זײַן אין זיך. דעמאָלט פאַרנעמט ער די געטלעכע שטים, וואָס זאָגט צו אים: „אָבער איך וועל זײַן מיט דיר, און וועסט שלאָגן מדיין ווי איין מאַן!" זײַן האַרץ איז טיף אויפגערודערט, פול מיט גלייביקער אומגעדולד און דערוועקונג, מיט עמאָציע און אַ הייליקן נשמה־ציטער. דער מנהיג ווערט געבוירן.

נישט לײַכט נעמט אויף זיך דער נײַער מנהיג זײַן שליחות. גדעון איז אַלץ נאָך נישט זיכער בײַ זיך. איז דאָס נישט קיין טעות, זעט ער ריכטיק, הערט ער אויף דער וואָר? בעט ער זיך בײַ דעם פרעמדן אַ צייכן. אויך זײַן גרויסער פאָרגייער משה האָט געבעטן בײַ גאָט אַ צייכן. פאַר וואָס זאָל ער זײַן אַנדערש? אין וואָס זאָל אָבער באַשטיין דער צייכן? דער עולם־צוהערערס, וואָס שטייט אַרום דעם דערציילער אין דער אַלטער צײַט, וואַרט מיט געשפּאַנטקייט אויף דעם סוף פון דער מעשׂה. וואָס וועט דאָ פאָרקומען, ווי אַזוי וועט דאָס הימלדיקע ווען (און אַלס אַזעלכן האָט די פאָלקס־פאַנטאַזיע

באַנומען דעם פרעמדן, סודותדיקן וואַנדערער) רעאַגירן אויף גדעונס בקשה? דערווײַל אָבער בעט גדעון דעם פרעמדן, אַז ער זאָל נישט אַוועקגיין פון דאַנען, ביז ער וועט באַווײַזן צוריקצוקומען מיט זײַן געשאַנק, אַ ביסל כּיבוד פאַר דעם גאַסט. דער פרעמדער זאָגט זיך נישט אָפּ. אדרבא, ער וועט בלײַבן און וואַרטן ביז גדעון וועט צוגרייטן זײַן שפּײַז און זי פאַר אים אַוועקשטעלן.

וואָס איז זיך דאָ צו וווּנדערן? דער אָריענטאַלישער מענטש איז פון קדמונים אַ גרויסער מכניס־אורח, וויל אויך גדעון אָט דעם פרעמדן, ווער ער זאָל נישט זײַן, פײַן אויפנעמען. אַפילו געטלעכע וועזנס, מלאכים, האָט מען אין אַלטער צײַט געגלייבט, נייטיקן זיך אין שפּײַז. אויך אברהם אָבינו האָט אויפגעוואַרט זײַנע הויכע געסט, וואָס האָבן זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן צו זײַן מלאכים, מיט אַ פײַנער סעודה. איז אָבער דער פרעמדער טאַקע נאָר אַ פּשוטער וואַנדערער, וויל גדעון אַוודאי נישט, אַז ער זאָל אַוועקגיין אַ הונגעריקער. אמת, די צײַטן זײַנען שווערע, ברויט איז קנאַפּ, די שפּײַכלערס זײַנען אויסגעליידיקט, אָבער פון דעסטוועגן פאַר אַזאַ וויכטיקן גאַסט טאָר גאָרנישט פעלן.

גדעון גייט אַרײַן אין פּאַטערס הויז צוצוגרייטן דעם כּיבוד. גיך שעכט ער אַ ציגנבעקל און באַקט אָפּ אַ פּאָר מצה־בריטלעך. דאָס געזאָטענע פלייש האָט ער אַרײַנגעטאָן אין אַ קאָרב און די זופּ אין אַ טאָפּ, און דאָס אַלץ אַוועקגעשטעלט פאַרן פרעמדן, וואָס איז דערווײַל נאָך געזעסן אונטערן בוים. עס איז געווען גאָר אַ פײַנע סעודה, וויל אונדז דער פאָלקסטימלעכער דערציילער לאָזן הערן, אַ סעודה ראוי פאַר אַזאַ הויכגעשטעלטן גאַסט. אָבער דער פרעמדער עסט נישט. איז דאָס אפשר אַ גרויסע איבערראַשונג פאַר די צוהערערס פון דער מעשה־פּלא. ער הייסט גאָר דאָס גאַנצע ביסל עסן אַוועקלייגן אויפן פעלד, וואָס גדעון האָט טאַקע אַזוי געטאָן. דעמאָלט, הערן מיר פאַרחידושט, (ו׳, כ״א), האָט דער מלאך פון גאָט (און אַזעלכער איז דאָך דער פרעמדער טאַקע געווען, וואָס באַווײַזט זיך נאָר צו יחידי־סגולה ווען עס קומט זייער צײַט) „אויסגעשטרעקט דעם שפּיץ פון שטעקן וואָס אין זײַן האַנט, און אָנגערירט דאָס פלייש און די אומגעזײַערטע קוכנס; און אַ פײַער איז אויפגעגאַנגען פון דעם פעלדז און האָט דאָס אַלץ פאַרצערט. צוזאַמען מיט די פלאַמען איז אויך דער מלאך פון גאָט פאַרשוווּנדן פון גדעונס אויגן״.

דאָס וואָס עס איז דאָ געשען איז געווען נישט נאָר אַ נס מן השמים, נאָר פאַר גדעונען אויך אַ קלאָרער אָנזאָג, אַז גאָט האָט אים באַשטימט אין

זײַן שליחות צו באַפרײַען דאָס פאָלק פונעם עול פון מדיין. האָבן מיר, אַגב, דאָ צו טאָן מיט אַן אינטערעסאַנטן רעליגיעז־געשיכטלעכן מאָטיוו, וואָס חזרט זיך אָפט איבער בײַ אַ סך אַנדערע פעלקער. גדעון איז דער אויסגעוויילטער פון גאָט צו טאָן זײַן גרויסע שליחות. ער נעמט דאָס אָן. ווי אַ צייכן פון דאַנק דערפאַר וואָס ער האָט זוכה געווען, אַז גאָט זאָל זיך צו אים באַווײַזן, בויט גדעון אויפן זעלביקן אָרט אַ מזבח, וואָס ער רופט אָן „יהוה שלום", און וואָס, גיט דער פסוק גדלותדיק צו, שטייט נאָך עד־היום אין שטעטל עפרה פון דער משפחה אביעזר.

אַגב, וויל אונדז דער פאָלקסטימלעכער דערציילער פונעם תּנכישן סיפור־המעשה אויך לאָזן הערן אַ שיינעם מוסר־השכל: אָט זעט, דווקא גדעון, דער ייִנגסטער פון די זין פון יואשן, פון דער מינדסטער משפחה אין מנשה, ווערט אויסדערוויילט פון גאָט צו דערפילן אַ גרויסע היסטאָרישע שליחות. עס איז אַ באַקאַנטער מאָטיוו פון אַ פאָלקס־מעשׂהלע בײַ אַלע אומות העולם. אַ מאָל איז עס גאָר אַ בעטלער וואָס ווערט אַ קעניג. על־פּי־רוב אָבער איז עס דער ייִנגסטער פון צווישן די קינדער, אָפט דער קלענסטער, דער אומגעראָטנסטער און שוואַכסטער, וואָס דער גורל באַשטימט אים צו גרויסע מעשׂים. אַזוי האָט דאָס אויך אַמאָל פּאַסירט מיט שאולן און שפּעטער מיט דודן. הײַנט איז עס געווען גדעון, דער זון פון יואש פון דער משפחה אביעזר, וואָס האָט געשטאַמט פון שטעטל עפרה אין שבט מנשה.

ב. דער שטרײַטער קעגן בעל

(שופטים, ו', כ"ה—ל"ב)

איידער גדעון נעמט זיך אויספירן זײַן געטלעכע שליחות צו באַפרײַען דאָס פאָלק פון פרעמדן יאָך, הערן מיר עפּעס פון אַן אויסטערלישער מעשׂה, וואָס דער יונגער גדעון האָט גאָר שקאָצעריש אָפּגעטאָן אין זײַן שטעטל עפרה, וואָס איז געלעגן אין שבט מנשה. האָבן מיר דאָ בלי ספק צו טאָן מיט אַ מין צווישן־אַקט אין דער גדעון דראַמע, וואָס האָט אין פּלוג גאָרנישט צו טאָן מיטן פאַקטישן סיפור־המעשׂה פון גדעונס מלחמה קעגן די מדיינים. דערפאַר אָבער איז דער דאָזיקער עפּיזאָד אינטערעסאַנט ביז גאָר פאַר אונדז פון אַ קולטור־ און רעליגיעז־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט. מיט עטלעכע קאַרגע און געמאָסטענע שורות פירט אונדז דער דערציילער אַרײַן אין די ספּעציפישע קולטור־פאַרהעלטענישן אין ישׂראל אין יענע ווײַטע דורות. אמת, דאָס פאָלק דינט גאָט (יהוה), אָבער באַגלײַך און ווי

אַ קאָנצעסיע צו דער אַרומיקער קולטור, בוקט מען זיך אויך צו דעם לאָקאַלן בעל, דעם הויפּט־גאָט אינעם פּאַנטעאָן פון די אַמאָליקע כנען־פעלקער, וואָס איז משמעות געווען דער האַר (בעל), דער פּאַקטישער בעל־הבית פון אַלצדינג, דער סימבאָל פון שפע און פּרוכפּערדיקייט. עס איז דעמאָלט נאָך געווען אַ שטיק פון רעליגיעזן סינקרעטיזם, וואָס איז על־פּי־רוב כאַראַקטעריסטיש פאַר פאַרשיידענע קולטור־פעלקער אין אַ תקופה פון איבערגאַנג אָדער גאָר אַ גײַסטיקן קריזיס. די שבטים, וואָס זײַנען אַרײַנגעקומען פון מידבר קיין כנען, האָבן זיך דאָרט אָנגעשטויסן בעל־כּרחם אין אַ רײַכער, אײַנגעזעסענער און אויסגערײַפטער קולטור, וואָס האָט ממש פאַרכאַפּט די הערצער מיט איר גלאַנץ און מיטאָס. עס איז דער־פאַר געווען אַ מסוכנדיקער מצב פאַר דער פרישער, נאָך נישט שטאַרק אײַנגעפונדעוועטער אמונה פון די בני־ישׂראל. ערשט נאָך אַ לאַנגן, שווערן קאַמף פון די גײַסטיקע פירער פון פאָלק און בראָש פון זיי די נביאים, האָט מען געקענט גובר זײַן די השפּעות פון דרויסן. עס איז געווען אַ מוטיקער, אָנגעשטרענגטער קאַמף, געטראָגן פון אַ גרויסער התלהבות און הייליקער מסירת־נפש פאַר דער ריינקייט פון דער אמונה, ביז עס האָט אָפּגעגליקט צו פאַרטרײַבן די פרעמדע געטער און צוריקשטעלן די גלײַכוואָג פון מאָ־נאָטעיִסטישן גלויבן, אין דעם איינאיינציקן גאָט, וואָס איז דער באַשאַפער פון דער וועלט און דער אויסלייזער פון זײַן פאָלק.

אין די צײַטן פון גדעונען, זעט זיך אויס, האָט נאָך אַ טייל פון די באַווינער פונעם שטעטל עפרה, און צווישן זיי די סאַמע חשובסטע לײַט, געדינט צום בעל, אָבער בשעת מעשׂה זיך נישט אָפּגעווענדט פונעם גאָט פון ישׂראל. מען האָט געוואָלט, ווי עס איז, יוצא זײַן פאַר ביידע. דעריבער האָט מען טאָקע געהאַט אָוועקגעשטעלט אַ מזבח, מן הסתם אונטער דער אֲשֵׁרה (געצנבוים), ווו מען האָט געגלייבט, אַז דאָרט וווינט בעל, דער גאָט פון שטורעם און וועגעטאַציע, אַ וויכטיקער עלעמענט אינעם וועלט־אויסקוק פון דער לאַנד־באַפעלקערונג. פאַר קיין גרויסער עבירה האָט דאָס יענער דור נישט געהאַלטן. דער פויער אויף דער סאַכע האָט זיך מסתמא מיט דעם נישט שטאַרק איבערגענומען. מכּוח דער אַבסאָלוטער ריינקייט פון רעליגיעזע פאַרשטעלונגען און באַגריפן האָט ער זיך נישט צו פיל געבראָכן דעם קאָפּ. פון שלום וועגן האָט מען אויך אָנערקענט די אויטאָרי־טעט פונעם לאָקאַלן גאָט און אים געדינט מיט וואָס עס האָט זיך גע־לאָזט. בדיעבד האָט מען טאָקע געדינט צו צוויי געטער און אפשר גאָר אונטערגעזינדיקט נאָך מיט אַן איבעריקן געץ. שאָטן האָט דאָס נישט גע־

קענט. בײַ די אַלטע פעלקער איז דאָס געווען אַ גאַנץ נאָרמאַלע און נאַ־טירלעכע דערשײַנונג.

ווייל אונדז דער פסוק טאַקע לאָזן הערן, אַז גדעונס שליחות איז נישט נאָר געווען צו באַפרײַען דאָס פאָלק פון זײַנע אונטערדריקער, נאָר באַ־גלײַך אויך אָפּצורייניקן דעם געצנדינסט און צוריקברענגען צום פאָלק דעם גלויבן אין דער אחדות און איינציקייט פון גאָט. הערן מיר טאַקע, אַז ווײַבאַלד דער מלאך האָט זיך געהאַט באַוויזן צו גדעונען, שטייט ער אויף און צעשטערט דעם מזבח פון בעל, אויף וואָס זײַן פאָטער פלעגט אַוודאי מקריב זײַן קרבנות, און צעהאַקט די אַשֵרה. אמת, דעם געצן־שטורעם האָט גדעון אויסגעפירט בײַ נאַכט, מחמת מורא פאַר דעם הויזגעזינד פון זײַן פאָטער און די איבעריקע אָנגעזעענע שטאָטלײַט. עס איז בלי־ספק געווען אַ געוואַגטער שריט. די קאָנסעקווענצן האָבן געקענט זײַן גאָר הארבע, טויט־שטראָף פאַרן שענדער פון דער גאָטהייט. אין דער אַלטער צײַט (און אַפילו אויך אַ סך שפּעטער) איז גאָט־לעסטערונג געווען אַ שווערע עבירה, פאַר וואָס מען האָט פאַרמשפּט צום טויט. דעריבער טוט גדעון אָפּ זײַן שטיקל אַרבעט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, אַז קיינער זאָל נישט וויסן. אָבער אַז די שטאָטלײַט האָבן אין דער פרי דערזען דעם חורבן, איז גע־וואָרן אין שטאָט אַ גרויסע מהומה. מען האָט נאָכגעפאָרשט און אויסגעפו־נען, אַז דאָס האָט טאַקע אָפּגעטאָן גדעון, דער זון פון יואשן (ו, כ"ט). די שטאָט גייט כאַדאָראָם. דער חילול השם איז גרויס און אַזוי פאַרזאַמ־לען זיך די שטאָטלײַט אַרום יואשס הויז און פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל זיי איבערענטפערן זײַן זון, כּדי זיי זאָלן אים מקיים פּסק זײַן. עס איז אַ גאָט־שענדונג, אַ באַליידיקונג פון די טיפסטע רעליגיעזע געפילן אויף וואָס דער טויט פונעם בעל־עבירהניק קען נאָר מכפּר זײַן. אַזוי האָבן אויך געטאָן אַפילו די אויפגעקלערטע גריכן, למשל אין פאַל פון סאָקראַטעסן. אַזוי האָט זיך אויך נוהג געווען אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער די קאַטוילישע קירך מיט אירע אַכזריותדיקע עינוים און אויטאָ־דאַפעס.

דער טאַטע יואש, באַוואָרנט זיך דער דערציילער, איז שוין גאָרנישט קיין נאָר. ער זאָגט צו די דערהיצטע קעפּ, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום אים, מיט אַ טאָן פון האַלב־חוזק און האַלב־ערנסטקייט: וואָס ווילט איר? „האתם תריבון לבעל?", ווילט איר זיך גאָר קריגן פאַרן בעל! אָדער ווילט איר אים גאָר העלפן? און מען פילט ווי דער דערציילער האָט ממש אַ הנאה פון די קלוגע רייד פון יואשן. „אויב בעל איז אַ גאָט, זאָל ער אַליין זיך קריגן פאַר זיך, וואָס מען האָט צעבראָכן זײַן מזבח!" בעל איז דאָך,

באין אופן, נישט קיין גאָט, מיט אים קען מען טאָן וואָס מען וויל. נאָר דער אמתער גאָט פון ישׂראל קען שטרײַטן פאַר זיך און פאַר זײַן פאָלק, והא ראיה: טאָקע די שליחות פון גדעונען און זײַן שפּעטערדיקער נצחון. גדעון איז ניצול געוואָרן פונעם צאָרן פון פאָלק און זינט דעמאָלט, איז דער נאַראַטאָר מוסיף, האָט מען גערופן גדעונען מיטן צונאָמען ירובעל, וואָס מיינט „זאָל זיך קריגן בעל מיט אים, וואָס ער האָט צעשטערט זײַן מזבח" (ו', ל"ב). האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ פאָלקס־עטימאָלאָגיע, וואָס פּרוווט צו פאַרטײַטשן דעם צונאָמען ירובעל („זאָל זיך בעל קריגן") פאַר גדעונען, וואָס קלינגט בעצם ווי אַ חוזק־וואָרטשפּיל, וואָס האָט באַשטימט שטאַרק אויסגענומען בײַם עולם צוהערערס. גדעון איז אָבער נישט אַרײַן אין דער געשיכטע פון זײַן פאָלק אַלס דער מוטיקער שטרײַטער קעגן דעם געץ בעל, נאָר ווי דער גרויסער באַפרײַער פון די שבטים אין אַ צײַט פון ביטערער נויט.

ג. דער קאַמף קעגן די מדיינים

ערשט איצט פילט גדעון ווי עס שפּראָצן אים נײַע, אומדערוואַרטעטע כּוחות, ווי עס צײַטיקט זיך זײַן אַנטשלאָסנקייט און עס שטאָלט זיך זײַן ווילן. מיר קומען איצט צום הויפּט־אַקט פון דער דראַמע, וואָס פּלייצט מיט אויפברויז און גבורה־מעשׂים.

עס איז געווען די צײַט פון שניט. מחנות בעדויִנער מיט זייערע צאָלרײַכע, שנעל־באַוועגלעכע קעמלען זײַנען ווידער אַ מאָל אַריבער דעם ירדן פון מיזרח־זייט און באַפאַלן דאָס אָפּענע, אומגעשיצטע קולטור־לאַנד פון די אומאָפּהענגיקע שבטים. זיי האָבן געלאַגערט אין דעם רײַכן, פּרוכפּערדיקן עמק יזרעאל און געראַבעוועט די שוצלאָזע באַווינער. זייער האַנט איז געלעגן שווער איבערן לאַנד, דער פּחד און בהלה איז געווען גרויס. די נויט איז געווען אין לשער. דעמאָלט האָט, ווי דער פּסוק דערציילט אונדז אויף זײַן תּמימות־פּלאַסטישן אופן, „אַ גײַסט פון גאָט אָנגעקליידט גדעון" און ער האָט זיך גענומען גרייטן צום קאַמף. ער האָט געבלאָזן מיט אַ שופר, וואָס איז געווען אין דער אַלטער צײַט דער סימן פון אַן אַלאַרם אין צײַטן פון מלחמה און נויט, און צו אים האָבן זיך געשטעלט די מענטשן פון אביעזר. דערווײַל זײַנען עס געווען די אייגענע מענטשן פון זײַן פאַטערשטאַם. דער סיגנאַל צום אויפשטאַנד איז בכן געוואָרן געגעבן. וואָס דער אמת איז, קיין מאַנדאַט דערצו האָט ער פון זײַן משפּחה

נישט געהאַט, זײַן שבט האָט אים דערצו נישט באַשטימט. די ביטערע נויט פון פאָלק און זײַנע שווערע ליידן, האָבן אים דערצו געטריבן, אַז ער זאָל אָנגורטן זײַנע לענדן און אַרויסגיין צום קאַמף קעגן די מעכטיקע שונאים, וואָס האָבן געמאַכט אַ תּל פון לאַנד. ער איז געווען דער שליח פון גאָט.

באַלד האָט ער אַרויסגעשיקט שליחים מיט דעם מלחמה־רוף אין אַלע עקן פון לאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז געווען דער רוף קודם־כל צו זײַן אייגענעם שבט מנשה און דערנאָך צו די אַרומיקע שבטים אשר, זבולון און נפתּלי, וואָס האָבן געוווינט אין צפון, אינעם סאַמע באַדראָטן געביט. זיי אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט צום קאַמף.

די צאָל קריגער, וואָס האָט זיך געשטעלט צום קאַמף אונטער גדעונס פאָן, איז לכתּחילה נישט געווען זייער גרויס. פאַרטיזאַנער קענען קיין מאָל נישט אָפּערירן אין גרויסע מחנות. זיי מוזן קעמפן אין קליינע גרופּעס און מוזן זיך דערצו קענען גיך באַוועגן. נישט אין קיין אָפענער שלאַכט מיט דער גאַנצער סטראַטעגיע פון אַ גוט־אָנגעפירטער מלחמה, האָט גדעון געקענט האָפן צו באַזיגן די פלינקע און מן הסתם גוט־באַוואָפנטע חיילות פון די מדיינים. דערצו האָט ער פּשוט נישט געהאַט די פאַסיקע מיליטער־רישע כּוחות און נישט די נייטיקע כּלי־זיין. זײַן טאַקטיק האָט דערפאַר געמוזט זײַן אַן אַנדערע, אַ פאַרטיזאַנישע, צוגעפּאַסט צו זײַנע באַדינגונ־גען: אַ פּלוצעמדיקער איבערפאַל, אַ טויט־קלאַפּ, וואָס קומט אומדערוואַרט פון דער זײַט, אַז דער שונא זאָל זיך דערויף נישט ריכטן. דערצו האָט ער געמוזט מאַכן אַן אָפּקלײַב פון זײַנע קריגער, האָבן מיט זיך דווקא אַ קליינע צאָל, אָבער פון די סאַמע אויסגעזוכטע, מוטיקסטע און דרייסטע פון זײַנע מענטשן. נאָר מיט אָט דעם הייפל אַנטשלאָסענע קריגער האָט ער געקענט האָפן צו זיגן אינעם אומגלײַכן קאַמף קעגן די מדיינים.

הגם גדעון האָט געהאַט אָנגענומען די געטלעכע שליחות צום קאַמף, איז ער אָבער פאָרט נאָך נישט געווען גאַנץ זיכער בײַ זיך. וואָס ווייס אַ מענטש, אפשר האָט ער גאָר געהאַט אַ טעות אין זײַן זעונג? האָט אים גאָט באמת באַשטימט צו זײַן זײַן שליח פאַרן פאָלק? דעריבער בעט ער נאָך אַ צייכן בײַ גאָט, איידער ער גייט אין דעם קאַמף. וואָס איז זיך דאָ צו חידושן? אַזוי איז דאָס שוין געווען דער סדר בײַם מענטשן אין דער אַלטער צײַט. ער האָט זיך תּמיד געגלייבט אין אַ צייכן, אין אַן אָראַקל פון די געטער, איידער ער איז אַרויס אין מלחמה. האָט נישט דער מעכטי־קער דוד און אַנדערע פאַר אים און נאָך אים אַזוי געטאָן? בעט איצט

גדעון אַ װײַטערדיקן צײכן פֿון גאָט מיט דעם אָפּשער פֿון דער װאָל. ער װיל גאָר זײַן זיכער, אַז גאָט איז מיט אים און װעט אים נישט פֿאַרלאָזן. דערפֿילט גאָט אויך די בקשה. אויפֿן אָפּשער פֿון דער װאָל, דערצײלט אונדז דער פּסוק, איז געװען טרוקן און אויף דער גאַנצער ערד איז געװען אַ נאַסער טוי (ו׳ מ׳). האָבן זיך דערמיט אָפּגעטאָן אַלע ספקות פֿון גדעונס האַרץ. ער איז געװאָרן בײַ זיך פֿעסטער, אײַנשטעלערישער, זײַן האַרץ שטאָל־אײַזן, גרײט אויף קרבנות.

גדעון מיט זײַן חיל האָבן געלאַגערט בײַם קװאַל פֿון עין־חרוד, אויפֿן רוקן פֿון באַרג גלבוע, און די מדיינים אין זײערע געצעלטן אינעם טאָל, אין צפֿון פֿון גבעת המורה. לויט װי דער פּסוק דערצײלט אונדז, האָבן זיך געהאַט פֿאַרזאַמלט אַרום אים אַ גוזמאדיקע צאָל קריגער, צװײ און דרײַסיק טויזנט מאַן, אַ צו גרויסע מחנה פֿאַר זײַנע באַשײדענע, סטראַטעגישע פּלענער. באַלד האָט ער גענומען אַדורכפֿירן אַ סעלעקציע פֿון זײַנע קעמ־פֿער. קודם־כּל האָט ער אַהײם געשיקט אַלע די, װאָס האָבן געהאַט אַ געפֿיל פֿון מורא און אַ ציטער אין זײער האַרץ. אַזוי האָט שוין פֿאַרלאַנגט דאָס קדמונדיקע מיליטער־געזעץ אין ספֿר דברים (כ׳ ח׳). בעצם האָט מען אין דער אַלטער צײַט געגלײבט, אַז פּחדנות איז אַ מין דיבוק, װאָס זיצט אין אַ מענטש און קען אָנשטעקן אַנדערע דערמיט. פֿון די פֿאַרבליבענע קעמ־פֿער, װאָס זײער צאָל איז אַלץ נאָך געװען צו גרויס פֿאַר זײַנע טאַקטיש־קריגערישע פּלענער, האָט גדעון געמאַכט אַ ביז גאָר כאַראַקטעריסטישן אָפּקלײַב. ער איז געפֿאַלן אויף אַ פֿאַרטל און זײ אַלעמען אַװעקגעשטעלט צו טרינקען װאַסער פֿונעם קװאַל אין חרוד. דערמיט האָט ער געשטעלט זײַנע מענער פֿאַר אַ דעצידירנדיקן פּרוװ, װאָס זאָל באַװײַזן זײער פֿאַרזיכ־טיקײט און קוראַזש. װי װעלן זײ טאַקע טרינקען װאַסער אין אַ צײַט פֿון סכּנה? דער רוב פֿון פֿאָלק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זײערע קני און געטרונקען שפּעדיק. עס זײַנען אָבער צװישן זײ געװען אַ דרײַ הונדערט מאַן, דערצײלט אונדז לאַקאָניש דער פּסוק, װאָס האָבן נישט געבויגן זײערע קני, כּדי צו טרינקען פֿון קװאַל, נאָר שטײענדיק האָט איטלעכער פֿון זײ געלעקט מיטן צונג דאָס פֿליסיקע װאַסער, אַזוי װי עס לעקט אַ הונט. דאָס איז געװען פֿאַר אים אַ סימן פֿון אַנטשלאָסענער קאַלטבלוטיקײט און אמתער גבורה. זײ האָט דאָס גדעון אויסגעקליבן צו גײן מיט אים אין מלחמה אַרײַן קעגן די מדיינים.

אין אָט דעם אופֿן װי אַזוי זײַנע מענער האָבן געטרונקען װאַסער פֿונעם קװאַל, האָט גדעון דערקענט זײער איניציאַטיװ, דרײסטקײט און

אומדערשראָקנקייט אין אַ צײַט פון סכּנה. אַזוי דערציילן אונדז אויך למשל אַ ריי עטנאָלאָגן פון געוויסע פּרימיטיווע קריגערישע שבֿטים, וואָס טרינקען נאָך עד־היום וואַסער אויף דער פרײַ אויף אַזאַ אופן. עס איז אַ מיטל זיך אויסצוהיטן פון אַ זײַטיקן אָנפאַל מצד אַ באַהאַלטענעם שׂונא. ליגט מען בשעתן טרינקען פון קוואַל אויסגעצויגן אָדער אויף די קני, קען דער שׂונא לײַכט אָנפאַלן פון אַ באַהעלטעניש פון הינטן. גדעון האָט זיך, בכן, אָפּגעקליבן אַ קליינע אָבער העלדישע מחנה קעמפער, וואָס איז געווען גרייט אויף אַלץ, אַפילו אויף די גרעסטע קרבנות. אין תּוך גענומען ליגט אָבער אין דעם עפּיזאָד אַ טיפער רעליגיעזער מוסר־השׂכּל: עס איז נישט די צאָל פון די קעמפער, נאָר דער בטחון און די הילף פון גאָט, וואָס ברענגט סוף־כּל־סוף דעם נצחון אין קאַמף. גאָט, לאָזט אונדז דער תּנכישער סיפּור־המעשׂה הערן, ברויכט נישט קיין גרויסע, שטאַרקע חיילות. ער באַווײַזט זײַן הילף דורך דעם מיעוט, דורך די ווייניקע אין צאָל, וואָס זײַנען פול מיט בטחון, דרייסט און אָן מורא. אָט די דרײַ הונדערט מענער האָט גדעון פאַרזאַמלט אַרום זיך, בעת די גרויסע חיילות פון די מדיינים האָבן געלאַגערט אונטן אינעם טאָל.

נאָך אין דער זעלביקער נאַכט גרייט זיך גדעון אָנצופאַלן אויפן שׂונא. איידער ער פירט אָבער אויס זײַן דרייסטן איבערפאַל, לאָזט ער זיך באַלד מיט זײַן נושׂא־כּלים פורה אויסצושפּיאָנירן דעם לאַגער פון שׂונא. ווידער אַ מאָל גאָר אַ דרייסטער אַקט. אַזוי האָט מען אָפט געטאָן אין דער אַלטער צײַט. אַזוי האָט אויך יונתן, דער זון פון שאולן, געטאָן (שמואל א׳, י״ד). עס איז געווען נאַכט. „די מדיינים מיט עמלק און די קינדער פון מיזרח זײַנען געלעגן אין טאָל, אַזוי ווי די הײשעריקן אין פילקייט, און צו זייערע קעמלען איז נישט געווען קיין צאָל״, לייענען מיר אין קאַפּיטל ז׳, י״ב. ווידער אַ מאָל געמאָסטענע ווערטער פונעם דערציילער, וואָס ריידן מער צו אונדז אין זייער פּשטות און שפּירעוודיקייט, ווי אַ סך הײַנטצײַטיקע, ברייט־צעצויגענע שילדערונגען. פילן מיר טאַקע ווי די נײַגעריקייט בײַם עולם־צוהערערס וואַקסט, מען ווערט אַלץ מער און מער פאַראינטריגירט מיטן סיפּור־המעשׂה. מיר קענען כּמעט אָנטאַפּן די געשפּאַנטקייט מיט די הענט. מיר דערשפּירן די שטילקייט פון דער נאַכט, בעת עס רוקט זיך אָן די שעה פון אָנטשיידונג, עס איז טיפע נאַכט און אַ שטילקייט אַרום. אויף די געלעגערס אין די געצעלטן און אויפן פרײַען פעלד אונטער אָן אויסגעשטערנטן מיזרח־הימל איז געלעגן אַ מענטשלעכע מחנה פון די ווילדע מידבר־זין, וואָס זײַנען זיכער אין זייער נצחון. שטילערהייט גנבֿעט

זיך גדעון מיט זײַן נושׂא־כּלים צו צום שׂונאס לאַגער. וואָס וועט זײַן מיט גדעונען, האָבן זיך מסתּמא געוווּנדערט די תּמימותדיקע צוהערערס פֿון פֿאָלק, וועט ער צוריק אַרויס בשלום פֿון דער סכּנה? און מאָדנע. צוקומענדיק נענטער צום לאַגער, פֿאַרנעמט ער ווי איינער פֿון די חיילות דערציילט דעם אַנדערן אַ וווּנדערלעכן חלום. אין דער אַלטער צײַט האָט אַ חלום געהאַט אַ באַטײַט, אַ ממשות. מען האָט אין אַ חלום געגלייבט, אַז ער אַנטפּלעקט אַ סוד און זאָגט אָן אַ זעלטענע בשׂורה, סײַ צום גוטן און סײַ צום שלעכטן. הערט זיך גדעון אײַן מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם צו דעם, וואָס יע־נער דערציילט. איך האָב געהאַט אַ חלום, דערציילט דער איינער פֿאַר־זאָרגט, אַז געזען האָב איך ווי אַ ברייטל גערשטן־ברויט קײַקלט זיך צום לאַגער פֿון מדיין. עס קומט אָן ביז צום געצעלט, גיט אים אַ קלאַפּ, אַזוי אַז דאָס געצעלט איז אומגעפֿאַלן און זיך איבערגעקערט קאַפּויער. אויס־הערנדיק דעם חלום, זאָגט דער אַנדערער מיט שרעק: עס איז נישט אַנ־דערש, ווי דאָס מיינט די שווערד פֿון גדעון, דער זון פֿון יואש. אין זײַן האַנט האָט גאָט געגעבן מדיין מיט זיין גאַנצן חייל. עס איז אַ חלום מיט אַ סימבאָל. פֿאַר דעם צוהערער אין אַלטן ישׂראל איז זײַן אַנצוהערעניש געווען קלאָר. דער מדיין־נאָמאַד חלומט פֿון דעם גערשטענעם ברייטל, וואָס קײַקלט זיך צו אים אין געצעלט אַרײַן פֿון דעם אײַנגעזעסענעם פּויערס הויז. עס איז אָבער ווי יענער משל מיט די טרויבן און דעם פֿוקס. זיי זײַנען געווען פֿאַר אים צו זויער. דאָס גערשטענע ברייטל האָט די מדיינים פֿאַרטיליקט.

נאָך דער מעשׂה מיטן חלום קומט גדעון אַ באַרויִקטער און אַן אויפֿ־געריכטער צוריק צו זײַנע לײַט. דער חלום איז פֿאַר אים אַ בולטער סימן, אַז גאָט וועט איבערענטפֿערן אין זײַנע הענט די מדיינים. בײַם אָנהייב פֿון דער מיטעלער נאַכטוואַך, ווען מען האָט אָקערשט געהאַט געטוישט די וואַכן, איז גדעון אָנגעפֿאַלן אויפֿן שׂונאס לאַגער. זײַן סטראַטעגיע איז גע־ווען, ווי געזאָגט, אַ פּאַרטיזאַנישע: אַן אומגעריכטער, פֿלינקער איבערפֿאַל, וואָס זאָל אַרײַנטראָגן אַ מהומה און אַ בהלה אין די רייען פֿון שׂונא. עס האָט געהייסן אים פֿולשטענדיק צו דעזאָרגאַניזירן, אים פֿאַרפּלאָנטערן, און בשעת מעשׂה אים דערלאַנגען אַזאַ שווערן קלאַפּ, אַז ער זאָל שוין נישט מער קענען קומען צו זיך, אַזאַ שווערע מכּה, וואָס עס איז שוין פֿאַר איר נישט פֿאַראַן קיין שום היילונג.

גדעון האָט איצט געטיילט זײַן מחנה אין דרײַ קאָלאָנעס, וואָס האָט געזאָלט אויספֿירן דעם אומדערוואַרטעטן אָנפֿאַל אויפֿן שׂונא פֿון דרײַ זײַטן.

פון פראָנט און פון די פלאַנקען. — אַ קלוגער מלחמה־מאַנעווער, וואָס האָט אים געלאָזט פאַרזיכערן אַ פולשטענדיקן נצחון. אין די הענט פון די דרייַ הונדערט קריגער האָט ער געגעבן ערדענע קרוגן אין וואָס עס זייַנען געווען באַהאַלטן ברענענדיקע פאַקלען. אויפן סיגנאַל פון זייַן שופר־בלאָזן, האָבן זיי אַלע מיט אַ מאָל צעהאַקט די קרוגן און פון אַלע זייַטן האָט אין דער נאַכט־פינצטערקייט אויפגעבליצט, ווי אַ הימלדיקע ראַקעטע, אַ בלענדנדיקער בליאַסק פון ליכט, וואָס האָט אַרומגענומען דעם לאַגער פון די מדיינים מיט אַ פייַערדיקן רימען. אויף גדעונס קריגס־רוף „שווערד פאַר גאָט און פאַר גדעון!", האָבן זיך זייַנע קריגער געוואָרפן פון אַלע זייַטן אויף דעם צעטומלטן שונא. דער אומגעריכטער קלאַפּ האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע צעטומלעניש און אַ גוואַלדיקע מהומה אינעם לאַגער פון די מדיינים. נישט וויסנדיק אין דער סומאַטאָכע ווער עס איז ווער, האָט איינער געצויגן זייַן שווערד קעגן דעם אַנדערן. אַחוץ די הרוגים פון די שווערדן פון גדעונען און זייַנע מענער, האָבן די מדיינים אין דער פינצטערקייט געקוילעט איינער דעם אַנדערן. דער עפעקט איז געווען אַ פולשטענדיקער. אין אַ גרויסער בהלה האָבן די מדיינים גענומען אַנטלויפן אויפן וועג קיין דרום צו, וועלנדיק וואָס גיכער צוקומען צו דעם אַריבערגאַנג פון ירדן און פון דאָרט אַנקומען אין מידבר אַרייַן. די מפּלה איז געווען פאַרן שונא אַן אומגעריכטע און דער פּחד, וואָס גדעון האָט אַנגעוואָרפן אויף די אַנטלויפנדיקע מדיינים איז געווען אין לשער.

גדעון ווייס גאַנץ גוט, אַז ער טאָר נישט געבן דעם דעזאָרגאַניזירטן, אַנטלויפנדיקן שונא קיין רו. ער טאָר אים נישט אַנטגיין. זייַן נצחון מוז זייַן אַ גיכער און אַ פולשטענדיקער. דעריבער, בעת ער מיט זייַנע מענטשן יאָגן נאָך דעם צעטומלטן שונא, שיקט ער אַרויס שליחים צו די בני־אפרים, וואָס ווױנען צו דרום פון מנשה, אַז זיי זאָלן אים העלפן און צושטיין צום קאַמף. דעמאָלט ערשט זייַנען די בני־אפרים אַרויס קעגן די אַנטלויפנדיקע מדיינים, זיי אָפּגעשניטן דעם וועג און געפאַנגען די צוויי פירשטן עורב און זאב (נעמען, וואָס באַטייַטן קראָ און וואָלף), וואָס זיי האָבן אויפן אָרט דערהרגעט. עס איז געווען אַ בלוטיקע נקמה און דער נצחון אַ גרויסער.

איז דאָס אין דער אמתן געווען אַ קלוגער, דיפּלאָמאַטישער זשעסט לגבי די פריציש־יחסנותדיקע בני־אפרים, וואָס גדעון האָט זיי געגעבן אַן אַ סך מי און אייַנשטעלעניש פון זייער צד אַזאַ אַנגעזעענעם חלק אין נצחון. האָבן זיי דאָך צום סוף נישט נאָר צוגעהאָלפן אין קאַמף נאָר אין תוך גענומען, געקרוינט דעם נצחון דערמיט וואָס זיי האָבן געפאַנגען די

צוויי פראָמינענטע מדיינים־פּרינצן עורב און זאב. דערמיט האָט גדעון אַרויסגעוויזן אַ סך שׂכל הישר, פּאָליטישע רײַפקייט און גוטסגינונג. ער האָט לגבי די בני אפרים געהאַנדלט נישט ווי עפּעס אַ קליינער פירער פון אַ שבט, נאָר ווי אַ קלוגער, באַדאַכטער מלוכה־מאַן, וואָס שטעלט די אינטע־רעסן פונעם כּלל איבער זײַנע אייגענע. פון דעסטוועגן זײַנען די בני־אפרים פאַרט נישט געווען צופרידן און געהאַט תּרעומות צו אים. זיי האָבן, זעט זיך אויס, נישט פאַרגונען גדעונען זײַן נצחון און געהאַט טענות צו אים: הלמאַי האָט ער זיי שוין נישט פריִער גערופן צום קאַמף? פאַר וואָס האָט ער אויף זיך אַזוי פיל געשטעלט, אַליין אָרגאַניזירט דעם נקמה־אַקט קעגן מדיין, און ערשט בײַם סאַמע סוף, טאַקע ממש נאָך אַלעמען זיי געלאָזט וויסן. היתּכן, טוט מען דאָס אַזוי? און דער פּסוק גיט צו, אַז זיי האָבן זיך מיט גדעונען גאָר שטאַרק געקריגט.

גדעון, דער אומבאַקאַנטער פון נעכטן, דער מינדסטער אין זײַן משפּחה און דער זיגער פון הײַנט, איז זיי אָבער נישט שולדיק געבליבן קיין תּשובה. דער יונגער פויערים־זון פון עפרה אין מנשה, וואָס איז אויסגעוואַקסן אי־בער נאַכט צו אַ נאַציאָנאַלן העלד, האָט הומאָר, ער איז שלאָגפאַרטיק. צו וואָס זאָל ער מיט אָט די געהויבענע יחסנים אײַנרײַסן? צו וואָס טויג אים דאָס? ענטפערט ער זיי האַלב ערנסט און האַלב חוזק: וואָס ווילט איר אייגנטלעך? פאַר וואָס זענט איר דאָס אַזוי אומצופרידן? „איז דער נאָכ־קלײַב (עוללות) פון אפרים נישט בעסער ווי די לעז (בציר) פון אביעזר?" ווער איז שוין אביעזר אין פאַרגלײַך מיט די חשובע און מעכטיקע בני־אפרים! עס איז אַ קלוג ווערטל, אפשר גאָר אַ רעשטל פון אַן אַלטן משל מיט זײַן טאָפּלזיניקייט, מיט וואָס גדעון האָט לײַכט אָפּגעחוזקט פון זיי, און וואָס שפּעטערדיקע דורות האָבן מן־הסתם איבערגעחזרט מיט אַ סך שׂינאה. אָט, וויצלט ער זיך שטילערהייט, האָט איר דאָך אַרײַנגעכאַפּט אומ־געריכטערהייט די קרוין פון נצחון, די קעפּ פון די צוויי מעכטיקע פערשטן פון מדיין. מיר אָבער, די בידנע, דלותדיקע קינדער פון אביעזר האָבן גע־האָט דאָס שווערע שטיקל אַרבעט פון דעם אײַנשטעלערישן קאַמף קעגן אַ מעכטיקן שׂונא. יעדער איינער און זײַן ביסל מזל! אפשר טאַקע למען השלום מאַכט זיך דער איצטיקער זיגער קלענער ווי ער איז. די קינאה פון די שבטים איז נישט געווען קיין זעלטענע. ענלעכע שטימונגען און טענות הערן מיר אויך פון די מענער פון אפרים קעגן יפתּחן, וואָס האָט אַ דור־צוויי שפּעטער געפירט אַ פאַרצווייפלטן קאַמף קעגן די בני־עמון (שופטים, י"ב).

אין תּוך געבומען וואָלטן מיר באַדאַרפט דערוואַרטן, אַז מיט דעם לעצטן עפּיזאָד האָט זיך געהאַט פאַרענדיקט די מלחמה. די מדיינים זײַנען געוואָרן באַזיגט, זייערע צוויי פערשטן דערהרגעט און דער רעשט פון זייערע חיילות פאַרטריבן פון לאַנד. דער זאַקרויב איז געווען גרויס מיט אַ סך גאָלד, זילבער און טײַערע חפצים. דער סיפּור־המעשׂה איז ביז אַהער אַ גאַנצער און אַן אָפּגעשלאָסענער. דער תּנכישער דערציילער איז אָבער ווײַטער ממשיך זײַן געשיכטע פון קאַמף. אפשר וויל ער אונדז דערמיט לאָזן הערן: גדעון איז נאָך נישט געווען צופרידן מיטן אָפּגעהאַלטענעם נצחון, כּל־זמן עס איז נאָך פאַרבליבן אַ רעשטל פון די קאַמף־פעיִקע מדיינים. וויל ער זיי פאַרטיליקן כּדי זיי נישט צו געבן קיין שאַנסן איבער אַ יאָר ווידער אָנצופאַלן אויפן לאַנד. קען מען אויף דעם זיגערישן פעלדהאַר האָבן פאַראיבל? דערפאַר שטאַרקט זיך גדעון און יאָגט מיט די לעצטע כּוחות נאָך דעם שׂונא ביז אַריבער אויף דער אַנדער זײַט ירדן. דערציילט אונדז טאַקע דער פּסוק באריכות (קאַפּ. ח׳) ווי אַזוי גדעון מיט זײַנע מענער האָבן ווײַטער נאָכגעיאָגט די מדיינים, וואָס זײַנען אין צווישן שוין געהאַט אַריבער דעם ירדן אויף מיזרח־זײַט. אָבער דאָ הערן מיר גאָר פון דאָס נײַ פון צוויי פערשטן זבח און צלמונע, וואָס זײַנען, זעט זיך אויס, גאָר געשטאַנען בראָש פון די מדיין־חיילות. האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַן אַנדערער מסורה, וואָס דער תּנכישער דערציילער האָט געהאַט און וואָס ער האָט קונציק אַרײַנגעוועבט אין זײַן עפּישן סיפּור־המעשׂה? האָבן מיר אפשר דאָ פאַר זיך אַן אַנדערע, אומאָפּהענגיקע ווערסיע, ווו די צוויי הויפּט־העלדן פון די מדיינים זײַנען נישט געווען עורב און זאב, נאָר האָבן גאָר געהייסן זבח און צלמונע? אויפן סמך פונעם הײַנטיקן טעקסט איז שווער צו דערגיין אַ טאָלק. אָבער ווי מיר זאָלן נישט וועלן לערנען פּשט, איינס איז קלאָר, גדעון האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פון נאָכיאָגן דעם אַנט־לויפנדיקן שׂונא, כּדי אים צו פאַרלענדן. פערד, פלינקע קעמלען אָדער גאָר רײַטוועגן האָבן ייִדן דעמאָלט נישט געהאַט. די קללה פון דער אויפגייענדי־קער ציוויליזאַציע איז לעת־עתּה נאָך געווען אומבאַקאַנט. עס איז אַ פאָלקס־אַרמיי פון פרײַע פּויערים, וואָס שלאָגן זיך מיט עקשנות און אויסדויער. דאָס מיליטער גייט צופוס. אָבער אויך דער שׂונא באַוויַזט נישט אין דער בהלה אַזוי גיך צו אַנטרינען. יאָגט גדעון אים נאָך אַ גאַנצע נאַכט און אין דער פרי קומט ער אָן מיט זײַן חייל צום ברעג פון ירדן, מיד און מאַט פונעם לאַנגן וועג, הונגעריקע און אויסגעשעפּטע פון קאַמף. בעט ער בײַ די אײַנוווינער פון שטעטל סוכּות און שפעטער פון פּנואל וואָס ליגט אויפן

טײַכל יבוק, אַ ביסל פּראָוויאַנט, אַ פּאָר לאַבנס ברויט פאַר זיך און זײַנע מענער, כּדי זיך צו דערהאַלטן דאָס חיות. לאַכן אים די שטאָט-עלטסטע אויס. וואָס, פרעגן זיי אים אין אַ טאָן פון ביטול און חוזק, ביסטו שוין אַזוי זיכער אין דײַן נצחון? האָסטו שוין אין דײַנע הענט זבח און צלמונע, אַז מיר זאָלן דיר און דײַן חייל געבן ברויט?

דערווײַל שלינגט גדעון אַראָפּ די קרענקונג, אָבער אין זײַן האַרץ ברענט אַ ביטערער צאָרן. ער וועט זיי די עוולה נישט מוחל זײַן. ער טוט אַ שבועה זיך נוקם צו זײַן אין די אָפּשפּעטער פון סוכּות און פּנואל, ווען ער וועט צוריקקומען בשלום פון דער מלחמה. דערווײַל מאַרשירט ער ווײַטער קיין דרום-מיזרח. די מדיינים האָבן אין צווישן אָנגעשפּאַרט אויף דעם בעדוויִנער טראַקט, וואָס איז געלעגן צו מיזרח פון נובח און יגבהה. ווידער אַ מאָל האָט זיך גדעון באַנוצט מיט זײַן גוט-אויספּרובירטער טאַקטיק פון סורפּריז. בשעת די מדיינים האָבן נאָך אַ לאַנגן, שווערן מאַרש געלאַגערט אומבאַזאָרגט, איז גדעון אומגעריכט אויף זיי אָנגעפאַלן און צעקלאַפּט דעם רעשט פון זייערע חיילות. נאָך אַ לאַנגן ווידערשטאַנד האָט ער אויך געפאַנגען די צוויי פערשטן זבח און צלמונע. די איבעריקע, גיט דער פּסוק צו, זײַנען זיך צעלאָפן אין גרויסער אימה.

מיט אָט דער רײַכער טראָפּייע אין זײַנע הענט, קומט דער טריִומפירנדיקער גדעון צוריק אין שטעטל סוכּות. ער פאַרזאַמלט זיבן און זיבעציק פון חשובי העיר און זאָגט צו זיי אָט וואָס: האָט איר נישט געשפּעט פון מיר, זאָגנדיק, האָסטו שוין זבח און צלמונע אין דײַנע הענט, אַז מיר זאָלן דיר געבן ברויט? אָט זײַנען זיי איצט אין מײַנע הענט! עס איז אַ צײַט פון נויט און מלחמה, ווען אַלע מוזן צושטיין און העלפן. גדעון איז אין דעם מאָמענט אַ זעלבער, וואָס קען זיך נישט דערלויבן קיין סענטימענטן און שוואַכקייטן. ער קען זיך נישט לאָזן שפּײַען אין פּנים אַרײַן. ער מוז בלײַבן פעסט כּדי צו היטן די דיסציפּלין אין אַ צײַט פון קריזיס. משפּט ער טאַקע די אומפאָלגעוודיקע שפּעטער מיט דער גאַנצער שאַרפקייט און שטרענגקייט פון מלחמה-געזעץ. באַשטראָפט שווער די עלטסטע פון סוכּות, דרעשנדיק זייערע לײַבער מיט מידבר-דערנער און שטעכיקע ריטער, וואָס אַחוץ דער האַרבער שטראָף איז דאָס אויך געווען אַ טיפער בזיון פאַר זיי. נאָך אַכזריותדיקער איז ער געווען לגבי די אײַנוווינער פון פּנואל. ער צעשטערט זייער פעסטונג און הרגעט אויס די מענטשן. פּנואל וועט שוין נישט מער זײַן קיין נעסט פון ווידערשפּעניקונג און אַנטקעגנשטעלונג.

אַז ער האָט געהאַט פאַרענדיקט אָט די שטראָף־עקספּעדיציע, נעמט זיך גדעון משפּטן די צוויי געפאַנגענע מידבר־פּערשטן. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז ער האָט געהאַט מיט זיי אַלטע חשבונות. האָבן זיי אַמאָל, מן־הסתם בשעת אַן איבערפאַל אויף מנשה, אויסגעקוילעט אומברחמנותדיק אַלע זײַנע ברידער. פאַרלאַנגט דער אַלטער מיזרח־מינהג פון דעם גואל הדם נקמה צו נעמען פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט. אָבער גדעון איז נישט קיין אַכזר און סתם אַ בלוטיקער נקמה־נעמער. וויל ער קודם־כל וויסן, צי אָט די צוויי מענטשן, די פּערשטן זבח און צלמונע זײַנען די אמתע מערדער. ער וויל דאָך נישט פאַרגיסן אומשולדיק בלוט. וויל ער האָבן באַווײַזן איידער ער משפּט. פרעגט ער זיי טאַקע (ח׳, י״ח), ווי אַזוי האָבן אויסגעזען די מענטשן, וואָס איר האָט דערהרגעט אין תבור? די צוויי פּערשטן זײַנען אָבער אמתע מידבר־זין, שטאָלצע און נישט קיין פּחדנים. פאַרן טויט האָבן זיי נישט קיין מורא. ענטפערן זיי גדעונען מוטיק: „אַזוי ווי דו, אַזוי זיי, איין אויסזען, אַזוי ווי די געשטאַלט פון קעניגלעכע קינדער!‟ בכן, זײַנען דאָס געווען זײַנע אייגענע ברידער, זיי האָבן אויסגעזען ווי ער. און די פּערשטן מאַכן אים נאָך אַ קאָמפּלימענט, אַז זײַנע ברידער האָבן אויסגעזען ממש ווי קעניגלעכע קינדער. פאַר גדעונען איז שוין איצט קיין ספק נישט מער, ווער עס זײַנען די אמתע רוצחים. די געפאַנגענע פּערשטן ווייסן אויך, וואָס פאַר אַ תשובה ער דערוואַרט פון זיי. צו וואָס לייקענען, זיי רימען זיך אַפילו נאָך באַהאַלטענערהייט מיט זייער נאָבעלער טאַט: אָט זעסטו, עס זײַנען געווען קעניגלעכע קינדער, ממש אַזוי ווי דו!

איצט ווייס שוין גדעון אויף זיכער, ווער עס האָט אויסגעהרגעט זײַנע ברידער, די אַחי, בני אמי, די ברידער פון דער מוטערס צד, ניין, שווערט ער בײַ גאָט, ער וואָלט די געפאַנגענע געשוינט, ווען נישט זייער שענדלעכער מאָרד. ליגט דאָך אויף אים אַ הייליקער חוב פון בלוטיקער נקמה. דערפון טאָר ער זיך נישט אָפּזאָגן. זאָגט ער צו זײַן זון יתר: „שטיי אויף און טייט זיי!‟ אַזוי איז געווען דער מינהג אין דער אַלטער צײַט. איינער פון דער סוויטע פונעם פּערשט אָדער פונעם קעניג האָט מיט זײַנע אייגענע הענט באַדאַרפט אויספירן דעם בלוטיקן משפּט. אָבער יתר איז נאָך יונג, ער איז נאָך אַ ביסל אומבאַהאָלפן און נישט געניט, כּדי צו קענען באַווײַזן אַזאַ בריהשאַפט. מסתמא האָט ער נאָך ביז איצט קיינעם נישט געטייט. צאַפּלט שטילערהייט זײַן יונג האַרץ און זײַנע הענט ווערן אים ווי אָפּגענומען, אַזוי אַז ער איז ממש נישט בכּוח אַרויסצוציִען די שווערד פון איר שייד. זעען דאָס די צוויי געפאַנגענע פּרינצן און מיט אַ געפיל פון טויט־

פּאַראַכטונג זאָגן זיי צו גדעונען: שטיי דו אויף און דערשלאָג אונדז וואָרום דו ביסט צו אונדז גלײַך אין עלטער און אין גבורה! נאָר איינער וואָס איז גלײַך צו זיי אין אומדערשראָקנקייט און גבורה, זאָל זיי טייטן. אַוודאי קען זיך גדעון איצט נישט לענגער וואַקלען מיט דער דעה. עס איז זײַן הייליקער חוב אויסצופירן דעם בלוטיקן פּסק־דין, און אַזוי שטייט ער אויף און דערהרגעט מיט זײַן אייגענער האַנט די צוויי מערדער־פּרינצן. עס איז אַ לעבעדיקע, אַ ביז גאָר מענטשלעך־פּײַנפּילעוודיקע שילדערונג פון אַ טראַגישן נקמה־אַקט פון דעם אַלטן גואל־הדם מינהג, און וואָס ווערט דערציילט מיט אַ סך פאַרכאַפּנדיקער געשפּאַנטקייט, אָבער באַגלײַך מיט אַ שטיל־צניעותדיקער אײַנגעהאַלטנקייט מצד דעם קינסטלער.

האָבן מיר דאָ צו טאָן בלי ספק מיט אַ פּערלדיקער, היסטאָריש־אינ־טערעסאַנטער דערציילונג, וואָס האָט נאָך אין זיך אַלע סימנים פון צאַפּל־דיקער פרישקייט און שײַנט מיטן גאַנצן קאָלאָריט פון יענער ווײַטער, אַל־טער צײַט. עס זײַנען געוועזן די גבורות און ישועות פון דעם אומבאַקאַנטן פאָלקסהעלד גדעון, דעם זון פון יואשן, וואָס האָבן אויפגעשטורעמט דאָס געמיט פון זײַנע בני־דור און וואָס ווערן דאָ מיט אַזוי פיל עפּישער רחבות און שטייגערישקייט בילדעריש געמאָלן. נאָך אין די גאָר ווײַטע, שפּעטער־דיקע דורות האָט עס בײַ ייִדן אָפּגעהילכט מיט דעם „יום מדיין", ווי דעם גרויסן טאָג פון אומגעריכטן נצחון אין דער ייִדישער געשיכטע. אַזוי למשל רעדט דער נביא ישעיה (קאַפּ. ט', ג' און י', כ"ו) זייער האַפּערדיק וועגן דעם יאָך פון אַשור אויף ישׂראל, וואָס גאָט האָט צעבראָכן ווי „אין טאָג פון מדיין". ענלעך איז אויך דער פּסוק אין תהילים (פּ"ג, י'). עס איז דער טאָג פון נאַציאָנאַלער גבורה, פון אויפשטאַנד און נצחון. ווי אַזוי אָפט אין דער ייִדישער געשיכטע, אַמאָל און הײַנט, האָט אויך גדעון געפירט אַן עקשנותדיק־פאַרצווייפלטן קאַמף פון אַ מיעוט קעגן אַ רוב, פון ווייניקע קעגן פילצאָליקע חיילות, וואָס האָט זיך געענדיקט אין אַ גלאַנץ־נצחון פון די אומאָפּהענגיקע, פרײַהייט־ליבנדיקע שבטים, וואָס האָבן זיך מסופּנדיק און מיט מסירת־נפש אײַנגעשטעלט פאַרן כּבוד און די רעכט פון זייער פאָלק.

ד. די קעניגלעכע קרוין

אַזוי קומען מיר איצט צום דריטן און לעצטן אַקט פון דער גדעון־דראַמע מיט איר אויפברויז און גורלדיקייט. ווי אין דעם תּמימותדיקן פאָלקס־מעשׂהלע, קומט אויך דאָ די גיכע באַלוינונג פאַר דער מוטיקער

טאַט. פונקט אַזוי ווי אין פאָלקס־מעשׂהלע ווו דער אומבאַקאַנטער העלד, אַ גאָרנישט כּלפּי חוץ, ממש דאָס געלעכטער פון אַלעמען, וואָס האָט אָבער אַדורכגעמאַכט אַ רײ שווערע נסיונות און איז מנצח, ווערט צום סוף אָפּ־געגילדט מיט עשירות, מיט אַ בת־מלכּה אָדער גאָר מיט אַ קעניגרײַך, אַזוי איז דאָס אויך געווען מיט גדעונען. עס איז, וואָלט איך געזאָגט, אַ חלום אויף דער וואָר. די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולשטענדיקן נצחון. די מדיינים און זייערע אַליאַנטן האָבן באַקומען אַ שווערן טויט־קלאַפּ און האָבן שוין, ווי דער פסוק זאָגט עדות, נישט מער געקענט אויפהייבן דעם קאָפּ. דאָס לאַנד איז געוואָרן באַפרײַט און האָט זיך באַרויִקט גאַנצע פערציק יאָר, אַזוי לאַנג ווי גדעון האָט געלעבט. דער ייִדישער פּויער האָט ווידער געקענט פרײַ אָפּעטעמען. ער האָט איצט געקענט זיצן שטיל און מנוחהדיק אויף זײַן באָדן, זייען און שנײַדן די תּבֿואה און עסן צו דער זעט. ווי אַ צייכן פון אָנערקענונג און אָפּדאַנקונג פאַר זײַנע מעשׂים, קומען איצט די פאָרשטייער פון די שבֿטים צו אים און ווילן אים קרוינען פאַר אַ מלך. דאָס פאָלק וויל אַזוי אַרום פּטור ווערן פון דער פּאָליטישער אַנאַרכיע, עס וויל האָבן אַ שטענדיקן הערשער, וואָס זאָל קיניגן איבער זיי און זיי באַשיצן. גדעון איז שטאַרק און מוטיק, ער פאַרמאָגט קלוגשאַפט און האָט אויך פּאָליטישן טאַקט. ער האָט באַוויזן צו פאַראייניקן די שבֿטים אינעם קאַמף פאַר באַפרײַונג. ווער איז נאָך אַזוי ווי ער איצט ראוי צו טראָגן די קרוין פון אַ קעניג איבער ישׂראל?

גדעון איז אָבער אַ פּשוטער מענטש פון פאָלק. אים, דעם פּויערים־זון פון עפרה, אויפגעוואַקסן אין פרײַהייט, וואָס איז שטאָלץ אויף זײַן אומ־אָפּהענגיקייט, איז בעצם פרעמד דער געדאַנק פון אַבסאָלוטער אויטאָריטעט. אים פעלט אפשר גאָר די תּאווה צו מאַכט. ער וויל נישט קיין איבעריקן כּבֿוד און זוכט נישט קיין הערשאַפט, נישט פאַר זיך און נישט פאַר זײַנע קינדער נאָך אים. פאַרזאַמלט זיך איצט דאָס פאָלק מיט אַ פריידיקער באַ־גײַסטערונג אַרום אים און וויל אים אַרויפזעצן די קעניגלעכע קרוין אויף זײַן קאָפּ, אַזוי ענטפערט ער זיי מיט אַ פּשטות, וואָס קלינגט מיט חכמה און אַנטשלאָסנקייט: נישט איך און נישט מײַן זון זאָל געוועלטיקן איבער אײַך. גאָט אַליין וועט געוועלטיקן איבער אײַך! (שופטים, ח׳ כ״ג). ער, דער אַנאָנימער קעמפער, דער מינדסטער פון זײַן שטאַם, וואָס איז איבער נאַכט געוואָרן דער גרויסער פאָלקסהעלד, האָט נישט די אַמביציע צו גע־וועלטיקן, צו האָבן די אייבערהאַנט איבערן כּלל. זעט ער זיך, ווי אַ סך פאַר אים און נאָך אים, ווי אַ צײַטווײַליקער שליח פון גאָט, אויסגעקליבן

פון צווישן זײַן פאָלק צו טאָן גאָטס שליחות און באַפרײַען דאָס פאָלק פונעם שׂונאס יאָך. וויל ער, באַקומען מיר אַ פרומע אָנצוהערעניש, בלײַבן געטרײַ דער רעליגיעזער קאָנצעפּציע, וואָס איז געווען פון דורות טיף פאַרוואָרצלט אינעם לעבנס־שטייגער פון פאָלק, אַז דער איינציקער, אַל־מעכטיקער הערשער איבער זײַן פאָלק איז גאָט און נישט קיין בשׂר־ודם. מיט אַזאַ וועלט־באַנעם טרעפן מיר זיך אויך אָן אין שפּעטערדיקע דורות, אַ משל אין דער צײַט פון שמואל הנביא, בעת דאָס פאָלק איז צו אים צו־געשטאַנען, אַז ער זאָל פאַר זיי מאַכן אַ קעניג ווי בײַ אַלע פעלקער (שמואל א, ח).

ה. אַ געטער־בילד

מיר קומען איצט צו אַ מין עפּילאָג פון דער אויפגעברויזטער גדעון־דראַמע, וואָס ענדיקט זיך נישט מיט דעם דערוואַרטן „כּי טוב", מיט אַ לויבגעזאַנג צו דעם גבורהדיקן פאָלקסהעלד, נאָר קלינגט גיכער אויס אין אַ דיסהאַרמאָניע, וואָס קולמינירט אין אַ ביטערער אַנטוישונג און אַ שווערן פּראָטעסט. דעם דערציילער געפעלט שוין גאָרנישט די מעשׂה וואָס גדעון האָט אָפּגעטאָן מיטן זאַקרויב באַלד נאָכן נצחון. ער פאַרשווײַגט אים נישט די „מעשׂה רע", וואָס ער באַטראַכט אין זײַן תּמימותדיקן גלויבן ווי אַ חטא פון אָפּטריניקייט. ענדיקט זיך טאַקע די דאָזיקע עפּישע נאַראַציע מיט אַ שטאַרקער נאָטע פון טאַדל און מוסרדיקן גרימצאָרן, וואָס פּאַסט זיך זייער גוט אַרײַן אינעם רעליגיעז־היסטאָריאָסאָפישן וועלט־באַנעם פון שפּעטערדיקן ייִדנטום.

וואָס איז דאָ אייגנטלעך פאָרגעקומען? גדעון האָט, ווי מיר ווייסן, זיך אָפּגעזאָגט פון דעם גרויסן כּבוד צו ווערן אַ קעניג איבערן פאָלק. ער וויל גאָרנישט פאַר זיך אָדער פאַר זײַנע קינדער. ער וויל זיך נישט דערהייבן איבער זײַן פאָלק. אין דער אמתן וויל ער פאַרבלײַבן דער פּשוטער פאָלקס־פירער, אַ געטרײַער שליח פון זײַן גאָט, אָן פּרעטענזיעס אויף אַ וועלכער עס איז באַזונדערער אויסצייכענונג. טראָגט ער טאַקע אין זײַן דאַנקבאַר האַרץ אַ טיפן ווונטש צו ערן גאָט מיט אַלצדינג וואָס ער קען. דעריבער זאָגט ער מיט באַשיידענער דאַנקבאַרקייט צו זײַנע מענטשן, וואָס זײַנען אַרום אים: זאָל יעדער פון אײַך געבן אַ נאָז־רינג און אַ ביסל פון דעם צירונג פונעם רויב פון די מדיינים, און זאָל דאָס זײַן פאַרן כּבוד פון גאָט. עס געדויערט נישט לאַנג און עס ווערט אויסגעשפּרייט אַ מאַנטל, וווהין

דאָס פאָלק האָט אַרײַנגעוואָרפן גילדענע נאָז־רינגען, אַחוץ אויסגעטאָקטע לבנהלעך, אוירינגען און טײַערע פורפל־קליידער וואָס אויף די פערשטן פון מדיין. דערצו זײַנען נאָך צוגעקומען, ווי דער פסוק רעכנט אונדז אויס, די קייטעלעך אויף די העלדזער פון די קעמלען, וואָס האָבן פאַרצירט די לעדערנע צוימען. און די וואָג פון אָט די אַלע טײַערע חפצים איז געווען זייער שווער, — אַ רײַכע, בכּבודיקע מתּנה פאַר גאָט.

אַגב, איז אינטערעסאַנט, אַז די לבנהלעך וואָס ווערן דאָ דערמאָנט, האָבן געהאַט אַ צורה פון אַ האַלבער לבנה און זײַנען געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אינעם קולטור־סעקטאָר פון אַלטן כּנען. מען האָט זיי געטראָגן ווי אַ צירונג און עס איז אַ סברא, אַז זיי האָבן געהאַט אַ טיפערן רעליגיעז־מאַגישן באַטײַט. אָט אַזעלכע לבנהלעך, וואָס עס האָבן געטראָגן לויט דער לעצטער מאָדע די אָנגעזעענע טעכטער פון ירושלים, דערמאָנט אונדז אויך דער נביא ישעיה (ג׳, י״ח) מיט אַ געפיל פון פאַרדראָס און עקל.

איצט האָט גדעון גענומען דאָס גאַנצע צונויפגעקליבענע גאָלד און די טײַערע חפצים און געמאַכט דערפון אַן אפוד, וואָס האָט אין יענער צײַט געהאַט זײַן פלאַץ אינעם רעליגיעזן קולט. אָבער וואָס דער אפוד איז אַזעלכעס געווען ווייסן מיר הײַנט שוין נישט מער אַקוראַט. וועגן דעם גייט אַן אַ מחלוקת־הפּוסקים צווישן די וויסנשאַפטס־מענטשן. איז דאָס געווען אַ מין מלבוש, וואָס די כּהנים האָבן אָנגעטאָן אין בית־המיקדש בשעת דער עבודה, אָדער גאָר אַ מין אָקולאַרער אָביעקט אָנצופרעגן דורך אים בײַ גאָט וואָס דער מענטש זאָל טאָן? אָדער אפשר האָבן מיר גאָר צו דרינגען פון אונדזער טעקסט, אַז דער אפוד וואָס גדעון האָט געמאַכט איז געווען אַ שטאַנדבילד פון גאָלד, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט אין הייליקטום פון עפרה, ווי אַ מין וויזועלן סימבאָל פון דער געטלעכקייט, און צו וואָס דאָס פאָלק האָט דערנאָך געדינט ווי צו אַ געץ? לאָזט אונדז טאָקע דער פסוק הערן מיט אַן אײַנגעצוימטן ווידער־געפיל, אַז מיטן אפוד האָט גדעון פאַרפירט דאָס פאָלק „און ער איז געווען גדעונען און זײַן הויז פאַר אַ שטרויכלונג״ (ח׳, כ״ז).

אין די אויגן פון אַ שפּעטערדיקן געשיכטע־שרײַבער, וואָס רעפלעקטירט איבער די געשעענישן פון עבר און לערנט אַזוי אַרום פשט איבערן מהות פון ייִדישן וועלט־באַנעם, איז גדעונס אפוד געווען אַ שטיק רעליגיעזע הפקרות, אַן אָפּקער פון דעם ריינעם גלויבן אין דעם איינאײנציקן גאָט וואָס איז נישט סובל קיין אָפּגעטער לעבן זיך. דערפאַר טאָקע שאַנעוועט ער אים נישט, זאָגט אים דעם אמת אין פּנים אַרײַן, אפילו דעמאָלט

װען עס גײט װעגן דעם גרױסן באַפרײַער פֿון נעכטן. זאָל מען זיך אָראָפּ־נעמען דערפֿון אַ מוסר־השׂכּל און טאַקע גײן בדרך הישר. אים, דעם ייִדישן היסטאָריאָסאָף אַרט גאָרנישט די שלעכטע צענזור, װאָס דער גבֿורההדיקער פֿאָלקסהעלד באַקומט, װאָס זײַן געשטאַלט װערט דערמיט אָפּגעשװאַכט און זײַן גרױסער נצחון װערט געמינערט. פֿאַרן היסטאָרישן שופֿט איז נישט פֿאַראַן קײן אָפּאָרטוניזם און קײן פֿאַלשקײט, נישטאָ קײן יוצא מן הכּלל. אַפֿילו דער גרעסטער מנהיג, דער דערהױבנסטער מענטש, קױם זינ־דיקט ער מיט עפּעס, פֿאַרדינט ער אַ שטראָף. אַדרבא, װאָס גרעסער דער מענטש אַלץ אָנזעעװדיקער איז זײַן שולד, די פּגימה אױף זײַן אױסגע־לײַטערטער נשמה. אַזױ איז דאָס געװען מיט דעם גרױסן ייִד משה רבנו, שפּעטער מיט דודן און שלמהן און מיט אַ סך אַנדערע פֿאָלקס־מנהיגים און גײַסט־מענטשן, װאָס זײַנען געקומען נאָך זײ. דאָס איז בעצם אױך דער מוסר־השׂכּל פֿאַר אונדזער הײַנטיקן, אױפֿברױזנדיקן און זיך באַנײַענדיקן דור. אין דעם שטעקט אױך דער טיפֿער סוד פֿונעם גאַנג פֿון ייִדישן פֿאָלק אין דער געשיכטע, פֿון זײַן רוחניותדיקײט און מענטשלעכער דערהױבנ־קײט, װאָס זײער שטראַלנדיק ליכט זאָל דינען װי אַ װעגװײַזער אינעם קאַמף פֿאַרן װײַטערדיקן קיום פֿון ייִדן אין אונדזער הײַנטיקער צײַט.

(1968)

היסטאָרישע רעפלעקסיעס אין די ברכות פון יעקבן

אינעם ספר בראשית (מ"ט, א־כ"ז) פאַרמאָגן מיר איינע פון די שענסטע און דערהויבנסטע פּאָעמעס פון דער אַלטער העברעיִשער ליטע־ראַטור. עס איז בעצם אַן עפּישע דיכטונג אינעם סטיל פון אַ נביאישער אימפּראָוויזאַציע, אינספּירירט פון דער שיינקייט און גלאָריע פונעם לעבן פון די שבטים אין לאַנד פון ישׂראל. לויט איר איצטיקער געשטאַלט און אידעיִשן פאַרנעם, איז דאָס אַ ברכה וואָס יעקב אָבינו האָט געגעבן פאַר זײַן טויט צו זײַנע זין, די צוועלף שבטים, וואָס האָבן זיך געהאָט פאַרזאַמלט אַרום אים. מיט דעם רוח־הקודש חזיון פון אַ נביא, נעמט ער זיך זיי פאַרויסזאָגן וואָס עס וועט מיט זיי פּאַסירן אין ווײַטן עתיד, אינעם אחרית הימים, בײַם סוף פון די טעג. אַזאַ מין דערהויבענע לירישע שירה פאַרמאָגן מיר אויך אין ספר דברים, ל"ג, א־כ"ט, וואָס איז באַקאַנט ווי די ברכה פון משהן, דעם גרויסן מנהיג און געטלעכן מענטש. זי הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „וזאת הברכה", „דאָס איז די ברכה, וואָס משה דער געטלעכער מאַן האָט געבענטשט די קינדער פון ישׂראל פאַר זײַן טויט". אויך דאָ טרעפן מיר זיך אָן מיט דעם סודותדיקן עלעמענט פון „אחרית הימים", וואָס עס וועט זיך טרעפן בײַם סוף פון דער צײַט. און לאָמיר אויך אין איין וועגס דערמאָנען די ווונדערלעכע שירה, אַ קראַנץ פון לידער מיט זייער גוואַלדיקן פּאַטאָס און דראַמאַטישער וואָרט־קונסט, וואָס בלעם האָט אויסגעזונגען אין זײַן עקסטאַטישן חזיון איבער די שבטים פון ישׂראל (במדבר, כ"ג, י"ח־כ"ד; כ"ד, ג־ט, ט"ו־כ"ד), אויפן גרענעץ פון מיזרחדיקן עבר הירדן. מיר האָבן דאָ אַ בלי ספק צו טאָן מיט אַ זשאַנער פון דער אַלטער עפּיש־העראָיִשער דיכטונג, וואָס אַמאָליקע באַהויכטע זינגער (משלים) האָבן אויסגעזונגען, מיט פרייד און אַנטציקונג די גרויסקייט און דער־הויבנקייט פון פאָלק ישׂראל, אין דער קדמונדיקער העברעיִשער פּאָעזיע. דער סימן מובהק פון אָט דער אַלטער העברעיִשער פּאָעזיע איז, וואָס זי שטייט מיטן פּנים צו אַ גליקלעכן און שײַנענדיקן עתיד פון פאָלק. די גרויסע דיכטער, וואָס ריידן מיט אַזוי פיל התלהבותדיקן ברען און גלויבן

װעגן זײער פֿאָלק, שטײען אין דער אמתן נישט אין די װײַטע, גרױע אָנהײבן פֿון דער פֿאָלק־געשיכטע, נאָר ממש אינעם צעשטורעמטן, אױפֿגערודערטן הווה, מיט זײַנע סתּירות און געראַנגל, און װאָס פֿלײצט מיט אַ סך נאַציאָנאַלער גבורה און רחבותדיקײט.

סײַ די ברכות פֿון יעקב אָבינו און משה רבנו, און סײַ די לידער פֿון בלעם דער זון פֿון בעור, טראָגן דעם בולטן חותם פֿון אַ נביאישער אינספּיראַציע מיט איר אױסקוק אױף אַ שײנעם, ליכטיקן מאָרגן, װען דאָס פֿאָלק װעט שױן זײַן פֿאַראַרבט אין זײַן לאַנד. עס װעט דעמאָלט פֿירן אַ צופֿרידן, גליקלעך לעבן, אומאָפּהענגיק און פֿרײַ. די דיכטער באַנוצן זיך דאָ מיט אַ קינסטלערישער פֿאָרעם, װאָס איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם נביא אין זײַן געטלעכער עקסטאַזע, פֿול מיט הײליקן ברען און בטחון, בעת ער מאָלט די קומענדיקע אױפֿריכטונג פֿון פֿאָלק און זײַן שטראַליקע צוקונפֿט. זײַן שפּראַך איז אָפֿט אַ פֿאַרהױלענע, אַ סודותדיקע, פֿול מיט רמזים און אָנצוהערענישן, װאָס אפֿשר נאָר זײַנע בני־דור האָבן זיך געקענט אָנשטױסן אין זײ, פֿאַרשטײן זײער טיפֿערן מײן און באַטײַט.

לאָמיר אױך פֿאַרגעדענקען, אַז עס איז פֿון תּמיד אָן געװען דער חלום פֿון מענטש צו דערגײן, װאָס עס װעט זײַן אין דער װײַטער צוקונפֿט, אַרײַנצוקוקן דורך אַ שפּאַרונע אין דעם פֿון גאָט פֿאַרױסבאַשטימטן, פֿאַרן מענטשן אָבער אױסבאַהאַלטענעם עתיד. אַזױ האָבן זיך נוהג געװען די אַלטע פֿעלקער און אַזױ איז אױך געװען דער מינהג בײַ ייִדן. מען האָט געװאָלט דורך כּל המינים פֿאָרטלען דערגײן דעם רצון פֿון גאָט און װאָס עס איז אָנגעברײט סײַ פֿאַרן מענטש װי אַ יחיד און סײַ פֿאַרן כּלל. האָבן טאָקע נישט געפֿעלט בײַ ייִדן, װי מיר װײסן, די „מחשבי קצין״, װאָס האָבן געפּרוּװט מיט כּל המינים קונצן, אױסרעכענונגען און השבעות, אױסצוגעפֿינען, װען עס װעט קומען די גאולה, די צײַט פֿון משיחן, װאָס זאָל באַפֿרײַען דאָס פֿאָלק פֿון שװערן, ביטערן גלות. דאָ אַרײַן געהער אױך די קאָנצעפּציע פֿון „אחרית הימים״, דער סוף פֿון די טעג, אינעם עסכאַטאָלאָגישן זינען. עס איז אַ קדמונדיקער גלױבן פֿון אַ לעצטער (אחרית) תּקופֿה אין לעבן פֿון די מענטשן, אַ סוף צו צרות און פּײַן און דער אָנהײב פֿון אַ גאולה שלמה, פֿון יושר און שלום, װאָס גאָט װעט ברענגען פֿאַר זײַן פֿאָלק און פֿאַר דער װעלט בכּלל. עס פֿאַרשטײט זיך, אַז אײדער עס װעט קומען דער דאָזיקער אידעאַלער, אױב נישט טראַנסצענדענטאַלער מצב פֿון אַ געטלעכער גאולה און אַן אײביקן שלום אױף דער װעלט, װעט גאָט צו ערשט באַשטראָפֿן די זינדיקע, בעיקר די פֿאַרזינדיקטע קינדער

פון ישראל, און ערשט דערנאָך ווען דאָס לעבן וועט זײַן אָפּגערייניקט פון אַלע סאָציאַלע עוולות און עטיש־רעליגיעזע פּגימות, וועט קומען די סופיקע גאולה, וואָס וועט זײַן אַ גאולה שלמה פאַרן גאַנצן באַשאַף. אַזעלכע און ענלעכע פאָרשטעלונגען געפינען מיר אויך בײַ אַ גאַנצער ריי אַנדערע מיזרח־פעלקער, אָבער אפשר ליגט בײַ זיי דער טראָפּ נישט אַזוי שטאַרק, אויף דעם עצם רעליגיעז־עטישן וועלט־באַנעם, ווי אין דעם אויפגעשטורעמטן, וואַכיקן געמיט פון ייִדישן פאָלק.

בדרך כּלל האָט מען פאַרצײַטנס געגלייבט (און אויך הײַנט צו טאָג) אין דעם ספּיריטועלן כּוח פון אַ ברכה, בפרט ווען זי קומט פון דעם הייליקן מויל פון אַן אָדם גדול, אַ צדיק, אַ געטלעכער מענטש. פּונקט אַזוי ווי די ברכה, אַזוי האָט אויך די קללה געהאַט אַ רעאַלן, פּאַקטישן כּוח, וואָס מוז מקוים ווערן. דאָס אַרויסגעזאָגטע וואָרט, סײַ אין דער האַרציקער ברכה און סײַ אין דער אימהדיקער קללה, האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון דעם באַהאַלטענעם, מאַגישן כּוח, וואָס איז געווען ביכולת צו פאַרוואַנדלען דאָס וואָרט אין אַ רעאַליטעט, און אַזוי אַרום האָבן אַ פּעולה אויפן לעבן און גורל פון מענטש. דאָס וואָס עס איז געוואָרן אַרויסגערעדט מיטן כּוח פון וואָרט, האָט זיך קאָנקרעטיזירט און מאַטעריאַליזירט, און מען האָט עס שוין נישט מער געקענט אָפּווענדן און איבעראַנדערשן. אַזוינע גלייבונגען און אינהיביציעס לעבן נאָך עד־היום אין דער פּסיכיק פון מענטש. אָפט רופט דאָס אַרויס פרייד און אַנטציקונג, און ווידער אַ מאָל פּחד און אימה. בײַ ייִדן איז די דאָזיקע פאָרשטעלונג פון דער פּעולה פון אַ ברכה אָדער קללה, געוואָרן פאַראיידלט און סובלימירט, און באַקומען אַ פאַרטיפטן עטיש־רעליגיעזן זינען און מיין. ייִדן האָבן געגלייבט, אַז די השפּעה אויפן גורל פון מענטש, סײַ צום גוטן און סײַ חלילה צו שלעכטס, קומט נאָר פון גאָט. עס זײַנען די אייבערשטע וועלטן, וואָס האָבן מיט זייער ריינקייט און קדושה, אַ השפּעה אויפן לעבן פון מענטש. זיי קענען אים ברענגען סײַ פרייד און גליק, געזונט און גוטס, און אויך דעם היפּוך. די געטלעכע שפע פאַרן מענטש קומט אַראָפּ פון די הימלדיקע אוצרות דורך די צינורות, דורך אין־סופיקע קאַנאַלן, ווי עס האָבן זיך למשל אויסגעדריקט די שפעטערדיקע מקובלים; עס איז אַ שפע פון חסד און רחמים פאַר דער בריאה אונטן. איז טאַקע לויט אַ שפּעטערדיקן באַנעם, דער כאַריסמאַטישער מענטש, דער צדיק, בכּוח געווען אַראָפּצוברענגען אָט די שפע פון די אייבערשטע וועלטן פאַרן מענטש און באַגליקן זײַן וועג אויף דער וועלט. אויב אַ בייזע גזרה אָדער אַ קללה האָט געקענט זײַן די סיבה פון אַלדאָס

בייז פאַרן מענטש, איז דער צדיק געווען בכּוח דאָס מבטל צו זײַן און איבערצאַנדערשן דאָס צום גוטן.

האָבן מיר אין די ברכות פון יעקב אָבינו, עפּעס פון יענעם פּאַרציײַטישן גלויבן אינעם כּוח פון אַ באַהויכטן, הייליקן מענטש, וואָס איז, וואָלט איך געזאָגט, אַ בן־בית סײַ אונטן און סײַ אויבן, סײַ אויף דער וועלט און סײַ אין די הימלדיקע, אייבערשטע ווײַטקייטן. ווער האָט נאָך געהאַט דעם געטלעכן כּוח צו בענטשן זײַנע קינדער מיט אַ גליקלעכער צוקונפט, אויסמאָלן פאַר זיי אַ שטראַליקן עתיד, ווי אָט דער גרויסער ייִד, דער בן־גדולים, דער פּאָטער פון די צוועלף שבטים, וואָס זײַנען געוואָרן דער יסוד פון דעם אייביקן און אייגנדיקן פאָלק ישׂראל? דאָס זעלביקע איז אויך נוגע משה רבנו, דעם גרויסן, מסירת־נפשדיקן מנהיג פון פאָלק און געטלעכן מאַן, וואָס האָט געגעבן זײַן פאָלק אַ תּורת־חיים, געשאַפן די אחדות פון די שבטים און פון זיי געמאַכט אַ נאַציאָנאַלע גאַנצקייט. ברכות האָבן, על כּן, אַ זינען און אַ משמעות פאַר דער צוקונפט, און דאָס פאָלק גלייבט, אַז זיי וועלן סוף־כּל־סוף מקוים ווערן. אויך אין אונדזערע דורות זײַנען ייִדן געקומען צו אַ צדיק, צו אַ גוטן ייִד נאָך אַ ברכה כּדי בײַ אים געהאָלפן צו ווערן. די ברכה האָט אַ האַפט און זי מוז ווערן מקוים.

מאָלט אונדז דער דיכטער פון בראשית מ״ט די פּאַטריאַרכאַלישע אָבות־סביבה פון אַ ווײַטן עבר. דער טאַטע יעקב נאָך אַ לאַנג און שווער לעבן, פול מיט מאַטערנישן און נסיונות, רופט צונויף פאַר זײַן טויט זײַנע זין, כּדי זיי צו בענטשן. בעצם זײַנען דאָס נישט סתּם ברכות וואָס אַ פאָטער גיט זײַנע קינדער פאַר זײַן טויט, נאָר נביאישע רייד וועגן דער ווײַטער צוקונפט פון יעדן שבט באַזונדער, לויב־ און שטראָף־רייד, לויט ווי איינער האָט זיך דאָס פאַרדינט. אינעם סטיל פון דער אַלט־העברעיִשער נבואה, נעמט זיך יעקב פאַרויסזאָגן וואָס עס וועט זיך מיט זיי טרעפן אין אַ ווײַטער, קומענדיקער תּקופה. מיכשולים און ראַנגלענישן, אַ ירידה פון דעם איינעם און אַן עליה פון דעם אַנדערן שבט. האָבן מיר, על כּן, דאָ צו טאָן מיט אַן עפּישן זשאַנער פון לידער, וואָס דערהייבן זיך אָפט מיט זייער ריטמיק און דיכטערישן גלי צו די הויכקייטן פון עקסטאַטישע זעונגען פון אַ ליכטיקער, גרויסער צוקונפט, ווי די גרויסע נביאים האָבן דאָס פאַרויסגעזאָגט שפּעטער פאַרן גאַנצן פאָלק. דער נוסח פון יעקבס רייד איז בעצם אַן אָנגענומענער, אַ שטייגערישער אין דער אַלטער העברעיִשער ליטעראַטור. עס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „זאַמלט זיך אײַן, און איך וועל אײַך זאָגן וואָס וועט אײַך געשען אין סוף פון די טעג". עס זײַנען

עקסטאַטישע שילדערונגען פון אַ הויכן לירישן פּאַרנעם, געגאָסן אין ריט־מיש־געמאָסטענע פערזן, געצוימט אין זייער נביאישער שפּראַך. עס זײַנען אָפט נישט־דערזאָגטע, פאַרהוילענע רייד, וואָס זײַנען ממש אַזוי אומקלאָר און אומדורכזיכטיק ווי די ווײַטע, פאַרשלייערטע צוקונפט גופא. אָבער אין די אַלטע דורות האָט זיך אַן עולם פאַרגאַפטע צוהערערס אײַנגעהערט מיט גרויס געשפּאַנטקייט און אַנטציקונג צו די רייד פון די זינגערס און דיכטערס. זײַנען דאָס דאָך געווען נביאישע רייד פונעם שטאַם־פאָטער יעקב, בײַם סאַמע אָנהייב פון דער פאָלק־געשיכטע, וואָס האָבן געקוויקט דאָס דאָרש־טיקע האַרץ פונעם פשוטן ייִד, געוועקט אין אים פרישע האָפענונגען, פרייד און שטאָלץ אין דעם אויסקוק אויף אַ ליכטיקן עתיד. עס איז מסתמא גע־ווען די צײַט פונעם גערונגל און מלחמות פון די איינצלנע שבטים בשעת זייער פאַראַרבונג אינעם לאַנד. אַן אַ שיעור שווערע נסיונות, קאַמפן און וואַגלענישן, אַדורכפאַלן און נצחונות, ירידות און עליות בײַ דעם איינעם אָדער גאָר אַנדערן שבט, איידער עס איז געקומען די לאַנג געהאָפטע נאַ־ציאָנאַלע אחדות. אָבער איבער דעם גאַנצן פּײַנעם געוועב פון די העראָישע לידער ליגט באַשײַמפּערלעך אויסגעגאָסן אַ פּאָעטישע רײַפקייט און גײַסטי־קע דערהויבנקייט, אַ ברען און אַ פּאַטאָס, וואָס האָט אָנגעפילט די געמיטער מיט אַ נאַציאָנאַלן שטאָלץ און אַ גלויבן אין אַ שיינער, ליכטיקער צוקונפט.

ווען אַ שטייגער אַזאַ עפּישע דיכטונג איז אויפגעקומען, איז היינט שווער צו זאָגן. לאָמיר זיך אָבער דאָ גלײַך באַוואָרענען און באַמערקן, אַז דאָ גייט נישט אין ענינים פון אמונה, וואָס איז גרויס און לעבט אין אונדזער אַלעמענס הערצער, נאָר אין אַ ליטעראַרישער יצירה, אַ גרויסע, אַ דער־הויבענע, וואָס מיר מוזן באַטראַכטן פון אַ ליטעראַטור־היסטאָרישן קוק־ווינקל. ליטעראַרישע יצירות פון אָט דעם מין, אָפט קאָלעקטיווע, האָבן זייער צײַט און אָרט אינעם לעבן פון פאָלק. זיי ווערן נישט געבוירן סתם אין אַ חלל, נאָר זײַנען על־פּי־רוב באַדינגט פון געוויסע היסטאָרישע, נאַ־ציאָנאַלע און קולטורעלע סיבות. זיי האָבן זייער פּלאַץ אין די אָביעקטי־ווע אומשטאַנדן פון דער צײַט, הגם זיי פאַרמאָגן אָפט אַן אימאַזשינערן כאַראַקטער און אַ נביאיש־געפאַרבטן קאָלאָריט. זיי ווילן אונדז תמיד עפּעס לאָזן הערן. זיי זײַנען דידאַקטיש און האָבן אַ טיפערן באַטײַט מיט אַ מוסר־השׂכּל סײַ פאַרן הווה און סײַ פאַרן עתיד. אַוודאי וועט דער פרו־מער, גלייביקער ייִד, וואָס האַלט אַז אַלצדינג אין אונדזער גײַסטיקן פאַר־מעג איז געוואָרן איבערגעגעבן צו משה רבנו אויפן באַרג סיני, זען אין דעם אַפּיקורסות און אפשר גאָר כּפירה. ווער קען דערשאַצן דעם תּהום

פון מענטשלעכער גלייביקייט? אָבער אין ענינים פון אמונה קענען מיר זיך דאָ נישט אַרײַנלאָזן אין קיין וויכוחים, נישט דאָס זײַנען מיר אויסן. פון דעסטוועגן ווילן מיר אָבער זאָגן, אַז די אמונה אין דער דערהויבנקייט פון תּורת־משה, מיינט נישט, אַז מיר טאָרן זיך נישט פאַרטראַכטן אין געוויסע היסטאָרישע פּרטים פון דער פאָלק־מסורה, וואָס אירע סתּירות האָבן שוין באַמערקט און אָפּגעפרעגט די קדמונים. פאַר אונדז שטייט דאָ אין איר גאַנצער שאַרפקייט די היסטאָרישע און אַגב אויך די ליטעראַרישע פּראָבלעמאַטיק פון אַ קאַפּיטל צאַפּלדיקער אַמאַליקייט, אָפּט לעבעדיקע שטיקער פּראָזע און שירה פון אַ ווײַטן עבר, וואָס די מסורה האָט אויף איר שטייגער פאַרהייליקט אין דעם ספר הספרים, צו וואָס מיר ווילן זיך אָבער היסטאָריש דערגרונטעווען און ווי ווײַט מעגלעך באַשיידן.

לאָמיר דאָ אויך דערמאָנען אַגב, אַז אינעם תּנ״ך גופא האָבן זיך אויפגעהיטן קלאָרע און בולטע שפּורן און אָנצוהערענישן אויף געוויסע ספרים און לידער־זאַמלונגען, וואָס זײַנען משמעות געווען אין דער קדמון־צײַט שטאַרק פאַרשפּרייט, און מסתּמא געזונגען פון פאָלק ביי פאַרשיידענע פּריילעכע און אַנדערע געלעגנהייטן. אַזוי למשל הערן מיר אין במדבר (כ״א, י״ד) פון דעם „ספר מלחמות ה׳״, און אין יהושע (י, י״ג) און שמואל ב׳ (א, י״ח) פון „ספר הישר״, וואָס זײַנען מיט דער צײַט פאַרלוירן געגאַנגען. אין במדבר (כ״א, כ״ז) הערן מיר פון אַ ליד, וואָס די מֹשלים (מסתּמא די וועלטישע זינגערס און דיכטערס) האָבן געזונגען, און וואָס נאָר אַ פראַגמענט דערפון האָט זיך אויפגעהיטן אין חומש. דאָס זעלביקע איז אפשר אויך נוגע די ברכות פון יעקבן. די מסורה האָט זיי אַרײַנגענומען אין דעם גײַסטיקן פאַרמעג פון עם־הספר, זיי פאַרהייליקט און צוליב זייער אַלטקייט מייחס געווען אַזש צו יעקב אָבינו, דעם שטאַם־פאָטער פון די שבטים. אַ ליטעראַטור־היסטאָרישע באַטראַכטונג פון אַ תּנכישן טעקסט, מיינערט בפירוש נישט זײַן חשיבות און יחיד־במינודיקייט. זײַן ווערט איז אַן אייביקער, ווײַל ער איז געטלעך־מענטשלעך.

ווען איז פאָרט געוואָרן פאַרפאַסט דאָס גרויסע קאַפּיטל פון בראשית מ״ט מיט זײַן אייגנדיקן, נביאישן חזיון אויפן ווײַטן עתיד? וועגן דעם גייט אַן אַ פּלוגתּא צווישן אַ ריי פאָרשער. זיכער איז אָבער איינס, אַז אָט די פאָעמע וואָס די מסורה האָט פאַרהייליקט ווי די אויטענטישע רייד פון יעקבן, איז באַזירט אויף, און באַזינגט אַן אַקטועלע היסטאָרישע סיטואַציע. זי איז אָבער געוואָרן קינסטלעך אַרײַנגעפּאַסט אין דער סכעמע פון יידישן היסטאָריאָסאָפישן אויסקוק און וועלט־באַנעם. עס גייט דאָ אין אַ

מעטאַדישער סכעמע, לויט וואָס מען האָט אויפגעשטעלט דעם גראַנדיאָזן סטרוקטורעלן געביי פון דער היסטאָריע פון יידישן פאָלק, ממש פון זיינע ערשטע אָנהייבן, איבער יציאת־מצרים מיטן איינעמען פון לאַנד כנען, ביז צו דער מלכים־צייט און אַריבער. דאָס היסטאָרישע בילד איז געגליכן אין אַ געוויסן זינען צו אַ מעכטיקער פיראַמידע. אין איר שאַרפן שפּיץ שטייען די אָבות, וואָס האָבן פאַרלייגט דעם יסוד פאַרן גאַנצן פאָלק. דערנאָך גייען אין דער ברייטערער שיכט די צוועלף שבטים, זייערע קינדער און קינדסקינדער, און ערשט וויט אונטן די ברייטע, מאַסיווע פּלאַטפאָרמע פון דעם גראַנדיאָזן בנין, דאָס גאַנצע פאָלק ישראל מיט זיין דינאַמישער רחבות. אין אָט דער היסטאָרישער פּריזמע, האָט די שפּעטערדיקע היסטאָריאָסאָפיע געזען די פאָרמאַציע, די אַנטוויקלונג און וווּקס פון פאָלק ווי אַזעלכן. דאָס איז געווען לויט דער תנכישער קאָנצעפּציע דער היסטאָרישער גאַנג פון „ווערן אַ פאָלק", וואָס גאָט כביכול האָט באַשטימט מלכתחילה, בשעת זיין התגלות צו אברהם, יצחק און יעקב, און דעם אייביקן בונד וואָס ער האָט געשלאָסן מיט זיי. אָט דער בונד איז אויך כולל די געטלעכע הבטחה, אַז די קינדער פון ישראל וועלן ירשנען דאָס לאַנד כנען ווי אַן אייביקע פאַרארבונג. לויט דער דאָזיקער היסטאָרישער סכעמע האָבן די איינצלנע שבטים, די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, דערגרייכט אין דער צייט פון יציאת־מצרים און מתן־תורה, זייער נאַציאָנאַלע אחדות און געוואָרן אַ גאַנץ פאָלק.

אָבער ווי מיר ווייסן היינט, אויפן סמך פון עפּיגראַפישע מאַטעריאַלן און אַרכעאָלאָגישע געפינסן, און טאַקע ביים פאַרגלייכן די פאַרשיידענע היסטאָרישע מקורים אינעם תנ"ך, איז דער פּראָצעס נישט געווען אַזוי סכעמאַטיש און פאָרויס באַשטימט, ווי מען האָט דאָס זיך שפּעטער פאָרגעשטעלט. אַדרבא, דער פּראָצעס פון „ווערן אַ פאָלק", סיי פון יידן און נישט־יידן, איז שוין נישט אַזוי סטערעאָטיפּ און פשוט. עס איז אַ לאַנגער, אַ פּאַמעלעכער און בהדרגהדיקער וועג ביז עס קריסטאַליזירט זיך אויס אַ כלל מיט אַ גייסטיק־נאַציאָנאַלן מהות. דאָס זעען מיר אַ שטייגער גאַנץ קלאָר אין די היסטאָרישע דערציילונגען פון ספר שופטים, וואָס האָט אויפגעהיטן גאָר אַ סך וויכטיקע און אויטענטישע היסטאָרישע מקורים. ערשט נאָך דער פאַראַרבונג אין לאַנד, מיט אַ וואַקסנדיקער קולטור און ווילשטאַנד, האָבן זיך די פאַרשיידענע יחידישע שבטים און פאָלקטיילן צונויפגעגאָסן צו אַ נאַציאָנאַלער אחדות, אַ פאָלקישער גאַנצקייט מיט אַלע אַטריבוטן פון אַ לעבעדיקן, דינאַמישן ציבור און אַן אייגענעם קלסתר־פנים.

דעריבער איז נישט אַזוי לײַכט פֿאַר דעם הײַנטצײַטיקן פֿאָרשער מיט אַ קריטישן צוגאַנג צו די מקורים פֿון עבר, צו באַשײדן אַקוראַט אין וואָס פֿאַר אַ היסטאָרישער סיטואַציע עם פֿאַסט זיך גראָד אַרײַן דער עפּישער לידער־קראַנץ פֿון יעקבס ברכות, בפרט נאָך ווען עס רעדט זיך אין דיכ־טערישע מעטאַפֿאָרן, מיט אָנצוהערענישן און רמזים. האַלטן דערפֿאַר אַ טייל מלומדים, אַז די דאָזיקע יצירה שטאַמט פֿון דער צײַט פֿון די שופֿטים, און שילדערט אונדז אין צאַפּלדיקע קאָלירן די סיטואַציע פֿון אײנצלנע שבטים נאָך זײער פֿאַראַרבונג אין לאַנד. הײבט טאַקע דער געבענטשטער דיכטער אַרויס מיט אַ סך עמאָציאָנעלן חזיון די צוויי מעכטיקע שבטים יהודה אין דרום און יוסף (אפרים) אין צפֿון פֿון לאַנד, מיט זײער שטאַרקייט און דראַנג צו אומאָפּהענגיקייט. האָבן אָט די בײדע שבטים, ווי מיר ווײסן, שפּעטער אַרויפֿגעלײגט זײער בולטן חותם אויפֿן לעבן און געשיכטע פֿון פֿאָלק. מהאי טעמא, קומען צוגײן אַנדערע פֿאָרשער און ווילן באַווײַזן מיט קלוגע פֿאָרשעריש־מיושבדיקע ראַיות, אַז די עפּישע שירה נעמט זיך דווקא פֿון ווײַט שפּעטערדיקע דורות. עס רעדט זיך דאָ, זאָגן זײ, פֿון דער צײַט פֿון דוד אָדער שלמה המלך, בעת דאָס פֿאָלק איז געווען פֿאַר־אײניקט אונטער דער גליקלעכער הערשאַפֿט פֿון מלכות בית דוד, וואָס איז אַרויסגעקומען פֿון יהודה. אויך אין די ברכות צו יוסף וויל מען זען אַ רמז פֿאַר דעם אויפֿגײ פֿון שפּעטערדיקן מלכות ישׂראל, וואָס האָט זיך אונטער ירבעם אָפּגעריסן פֿון יהודה און געשאַפֿן אַן אײגענע שטאַרקע מדינה (בערך 928 פ.ד.ה.צ). ספֿקות אין די אַלע היסטאָרישע דאַטעס און די אויסטײַטשונג פֿונעם טעקסט, זײַנען פֿאַראַן גענוג, און עס איז נאָך עד היום קײנעמען נישט געראָטן פֿונאַנדערצוּוויקלען אָט דעם פֿאַרפּלאָנטערטן היסטאָרישן קנויל.

ווי שוין דערמאָנט, געטרײַ צו דעם סטיל פֿון אַן „אחרית הימים" נבֿואה, פֿאַרמאָגט אונדזער עפּישע דיכטונג אין בראשית מ"ט אַ שפּאָר ביסל פֿאַרהוילענע מליצות און היסטאָרישע רמזים, וואָס עס איז שווער צו קומען אויף זײער שפּור. אַ סך פּרטים זײַנען אײנגעהילט אין אַ שלײער פֿון אַ סודותדיקן עתיד, וואָס מיר קענען נישט לײַכט אַראָפּנעמען. לאָמיר אויך פֿאַרגעדענקען, אַז די פּאָעטישע יצירה, ווי אַ רײ אַנדערע תּנכישע שירים, רימט און לויבט נישט בלויז אַזעלכע שבטים ווי יהודה און יוסף (אפרים), מחמת זײער וויכטיקער ראָלע וואָס זײ האָבן געשפּילט שפּעטער אינעם פּאָליטישן און נאַציאָנאַלן לעבן פֿון פֿאָלק, נאָר מיר געפֿינען אין איר אויך שאַרפֿע טענות, שטראָף און זילזול, אַפֿילו קללות, לגבי אַ רײ

אַנדערע שבטים. אגב, בײַ דער דאָזיקער שיטה פון לויב און טאַדל, בפרט אין אַ צײַט פון סכּנה פאַרן קיום פון לאַנד, האַלט זיך אויך די שירה פון דבורהן (שופטים ה׳). דער פאָלק־דיכטער זשאַלעוועט נישט קיין האַרבע, בייזע ווערטער אויפן חשבון פון יענע שבטים, וואָס זײַנען אין דער מלחמה קעגן די מלכים פון כּנען מיט סיסראַן בראש (בערך אינעם 12טן יאָרה. פ.ד.ה.צ.), געבליבן שטיין אָן אַ זײַט און נישט געקומען צו הילף אינעם דאָזיקן פרײַהייטס־קאַמף. דערפאַר אָבער רימט דבורה די העלדישקייט פון יענע שבטים, וואָס האָבן זיך מיט מסירת־נפש אַרײַנגעוואָרפן אין קאַמף און צוגעהאָלפן צו אַ נצחון. עס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין נאַציאָ־נאַלע און פּאָליטישע אחדות פונעם כּלל־פאָלק.

דערפאַר אָבער פאַרמאָגן די ברכות פון יעקבן אַלע סימנים פון אַ סכעמאַטישער גאַנצקייט פון די שבטים. וואָס אָן אמת, דער דיכטער רעדט פון יעדן שבט באַזונדער, זײַן גורל און עתיד, זײַנע מעלות און חסרונות, אָבער ער זעט פאַר זיך אַ קאָלעקטיווע גאַנצקייט. די היסטאָריאָסאָפישע סכעמע איז אַ קלאָרע. עס איז דער שטאַם־פאָטער פון קומענדיקן פאָלק, וואָס פאַרזאַמלט אַרום זיך זײַנע צוועלף זין, יעדער יחיד שוין אַ באַזונ־דערער, פאָלקישער שבט. די היסטאָרישע סיטואַציע פון אונדזער פּאָעמע, קען מען זיך משער זײַן, איז די תּקופה פון די שופטים נאָכן כּיבוש פון לאַנד, איידער עס איז געוואָרן געשאַפן די מלוכה מיט איר צענטראַלן כּוח. די שבטים זײַנען שוין פאַראַרבעט אין לאַנד, אָבער פּאָליטיש זײַנען זיי צעריסן און צעטיילט. יעדער שבט לעבט פאַר זיך לויט אַ פּאַטריאַרכאַלישן סיסטעם, אומאָפּהענגיק און אויטאָנאָם. אידעיִש אָבער איז פאַראַן אַן אחדות און אַ געפיל פון קרובישאַפט צווישן די שבטים. ווי די תּנכישע מקורים לאָזן אונדז הערן, זײַנען נישט זעלטן פאָרגעקומען געאָגראַפישע שינויים אין די שטחים פון זייער פאַראַרבונג. אָפט האָט אַ שבט (אַ שטייגער דער שבט דן, שופטים י״ח) אונטער דעם דרוק פון דער לאָקאַלער, פרעמדער באַפעלקערונג, זיך געמוזט זוכן אַ נײַע היים. עס האָט זיך אויך געטראָפן, אַז דער עודף פון דער באַפעלקערונג האָט צוליב ענגשאַפט געמוזט אויסוואַנדערן אין אַנדערע שכנותדיקע שבטים־געביטן, אַ שטייגער קיין עבר הירדן. האָט דאָס געטאָן יעדער שבט אויף זײַן אייגענעם חשבון און אחריות. האָט זיך אָבער געמאַכט אַן עת־צרה, איז אַ שׂונא אָנגעפאַלן אויף איינעם פון די צעטרענצלטע, געאָגראַפיש פון אַנאַנדער אָפּגעריסענע שבטים, דעמאָלט זײַנען געקומען אים צו הילף די נאָענטע און שכנותדיקע שבטים. אין די רייד וואָס דער דיכטער לייגט אַרײַן אינעם מויל פון שטאַם־

פאָטער יעקב, האָבן מיר אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם סאָציאַלן, פּאָלי־טישן און אַפילו רעליגיעזן מצב פון יעדן שבט באַזונדער אין יענער ווייטער היסטאָרישער תקופה. דער נביאיש־עקסטאַטישער סטיל פון די ברכות באַנוצט זיך בכּיוונדיק מיט אַן עלעמענט פון העראַיזם און אידעאַליזאַציע לגבי אַ צייט, וואָס פּאַסט זיך אפשר גוט אַריין אין דער תקופה פון די שופטים. דערווייל קענען מיר נאָר אַרויסזאָגן אַ געוויסע דעה און אַ השערה וועגן דעם מיין און היסטאָרישן באַטייט פון די ברכות גופא.

הגם ראובן איז דער ערשטער לויט זיין בכורה, קאָנצענטרירט אָבער דער דיכטער זיין אויפמערק אויף די צוויי גרויסע און מעכטיקע שבטים, יהודה און יוסף־אפרים, וואָס האָבן טאַקע שפּעטער געשפּילט אַזאַ וואָגיקע פּאָליטישע ראָלע אינעם לעבן פון גאַנצן פאָלק. אין גלייך־וויזיאָנערישע פאַרבן מאָלן די לירישע סטראָפעס די גרויסקייט און מאַטעריעלן וווילשטאַנד פון אָט די צוויי פירנדיקע שבטים. לגבי זיי קומען אַרויס די אַנדערע שבטים שטאַרק פאַרבלאַסט, כּמעט פאַרבלאָז. אין יענער צייט איז נאָך יהודה געווען געאָגראַפיש אָפּגעריסן פון אפרים אין צפון. צווישן זיי ליגן כּטראַטעגישע באַפעסטיקונגען פון די כּנענים, וואָס עס איז געווען שווער איינצונעמען, אַזוי אַז דאָס איז געווען אַ שווערע שטרויכלונג פאַר דער גאַנצקייט פון לאַנד. אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע מיכשולים, האָט יהודה שוין אַרויסגעשיינט מיט זיין גבורה און הערשאַפט, וואָס דער דיכטער גלאָריפיצירט מיט אַ פייערדיקן ברען. יהודה, הייבט דער זינגער אָן, (מ״ט, ח־י״ב) „דיך וועלן לויבן דיינע ברידער". ער איז גרויס און שטאַרק, זיין האַנט ליגט אויפן נאַקן פון זיינע פיינד. צו אים בוקן זיך מיט גרויס אַכפּערונג די זין פון זיין פאָטער. ער איז ווי אַ יונגער לייב, וואָס קיינער קען אים נישט ביי־קומען. דער צעפּטער פון הערשאַפט ליגט פעסט אין זיין האַנט, וואָס וועט נישט ווערן אָפּגעטאָן פון אים, און פעלקער געהאָרכן אים. איז דאָס נבואה, אָדער טאַקע די באַגייסטערונג פון אַ גאָט־געבענטשטן דיכטער, וואָס באַשרייבט אין די רמזימדיק געצוימטע סטראָפעס די פּאָליטיש־דינאַמישע צייט פון דוד המלך?

דאָס לאַנד פון יהודה איז פרוכטיק און פלייצט מיט אַ שפּעדיקער וועגעטאַציע. האָט אין אונדזער דור די שווערע, מאַזאָליסטע אַרבעט פון די חלוצים און קיבוצניקעס נישט צוריקגעגעבן דער אַלטער, וויסטער ערד איר אַמאָליקן וועגעטאַטיוון כּוח און דערוועקט איר אַלטע פרוכטיקייט? באַזינגט טאַקע דער דיכטער פון יענע, ווייטע דורות דאָס מזלדיק־געבענטשטע לאַנד פון יהודה מיט זיין גרויסער שפע. פאַראַן אַזוי פיל וויין,

אַז מען קען ממש וואַשן די קליידער אין אים. די אויגן פינקלען פון דער רויטער קאָליר פון ווײַן און די ציין זײַנען ווײַס ווי מילך. ווי שענער און פּרעכטיקער האָט נאָך אַ דיכטער אין דער אַלטער צײַט געקענט אויסמאָלן די פּרוכטיקייט פון לאַנד, די נאַטור־רײַכקייט און שפע, וואָס איז געווען אַ ברכה פון גאָט פאַר די באַוווינער פון לאַנד?

קומט דער דיכטער צו אין זײַן געזאַנג צו יוספן, וואָס היסטאָריש מיינט דאָס אפרים, אַזוי איז ער אויך דאָ פול מיט באַגײַסטערונג און אַנטציקונג, וועגן אָט דעם גרויסן און מעכטיקן שבט. אגב, זײַנען אויך דאָ פאַראַן פערזן, וואָס זײַנען אין זייער עקסטאַטישער וויזיע פאַרטונקלט און נישט־דורכזיכטיק. יוסף איז דער ליבלינג פון דיכטער (כ״ב־כ״ו), דער נזיר אחיו, דער פירשט פון זײַנע ברידער. איז יוסף נישט געווען דער בן־זקונים פון יעקבן? זינגט דער דיכטער מיט גרויס התפעלות וועגן דעם גורלדיקן אויפגיי פון שבט, זײַן וווקס און קומענדיקע גבורה. „אַ פּרוכטיק ביימל בײַ אַ קוואַל״ איז יוסף. עס וואַקסט און צעשפּרייט וואָס אַ מאָל מער זײַנע צווײַגן. עס קומט אים צו כּוח און חשיבות. דערווײַל איז נאָך יוסף־אפרים יונג. פאַלן פײַנד אָן אויף אים, אָבער ער איז שוין גענוג שטאַרק זיך זיי אַנטקעגן צו שטעלן. אין דער מעטאַפער זײַנען דאָס „בעלי חצים״, די פײַל־מענער, וואָס פּײַניקן אים און פאַראומערן אים זײַנע יאָרן (כ״ד). אָבער יוסף איז ווײַט־אויס נישט קיין פּחדן, ער קעמפט און האַלט אָפּ נצחונות. זײַן בויגן איז פעסט אין זײַנע שטאַרקע און פלינקע הענט (כ״ד און ווײַטער). ער איז אומבאַצווינגלעך, מחמת אין זײַנע שטאַרקע, געזונטע הענט שטראָמט די מקורדיקע גבורה פון יעקבן, דעם פעלדז פון ישׂראל. עס איז, זאָגט אונדז אויס מעטאַפאָריש דער דיכטער, אַ דערהויבענע, גײַסטיקע גבורה, וואָס האָט אירע טיפע וואָרצלען אין דער ייִדישער אייביקייט, פון וואַנען יוסף־אפרים ציט זײַן יניקה. און אפשר האָבן מיר גאָר דאָ אַן אָנצוהערעניש אויף די בכורה־רעכט, וואָס דער פּאַטריאַרכאַלישער שטאַם־פאָטער יעקב האָט פאַראַרבט אפרים? הערן מיר טאַקע אין אַ שפּעטערדיקן היסטאָרישן מקור („דברי הימים״ א, ה, א־ב) „ובני ראובן בכור ישׂראל... נתנה בכורתו לבני יוסף״. ראובן, דער ערשט־געבוירענער פון יעקב, האָט צוליב אַן אומבאַקאַנטער סיבה, פאַרלוירן די בכורה וואָס איז דערנאָך איבערגעגאַנגען צו די קינדער פון יוספן. האָבן טאַקע די בני־אפרים, וואָס האָבן געוווינט אין די בערג פון אפרים און שומרון, שוין גאַנץ פרי געהאַט די העגעמאָניע איבער אַ גרויסן טייל שבטים, סײַ אינעם מערב־לאַנד און סײַ אינעם פּרוכטיקן עבר־הירדן אויף מיזרח־זייט. שטייען

מיר, על כּן, היסטאָריש אויך אין דעם יוסף־געזאַנג אין דער תּקופה פון די שופטים, און גאָר היפּש ווײַטלעך פון דער צײַט פון דער צעטיילונג און שפּאַלטונג פון דער מדינה (בערך 928), בעת עס איז אויפגעקומען אונטער ירבעם דאָס מלכות־ישראל, די עשׂרת השבטים, אין צפון פון לאַנד, בראש פון וואָס עס איז געשטאַנען דער פּאָליטיש־וואָגיקער שבט אפרים.

אין שייכות דערמיט, איז פּאַר אונדז אויך אינטערעסאַנט צו הערן ווי דער קדמונדיקער דיכטער האָט אין זײַן גרויס, עפּיש ליד געזונגען די מערכה פון די איבעריקע שבטים, די בני יעקב. אין אַ ריי קורצע, ריטמיש־געמאָסטענע פּערזן, פאַרמאָגן מיר אויך אַ בלאָסן, פאַרהוילענעם אָפּקלאַנג מכּוח געשעענישן, וואָס זײַנען אונדז נישט מער קלאָר. די היסטאָרישע פאַקטן וועגן געוויסע שלעכטע דרכים און מעשׂים, תּקיפות און אפשר גאָר אכזריות מצד אַ שבט אין ווײַטן עבר, זײַנען אונדז נישט מער באַקאַנט. דאָס פאָלק האָט אָבער אַפּנים אָט די משונהדיקע, יוצא־דופנדיקע פירונג נישט געקענט מוחל זײַן און געהאַט אַ בייז האַרץ אויף דעם. מסתּמא האָבן צירקולירט צווישן פאָלק אַלטע מסורות און סיפּור־מעשׂיות וועגן בייז־וויליקע געשעענישן, וואָס זײַנען געווען אַ פּסול אין דער ריינקייט פון פאָלק־לעבן און דערפאַר פאַרמשפּט אַ שבט צו שאַנד און שפּאָט. דעריבער האָט אונדזער דיכטער אַרײַנגעלייגט אינעם מויל פון יעקבן, האַרטע, צאָרנ־דיקע רייד, אַפילו אַ שאַרפע דיסקוואַליפיקאַציע לגבי דעם אָדער יענעם שבט. דאָס הערן מיר בפירוש אַרויס אַ שטייגער אין דער ברכה צו ראובן. געוווינט האָט דער שבט אין עבר הירדן בײַ דער פּאַשע פון זײַנע פעטע שאָף. לויט דער אָנגענומענער היסטאָריאָסאָפישער שיטה איז ער געווען דער בכור, דער ערשטער פון די שבטים, וואָס מיינט צו זאָגן, אַז היסטאָריש האָט דער שבט אַמאָל פאַרנומען אַ באַטײַטיקע, אפשר אַ פירנדיקע שטעל אינעם געזעמל פון די שבטים. אין פּסוק (מ״ט, ג) ווערט ער אָנגערופן „דער פּער פון גרויסקייט, דער פּער פון מאַכט״. זײַן יוגנטלעכער אויפבראיז און אומגעצוימטקייט האָבן זײַן פאָטער (און מסתּמא אויך דעם פאָלק) נישט פאַרשאַפט קיין באַזונדערן נחת. צאָרנט ער אויף אים, וואָס ער האָט ווי „שטורעמדיק וואַסער זיך געריסן צו ווײַטע הויכקייטן און פאַרשוועכט דעם פאָטערס געלעגער״. דאָס איז די פאַטאַלע סיבה, וואָס האָט געבראַכן זײַן כּוח. האָבן מיר דאָ אַן אָנצוהערעניש אויף אַ שפּעטערדיקער שקיעה, אַ פּאָליטישע ירידה פון שבט? ווייסן מיר, אַז דער שבט איז געוואָרן מיט דער צײַט צעריבן און זיך געפונען אין אַ מצב פון ירידה. וואָס פּאַר אַ היסטאָרישע סיטואַציע די פּסוקים אין די ברכות שפּיגלען אָפּ, איז הײַנט

נישט מער קלאָר. די מפרשים פירן צונויף יעקבס צאָרן מיט דער מעשׂה בלהה (בראשית, ל״ה, כ״ב), ווו ראובן זאָל האָבן פאַרשוועכט זײַן פאָטערס געלעגער. פאַסט זיך אָבער אַרײַן דער דאָזיקער משפּחה־אינצידענט פון דער פּאַטריאַרכאַלישער יעקב־געשיכטע אין דער אמתער היסטאָרישער סיטו־אַציע פון דעם שפּעטערדיקן שבטים־בונד? אַז עס איז פאָרגעקומען אַ ירידה פון שבט ראובן, הערן מיר בפירוש פון דער ברכה פון משהן (דברים, ל״ג, ו). דאָרט רופט דער דיכטער אויס פּאַטעטיש „זאָל ראובן לעבן און נישט שטאַרבן, און זײַנע מענטשן זאָלן נישט זײַן ווייניק״. רעדט זיך דאָ וועגן אַ סכּנה פאַרן פיזישן קיום פון שבט? אגב, אין דער דערמאָנטער שירה פון דבורהן, האָט דער דיכטער טענות צו דעם שבט ראובן, הלמאי ער איז געבליבן שטיין אָן אַ זײַט, זיך געזעסן רויִק אין דער היים, צווישן זײַנע שאָף־געהעפטן, און נישט געהאָלפן אין דער סכּנה־צײַט פאַר די שבטים.

היסטאָריש אומקלאָר זײַנען אויך די פערזן וואָס ריידן וועגן שמעון און לוי. וואָפן פון רויב געפינען זיך אין זייערע הענט, און דעריבער וויל זייער פאָטער נישט האָבן קיין שום מחזקות מיט זיי. מיט כּעס שעלט ער זייער צאָרן וואָס איז שטאַרק און האַרט, „וואָרוס אין זייער כּעס הרגען זיי אַ מענטש״ און מסתמא מיט זייער ווילדער עקשנות האָבן זיי גורם געווען אַ סך שלעכטס. האָבן מיר אפשר דאָ אָן אַנצוהערעניש אויף אַ קינאה־שינאה געפיל, וואָס האָט געפירט צו שווערע קאָנסעקווענצן און אַפילו צו שפּיכות דמים און הריגות? וויל דעריבער דער אַלטער פאָטער (אין די ווערטער פון דיכטער) נישט קומען אין זייער געזעמל און האָבן אַ חלק אין זייער באַראָט. דערפאַר, און ווי אַ שטראָף פאַר זייערע מעשׂים וויל ער זיי צעטיילן אין יעקב און צעשפּרייטן איבער די איבעריקע שבטים פון ישׂראל. אַ האַרבער און שווערער עונש פון אַ טאַטן, אַ גוטה־למות וואָס זאָגט זיי אָן, אַז זיי וועלן נישט האָבן קיין נחלה צוזאַמען מיט זייערע ברידער! זיי וועלן זײַן צעזייט און צעשפּרייט צווישן פאָלק. מיט וואָס האָבן זיי זיך דאָס פאַרדינט? איז דאָס צוליב דער מעשׂה־דינה (ל״ד, כ״ו), ווי די מפרשים נעמען זיך פאַרטײַטשן די האַרבע פּסוקים, אָדער גייט עס דאָ וועגן אָן אַנדערן נאַציאָנאַלן ענין? עס איז מעגלעך, אַז אינעם פאָלק האָבן געלעבט זכרונות וועגן אַ מעשׂה־רע, וואָס דיביידע שבטים האָבן אָפּגעטאָן, און דערפאַר האָט די פאָלק־דיכטונג זיי געטאַדלט און געשטראָפט. היסטאָריש ווייסן מיר נאָר, אַז דער שבט שמעון האָט אַמאָל געוווינט צו דרום פון יהודה. עס איז אים אָבער נישט באַשערט געווען לאַנג צו לעבן. ער האָט זיך

עטניש צונויפגעמישט מיטן שבט יהודה און איז אין אים פֿאַרשוווּנדן. אפשר איז דאָס אויסן געווען דער דיכטער פֿון בראשית מ״ט. אין די ברכות פֿון משהן, וואָס שטאַמען דאָך לכל הדעות פֿון אַ שפּעטערדיקער תּקופה, ווערט שוין שמעון נישט מער דערמאָנט. דער שבט לוי טיילט דעם גורל פֿון שמעון. אין דער צײַט פֿון אונדזער דיכטער, האָט ער אָפּנים שוין נישט עקסיסטירט ווי אַ באַזונדערער שבט און אַ געאָגראַפֿישע אײנהייט. ער איז צעשפּרייט איבערן לאַנד, און ווו נאָר אַ הייליקער אָרט, בפֿרט אינעם שפּעטערדיקן בית־המיקדש פֿון ירושלים, זײַנען די לויים געווען פֿאַרנומען מיט דער עבודה. אינעם געשיכטלעכן לעבן פֿון פֿאָלק, איז אויף אַזאַ אופֿן מקוים געוואָרן די אימהדיקע נבואה פֿון יעקבן אין די ברכות.

אין די תּנכישע מקורים האָבן זיך אויפֿגעהיטן פֿאַרשיידענע נוסחאות וועגן דער באַצווייגונג און פֿאַראַרבונג פֿון לאַנד כּנען דורך די בני ישׂראל. עס טרעפֿט זיך נישט זעלטן וואָס איין ידיעה איז סותר די אַנדערע. אַזוי למשל הייסט עס אין דער ברכה פֿון יעקב צו זבולון (מ״ט, י״ג) „ער וווינט בײַם באָרטן פֿון ים און זײַן לענד איז אָנגעשפּאַרט אויף צידון״. איז דאָס אָבער נישט אין הסכּם מיט די גרענעץ־געביטן, וואָס זײַנען פֿאַרצייכנט אין ספֿר יהושע (י״ט, י־ט״ז). דאָ געפֿינט זיך די נחלה פֿון שבט זבולון נישט בײַם ים, נאָר אינעם מערבֿ־געביט פֿון לאַנד, צווישן באַרג תּבור און כּרמל. צום צפֿון פֿון עמק יזרעאל. בײַ די ברעגעס פֿון ים, ווי אַ שכן פֿון צור און צידון (די פֿעניקער), האָט דווקא געוווינט דער שבט אשר. איז די קשיה טאַקע אַ האַרבע, בפֿרט נאָך, אַז אין אונדזער טעקסט רעדט זיך גאָר דײַטלעך וועגן אשרן, וואָס לעבט אין אַן אַנדערן תּחום פֿון לאַנד. עס איז אַ צעבליטע, פּרוכטיקע געגנט, וועגן וואָס דער פּסוק זאָגט עדות (כ׳), אַז „פּעטס איז זײַן ברויט, מעדנים פֿון אַ קעניגלעכן טיש״. אפשר איז דערמיט געמיינט דער גליל, וואָס איז פֿון תּמיד געווען באַקאַנט ווי אַ געגנט מיט כּל טובֿ, אַ שפֿע פֿון פּרוכטן, בפֿרט אײלבירטן פֿון וואָס מען האָט געפּרעסט אַ פֿײַנעם, געשמאַקן אייל.

אין פּסוק י״ד רעדט דער דיכטער מיט אַ געוויסן שפּאָט פֿון יששׂכרן, וואָס איז ווי אַ בייניקער אייזל און הויערט צווישן די שאָף־געהעפֿטן. זײַן נחלה איז געווען אינעם עמק יזרעאל צו מיזרח־זייט און אינעם טאָל פֿון בית־שאָן. אין דער צײַט פֿון די שופֿטים איז דער שבט געווען אין אַ פּאָליטישן קלעם, אַ משועבד צו די כּנענים. ער האָט אָפּנים נישט געוואָלט פֿירן קיין מלחמות מיט די פֿרעמדע, לאָקאַלע שכנים, און בעסער לעבן רויִק. דערפֿאַר האָט ער געמוזט בייגן דעם רוקן און ווי אַ לאַסט־אייזל

נעמען אויף זיך דעם יאָך פון טריבוט און זײַן אַ צינז־קנעכט צו פרעמדע האַרן.

וועגן שבט דן האָבן מיר גאַנץ קלאָרע און פּאַקטישע ידיעות אין די היסטאָרישע דאָקומענטן פון תנ״ך. מלכתּחילה איז דער שבט געזעסן אויף דער מערב זײַט פון ירושלים. דאָרט איז ער אַ לאַנגע צײַט געוואָרן באַדריקט פון דעם אמורי (שופטים, א, ל״ד), וואָס האָט אים ביסלעכווײַז אַרויס־געשטויסן פון זײַן געביט. דער שבט איז דערנאָך אויסגעוואַנדערט קיין צפון, פאַרנומען די שטאָט ליש (שופטים, י״ח) און זי דערנאָך אָנגערופן דן. אין יעקבס ברכה ראַנגלט זיך דן מיט כּוח מיט די שונאים. ער איז ווי אַ שלאַנג אויפן וועג, וואָס בײַסט די טריט פון פערד (פון אַ שונא), אַז דער רײַטער פאַלט אַראָפּ (י״ז). דער שווערער גורל פון שבט דן רופט אַרויס סימפּאַטיע בײַם דיכטער. ער פאַרענדיקט זײַן פערז תּחנונימדיק: „אויף דײַן הילף, גאָט, טו איך האָפן!״

דער פערז וועגן דעם שבט גד (י״ט) איז מער אַ קאַלאַמבור, אַ וואָרטשפּיל פון דעם נאָמען גד, ווי אַ תּוך־זאָג. מיר דרינגען דערפון, אַז מחנות פון שונאים באַפאַלן אים, אָבער ער לאָזט זיך נישט, און באַפאַלט דעם שונא פון הינטערווײַלעכץ. פון די היסטאָרישע מקורים ווייסן מיר, אַז דער שבט גד האָט געלעבט אין גלעד, אין עבר הירדן. דער שבט נפתּלי האָט געהאָט זײַן נחלה אויף דער מערב־זײַט פון ים כּנרת. אין די ברכות (מ״ט, כ״א) ווערט נפתּלי געגליכן צו אַ פלינקער הינדין, וואָס גיט אַרויס שיינע רייד. — אַ מעטאַפער וואָס איז נישט אין גאַנצן קלאָר. מיינט דאָס אפשר צו זאָגן, אַז נפתּלי איז אַ געשווינדער, שנעל און פלינק, לײַכט־פיסיק ווי אַ הינדין?

די לעצטע ברכה (כ״ז) איז פאַרן יינגסטן זון פון יעקבן, בנימין. עס איז אַ קורצער, מעטאַפאָרישער פערז, וואָס זעט דעם שבט ווי אַ וואָלף, וואָס פאַרצוקט. „אין דער פרי עסט ער זײַן פאַנג און אין אָוונט טיילט ער אויס זײַן רויב״. וואָס דער דיכטער איז אויסן דערמיט צו זאָגן, ווייסן מיר נישט. איז בנימין פאַר אים דאָס בילד פון אַ הונגעריקן וואָלף, אַ רויבער־שבט, וואָס טשאַטעוועט אויף די וועגן און באַפאַלט די מיסחר־קאַראַוואַנען, וואָס ציִען פון דרום קיין צפון דורך זײַן געביט, און לעבט פון רויב? אין דער היסטאָרישער צײַט איז דער ווינקל פון שבט בנימין געווען אין צפון פון ירושלים, אינעם באַרגלאַנד פון יהודה. ער האָט געהאַט אַ קליינע, אפשר גאָר מאָגערע נחלה, זײַענדיק געאָגראַפיש אײַנגעקלעמט צווישן שבט יהודה אין דרום און די יוסף־שבטים אין צפון. אויף דער מערב־

זײַט איז ער געװען אַרומגערינגלט פון כנענישע ייִשובים, אַזוי אַז די ענגשאַפט איז געװען גרויס. עס איז אַפילו פֿאַראַן אַ סברא, אַז אַ טייל פון דער באַפעלקערונג האָט אויסגעוואַנדערט און זיך באַזעצט אינעם פּרוכטיקן געביט פון עבר הירדן, צווישן די אַנדערע שבטים. וועגן דעם שבט בנימין זײַנען אויך פֿאַראַן געננג באַגלייבטע היסטאָרישע ידיעות אין די מקורים, אַ שטייגער די טרויעריקע מעשׂה פון „פלגש בגבעה" (שופטים, י"ט-כ"א), ווו אַ גרויסער טייל פון שבט איז אומגעקומען אין דער מלחמה מיט די איבעריקע שבטים, ווי אַ נקמה פֿאַר דער שענדלעכער, גרויליקער מעשׂה, וואָס האָט זיך פֿאַרצײַטנס אָפּגעשפּילט אינעם שבט. פון שבט בנימין איז אויך שפּעטער אַרויסגעקומען שאול, דער ערשטער קעניג פון פֿאָלק ישׂראל.

אין אָט דער הערלעכער פּאָעמע פון בראשית מ"ט, פֿאַרמאָגן מיר אַ וווּנדערלעכע פּאַנאָראַמע פון דער קדמונדיקער ישׂראל-געשיכטע. אין די ברכות צײַען פֿאַר אונדז פֿאַרבײַ פּערסאָנאַזשן און געשיכטלעכע קאָלעקטיוון, יעדער איינער מיט זײַן גורל און נסיון, זײַן אויפגײ און שקיעה, זײַן געראַנגל און נצחון. עס זײַנען שטראָמיקע, לירישע פּערזן וואָס מיט זייער נביאיש-עקסטאַטישן סטיל נעמען זיך פֿאַרויסזאָגן די ווײַטע, פֿאַרהוילענע צוקונפט פון פֿאָלק, דעם אחרית הימים, פון אַ גליקלעכער, גרויסער און שלווהדיקער צײַט. אין דער אמתן אָבער שפּיגלען-זיך אָפּ אין קאָלירפולע, צאַפּלדיקע עפּיזאָדן און בילדער, אָפּט מעטאַפֿאָרישע, די דינאַמישע איצטי־קייט פונעם דיכטער, די אויפרודערונג און קאָכעניש פון אַ לעבעדיקן, רעאַלן, זיך ראַנגלענדיקן קיבוץ, וואָס זײַן הייסן אָטעם פילן מיר נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג. עס איז געװען אַ העראָישע צײַט פון מלחמות און נצחונות פון נסיונות און שטרויכלונגען, פון לייד און פרייד, וואָס שפּאַרן אַרויס פון יעדער שורה מיט אַ רחבֿותדיקן, דיכטערישן כּוח. ווער עס זאָל נישט זײַן דער גאָט-געבענטשטער מחבר פון אָט דער גרויסער, עפּישער יצירה, זי טראָגט בולט דעם חותם פון ייִדישער קוואַליקייט און גאונות, אַ פּערל אין דער אַלט-העברעיִשער ליטעראַטור, וואָס דאָס פֿאָלק האָט אויף זײַן שטייגער פֿאַרהייליקט ווי אַ טײַערע ירושה פונעם עבר, פון איינעם פון די גרויסע אָבות, יעקב אבינו. ווי אַזעלכע וועט איר ווערט בלײַבן אייביק אינעם גײַסטיקן פֿאַרמעג פון ייִדישן פֿאָלק.

(1965)

דער אָנהייב פון אַ נביא — די יוגנט פון שמואלן

וואָס ווייסן מיר פון דעם אָנהייב פון אַ נביא, פון זײַן אַנטפּלעקונג און צײַטיקונג, אויפן וועג פון זײַן געטלעכער שליחות צו זײַן פאָלק? על־פּי־רוב שווײַגן צניעותדיק וועגן דעם די תּנכישע מקורים. זעלטן פאַרמאָגן מיר דאָקומענטאַרישע ידיעות וועגן דעם עצם פון דער נביאישער פּער־זענלעכקייט, איר לעבן, יוגנט און אַנטוויקלונג, אויפגיי און וווקס. דאָ און דאָרט האָבן מיר גאָר שוואַכע אָנצוהערענישן, ממש רמזים וועגן דעם לעבנסגאַנג פון אָט דעם גרויסן גײַסט־מענטש, וואָס איז אָנגע־ברייט צו זײַן אַ נביא, און האָט אויף זיך גענומען דעם שווערן, אחריותדיקן עול פון זײַן דער מורה־דרך, דער דערציִער און גײַסטיקער מנהיג פון זײַן פאָלק. אין דער היסטאָריש־רעליגיעזער קאָנצעפּציע פון ייִדנטום איז די פּערזאָן פון דעם אויסדערוויילטן גײַסט־מענטש, מיט זײַנע ראַנגלענישן און יסורים כּמעט אַ טפל, דער עיקר איז זײַן שליחות, זײַן וואָרט און מעשׂים, זײַן צאָרן און טרייסט. זײַן פּערזענלעכע געשיכטע, ווי וויכטיק זי זאָל נישט זײַן פאַר אונדז הײַנטיקע, מיט אירע פּסיכאָלאָגישע טיפקייטן, די נסיונות און מיכשולים, בלײַבן פאַרהוילן פון אונדז, אַ קאַפּיטל וועגן וואָס מען רעדט גאָרנישט. איז דאָך דער נביאישער פּרימאַט זײַן געטלעכע שליחות, הוילע גײַסטיקייט און הומאַניטעט. דער מענטש, דער טרעגער פון דעם געטלעך־מאָראַלישן רצון איז נאָר אַ בײַזאַך. דעריבער איז דער אַנטיקער דערציילער קודם־כּל קאָנצענטרירט אַרום דער שליחות פון דעם נביא, וואָס דאַרף אים אַרויסהייבן פון אַלע מענטשלעך־באַגרענעצטע סיטואַציעס אין לעבן און אים אַוועקשטעלן אויף גאָר אַ באַזונדערער פּלאַך, אויף אַן עטיש־גײַסטיקער הייך.

זעלטן ווען ס'הייבט זיך אויף צו ביסלעך דער פאָרהאַנג איבער דער מענטשלעכער מערכה פון נביא, זײַן ערדישער גאַנג, זײַן לעבן און קאָנ־פליקטן. ערשט דעמאָלט דערזעען מיר ווי ער וואַקסט אויס פאַר אונדז אין זײַן גאַנצער מענטשלעכער גרייס, מיט זײַן גאַנצער הומאַניטעט און טיפן עטאָס. מיר זײַנען אויף אַ מאָל עדות ווי עס דערוועקט זיך אין זײַן יוגנט־לעך האַרץ דער ערשטער באַהאַלטענער ציטער, בשעת עס דערגייט צו

אים דאָס געטלעכע וואָרט, ווען ער ווערט באַרירט פון אַ העכערן, אײן־סופיקן כּוח, וואָס וועקט און רופט אים צו גרייטקייט און מעשׂים. מלכת־חילה איז דאָס אַלץ אינטויטיוו, אומבאַוווסטזיניק, פון זען אַ מראה, פון הערן אַ באַהאַלטן קול און גאַרנישט וויסן וואָס דאָס באַטײַט. אָבער פּאַ־מעלעך און בהדרגהדיק צעציַנדט זיך דאָס אַלץ צו אַ שטאַרקן פלאַם, וואָס ברענט און קען זיך נישט פאַרלעשן. אַזוי האָבן מיר זיך, למשל, אויסצו־מאָלן אַ ירמיהון, דעם לירישן אָבער פול מיט אימה־זעונגען נביא, וואָס אין זײַן אינגעווייד פלאַקערט אַ יסורימדיק פײַער וואָס פאַרלענדט אַלץ אַרום. איז ער דאָך שוין געוואָרן באַשטימט אין זײַן מוטערס טראַכט פאַר אַ נביא, מיט אַ שווערער, מוראדיקער שליחות צו צעשטערן און פאַרניכטן, חרוב מאַכן און אויסרײַסן מיטן וואָרצל אַלצדינג וואָס איז פאַרדאָרבן און שלעכט, אָבער באַגלײַך אויך, טאַקע פּאָזיטיוו, אויפריכטן און בויען אַ נײַ לעבן אויף די יסודות פון אַבסאָלוטן אמת און יושר. עס איז גאָרנישט גע־ווען קיין לײַכטע זאַך פאַר דעם צאַרטן, פאַראומערטן נביא ירמיה, תּמיד צו זײַן „אַ מענטש פון שטרײַט און קריג", פול מיט כּעס און קאָנפליקט, אַ האַרטער שטראָפער און אַן אימהדיקער אָנזאָגער פון אומגליק און חורבן. אָבער אַזוי זײַנען שוין געווען די גרויסע נביאים אין די ווײַטע דורות, מיט זייער אומענדלעכער ליבשאַפט צום פאָלק און אַ הויכן עטאָס, וואָס האָט פאַרלאַנגט אומפשרהדיק רעכטפאַרטיקייט, שלמות און הייליקייט, און געטרײַשאַפט צו דער ירושה פון נעכטן. נאָר אויף אַזאַ אופן קען די וועלט באַקומען איר תּיקון, קען דאָס פאָלק ישׂראל ווערן אויסגעלייזט און האָבן אַ קיום. דעמאָלט וועט אויך דער שלום אין דער וועלט, אַן אידעאַלער, אַ געטלעכער און אַן אייביקער האָבן אַ האַפט.

אין זייער ברוסט האָבן די נביאים אויסגעטראָגן דעם גאַנצן צער און ווייטאָג פון באַשאַף, אַ טיפע אומרו און אַ פּחד פאַרן גורל פון זייער פאָלק, וואָס איז געוואָרן אומגעטרײַ צו זיך און זיך דערווײַטערט פון זײַן מקור. עס איז געווען אַ שווערער און ביטערער געראַנגל, אַ טיטאַנען־קאַמף מיט מענטש און גאָט. זיי, די דערהויבנסטע גײַסט־מענטשן זײַנען געווען עקסטאַטישע נאַטורן, דינאַמיש און עקספּלאָזיוו, שטרענג און אומפשרהדיק. זייער האַרץ איז געווען אויפגערודערט און געשטורעמט מיט אומגעדולד און אויפברויז. זייער שפּראַך האָט געפלאַמט, יעדעס וואָרט האָט געשׂרפעט, יעדע זעונג איז געווען אַ סימבאָל, — ווונדערלעך און אויסטערליש. דער־פאַר טאַקע האָט זיי דאָס פאָלק געהאַלטן פאַר צערודערטע און משוגעים, „משוגע איש הרוח", אַ צעדרייטער איז דער מענטש פון גײַסט. האָבן זיי

דאָך אַלץ געשטעלט אויף איין קאָרט, אויפן סאַמע שפּיץ מעסער. נאָר אַ וועלט וואָס איז כולו זכאי, אַ פאָלק וואָס גייט בדרך הישר אָן מאָראַלישע דעפעקטן און אָן פּסולת, קען האָבן אַ קיום. האָבן זיי טאַקע געפאָדערט דאָס העכסטע, דאָס טיפסטע, דעם סאַמע פּינטל אין מענטש און ייִד.

פון אַ גאַנץ אַנדערן שניט און גײַסטיקן טעמפּעראַמענט, זעט זיך אויס, איז געווען דער יונגער שמואל, וועגן וועמען עס דערציילן אונדז מיט אַ סך תמימותדיקער אײַנגעהאַלטנקייט און פאָלקסטימלעכן חן די ערשטע קאַפּיטלעך פון ספר שמואל א׳. עס איז געווען די צײַט ווען די נבואה בײַ ייִדן האָט זיך נאָך נישט געהאַט אַנטפּלעקט מיט איר גאַנצן עמאָציאָנעלן כּוח און סאָציאַלן ווידעראַנאַנד. זי האָט זיך נאָך נישט געהאַט דערהויבן צו יענע טראַנסצענדענטאַלע הויכקייטן פון די שפּעטערדיקע נביאים מיט זייער גלאַנץ און שטורעם. אין דער געשיכטע פון שמואלן זעען מיר אין אָנהייב רעשטלעך פון דער אַמאָליקער, פאָלקסטימלעכער נבואה, פון דעם זעער, וואָס קען זען אין דער צוקונפט אַרײַן. צו אים קומט דאָס פאָלק מיט זײַנע טעגלעכע דאגות זיך שואל-עצה צו זײַן, דערגיין וואָס דער זעער, אַדאַנק זײַן געטלעכן כּוח, קען אויפקלערן און באַשיידן. ווי אַזעלכער שטייט ער אויך אין גרויס אָנזען בײַ דעם פאָלק. עס איז געווען דער גוטער, אַלטער, אויסגעטראָטענער וועג פון דעם פאָלקסטימלעכן נביא אויף וואָס עס גייט דער יונגער שמואל, שטיל און ציכטיק, איידער עס האָט זיך אין אים דערוועקט דער קוואַליקער כּוח פון דעם אמתן, שטורעמדיקן נביא מיט זײַן גורלדיקער שליחות. ווי מיר ווייסן, איז שמואל געוואָרן דערצויגן פון די כּהנים אין שילה. איז ער טאַקע געווען פרום און אָפּגעהיטן אין זײַנע דרכים, גאָטפאָרכטיק און מילד, אַ געטרײַער דינער פון גאָט. אָבער אין אים האָט נאָך נישט געבערנט דאָס פײַער פון דעם גרויסן ירמיה, וואָס האָט געפּײַניקט און פאַראומערט דאָס לעבן. ער שטייט נאָך אויף אַ מין פּרשת דרכים, פאַר דעם גרויסן גײַסטיקן איבערבראָך. ער איז דער רואה, דער זעער און דערצו נאָך דער שופט, וואָס משפּט זײַן פאָלק און פירט אָן מיט זײַן פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעך לעבן, אַ פונקציע וואָס פּאַסט זיך גוט אַרײַן אין די פאַרהעלטענישן פון יענער צײַט, איידער עס איז געוואָרן געבוירן די מלוכה אונטער שאולן. ערשט שפּעטער, אויף דער עלטער, זעען מיר, ווי ער דערגרייכט די מדרגה פון נביאישער צײַטיקייט און ווערט דער אמתער נביא פון זײַן פאָלק, וואָס לייגט אַרויף זײַן חותם אויף זײַן צײַט. מלכתחילה האָט אים אַפילו נישט גאָט באַשטימט אין זײַן מוטערס טראַכט פאַר זײַן שליחות, נאָר זײַן מוטער חנה אַליין. זי האָט אין

איר נויט אַ נדר געטאָן, אַז אויב גאָט וועט איר שענקען אַ בן־זכר, וועט זי אים אָפּגעבן צו גאָט ווי לאַנג ער וועט לעבן, און אַ שערמעסער זאָל נישט אַרויפקומען אויף זײַן קאָפּ, אַ בולטער סימן פון נזירות. אַזוי איז טאַקע שמואל אויפגעוואַקסן און זיך דערצויגן אינעם בית־המיקדש פון שילה, ווו עס האָט זיך אין אים בהדרגהדיק דערוועקט דער גײַסט פון גאָט, וואָס האָט אים געמאַכט צו אַ נביא פון פאָלק. אָבער לאָמיר נישט פאַרלויפן דעם וועג פון דעם תּנכישן סיפור־המעשה און זיך אײַנהערן, וואָס דאָס ספר שמואל דערציילט אונדז וועגן דער געבורט און יוגנט פון שמואלן.

בדרך כּלל האָט דאָס פאָלק שוין פון קדמונים ליב צו דערציילן די יוגנט־געשיכטע פון זײַנע אויסדערוויילטע מנהיגים און נאַציאָנאַלע העלדן. מיט זיי האָבן זיך שפּעטערדיקע דורות שטאַרק געגרייסט. יעדער פּרט, יעדער קוריאָז פון זייער לעבן איז געווען פון אַ באַטײַט און שטאַרק אָנ־געלייגט בײַ דעם עולם צוהערערס. שפּעטער איז נאָך צוגעקומען די לע־גענדע, וואָס האָט מיט אַ סך תּמימותדיקייט און פּאָעטישן חן צוגעגעבן פרישע, ביז גאָר פאַנטאַסטיש־נאַיִווע שטריכן צו דער פּערזענלעכקייט פונעם העלד און אַרום איר געוועבט אַ קראַנץ פון פלאַדיקע מעשׂים און אויסערגעוויינטלעכע געשעענישן. אַזוי למשל איז דאָס געשען מיט דער פּערזאָן פון אַ משה רבנו, שמשון הגיבור, דוד המלך און אַ סך אַנדערע, וואָס זייערע מעשׂים האָבן געלעבט אין משך פון טויזנטער יאָרן, און לעבן נאָך הײַנט בולט און רעאַל אינעם זכרון פון פאָלק. אַזוי איז דאָס אויך געשען מיט שמואלן, וואָס איז געווען אָנגעברייט צו שפּילן אַ גרויסע און באַטײַטיקע ראָל אין דער געשיכטע פון זײַן פאָלק.

בעצם האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַן אידילישן סיפור־המעשה פון די גאָר ווײַטע צײַטן אינעם לאַנד כּנען, מיטן גאַנצן קאָלאָריט און שטייגעריש־קייט פון פאַרצײַטישן לעבן בײַ ייִדן. דער דערציילער איז בלי־ספק אַ קינסטלער פון אַ גרויסן פאַרנעם. מאָלט ער אונדז מיט אַ סך פּרטים און קינסטלערישער אײַנגעהאַלטנקייט אַ מין מיניאַטור־בילד פון דעם אַמאָליקן ייִדישן שטייגער־לעבן, דעם לעבעדיקן אַרום מיט מענטשן און געשעע־נישן, וואָס איז דווקא אינטערעסאַנט פאַר אונדז פון אַ קולטור־היסטאָרישן קוק־ווינקל. מיר דערזעען דעם תּנכישן ייִד, זײַן משפּחה־לעבן און מינהגים, פרייד און לייד, אַ יום־טוב און אַ פאַמיליע־שׂימחה, חיצוניות און פּנימיות, — אַ שטיק וועלט־באַנעם פון דעם קלאַסישן ייִד, וואָס איז פאַר־וואָרצלט אין זײַן באָדן און באַאַרבעט זײַן נחלה. די צײַט איז געווען פון אַ פּאָליטיש־סאָציאַלן איבערגאַנג. מיר שטייען בײַם סוף פון דער תּקופה

פון די שופטים, מיט זייער הערשאַפט און מלחמות און אויפן שוועל פון אַן אָרגאַניזירטער ייִדישער מלוכה, מיט איין צענטראַלן, קעניגלעכן כּוח. דערווײַל הערשט אַן אינטעררעגנום, דער קאָלעקטיוו איז דעצענטראַליזירט. יעדער שבט לעבט פאַר זיך, און דער ייִדישער פויער ציט זײַן קאַרגע חיונה פון דער סאָכע. מאַכט זיך, אַז אַ שונא פון דרויסן פאַלט אָן, שטאַרקן זיך עטלעכע שבטים און אָרגאַניזירן אַ בשותּפותדיקן ווידערשטאַנד. מען גייט אין מלחמה אַרײַן קעגן דעם באַדריקער פון דער פרעמד. אָבער נישט תּמיד באַגליקט מען צו פאַרטרײַבן דעם שונא, וואָס איז געווען שטאַרקער און צאָלרײַכער, בעסער אָרגאַניזירט און מיליטעריש מער צוגעגרייט צו אַ מלחמה. אין אַזאַ פּאָליטישער מערכה האָט זיך דאָס לאַנד געפונען אין דער צײַט פון שמואל הנביא. אינעם דרום פון לאַנד, אויף די ברעגעס פון מיטללענדישן ים, זײַנען געזעסן די פּלישתּים, פון יפו ביז קיין דרום צו עזה. זיי, די פּלישתּים, זײַנען געווען אַ קריגעריש, גוט־באַוואָפנט פאָלק, וואָס האָט כּסדר געפירט מלחמה מיט די ישראל־שבטים און צוליב זייער טעכנאָלאָגישער סופּעריאָריטעט און מיליטערישער אָרגאַניזאַציע, זיך אַלץ טיפער אַרײַנגעריסן אין לאַנד און פאַרקנעכט דאָס פאָלק. בשעת עס הייבט זיך אויף דער פאָרהאַנג איבער די געשעענישן אין שמואל א׳, האָט אָפּנים געהערשט אַ רעלאַטיווער שלום איבער די בערג און טאָלן פון אפרים און יהודה, הגם דער שונא איז געשטאַנען מסוכּנדיק נאָענט און געוואַרט אויף אַ שעת־הכּושר צו מאַכן אַ נײַעם איבערפאַל. נישט געקוקט אויף דער כּסדרדיקער סכּנה, האָט דער פויער פון אפרים געאַרבעט אויף זײַן פעלד, געהאָדעוועט בהמות, געזייט און געשניטן, און געפירט אַ לעבן פון באַשיידענער פרייד און צופרידנקייט, פרום און גאָטפאַרכטיק. אָט אַזאַ אײַנגעזעסענעם, יוסטן פויער, אַ שיינער באַלעבאָס בײַ זיך אין אָרט, האָבן מיר זיך אויסצומאָלן, איז געווען אלקנה דער זון פון ירוחם, פון אַ שיינער משפּחה אין אפרים, וואָס האָט געוווינט אין דער שטאָט רמה, נישט ווײַט פון בית־אל. עס איז אידילישע פּשטות מיט וואָס דער פּסוק דערציילט אונדז פון דעם שטייגער־לעבן פון אַן אַמאָליקן ייִדישן פויער, זײַן משפּחה־לעבן, שׂימחות און התנהגות. ווי אַ סך אַנדערע אָנגעזעענע לײַט פון זײַן שבט, פלעגט אלקנה מיט זײַן גאַנצער משפּחה עולה־רגל זײַן יעדעס יאָר צום בית־המיקדש אין שילה, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין לאַנד פון אפרים. עס איז געווען אַ יערלעכער יום־טוב, בשעת דאָס פאָלק איז געקומען קיין שילה זיך משׂמח זײַן פאַר גאָט און מיט אַ שעכטונג פון אַ בהמה און אַ ביסל פּרוכטן פון דער ערד און גאָרטן, באַשײַנען די שׂימחה.

מיר ווייסן נישט אַקוראַט וואָס פאַר אַ יום־טוב דאָס איז געווען, ווי ער האָט געהייסן און ווען ער איז אויסגעפאַלן. דער פסוק זאָגט נאָר לאַקאָניש, אַז מען פלעגט אַרויפגיין פון יאָר צו יאָר קיין שילה, „זיך צו בוקן און צו שעכטן פאַר גאָט צבאות". קענען מיר זיך נאָר משער זײַן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ מין „חג האסיף", דער יום־טוב פון אײַנזאַמלען די פּרוכט פון פעלד און פון ווײַנגאָרטן בײַם סוף פון יאָר. בעצם וואָלט דאָס געווען אונדזער חג הסוכות, וואָס איז לכתחילה געווען אַן אַגראַרישער יום־טוב, טעג פון שׂימחה און תּענוג פאַרן פּויער. עס איז געווען אַן אמתער זמן שׂימחתנו, פון אַ דערהויבענער, פריידיקער שטימונג, ווען מען איז זיך צונויפגעקומען פון נאָענט און ווײַט אינעם בית־המיקדש אין שילה, וווּ מען האָט מקריב געווען קרבנות און געטיילט מיט אַ ברייטער האַנט גאָבן פון פלייש און ערד־פּראָדוקטן צו די כּהנים און דער אַרומיקער אָרעמקייט. טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַז אין דער אַלטער צײַט האָט דער פּויער וואָס האָט געהאָרעוועט שווער אויף זײַן שטיקל ערד און דערפון געצויגן אַ קאַרגע חיונה, נישט געפּראַוועט בײַ זיך אין דער היים קיין גרויסע סעודות. מען האָט זיך קוים פאַרגונען אַ שטיקל פלייש איבערן יאָר. בדרך כּלל איז דער פּויער אויסגעקומען מיט ווייניק אָבער נעריקע מאכלים. בעת דעם שניט אויפן פעלד, הערן מיר למשל אין רות (ב', י"ד), ווען די היץ איז געווען גרויס, האָט מען געגעסן פרישע געבראָטענע זאַנגען פון דער תּבואה און פאַרטרונקען מיט אַ געזויערטן, דערפרישנדיקן ווײַן־געטראַנק. איז אָבער געקומען אַ יום־טוב פון עולה־רגל זײַן, האָט מען געפּראַוועט אַ גוטע, זאַטע סעודה מיט געקעכטסן און געטראַנקען פאַר גאָט און זיך געלאָזט ווױלגיין. דעמאָלט האָט מען אויך געבראַכט אַ קרבן פאַר גאָט און געהאָט אַ שטיקל פלייש צו עסן. עס איז געווען אַן אמתער משפּחה־יום־טוב פון אָפּרו און פרייד פאַרן פּויער און זײַן הויזגעזינד, וואָס זײַנען געקומען זיך בוקן צו גאָט און זיך בײַ אים באַדאַנקען פאַר דעם חסד וואָס ער האָט זיי באַוויזן ביז איצט, און געבעטן זײַן שוץ און הילף פאַרן קומענדיקן יאָר.

אַזוי האָט זיך אויך נוהג געווען פאַרצײַטנס אלקנה דער זון פון ירוחם וואָס האָט געשטאַמט פון רמה אינעם לאַנד פון אפרים. איין מאָל אין יאָר, נאָך דער האַרטער און שווערער אַרבעט אויפן פעלד, איז ער מיט זײַן גאַנצער משפּחה אַרויפגעגאַנגען קיין שילה און דאָרט געפּראַוועט פאַר גאָט דעם טאָג פון אָפּרו און שׂימחה, און בשעת מעשׂה אַנגעזעטיקט זײַן האַרץ מיטן געטלעכן גלאַנץ וואָס האָט געשטראַלט פון זײַן טעמפּל. אָבער גראָד

דעמאָלט רייַסט זיך אַרייַן אַ מיאוסער דיסאָנאַנץ אין דער שלווהדיקער אידיליע פונעם פויערישן לעבן, וואָס קען האָבן שווערע קאָנסעקווענצן פאַר דעם שלום־בית פון אלקנהן. עס איז, ווי אַזוי אָפט, אַ קינאה־געפיל פון אַ פרוי, וואָס רופט אַרויס אַ סך אומרו און צערודערונג. ווי געוויינטלעך, איז דער תנכישער דערציילער נישט מאריך מיט פרטים און פסיכאָלאָגישע שילדערונגען פון כאַראַקטערן און סיטואַציעס, מיט זייערע סתירות און קאָנ־טראַסטן. זייַן סטיל איז תמיד אַ געמאָסטענער, לאַקאָניש און צימצומדיק, ווי נישט דאָס איז ער אויסן. פאַר אים זייַנען וויכטיק די פאַקטן, די קנאַפּע דערציילערישע עלעמענטן, מיט וואָס עס גיט זיך אים טאַקע אייַן צו שאַפן די נייטיקע דראַמאַטישע געשפּאַנטקייט אין דער האַנדלונג פון זייַנע העלדן. אַט אַזוי דערציילט ער אונדז וועגן די כסדרדיקע אַרומרייַסענישן און קריגע־רייַען צווישן אלקנהס צוויי ווייַבער, פנינה און חנה. עס איז דער מאָטיוו פון נישט פאַרגינערישקייט בייַ פרויען, וואָס איז אַגב פאַרשפּרייט אין דער וועלט־ליטעראַטור. בייַ אונדז ייִדן הערן מיר וועגן אַזאַ קינאה־געפיל, אַ שטייגער בייַ שרהן און הגרן. שרה איז די שטאָלצע האַרינטע און מחמת קינאה פאַרטרייַבט זי הגרן, די פרעמדע דינסט־מויד פון אברהמס הויז. ענ־לעכע קינאה־געפילן זייַנען אויך פאַראַן אין די מעשׂיות פון לאה און רחלן, די פרויען פון יעקב אָבינו. אין אונדזער מעשׂה איז גרייַלעך דאָס מיט די קינדער־געבענטשטע ווייַב פנינה, וואָס האַלט זיך אין איין אַרומרייַסן און דערצערנען חנהן, די הייס־געליבטע פון אלקנהן. חנה איז געווען אַן עקרה, און קינדערלאָזיקייט איז אין דער אַלטער צייַט געווען אַ פּסול אין דער משפּחה. צו זייַן אָן קינדער איז פאַר דער פרוי געווען אַ חרפּה און אַ בזיון. האָבן דאָך קינדער באַטייַט פאַר אַ פרוי נישט בלויז גליק, מזל־ברכה, נאָר נאָך עפּעס מער: האָבן אַ נאָמען און אַ באַשטאַנד מיט חשיבות אין דער פאַמיליע אָדער שבט. אָן קינדער איז דער גורל פון אַ פרוי געווען אַ טרויעריקער. פאַרצרהט, עלנט, אָן האַפט און אָן אַ באַשטאַנד, אָן אַן אָפּהיטער און אַ באַשיצער. וואָס איז זיך דאָ צו חידושן, פאַר וואָס חנה איז געוואָרן אַזוי אויפגעטרייסלט פון די באַליידיקונגען פון אַ פנינהן? פנינה, אַ בייזוויליקע און אַ להכעיסניצע, געבענטשט מיט אַ סך קינדער פון איר מאַן אלקנה, האָט כסדר פאַראומערט דאָס לעבן פון חנהן, די איידעלע און ליבלעכע פרוי, וואָס גאָט האָט געהאַט פאַרשלאָסן איר טראַכט. בפרט איז דאָס געווען שווער צו דערטראָגן פאַר חנהן אין אַ יום־טוב ווען די גאַנצע משפּחה, מיט קינד און קייט, איז אויך צונויפגעקומען יאָר־אייַן יאָר־אויס אין שילה

צו אַ משפּחה־סעודה. דעמאָלט איז שוין די מאָס איבערגעגאַנגען און די חרפּה איז איר געווען גרויס, נישט צו דערטראָגן.

אַז עס איז ווידער געקומען די צײַט עולה רגל זײַן מיט דעם גאַנצן הויז־געזינד קיין שילה, איז חנה דאָרט געזעסן אַ טרויעריקע, און אַ פּאַר־יסורימטע און פּאַר גרויס קרענקונג נישט געקענט עסן און טרינקען. גייט צו איר צו אלקנה און זאָגט מיט ליבשאַפט: „חנה טײַערע, וואָס איז דער מער מיט דיר? פּאַר וואָס עסט דו נישט און טרינקסט נישט, פּאַר וואָס ביסטו אַזוי דערשלאָגן און זיצסט און וויינסט? האָב נישט קיין האַרצ־ווייטאָג. בין איך דאָך מיט מײַן געטרײַשאַפט צו דיר מער פּאַר צען קינדער". האָבן אָט די וואָרעמע רייד פון איר מאַן אלקנה געהאַט אויף איר אַ פּעולה. אַ שטיין איז אַראָפּ פון חנהס האַרץ און איר געמיט האָט זיך אויפגעהײַטערט. זי האָט צוביסלעך געגעסן און געטרונקען פון דער סעודה און דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען און אַרײַן אין דעם בית־המיקדש, דאָרט וווּ עס האָט זיך געפונען דער הייליקער אָרון מיט די לוחות. אַ האַלב־דרימלענדיקער איז געזעסן בײַ דער שוועל פון היכל דער אַלטער עלי, דער כּהן. מיט אַ ציטער אין איר האַרץ, פול מיט פּײַן און צער, האָט זיך חנה אָוועקגעשטעלט פאַר גאָט און הייס תּפילה געטאָן. נײַן, זי האָט נישט אײַנגעריסן די הימלען מיט איר געשריי און געוויין, ווי עס איז געווען דער מינהג בײַ מענטשן וואָס האָבן אויסגעגאָסן זייער ביטער האַרץ פאַר גאָט. דאָ איז געשטאַנען אַ פרוי אַ צניעותדיקע, אַ שטילע, איר תּפילה איז געווען ממעמקימדיק, פון די טיפענישן פון אַ פאַריסורימט געמיט. מען האָט נישט געהערט קיין קול, בלויז די ליפּן אירע האָבן זיך שטיל, תּחנונימדיק באַוועגט, אַזוי אַז עלי, וואָס איז געזעסן בײַ דעם אַרײַנגאַנג און זיך צו איר צוגעקוקט, האָט זי גאָר געהאַלטן פאַר אַ שיכּורטע, וואָס ווייס נישט וואָס זי רעדט. אָבער חנה האָט בשעת איר הייסער תּפילה געטאָן אַ נדר צו גאָט, אַז אויב ער וועט דערהערן איר געבעט און איר געבן אַ קינד, אַ בן־זכר, טאָ וועט זי אים אָפּגעבן צו גאָט אַלע טעג פון זײַן לעבן „און אַ שערמעסער וועט נישט אַרויפקומען אויף זײַן קאָפּ". איר זון זאָל זײַן גאַנץ לעבן זײַן אַן אָפּגעהיטענער דינער פון גאָט.

איצט האָט חנה פאַרענדיקט איר תּפילה. עלי הכּהן, וואָס האָט זיך אַ פאַרחידושטער צוגעקוקט צו דער אומבאַקאַנטער פרוי און איר שטילער, בנעימותדיקער תּפילה, האָט זי דערנאָך געבענטשט און צו איר געזאָגט: „גיי געזונטערהייט אַהיים און גאָט צבאות זאָל דערפילן די בקשה פון דײַן האַרץ". אַ צופרידענע און אַ פריידיקע איז חנה אַרויס פון דער טונקלקייט

פון גאָטס היכל און מיט אַ לײַכט געמיט געגעסן און געטרונקען, און געקראָגן אַ גאַנץ אַנדער פּנים. צוזאַמען מיט איר מאַן איז זי באַלד דערנאָך אַוועק צו זיך קיין רמה. איר געבעט איז געוואָרן אָנגענומען פֿאַר גאָט און עס איז געווען, אַז אין אַ יאָר אַרום האָט זי געווונען אַ בן־זכר, וואָס זי האָט אים אַ נאָמען געגעבן שמואל, „ווײַל פֿון גאָט האָב איך אים אויסגעבעטן״.

אַזוי הייבט זיך אָן די געשיכטע פֿון שמואלן, פֿון יענער גרויסער פּערזענלעכקייט אין דער פּאַרצײַטיקער ייִדישער געשיכטע, וואָס איז געווען אָנגעברייט צו זײַן דער נביא פֿון גאָט, דער גײַסטיקער מנהיג פֿון פֿאָלק, אים העלפֿן אין אַן עת־צרה. איינע פֿון זײַנע גרויסע פּאָליטישע מעשׂים איז אויך געווען צו שאַפֿן אין זײַן עלטער די מלוכה, וואָס האָט באַזײַטיקט די אַנאַרכיע אין לאַנד און פֿאַראייניקט די שבטים אונטער דער הערשאַפֿט פֿון שאול המלך. ווען חנה האָט אַנטווײנט איר קינד שמואל, האָט זי אים אַרויפֿגעפֿירט מיט גרויס פּאַראַד קיין שילה און אים דאָרט איבערגעגעבן אין די הענט פֿון עלי הכּהן. דאָרט זאָל ער פֿאַרבלײַבן זײַן גאַנץ לעבן ווי אַ דינער צו גאָט, — אַ פֿרומער ווונטש פֿון אַ גאָטספּאַרכטיק האַרץ פֿון אַ מאַמען. אַזוי נעמט זיך פּאַנאַנדערוויקלען, מיט אַ געמאָסטענעם, לאַפּידאַרן סטיל, דער סיפּור־המעשׂה פֿון שמואלס אָנהייבן, זײַן יוגנט און אַנטוויקלונג, זײַן ערשטער טראָט און התגלות ווי אַ מורה־דרך און אַ נביא פֿון פֿאָלק ישׂראל. לאָזט אונדז טאַקע דער פּסוק הערן (שמואל א׳, ב, י״ח), אַז דאָס ייִנגל שמואל איז געווען אַ דינער אינעם היכל פֿון שילה און דערבײַ געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ לײַוונטענעם אפֿוד. וואָס אַקוראַט פֿאַר אַ מלבוש דאָס איז געווען, ווייסן מיר נישט. מיר ווייסן נאָר, אַז כּהנים האָבן אין דער אַלטער צײַט געטראָגן אַן אפֿוד בשעת דער עבֿודה אין בית־המיקדש. איז דאָס געווען אַ מין אָראַקל־מלבוש, וואָס מיט זײַן כּוח האָט מען געקענט דערגיין דעם רצון פֿון בורא און דעם גורל פֿון מענטש? וואָס דער פּשט פֿון דעם אפֿוד זאָל דאָ נישט זײַן, שמואל ווי אַ דינער אין בית־המיקדש האָט אים געטראָגן. דערצו דערציילט אונדז נאָך דער פּסוק (ב, י״ט), אַז זײַן מאַמע האָט אים יעדעס יאָר, בשעת זי פֿלעגט אַרויפֿגיין מיט איר מאַן אלקנה קיין שילה „צו שעכטן די שעכטונג פֿון יאָר״, מיטגעבראַנגט פֿון דער היים אַ קליין מענטעלע, וואָס ער האָט מסתמא אויך אָנגעטאָן בעת זײַן עבֿודה אין בית־המיקדש. בינו לבינו איז דאָס גרעסטענע ייִנגל אונטער־געוואַקסן און איז געווען אַ קוואַל פֿון פֿרייד פֿאַר אַלעמען. ער האָט באַגליקט אין זײַנע מעשׂים און געווען ווויל־געפֿעליק אין די אויגן אי פֿון גאָט און אי פֿון די לײַט (ב, כ״ו). וואָס זײַן טאָן איז געווען, דערציילט

אונדז דער פסוק גראָד נישט. מיר קענען זיך נאָר אויסמאָלן, אַז ער איז געווען איינער פון די יונגע כהנים און געטאָן כּל המינים אַרבעטן אין בית־המיקדש גאָר ווויל און פײַן. מיט דער צײַט איז ער אויסגעוואַקסן אין חכמה און אין תּורה, געוואָרן באַהאַוונטער און אויסגעשטאַנענער. אַזוי איז עס מסתּמא צוגעגאַנגען בײַ די שכנותדיקע פעלקער אין דעם נאָענטן מיזרח, וואָס האָבן געהאַט בלי ספק אַ השפּעה אויפן גײַסטיקן מהות און דעם קולטור־לעבן פון די ייִדן אין יענע דורות. די עיקרים פון דת און עבודה, די מיסטעריע פון אמונה אין אַלע אירע אַספּעקטן און רעוועלאַציעס, איז משמעות געווען די בעסטע צוגרייטונג פאַר די וואָס זײַנען געווען אָנגעברייט צו שפּילן אַ ראָל אינעם גײַסטיקן לעבן פון פאָלק און זײַן די קומענדיקע מנהיגים. אַזאַ ספּיריטועלע צוגרייטונג האָבן באַקומען די כּהנים און מסתּמא אויך דער יונגער שמואל. אָבער אויף זײַן גורל איז אויסגעפאַלן אַ וואָגיקערע, אַ העכערע שליחות. שוין גאַנץ פרי דערשפּירט ער ווי עס דערוועקן זיך אין אים בהדרגהדיק אַ שפּע פון איבערנאַטירלעכע, טראַנסצענדענטאַלע כּוחות, וואָס טראָגן אים אַוועק אין אַנדערע, ליכטיקערע וועלטן. לכתּחילה איז דאָס נאָך געווען אַן אומבאַוווּסטער, פאַרמאַטיווער, אויפגייענדיקער פּראָצעס, פון אַ טאָפּן אין דער פינצטער, ביז צו אַן אמתדיקן דערגריין צו דער מדרגה פון אַ געטלעכער התגלות. ער ווערט נישט אַ נביא מיט אַ מאָל. פון אָנהייב איז נאָך אַלץ אין זײַן גײַסטיקער אויפנעמונג אומקלאָר און פאַרנעפּלט. אָבער באַלד וועט די פאַרנעפּלונג פאַרשווינדן, זײַן געמיט וועט זיך אויסלײַטערן און עס וועט ווערן העלער, ריינער און ליכטיקער אין זײַן האַרץ. עס איז דער אָנהייב פון אַ גרויסער טיפער איבערלעבונג, בעת דער מענטש באַגעגנט גאָט אויף זײַן וועג צום אין־סוף. די קאָנפראָנטאַציע צווישן גאָט און מענטש פאַרלאַנגט אויסער־געוויינטלעכע כּוחות, וואָס נאָר כאַריסמאַטישע מענטשן פאַרמאָגן זיי. אין דעם יונגן, נאָך נישט אויסגעצײַטיקטן שמואל זײַנען זיי דערווײַל נישט פאַראַן. איז בכלל די נבואה אין יענע טעג געווען נישט שכיח. דערציילט אונדז טאָקע דער פּסוק בפירוש (ג, א), אַז אין יענער צײַט איז גאָטס וואָרט געווען זעלטן. די זעונג איז נישט געווען פאַרשפּרייט. הקיצור, דער מקור פון אַ שאָפערישן, קוואַליקן חזיון איז געווען פאַרשטאָפּט. עס איז נישטאָ קיין רוח הקודש בײַ מענטשן, וואָס זאָלן דערשפּירן דעם אויפגע־שטורעמטן געטלעכן כּוח, וואָס געביט זיי צו ריידן און צו האַנדלען און וואָס זײַנען גרייט אָנצונעמען זײַן גורלדיקע שליחות.

איז דאָס קאַפּיטל ג פון שמואל א׳ גרײַלעך פון אַ גרויסן קולטור־ און

רעליגיעז־היסטאָרישן באַטײַט פאַר אונדז. דערפון קענען מיר עפּעס אָפּ־לערנען וועגן דעם אָנהייב פון אַ נביא, אַזוי ווי דאָס פאָלק האָט זיך אים פאָרגעשטעלט. דערציילן אונדז די פסוקים (ג, ד־י) מיט אַ סך פאָלקס־טימלעכער פשטות און פּאָעטישן חן, דעם סאַמע אָקט פון דער געטלעכער התגלות צום מענטש. דער יונגער שמואל, וועמען גאָט רופט עטלעכע מאָל נאָך אַנאַנד, איז גאָרנישט ביכולת צו באַנעמען דאָס וואָס עס קומט פאָר אַרום אים. עס פעלן אים ממש די גײַסטיקע כּלים דערצו. עס איז אויך נישט דער פּלוצעמדיקער אויפברויז און שטורעם, די עמאָציע און התלהבות פון דעם כאַריסמאַטישן נביא, ווען ער דערפילט די געטלעכע האַנט איבער זיך. דאָ איז דערווײַל אַלצדינג עפּעס אומזיכער, סודותדיק און פאַרהוילן. עס איז נאָר אַ שטילער, שוואַכער, קוים־הערעוודיקער אָנזאָג פון גאָטס נאָענטקייט צום מענטש, ממש ווי אַ מאַמע רעדט שטיל און צאַרט צו איר אַ קינד. אפשר וויל גאָר אונדז דער דערציילער לאָזן הערן, אַז גאָט וויל נישט דערשרעקן דעם יונגן שמואל מיט זײַן מעכטיקער דאָיִקייט, צו וואָס ער איז נאָך נישט דערוואַקסן. זײַנען מיר טאַקע עדות ווי אַזוי דער דער־ציילער באַשרײַבט מיט אַ סך אינטימער אײַנגעהאַלטנקייט די מיסטעריע פון אָט דער געטלעכער התגלות צו שמואלן. שמואל, הערן מיר, ליגט בײַ נאַכט אויף זײַן געלעגער אינעם היכל, וואָס דאָרט שטייט דער אָרון פון גאָט, און שלאָפט. מסתמא, וויל אונדז דער דערציילער אַגב לאָזן הערן, אַז אויף דעם אָרון רוט די שכינה, דער סימבאָל פון דער געטלעכער דאָיִקייט. עס איז פינצטער און אַ שווײַגעוודיקע שטילקייט פון אַרום, בלויז אין דער מנורה מיט אייל צאַנקט אַ פלעמל. פּלוצעם הערט ער, ווי אויף דער וואַך, אַ שטיל, זאַנפטיק קול וואָס רופט אים, און ער ענטפערט: דאָ בין איך. שמואל ווייס נישט ווער עס רופט אים און מיינט עס איז גאָר עלי. לויפט ער שנעל אַוועק צו אים און זאָגט: דאָ בין איך, דו האָסט מיך דאָך גערופן. חידושט זיך עלי און זאָגט צו אים מיט אַ פּאָטערלעכער שטים: איך האָב דיך נישט גערופן. גיי לייג זיך צוריק. האָט שמואל אַזוי געטאָן. אַזוי חזרט זיך איבער די זעלבע סצענע עטלעכע מאָל נאָך אַנאַנד. שמואל, גיט אונדז דער פסוק צו פאַרשטיין, האָט באמת נישט געוווּסט, אַז דאָס רופט אים גאָט, מחמת „זײַן וואָרט האָט זיך נאָך נישט געהאַט אַנטפּלעקט צו אים״ (ג, ז). אים איז נאָך געווען פרעמד דער נסיון פון אַ נביא און ער ווייס נישט, וואָס דערמיט צו טאָן. דער רוח הקודש וועקט זיך אין אים, אָבער ער איז נאָך אומבאַהאָלפן, אַפנים נישט דערוואַקסן אויפצונעמען אין זיך די שפע פון געטלעכע כּוחות, וואָס הייבן אָן אַרײַנצושטראָמען אין אים.

אַזוי קומט צו שמואלן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט דער רוף פון גאָט עטלעכע מאָל, און ער לויפט כּסדר אַוועק צו עלין, מיינענדיק אַז ער האָט אים פאָרט גערופן. ערשט נאָכן דריטן מאָל, טראַכט עלי אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק. שטייט פאַר אים דער נביאישער פענאָמען אין זײַן געטלעכער מאַניפעסטאַציע, רעדט צו שמואלן טאַקע גאָט גופא? ער ווערט שטאַרק פאַראינטריגירט פון אָט דער דערשײַנונג און זאָגט צו דעם יונגן שמואל: גיי, לייג דיך. אויב דו וועסט ווידער הערן די שטים וואָס רופט, זאָלסטו זאָגן „רעד, גאָט, וואָרום דײַן קנעכט הערט״, (ג, ט). מיט געמאָס־טענע פּשוטע ווערטער שילדערט אונדז דער פאָלקסטימלעכער דערציילער די אימפּאָזאַנטע טעאָפאַניע צו שמואלן. שמואל גייט אַוועק פון עלין און אין דער נאַכט־טונקלקייט לייגט ער זיך צוריק אויף זײַן געלעגער. עפּעס האָט ער דערהערט, וואָס רופט אַרויס אַן אומרו אין זײַן געמיט. ער קען שוין נישט אײַנשלאָפן. זײַן האַרץ איז וואַך און ער וואַרט. וועט טאַקע גאָט צו אים ריידן, איז ער גאָר ראוי דערצו? „און גאָט איז געקומען און זיך אַוועקגעשטעלט און גערופן ווי די פריִערדיקע מאָל; שמואל, שמואל! (ג, י). האָט שמואל געזאָגט: „רעד, וואָרום דײַן קנעכט הערט״ (ג, י). אַ יוגנטלעכער ציטער, אפשר דער ערשטער, טיפער ציטער באַפאַלט זײַן האַרץ. ביסלעכווײַז ווערט אים קלאָר, וואָס עס קומט דאָ פאָר. ער זעט אַ מראה, אַ זעונג און הערט אַ קול, וואָס וועקט און טרייסלט אויף די טיפענישן פון זײַן געמיט. דער נביא איז געבוירן געוואָרן. עס דערגייט צו אים דאָס שאַרפע תּרעומותדיק־אויפציטערנדיקע, געטלעכע וואָרט, וואָס מאָנט און פאַרלאַנגט אמת און גערעכטיקייט פון אַלעמען, נישט געקוקט אויף קיין געזעלשאַפטלעכן שטאַנד און קלאַס. אויב די כּהנים, די זין פון עלין, גייען נישט בדרך הישר, וועט זיי גאָט נישט פאַרשוינען. קומט טאַקע דער מאַראַלישער גאָט פון פאָלק ישראל זיך משפּטן מיטן הויז פון עלי, פאַר זייערע שווערע, הימלשרײַענדיקע זינד און געזעלשאַפטלעכע עוולות. פאַר וואָס עס איז נישטאָ קיין פאַרגעבונג. דערפאַר וועט גאָט ברענגען אומגליק און פאַרניכטונג איבער זיי, „אַז איטלעכער וואָס וועט דאָס הערן, וועלן קלינגען זײַנע ביידע אויערן״ (ג, י״א). אויך שמואלס אויערן קלינגען שוין מסתּמא פון אָט דעם שווערן אָנזאָג. מיט אַזאַ ביטערער בשׂורה פון אַן עונש און פּורעניות פאַר די שולדיקע און זינדיקע, הייבט אָן איטלעכער נביא. גאָט, וועמען ער דערזעט אָדער דערשפּירט אין זײַן אינגעוויד, איז פאַר אים אַ גוואַלדיקע איבערלעבונג פון רעליגיעזן עקסטאַז און מענטש־לעכער דערהייבונג. זי איז דער מקור פון עכטער הייליקייט און אַבסאָלוטער

מאַראַליטעט, וואָס אין איר נאָמען פאַרלאַנגט דער נביא ערלעכקייט און רעכטפאַרטיקייט. דער יידישער נביא איז נישט דער שליח פון אַ געטלעכן פאַנטעאָן מיט געטער וואָס זײַנען מלא קינאה און רײַסן זיך אַרום איינער מיט דעם אַנדערן, נאָר פון דעם איינאיינציקן, אמתדיקן גאָט, דעם מאָראַ־לישן, גערעכטן גאָט פון פאָלק ישראל און פון דער וועלט בכלל. ער אַליין האָט באַשלאָסן צו באַשטראָפן מיט דער גאַנצער שטרענגקייט פון אַ גערעכטן משפט דאָס הויז פון עלין, פאַר זײַנע סאָציאַלע עוולות און מאָראַלישער פאַרדאָרבנקייט, און ער, דער יונגער נביא, איז גאָטס שליח און אָנזאָגער פון דעם געטלעכן דין און משפט.

אַזוי שטייט שמואל אויפן שוועל פון זײַן גורלדיקער שליחות. דערווײַל איז ער נאָך אַן אָנפאַנגער, ממש אַ דרדקי־תּלמיד אין הלכות נביאות. אָבער אויף דער עלטער, ווען דאָס פאָלק וועט פון אים, דעם גײַסטיקן מורה־דרך, פאַרלאַנגען אַ מלך וואָס זאָל קיניגן איבער אים, דעמאָלט וועט ער מיטן גאַנצן ברען פון זײַן נשמה וואָרענען און פּאָרויסזאָגן וואָס עס באַטײַט אַ מלך און זײַן וועלטלעכע הערשאַפט. דער מלך וואָס וועט קיניגן איבערן לאַנד, וועט באַעוולען דאָס פאָלק, צונעמען זײַנע זין און טעכטער און מאַכן זיי פאַר זײַנע קנעכט, פאַרכאַפּן זײַנע פעלדער און ווײַנגערטנער מיט דעם לעצטן ביסל האָב און גוטס, אונטערדריקן און פאַרקנעכטן און בעל־הבתּעווען אַזוי ווי ער וויל. אַזוי איז געווען דער מינהג פון אַלע אויטאָקראַטישע מלכים אינעם אָריענט, וועט דאָס זײַן אַנדערש בײַ ייִדן? דער נביא וואָס באַוועגט זיך מיטן כּוח פון זײַן געטלעכער שליחות אויף גאַנץ אַנדערע, עטיש־רעליגיעזע פּלאַנען, קען אויף אַזאַ פאַרלאַנג נישט אײַנגיין, ער קען דערמיט נישט שלום מאַכן. פאַר אים איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז נאָר גאָט איז דער איינציקער, אמתדיקער קעניג פון זײַן פאָלק. ער האָט דאָס אָנגעוועקט אַ דויערעוודיקע וועלט־אָרדענונג, לויט וואָס דער מענטש זאָל לעבן אַז עס זאָל אים זײַן גוט אויף דער וועלט, און וואָס וועט סוף־כּל־סוף אין אחרית־הימים דערפירן צו אַן אייביקן שלום, אָן עוולות און רציחות. אָן דעם קען דאָך בכלל נישט געמאָלט זײַן קיין שלמותדיקע גאולה אויף דער וועלט.

דערווײַל האַלטן מיר נאָך בײַם סאַמע אָנהייב פון שמואלס נביאישער שליחות. לאָזט אונדז טאַקע דער פּסוק הערן (ג, י״ט) „און שמואל איז געוואַקסן און גאָט איז געווען מיט אים. ער האָט גאָרנישט פון זײַנע ווערטער געלאָזט פאַלן". דאָס גאַנצע פאָלק פון דן ביז באר שבע, פון סאַמע צפון ביז קיין דרום, האָט געוווּסט אַז שמואל איז באַגלייבט בײַ גאָט. ער איז

געווען זײַן ערלעכער, געטרײַער שליח, וואָס האָט אין זײַן נאָמען גערעדט. אומפּשרהדיק האָט ער געקעמפט קעגן אַלע עוולות און רישעותן אין דעם מענטשלעכן לעבן און קיינעם נישט פאַרשוינט. עס זײַנען נישט זעלטן געווען שווערע, אימהדיקע ווערטער פון אַ צעווייטאָגט נביאיש האַרץ, וואָס האָבן אָנגעזאָגט אומגליק און צעשטערונג, אָבער אויך באַגלײַך אַ ישועה און אַ נחמה. איז דאָס די דיאַלעקטיק פון דער ייִדישער געשיכטע פון דין און רחמים, פון שטראָף און ליבשאַפט. עס מוז אַפנים זײַן צוערשט אַ פינצטערע, ביטערע מערכה, איידער עס ווערט העל און ליכטיק, איידער עס קומט די צײַט פון רעגענעראַציע און אויפגיי. און אפשר איז געווען די קאָנצעפּציע פון דער ייִדישער געשיכטע, ווי אַמאָליקע דורות האָבן זי תּופס געווען, אַז גאָט וויל בכּיוון גאָרנישט קיין רויִק, שלווהדיק פאָלק ישׂראל, וואָס זאָל פירן אַ זאַט, מנוחהדיק, ככל הגויימדיק לעבן און זײַן גײַסטיק פאַרשלאָפן און אָפּגעלאָזט. אַדרבא, עס איז גאָר זײַן מאָראַלישער רצון, אַז דאָס פאָלק ישׂראל זאָל זיך געפינען אין אַ כּסדרדיקן קלעם צווישן לייד און באַנײַונג, צווישן חורבן און אויפריכטעניש. זײַנען טאַקע חורבן און גאולה די צוויי פאָלוסן אַרום וואָס עס באַוועגט זיך ייִדיש לעבן אויף זײַן נצחיותדיקן גאַנג אין דער געשיכטע. אין דעם וועלט-באַנעם פון ייִדנטום פירט אָט דער וועג אַרויף צו אַלץ נײַע, גרויסע הויכקייטן, וואָס דאָס מענטשלעכע אויג קען גאָרנישט דערזען. עס גייט אַלץ באַרג-אַרויף, יסורימדיק, אָבער מיט אַ ציל און תּכלית, צו אַ וועלט, אַ באַפרײַטע, אַ יושרדיקע און שלמותדיקע, וואָס איז כּולה טוב. מיט דעם גלײַכן חזיון אין זייער צעוואָרעמט האַרץ זײַנען שוין געקומען צו אונדז די נביאים, אומדערשראָקן און עקשנותדיק-גלייביק צעשטורעמט די וועלט. אין אָט דער לאַנגער קייט פון גרויסע זעער און נביאים פאַרנעמט שוין שמואל גאָר אַ בכּבודיקן און באַטײַטיקן אָרט. עס איז די שליחות צום פאָלק אין זײַן רײנסטער און לויטערסטער פאָרעם.

(1970)

מאָרגן איז ראש־חודש

א. שאול און דוד

„און דוד האָט געזאָגט צו יהונתן: אָט איז מאָרגן ראש־חודש, ווען איך דאַרף זיצן מיטן מלך ביַי דעם עסן. זאָלסט מיך לאָזן גיין, און איך וועל מיך אויסבאַהאַלטן אין פעלד ביז איבערמאָרגן אין אָוונט".

מיט אָט די שפּאַרעוודיקע און בצימצומדיקע ווערטער פירט אונדז אַריַין דער תּנכישער דערציילער (שמואל א, כ׳, ה) אין איינעם פון די סאַמע פאַרפּלאָנטערטע און גורלדיקע קאַפּיטלעך פון דעם וויַיטן ייִדישן עבר. עס איז בעצם אַ טראַגיש קאַפּיטל פון מענטשלעכע שוואַכקייטן, פון אַ קינאה און שׂינאה מצד שאולן, דעם קעניג. צו זיַין קנעכט דודן, דעם געראָטענעם און ווילן בחור, דעם פּאַסטעך פון זיַין פאָטערס שאָף וואָס איז בינו לבינו עולה לגדולה געוואָרן אינעם קעניגלעכן הויף. אָבער ווי עס איז אָפט דער שטייגער פון פּסוק גיט ער אויך אונדז דאָס מאָל אגב־אורחאדיק, אַן אָנצוהערעניש מכּוח אַן אַלטן מינהג פון אַ יום־טוב, וואָס האָט פאַר אונדז גאָר אַ וויכטיקן קולטור־היסטאָרישן באַטיַיט. מיר הערן דאָ, אפשר צום ערשטן מאָל אין די אַלטע מקורים, וועגן אַ יום־טוב פון ראש־חודש מיט אַן איַינגעשטעלטער טראַדיציע און סדר, ווי דאָס האָט זיך געפירט אין דער ייִדישער פּאַרציַיטיקייט. די מעשׂה גופא וועגן ראש־חודש איז בעצם אַ טפל, אַ ביַיזאַך, אין דער צעצויגענער געשיכטע פון שאולס רדיפות אויף דודן. אָבער איידער מיר גייען אַריבער צו ריידן מכּוח דעם יום־טוב גופא, לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף אַ וויַיל אויף דער עצם פּערזענלעכקייט פון קעניג שאולן, זיַין חשד און קינאה, וואָס האָט געהאַט גאָר טראַגישע קאָנסעקווענצן פאַר שאולס מלוכה.

די הויפּט־פּערסאָנאַזשן פון דעם דראַמאַטישן סיפּור־המעשׂה זיַינען דער תּמיד רוגזהדיקער, אומעטיקער און פאַרדאַגהטער שאול, זיַין ווילער, אידעלער זון יהונתן, דער טראָן־יורש און טאַקע דוד גופא, דער שטאָל־טיקער, קלוגער און שטאַרקער יונגער בחור, וואָס ווערט כּסדר גערודפט פון שאולן. עס איז אַ געפיל פון חשד און קינאה וואָס עגבערט טיף אין

זײַן מות, און פֿאַראומערט און פֿאַרטרויערט זײַן האַרץ. אין דודן וואָס באַגליקט אין אַלע זײַנע וועגן, וואָס גאָט איז מיט אים און וואָס איז נושׂא חן בײַ אַלעמען, זעט דער אומרויִקער, צעטראָגענער שאול אַ מוראדיקן צד־שכנגד, דעם קומענדיקן שׂונא. ווי מיר ווייסן, איז דוד נאָך זײַן גלאַנציקן נצחון, איבער גליתן געוואָרן דער העלד פֿון פֿאָלק. עס וואַקסט זײַן פּאָפּולאַריטעט און דערמיט אויך זײַן חשיבות בײַ די הויפֿלײַט און אַפֿילו בײַ שאולן גופֿא, וואָס האָט אים צום סוף גענומען פֿאַר אַן איידעם און אים געגעבן זײַן טאָכטער מיכל פֿאַר אַ ווײַב. אָבער ווי דער פּסוק (י״ח, י״ז) לאָזט אונדז הערן, האָט ער אויך דאָס נישט געטאָן אָן קיין זײַטיקע פּניות. אין דער אמתן איז ער אויסן געווען, אַז זײַן טאָכטער זאָל זײַן אַ שטרויכלונג פֿאַר דעם יונגן, גבֿורהדיקן דודן, און „זאָל נישט זײַן האַנט, נײַערט די האַנט פֿון די פּלישתּים זײַן אויף אים״.

לאָמיר דאָ דערמאָנען, אַז בעצם זײַנען די היסטאָרישע ידיעות אין שמואל א׳ נישט תּמיד אַקוראַט און אויסגעהאַלטן. שוין אַן אויבנאויפֿיקער ליטעראַרישער אַנאַליז פֿון די מקורים, באַווײַזט אונדז ווי שטאַרק פֿאַר־פּלאָנטערט און אָפֿט סתּירהדיק זיי זײַנען. ווי דאָס זאָל נישט זײַן, איז אָבער קלאָר, אַז דער קאָנפֿליקט צווישן דעם קאַפּריזנעם און עקסצענטרישן קעניג שאולן און גערעכטענעם, קלוגן איידעם, האָבן זיך כּסדר פֿאַרשאַרפֿט. דער ריס איז געוואָרן וואָס אַ מאָל גרעסער און די רדיפֿות אויף דודן האָבן זיך אַלץ מער פֿאַרשטאַרקט. די שווערד פֿון שאולן האָט אימהדיק געפֿאָכעט איבער דודס קאָפּ, פֿון וואָס ער איז נאָר קונציק אַנטרונען און ניצול געוואָרן. פֿאַר דעם מאָדערנעם פּסיכאָלאָג איז דער מלך שאול בלי ספֿק, מיט זײַנע קאַפּריזן און עמאָציאָנעלע אויסבראָכן, גאָר אַן אינטערעסאַנטער פּסיכאָלאָגישער פֿענאָמען, פֿון וואָס מיר קענען אָפּלערנען אַ סך אויף זײַן עצם מהות און טראַגישער גורלדיקייט.

קלינגט נאָך הײַנט די געשיכטע פֿון שאולן ווי ער איז געוואָרן אַ מלך, ווי אַ מעשׂה־שהיה, מיט אַלע פּליטערלעך פֿון פֿאָלקסטימלעכן חן און פּשטות. עס איז אַ מעשׂה פֿון אַ פּשוטן, אומבאַקאַנטן מענטש, וואָס גייט אַרויס זוכן די פֿאַרלוירענע אייזלען פֿון זײַן פֿאָטער, איז צום סוף עולה לגדולה און שפּאַרט אָן גאָר ווײַט, אומגעריכט, ממש איבער נאַכט, ווערט אָט דער בעצם סענסיטיווער, פּשוטער פֿאָלקסמענטש געקרוינט פֿאַר אַ מלך איבער זײַן לאַנד. זײַן אויפֿשטײַג איז פֿאַבולאַר. אָט שטייט ער פֿאַר אונדז, ווי דער תּנכישער דערציילער שילדערט אים אין קנאַפּע, געמאָסטענע רייד: אַ שיינער, באַחנטער און שטאָלטיקער יונגער מענטש, הויך געוואַקסן, מיט

אַ קאָפּ העכער פאַר אַלעמען אין גאַנץ ישראל. דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסע מעלה אין די אויגן פונעם אַנטיקן מענטש. אַזוי ווערט אָט דער פשוטער מאַן פון פאָלק. אַ באַשיידענער, אַ שעמעוודיקער, אַן אמתער נחבא אל הכלים, וואָס גלייבט גאָרנישט אין זײַן גרויס מזל, וואָס האָט פּלוצעם אויפגעשײַנט, צו זײַן דער אויסדערוויילטער פון פאָלק. גאָר גיך באַווײַזט ער אויך זײַן אמתע יכולת. מיט אַנטשלאָסנקייט און גבורה גיט ער אַ טויטקלאַפּ די שונאים פון זײַן פאָלק. ער באַפרײַט מיט אַ סך אײַנשטעלעריסקייט דאָס לאַנד פון דער גרויסער סכּנה און פאַראייניקט די אָפּגעטיילטע, צעריסענע שבטים צו אַ פּאָליטישער אחדות אונטער זײַן הערשאַפט. אַ צײַטלאַנג האָט ער טאַקע באַגליקט אין זײַן וועג, ביז ער פאַרלירט, ווײַזט אויס, זײַן גײַסטיק משקולת. בײַ אַלע זײַנע גרויסע מעלות ווי אַ מנהיג פון זײַן פאָלק, איז ער נישט מער בכּוח צו צוימען זײַן צעהיצט געמיט און צערודערונג. זײַן אַמאָליקע אומדערשראָקנקייט און דרייסטקייט טרעט פון אים אָפּ, און זײַן הארץ איז אומרויִק און אויפגעציטערט. אויך פּאָליטיש איז זײַן מצב געווען לחלוטין נישט קיין זיכערער און באַפעסטיקטער. הגם אין מיזרח און אין צפון האָט ער באַזיגט די שונאים, איז ער אָבער געווען ווײַטער פאַרוויקלט אין אַ מוראדיקער מלחמה מיט די פּלישתּים פון דרום. זייער גוט אָרגאַניזירטער מיליטערישער כּוח און מאַכט־גלוסטענישן זײַנען געוואָרן אַ סכּנה פאַרן קיום פון דער יונגער, נאָר וואָס אויפגעקומענער מדינה. שאול האָט נישט פאַרמאָגט די געהעריקע כּוחות און מלחמה־מכשירים, כּדי אָפּצושלאָגן די כּסדרדיקע אַטאַקעס פון דעם מעכטיקן שונא. איז, ווי מיר ווייסן, זײַן סוף געווען אַ טראַגישער ביז גאָר.

נישט געקוקט אויף זײַן מוט, זײַנע גבורות און נצחונות בײַם אָנהייב פון זײַן מלוכה, איז שאול בטבע געווען אַ פּאַראַדאָקסאַלער, אַ נישט־אויסגעהאַלטענער מענטש. בעצם אַ דעפּרעסיווע נאַטור פול מיט סתירות און עקסטרעמען, אויף דער אײנער זײַט אַ געפיל פון התרוממות און ברען און אויף דער אַנדער זײַט אומגעדולד, עצבות און רוגז. ווי מיר זעען אים אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון זײַן הערשאַפט, גייט ער אַרום אַ דערשלאָגענער און אַ פאַריסורימטער, פול מיט פּחד און חשד. זײַן אויפגעברויזט געמיט איז געווען אומרויִק און פאַרביטערט. האָט ער מורא געהאַט, אַז דאָס אומגעריכטע, אויפגעשײַנטע ביסל מזל וועט זיך אָפּטאָן פון אים אַזוי גיך ווי עס איז געקומען? פאַר זײַן פינצטערן בליק איז אויסגעוואַקסן מיט אַ מאָל די געשטאַלט פונעם יינגערן, טריִומפירנדיקן דוד און פאַראומערט זײַן לעבן. מסתּמא האָבן אויך דעמאָלט נישט געפעלט

קיין הויף־אינטריגאַנטן, וואָס האָבן אָנגעמאַכט אַ בייז לעבן צווישן אים און דודן, אַוועקשטעלנדיק אים ווי זײַן ריוואַל, וואָס טראַכט נאָך שאולס קרוין און לעבן. ווי אַ פאַקט פאַר זײַן דעפּרעסיוון מצב, קען אונדז דינען דער תּנכישער סיפּור־המעשׂה, וואָס זאָגט עדות, אַז פון שאולן האָט זיך אָפּגעטאָן דער גײַסט פון גאָט, און געשרעקט האָט אים אַ פינצטערער, בייזער גײַסט. שאול דער אויסדערוויילטער פון פאָלק אויפן טראָן פון ישׂראל, גייט אַרום איצט אַ דערשראָקענער, אַ צעדודערטער און אַ פאַר־לוירענער. זײַן האַרץ איז ליידיק און פינצטער ווי אַ גרוב. אַ בייזער און אַ פאַרמרה־שחורהטער, מיט אַ צעפּײַניקט און צעריסן האַרץ, איז ער געזעסן אויף זײַן טראָן שווערמוטיק פאַרזונקען אין זײַנע ווילדע רעיונות, — אַ פּאַטעטישע פיגור וואָס פאַרדינט אַ דערהויבענעם טראַגיקער ווי סאָפאָקלעס, וואָס זאָל קינסטלעריש געשטאַלטיקן די פּײַן און טראַגישע גורלדיקייט אין וואָס זײַן העלד האָט זיך פאַרפאַנגען. תּחילתדיק האָט אים נאָך דוד מיט זײַן האַרציקן שפּילן אויף דער האַרף דערפרייט און באַרויִקט זײַן צערודערט געמיט. אָבער גאָר גיך פאַלט דער דערשלאָגענער קעניג ווידער אַרײַן אין זײַן טיפער דעפּרעסיע, וואָס ווערט אַלץ מסוכּנדיקער פאַר אים און זײַן סביבה. זײַן פינצטערע אימה, זײַן אומעט און צער ווערן מיט אַ מאָל אַזוי גרויס, אַז ער נעמט אין אַ מאָמענט פון ווילדן שיגעון זײַן שפּיז מיט אים צו דערשטעכן דודן, בעת ער איז געשטאַנען פאַר אים און געשפּילט ווי תּמיד אויף זײַן האַרף. קוים מײַדט דוד אויס דעם זיכערן טויט, און אַנטלויפט נאָך אין יענער נאַכט פון שאולן.

דוד ווייסט איצט ווי גרויס עס איז די סכּנה און באַהאַלט זיך אויס פאַרן גרימצאָרן פון קעניג. אין זײַן עת־צרה פאַרטרויט ער זיך פאַר יהונתן, וואָס איז געווען צוגעבונדן צו אים און אים ליב געהאַט אהבת־נפש. קלאָגט זיך דוד פאַר זײַן געטרײַען, איבערגעגעבענעם פרײַנד אויף זײַן ביטערער מערכה. ער ווייסט נישט פאַר וואָס פאַר אַ חטא דער קאַפּריזנער קעניג איז אים געוואָרן אַ דם־שׂונא און טראַכט נאָך זײַן לעבן. פּרוּווט אים דער איידעלער, גוטער יהונתן באַרויִקן. אים לייגט זיך כּלל נישט אויפן שׂכל, אַז דער פאָטער איז באמת אויסן אַ רעה פאַר דודן. ער וואָלט זיכער עפּעס וועגן דעם געוווּסט. באַשליסט דאָך זײַן פאָטער קיין שום זאַך נישט, וואָס ער זאָל נישט אים, דעם טראָן־יורש, פריִער אַנטפּלעקן. צי איז נישט דוד אַ מאָל מגזם זײַן מורא פאַרן פאָטער? האָט דער קלוגער, פלינקער דוד אַן אײַנפאַל. אַדרבא, זאָל יהונתן אַליין אויסגעפינען צי ער איז גערעכט. דאָ לאָזט אונדז דער פּסוק הערן דודס שׂכלדיקן געדאַנק. מאָרגן, זאָגט ער,

איז ראש־חודש און דער קעניג וועט ווי תמיד אָפּהאַלטן זײַן יום־טובדיקע סעודה, וועט ער, דוד, נישט קומען, נאָר זיך אויסבאַהאַלטן אין פעלד. פאַר יהונתן וועט דאָס זײַן אַ געלעגנהייט אויסצוגעפינען די אמתע שטימונג בײַם קעניג, זײַן רעאַגירן אויף דודס פעלן בײַם יום־טובדיקן טיש. זײַנען דיביידע פרײַנד אַזוי פאַרבליבן. דוד איז נישט געקומען צו דער קעניג־לעכער סעודה און האָט זיך דערווײַל אויסבאַהאַלטן דרויסן פון שטאָט.

אויף צומאָרגנס, ווען עס איז אויסגעפאַלן ראש־חודש, האָט זיך דער קעניג מיט זײַנע הויך־געשטעלטע לײַט און מקורבים געזעצט צו דער יום־טובדיקער סעודה, וואָס האָט זיך אָבער אויפן צווייטן טאָג פאַרענדיקט מיט אַ סך רוגז און סקאַנדאַל. פאַר דודן איז דאָס געווען אַ שלעכטער סימן, און פאַר יהונתן אַ גרויסער ווייטאָג. אָבער לאָמיר דערווײַל אַ קוק טאָן אויף דעם עצם יום־טוב פון ראש־חודש, זײַן באַטײַט און צערעמאָניאַל, וואָס מען האָט מקיים געווען אין דער ייִדישער פאַרצײַטיקייט.

ב. דער יום־טוב פון ראש־חודש

צווישן די ייִדישע ימים־טובים אינעם קאַלענדאַר־ציקל פון יאָר, האָט אין דער קדמון־צײַט, ווײַזט אויס, דער טאָג פון אָנהייב חודש פאַרנומען גאָר אַ בכּבודיק אָרט. מען האָט אין דעם טאָג אַרײַנגעטראָגן אַ שפּאַר ביסל יום־טובדיקייט און שׂימחה, און אים אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדערן קולטישן צערעמאָניאַל און רעליגיעזע מינהגים, וואָס דאָס פאָלק האָט גאַטפאַרכטיק־פרום אָפּגעהיט אין משך פון לאַנגע דורות. קיין גענויע ידיעות וועגן אָט דעם פאָלקס־יום־טוב, זײַן תּוכן און מהות, פאַרמאָגן מיר נישט אין די היסטאָרישע מקורים פון תּנ״ך. דערהאַלטן האָבן זיך נאָר קורצע רמזים און זײַטיקע אָנצוהערענישן. וואָס זאָגן אָבער עדות אויף דעם אַמאָליקן, פּאָפּולערן יום־טוב מיט זײַנע אײַנגעשטעלטע מינהגים. עס ווײַזט אויס, אַז אין שפּעטערדיקע צײַטן, איז דער יום־טוב געוואָרן צוביסלעך אָפּגעשוואַכט און האָט פאַרלוירן אַ סך פון זײַן אַמאָליקער חשיבות, גלאַנץ און פאָלקסטימלעכקייט. פאַרבליבן זײַנען אָפּנים בלויז פאַרבלאַסטע, פאַרבלאָזע רעשטלעך אינעם זכּרון און אין דער רעליגיעזער טראַדיציע פון פאָלק.

פון אַן אַלגעמיינעם, היסטאָריש־רעליגיעזן קוק־ווינקל איז אָבער אָט דער יום־טוב פונעם חודש פאַר אונדז אינטערעסאַנט ביז גאָר. מיר האָבן דאָ מן הסתּם צו טאָן מיט אַ שטיק איבערבלײַבעניש פון אַ פאַרצײַטיקן

לבנה־יום־טוב, וואָס איז געווען שטאַרק אָנגעלייגט בײַ ייִדן און וואָס איז דער עיקר געווען פאַרשפּרייט בײַ אַלע מיזרח־פעלקער, אַ שטייגער בבל, כּנען און אוגרית. קענען מיר זיך משער זײַן, אַז עס גייט דאָ אין דעם גוט־באַקאַנטן און פּאָפּולערן לבנה־קולט אין דער קדמון־צײַט פון דער מענטשהייט, מיט אַלע זײַנע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון אַ געצנדינער־רישער אמונה אין דער געטלעכקייט פון דער לבנה. מען האָט צו דער לבנה געדינט מיט אַ סך פּרימיטיווער דבקות און פּיעטעט, פּונקט אַזוי ווי צו דער זון און אַנדערע הימלדיקע קערפּערס. דער אָנהייב פון חודש איז געווען דער יום־טוב פון מולד פון דער לבנה, ווען זי האָט זיך באַנײַט, אָנגעהויבן ווידער שײַנען אויפן הימל, אויפגעקלאָרט די טיפע פינצטערקייט פון דער נאַכט און געגעבן דעם מענטש פון דאָס נײַ אַ חיזוק און אַ פרישׁ חיות. לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז יעדער שינוי אין דער קאָנסטעלאַציע פון די גלגלים און מזלות, אַרײַנגערעכנט די לבנה, האָט שוין תּמיד אַרויסגערופן בײַ דעם פאַרצײַטיקן מענטש מיט זײַן אומשולדיק־תּמימותדיקן קוק אויף נאַטור־פענאָמענען, אַ געפיל פון דאגה און באַהאַלטענעם פּחד. מיט אַ ציטער אין האַרץ און אומרו אין זײַן געמיט, האָט דער מענטש אַרויפגעקוקט צו די סודותדיקע ספערעס פון די הימלדיקע קערפּערס און אין זיי געזען געטלעכע פּאָטענצן, כּוחות וואָס באַהערשן די וועלט און די בריאה, וואָס זייער השפּעה אויפן גורל פון אומבאַהאָלפענעם מענטש איז גאָר גרויס. אויך אין דעם פאַרהוילענעם גאַנג פון דער לבנה, מיט איר שײַן און פינצטערקייט, האָט מען געזען בולט די סימנים פון אַ דואַליסטישן ציקל אין דער נאַטור. עס איז געווען דער ציקל פון לעבן און טויט, פון אויפגיי און אונטערגאַנג, בפרט טאַקע אינעם קאָסמישן חשכות בײַם סוף פון חודש, ווען עס איז נישטאָ קיין אָנצייכעניש פון דער לבנה אינעם אין־סופיקן געשפּרייט. האָט זיך דעריבער דער אַנטיקער מענטש אין זײַן פאַרלוירנקייט און מורא, באַמיט מיט כּל־המינים פּעולות צו פאַרטרײַבן די כּוחות פון שלעכטס און טומאה פון דער וועלט, און מיט דער הילף פון אַן אײַנגעשטעלטן רעליגיעזן צערעמאָניאַל צוצוהעלפן די כּוחות פון ליכט און גוטס אין זייער אייביקן קאַמף, דער עיקר בעת דער חודשלעכער באַנײַונג, דעם מולד פון דער לבנה. מיט דער צײַט האָט זיך אויך געשאַפן אַ גאַנצער סיסטעם פון תּפילות, ריטואַלן און מינהגים, וואָס האָבן געזאָלט מיט זייערע סימבאָלישע מעשׂים און תּפילות משפּיע זײַן אויף די געטלעכע כּוחות אין דער נאַטור, אַז זיי דערוועקן דעם מידת־הרחמים אין אַן עת־צרה. אגב איז מען אויך אויסן געווען מיט דער סוגעסטיווער סימבאָליק און כּלערליי

חיצוניותדיקע סטימולן (היינט ווי אַמאָל) מתקן זײַן דעם פּגם אין דער בריאה און דערפירן צו אַ שלמות פון דער וועלט דרויסן. אויף אַט דעם באָדן זײַנען אויך אויפגעקומען און זיך פאַרשפּרייט בײַ אַ ריי קולטור־פעלקער די כּל־המינים מינהגים און מאַגישע צערעמאָניעס בײַם חידוש פון דער לבנה. דער מולד איז געווען אַ באַטײַטיקע קאַלענדאַרישע דאַטע אינעם לעבן פון פאַרצײַטיקן מענטש. דער אויפגיי פון אַ נײַער, פרישער לבנה, איז געווען פאַר דעם אַנטיקן מענטש אַ סימן פון אַ באַנײַט, געזונט לעבן, וואָס האָט אים דערהויבן פון זײַן ערדישער שיפלות און אומ־באַהאָלפנקייט צו ליכטיקערע הייכן. דער אויפגיי פון דער לבנה מיט איר שײַן און גלאַנץ האָט געזאָלט ברענגען פאַר דער צערודערטער וועלט, פרישע כּוחות פון מזל און שפע, און חיי־שעה.

לאָמיר אָבער פאַרגעדענקען, אַז ייִדן מיט זייער אימאַנענטן רעליגיעזן חוש, האָבן זיך גאָר פרי אין זייער געשיכטע אויסגעטיילט און אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער געצנדינערישער וועלט. זיי האָבן דאָס שפּעטער אויס־געאיידלט, פאַרטיפט אין סובלימירט די אַלע פאַרעלטערטע און אָפּגעשטאַ־נענע השגות און פרימיטיווע גלייבענישן, אַרײַנגעטראָגן אין דעם גאַנצן קנויל פון די נישט־באַנומענע און פאַרהוילענע נאַטור־כּוחות, אַ קאָסמיש־רעליגיעזן סדר און אַן עטישן מיין, וואָס איז אין משך פון דורות געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון די גרויסע וועלט־רעליגיעס. אפשר טאָקע דערפאַר פאַרמאָגן מיר גאָר ווייניק קאָנקרעטע, תּמציתדיקע ידיעות אין די היסטאָרישע מקורים פון תּנ״ך וועגן אַט דעם יום־טוב ווען די לבנה באַנײַט זיך. אין די אויפגעהיטענע ליטעראַרישע רעשטלעך האָבן מיר בלויז אַ ווײַטן, פאַרבלאַסטן אָפּקלאַנג פון דעם אַמאָליקן, שיינעם ראש־חודש יום־טוב, מיט זײַן שׂימחה און הרחבת־הדעת, ווי ער איז שכיח געווען בײַ ייִדן אין דער אַלטער צײַט. פון דעסטוועגן קענען מיר אָפּלערנען אויפן סמך פון די געציילטע פּסוקים און זײַטיקע אָנצוהערענישן אין די היסטאָרישע ספרים ווי אַזוי דאָס פאָלק האָט זיך נוהג געווען און געיום־טובט דעם טאָג פון ראש־חודש. שמואל א׳, כ׳ לאָזט אונדז בפירוש הערן, ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען בײַ דער יום־טובדיקער סעודה לכּבוד ראש־חודש אינעם קעניגלעכן פּאַלאַץ פון שאולן. פון דעם פּסוק אין מלכים ב׳, ד׳, י״ג, קענען מיר דרינגען פון אַ מינהג, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט בײַם פאָלק, ראש־חודש עולה רגל צו זײַן צו אַ נביא, אַ געטלעכן מאַן, אים ברענגען אַ מתּנה פון דער זאַטער בעל־הבתּישקייט און באַקומען זײַן ברכה פאַרן ווױלגיין פון דער משפּחה און די סטאַדעס אויפן פעלד. הערן מיר טאָקע

ווי עס הידושט זיך דער מאַן פון דער פרוי אין שונם (שונאם), וואָס זי וויל זיך אָוועקלאָזן צום נביא אלישע אין אַ מיטנוואָך. פרעגט ער בײַ איר, וואָס איז די מעשה וואָס דו ווילסט דיך לאָזן אין וועג אַרײַן, צום נביא, עס איז דאָך הײַנט נישט קיין יום־טוב, נישט קיין ראש־חודש און נישט קיין שבת (ד. י״ג). קען מען טאַקע דערפון דרינגען, אַז בדרך כּלל האָט זיך דאָס פאָלק יאָ נוהג געווען עולה־רגל צו זײַן צו אַ נביא, אָדער סתּם צו אַ הייליקטום אין אָט די טעג. אַ פּשיטא שוין, אַז דאָס פאָלק האָט זיך דעמאָלט פאַרזאַמלט אינעם בית־המיקדש אין ירושלים צו דער עבודה, געגעסן און געטרונקען און זיך בחברותא געפרייט פאַר גאָט. ווי עס ווײַזט אויס פון די מקורים, איז אויך געווען אַ מינהג נישט צו אַרבעטן, נישט צו האַנדלען און נישט צו טאָן קיין מלאכה אין ראש־חודש. זײַן גלײַכן גרימצאָרן גיסט דער נביא עמוס אויס (ח, ב) אויף די האַרן און אונטער־דריקער פון פאָלק, וואָס קענען זיך שוין נישט דערוואַרטן, אַז עס זאָל אַריבערגיין וואָס גיכער דער שבת און ראש־חודש, אַז זיי זאָלן קענען ווײַטער האַנדלען און פאַרקויפן תּבואה מיט פאַלשע געוויכטן און אַ פאַלשער מאָס. הערן מיר אויך ווי דער נביא הושע (ב, ל״ג) מוסרט דאָס פאָלק מיט זײַנע האַרטע רייד און זאָגט אָן, אַז גאָט וועט ווי אַ שטראָף צעטרעטן די פרייד פון פאָלק, זײַן יום־טוב, זײַן ראש־חודש און זײַן שבת. הײַנט ערשט דער גרויסער נביא ישעיה (א, י״ג־י״ד), קלאָגט אָן דאָס פאָלק פאַר זײַן פאַלשקייט און גנבת־הדעת, וואָס קומט זיך צונויף אינעם בית־המיקדש מקריב זײַן קרבנות אין די ימים־טובים און בשעת־מעשׂה טוען זיי אַלדאָס בייז. מיט אַ פײַערדיקן גרימצאָרן רופט ער אויס: „ווער בעט אײַך צו טרעטן אין מײַנע הויפן... אײַערע ראש־חודשן און ימים־טובים האָב איך פײַנט... איך, גאָט, קען זיי נישט פאַרטראָגן... דאָס צונויפרופן אַ זאַמלונג אין ראש־חודש און אין שבת״..., מען קומט זיך צונויף אין אָט די טעג אין בית־המיקדש, מען מאַכט אַן אָנשטעל, און דאָס האַרץ איז ווײַטער פאַר־שטאָקט, פול מיט שקר און פאַלשקייט. אין חומש גופא רעדט דער פּסוק בלויז פון דעם קולטישן צערעמאָניאַל אינעם מישכּן מיט אַן אָנצוהערעניש אויפן שפּעטערדיקן בית־המיקדש אין ירושלים, ווו מען האָט אין די טעג פון ראש־חודש מקריב געווען אַ צאָל קרבנות, פאַרמישט מיט שפּײַזאָפּפער און אייל (במדבר, כ״ח, י״א־ט״ו). ווי דער שטייגער איז געווען, האָבן בשעת דער עבודה פריידיק געשאַלט די טרומייטערס און צעוועקט אינעם האַרץ פון פאַרזאַמלטן פאָלק, וואָס איז געקומען זיך פרייען פאַר גאָט, אַ געפיל פון דערהויבנקייט און שׂימחה, פון תּענוג און אויפגערוימטקייט.

הקיצור, פון די אַלע ברעקלעך ידיעות און אָנצוהערענישן אין תּנ״ך איז ניכּר, אַז פאַרצײַטנס איז ראש־חודש געווען אַן אָנגעלייגטער יום־טוב בײַם פאָלק, וואָס אַ זכר דערפון איז נאָך פאַרבליבן אין אַ רײי מינהגים, און דער עיקר אין די תּפילות פון ראש־חודש מיט אַ צולאָג פון הלל און קריאת התּורה, אינעם לעבן פון ייִדישן פאָלק ביז הײַנט.

קענען מיר זיך אויסמאָלן, אַז אויף אַזאַ אופן האָט מען אויך געפּראַוועט מיט גרויס צופרידנקייט, מיט פרייד און רחבות, דעם טאָג פון ראש־חודש אין די צײַטן פון שאול המלך. דערציילט אונדז טאַקע דער פּסוק (שמואל א, כ׳ כ״ד און ווײַטער) אין דעם סיפור־המעשׂה פון די רדיפות פון שאולן אויף דודן, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די יום־טובדיקע סעודה אינעם קעניגלעכן פּאַלאַץ. אין צענטער פון די געשעענישן שטייט נאַטירלעך דוד, וואָס צוליב זײַן מורא פאַר שאולן, באַהאַלט ער זיך אויס אויפן פעלד, הינטער דער שטאָט. אפשר טאַקע צוליב דער חשיבות פון דודן, שטעלט זיך דער פּסוק אָפּ צו באַשרײַבן דעם סדר און די אָרדענונג בײַם קעניגלעכן טיש, ווו דוד האָט געפעלט. מן הסתם איז דאָס שוין געווען אַן אײַנגע־שטעלטער מינהג, אַז אָנגעזעענע משפּחות, פּאַטריציער און שׂרים, און אַ פּשיטא שוין דאָס קעניגלעכע הויז, זאָלן זיך צונויפקומען איין מאָל אין חודש, אין סאַמע ראש־חודש, צו אַ שיינעם, רײַכן מאָלצײַט. אויך דאָס מאָל איז עס געווען אַ גלאַנצפולע, יום־טובדיקע סעודה אין איינעם פון די זאַלן פונעם קעניגלעכן פּאַלאַץ מיט אַ באַשטימטער טיש־אָרדענונג, ווו מען האָט געגעסן און געטרונקען כּיד המלך און זיך געלאָזט ווילגיין. פאַרבעטן זײַנען דאָ, אַחוץ די קעניגלעכע פּרינצן און שׂרים, די אייבערשטע האָרן פון דעם חייל און מקורבים פון הויף. עס פאַרשטייט זיך, אַז דוד, ווי דער איידעם פון מלך שאול, איז געוויינטלעך געזעסן אויבנאָן ביי דעם מלכותדיק־פּאַרגרייטן טיש. יעגעם ראש־חודש, הערן מיר, זיצט אויך דער קעניג שאול ווי תּמיד בראש, אויף זײַן שטול לעבן דער וואַנט. לינקס פון אים איז געזעסן אבנר, דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון שאולס חיילות, און קעגן איבער דעם קעניג זיצט יהונתן, דער טראָן־יורש. דער שטול לעבן יהונתן, ווו דוד דאַרף זיצן, בלײַבט דאָס מאָל ליידיק. דוד איז נישט געקומען, און מיר ווייסן די סיבה. אַזוי האָט ער געהאַט אָפּגערעדט אויף פריִער מיט זײַן שוואָגער און פרײַנד, יהונתן. בעת דער הויף־סעודה אין ערשטן טאָג, שווײַגט שאול, ער פרעגט דערווײַל גאָרנישט ווו דוד געפינט זיך. שאול, גיט דער פּסוק צו, טראַכט בשעת־מעשׂה, אַז אפשר האָט זיך עפּעס געטראָפן מיט דודן און ער איז געוואָרן אומריין. האָט אַ מינהג־קדמונים פאַרלאַנגט,

אַז די וואָס באַטייליקן זיך אין אַזאַ פײַערלעכער סעודה מיט איר קולטישן צערעמאָניאַל און סאַקראַלן כאַראַקטער, בפרט נאָך צוזאַמען מיטן קעניג, דעם געזאַלבטן פון גאָט, מוזן בפירוש זײַן אָפּגעהיטן פון אַ וועלכער עס איז טומאה פון גוף, כּדי נישט צו פאַרשוועכן דעם ריטואַל. דעריבער האָט שאול אין יענעם טאָג גאָרנישט געזאָגט, נאָר געשוויגן. אָבער אויף צומאָרגנס נאָך ראש־חודש, בשעת דער קעניג מיט זײַנע הויכע, פאַרבעטענע געסט האָט זיך ווידער געזעצט עסן, און דוד איז ווידער נישט געקומען, האָט אים די מעשׂה שוין שטאַרק פאַרדראָסן. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט עפּעס נישט קיין גוטס. מיט אַ פאַרשפּיצטן, סאַרקאַסטישן כּעס פרעגט ער בײַ זײַן זון יהונתן, פאַר וואָס איז דער זון פון ישי, נישט נעכטן און נישט הײַנט געקומען צום קעניגלעכן טיש? וואָס איז דער מער מיט אים? שוין אין דעם טאָן פון זײַנע רייד, ווי ער רופט אָן דודן נישט בײַ זײַן נאָמען, נאָר סתּם „דער זון פון ישי", פילט זיך בולט די באַליידיקונג און די גרינגשעצונג. דער קלוגער און מיושבדיקער דוד האָט פאָרויסגעזען דעם כּעס פון קעניג און אָפּגערעדט מיט יהונתנען אַ פּאַסיקע תּשובה. רויִק און מיט אַ געהעריקן יִראת הכּבוד צו זײַן פאָטער ענטפערט ער, אַז בײַ דודן אין דער היים קומט גראָד איצט פאַר אַ יערלעכער משפּחה־יום־טוב מיט אַ בשותּפותדיקער שעכטונג. האָט דוד בײ אים געבעטן אַ דערלויבעניש, אים לאָזן אַהיים גיין כּדי צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע און זייער הויז־געזינד אָפּריכטן דעם יום־טוב. איז דאָס אַ וויכטיק געשעעניש, און אָפּזאָגן אים האָט ער בפירוש נישט געקענט, פלעגט טאַקע אַ משפּחה פון אַן אײַנגעזעסענעם יוסטן בעל־הבית אין שטאָט פאַרצײַטנס, איין מאָל אין יאָר, אין אַ ראש־חודש, זיך פאַרזאַמלען בײַ דער שעכטונג און אין איינעם פאַרברענגען דעם שיינעם יום־טוב. אַזוי האָט שוין פאַרלאַנגט דער אַלטער, אײַנגעשטעלטער פּאַטריאַרכאַלישער סדר פון וואָס מען האָט נישט געטאָרט אָפּנייגן. בײַ אַזאַ פײַערלעכער געלעגנהייט האָט מען געגעסן צו דער זעט, זיך געלאָזט ווילגיין און געפרייט פאַר גאָט, וואָס האָט באַשערט דער משפּחה מזל און ברכה אויפן אַקער און אין פעלד. אַז דוד האָט גראָד יענעם טאָג געוואָלט פאַרברענגען צוזאַמען מיט זײַנע נאָענטע און קרובים, איז דאָך חלילה קיין שום בייז נישט געווען. יהונתנס פאַרענטפערונג איז דעריבער געווען אַ גוטע און אַן אויסגעהאַלטענע דערצו. אָבער פאַר דעם קעניג מיט זײַן אייביקן חשד און באַהאַלטענער מורא, איז דאָס קיין תּירוץ נישט געווען. ער ווייסט, אַז דאָס איז נישט דער אמת און אַז מען נאַרט אים אָפּ. קען ער נישט מער צוימען זײַן פאַרבאָרגענעם כּעס, און אַן

אויפגעברויזטער, פול מיט רוגזה און גאַל, שרײַט ער אויף יהונתנען און רופט אים אָן אַ האַרטנעקיקן, ווידערשפעניקן זון, אַ פסול אין דער משפחה. עס איז צו דער גרויסער שאַנד פון זײַן זון און צו דער שאַנד פון זײַן אייגענער מוטער, וואָס ער האָט געמאַכט יד־אחת מיט דודן, כּדי איבער־צופירן די מלוכה אין זײַן האַנט. עס איז אַ מרידה פון אַרום. דוד איז אַ בוגד־במלכות, וואָס פאַרדינט דעם טויט. ער טראַכט נאָר ווי אַזוי אַראָפּ־צורײַסן די קרוין פון שאולס קאָפּ, און זאָל ער, יהונתן, טאַקע וויסן. אַז ער אַליין איז נישט זיכער כּל זמן דוד לעבט.

פון דעסטוועגן איז דער איידעלער, גוטער יהונתן גאָרנישט געפאַלן בײַ זיך. ער נעמט זיך אָן פאַר דודס כּבוד. מיט דרך־ארץ און אָפּשײַ צו זײַן פאָטער, דעם קעניג, פרעגט ער אים מיט אַ ציטערדיק קול: מיט וואָס האָט זיך דאָס דוד פאַרדינט אַזעלכע בזיונות, וואָס איז זײַן חטא, וואָס האָט ער דאָס אַזוינס געטאָן? דער קעניג, דערהערנדיק די רייד פון זײַן זון, קען זיך שוין נישט מער אײַנהאַלטן און גייט אַרויס ממש פון די כּלים. ווי אַזוי אָפּט אין אַ מאָמענט פון אַ דעפּרעסיוון שיגעון, נעמט ער מיט אַ ווילדער רציחה זײַן שפּיז און וויל דערשטעכן יהונתנען. די לופט איז איבערגעלאָדן מיט אויפרײַס־שטאָף, מיט סכּנה און אימת־המוות שטימונג. עס איז אַ טראַגישע סצענע ביז גאָר, וואָס פאַרדינט מיט איר אימהדיקער קאָנפראָנטאַציע צווישן פאָטער און זון, די געשטאַלטיקונג פון אַ גרויסן, גאָט־געבענטשטן דראַמאַטורג. ווי גרויס עס איז נישט דער טומל און גערודער אויפן זאַל, נאָך גרעסער איז דער פּערזענלעכער בזיון און יהונתנס האַרץ־קלעמעניש. אַ פאַרשעמטער און אַ דערנידעריקטער, שטייט יהונתן אויף אין זײַן גרימצאָרן פון פאָטערס טיש. ער עסט נישט פון די אָנגע־גרייטע מאכלים, און לאָזט אַלצדינג שטיין און ליגן. זײַן געמיט איז איצט פול מיט דאגה און מורא פאַר דודס גורל. ער ווייסט פּשוט נישט ווו אַהינ־צוטאָן זיין חרפּה, און ווי דער פּסוק גיט צו לאַקאָניש (כ, ל״ה), וואָס „זײַן פאָטער האָט אַזוי פאַרשעמט דודן". זײַן איידל האַרץ קען שוין ממש נישט מער פאַרטראָגן די באַליידיקונג און בלוט־צאַפּעניש. איצט זעט ער שוין באַשײַמפּערלעך ווי עס האַלט מיט זײַן טײַערן פרײַנד דודן. גיך לויפט ער אַרויס צו דודן אין זײַן באַהעלטעניש, און מיט די פײַלן פון זײַן בויגן גיט ער אים שוין פון דער ווײַטנס צו וויסן ווי אַ סימן, ווי עס זעט אויס זײַן אמתע מערכה. אַז דיביידע אויסגעבונדענע און געטרײַע פרײַנד טרעפן זיך, צעקושן זיי זיך און וויינען צוזאַמען, ביז, ווי דער פּסוק באַטאָנט (כ, מ״א), דוד האָט איבערגעשטיגן דעם געוויין. וואָס פאַר אַ

טיפע, גרויסהאַרציקע ליבשאַפט רעדט אַרויס פון אַט די קורצע, שפּאָרעוו־דיקע שורות! צום סוף דערמאָנט נאָך יהונתן זײַן פרײַנד, די שבועה פון אייביקער געטרײַשאַפט וואָס זיי ביידע האָבן זיך געשווירן. מיט אַ שווער געמיט לאָזט זיך יהונתן איצט צוריקגיין אין שטאָט אַרײַן און דוד אַנטרינט, הייבט אָן צו נע־ונדעווען, און באַהאַלט זיך אויס פון שאולס צאָרן.

עס איז געווען אַ טרויעריקער פינאַל פון דעם שיינעם, היימלעכן ראש־חודש יום־טוב בײַ שאולן אין הויף. דער טראַגישער סיכסוך צווישן דעם קעניג און זײַן ריוואַל דודן, צעוואַקסט זיך וואָס אַ מאָל מער. עס פאַרמערן זיך די בלוטיקע, אומזיניקע רדיפות, מצד שאולן, וואָס פאַרשאַפן אים נישט קיין כּבוד. וואָס ווײַטער פירט דער ביטערער קאָנפליקט צווישן די ביידע צדדים צו אַלץ גרעסערע קאָמפּליקאַציעס, צו אומזיסטע שפּיכת־דמים און טראַגישע קאָנסעקווענצן, וואָס האָבן צום סוף אונטערגעגראָבן די מאַכט פון דעם פאַריסורימטן און פאַרצאָרנטן קעניג. ווי אַ טראַגישע פיגור פאַלט ער העלדיש פון זײַן אייגענער האַנט אויפן שלאַכטפעלד קעגן די פּלישתּים. אָבער באַלד דערנאָך גייט אויף די זון פון דעם גרויסן און מוטיקן דוד, וואָס שאַפט אַ שטאַרקע און פאַראייניקטע מלוכה, און ווי תּמיד באַגליקט ער אין אַלע זײַנע וועגן.

(1972)

אַמנון און תּמר

מיט בצימצומדיקע און געמאָסטענע רייד, מיט אַ זעלטענער עפּישער פּשטות, הייבט אָן דער תּנכישער דערציילער זײַן פּערלדיקע נאָוועלע פון אַמנון און תּמר, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט אַ סך דראַמאַטישקייט און מענטשלעכן טראַגיזם. אין שמואל ב׳, קאַפּיטל י״ג לייענען מיר:

„און אַבשלום דער זון פון דודן האָט געהאַט אַ שיינע שוועסטער וואָס האָט געהייסן תּמר. און אַמנון דער זון פון דודן האָט זי ליב געקראָגן און זײַן האַרץ האָט זיך בײַ אים פאַרקלעמט ביז צום קראַנק ווערן״. מיט אָט די געמאָסטענע, געציילטע שורות פירט אונדז אויך דאָ דער פּסוק אַרײַן אין דער דראַמע וואָס נעמט זיך פונאַנדערוויקלען פאַר אונדזערע אויגן, מיט איר קנויל פון פּראָבלעמען,ליידנשאַפטן און מאַטערנישן. עס זײַנען געווען, ווי מיר מוזן פאַרשטיין פון דעם לאַפּידאַרן אַרײַנפיר, ליבשאַפט־ליידן פון דעם יונגן פּרינץ אַמנון, דעם בכור פון דוד המלך און זײַן טראָן־יורש, צו דער יונגער, שיינער תּמר, זײַנע אַ האַלב־שוועסטער, אַ פּרינצעסין אין דודס הויף.

וויפל זינגער און פּאָעטן, אַמאָל און הײַנט, האָבן דאָס נישט באַזונגען מיט גרויס עמאָציע די ליבשאַפט פון יונגע מענטשן, און די יסורים וואָס זי האָט אָפט גורם געווען? דאָס האָט אויך זייער גוט פאַרשטאַנען און געפילט אונדזער דערציילער, וואָס האָט געשאַפן אין יענעם ווײַטן עבר אָט די פּרעכטיקע ליטעראַרישע מיניאַטור. עס איז אַ קאַפּיטל, וואָס נישט געקוקט אויף זײַן צימצומדיקייט און לאַפּידאַרן סטיל, שפּאַרט מיט אַ סך דראַמאַטישער האַנדלונג, מיט מענטשלעכע שוואַכקייטן און בענקשאַפטן, מיט תּאווה און לייד, און וואָס פאַרענדיקט זיך מיט אַ מוראדיקן אַקט פון נקמה און רציחה. די הויפּט־העלדן זײַנען דאָ, דער קרוינפּרינץ אַמנון, די שיינע און געראָטענע תּמר, אַבשלום איר ברודער, און זייער אַלעמענס פאָטער דוד המלך.

וויל מען, איז אפשר גאָר אַמנון מיט זײַן הייסבלוטיקייט און תּאווה־פיבער, דער טיפּישער כאַראַקטער פון אַ קלאַסישער טראַגעדיע, וואָס רײַסט צום סוף אַלעמען אַראָפּ אין אַ תּהום פון פאַרצווייפלונג און אומגליק. פּירט

דאָך זײַן צעלאָזנקייט און הפקרות מיט לאָגישער קאָנסעקווענץ צו זײַן טראַגישן סוף.

דערווײַל גייט אַמנון אַרום אַ פאַרבענקטער און אַ פאַרליבט־צעטראָגענער. ער זוכט תּחבולות ווי אַזוי צו דערגרייכן זײַן ציל. די מניעות זײַנען אָבער גרויס. די פּרויען אינעם קעניגלעכן פּאַלאַץ ווערן אָפּגעהיט ווי אַן אבן־טוב. דער אַלטער שטייגער פאַרווערט פּרויען, בפרט נאָך יונגע, נישט קיין התוועדות, זיך פרײַ צו באַוועגן אין דער געזעלשאַפט פון מענער. קען זיך דעריבער אַמנון נישט געבן קיין עצה. זײַן האַרץ ברענט מיט כּעס און פיבערט מיט אומבאַפרידיקטע באַגערן. ער ווערט אָפּגעצערט און פאַלט פון פּנים. האָט אָבער אַמנון אַ גוטן פרײַנד, אַ קרוב וואָס איז איינער פון די הויפליַיט בײַ דודן, זײַן נאָמען איז יונדב. אים פּירט דער דערציילער אַרײַן ווי אַ טיפּ פון אַ שאַרלאַטאַן און אַן אינטריגאַנט.

יונדב, ווי מיר קענען פאַרשטיין, איז אַ פּיפּיקער בחור, אַ כיטרער, דורכגעטריבענער יונג, וואָס טויג זיך צו אַלץ. ער ווערט דאָס דער בעל־יועץ פון קרוינפּרינץ אַמנון. גיט ער אים טאַקע אַ גנבישע עצה, ווי אַזוי אויסצופירן זײַן שענדלעכן פּלאַן. מעשה גוטער ברודער רעדט ער אים אַן צו סימולירן אַ קרענק. „פאַרשלאָף, זאָגט ער צו אים, און אַז דײַן פאָטער, דער קעניג, וועט קומען דיך זען, בעט בײַ אים אַז ער זאָל הייסן תּמרן קומען און דיר צוגרייטן אַ שפּײַז וואָס זאָל דיך געזונט מאַכן" (י"ג, ה').

צו אַ קראַנקן, הײַנט ערשט צו אַ פּרינץ, מעג שוין אַ פרוי, אַפילו אַ פּרינצעסין, קומען און אויפוואַרטן, אַז ער זאָל ווערן געזונט. אין דעם וועט קיינער נישט זען קיין פּסול, בפרט נאָך ווען דער אייגענער פאָטער וועט הייסן תּמרן דאָס טאָן. יונדב איז אַן אמתער שמדקאָפּ. ער ווייסט ווי אַזוי זיך און אַנדערע צו העלפן. אים פעלן נישט קיין פאַרטלען און המצאהלעך. אויף אַזאַ אופן איז טאַקע דער פּלאַן געראָטן. אַז דוד איז דערנאָך געקומען מבקר־חולה זײַן זײַן זון, בעט ער טאַקע זײַן טאָכטער תּמרן אַרײַנצוגיין צו אַמנונען אין הויז און צוגרייטן פאַר אים אַ געקעכטס פון וואָס ער זאָל ווערן געזונט. יונדבס פאַרטראַכטער פּלאַן האָט זיך אײַנגעגעבן און גיך ווערט די צוטרוילעכע, אומשולדיקע תּמר געפאַנגען אין דער פאַרלייגטער נעץ.

דאָס אַלץ דערציילט אונדז דער פּסוק, ווי שטענדיק, מיט אַ סך תּמימות־דיקער פּשטות. מיר דערפילן אָבער דעם נשמה־ציטער און געמיט־באַוועג פון דעם עולם צוהערערס, וואָס איז געשטאַנען אַרום דעם דערציילער, בשעת

ער האָט געשילדערט מיט געמאָסטענע ווערטער די סצענע פון דער גרויליקער שענדונג. אַמנון פאַרנאַרט תּמרן אַרײַן צו זיך אין זײַן קאַמער, און בשעת זי דערלאַנגט אים די פריש־געמאַכטע פאַנקוכנס, הערן מיר מיט אַ מאָל (י״ג, י״א), ווי ער כאַפּט זי אָן און זאָגט צו איר מיט אַ צעררייצט קול: „קום ליג מיט מיר, מײַן שוועסטער״. אין איר גרויסער פאַרצווייפלונג בעט זיך תּמר בײַ אים: „פּײַניק מיך נישט, וואָרום אַזוי ווערט נישט געטאָן אין ישׂראל״.

אַ ייִדישע טאָכטער איז נישט קיין זונה! ווּ וועט זי אַהינטאָן די חרפּה, און ער, אַמנון, וועט זײַן ווי איינער פון די נידערטרעכטיקסטע פון פאָלק. אָבער אַמנון, וואָס איז פאַרשיכּורט פון זײַנע ווילדע ליידנשאַפטן, הערט זיך נישט צו צו איר תּחנונימדיק געבעט. „און ער האָט זיך געשטאַרקט איבער איר, זי געפּײַניקט און געלעגן מיט איר״ (י״ג, י״ד). דער הייסבלוטיקער בעל־תּאווה האָט אויסגעפירט זײַן ווילן. און ווי נישט זעלטן אין אַזעלכע פאַלן, קומט גיך די אויסניכטערונג. עס איז דער אַנטיקלימאַקס פון אַ פאַלשער, פאַרפירטער ליבשאַפט. אַזוי גיך ווי ער האָט געשטילט זײַן יצר־הרע, האָט דער שוואַכוויליקער, שלעכטהאַרציקער אַמנון, מיט אַ מאָל פײַנט באַקומען זײַן שוועסטער תּמר, וואָס ער האָט פריִער אַזוי שטאַרק באַגערט. איצט, גיט דער פּסוק צו לאַקאָניש, איז זײַן פײַנדשאַפט געווען גרעסער פון דער ליבשאַפט וואָס ער האָט געהאַט צו איר.

דער תּנכישער זשאַנער איז נישט באַריידעוודיק. ער צעלייגט נישט אויף טעלערלעך סענטימענטן און עמאָציעס. אָבער דווקא אין זײַן אײַנגעהאַלטענעם טאָן באַווײַזט ער זײַן קינסטלערישן כּוח. אַוודאי פילט ער, פּונקט ווי זײַן לייענער, די שאַנד פון תּמרן, דעם שוידער פון דעם פאַרברעך. אָבער וועגן דעם שווײַגט ער. פּסיכאָלאָגישע שילדערונגען זײַנען ווי תּמיד נישט זײַן ענין. ער איז נישט קיין ראָמאַניסט. פון דעסטוועגן, דוכט זיך, וויל ער אונדז לאָזן הערן מיט דער מעשׂה־נורא, אַ בפירושן מוסר־השׂכּל: אַזוי האַנדלט שוין תּמיד אַ בעל־עבירהניק, וואָס קען נישט גובר זײַן זײַנע תּאוות. דער סוף איז אַז פון דער כּלומרשטער הייסער ליבע קומט אַרויס דער היפּוך. עס איז אַ שפּיגל פון דער מענטשלעכער נאַטור, וואָס דער דערציילער האַלט פאַר אונדזערע אויגן: נאָט אײַך, זעט, צו וואָס דאָס קען פירן! אַפילו דער פּרינץ אַמנון איז בכּוח צו ווערן איינער פון די נידערטרעכטיקסטע אין ישׂראל, אויב ער קען נישט צוימען זײַן ליידנשאַפט.

תּמרס טראַגעדיע איז אין לשער. אַזוי גיך ווי אַמנון האָט אָפּגעטאָן זײַן שענדלעכע מעשׂה, ווערט זי אים נימאס. דער שוואַכוויליקער בעל־

תאווה ווערט איצט נאָך ברוטאַלער, און הייסט איר גיין. בעט זיך בײַ אים תמר מיט אַ טיפן חרפה־געפיל: „טו דאָס נישט, מחמת דאָס אַוועקשיקן מיך איצט איז נאָך ערגער ווי די שאַנד וואָס דו האָסט מיר אָנגעטאָן" (י"ג, ט"ז), עס זײַנען פּשוטע אָבער האַרצרײַסנדיקע ווערטער פון אַ דערני־דעריקטער און פאַרשוועכטער פרוי. זיי האָבן אָבער נישט קיין שום פּעולה. עס ווײַזט אויס, אַז וואָס קלאָגעדיקער עס זײַנען אירע ווערטער, אַלץ מער עקשנותדיק און עזותדיק ווערט אַמנון. ער רופט אַרײַן זײַן משרת, הייסט תמרן אַרויסוואַרפן ווי די ניבזהדיקסטע זונה, און פאַרשליסן הינטער איר די טיר. נאָר אַן אַכזריותדיקע הפקרדיקייט פון אַ צעבאַלעוועטן מענטש, האָט געקענט אָפּטאָן אַזאַ זאַך. הערן מיר, ווי עס פרעגט דער דערציילער מיט אַן אָנצוהערעניש, צי קען גאָר געמאָלט זײַן אַ גרעסערע שיפלות און אַ טיפערע פאַרדאָרבנקייט ווי דער אויסגעלאַסענער אַמנון? אָבער בײַ זיך אין האַרצן ווייסט ער מסתמא זייער גוט, אַז אַן עוולה ווערט נישט פאַר־שוויגן. אַזאַ מעשה־רע פאַרדינט אַ האַרבע און גערעכטע שטראָף.

האַלטן מיר אַלץ נאָך נישט בײַ דער לעצטער סצענע פון דער טראַ־געדיע. אַרויסגעוואָרפן פון אַמנונס הויז, גייט איצט תמר, אַ פאַריסורימטע און אַ באַליידיקטע, אַ פאַרשוועכטע און אַ דערנידעריקטע, איבער די גאַסן פון דער הויפּטשטאָט. עס שאַריעט שוין דער מאָרגן און באַלד וועלן די טומלדיקע גאַסן אָפּקלינגען מיט איר גרויסער שאַנד.

קוים וואָס די פיס טראָגן זי, שלעפּט זיך תמר אַ מידע און צעחושטע צו דעם פּאַלאַץ פון איר ברודער אַבשלום. און אַזוי גייענדיק, שיט זי זיך אַש אויפן קאָפּ, צערײַסט איר געשטרײַפטע קליידל וואָס די קעניגלעכע יונגפרויען טראָגן ווי אַ סימן פון אומשולד און כּבוד. מיט איין האַנט אַרויפגעטאָן אויפן קאָפּ, די האָר צעשויבערט און מיט אַ וויסט האַרץ גייט זי און שרײַט יאָמערלעך. עס איז אַ געוויין וואָס רײַסט זיך אַרויס פון די טיפענישן פון איר פאַרצרהט און באַליידיקט האַרץ. ווי קען זי דאָס איבערטראָגן די גרויסע חרפה, די בושה פון אַ בת־מלכּה, פון אַ געשענ־דעטער טאָכטער אין ישׂראל?

מיר קענען זיך לײַכט אויסמאָלן דעם שווערן רושם וואָס איר מעמד האָט געמאַכט אויף אַבשלומען, איר ברודער. זײַן צער און פאַרדראָס איז מסתמא געווען אין לשער. איז זי דאָך זײַן שוועסטער, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב. אָבער אַבשלום קען שווײַגן, ער ווייסט ווי אַזוי צו קאָנטראָלירן זײַן צאָרן און אויפברויז. אָבער זײַן שווײַגן, איז פינצטער און אימהדיק, עס זאָגט אָן נישט קיין גוטס. צאָרט און שטיל זײַנען זײַנע

ווערטער צו איר: „שווײַג, ווארום ער איז דײַן ברודער. נעם דאָס דיר נישט צום האַרצן!" (י"ג, כ'). מיט וואָס קען ער זי און זיך זעלבסט איצט טרייסטן, ווי אַזוי קען ער אָפּטאָן פון איר די שווערע בושה? זײַן האַרץ איז אויפגעקאָכט, אָבער ער שווײַגט, ער שווײַגט און וואַרט. און דער פּסוק גיט צו לאַקאָניש, און אַזוי איז תּמר געזעסן אַן עלנטע, אַ פאַרשעמטע אין איר ברודערס הויז.

ווען דער מלך דוד האָט זיך דערוווסט פון אַמנונס מעשׂה־רע, האָט ער דערפון געהאַט גרויס צער. אָבער, ווי עס ווײַזט זיך אויס, האָט ער געמאַכט אַ שווײַג. ער האָט אַמנונען, זײַן ליבלינג־זון, נישט געזאָגט קיין בייז וואָרט, אים נישט געשטראָפט. האָט דאָס אַבשלומען נאָך מער געקרענקט. אפשר דערפאַר האָט ער געפילט, ווי דער נאָענטסטער ברודער פון תּמרן (זײַענדיק נישט בלויז פון איין פאָטער, נאָר אויך פון איין מוטער), אַז עס איז זײַן חוב צו באַשטראָפן אַמנונען פאַר דער זינד.

אגב, פאַלט אויף אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך אין דוד המלכס פערזענלעכקייט. אָט דער מעכטיקער הערשער, דער באַצווינגער פון פעלקער, וואָס האָט מיט אַ שטאַרקער האַנט באַפעסטיקט זײַן מלוכה, האָט צו זײַנע קינדער געהאַט אַ גרויסע שוואַכקייט. ער האָט זיי אַלעמען פאָטערלעך ליב געהאַט, צו קיינעם פון זיי נישט אַרויסגערעדט קיין בייז וואָרט, און קיינעם נישט געשטראָפט. באַקאַנט איז אויך די טראַגישע סצענע, ווי דוד, אַן אויפגעטרייסלטער פון צער און יסורים, באַוויינט דעם טויט פון זײַן זון אַבשלום נאָך דער אַדורכגעפאַלענער מרידה קעגן זײַן אייגענעם פאָטער. אַזוי האָט נאָר אַ פאָטער געקענט טרויערן נאָך זײַן הייסגעליבטן זון, וואָס איז געפאַלן אַ קרבן פון זײַנע אייגענע פּאָליטישע אינטריגעס. דאָס איז געווען אַ סך שפּעטער. דערווײַל אָבער האָט דודן גאָר שטאַרק מצער געווען די שענדונג פון זײַן טאָכטער תּמר, אָבער געטאָן האָט ער גאָרנישט.

דאָס וואָס איז אָנגעגאַנגען אַחר־המעשׂה, די אינטריגעס, רכילותן און סקאַנדאַלן אין הויף און איבערן לאַנד, וועגן דעם שווײַגט ווידער אַ מאָל דער תּנכישער דערציילער פּײַנפּיליק און מיט טאַקט. ער דערמאָנט נאָר, אַז אַ לאַנגע צײַט האָט אַבשלום מיט אַמנונען נישט גערעדט קיין וואָרט פון גוטס ביז שלעכטס, ווארום ער האָט אים פײַנט געהאַט צוליב דער שאַנד, וואָס ער האָט געטאָן תּמרן. אין זײַן האַרץ האָט ער געטראָגן אַ שׂינאה צו אים. ווי האָט דאָס געקענט גאָר זײַן אַנדערש?

פון זײַנע שפּעטערדיקע מעשׂים קענען מיר נאָר אָפּלערנען, אַז דער יונגער אַבשלום, דער שיינער, געלאַקטער בחור, וואָס איז געווען באַליבט

בײַ אַלעמען, איז נישט געווען אַזוי אימפּולסיוו־היציק, ווי אַ שטײַגער זײַן ברודער אַמנון. אַדרבא, ער איז געווען, ווי עס ווײַזט אויס, אַ מיושבדיקער פּאָליטיקער, אינטריגאַנטיש־אַמביציעז, אָבער נישט איבערגעאײַלט אין זײַנע מעשׂים. ער האָט געקענט שווײַגן, פּאַרטראַכטן אַ פּלאַן און וואַרטן ביז עס וועט קומען זײַן צײַט דאָס אויסצופירן. אַזוי איז אויך געווען איצט.

בינו לבינו זײַנען אַריבער צוויי יאָר און גאָרנישט איז געשען. מיט אַ מאָל דערהערט זיך אין אָט דער געשפּאַנטער שטילקייט דער אָנזאָג פון אַ שטורעם, וואָס האָט זיך געגרייט צו קומען. מיר האַלטן ביים לעצטן אַקט פון דער טראַגעדיע. דער דערציילער פאַרלירט זיך אָבער נישט אין דער אויפגעטרייסלטער סיטואַציע. מיט אַ שטילער געצוימטקייט פון אַ תּנכישן רעאַליסט מאָלט ער אונדז די לעצטע געשעענישן פון אָט דער מוראדיקער טראַגעדיע. אַזוי לאָזט אונדז דער פּסוק הערן (י״ג, כ״ג), אַז אין צוויי יאָר אַרום האָט מען געשוירן די שאָף בײַ אַבשלומען אין בעל־חצור, וואָס איז געלעגן אין צפון פון בית־אל. אין דער אַלטער צײַט איז די שערונג פון די שאָף געווען אַ פריילעכער יום־טוב. מען האָט געווײנטלעך פאַרבעטן שכנים און פרײַנד און צוזאַמען מיט די שאָף־שערערס פאַרברענגט די צײַט מיט אַ פײַנער מישתּה און אַ הוליאַנקע.

נישט אַנדערש האָט דאָס געזאָלט זײַן בײַ דעם פּרינץ אַבשלום. זײַן פּלאַן איז געווען גוט פאַרטראַכט און אויסגעהאַלטן. מיט גנבישער קלוגשאַפט פאַרבעט ער קודם־כּל דעם קעניג דוד און דערצו אַלע פּרינצן צוזאַמען מיט אַמנונען, דוד אַליין זאָגט זיך אָפּ פון דעם פאַרגעניגן. ער האַלט אַז דאָס וועט זײַן אַ צו גרויסע טירחה פאַר דעם בעל־שׂימחה צו האָבן בײַ זיך אַזאַ גרויסן עולם, און דערצו נאָך דעם קעניג מיט זײַן סוויטע. אפשר האָט גאָר דער קלוגער מיושבדיקער דוד געהאַט אַ חשד, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק, ווער ווייסט.

פון דעסטוועגן איז ער מסכּים, אַז אַמנון זײַן בכור, זאָל מיטגיין, אפשר טאַקע פאַרטרעטן זײַן קעניגלעכן פאָטער בײַ דער צערעמאָניע. מער האָט שוין אַבשלום נישט באַדאַרפט. די פּאַסטקע פאַר אַמנונען איז געווען צוגעגרייט אין אַלע פּרטים. מיט זײַנע דינער האָט אַבשלום אָפּגעשמועסט, אַז בשעת אַמנון וועט זײַן בגילופין, זאָלן זיי אים באַפאַלן און טייטן. אויף אַזאַ אופן וועט ער נקמה נעמען אין אַמנונען און אָפּווישן די שאַנד פון זײַן שוועסטער תּמר.

ווידער אַ מאָל שילדערט אונדז דער תּנכישער עפּיקער מיט קנאַפּע, געמאָסטענע ווערטער דעם פינאַל פון דער בלוטיקער טראַגעדיע. אויף

אַבשלומס גוט אין בעל־חצור האָט מען זיך לאַנג געפּאָרעט מיט דער פּאַרגרייטונג פון דער שׂימחה. עס האָט געזאָלט זײַן אַ סעודה כּיד המלך. „און אַז אַמנונס האַרץ איז געווען פריילעך פון ווײַן״, זײַנען אים אויפן סיגנאַל פון אַבשלומען באַפאַלן בלוטיקע מערדער־הענט און אים געטייט.

אַ בהלה און אַ פּחד באַפאַלט די פריילעכע געסט און מען נעמט אַנטלויפן. אין אָט דעם טומל זײַנען אויך די איבעריקע קעניגלעכע פּרינצן עוקר, יעדער אויף זײַן אייזל, כּדי צו אַנטרינען פון טויט. גיך איז אָנגעקומען די שמועה וועגן דעם מאָרד צו דודן און ווי געוויינטלעך אין אַזאַ מהומה, מיט אַ גרויסער גוזמא. מען האָט נאָך דערציילט, אַז אַבשלום זאָל האָבן אויסגעהרגעט אַלע קעניגלעכע קינדער. ווען דוד האָט דאָס דערהערט, דערציילט אונדז לאַקאָניש דער פּסוק איז ער אַן אויפגעטרייסלטער אויפגעשטאַנען פון זײַן טראָן, צעריסן זײַנע קליידער, ווי אַ סימן פון שווערער אבלות, און זיך געלייגט אויף דער ערד. די צרה איז געווען אין לשער. ער איז געווען אַ מוראדיק געשטראָפטער פאָטער, וואָס האָט מיט אַ מאָל אָנגעוווירן זײַנע קינדער!

עס האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די ערשטע ידיעה איז געווען אַן איבערגעטריבענע. יונדב, דער יאָר־עדות, וואָס איז געווען איינער פון די ערשטע צו אַנטלויפן, האָט דעם קעניג באַרויִקט. ער האָט אים דערציילט, אַז אין אמתן איז נאָר אַמנון געוואָרן געהרגעט, בעת די איבעריקע קעניגלעכע זין זײַנען בשלום אַנטרונען פון דער סכּנה.

פאַר דודן איז דאָס מסתמא געווען אַ האַלבע טרייסט. דאָס שפּיכת־דמים אין דער קעניגלעכער משפּחה האָט נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. דודס טרויער נאָך דעם אומגעקומענעם זון און טראָן־יורש איז געווען גרויס. וואָס האָט ער איצט געקענט טאָן? דער נקמה־נעמער אַבשלום האָט גיך געמאַכט אַ ויברח, מחמת ער האָט זיך געשראָקן פאַרן צאָרן פון זײַן פאָטער.

ער איז אַנטלאָפן צו זײַן זיידן, צו תּלמי דעם מלך פון גשור, וואָס איז געווען דער פאָטער פון זײַן מוטער, דודס ווײַב. בײַ זײַן זיידן, אויף יענער זײַט גרענעץ, האָט זיך אַבשלום געפילט זיכער און זיך געקענט אויסבאַהאַלטן אַ שטיק צײַט, ביז עס וועט זיך פון אים אָפּטאָן דער צאָרן פון זײַן פאָטער. אַזוי איז ער אויך דאָרט פאַרבליבן גאַנצע דרײַ יאָר. זײַן נקמה־אַקט איז געווען אַ שווערער. ער האָט זיכער אויפגעטרייסלט אין יענע צײַטן דאָס גאַנצע לאַנד. אָבער ווי מיר קענען זיך פאָרשטעלן, האָבן זיך דערמיט נישט פאַרענדיקט די ריוואַליטעטן און אינטריגעס אין דודס הויף. עס האָבן נישט געפעלט קיין נײַע צרות, מהומות און רעוואָלטן בײַם

לעבן פון דודן. דינאַסטישע רציחות האָבן אַפילו נישט געפעלט, נאָך דעם ווי זיין זון שלמה איז אַרויף אויפן טראָן, איידער ער האָט באַפעסטיקט זיין מאַכט־פּאָזיציע.

מיט אַבשלומען האָט זיך דער פאָטער ווי עס איז דערנאָך איבערגעבעטן און אים באַגנעדיקט. איז ער דאָך איצט אָפיציעל געווען דער יורש פון זיין טראָן. דער תמיד גוטער, טאָלעראַנטער פאָטער, האָט אַבשלומען דערלויבט צוריקצוקומען קיין ירושלים און זיך ווידער דאָרט באַזעצן. אויבנאויפיק האָט זיך אַלץ צוביסלעך באַרויקט. אין דער אמתן אָבער, האָט די גיפטיקע זריעה פון אַמנונס פאַרברעכן און אַבשלומס נקמה־אַמט, גע־צייטיקט ביטערע פרוכטן פאַר דודן און זיין הערשאַפט.

די טראַגעדיע איז אפשר נאָר געווען דער אָנהייב פון אַ סכום ווייטער־דיקע, אויפטרייסלענדיקע געשעענישן, וואָס זיינען בקרוב געוואָרן אַ שווערע סכנה פאַרן טראָן פון דודן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און אַבשלום, וואָס איז נאָך אַמנונס טויט געוואָרן דער טראָן־יורש, איז געוואָרן דער אָפענער ריוואַל פון זיין פאָטער. דער אַמביציעזער פרינץ, איז געווען אַ בריה אין פּאָליטישע אינטריגעס. זאָגט אונדז דער פסוק, אַז ער איז געווען שטאַרק באַליבט ביים פאָלק, ער האָט מיט זיינע פּאָליטישע הבטחות געווונען פאַר זיך דאָס האַרץ פון די מאַסן.

ווען די מרידה קעגן דודן איז אויסגעבראָכן, האָט אַבשלום געהאַט די אונטערשטיצונג נישט בלויז פון אַ ריי הויף־מענטשן אין ירושלים נאָר אויך פון די סאַמע פּני אין יהודה. ווי מיר ווייסן, איז דער רעוואָלט געוואָרן בלוטיק דערשטיקט און דודס טראָן־יורש האָט דערפאַר באַצאָלט מיט זיין יונגן לעבן.

די מעשה־אַמנון האָט אַרויסגערופן אַ קייט פון קאָמפּליצירטע און טראַגישע געשעענישן וואָס האָבן נאָך שטאַרק אָפּגעהילכט אין די שפּע־טערדיקע דורות. מיר וואָלטן זיך אַפילו געקענט פרעגן, ווי וואָלט אַ שטייגער די ייִדישע געשיכטע אויסגעזען, ווען דער אימפּולסיווער אַמנון וואָלט געווען שטאַנדהאַפטיקער און איינגעהאַלטענער און צום סוף נישט געפאַלן אַ קרבן פון אַבשלומס נקמה? ער, ווי דער קרוינפּרינץ, וואָלט דאָך מסתמא איבערגענומען די הערשאַפט נאָך דודן, און שלמה אַ שטייגער, איינער פון די ייִנגסטע פּרינצן און קרוין־פּרעטענדענטן וואָלט אפשר דעמאָלט נישט אָנגעקומען אויפן טראָן נאָך זיין פאָטער.

אויב אַזוי, ווער ווייסט, צי עס וואָלט גאָר געקומען צו דער שפּאַלטונג

פון דער מדינה אונטער זײַן זון רחבעם, ווען עס איז אויפגעקומען אין דרום פון לאַנד דאָס מלכות יהודה און אין צפון דאָס מלכות ישראל.

מיט אָמנונס טויט פֿאַרענדיקט זיך בעצם אַ טראַגיש קאַפּיטל אין דוד המלכס לעבן. אַבשלום וועט באַלד אָנהייבן שפּילן אַ צענטראַלע ראָל אין די קומענדיקע געשעענישן וואָס וועלן אויפטרייסלען די מדינה. וועגן תּמרן און וואָס עס האָט זיך מיט איר שפּעטער געטראָפֿן הערן מיר שוין גאָרנישט מער. דאָס איז אַן אינטערעסאַנטע טעמע פֿאַר אַ מאָדערנעם סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן, אָבער נישט פֿאַר דעם דידאַקטישן געשיכטע־שרײַבער פון אַמאָליקע דורות. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, אינטערעסירט זיך דער תּנכישער דערציילער מיטן גורל פון יחידים נאָר אויף ווי ווײַט זיי זײַנען נוגע דעם כּלל. דער יחיד, ווי וויכטיק עס זאָל נישט זײַן זײַן ראָל, איז נאָר אַ טפל, אַ בײַזאַך צו דער כּלל־געשיכטע. עס איז תּמיד דער ציבור, דאָס פֿאָלק ווי אַ גאַנצקייט, מיט זײַנע נסיונות און ראַנגלענישן, וואָס כּישופֿן זײַן קינסטלערישן חוש, און דאָס דערציילט ער אונדז מיט אַ סך אַחריות און היסטאָרישער פּינקטלעכקייט.

(1972)

דער אומבאַקאַנטער נביא

װעגן די גרויסע נביאים, די נביאים פונעם געשריבענעם װאָרט, װי למשל אַ ישעיה, עמוס, ירמיה א.אַ., האָבן מיר בעצם געװגוג ידיעות. אין גאַנצן אומבאַקאַנט זײַנען זײ נישט געבליבן. אפשר װייסן מיר נישט קיין סך װעגן זייער פּערזענלעך לעבן, אָבער שוין אָן אַ שיעור מער איז באַקאַנט זייער װירקן, זייער קאַמף און שליחות, און די װעלט, אין װעלכער זײ האָבן געלעבט. האָבן זײ אונדז טאַקע איבערגעלאָזט אַן אומשטאַרבלעכע ליטעראַרישע ירושה, װאָס מיט זייערע גלײַענדיקע װערטער, די תּמיד מיט קאַמף־אָנגעפּילטע רעדעס, האָבן זײ נאָך בײַ זייער לעב־צײַט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויפן פאָלק און זײַנע פּאָליטיש־רעליגיעזע פירערס, אָבער נאָך שטאַרקער און טיפער איז זייער השפּעה געװען אויף די שפּעטערדיקע דורות, טאַקע ביז אין אונדזערע הײַנטיקע טעג אַרײַן.

גאָר אָבער װייניק װייסן מיר װעגן יענע נביאים, װאָס האָבן געלעבט פאַר די גרויסע נביאים, און װאָס האָבן אין זייער צײַט אפשר נישט װייניקער אויפגעשטורעמט דאָס פאָלק און די עפנטלעכע מיינונג, אָבער װעגן װעלכע מיר האָבן כּמעט נישט קיין שום היסטאָרישע ידיעות. האָבן זיך אויך נישט אויפגעהיטן װעלכע עס איז פון זייערע פּלאַמיקע, אויפציטערנדיקע רעדעס, װייסן מיר גאָר װייניק װעגן זייערע טאַטן און קאַמפן, װאָס זײ האָבן בשעתּם געפירט, כּדי דאָס פאָלק צוריקצופירן אויפן דרך הישר.

מיר װייסן אָבער, אַז צו אַלע צײַטן האָבן זיך געפונען צװישן ייִדן נביאים, אָפט גװאַלדיקע געשטאַלטן, װאָס זײַנען געװען דאָס שטילע געװיסן פון פאָלק, און װאָס האָבן אַכטונג געגעבן אויפן מאָראַליש־רעליגיעזן סדר העולם בײַ ייִדן און נישט דערלאָזט, אַז ער זאָל װערן פאַרשװעכט. זײ זײַנען געשטאַנען אין שליחות פון דעם העכסטן זיטלעכקייט־באַגריף, װאָס איז געװען דער תּמצית פון זייער גאָט־פאָרשטעלונג, און אַרויסגערוקט אין זייער קאַמף די פאָדערונג פון אַ רעכטפאַרטיק, מוסטערדיק־ריין לעבן פאַרן פאָלק. מיט אַן אויסערגעװיינטלעכן פײַנפילעװודיקן חוש האָבן זײ דערשמעקט יעדעס אומרעכט און געשטורעמט קעגן יעטװערע פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע עװלה. זײ האָט אויסגעצייכנט אַ טיף רעליגיעז גע־

פיל און אַ שטאַרקער זין פאַר יושר, פאַרבונדן מיט אַן אומדערשראָקנקייט, וואָס האָט נישט נושא פנים געווען קיינעמען, אפילו נישט דעם מעכטיקסטן קעניג. האַרטע, שטאָלענע מענטשן זיינען זיי געווען אָט די נביאים, מיט אַ נישט־בייגעוודיקן ווילן, אומאָפּהענגיק און אומפשרהדיק. אין זייערע הערצער האָבן זיי אויסגעטראָגן דעם שווערן געטלעכן מידת הדין איבער וועלט און פאָלק, זיך מיט אים ביטער געראַנגלט, אָבער זיך נישט געקענט באַפרייען פון דער אחריותדיקער שליחות. נישט איין מאָל שרייַט דער נביא אויס אין טיפער פּיין, אַז זיין האַרץ ווערט פאַרצערט פון יסורים, אַז אַ פייער ברענט אין זיין אינגעווייד, וואָס ער קען נישט דערטראָגן. האָט ער זיך תמיד געפילט איינזאַם און אומגליקלעך, אַן אומרויקער, אַן אויפ־געשטורעמטער, אַ צעריסענער מענטש מיט טענות צו זיך און צו אַ וועלט מענטשן, אַ מענטש ווי ירמיה שרייַט פאַרביטערט אויס, „פון קריג און שטרייַט קעגן גאַנצן לאַנד!"

אין די פריִסטע תנכישע צייַטן באַווייַזט זיך אָט דער טיפּ נביא ממש ווי אַ מעטעאָר, אָט קומט ער ווי מיט אַ שטורעם און אָט איז ער שוין ווידער פאַרשוווּנדן. מיר דערבליקן אים נאָר אין אַ קורצן אַקט, וואָס די געשיכטע האָט פאַר אונדז פאַרצייכנט. מיר דערזעען אים אין זיין גאַנצער ווילדער אויפגעשטורעמטקייט, פול מיט גאָטס צאָרן, אַ פייַערדיקער קעמ־פער, אַ מענטש פון וואָרט און טאַט. מיר ווייסן כמעט נישט ווער ער איז, פון וואַנען ער קומט, וואָס ער האָט געטאָן און ווי געלעבט. זיין געטלעכע שליחות איז געוואָרן דערפילט, אָפּט מיט איין איינציקער האַנדלונג, וואָס די געשיכטע האָט אַרויסגענומען פון זיין עקזאַלטירט, אויפגעברויזט לעבן און פאַרנאָטירט פאַר די קומענדיקע דורות.

ניין, דאָס לעבן פון אָט דעם טיפּ נביא איז נישט געווען לייַכט. אַן אומרויִקער, אַ תמיד צעקריגטער מיט זיין גאָט און דער אַרומיקער וועלט, איז זיין בשורה פאַר זיין פאָלק געווען על־פּי־רוב אַ פינצטערע. ער האָט געמוזט אַזוי ריידן, ווי זיין מאָראַליש געוויסן האָט אים דיקטירט. נאָר ריידן למען השלום, אַז אַלצדינג וועט זיין גוט און פיין, ווייל דאָס האָט געמיינט פּאַטריאָטיזם, ווייל אַזוי האָבן פון אים דערוואַרט דער קעניג און זיינע שׂרים, דאָס האָט ער ביי קיין שום אופן נישט געקענט. דער נביא האָט גע־מוזט קודם־כל זיין ערלעך צו זיך אַליין, און זאָל דאָס קאָסטן וואָס עס וויל. זיך פאַרלייקענען, זיין אומגעטרייַ צו זיין שליחות האָט ער נישט גע־טאָרט. דערפאַר האָט ער געהאַסט יענע „יאָ־זאָגערס", די שטענדיקע אָפּטי־מיסטן פון צווישן די פאַלשע נביאים, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין באַרויִקן

דאָס פאָלק און דאָס לאַנד מיט זייערע גוטע נביאות און שיינע מליצות. זײַן העכסטע אויטאָריטעט איז נישט געווען דער קעניג און זײַנע שׂרים מיט זייערע ערדיש־געבונדענע תּביעות, נאָר זײַן מאָראַלישער גאָט, פון וואַנען ער האָט געשעפּט זײַן טיפן גלויבן און זיכערקייט אין זײַן קאַמף, אַפילו ווען דאָס האָט געהייסן גיין קעגן דעם שטראָם, קעגן דער אָפיציעלער ליניע פון דער מלוכה־פּאָליטיק. ער האָט נישט געקענט פּרעדיקן שלום, בשעת אַ טיפּע כמאַרע פון אומגליק האָט זיך געגומען אָנרוקן אויפן האָריזאָנט פון לאַנד און אין סכּנה געשטעלט דאָס לעבן פון פאָלק און פון זײַנע הערשער. דער נביא האָט דעמאָלט געמוזט זײַן דער טרעגער פון אַ טרויעריקער בשׂורה, פון צוקונפטיקן ווייטאָג און לייד.

אָבער נישט אַלע נביאים זײַנען געווען אַזוי. טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַז עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צײַט ביז די נבואה בײַ ייִדן האָט דערגרייכט איר דערהויבענעם שטאַפּל, פון וואַנען זי האָט נישט נאָר משפּיע געווען אויפן לעבן און דענקען פון ייִדישן פאָלק, נאָר אויך אָנגעשפּאַרט מיט כּוח אין דער וועלט דרויסן, אַרויסרופנדיק אַ טאָטאַלן שינוי ערכין אין דער גאַנצער מענטשהייט. די אַנטוויקלונג איז געווען אַ פּאַמעלעכע, דער וועג אַ שווערער און אָפט אַ פינצטערער. נביאים פון כּל המינים האָבן שוין פון קדמונים געלעבט און געווירקט צווישן ייִדן. זיי זײַנען אין דער אַלטער צײַט געווען באַקאַנט אַלס די בני נביאים, בכן אַן אייגענער קרײַז פון נביאים, אַ מין גילדע פון מענטשן פון פאַך. אָפט האָבן זיי געשמט ווי זעערס, רואים, וואָס דאָס פאָלק האָט פאַרערט אַלס הייליקע. דער נביא, וואָס האָט על־פּי־רוב געערעדט אין אַ מצב פון אויסטערלישער התלהבות און הייליקער עקסטאַזע, האָט זײַנע רייד באַגלייט מיט סימבאָלישע אַקטן פון וויזיעס און געשטאַלטן, וואָס ער האָט געזען. אָט די אָפט אויסטערלישע זשעסטן און צייכנס האָבן געזאָלט דעם עולם צוהערערס קלאָרער מאַכן זײַן כּוונה און די אמתע שליחות פון גאָט. דאָס פאָלק האָט געגלייבט (און נאָך ער היום גלייבן „אויפגעקלערטע" מענטשן אין כּל המינים אָקולטע סימנים און וואָרזאָגעכצן), אַז דער נביא איז בכּוח פאָרויסצוזאָגן די צוקונפט, אויפדעקן דאָס, וואָס איז געבליבן פאַרהוילן פאַר דעם אויג פונעם געוויינטלעכן מענטש. דער נביא ווייס, בכן, דאָס, וואָס עס טוט זיך מאחורי הפּרגוד; ער ווערט צוגעצויגן אינעם ראָט פון גאָט, ווו מען איז אים מגלה די באַשלוסן פון דער פמליא של מעלה. פון די דאָזיקע נביאים־קרײַזן זײַנען אויך אַרויסגעקומען אַזעלכע דערהויבענע, צעשטראַלט־אימפּאָזאַנטע געשטאַלטן ווי שמואל, נתן הנביא, אחיה פון שילה און אין אַ

שפּעטערדיקער תּקופה אליהו און אלישע, פּערסאָנאַזשן, וואָס די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט שפּעטער געוועבט אַרום זיי אַ וווּנדערלעכן קראַנץ פון לע־גענדעס און מעשׂיות.

אָבער נעבן אָט די יחידים־נביאים, וואָס זײַנען געטראָגן געוואָרן פון אַ טיפן מאָראַליש־רעליגיעזן פּאַטאָס און האָבן קיינעמען נישט פאַרשוינט, גע־פינען מיר אויך יענע ברייטע מאַסע פון נביאים־פּראָפעסיאָנאַלן, די איי־ביקע שלום־אָנזאָגערס, וואָס די גרויסע נביאים האָבן זיי געשטעמפּלט ווי די נביאי השקר, די פאַלשע נביאים. אין דער ערשטער ליניע איז זייער אויפגאַבע געווען צו דינען די דינאַסטישע אינטערעסן פון דעם לאַנד, צו אונטערשטיצן די אָפיציעלע פּאָליטיק פון קעניג און זײַנע שׂרים. עס איז געווען דער טיפּ רואה (זעער), צו וועמען מען איז געקומען, כּדי צו פאַרנעמען גאָטס וואָרט. אָבער גערעדט האָבן זיי אַזוי, ווי מען האָט פון זיי דערוואַרט. זיי זײַנען געווען מענטשן אָפּאָרטוניסטן, און האָבן תּמיד פאַרויסגעזאָגט גוטס און שלום פאַרן לאַנד און קעניג. בעצם זײַנען זיי ווײַט געווען פון אמת און נאָר געוואָלט דינען זייערע האַרן, זיך צופּאַסנדיק צו דער געשאַפענער לאַגע. דער רוב פון זיי איז באַשטאַנען פון געשווירענע „יאָ־זאָגערס”, וואָס איז געשטאַנען אינעם דינסט פון הויף, געוואָרן אויסגע־האַלטן פונעם קעניג און דערפאַר טאַקע אינטערפּרעטירט אין זייערע נבואות די פאַרלאַנגטע פּאָליטישע ליניע פון די הערשער.

צווישן די ווייניק־באַקאַנטע נביאים פון דער ערשטער תּקופה געפינען מיר די פּערזאָן פון אַ נביא מיטן נאָמען מיכיהו בן ימלא (נישט צו פאַר־בײַטן מיט דעם שפּעטערדיקן געשריפטס־נביא מיכה פון מורשת, אַ בן־דור פון ישעיהן), וועגן וועם דער תּנ״ך האָט נישט אויפגעהיטן קיין סך ידיעות. ווי אַ סך פון זײַנע פאַרגייער, טרעט אויך מיכיהו אויף פּלוצעם, אומגע־ריכט, אַ מין deus ex machina, און פאַרשווינדט פּונקט אַזוי גיך פון דער היסטאָרישער אַרענע, אַז מיר ווייסן גאָרנישט וועגן זײַן גורל, וועגן זײַן לעבן און מעשׂים. דאָס ווינציקע וואָס דאָס ספר מלכים דערציילט אונדז יאָ וועגן אים, וואַרפט אַ ליכט אויף די געשעענישן פון זײַן צײַט און אויף די פּערזאָן פון דעם אמתן נביא, איינעם פון די פאָרלויפער פון די גרויסע נביאים. שוין זײַן דערשײַנען מאַכט אַ רושם. דער ערנסט פון זײַנע ווער־טער, אָפּט האַרטע אָבער פול מיט עמאָציע און טיפן גלויבן, צווינגען אַפילו זײַנע סקעפּטישע צוהערערס זיך אײַנצוהערן צו זײַנע רייד. דער נביא האָט דערפילט זײַן שליחות. זי איז אַ קורצע אָבער אָן אימפּרעסיווע. די אַנט־שיידונג ליגט איצט אין די הענט פון די מענטשן צו וועלכע ער האָט גע־

רעדט. פּאָלגן זיי אים נישט, איז טאַקע דער אויסגאַנג פון די געשעענישן, ווי מיר וועלן ווײַטער זען, אַ טראַגישער.

לאָמיר קודם־כּל דערמאָנען, אַז מיכיהו בן ימלא (מלכים א׳ כ״ב, ח׳—כ״ח) איז געווען אַ בן־דור פון אליהו און אחאבן. געלעבט האָט ער אין צפון פון לאַנד, אין מלכות ישׂראל, אין דער צײַט פון אחאבס הערשאַפט. אחאב, אַליין אַ פעיִקער הערשער אויפן טראָן פון ישׂראל, האָט אײַבערגענומען פון זײַן פאָטער עמרי, אַ גרויסע און אָנגעזעענע מדינה, באַפעסטיקט כּלפּי חוץ און קאָנסאָלידירט כּלפּי פּנים. אחאב גופא, ווי ער שטייט פאַר אונדז אינעם ליכט פון דער געשיכטע, איז בלי ספק געווען אַ שטאַרקע פערזענלעכקייט און אַ מלוכה־מאַן פון גרויסער וואָגיקייט. אין די מלחמות מיט זײַנע שכנים האָט אחאב אַרויסגעוויזן אַ סך גבורה און אַ גרויסע מאָס פּאָליטישע רײַפקייט. זײַן אויסנפּאָליטיק איז געווען אַ קלוגע, אַ באַרעכנטע און אַן אויסגעהאַלטענע. אַזוי הערן מיר ווי ער האָט אין אַן אויפגעצווונגענער מלחמה מיט זײַן צפונדיקן שכן ארם, אָפּגעהאַלטן אַ גלאַנצפולן נצחון, אָבער זיך באַוויזן גרויסמוטיק כּלפּי זײַן קעגנער בן־הדד, דעם באַזיגטן קעניג פון ארם (מלכים א׳, כ׳). אָט די דאָזיקע קלוגע פּאָליטיק איז אים בײַגעשטאַנען אין די יאָרן פון זײַן לאַנגער הערשאַפט און אים געהאָלפן צו פאַרשטאַרקן זײַן השפּעה אינעם מיטעלן מיזרח און הייבן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּרעסטיזש פון דער מלוכה.

עטלעכע יאָר נאָך אַנאַנד האָט געהערשט שלום, וואָס איז גיכער געווען אַ קאַמף־פּויזע צווישן ישׂראל און ארם. בן־הדד, זעט זיך אויס, האָט נישט דערפילט די באַדינגונגען פונעם געשלאָסענעם שלום־אָפּמאַך און נישט אָפּגעגעבן אחאבן די שטאָט פון רמות אין גלעד, אין עבר הירדן, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער שליסל פּונקט צו דעם קאַראַוואַן־טראַקט. בכן אחאב נעמט זיך ווידער אַ מאָל גרייטן צו אַ מלחמה און זײַן פאַרבינדעטער איז נישט געווען קיין אַנדערער ווי יהושפט, דער מלך פון יהודה. די לאַנג־יאָריקע מלחמות צווישן דיביידע ברודער־מלוכות, האָבן געפירט צו אַ כּסדרדיקער אָפּשוואַכונג פון זייערע כּוחות, און שוין עמרי האָט אָנגעהויבן מיט אַ דערנענטערונג־פּאָליטיק לגבי דעם מלכות יהודה, וואָס האָט שפּעטער געפירט צו אַ פרײַנדשאַפט־בונד צווישן די צוויי לענדער. אונטער אחאבן איז אָט דער בונד געוואָרן נאָך פעסטער. אחאבס פּאָליטיק איז אַפילו געגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז זי האָט דערפירט צו אַ דינאַסטישער פאַרשוועגערונג פון די ביידע הערשער־הײַזער פון ישׂראל און יהודה. אחאבס

טאָכטער עתליה האָט חתונה געהאַט מיט דעם קרוינפּרינץ פון יהודה, יורם בן יהושפט.

די סצענע פאַר דער פרישער מלחמה איז בכן געווען געשטעלט. גראָד צו דער צײַט איז יהושפט פון ירושלים געקומען מיט אַ שטאַט־וויזיט צו זײַן פאַרבינדעטן אחאב קיין ישׂראל. עס איז מעגלעך, אַז בײַ דער גע־לעגנהייט האָבן די בײדע הערשער באַנײַט זייער אַליאַנץ. באַלד דערנאָך באַשליסט טאַקע יהושפט מיטצוצין אין דער מלחמה קעגן ארם. ער זאָגט צו אחאבן: „אַזוי ווי דו, אַזוי איך, אַזוי ווי דײַן פאָלק, אַזוי מײַן פאָלק, אַזוי ווי דײַנע פערד אַזוי מײַנע פערד!" עס איז, בכן, אַן אָפּמאַך אויף מלחמה און שלום, ביידע מלוכות גייען צוזאַמען.

האָט מען אין דער אַלטער צײַט געהאַלטן בײַ אַ מלחמה, איז עס גע־ווען נאַטירלעך, אַז מען האָט געוואָלט הערן „גאָטס וואָרט", כּדי צו זײַן זיכער וועגן דעם גורל פון דער מלחמה. איז געווען צו אַלע צײַטן און בײַ אַלע אַלטע פעלקער אַ מינהג, אַז פאַר אַ וויכטיקער געשעעניש אין לעבן פון אַ פאָלק אָדער פון אַ הערשער, האָט מען אָנגעפרעגט בײַ דער גאָט־הייט, כּדי צו באַקומען אַן אָראַקל. באַקאַנט זײַנען געווען די אָראַקלען בײַ אַ סך פעלקער, בעיקר אָבער דער אָראַקל, וואָס מען האָט באַקומען אינעם גריכישן טעמפּל פון אַפּאָלאָן אין דעלפי. אויך בײַ ייִדן האָבן די מלכים אָנגעפרעגט בײַ גאָט צי זיי וועלן מצליח זײַן אין די מלחמות, צי נישט. מיר הערן אין דעם צוזאַמענהאַנג פון די אורים און תּומים, פון אפוד און אַנדערע מיטלען, וואָס האָבן געדינט אין דער אַלטער צײַט, כּדי צו דער־גיין גאָטס ווילן. אָפט איז מען אַוועק צום רואה, דעם זעער, וואָס האָט, אַזוי האָט מען געגלייבט, געהאַט די געטלעכע אָדער די מאַגישע קראַפט פאָרויסצוזאָגן די צוקונפטיקע געשעענישן. בײַ אַזעלכע געלעגנהייטן האָט מען אויך געפלעגט אָנצופרעגן „גאָטס וואָרט" בײַ די בני הנביאים, וואָס האָבן אין געוויסע צײַטן אויסגעפילט די פונקציע פון מאַנטישע זעער, פאָרויסזאָגנדיק די צוקונפט, דעם געהיימען באַשלוס פון גאָט.

זײַנען אַזוי געזעסן די צוויי באַפרײַנדעטע מלכים פון ישׂראל און יהודה, יעדער אויף זײַן טראָן, אָנגעטאָן זייערע מלכותדיקע בגדים, מיט זייערע סוויטעס אין איינעם פון די פּאַלאַצן אינעם טויער פון שומרון, דער הויפּטשטאָט פון ישׂראל, און זיך געיִישובט מכּוח דעם געשאַפּענעם מצב. האָט מען דעמאָלט מן הסתּם באַטראַכט נישט בלויז מיליטערישע, נאָר אויך פּאָלי־טישע פּראָבלעמען, די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע, וואָס איז דאָך געווען דעצי־דירנדיק אין אַזאַ פאַל, און די אויסזיכטן פונעם קאַמף קעגן ארם. ווײַזט זיך

אַרויס. אַז יהושפט, דער מלך פון יהודה, האָט נאָך אַלעמען געוואַלט הערן דאָס וואָרט פון גאָט. אחאב טוט אים דאָס צוליב. ווי אויף אַ צוגעגרייטער סצענע, וואַקסט באַלד אויס אַרום זיי אַ מחנה פון פיר הונדערט נביאים וואָס זיינען בלי ספק געשטאַנען אינעם דינסט פון אחאבן. אפשר האָט זיך אחאב גאָר געוואָלט גרייסן פאַר זיין אַנגעלייגטן גאַסט מיט דער ריזיקער צאָל געטלעכע מענטשן, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך אַנגעשטעלט.

דאָ זיינען מיר עדות פון אַ פּראַכטפולער סצענע, וואָס דער תנכישער דערציילער האָט מיט זיין צימצומדיקן סטיל קאָנדענסירט ווי ווייט מעגלעך, אָבער וואָס מיר קענען זיך גריילעך אויסמאָלן אויפן סמך פון ענלעכע אַזעלכע פאַלן. עס איז ממש אַ פאַנטאַסטיש בילד. פאַר די פאַרזאַמלטע מאָנאַרכן און זייערע הויפלייט שטייט אַ מחנה פון עטלעכע הונדערט „גאָט באַרוישטע" נביאים. זיי באַוועגן זיך גיך אין אַ צושטאַנד פון ווילדער עקסטאַזע, אפשר גאָר האַלב־נאַקעטע מיט צעראַצטע לייבער, אויגן, וואָס זיינען פאַרגלאָצט וויזיאָנעריש און אַ שוים אויף די ליפּן. אָט טאַנצן זיי, אָט זינגען זיי און באַוועגן זייערע לייבער מיט ווילדע זשעסטן און אויסטער־לישע תנועות, וואָס באַרוישן אַלץ מער זייערע חושים און פאַרשיכּורן זייערע קעפּ. מיט האַלב־אויפגעריסענע מיילער ברומען זיי ווי צום טאַקט, משונה־דיק, האַרט, טעמפּ און מאָנאָטאָן דעם געטלעכן אָראַקל, וואָס קומט עפּעס פון די טיפענישן פון זייערע בייכער און קלינגט ווי דער קול פון אַ דיבוק. אויף אחאבס פראַגע: „זאָל איך גיין קעגן רמות־גלעד אויף מלחמה, אָדער זאָל איך אָפּשטיין?", דערהערט זיך דער „געטלעכער" דיבור ווי אַ שטים פון דער אונטערוועלט, פינצטער און טעמפּ. כאָרכלענדיק, מיט אַ שווערן אָטעם און מיט דיקע שווייס־טראָפּנס אויף זייערע שטערנס, פּרעסן זיי אַרויס פון זייערע ווילד־צעעפנטע מיילער די ווערטער פונעם אָראַקל: „גיי אַרויף, און גאָט וועט זי געבן אין דער האַנט פון מלך!" און ווי מיט אַ כאָר כאַפּן זיי אַלע דערנאָך אונטער: „גיי אַרויף קיין רמות־גלעד און באַגליק!"

כּדי די דאָזיקע מאַגישע ווערטער צו באַקרעפטיקן דורך אַ דראַסטישן סימבאָלישן אַקט, נעמט איינער פון זיי, צדקיה בן כנענה, און טוט זיך אָן אייזערנע הערנער, אַלס צייכן פון גבורה, און רופט אויס מיט ווילדער עקסטאַזע צום קעניג: „אַזוי האָט גאָט געזאָגט, מיט די דאָזיקע (הערנער) וועסטו שטויסן ארם, ביז זיי צו פאַרלענדן!"

יהושפט, דער מלך פון יהודה, פילט אָבער, אַז דאָס רעדט נישט גאָט דורך די דאָזיקע נביאים. ער פרעגט ביי אחאבן: „איז דאָ נישטאָ אַ נביא

פון גאָט, אַז מיר זאָלן פרעגן בײַ אים ?״ ער קען דעם סאָרט נביאים, וואָס ריידן אויף באַשטעלונג, וואָס ווילן מיט זייערע נביאות צוטרעפן די געהיי־מע ווונטשן פון זייער האַר און קעניג. יהושפט וויל דעריבער הערן די מיינונג פון אַן אמתדיקן, אַן אומאָפּהענגיקן נביא, וואָס מען זאָל זיך קע־נען פאַרלאָזן אויף זײַנע רייד.

אחאב ווייס פון אַזאַ מענטש, אָבער זײַנע דערפאַרונגען מיט אים זײַ־נען געוועזן דווקא נישט קיין גוטע. זײַן נביאות אויפן קעניג פון ישׂראל איז נישט קיין גוטס, זײַן מויל טראָגט נאָר שלעכטע בשׂורות און דערפאַר האַסט אים אחאב. יהושפט איז אָבער אײַנגעשפּאַרט. ניין, זאָגט ער צו אחאבן, זאָל דער קעניג אַזעלכע ווערטער נישט ריידן! טוט אחאב בעל כּרחו צוליב זײַן גאַסט און שיקט נאָך דעם נביא מיכיהו בן ימלא, וואָס איז געטרײַ זײַן גאָט און זײַן שליחות. אָבער שוין אונטערוועגס פּרוווט דער שליח פון קעניג אָפּצורײדן מיכיהון, אַז ער זאָל מיט זײַנע נביאות דעם קעניג נישט מצער זײַן, זאָל ער ריידן ווי די איבעריקע נביאים. רעד דאָך גוטס, בעט ער זיך בײַ דעם נביא. אָבער דער נביא קען נאָר דאָס זאָגן, וואָס זײַן גאָט־לעך געוויסן רעדט צו אים.

מיט ווייניקע, קורצע שטריכן, ווי עס פאַרלאַנגט דער תּנכישער סטיל, אַן לאַנגע דערציילערישע הקדמות, ווערט אונדז דער נביא מיכיהו פּרע־זענטירט. מיר האָבן זיך פאַרצושטעלן אַ נישט־דערזאָגטע, אימפּאָזאַנטע סצענע. עס זיצן נאָך אַלץ די מלכים מיט די האַרן פון די צוויי מדינות אין גרויס דערוואַרטונג. דאָ, הײַנט דאַרף מען באַשטימען וועגן מלחמה אָדער שלום. די פּראָפעסיאָנאַלן־נביאים זײַנען אין גאָר אַ געהויבענער שטימונג. אין דער אָרגיע פון פאַרשײַטע טענץ מיט כּל המיני סימבאָלישע האַנדלונ־גען, מישן זיך קולות פון אַ פאַרשיכּורטן נצחון־געפּיל. זייער פּאַטריאָטיזם קען ממש נישט קיין גרענעצן. דער קעניג איז, דוכט זיך, צופרידן. זיי זײַ־נען זיכער זײַן גרויסמוטיקע, קעניגלעכע גונץ. און דאָ מיט אַ מאָל, באַ־גלייט מסתּמא פון קינאה און שפּאָט־בליקן פון די אַרומיקע, וואַקסט אויס אַ מענטש ווי פון איין שטיק: אַן אומדערשראָקענער, אַן ערנסטער, אַ פאַר־טראַכטער, אַן אַנטשלאָסענער און אַן אומבייגעוודיקער. אפשר שענקט אים אחאב אויך קיין שום אויפמערקזאַמקייט נישט. ער האָט זיך זײַן מיינונג וועגן אים. האָט ער דאָך נאָר נאָך אים געשיקט צוליב זײַן קעניגלעכן גאַסט יהושפט. איצט איבערחזרט אָבער אחאב צו אים די פראַגע, צי זאָל ער גיין מלחמה האַלטן קעגן רמות־גלעד, צי ניין. און דער נביא ענטפערט אים (דער פּסוק דערמאָנט דאָ נישט גאָטס נאָמען): „גיי אַרויף, און באַגליק,

און גאָט וועט זי געבן אין דער האַנט פון מלך". מען פילט די געלאַסענע באַקלערטקייט און די זעלבסט־זיכערקייט פון דעם נביאס רייד.

חזרט מיכיהו איבער די ווערטער פון די נביאים־פּראָפּעסיאָנאַלן? וואָס איז ער אייגנטלעך אויסן מיט זײַנע ווערטער? האָט ער מלכתּחילה גע־וואָלט באַרויִקן אחאבן, מיט אים נישט אײַנרײַסן? אָדער האָט ער מיט זײַנע רייד געמיינט גאָר עפּעס אַנדערש, גערעדט אומקלאָר, מיט אַ רמז און פאַרהוילן? אפשר האָט ער גאָר בכּוונה גערעדט צווײדײַטיק און געמיינט, אַז רמות־גלעד וועט געגעבן ווערן אין דער האַנט פון קעניג, נישט אויס־זאָגנדיק וועלכן קעניג ער מיינט, צי דעם קעניג פון ישׂראל אָדער גאָר ארם? דערמאָנט אונדז דאָס דעם באַרימטן צווײדײַטיקן אָראַקל פון דעלפי. די געשיכטע דערציילט אונדז, אַז בעת קרעזוס, דער קעניג פון לידיא, וואָס האָט געשמט מיט זײַן גרויס עשירות, האָט געהאַלטן בײַם גיין אין דער מלחמה קעגן כּורש פון פּרס, האָט אים דער דעלפישער אָראַקל געענט־פערט „ווען קרעזוס וועט אַריבערגיין דעם טײַך האַליס, וועט ער צעשטערן אַ גרויסע מדינה!". דער סוף איז געווען, אַז זײַן אייגענע גרויסע מדינה איז געוואָרן צעשטערט פון די פּערסער אין יענער מלחמה.

אחאב האָט זײַנע ספקות. ווײַל אים מיכיהו בלויז באַרויִקן? דערי־בער פאַרלאַנגט ער טאַקע פון נביא, אַז ער זאָל נאָר ריידן אין נאָמען פון גאָט און אים זאָגן דעם פולן אמת. הייסט דאָס, אַז זײַנע אייגענע, די אַנ־דערע נביאים ריידן נישט דעם אמת און נישט אין נאָמען פון גאָט?

דעמאָלט דערוואַכט אין דעם נביא דער אמתער גײַסט פון נביאות און ער שילדערט אחאבן מיט עכט נביאישן פּאַטאָס אַ בילד, וואָס האָט אַלע סימנים פון אַ גרויסער וויזיע: „איך האָב געזען גאַנץ ישׂראל צעשפּרייט אויף די בערג, אַזוי ווי שאָף וואָס האָבן נישט קיין פּאַסטעך, און גאָט האָט געזאָגט: אָן אַ האַר זײַנען די דאָזיקע; זאָלן זיי זיך אומקערן איטלע־כער צו זײַן הויז בשלום". דעם נביאס צאַרט האַרץ ציטערט פאַר דעם גורל פון פאָלק. ער פילט פאָרויס אומגליק, דעריבער ראָט ער דעם פאָלק און זײַנע פירער ליבערשט אַהיים צו גיין צו זיך בשלום.

ניין, דער נביא האמת קען נישט סתּם איבערחזרן לערע פאָרמולעס, ריידן אויף באַשטעלונג דאָס, וואָס דער קעניג און זײַנע האַרן ווילן הערן. זײַן האַרץ ווערט פאַרצערט פון אומרו און טרויער. ער קען נאָר אַזוי ריידן, ווי זײַן געוויסן דיקטירט אים. אָבער דאָס מאָל ווערט אחאב אויף אים אויף אַן אמת ברוגז, און ער ווענדט זיך צום קעניג יהושפט אין אַ

טאָן פון פאָרוווּרף: „האָב איך דיר נישט געזאָגט, ער וועט נישט נביאות זאָגן אויף מיר גוטס, נאָר בלויז שלעכטס?"

אָבער מיכיהו שטייט נישט אָפּ. אין אים ברענט ווי אַ פײַער די געטלעכע שליחות. גלייבט מען אים נישט, פילן די צוהערערס נישט דעם טיפן ציטער אין זײַן הארץ? דעמאָלט ערשט אַנטפּלעקט מיכיהו פאַרן קעניג און זײַנע הויכע געסט זײַן אמתע וויזיע, וואָס שמעקט אַפילו מיט אַ היפּש ביסל גראָטעסקן חוזק. ער מאָלט אַ הימלדיקע סצענע ווי אַ מין אילוסטראַציע צו דער ערדישער וועלט, מיט אירע מלכים און חיילות און דעם אייבערשטן ראָט פון די האַרן. אינעם עכט־נביאישן סטיל, דורך וועלכן עס רײַסט זיך אָבער אַדורך אַ שטילער סאַרקאַזם קעגן די פּרימיטיווע גלייבונגען פון פאָלק און זײַנע הערשער, דערציילט דער נביא, ווי ער זעט גאָט זיצן אויף זײַן טראָן, אַרומגערינגלט פון זײַן גאַנצן הימלדיקן חייל. עס איז, ווײל ער דעם עולם געבן צו פאַרשטיין, דער געטלעכער ראָט אין הימל, פון וואַנען מען אַנטפּלעקט פאַר דעם נביאס אויער דעם כּוד פון די צוקונפטיקע געשעענישן. גאָט פרעגט זײַנע ראָטגעבערס, ווער וועט גיין איבעררײדן אחאבן, אַז ער זאָל אַרויפגיין קיין רמות־גלעד און דאָרט פאַלן אין דער שלאַכט. עס איז אַ גראַנדיאָזע הימל־סצענע, וואָס מיר האָבן זיך דאָ אויסצומאָלן און וואָס דערמאָנט אונדז אין דעם ערשטן קאַפּיטל פון ספר איוב. גאָט וויל פאַרדאַרבן אחאבן. אַזוי איז זײַן גזר־דין. פרעגט ער, בכן, בײַ זײַנער פּמליא של מעלה, ווער עס וועט גיין אַנריידן אחאבן צו זײַן אומגליק, זאָגט דער אײנער אַזוי און דער אַנדערער אַזוי. דעמאָלט רוקט זיך אַרויס פון צווישן די רייען פון די הימלדיקע חיילות אַ גײַסט, די אינקאַרנאַציע פון אָפּנאַרערײַ און פאַלשקייט. ער איז גרייט צו גיין צו אחאבן און אים פאַרפירן. דער נימשל איז, פירט דער נביא אויס, אַז גאָט האָט געטאָן אַ גײַסט פון פאַלשקייט און פאַרפירונג אין דעם מויל פון אָט די נביאים. זייער נביאות מיינט נישט גוטס, גאָט האָט אויף אים באַשלאָסן שלעכטס.

עס איז אַ קלאָרע וואָרענונג. דער גורל פון אחאבן, אויב ער גייט אַרויף קיין רמות־גלעד, איז באַשלאָסן. די נביאים פון שלום זאָגן ליגנס. זאָל זיך אחאב בעסער אײַנהערן, אַזוי איז דער נישט־דערזאָגטער אויספיר פונעם נביא, צו דער שטים פון גאָט און זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון די ליגנערישע גײַסטער. זיי מיינען אין דער אמתן זײַן אומקום.

מיכיהוס נביאישע וויזיע איז אגב פאַר אונדז אויך אינטערעסאַנט פון שטאַנדפּונקט פון דער רעליגיעזער אַנטוויקלונג בײַ ייִדן. מיר טרעפן

זיך דאָ נאָך אָן מיט פּרימיטיווע עלעמענטן און ביז גאָר נאַיווע פאָרשטע־לונגען פון דער פאָלקסטימלעכער רעליגיע, וואָס אַ שפּעטערדיקע צײַט האָט זיי אין גאַנצן אָפּגערייניקט. מיכיהו זעט די הימלדיקע סצענע אינעם ליכט פון ערדישע געשעענישן; ער מאָלט זי דערפאַר פלאַסטיש און אין אַ פאָלקס־טימלעכן קאָלאָריט. ווי ווײַט איז אָבער זײַן פאָרשטעלונג נאָך פון דער געלײַטערטער קאָנצעפּציע פון אַ ישעיהן, וואָס צייכנט אונדז מיט עטלעכע פּײַנע, סובטעלע שטריכן די גוואַלדיקע מאַיעסטעט פון גאָט אין איר אומענדלעכער גרויסקייט און דערהויבנקייט, וואָס אַ מענטשלעך אויג א״ז גאָרנישט ביכולת צו דערזען!

ווי עס זעט זיך אויס, האָט מיכיהוס נביאות נישט געמאַכט קיין שום רושם. אדרבא, די פּראָפעסיאָנאַלן־נביאים זײַנען געווען איבערצײַגט, אַז ער בלאָפט, אַז נאָר דורך זיי האָט גאָט גערעדט. מאַכן זיי חוזק פון דעם איינזאַמען, אומגליקלעכן נביא, וואָס רעדט כּלומרשט אינעם נאָמען פון גאָט. זיי מוזן שאַרף רעאַגירן קעגן יענעם, וואָס וואָרנט געוויסנדיק די מלחמה־פּאַרטיי און שטעלט זיי אַוועק ווי ליגנערס, אין ווענען עס איז אַרײַן דער רוח שקר, וואָס וויל פאַרפירן אחאבן אין אַ קריג מיט ארם. צדקיה בן כנענה, דער נביא מיט די סימבאָלישע הערנער, גענענט דעמאָלט צו מיכיהו, שלאָגט אים אויפן פּנים און פרעגט בײַ אים מעשה חוזק: „אויף וואָס פאַר אַ וועג איז דער גײַסט פון גאָט אַוועקגע־גאַנגען פון מיר, כּדי צו ריידן מיט דיר?״. אַלע רעווען פאַר געלעכטער, אָבער מיכיהו בלײַבט אומדערשראָקן. ער שלינגט אַראָפּ די באַליידיקונג און ענטפערט מיט פעסטקייט: „אָט וועסטו זען אין יענעם טאָג, ווען דו וועסט אַרײַן פון איין קאַמער אין דער אַנדערער, כּדי דיך אויסצובאַהאַלטן!״ צדקיה וועט באַקומען זײַן פאַרדינטע שטראָף, אויך אין דעם איז דער נביא זיכער.

אחאב זעט זײַן דורכפאַל. ער קען נישט שווײַגן. ער, דער מוטיקער און פאַרעקשנטער הערשער פון ישׂראל, טאָר נישט דערלאָזן, אַז זײַן פּאָליטיק זאָל לײַדן אַ דורכפאַל. ער קען נישט דערלויבן, אַז זײַן פּרעס־טיזש זאָל פאַלן אין די אויגן פון זײַנע דינער און זײַנע הויכע אויסלענדישע געסט. ער מוז מיכיהון באַשטראָפן מיט דער גאַנצער האַרבקייט פון דין. ער גיט דעריבער אַ באַפעל צו אמון, דעם האַר איבער דער שטאָט, אײַנצו־זעצן מיכיהון אין געפענקעניש און אַלס אַ באַזונדערע שטראָף אים צו שפּײַזן מיט קאַרג ברויט און ווינציק וואַסער, ביז ער וועט בשלום צוריק־קומען פון דער מלחמה. מיכיהו איז אויך פון דעם שווערן קעניגלעכן פּסק־

דין געבליבן אומבאַרירט. קען אים אַ מלך בשׂר ודם שטראָפן, בשעת ער שטייט אין שליחות פון העכסטן גאָט? ער ענטפערט אחאבן פּשוט און ווערדיק: „אויב דו וועסט זיך אומקערן בשלום, האָט גאָט נישט גערעדט דורך מיר!״

די ווערפלן זײַנען געפאַלן. די ערנסטע, איבערצײַגנדיקע ווערטער פון דעם נביא האָבן גאָרנישט געפּועלט. אחאב האָט זיך צו זײַנע וואָרענונגען נישט צוגעהערט. ער איז געווען פעסט אַנטשלאָסן אויסצופירן זײַן פּלאַן און גיין אין מלחמה אַרײַן קעגן ארם. זעען מיר ווידער אַ מאָל אחאבן, דעם אַנטשלאָסענעם, מוטיקן מענטש, וואָס לאָזט זיך נישט אָפּשרעקן, אַפילו נישט פון די פינצטערע ווערטער פונעם געטלעכן נביא.

ביידע מלכים מיט זייערע חיילות ציִען אַרויס אין דער מלחמה. פּאָרט, זעט זיך אויס, איז אחאב נישט געווען אין גאַנצן זיכער בײַ זיך. ווער ווייסט, אפשר איז אים באַשערט אַ בייז מזל, וויל ער פון אים אַנטרינען. עס איז דאָך נאָר מענטשלעך. איידער ער גייט אין קאַמף באַנוצט ער זיך מיט אַ פאָרטל, ער פאַרשטעלט זיך. ער וויל נישט זיך באַווײַזן אין ברען פון דער מלחמה אין זײַנע קעניגלעכע בגדים, טאָמער וועט דער שׂונא צילן מיט זײַנע פײַלנבויגנס אויף אים, זאָל מען אים בעסער נישט דערקענען. איז דאָך דער קעניג אין דער אַלטער צײַט געווען דאָס האַרץ און דער מוח פונעם קאַמף, זאָל מען בעסער אויף דעם שׂונאס זײַט נישט וויסן ווו ער קעמפט. טוט זיך אחאב אָן פּראָסטע קריג־בגדים פון איינעם פון זײַנע זעלנער און יאָגט אין זײַן רײַטוואָגן צום ברענפּונקט פון דער שלאַכט. אַלץ גייט דערווײַל גוט. אָבער אין גאַנצן אומגעריכט, עפּעס סתּם אַזוי אין דער וועלט אַרײַן, האָט איינער פונעם שׂונאס קריגערס אָנגעצויגן זײַן בויגן און אויסגעשאָסן אַ פײַל, וואָס האָט גראָד געטראָפן דעם קעניג פון ישׂראל אויף זײַן רײַטוואָגן, צווישן אונטערפּאַנצער און ברוסטשילד. אחאב איז געוואָרן שווער פאַרוווּנדעט. אָבער ער בלײַבט אין קאַמף, ער אַנטלויפט נישט פונעם שלאַכטפעלד זיך צו ראַטעווען. איז ער נישט אַ שטאָלצער, מוטיקער קעניג פון ישׂראל? וועט ער פאַרלאָזן זײַנע קעמפערס אין מיטן פון דער הייסער שלאַכט?

שטאַרבלעך פאַרוווּנדעט בלײַבט ער שטיין אַ גראַדער, ווי קיין מאָל גאָרנישט, אין זײַן רײַטוואָגן, בעת דאָס בלוט פון דער וווּנד פליסט אַלץ כּסדר אויפן דעק פונעם וואָגן און דערמיט שווינדט זײַן חיות. אָבער אחאב האַלט אויס, ער גיט זיך נישט אונטער. ערשט קעגן אָוונט איז אחאב געשטאָרבן. דער קאַמף ווערט אָפּגעשטעלט, הגם די מלחמה איז נישט

פּאַרענדיקט. דער קעניג איז טויט, ער איז געפאַלן אין דער שלאַכט ווי אַ גבור. איצט ציט דאָס פאָלק אַהיים, איטלעכער צו זײַן אָרט און לאַנד.

אחאב איז געווען אַ קלוגער און מעכטיקער הערשער, אָבער ער האָט אויך אָפט אויפגעשטורעמט דאָס געוויסן פון די עכטע נביאים מיט זײַנע סאָציאַלע עוולות און די מעשׂים תּעתּועים פון אַ פרעמדער קולטור, וואָס ער האָט געהאַט בײַ זיך אין לאַנד אײַנגעפירט. אָבער דאָס פאָלק האָט אים אַ סך מוחל געווען. זײַן מסירת נפש, זײַן העלדישן קאַמף און טראַגישן טויט האָט מען לאַנג אין ישׂראל נישט פאַרגעסן. די מלחמות, וואָס אחאב האָט זײַן לעבן־לאַנג געפירט זײַנען נישט געווען צו הייבן זײַן אָנזען אין דער וועלט, נאָר קודם כּל, כּדי צו פאַרטיידיקן דעם כּבוד און דאָס לעבן פון פאָלק. דאָס פאָלק האָט דאָס פאַרשטאַנען, און נאָך שפּעטערדיקע דורות האָבן געוווּסט ווי געהעריק אָפּצושאַצן זײַנע מעשׂים און גבורות.

איז מיכיהו בן ימלא געוואָרן רעהאַביליטירט נאָכן טויט פון אחאבן? האָט מען אים באַפרײַט פון געפענקעניש? און וואָס איז געווען דער סוף פון די פאַלשע נביאים מיט צדקיהו בן כּנענה בראש, וואָס האָבן אַזוי ביטער געחוזקט פון אים? אַ סך וואָלט זיך וועלן וויסן, אָבער וועגן דעם אַלעם שווײַגט צניעותדיק דער פּסוק. פאַר דעם עצם סיפּור המעשׂה איז דאָך דער פּערזענלעכער גורל פון דעם נביא אַלס מענטש, און אַפילו ווען ער רעדט אין נאָמען פון גאָט, לגמרי אומוויכטיק, אַ נעבנזאַכלעכער ענין. דער נביא האָט זײַן שליחות דערפילט, ער האָט געקעמפט אַ גערעכטן קאַמף פאַר גאָט און פאַר דער מאָראַלישער וועלט־אָרדענונג. זײַן נביאות איז געוואָרן אויף אַ טראַגישן אופן מקוים. אָבער זײַן פּערזענלעכער גורל אינטערעסירט ווײַטער נישט. וועגן דעם שווײַגט די געשיכטע.

(1954)

אליהו בײַם באַרג חורב

גאָר װײניקע זײַנען פאַרבליבן אַזױ פאַרהײליקט און אומשטאַרביק אין דעם זכּרון פון ייִדישן פאָלק, װי דװקא די ליכטיקע, גראַנדיאָזע געשטאַלט פון אליהו הנביא, דעם צעשטורעמטן קעמפער און שטרײַטער פאַר דער רײנקײט און עיקרדיקײט פון דער אמונה, און װאָס די פאָלק־פאַנטאַזיע האָט אַרומגעזױמט מיט אַ שלל האַרציקע און װוּנדערלעכע מעשׂיות און לעגענדעס. זיכער פאַרמאָגן מיר אין דער היסטאָרישער פיגור פון אליהון, אײנעם פון די באַטײַטיקסטע און סאַמע באַהױכטע ערשטע נביאים, אײדער עס זײַנען אױפגעשטאַנען די גרױסע געשריפטס־נביאים, אָנגעהױבן למשל פון אַן עמוסן און אױסלאָזנדיק מיט אַ ירמיהן, מיט זײער טיף־רעליגיעזן ברען און עטיש־סאָציאַלן פּאַטאָס. אָבער פאַר דעם כאַראַקטער פון אליהון און פאַר דער נבואה בכלל, איז פון אַ באַזונדער חשיבות דאָס אױפטרײס־לענדיקע קאַפּיטל י״ט אין מלכים א, װאָס שילדערט מיט אַ סך תּנכישער אײַנגעהאַלטנקײט דעם שװערן געמיט־צושטאַנד פון אַ נביא, זײַן גראַנגל און שטורמישע איבערלעבענישן, און אַ געפיל פון ייִאוש װאָס באַפאַלט אים אױף זײַן מײַקן װעג פון געטלעכער שליחות.

װי אַ מעכטיקער שטורעמװינט באַװײַזט זיך אליהו אין יענע װײַטע דורות פון מלכות ישׂראל בשעת אחאב דער זון פון עמרי האָט געקיניגט איבערן לאַנד (852—871 פּ.ד.ה.צ.). פּאָליטיש און עקאָנאָמיש איז דאָס געװען אַ גליקלעכע תּקופה אין לעבן פון דער מדינה, אַ צײַט פון אַ כּסדרדיקן עקאָנאָמישן אױפגײ, אַן אױפבױ פון מיסחר און מלאכה, פון אַ װאַקסנדיקער אורבאַניזאַציע און אַ טעריטאָריאַלער עקספּאַנסיע פון די גרענעצן פון לאַנד. שױן זײַן פאָטער עמרי, האָט געעפנט אַ נײַע, בלײַיקע עפּאָכע אינעם לעבן פון צפונדיקן מלכות ישׂראל, און אױסגעבױט דאָס פּרעכטיקע שומרון װי די הױפּטשטאָט פון לאַנד. װי אַמאָל שלמה המלך, האָט אױך עמרי אין זײַן צײַט געשלאָסן אַ בונד מיטן קעניג פון צור, אתבעל, דער ערשטער פון אַ נײַער מלכים־דינאַסטיע, װאָס אַדאַנק זײַן קלוגער און װײַטזיכטיקער פּאָליטיק האָט זיך צור שטאַרק צעװאַקסן עקאָנאָמיש, שאַפנדיק נײַע מיסחר־שטיצפּונקטן אין די קאָלאָניעס פון מעבר־

לים. ווי עס איז געווען דער שטייגער אין דער פּאָליטיק אין יענע דורות און אויך שפּעטער, האָט מען פאַרשטאַרקט די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע קאָאָפּעראַציע דערמיט, וואָס די קעניגלעכע משפּחות האָבן זיך מתחתן געווען מיט אַנאַנד. אַזוי האָט אויך אין דעם פּראָצעס פון אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישער דערנענטערונג פון מלכות ישראל און צור, אחאב, דער טראָן־יורש, חתונה געהאַט מיט איזבלן, דער טאָכטער פון צורס הערשער, אתבעל.

ווי געוויינטלעך, האָבן זיך אַדאַנק אָט די פּאָליטישע און משפּחה־דערנענטערונגען צווישן די ביידע לענדער, פאַרמערט אויך די רעליגיעזע און קולטורעלע השפּעות פון דער אַרומיקער, פרעמדער כּנענישער וועלט אויפן ייִדישן לעבן אין דער צפון־מדינה. קיין שום פאָלק, און ווי שטאַרק עס זאָל אַמאָל נישט זײַן אָפּגעשלאָסן אין זיך, לעבט נישט אין קיין גײַסטיקן חלל, נאָר ווערט כּסדר באַווירקט, סײַ צום גוטן און סײַ צום שלעכטן פון דער אַרומיקער סביבה. אַזוי איז דאָס אויך געווען אינעם דור פון אחאבן. די פּרינצעסין איזבל פון צור, די געקרוינטע פון מלכות ישראל, האָט מיטגעבראַכט פון איר היים אַ רײַכן קולטור־באַגאַזש מיט פּאַגאַנישע גלייבונגען און מינהגים, און געזאָרגט דערפאַר, אַז דער קולט פון בעל, דעם הויפּטגאָט פון צור, זאָל באַקומען אַן אחיזה אין איר נײַער היים. האָט דאָך דער אַנטיקער מענטש, ווי מיר ווייסן, געגלייבט, אַז אויב ער וואַנדערט אויס אין דער פרעמד, בלײַבט ער אָן אַ גאָט און אַ באַשיצער, מחמת יעדעס לאַנד האָט זיך זײַן אייגענעם גאָט. דעריבער האָט טאַקע איזבל גענומען פאַרפלאַנצן איר היימישן גאָט מיט זײַן קולט אויף דעם נײַעם באָדן. קעגן אָט דעם רעליגיעזן סינקרעטיזם האָט שוין פון תּמיד אָן געקעמפט דאָס ייִדנטום, וואָס האָט מיט שטאָלץ פּראָקלאַמירט אַ טראַנסצענדענטאַלן און אוניווערסאַלן גאָט פון ישראל, וואָס פירט אָן באַגלײַך מיטן גורל פון דער גאַנצער וועלט. דער בעל אָבער איז נאָר געווען דער לאָקאַלער גאָט, דער געטלעכער האַר, (באַטײַט דאָך דאָס וואָרט בעל אין די סעמיטישע לשונות: האַר און געביטער) פון די באַוווינער פון כּנען. ער איז געווען דער גאָט פון וועגעטאַציע, פונעם פּויער און זײַן סאָכע. צו אים האָט דאָס פאָלק געדינט און אַרויסגעקוקט אויף זײַן גנאָד, אַז ער זאָל בענטשן דאָס לאַנד מיט אַלדאָס גוטס. אינעם כּנענישן געטער־פּאַנטעאָן פאַרנעמט אויך אָן אָנגעזען אָרט בעלס ווײַב, די געטין אֲשֵׁרָה, אָדער עשתורת, אַנאַלאָג צו דער געטין אישתּר פון בבל. האָבן מיר אין תּנ״ך אַ שאַרפן אָפּקלאַנג פון דעם ביטערן און עקשנותדיקן קאַמף פון די נביאים קעגן אָט די אַלע מינים פון געצנדינערישקייט, וואָס איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט בײַם פאָלק. פאַר די

נביאים איז דאָס געווען אַן אַקט פון אומטרײַשאַפט, פון זנות און אָפּקער לגבי דעם איינציקן און אמתדיקן גאָט פון די אָבות, וואָס דאָס פֿאָלק האָט מוטוויליק פֿאַרלאָזט און זיך באַהעפט מיט פרעמדע, פֿאַלשע אָפּגעטער.

אין איר קולטישער פּאָליטיק, האָט זיך די קעניגין איזבל פֿאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט. איז זי דאָך געווען אַ שטאַרקע, הערשערישע נאַטור און זיך פֿאַר גאָרנישט געשראָקן. זי האָט געלאָזט בויען מזבחות פֿאַרן בעל און טעמפּלען ווו אים צו דינען. זי האָט אַפילו אַראָפּגעבראַכט אַ גאַנץ געזעמל פון בעל־כּהנים פון צור וואָס דער קעניגלעכער הויף האָט אויסגעהאַלטן. האָט אָט דער קולט פון בעל מיט זײַן פּאַראַד און גלאַנץ צוגעצויגן דאָס האַרץ פון פֿאָלק און געוואָרן אַ שטרויכלונג פֿאַר אים. בעיקר האָבן די אייבערשטע שיכטן פון פֿאָלק, די הויפלײַט און שׂרים, די לאַנד־באַזיצערס און רײַכע סוחרים, געגומען שווימען מיטן שטראָם און מיטמאַכן די מאָדע. עס איז געווען אַ בולטע אַסימילאַציע־טענדענץ, פון וועלן זיך צופּאַסן צו דעם פרעמדן שטייגער לעבן מיט זײַנע אויסטערלישע מינהגים און וועלט־באַנעם, וואָס איז געווען להלוטין פרעמד דער אמונה פון די אָבות. אָט דעם רעליגיעזן סינקרעטיזם פון כּנען מיט זײַן פּיל־מינימדיקער געצנדי־נערישקייט האָבן די גאָט־געטרײַע נביאים באַקעמפט מיטן גאַנצן ברען פון זייער צעגליט האַרץ. לאָמיר אָבער אויך נישט פֿאַרגעסן, אַז די אַלטע, פּאַטריאַרכאַלישע מסורה מיט איר אייגנדיקייט און קוואַליקער גלייביקייט, האָט געהאַט טיפע וואָרצלען אינעם לעבן פון די ברייטע מאַסן פון פֿאָלק און זיך נישט אַזוי לײַכט אונטערגעגעבן די השפעות פון דרויסן. אַפילו אחאב גופא, ווײַזט אויס, האָט נישט געהאַט לגמרי אָפּגעקערט זײַן האַרץ פון זײַן גאָט, און מיר הערן אויך פון געוויסע הויפלײַט, אַ שטייגער דער שׂר עובדיה, וואָס זײַנען געבליבן געטרײַ דער אמונה פון די אָבות, זיך אָנגענומען פֿאַר די נביאים און זיי אויסבאַהאַלטן פֿאַרן צאָרן פון איזבלן, וואָס האָט זיי אכזריותדיק גערודפט.

אין אָט דער גורלדיקער צײַט פון רעליגיעזן פּלאָנטער און גײַסטיקער צעטומלעניש, פון אָפּגעפרעמדקייט און פֿאַרלוירנקייט, באַווײַזט זיך ווי אין אַ שטורעם די דערהויבענע און ליכטיקע געשטאַלט פון אליהון. ווי אין אַ סך ענלעכע פֿאַלן, לאָזט אונדז דער פּסוק גאָרנישט הערן וועגן זײַן פּערזענלעכן לעבן, ווי דאָס גייט כּלל קיינעמען נישט אָן. מיר הערן נאָר, אַז געשטאַמט האָט ער פון אָרט תּשבה (אליהו התשבי), וואָס געפינט זיך אין גלעד. זײַן אויסזען און הילוך איז געווען אויסטערליש און פּלאַדיק, די פּערסאָניפיקאַציע פון אַ מידבר־מענטש, וואָס לעבט אויפן ראַנד פון עם

קולטור־לאַנד. אַזעלכע משונהדיק־ווילדע ברואים האָט מסתמא קיין מאָל נישט געפעלט. דער חילוק איז נאָר, וואָס בײַ זיי איז דער טראָפּ געלעגן נישט אויפן חיצוניות נאָר דווקא אויפן פנימיות. האָבן מיר וועגן דעם אויסזען פון אליהון אַ כאַראַקטעריסטישע שילדערונג אין מל״ב, א. א. זאָגט וועגן אים דער פסוק, אַז ער איז געווען אַ האָריקער מענטש, מסתמא ווײַל ער האָט געטראָגן אַ האָריקן מאַנטל פון שעפּסענע פעל, און געווען אָנגעגורט מיט אַ פעלענעם גאַרטל אויף זײַנע לענדן. געטריבן פון אַ טיפער אומרו, איז ער געווען אַ נע־ונדניק, געוואַנדערט פון איין אָרט צום אַנדערן. באַוויזן האָט ער זיך ווי אַ בליץ פון הימל, און אַן אָנגעכמורעטער, אַן אויפגעברויזטער האָט ער מיט זײַנע שאַרפע, שטעכיקע רייד נישט נושא־פנים געווען קיינעמען. מיט אַ נביאישן ברען האָט ער געשטראָפט די רעליגיעזע פאַרדאַרבונג פון פאָלק און זײַנע סאָציאַלע עוולות, און באַלד ווידער פאַרשוווּנדן ערגעץ ווו אין דער טונקלקייט פון די טעגלעכע געשע־עניש. פאַראַן היסטאָריקער וואָס זײַנען נוטה צו דער דעה, אַז אליהו האָט זיך אָנגעקערט צו דעם שטאַם פון די בני־ריכב אָדער די בני־קיני, וואָס זײַנען געווען געטרײַ דער אַלטער, פּאַטריאַרכאַלישער מסורה, זיך אָפּגעזאָגט פון צו באַזעצן מיט קביעות אויפן באָדן, און דערפאַר אַרומגעוואַנדערט מיט זייער פי און בהמות און געפירט אַ לעבן פון נאָמאַדן. ווי אַלע נביאים, איז אויך אליהו געווען אַן אימפּולסיווע, אימפּעטיקע נאַטור. מיט אַ האַרץ פול אומרו און יסורים טראָגט ער אויף זיך דעם שווערן, אחריותדיקן עול פון זײַן געטלעכער שליחות. ווי אַ פעלדז אין מיטן פון צעשטורעמטן ים, שטייט זײַן מאָנאָליטישע געשטאַלט, אומפּשרהדיק און אימהדיק־אומדער־שראָקן. פאַר זײַנע אויגן זעט ער נאָר איין ציל: די ריינקייט און עיקר־דיקייט פון דער ייִדישער אמונה, וואָס דערלאָזט נישט קיין געטלעכע שותּפים איבערן גורל פון באַשאַף. איבער דער וועלט הערשט נאָר דער איינאיינציקער גאָט, דער באַשאַפער פון הימל און ערד, וואָס איז דער גאָט פון פאָלק ישראל. די עבודה זרה פון בעל איז אָפּפאַל, אַ פאַרפירעניש און אַ פאַרבלענדעניש פון די אויגן, וואָס פירט אַראָפּ דאָס פאָלק פון דרך־הישר. פונקט אַזוי ווי איינער פון די גרויסע נביאים, שטייט אליהו נישט בלויז אין אַ שווערן קאָנפליקט מיט די אָפּגעטער פון דער פרעמד, נאָר ער פירט מיט אַ מוראדיקער עקשנות אַ קאַמף קעגן סאָציאַלע עוולות, אומיושר און רציחות פון וואָס פאַר אַ זײַט זיי זאָלן נישט קומען. ער פאַרשוינט קיינעמען נישט. ווי אַ שטייגער שפּעטער אַ ירמיה, איז אויך אליהו אַ מין „איש ריב ומדון", אַ מענטש פון שטרײַט און קריגערײַ. זײַן

צעשטורעמט און וואַכיק געמיט צווינגט אים צו מעשׂים, וואָס ווערן מיט דער צײַט מסופּנדיק פאַר זײַן אייגן לעבן.

גוט באַקאַנט איז דאָך אליהוס ביטערער קאַמף קעגן בעל אויפן באַרג כּרמל, וואָס עס דערציילט אונדז מיט אַזוי פיל דראַמאַטישער געשפּאַנטקייט דאָס קאַפּיטל י״ח אין מלכים א. מיט נביאישער אומפּשרה־דיקייט רופט ער צו דעם פאַרזאַמלטן פאָלק צו ווילן צווישן אמת און שקר, צווישן גוט און שלעכט. עס איז דער אייביקער אַרויספאָדער פון מענטש, אין זײַן מיטלמעסיקייט, קליינגלייביקייט און פּחדנישער שיפלות, צו זײַן בכּוח צו דעצידירן, צו וויסן אויף וואָס פאַר אַ וועג ער דאַרף סוף־כּל־סוף גיין. מיט אַ לײַכטער איראָניע חוזקט ער אָפּ פון דעם גאָט בעל, צו וועם דאָס פאָלק דינט און וואָס קען אָבער גאָרנישט אויספירן. אָט זעט, ער, דער בעל, דער גאָט פון ווענעטאַציע און פּרוכפּערדיקייט איז נישט בכּוח אַראָפּצוברענגען אין אַ צײַט פון טרוקעניש, דעם נייטיקן רעגן, וואָס זאָל אָנזעטיקן די ערד מיט וואַסער און מאַכן זי פּרוכפּערדיק. ווי לאַנג נאָך, שרײַט אויס אליהו מיט רוגז, „וועט איר אַרומהיפּערן אויף צוויי צווײַגן", נישט אַהין און נישט אַהער. זאָל שוין איין מאָל פאַר אַלע מאָל זײַן אַ סוף צו דער מיאוסער אומגעוויסיקייט און וואַקלעניש. ממה־נפשך, איז בעל דער גאָט, זאָל מען זיך צו אים בוקן, איז אָבער גאָט צבאות דער אמתער, רעכטפאַרטיקער גאָט, טאָ זאָל מען נאָר אים דינען! ביידע געטער טאָרן נישט און קענען נישט שטיין בײַנאַנאַנד. פאַר אַ רעליגיעזן סינקרעטיזם איז נישטאָ קיין פּלאַץ אין ייִדישן לעבן. אין דער רעליגיעזער קאָנצעפּציע פון ייִדן איז נישט פאַראַן קיין געטער־פּאַנטעאָן, ווו עס לעבן געטער און געטינס, מיט אַלע מעלות און חסרונות פון מענטשן. צום סוף האָלט טאַקע אָפּ אליהו זײַן דערוואַרטן נצחון. עס ווערט פאַר אַלעמען קלאָר, אַז בעל איז נישט קיין גאָט, און דאָס פאָלק רופט אויס מיט איין שטים, אַז נאָר דער גאָט צבאות איז דער אמתער, איינאיינציקער גאָט, — אַ פלאַמיקע דעקלאַראַציע פון אַ מוטיקן און פעסטן גלויבן. אויפן באַרג כּרמל האָט דער בעל־קולט געליטן אַ שווערע מפּלה. מען האָט צעשטערט זײַנע מזבחות און אויסגעהרגעט די פאַלשע נביאים און די פאַרפירערישע כּהנים פון בעל.

ווידער אַ מאָל דערזעען מיר אליהון אין זײַן גאַנצער מענטשלעכער הייליקייט און עטישער גרויסקייט. עס איז דער דראַמאַטישער סיפּור־המעשׂה (קאַפּ. כ״א) פון נבותן אין יזרעאל און זײַן ווײַנגאָרטן. נבות, אַן אַלטאײַנגעזעסענער פּויער פון יזרעאל, האָט געהאַט אַ ווײַנגאָרטן, אַ נחלה

פון זײַנע עלטערן, אין שכנות פון קעניגלעכן פּאַלאַץ אין שומרון. באַגערט אחאב, דער מלך פון ישׂראל, דעם װײַנגאָרטן פאַר זיך, אָבער נבות, אַ פרײַער בירגער פון זײַן פאָלק, װיל נישט נאָכגעבן דעם װילן פון קעניג. פאַלט די מלכּה איזבל אויף אַ המצאה. מיט קאַלטער באַרעכענונג האָט זי אונטערגעקויפט אַ געזעמל פון אויסװאָרפן, װאָס נעמען זיך עדות זאָגן, אַז נבות האָט געלעסטערט גאָט און דעם קעניג. װי אַ בוגד אין גאָט און אין זײַן קעניג, װערט נבות פאַרמשפּט צום טויט און אַזױ אַרום גייט זײַן נחלה אַריבער אינעם רשות פון קעניג. אַזוי איז געװען דער דין נישט בלויז אין דעם װײַטן אַמאָל נאָר אַפילו אויך אין די שפּעטערדיקע צײַטן. דער מאָנאַרך איז דער אַבסאָלוטער הערשער פון לאַנד, אַלצדינג געהער אים. אַזוי גיך װי אליהו דערװיסט זיך פון דעם הפקרדיקן יוסטיץ־מאָרד, באַװײַזט ער זיך, אַן אויפגעברויזטער, מיט אַ האַרץ פול ביטערער אימה און צער פאַר אחאבן. אליהו איז דאָס געװיסן פון פאָלק. אין נאָמען פון יושר און צדק קלאָגט ער אָן דעם קעניג און זײַן דעספּאָטישן רעזשים. ער שטייט פאַר אים אומדערשראָקן, מיט פלאַמיקע אויגן און װאַרפט אים אין פּנים אַרײַן דעם קלאַסישן אויסגעשריי „הרצחת וגם ירשת?‟ האָסט גערצחנט אַ מענטש און װילסט אים נאָך ירשענען! עס זײַנען האַרטע, אויפטרייסלענדיקע װערטער, װאָס זייער אייביקער קלאַנג הילכט נאָך אָפּ עד היום אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דער מערדער װערט דער יורש! עס איז אַ פאַרכאַפּנדיק בילד װאָס דער תּנכישער דערציילער מאָלט אונדז, װי תּמיד מיט צניעות און תּמימותדיקער אײַנגעהאַלטנקייט.

מיטן גאַנצן כּוח פון זײַן מאָראַלישער פּערזענלעכקייט און נביאישן פּאַטאָס, האָט זיך אליהו אַרײַנגעװאָרפן אין דעם שװערן קאַמף קעגן דעם קעניגלעכן הויף מיט זײַנע שׂרים און דינער, װאָס זײַנען געװאָרן אָפּטריניק פון גאָט פון די אָבות, דינען פרעמדע געטער און טרעטן מיט די פיס דאָס הייליקע רעכט פון מענטש, פונעם יחיד אין דער געזעלשאַפט. עס איז דער געראַנגל פון אַ נביא װאָס װייסט נישט פון קיין שום פּשרות, און קעמפט אומדערשראָקן קעגן דער פאַרפירערישקייט און פאַרבלענדעניש פון פאָלק, װאָס איז פאַרזונקען אין אַ מגושמדיקער קולטור פון ערדישקייט און היצור־ניות. אָבער אויך די כּוחות פון אַזאַ גײַסטיקן ריז װי אליהו, האָבן זייערע גרענעצן. בײַם סוף פון זײַנע טעג דערפילט ער זיך פאַרלאָזט, פאַראומערט מיט אַ פאַרקלעמטע האַרץ. איז דאָס די אייביקע גורלדיקייט פון גרויסע מענטשן, װאָס האַלטן תּמיד אַ געגויעם חשבון מיט זיך, מיט זייערע מעשׂים און דערגרייכונגען? ער פילט װי זײַן קװאַליקער חזיון איז פאַרשטאָפּט,

אַז אָפּגעטאָן האָט זיך פון אים דער געטלעכער גײַסט, און ער איז נישט מער בכוח אָנצוגיין מיט זײַן שווערן קאַמף. איז ער געשטרויכלט געוואָרן? אַוודאי האָט דער בעל־קולט געליטן אַ מפּלה, זײַנע מזבחות זײַנען געוואָרן צעשטערט און אַ טייל פון די פאַלשע נביאים פאַרטיליקט. אָבער עס האָלט נאָך ווײַט פון אַ פולשטענדיקן נצחון וואָס זאָל פירן צו גײַסטיקער שלמות. דאָס האַרץ פון פאָלק איז ווײַטער פאַרשטאָקט, פויל און אינערט. די כוחות פון טומאה און פאַרבלענדעניש זײַנען נאָך גרויס און איזבל טראַכט נאָך זײַן לעבן. אָן אָפּהענטיקייט באַפאַלט אליהון, זײַנע כוחות פאַרלאָזן אים, ער ווערט אָפּגעשוואַכט און אַ געפיל פון אומזיכערקייט באַהערשט אים. עס איז אַ קריזיס אינעם לעבן פון נביא. ספקות און יסורים פּײַניקן אים, און ווער ווייסט, צי ער וועט קענען בײַשטיין דעם נסיון און אַרויס פון דעם מן המצר.

עס איז בלי ספק געווען אַ שווערער, ביטערער חשבון־הנפש פון אַ גרויסן, געלײַטערטן ייִד, וואָס רופט אַרויס אין אים אַ שטימונג פון פאַר־צאַגטקייט און אַנגסטן. די געשפּאַנטקייט וואַקסט און דער נשמה־קלעם ווערט אַלץ טיפער און בולטער. זאָל ער גאָר אַנטלויפן פון זיך און פון זײַן שליחות? ער שטייט ממש בײַ דער גרענעץ פון זײַן גײַסטיק יכולת. ער קען שוין נישט מער אַזוי אָנגיין. אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער און אַ הילפלאָזער באַגערט ער דעם טויט. איידער אַזאַ לעבן פון אַן אייביקן נע־ונדניק, אַ גערודפטן פון אַלע זײַטן, זאָל אים שוין בעסער גאָט צונעמען צו זיך. און אפשר זאָל ער גאָר אַוועקגיין אין דער ווײַטער מידבר, און אין איר אַליינקייט זוכן די התקרבות פון גאָט, פאַר אים אויסגיסן זײַן צעווייטאָגט האַרץ, כדי צו געפינען בײַם באַשאַפער פון דער וועלט טרייסט און אויפריכטעניש אין זײַן עלנט און נויט? ער ווייסט, אַז ער טאָר נישט אַוועקשטעלן אַלץ אויפן שפּיץ מעסער, און אַזוי באַשליסט ער אין זײַן צעריסנקייט און סתירהדיקייט זיך אַוועקצולאָזן אין מידבר, — אַ באַשלוס, וואָס ער פירט אויס מיט די לעצטע כוחות פון זײַן צעשטורעמט און פאַריסורימט האַרץ.

הערן מיר טאַקע אין קאַפּיטל י״ט פון מלכים א (אגב, נישט כראָנאָ־לאָגיש לויט דעם פאַרלויף פון די געשעענישן) וועגן דער אייגנדיקער, גרויסער, נביאישער איבערלעבונג פון אליהון בײַם באַרג חורב. דאָס קאַפּיטל הייבט זיך אָן מיט אָט די ווערטער: „און אחאב האָט דערציילט אַלץ איזבלן וואָס אליהו האָט געטאָן, און אַלצדינג ווי אַזוי ער האָט אויסגעהרגעט אַלע

נביאים מיטן שווערד. האָט איזבל געשיקט אַ שליח צו אליהו אַזוי צו זאָגן: „זאָלן די געטער טאָן אַזוי און נאָך מער, אויב איך וועל מאָרגן אין דער צײַט נישט מאַכן דײַן לעבן אַזוי ווי דאָס פון איינעם פון זיי״. עס איז געווען אַ בייזער אָנזאָג, אַ שבועה פון אַ ביטערער נקמה פון דער דעספּאָטישער איזבל, צו דעם נביא און געטלעכן שטרײַטער. זעט זיך אויס, אַז אליהו האָט זיך נאָך בשעת־מעשׂה געפונען אין דער נאָענט פון שומרון, ווו איזבלס שליח האָט אים געקענט טרעפן און איבערגעבן דעם אָנזאָג פון דער קעניגין. איר נקמה־דאָרשט איז באַגלייט פון אַ שבועה אין נאָמען פון אירע געטער, אַ שטייגער ווי מיר זאָגן הײַנט, „אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן״. אין דער אַלטער צײַט האָט מען געגלייבט, אַז אויב מען שווערט אין נאָמען פון גאָט אָדער די געטער, האָט די שבועה אַ באַזונדערן האַפט. געטער וואָס הערן זיך צו צו דער שבועה, זײַנען אַפּנים מסכּים דערצו און וועלן בלי ספק העלפן זי אויסצופירן. אויף זיי קען מען זיך שוין סומך זײַן, אַז איזבל וועט מקיים־פּסק זיין אליהון. אינטערעסאַנט איז, אַגב, די ווערסיע פון דער סעפּטואַגינטאַ (דער גריכישער איבער־זעצונג פון תנ״ך). איזבלס ווערטער זײַנען לאַפּידאַריש־קורץ און שאַרף. זי לאָזט אים זאָגן: „ביסטו אליהו, אַזוי בין איך איזבל״, איך וועל מיר שוין מײַן שטעטל באַשטיין. עס איז אַ ביטערער, מסוכּנדיקער אַרויספאָדער פון דער דעספּאָטישער קעניגין. ווייסט שוין אליהו מיט וואָס דאָס שמעקט. איר אָרעם איז לאַנג און שטאַרק, און איר נקמה אין אים וועט זײַן אַ בלוטיקע. מאַכט ער נישט קיין שהיות, נאָר ער נעמט און אַנטלויפט. דער וועג פירט אים, ווי מיר הערן פון פּסוק, פון צפון קיין דרום, איבער די גרענעצן פון מלכות יהודה, ביז ער קומט אָן קיין באר שבע.

שטייען מיר דאָ פאַר אַ גוואַלדיקן, אויפגערודערטן דראַמאַטישן ספּעקטאַקל פון אַ נביאישן חזיון אין דער מאַיעסטעטישער התגלות פון גאָט. אין אָנהייב פון ערשטן אַקט זעען מיר אליהון אין דער מידבר, צו דרום פון באר שבע, דאָרט ווו עס פירט דער טראַקט פון ארץ־ישׂראל קיין מצרים. דער גרויסער אמת־זוכער איז איצט אַליין אין זײַן גורלדיקער מערכה. זײַן משרת, וואָס האָט אים באַגלייט דעם גאַנצן וועג, לאָזט ער איבער אויפן ראַנד פון קולטור־לאַנד. פאַר אליהון וועט דאָס זײַן פון איצט אָן אַ שווערער, מיִיקער וועג, ווו דער מענטש וועט זײַן מיט זיך אַליין. פאַר זײַנע מידע אויגן שפּרייט זיך אויס די ווײַטקייט פון מידבר. געטריבן פון כּעס און אומרו, גייט ער אין דער היץ פון טאָג איבער דער מידבר אָן אָפּרו. זײַן קעל איז פאַרטרוקנט, זײַן האַרץ פאַרחלשט און די אויגן זוכן

באַגעריק אַ קוואַל־וואַסער, ווו זיך צו דערפרישן. אָבער די לײדיקייט פון דער מידבר ציט זיך וואָס אַ מאָל ווײַטער און טיפער. אליהו גייט שוין מיט די לעצטע כּוחות, קוים וואָס די פיס טראָגן אים נאָך. אַן אויסגעשעפּטער און אַ פאַרמאַטערטער פאַלט ער אַנידער נאָך אַ לאַנגן טאָג־מאַרש אונטער אַ בעזעמביימל, וואָס גיט אים שאָטן און קילקייט אין דער היץ פון מידבר. זײַן האַרץ איז פאַרקלעמט. וועט ער קענען בײַשטיין דעם שווערן נסיון? ער ווייסט, אַז זיינע כּוחות סטײַען אים נישט מער צו שווימען קעגן דעם שטראָם. אַ פאַרביטערטער און אַ פאַרצווייפלטער רופט ער אויס פון דער טיפעניש פון האַרץ צו גאָט: „קח את נפשי“ (י״ט, ד). גענוג. נעם, אָ גאָט, צו מײַן אָרעם לעבן, בין איך דאָך נישט בעסער פאַר מײַנע עלטערן! צו וואָס זיך נאָך לענגער מוטשען אויף אָט דער זינדיקער, פאַלשער וועלט! דער טויט וועט זײַן אַן אמתער באַפרײַער פאַר אים אין זײַן אוממענטשלעכן צער און יסורים. זײַן ייִאוש האָט גאָר קיין גרענעץ נישט. וויל ער ליבערשט שטאַרבן. אַ טויט־מידער פאַלט ער אַנידער אונטער דעם בעזעמביימל און וויל אײַנשלאָפן. אפשר שוין טאָקע דעם אייביקן, אויסלייזערישן שלאָף. צוביסלעך פאַלט די נאַכט צו. באַלד וועט זי אַרומנעמען מיט איר פינצטערקייט די ווײַטע מידבר און אים אײַנהילן אין איר סודותדיקער שטילקייט. און אפשר איז דאָס שוין גאָר די לעצטע נאַכט פון זײַן צעפּײַניקט לעבן, און ער דרעמלט שוין זײַן לאַנגן, אייביקן שלאָף? מסתּמא אַזוי טראַכטנדיק, איז אליהו אַרײַנגעפאַלן אין אַ טיפן, שווערן שלאָף, און פּלוצעם שפּירט ער ווי עמעצער וועקט אים. ער עפנט צוביסלעך זײַנע מידע, האַלב־פאַרשלאָפענע אויגן, און זעט נעבן זיך שטיין אַ מלאך, און פון צוקאָפּנס איז פאַר אים אָנגעגרייט שפּײַז און געטראַנק. וויל אונדז דער פּסוק לאָזן הערן, אַז נאָר אין דער פינצטערקייט פון דער נאַכט אַנטפּלעקן זיך מלאכים צום מענטש. דאָס פאָלק גלייבט אין זײַן תּמימות, אַז דעמאָלט איז אַ שעת־הכּושר, ווען עס באַווײַזן זיך צום מענטש גוטע מלאכים אָבער אויך בייזע רוחות און מחבלים, וואָס קענען מזיק זײַן. אַז אליהו דערזעט די מראה, בלײַבט ער קאַלט. ער קוקט זיך אַפילו נישט אום. זײַנע אויגן־לעפלעך זײַנען שווער און זײַן האַרץ טיף פאַראומערט. ער וויל נישט צוריק אָנהייבן לעבן, האָפן און קעמפן. דאָס רעאַלע לעבן שטויסט אים אָפּ. עס וועקט אין אים אַ געפיל פון אַנטוישונג און צערונענע האָפענונגען. צו וואָס דאַרף ער דאָס? וויל ער ליבערשט לעבן מיט די שאָטענעס פון דער נאַכט, חלומען אַ זיסן חלום פון אַן אייביקן שלאָף. וואָס קען נאָך זײַן זיסער ווי דער שווערער, האַרטער שלאָף, פון וואָס מען

שטייט שוין נישט מער אויף? אָבער דער מלאך טרעט נישט אָפּ. ער וועקט אים אַ צווייט מאָל. ער מינטערט אים און בעט זיך: שטיי אויף און עס, ווײַל דו האָסט נאָך פאַר דיר אַ לאַנגן וועג. עס איז נאָך נישט געקומען די צײַט פאַר אליהון אָוועקצוגיין פון דער וועלט, ער מוז נאָך עפּעס מתקן זײַן. נעמט אליהו פון דער אָנגעגרייטער שפּײַז, עסט און טרינקט, מיינט דאָס פאָלק אין זײַן תּמימות, אַז דאָס איז נישט געווען קיין פּשוטע, מענטשלעכע שפּײַז, נאָר אַן אָראָפּגעשיקטע פון הימל, וואָס פאַרמאָגט פאַרהוילענע, מיסטישע כּוחות, אַ מין לעבנס-עליקסיר, וואָס איז אַ רפואה סײַ פאַרן גוף און סײַ פאַר דער נשמה. והא ראיה, אַזוי באַלד ווי אליהו האָט נאָר געגעסן און געטרונקען, האָבן זיך זײַנע מאַטע, אויסגעשעפּטע כּוחות באַנײַט, און אַ דערפרישטער קען ער זיך ווידער לאָזן אין וועג אַרײַן. לאָזט אונדז טאַקע דער פּסוק הערן, אַז מיטן כּוח פון דער אכילה האָט אליהו געוואַנדערט גאַנצע פערציק טעג און נעכט דורך דער מידבר, ביז ער איז אָנגעקומען צום הייליקן באַרג חורב. עס איז טאַקע געווען דער כּוח פון אָט דער געהיימער שפּײַז, וואָס קלעקט אים פאַר אָט דעם לאַנגן און שווערן מידבר-וועג. האָבן מיר, אגב, דאָ צו טאָן מיט אַ ווײַט-פאַרשפּרייטן פאָלקלאָר-מאָטיוו פון „אַ שפּע וואָס לאָזט זיך נישט אויס". אַזוי אַ שטייגער אין מלכים א, י״ז, ט״ו, ווו דאָס מעל און אייל האָבן נישט קיין סוף, אָדער אין דער פּאָפּולערער פאָלק-מעשׂה, די תּבואה אויפן גאָרן צי די רענדלעך אין טאַש פונעם פרומען, גאָט-פאַרכטיקן העלד.

ווי מיר ווייסן, איז דער באַרג חורב, וואָס הייסט אויך דער באַרג סיני, געווען פון קדמונים אַ פאַרהייליקט מקום בײַם ייִדישן פאָלק. דאָרט האָט זיך גאָט באַוויזן צו משהן (שמות, ג׳, א—ה) און דאָרט האָט ער שפּעטער געגעבן די תּורה צו די ייִדן. צו אָט דעם אָרט, וואָס אַ דורות-אַלטע מסורה האָט אַרומגעוועבט מיט געטלעכער התגלות, איז איצט אָנגעקומען אליהו. דאָרט וויל זיך אליהו מתייחד זײַן מיט זײַן גאָט, זוכן זײַן נאָענטשאַפט און שעפּן פון זײַן אייביקן קוואַל פרישע התעוררות. פאַלט אויף דער פּאַראַלעל, וואָס עס ציט דער סיפּור-המעשׂה צווישן אליהון און משהן. אויב משה איז געווען אויפן הייליקן באַרג פערציק טעג, אַזוי האָט אויך אליהו געוואַנדערט דורך דער מידבר גאַנצע פערציק טעג, גאָרנישט געגעסן און געטרונקען. צו ביידע האָט זיך גאָט אַנטפּלעקט אין זײַן גאַנצער מאַיעסטעט אין דער מידבר, אויפן הייליקן באַרג סיני. האָט אַפּנים די ייִדישע מסורה געזען אין אליהון אַ מין צווייטן משה. קומט טאַקע פאַר אויף אָט דעם פון דורות-פאַרהייליקטן באָדן, די גראַנדיאָזע טעאָפאַניע

צו אליהון, אַ זעלטן, עקסטאַטיש איבערלעבעניש אינעם חזיון פון באַהויכטע מענטשן.

און אַט שטייען מיר אין צווייטן אַקט פון דער אויפטרייסלענדיקער דראַמע, אין דער געשיכטע פון געטלעכער שליחות פון מענטש. דער אַקט פון איבערנעמען די שליחות איז נישט תמיד דער גלײַכער. ער מאַני־פעסטירט זיך אָפט אויף פאַרשיידענע אופנים, לויט דער נאַטור פון דעם אויסדערוויילטן, זײַן סענסיטיווקייט און זײַן גײַסטיקן פאַרמעג. אָפט איז דער פּראָצעס אַן אַנדערער, הגם דער מהות פון דער געטלעכער שליחות און איר תּוכן זײַנען תּמיד די זעלביקע. אָנגעקומען נאָך זײַן לאַנגן, מײַקן מידבר־מאַרש צו „גאָטס באַרג חורב", איבערנעכטיקט אליהו אין אַ הייל פון באַרג, און אין מיטן פון דער נאַכט אַנטפּלעקט זיך גאָט צו אים. האָבן מיר, אגב, דאָ ווידער אַ מאָל אַן אַנצוהערעניש אויף דעם גרויסן מנהיג פון פאָלק משה רבנו וואָס די לעגענדע אידענטיפיצירט איצט מיט אליהון. גאָט באַווײַזט זיך צו משהן אין אָנהייב אין אַ ברענענדיקן דאָרן (שמות, ג, ב), דערנאָך בײַ מתּן־תּורה, ווען דער באַרג סיני איז געווען אײַנגעהילט אין אַ פלאַמיקן רויך, ווי דער רויך פון אַ קאַלך־אויוון (שמות, י"ט, י"ב), און שפּעטער ווען משה שטייט אין „שפּאַלט פון פעלדז" (שמות ל"ג, כ"ב) און די פּראַכט פון גאָט גייט פאַרבײַ פאַר אים. אַזוי האָט זיך גאָט ווידער אַ מאָל באַוויזן אין אַ צײַט פון גײַסטיקער נויט צו איינעם פון די יחידי־סגולה, צו דעם ליכטיקן אליהו, בעת יענער האָט זיך געפונען אין פעלדז. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט דערהערט דער נביא אַ שטים, וואָס וועקט און רופט פאַרחידושט: „אליהו וואָס טוסטו דאָ ?" פאַר דעם אַנטיקן מענטש איז דאָס די קאָנפראָנטאַציע מיט גאָט, וואָס נעמט זיך פונאַנדערוויקלען פאַר זײַנע אויגן. אָבער איידער עס אַנטפּלעקט זיך די געטלעכע מאַיעסטעט צום נביא אין זײַן עקסטאַטישער וויזיע, הערן מיר פון אַ ריי גראַנדיאָזע, מעכטיקע און אימהדיקע נאַטור־פענאָמענען, וואָס גרייטן אָפּנים צו דאָס אָנקומען פון גאָט אין זײַן גאַנצער הערלעכקייט און גלאָריע. עס זײַנען שטאַרקע איבערלעבענישן פון מענטש אין דער צעשטורעמטער נאַטור. איבערלעבן מיר נאָך הײַנט דעם פאַרבאָרגענעם ציטער פון דעם אַנטיקן מענטש, ווען עס רעדט זיך וועגן אויסטערלישע נאַטור־דערשײַנונגען. הערן מיר, ווי עס קומט פּלוצעם אָן אַ שווערער שטורעם, דערנאָך ווערט די ערד תּהומותדיק געטרייסלט פון אַן ערד־ציטערניש, באַגלייט פון אַ פלאַקער־פײַער, וואָס פאַרלענדט אַלץ אַרום. מאַכט דער דערציילער אַ סובטעלע באַוואָרעניש, אַז דאָס איז נישט גאָט,

אַז ער איז נישט אידענטיש מיט דעם עלעמענטאַרן אויסבראָך פון די נאַטור־כּוחות. זיי זײַנען בלויז גאָט כּביכולס שליחים, וואָס גייען פאָרויס דער געטלעכער מאַיעסטעט איידער זי אַנטפּלעקט זיך צו דעם מענטש. גאָט גופא איז דערהויבן, שטייט איבער דער נאַטור, ער איז טראַנסצענ־דענטאַל און אין־סופיק. באַווײַזט ער זיך צו אליהון, איז דאָס נישט אין תּהומותדיקן שטורעם, וואָס רײַסט בערג און ברעכט פעלדזן, נישט אין דער אימהדיקער ערד־ציטערניש אָדער אין דעם פלאַם־פײַער וואָס רײַסט זיך פון די ערד־טיפענישן. אין דעם אַלעם איז גאָט נישט געווען. ערשט דער־נאָך הערט זיך אַ שטיל קול, אַ „קול דממה דקה", אַ קול פון דינער, צאַרטער שטילקייט, כּמעט אַ געשעפּטשע, וואָס נאָר דאָס דעליקאַטע, פֿײַנע אויער פון דעם גײַסט־מענטש קען פאַרנעמען. קענען מיר טאַקע דערפון אָפּלער־נען, אַז דער געטלעכער אמת אַנטפּלעקט זיך נישט אין דעם דרויסנדיקן שטורעם, נישט אין דעם טומלדיקן אויפברויז פון דער גאַס, נאָר אין דער אייביקער בראשית־שטילקייט פונעם יחיד, פון דער דערהויבענער, שאַפע־רישער פערזענלעכקייט פון מענטש. ווען אליהו דערהערט אָט דאָס צאַרטע, דינע קול, דערפילט ער אַ ציטער אין זײַן לײַב, און מיט אַ געפיל פון אָפּשײַ און צניעותדיקער פאָרכט, פאַרהילט ער זײַן פּנים אין דעם מאַנטל. ער ווייסט, אַז אין דער רגע שטייט ער פּנים אל פּנים מיטן באַשאַפער. מיט גיכע פאַרציטערטע טריט גייט ער אַרויס פון דער ענגער הייל און בלײַבט שטיין ייִראת־הכּבודיק אין איר אַרײַנגאַנג. כּדי צו פאַרשטאַרקן דעם עפעקט פון דער קאָנפראָנטאַציע צווישן גאָט און מענטש, איבערחזרט דער פּסוק אַ צווייט מאָל די סודותדיקע און בעצם חידושדיקע פראַגע פון גאָט: „אליהו, וואָס טוסטו דאָ". אָבער דער נביא איז נישט געפאַלן בײַ זיך, בעת ער שטייט פאַר גאָט. אומדערשראָקן ענטפערט ער אויף דעם געטלעכן אַרויספאָדער. זײַן געמיט איז שווער און פאַרגייט אין אים. קלאָגט ער זיך פאַר זײַן באַ־שאַפער אויף זײַן ביטערן גורל, צרות און שווערע איבערלעבענישן. עס זײַנען קנאַפּע, געמאָסטענע ווערטער פון אַ צעריסן, אָפּהענטיק האַרץ, וואָס שרפען מיט זייער רוגז און פאַטאָס. „קנא קנאתי..." (י"ט, י"ד), רופט ער אויס מיט אַ רוגזהדיקן געמיט. אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, געקעמפט און געליטן, איז געווען פון גאָטס כּבוד וועגן. „אַנגענומען האָב איך מיך פאַר דעם כּבוד פון גאָט צבאות, ווײַל פאַרלאָזן דײַן בונד האָבן די קינדער פון ישראל. דײַנע מזבחות האָבן זיי צעשטערט און דײַנע נביאים געהרגעט מיטן שווערד. איך אַליין בין איבערגעבליבן, און איצט זוכן זיי מײַן לעבן צו נעמען" (י"ד). עס איז אַ מאָראַלישער באַנקראָט אויף דער גאַנצער לי־

ניע, בגידה, סאָציאַלע עוולות און רציחות. ער דער געטרײַער קעמפּער פֿאַר גאָט און זײַן גערעכטיקייט, שטייט איצט אַן עלנטער און אַליין, אַ גע־רודפטער און אַ צעבראָכענער, און זײַן לעבן שוועבט אין אַ גרויסער סכנה.

עס איז אַ פּרעכטיקע סצענע פון מאָראַלישער דערהויבנקייט און אַ צעשטראַלטער אמונהדיקייט, וואָס רופט נאָך עד היום אַרויס אַנטציקונג און פֿאַרוווּנדערונג אין אונדז. אין זײַן קאָנפראָנטאַציע מיט גאָט, זוכט דער פֿאַריסורימטער, אָפּהענטיקער מענטש התקרבות צו זײַן באַשאַפֿער, טרייסט און אַ שטיץ אין אים. ווען עס דערגייט צו אים דאָס געטלעכע וואָרט, שאַרף, קאַטעגאָריש און אומפּשרהדיק, איז דאָס אַ געבאָט פון דער שעה: פירן אַן אומבאַפלעקט, הייליק לעבן, טאָן גוטס און מבער זײַן דאָס שלעכטס וואָס איז אַ שטרויכלונג צו אַלעמען. עס איז, וואָלט איך געזאָגט, דער מאָראַלישער אימפּעראַטיוו, וואָס מאָנט און פֿאָדערט פון מענטש ריינקייט און אמת, יושר און צדק אויף אַלע פֿלאַכן פון מענטשלעכן לעבן. עס איז איצט די שליחות פון אליהון נקמה צו נעמען אינעם הויז פון אחאבן פֿאַרן געצנ־דינסט און סאָציאַלע עוולות, און אויסוואָרצלען דאָס שלעכטס מיטן שורש. זאָגט אונדז דער פּסוק (ט״ו) אין וואָס עס באַשטייט די נײַע, און אפשר שוין גאָר די לעצטע שליחות פון אליהון. „שטיי אויף און קער זיך אום אויף דײַן וועג צו דמשק. דאָרט זאָלסטו זאַלבן חזאלן פֿאַר אַ מלך איבער ארם, יהוא דעם זון פון נמשי פֿאַר אַ מלך איבער ישׂראל און אלישע דעם זון פון שפטן פֿאַר אַ נביא אויף דײַן אָרט״. זיי אַלע וועלן דאָס זײַן דאָס ווערקצײַג פון גאָט, זײַנע שליחים אין דעם מוראדיקן נקמה־אַקט קעגן די פֿאַרפירער פון פֿאָלק. עס איז אַ געטלעכער משפּט, אַ מין קאַטאַרסיס איבערן מלכות ישׂראל מיט אירע זינדיקער און סאָציאַלע פּושעים. אַלץ זאָל ווערן אין דער דאָזיקער בלוטיקער מהומה פֿאַרטיליקט, אַזוי אַז עס וועלן נאָר פֿאַרבלײַבן אין ישׂראל זיבן טויזנט גאָטגעטרײַע, „וואָס זייערע קני האָבן נישט געקניט פֿאַרן בעל, און יעדעס מויל וואָס האָט אים נישט געקושט״ (י״ח). אַ שווערע, ביטערע גזרה, וואָס דער נביא מוז נאָך אויף זיך נעמען אויסצופירן בײַם סוף פון זײַן טרויעריק, פֿאַראומערט לעבן. אַזוי זײַנען שוין די נביאים פון תּמיד אַן געווען. עס איז געווען אַ שליחות פון צעשטערונג און אומקום, אָבער אויך פון אויפריכטעניש און באַנײַונג. אויף די אַלטע, צעשטערטע יסודות וועט ווידער אויפשטיין אַ פרישׂ און אַ געזונט, נײַ לעבן.

ווי עס ווײַזט זיך אויס, האָט שוין אליהו גופא נישט מער אויסגעפֿירט אָט די שווערע, גורלדיקע שליחות. אפשר איז ער שוין פיזיש נישט בכוח

געווען דאָס צו טאָן, אָדער גאָר געהאַט זײַנע אייגענע ספקות. דער משפט איז שוין געווען צו שטרענג און מסתמא איבער זײַנע כּוחות. ווער ווייסט וואָס עס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעשפּילט אין דער נשמה פון אָט דעם געלײַטערטן נביא. דאָס אויספירן פון אָט דער געטלעכער שליחות צוזאַמען מיט זײַן נביאישן מאַנטל, איז באַלד אַרויפגעפאַלן אויף די ייִנגערע און שטאַרקערע פּלייצעס פון זײַן תּלמיד אלישע, וועמען גאָט האָט געהייסן זאַלבן פאַר אַ נביא אויף זײַן אָרט. איז אינטערעסאַנט ביז גאָר די סצענע, ווו אליהו טרעפט זיך צונויף מיט אלישען. מיט עטלעכע, קורצע שטריכן, גיט אונדז דער תּנכישער דערציילער (כ״א) אַ פּרעכטיק געמעל פון דעם וואָס קומט דאָ פאָר. אלישע אַ זון פון אַ פאַרמעגלעכן פּויער אין אָבל־מחולה (ווו דער אָרט האָט זיך געפונען, ווייסן מיר שוין הײַנט נישט מער אַקוראַט), שטייט אויפן פעלד און אַקערט. מיט אַ מאָל באַווײַזט זיך אליהו אין זײַן אייביקער אומרו און אימפּעטיקייט. ווי אַ שטורעמווינט קומט ער אָן, דערזעט אלישען און וואַרפט אַרויף אויף אים זײַן מאַנטל. מיט דעם דאָזיקן סימבאָלישן אַקט, מאַכט אליהו אלישען פאַר זײַן תּלמיד און ממלא־מקום. אין דעם מאַנטל שטעקט אַפּנים אַ פאַרהוילענער כּוח וואָס פּילט אָן אלישען מיט אַן עקסטאַטישן גײַסט פון נבואה. האָבן מיר דאָ ווידער צו טאָן מיט אַ ווײַט־פאַרשפּרייטן פאָלקלאָר־מאָטיוו: דער מאַגישער כּוח פון אַ קלייד אָדער פון אַנדערע חפצים, וואָס באַלאַנגען צו אַ נביא אָדער אַן אַנדערער כאַריסמאַטישער פּערזענלעכקייט. אַזאַ חפץ איז מסוגל צו באַ־ווײַזן נסים, וואָס זײַנען מחוץ לדרך הטבע. הערן מיר טאַקע אין מל״ב, ב׳ י״ד, ווי מיטן כּוח פון אליהוס מאַנטל, שפּאַלט אלישע שפּעטער דעם ירדן און גייט אין טרוקעניש איבערן וואַסער. דערווײַל איז אָבער אליהו אין אַ גרויסן געאײַל. איבער אים הויערט אַ שווערע שליחות וואָס לאָזט אים נישט קיין רו. דערצו מוז ער האָבן אלישען, וואָס זאָל איבערנעמען פון אים אויסצופירן דאָס געטלעך געבאָט. פילן מיר בפירוש ווי ער קען נישט אײַנשטיין אויף אַן אָרט. עס ברענט אים אונטער די פיס און ער מוז האַנדלען וואָס גיכער. יאָגט ער אונטער אלישען זיך נישט צו זוימען און מיטגיין מיט אים. ווי אַ גוטער זון וויל אָבער אלישע לויפן אַהיים פון פעלד, כּדי זיך צו געזעגענען מיט טאַטע־מאַמע, איידער ער לאָזט זיך אין וועג אַרײַן מיט זײַן גרויסן רבין. אָבער אַפילו דאָס דערלויבט אים אליהו נישט צו טאָן. די צײַט שטייט נישט. דער נביא מוז זײַן בכּוח זיך אָפּצוזאָגן פון דער ביסל עולם־הזהדיקייט, פון טאַטע־מאַמע און משפּחה, פון אַקער־אײַזן און סאָכע, ווען עס קומט צו אים דער רוף פון גאָט. דער גײַסטיקער

מענטש מוז זײַן בכּוח זיך אַריבערצוטראָגן אין אַן אַנדער וועלט, לעבן אין אַנדערע דימענסיעס. אויך אלישע מוז אַפּנים לערנען מוותר צו זײַן אויף אַן ערדיש גליק, פירן אַ לעבן פון הוילער רוחניות און מקדיש זײַן די דערוואַכטע, שאַפערישע פּאָטענצן צו זײַן נביאישער שליחות. אַ יסודותדיקער שינוי אין לעבן פון מענטש מוז פּאַרקומען, אויב ער נעמט אויף זיך דעם הייליקן עול צו זײַן דער שליח פון גאָט, פאַר אמת און יושר.

פאָלגט דעריבער דער יונגער אלישע זײַן רבין אליהו. ער גייט שוין נישט מער אַהיים, נאָר שעכט אויפן אָרט דאָס געשפּאַן־רינדער מיט וואָס ער האָט געאַקערט, און מיטן שפּאַנצײַג פון די רינדער קאָכט ער אָפּ דאָס פליש און גיט דערפון אַלעמען צו עסן. אויך דער אַקט סימבאָליזירט דעם גרונטיקן איבעררײַס מיט די ביז־איצטיקע נאָרמעס פון לעבן און דעם אײַנגעשטעלטן סדר. באַלד דערנאָך איז אלישע אויפגעשטאַנען, געגאַנגען מיט אליהון און אים באַדינט ווי אַ געטרײַער, איבערגעגעבענער תּלמיד. איצט איז ער שוין נישט מער קיין האָראָפּאַשנער פּויער צוגעבונדן צו דער סאָכע, נאָר אַ פרײַער, בעצם אַ דערהויבענער מענטש, וואָס וועט פירן אַ לעבן פון אַ נביאישן נע־ונדניק ווי זײַן רבי אליהו. דערווײַל איז ער דער תּלמיד, אָבער בקרוב וועט ער ווערן זײַן גײַסטיקער ממלא־מקום, וואָס איז באַשטימט פון גאָט פאַר זײַן ווערקצײַג, ממשיך צו זײַן אליהוס קאַמף פאַר די הויכע אידעאַלן פון אַ רייַנער געטלעכקייט און יושר אויף דער וועלט.

אלישע האָט שוין דערנאָך אויסגעפירט די געטלעכע שליחות פאַר אַ נקמה־אַקט קעגן די שולדיקע און זינדיקע פון זײַן פאָלק. אליהו גופא, דערציילט אונדז אַן אַלט־תּנכישע מסורה, איז נישט געשטאָרבן מיטן טויט פון אַ בשׂר־ודם, נאָר ער איז אַרויף אין הימל אַ לעבעדיקער, געטראָגן אין שטורעם אויף אַ פײַערדיקן רײַטוואָגן און פײַערדיקע פערד. גאָט האָט זײַן אויסדערוויילטן זון צוגענומען צו זיך, ווי אַ פאָטער נעמט אויף זײַן געליבט קינד. נאָר אַזוי האָט דאָס פאָלק געזען אָט די אויסנעמיקע קעמפערנאַטור אין איר גאַנצער צעשטראַלטקייט און צעשטורעמטקייט. דערמיט האָט אליהו טאַקע דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון אומשטערבלעכקייט, און ווי אַזוינער לעבט ער אינעם דמיון פון זײַן פאָלק. אין די ווערטער פון נביא מלאכי (ג׳, כ״ג—כ״ד) וועט ער אין די טעג, אידער עס וועט קומען דער גרויסער, פאַרכטיקער טאָג פון גאָט איבער דער וועלט, אומקערן דאָס האַרץ פון די קינדער צו אירע עלטערן, און אויסגלײַכן, ברענגען אין אַ גלײַכוואָג די צעריסענע דורות. אין דער צעגליטער פאַנטאַזיע פון אַ גע־פּײַניקט פאָלק, איז דער נביא אליהו, צו וועם גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט

ווידער אַ מאָל בײַ דעם באַרג חורב, אויסגעוואָקסן צו דעם אייביקן היטער און באַשיצער פון פאָלק אין אַן עת־צרה. ער וועט דאָס זײַן דער שטראַליקער פאָרגייער, דער סובלימער, האַרציקער אָנזאָגער פון גאולה און אויפריכטעניש אינעם ווײַטן אחרית הימים, בײַם סוף פון די טעג, ווען משיח וועט קומען.

(1971)

די פרוי פון שונם

„און עס איז געווען איין טאָג, איז אלישע אַריבערגעגאַנגען קיין שונם, און דאָרטן איז געווען אַ רײַכע פרוי, האָט זי אים פאַרהאַלטן צו עסן ברויט". ווי שוין אַזוי אָפט, פירט אויך דאָ אונדז דער תּנכישער דערציילער אַרײַן מיט עטלעכע, קנאַפּע ווערטער אין איינע פון די פּערלדיקע מעשׂיות וועגן דעם נביא אלישע און דער פרוי פון שונם. עס איז איינע פון דעם ליכטיקן קראַנץ פון ווונדער־מעשׂיות, וואָס דאָס פאָלק האָט אין דער אַלטער צײַט געוועבט אַרום דער געשטאַלט פון אלישען, דעם תּלמיד־מובהק פון אליהו פון תּשבי, וואָס דער תּנ"ך האָט אונדז אויפגעהיטן אין מלכים ב', קאַפּ. ד, ח־ל"ז.

קוים האָט זיך געהאַט פאַרלאָשן דער שטערן פונעם גרויסן, תּמיד אומרויִקן, צעקריגטן און קעמפערישן נביא פון תּשבי, איז שוין אויפ־געגאַנגען דאָס ליכט פון זײַן געטרײַען תּלמיד אלישע דער זון פון שפט, וואָס האָט געלעבט אינעם 9טן יאָרהונדערט פ.ד.ה.צ., אין דער צײַט פון קעניג יהורם דעם זון פון אחאב, דעם מלך פון ישׂראל. לויט דער תּנכישער מסורה האָט זײַן רבי און מורה־דרך, אליהו, אַרויפגעוואָרפן אויף אים זײַן מאַנטל און מיט אָט דעם סימבאָלישן אַקט אלישען באַשטימט פאַר דער אויסנעמיקער נביאישער ראָל, וואָס ער האָט געדאַרפט שפּעטער שפּילן אין דער געשיכטע פון זײַן פאָלק. פונקט אַזוי ווי אליהון פון תּשבי, האָט דאָס פאָלק שפּעטער פאַרגעטערט זײַן געטרײַען תּלמיד אלישען, וואָס האָט ממשיך געווען מיט פלאַמיקער געטרײַשאַפט די געהויבענע, דורות־אַלטע טראַדיציעס פון די נביאים, און שוין פרי אַרום אים געשאַפן אַן אָרעאָל פון הייליקייט און נסימדיקייט.

האָבן מיר טאַקע אין אונדזער קאַפּיטל צו טאָן מיט אַ פּערלדיקער תּנכישער דערציילונג, וואָס איז קודם־כּל כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם לעבנס־שטייגער פון יענע ווײַטע דורות. פאַר די מינהגים, וועלט־אויסקוק און דעם גאַנצן סאָציאַלן מצב פון יענע צײַטן. בעצם איז דאָס אַ פאָלקסטימלעכע מעשׂה מיט אַ באַקאַנטן מאָטיוו „די ווונדער־מעשׂים פון הייליקע", וואָס איז זייער פאַרשפרייט אין די געשריפטן פונעם אָריענט און אין דער ליטעראַטור

פון די מערב־פעלקער. ווי תמיד אין תנ״ך איז דער סטיל פון דער מעשׂה קנאַפּ און קאָנדענסירט. דאָ אַ וואָרט און דאָרט אַ שטריך און שוין שטייט פאַר אונדזערע אויגן אַ בילד, וואָס פאַרכאַפּט ממש דעם אָטעם מיט זײַן פּשטות. איז דאָך דער תנכישער דערציילער, ווי מיר ווייסן, דער קינסטלער פון דער קורצער, סובטילער דערציילונג. ער איז נישט אויסן צו מאָלן די געשעענישן אויף אַ ברייטער קאַנווע, צו שילדערן די פּערסאָנאַזשן מיט זייערע איבערלעבענישן און שטימונגען. דאָס איז נישט זײַן זאַך. האָט דאָך דער דערציילער פון דער תנכישער תקופה בעצם אין זינען געהאַט דעם עולם צוהערערס, וואָס איז געשטאַנען אַרום אים אויפן מאַרק־פּלאַץ אָדער אין טויער פון שטאָט און פאַרגאַפּטע, מיט אַ הייסן אָטעם זיך צוגעהערט צו זײַנע ווונדערלעכע מעשׂיות פון אַמאָליקע צײַטן. וואָס פּשוטער עס איז געווען דער ליטעראַרישער אויפבוי פונעם סיפּור־המעשׂה, וואָס פאָלקס־טימלעכער און באַריידעוודיקער דער סטיל אַלץ מער האָט ער אויסגענומען און אַלץ שטאַרקער איז געווען זײַן רושם. מאָלט אונדז טאַקע דער דער־ציילער מיט לעבעדיקע פאַרבן, שטיל און אײַנגעהאַלטן איין סצענע נאָך דער אַנדער, וואָס זײַנען אָבער אָנגעלאָדן מיט אַ סך דראַמאַטישן שטאָף און וואָס אַנטציקן און פאַרכישופן דעם לייענער נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג.

געטרײַ צו זײַן שרײַבערישן נוסח, מאָלט אונדז דאָ דער דערציילער מיט דער גרעסטער פּשטות די אַרײַנפיר־סצענע אינעם הויז פון דער פרוי פון שונם. ווייסן מיר אפילו נישט ווער די העלדן זײַנען, צי ווי זיי האָבן גאָר געהייסן. דאָס איז נישט וויכטיק. האָבן מיר זיך פאַרצושטעלן, אַז דאָס זײַנען געווען פּשוטע פאָלקסמענטשן, גוטע, פרומע יגיע־כפּימניקעס, וואָס זײַנען צוגעבונדן צו דער סאָכע, אָבער ווי אין אַלע פאָלקס־מעשׂהלעך בלײַבן זיי תמיד אַנאָנים. אַגב לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז דער תנכישער דערציילער דערציילט נישט סתּם אַ מעשׂה, נאָר ער וויל אונדז תמיד עפּעס לאָזן הערן. דאָ איז ער טאַקע אויסן אונדז צו פאַרציילן וועגן דער גרויסקייט און די מעשׂים פון דעם געטלעכן נביא אלישע, דעם ממלא־מקום און געטרײַען תלמיד פון אליהו פון תשבי. דער עצם סיפּור־המעשׂה איז דאָך נאָר אַ טפל. פאַרן דערציילער איז וויכטיק די רעליגיעזע שליחות פונעם נביא, זײַן קאַמף און די מעשׂים, וואָס ער טוט אין נאָמען פון גאָט.

הערן מיר, על כּן, אַז אינעם שטעטל שונם, אין צפון פון לאַנד, נישט ווײַט פונעם הר תבור, וווינט אַ באַמיטלטע פרוי צוזאַמען מיט איר מאַן. עס לעבט זיך איר גוט, זי איז צופרידן. דער מאַן איז אַ פּויער, יוסט און נגידיש, האָט אַ שיינע נחלה דרויסן פון שטאָט, וואָס ער באַאַרבעט מיט

מי און פרייד. האָט גאָט געבענטשט די ווערק פון זײַנע הענט און ער האָט מצליח געווען. דאַנקט די פרוי גאָט פאַר דעם גרויסן חסד, וואָס ער האָט איר און איר מאַן געטאָן. אָבער עפּעס פעלט איר דאָך. אמת, זי רעדט צו קיינעמען נישט וועגן דעם, אָבער פאַרט איז דאָס געווען אַ שטילער קוואַל פון אומרו און זאָרג פאַר איר. גאָט האָט פאַרשלאָסן איר טראַכט און זי האָט נישט זוכה געווען צו האָבן קיין קינדער. קינדערלאָזיקייט, ווי מיר ווייסן, איז אין דער אַלטער צײַט געווען אַ שווערע שטראָף פון גאָט, בפרט פאַר דער פרוי. ווי האָט זי געקענט שטאָלץ אויפהייבן איר קאָפּ אינעם קרײַז פון דער משפחה אָדער פון אירע חברטעס, נישט האָבנדיק קיין זון, וואָס זאָל זײַן דער יורש און אַ געדעכעניש נאָך איר, ווען עס וועט איר אויסקומען אַוועקצוגיין פון דער וועלט! וועט דאָך אויף אַזאַ אופן ווערן אויסגעמעקט איר נאָמען פון צווישן די לעבעדיקע. אָבער די פרומע, גוטע פרוי פון שונם האָט נישט קיין תּרעומות צו איר גאָט. זי איז אַלצדינג מקבל באהבה און נייגט נישט אָפּ פון גאָטס וועג. זי טוט אַ סך גוטס און האַלט איר הויז אָפן פאַר אורחים פון דער פרעמד.

איז דער נביא אלישע אויף זײַנע נסיעות איבערן לאַנד פאַרבײַגעגאַנגען דאָס שטעטל שונם, פלעגט ער אײַנשטיין בײַ דער פאַרמעגלעכער משפחה. די פרוי האָט ליב געהאַט אורחים און זיך געפרייט מיט יעדער געלעגנהייט ווען אלישע פלעגט זיך בײַ איר אויפהאַלטן. דערציילט אונדז דער פּסוק, אַז זי האָט אים פאַרהאַלטן בײַ זיך צו עסן ברויט. צו האָבן אורחים בײַ זיך אין שטוב איז שוין אין דער אַלטער צײַט געווען אַ גרויסע מיצווה. אפשר האָט זי גאָר בײַ זיך אין האַרץ געטראַכט, אַז אַ הייליקער מאַן ווי אלישע קען נאָך זײַן אַ ברכה פאַר דעם הויז. דערפאַר טאַקע זאָגט זי אַ מאָל צו איר מאַן: „לאָמיר מאַכן, איך בעט דיך, אַ קליין געמויערט אויבערשטיבל, און לאָמיר דאָרטן אַוועקשטעלן פאַר אים אַ בעט, אַ טיש און אַ שטול, און אַ לאָמפּ". זאָל דער נביא האָבן אַ שטוב ווו אַרײַנצוגיין, ווען ער וועט נאָר אָנשפאַרן בײַ זיי קיין שונם.

איז דאָס שוין געווען מער ווי פּשוטע הכנסת־אורחים. מען בויט אויס פאַר אלישען אַ באַזונדער אויבערשטיבל אויפן דאַך פון הויז און מען מעבלט עס אויס גאָר לײַטיש. דאָס האָבן זיך נאָר געקענט דערלויבן פאַרמעגלעכע מענטשן. עס איז אַגב כאַראַקטעריסטיש צו הערן פון וואָס עס איז באַשטאַנען אין יענע צײַטן אַזאַ בעל־הבתּישע גאַסט־שטוב: קודם כּל אַ בעט, טאַקע אַ טיש מיט אַ שטול און אַ לאָמפּ. געגעסן האָט מען מסתּמא צוזאַמען אונטן מיט די בעלי־בתּים, און די גאַסט־שטוב איז געווען

דער עיקר צום איבערגעכטיקן אָדער צום אָפּרוען בײַ טאָג. אַזאַ סאָרט אויבערשטוב צום װױנען האָט אויך געהאַט אלישעס רבי, אליהו הנביא, בעת ער איז אַ שטיק צײַט אײַנגעשטאַנען בײַ אַן אלמנה אין צרפת, נישט װײַט פון צידון, צום צפון פון מלכות ישראל (הײַנטיקן לבנון). פגל. מלכים א׳, י״ז.

זעט זיך אויס, אַז אלישע איז געװען זײער גערירט פון אָט דער אײדעלער גאַסטפרײַנדשאַפט פון דער פרוי אין שונם. און עס איז געװען, בשעת ער איז װידער געקומען אין שונם און אײַנגעשטאַנען אין דער אויבערשטוב פון דער שונמית, האָט ער צו זיך אַרײַנגערופן זײַן משרת גיחזי און אים געהײסן, אַז ער זאָל רײדן מיט דער שונמית און צו איר זאָגן: דו האָסט אויף אַזאַ פרײַנדלעכן אופן געזאָרגט פון מײַנעטװעגן. אפשר קען איך עפּעס פאַר דיר טאָן. קײן עושר איז דאָך אלישע נישט געװען, אַז ער זאָל קענען מיט געלט אָדער חפצים אָפּצאָלן דער פרוי פאַר איר גאַסטפרײַנדשאַפט. קײן אומזיסטער אורח האָט ער פון דעסטװעגן נישט געװאָלט זײַן. אפשר ברויכט זי אַ טובה פון די האַרן פון דער מדינה? אפשר װאָלט ער געקענט רײדן פאַר אירעטװעגן צום קעניג אָדער צום האַר פון מיליטער? פּעלן דען עװלות מצד די מאַכט־אָרגאַנען! אלישע האָט מעגלעכקײטן צו העלפן. געװיס האָט ער געהאַט אַ השפעה אין די מלוכהשע קרײַזן. דער קעניג פון ישראל און זײַנע האַרן האָבן אים געאַכפּערט. װאָלט ער טאַקע געװען גרײט עפּעס צו פּועלן פאַר דער משפחה פון שונם. אפשר ברויכן זײ זײַן בײַשטאַנד אין אַ תביעה אָדער װעגן צו הויכע שטײַערן, װאָס מען האָט אויף זײ אַרויפגעלײגט. דאָ װאָלט ער אלישע, בכּוח געװען עפּעס צו פּועלן.

װאַרטן טאַקע די געשפּאַנטע צוהערערס פון דער מעשה, װאָס די שונמית װעט אים ענטפערן, װאָס זי װעט זיך אויסבעטן פון אַזאַ מעכטיקער און אײַנפלוסרײַכער פּערזענלעכקײט װי דער נביא אלישע. אָבער דאָ קומט די איבערראַשונג. די שונמית דאַנקט דעם נביא פאַר זײַן אָנבאָט, אָבער זי ברויכט נישט קײן הילף. איר פעלט גאָרנישט. מיט אַ נאַטירלעכן שטאָלץ פון אַן אומאָפּהענגיקער פּערזאָן לאָזט זי דעם נביא װיסן: „בתוך עמי אני יושבת״. זי װױנט צװישן איר שטאַם, איר שבט און משפחה, זי איז געשיצט, זי פילט זיך זיכער. דער שטאַם, די משפחה איז פאַר איר דער גרויסער פּאָליטישער און סאָציאַלער אָנשפּאַר. פון דעם ענטפער קענען מיר אפשר אויך אָפּלערנען אויף דעם פּאָליטישן כּוח און מהאי טעמא אויף דער שטאַרקער השפעה פון די אָנגעזעענע שטאַטישע משפחות אין לאַנד לגבי

דער צענטראַלער רעגירונג פון שומרון. הייַנט, צוליב וואָס זאָל זי מטריח זייַן דעם נביא! אָבער אלישע וויל איר פאָרט טאָן עפּעס גוטס. פרעגט ער ווייַטער אויס זייַן משרת גיחזי מיט וואָס ער וואָלט איר געקענט דינען. גיחזי, דער משרת פון נביא, ווייסט, זעט זיך אויס צו דערציילן אַ היפּש ביסל רכילות און וואָס עס קאָכט זיך בייַ יעדן אונטערן שטאָרצל. ער איז אינפאָרמירט איבער אַלצדינג וואָס עס טוט זיך בייַ יעדן איינעם. ווייסט גיחזי, אַז די שונמית האָט אַ טיפן האַרץ־ווונטש צו האָבן אַ קינד. זאָגט ער דאָס צו זייַן האַר, גיט אָבער שנעל צו, אַז איר מאַן איז שוין נישט מער יונג. אפשר צוליב גרויס אָפּשייַ פאַר דעם נביא, האָט זי אים דאָס נישט געוואָלט זאָגן. מיט אַ מאָל ווייסט דער נביא וואָס ער האָט צו טאָן. ער באַפעלט גיחזין אַרייַנצורופן צו זיך די שונמית. קומט זי אַרייַן און צוליב גרויסן יִראת־הכבוד פאַר דעם הייליקן מאַן, בלייַבט זי שטיין אין דער טיר. אלישע דער שליח פון גאָט און וואָרטזאָגער אין ישראל וואָלט וועלן דערקוויקן דאָס האַרץ פון דער פרוי. און בשעת זי שטייט אַזוי צניעותדיק און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן אין דער טיר פון דער שטוב, זאָגט ער צו איר מיט זייַן פאָטערלעך־וואַרעמער שטים: זאָלסט וויסן, פרוי, אַז איבער אַ יאָר פון הייַנט, וועסטו האָלדזן אַ זון. דייַן טיפער האַרץ־באַגער וועט דיר מקוים ווערן. קען די פרוי צווייפלען אין דעם אמת פונעם נביאס וואָרט? שעמעוודיק און פאַררייטלט ענטפערט זי שטיל: „ניין, געטלעכער מאַן, זאָלסט נישט נאַרן דייַן דינסט". דער חלום איז צו גרויס, אַז ער זאָל קענען ווערן וואָר.

אָבער פאָרט דער נס איז געשען. דער צוזאָג פונעם נביא איז מקוים געוואָרן. אַ יאָר שפּעטער פון דעם טאָג ווען אלישע האָט מיט איר גערעדט, האָט די פרוי געהאָלדזט אַ זון. מיר קענען זיך אָקערשט אויסמאָלן די פרייד פון די עלטערן, בעת עס איז צו זיי געבוירן געוואָרן אַ קינד, און דער יום־טוב וואָס זיי האָבן געמאַכט פאַר פרייַנד און משפחה. די שונמית איז געוואָרן אויפגעריכט. איצט האָט זי זיך שוין נישט געדאַרפט שעמען אין דער געזעלשאַפט פון אירע חברטעס. זי איז געווען מיט אַלעמען גלייַך. זי האָט געהאָט אַ זון. דאָס קינד איז געוועזן ווי אַן אויג אין קאָפּ בייַ זייַן מוטער, וואָס האָט אים געצערטלט און שטילערהייט געשעפּטשעט אַ דאַנק צו גאָט פאַר זייַן גרויסן חסד, וואָס ער האָט איר און איר מאַן באַוויזן. אָבער וועגן דעם אַלעם שווייַגט דער פּסוק. איז ער דאָך נישט אויסן, ווי מיר האָבן שוין געזען, צו דערציילן באריכות וועגן די געפילן און שטימונגען פון זייַן הויפּט־העלדין, דער מוטער, איר גליק אָדער אומגליק, נאָר צו

באַווײַזן די גרויסקייט פון נביא און די אמתדיקייט פון זײַן שליחות. פּונקט ווי זײַן גרויסער רבי אליהו איז אויך אלישע בכּוח נישט נאָר צו בענטשן די פרוי, אַז זי זאָל האָבן אַ קינד (אַגב, זייער אַ באַליבטער מאָטיוו אין דער אינטערנאַציאָנאַלער מעשׂה *). נאָר אויך משנה צו זײַן די סדרי־בראשית און מחיה מתים זײַן דאָס קינד, ווען עס איז פּלוצעם פאַרגאַנגען. אָבער לאָמיר בעסער נישט פאַרלויפן דעם וועג פון די שפּעטערדיקע געשעענישן, וואָס זײַנען אָנגעפּיקעוועט מיט אַ סך דראַמאַטישן שטאָף און ווערן פון דעסטוועגן איבערגעגעבן פונעם דערציילער מיט אַזוי פיל פאָלקסטימלעכער פּשטות, אײַנגעהאַלטנקייט און עפּישער רו.

האָבן מיר זיך פאָרצושטעלן, הגם דער פּסוק דערמאָנט דאָס נישט באַשײַמפּערלעך, אַז אין צווישן וואַקסט דאָס קינד אונטער און איז אַ גרויסע פרייד פאַר זײַנע עלטערן. איינמאָל אין אַ שיינעם, זומערדיקן פרימאָרגן גייט ער אַרויס צו זײַן פאָטער אויפן פעלד. עס איז גראָד שניטצײַט אין לאַנד. זײַנען אַלע הענט פאַרנומען מיטן שנײַדן און אײַנזאַמלען פון דער תּבֿואה. צוזאַמען מיט די שניטערס אַרבעט אויך דער פאָטער. גאָט האָט געשיקט אַ ברכה און די פּרוכט פון פעלד איז שפּעדיק. פילט דער פויער אַ דאַנק צו גאָט פאַר דער גוטער מערכה מיט וואָס ער האָט אים געבענטשט און געלאָזט באַגליקן די אַרבעט פון זײַנע הענט. דאָס קינד, די שײַן פון זײַנע אויגן שטייט לעבן אים. שטיפט ער מיט אים און שפּילט זיך צוביסלעך ווי ווײַט די אַרבעט דערלויבט אים דאָס. מיט אַ מאָל פילט זיך דאָס קינד נישט גוט. עס באַקלאָגט זיך בײַם פאָטער, אַז דער קאָפּ טוט אים וויי. דער פאָטער איז איבערגעשראָקן, אָבער וואָס קען ער טאָן דרויסן אויפן פעלד אין דער היץ פון דעם פריִען מאָרגן און אין דער מיט פון דער אַרבעט! נעמט ער איינעם פון זײַנע יונגען און שיקט דאָס קינד אַהיים צו זײַן מוטער.

האָבן מיר איצט איינע פון די דראַמאַטישסטע סצענעס פון דער גאַנצער דערציילונג: מיר געפינען זיך בײַ דער שונמית אין שטוב. אַז

---

* אַזוי למשל געפינען מיר אויך בײַ דעם רוימישן דיכטער אָוויד די באַקאַנטע לעגענדע וועגן די צוויי געטער יופּיטער און מערקור, וואָס קומען אין אַ מענטשלעכער געשטאַלט צוגאַסט צו די פרײַנדלעכע פילאַמען און באַוציס (Philomen and Baucis) און בענטשן זיי דערנאָך פאַר זייער שיינער הכנסת־אורחים. אויך אַ קריסטלעכע לעגענדע דערציילט אַן ענלעכע מעשׂה פון קריסטוסן און דעם אַפּאָסטאָל פּעטרוסן.

דער שניטער־יונג ברענגט דאָס קינד אַהיים איז עס שוין טויט־קראַנק. קענען מיר זיך גאָר לײַכט אויסמאָלן די שרעק פון דער מוטער, אַז זי דערזעט דאָס קינד אין אַזאַ שווערן מצב. זי נעמט אים אין אירע אָרעמס, צערטלט און וויגט אים, ביז אַרום האַלבן טאָג פאַרגייט ער אין אירע הענט. ווידער אַ מאָל שווײַגט דער פסוק צניעותדיק און דערמאָנט נישט וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אינעם האַרץ פון דער אומגליקלעכער מוטער. קענען מיר זיך נאָר פאָרשטעלן ווי דער עולם־צוהערערס איז געשטאַנען אַ פּאָר־גאַפּטער נעבן דעם דערציילער און זיך געפרעגט שטילערהייט, ווי אַזוי האָט די מוטער רעאַגירט אויף איר אומגליק. וואָס האָט זי געטאָן? איז זי אַוועק צום נביא, אַז ער זאָל איר העלפן? אפשר האָט זי גאָר געהאַט טענות צו גאָט, פאַר וואָס ער האָט זי אַזוי שווער געשטראָפט. האָט זי אים געבעטן איר צו געבן אַ זון, אַז ער זאָל אים ווידער צונעמען פון איר אַזוי גיך? אַזוי האָבן געמעגט פרעגן די האַלב־נײַגעריקע און האַלב־פאַרחידושטע צוהערערס. דער תנכישער דערציילער אָבער לאָזט דאָס אַלץ אַרויס ווי מיט אַ כוונה. ער איז ממשיך דעם סיפור־המעשה מיט זײַן תמימות און פשטות ווי קיין מאָל גאָרנישט. ער וויל אונדז אָבער בשעת־מעשה געבן אָנצוהערן, אַ רבותא, אַז די אַמאָליקע יידישע פרוי האָט זיך נישט אַזוי לײַכט אײַנגעבראָכן. זי איז גוט און פרום. קלוג און פאַרשטאַנדיק און האָט אַ גרויסע מאָס פון בטחון. זי ווייס וואָס זי האָט צו טאָן. נעמט זי דאָס טויטע קינד און טראָגט עס אַרויף אין דעם אויבערשטיבל, דאָרט ווו אלישע פלעגט אײַנשטיין. זי לייגט עס אַוועק אויף זײַן בעט און פאַרשליסט די טיר הינטער זיך. ווײַל זי דערמיט פאַרהיטן, אַז די נשמה וואָס בלײַבט נאָך נאָכן טויט, ווי מען האָט אין דער אַלטער צײַט געגלייבט, אַ שטיקל צײַט נעבן גוף, זאָל אין צווישן נישט אַרויספליען? זיכער וויל זי פאַר־היטן, אַז קיינער זאָל דאָרטן נישט אַרײַנגיין. דערווײַל זאָל זיך קיינער נישט דערוויסן, וואָס ס'איז דאָ פאָרגעקומען, אַפילו נישט איר מאַן. מיט אַ העראָישן כוח באַצווינגט זי אירע יסורים. איר האַרץ איז ווי אַ שטיין. זי לאָזט נישט אַרויס קיין זיפץ און נישט פאַלן קיין טרער. איר בטחון אין דעם הייליקן מאַן איז גרויס. האָט ער דאָך באַוויזן דעם נס איר צו געבן אַ קינד, פאַר וואָס זאָל ער נישט ווידער אַ מאָל קענען באַווײַזן אַ נס און איר קינד מאַכן לעבעדיק? בעט זי נאָר בײַ איר מאַן, אַז ער זאָל איר שיקן איינעם פון זײַנע יונגען מיט איינער פון די אייזעלינס, ווײַל זי וויל, ווי זי זאָגט צו אים, אַריבערלויפן צום געטלעכן מאַן און זיך באַלד אומקערן. חידושט זיך דער מאַן נישט ווייניק און פרעגט בײַ איר, פאַר וואָס פאַלט איר אײַן דווקא

הײַנט אין אַ פּראָסטן מיטן־וואָך צו גײן זען דעם נביא. עס איז דאָך נישט שבת אָדער ראש־חודש!

איז פון אַ קולטורהיסטאָרישן שטאַנדפּונקט פאַר אונדז וויכטיק, ווי שוין דערמאָנט, די ידיעה, אַז אין דער קלאַסישער צײַט זײַנען שבת און ראש־חודש געווען באַקאַנטע יום־טובים. קודם כּל זײַנען דאָס געווען רו־טעג פון שווערער אַרבעט, ווען מען האָט זיך נוהג געווען צו גײן אין גאָטס הויז און צו זען דעם געטלעכן מאַן, דעם כּהן אָדער זעער־נביא און אים אָגב ברענגען אַ מתּנה פון די פּרוכטן פון דער ערד און פון שטאַל. די שלוש־רגלים ווערן דאָ דערווײַל נאָך נישט דערמאָנט. ראש־חודש, ווייסן מיר, האָט אין דער אַלטער צײַט פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אינעם פאָלקס־לעבן. וועגן זײַן נאָענטער פאַרבינדונג מיטן שבת זאָגן עדות אַזעלכע שטעלן אין תּנ״ך ווי למשל עמוס, ח׳ ה; הושע, ב׳ י״ג; ישעיה, א׳ י״ג און ס״ו, כ״ג. (פגל. ז. 124).

חידושט זיך טאַקע דער מאַן פון דער שונמית, פאַר וואָס זי אײַלט זיך דווקא אין אַ פּראָסטן וואָכנטאָג צום נביא. אָבער די פרוי האָט נישט קײן צײַט. זי מוז נאָך הײַנט זײַן בײַם נביא און זען, אַז ער זאָל איר ראַטעווען דאָס קינד. ענטפערט זי איר מאַן קורץ און אַנטשלאָסן: עס איז ווײַטער גאָרנישט! אָבער אין צווישן האָט זי אָנגעזאָטלט די אייזעלין און לאָזט זיך שנעל מיט איר יונג, וואָס טרײַבט אונטער די אייזעלין אין וועג אַרײַן.

בשעת דער דערציילער האַלט בײַם שילדערן די סצענע ווען די שונמית טרעפט זיך מיט אלישען אויפן כּרמל, וואַקסט די געשפּאַנטקייט פון די צוהער־ערס אַלץ שטאַרקער. אפשר פרעגן זיי זיך בשעת־מעשׂה: וואָס וועט זײַן ווײַטער? וועט די שונמית טרעפן אלישען און וועט ער מיט איר מיטגײן און באַווײַזן אַ נס? אלישע גופא, לאָזט אונדז דאָ דער פּסוק הערן, געפינט זיך אויפן באַרג כּרמל. וווינט ער דאָרט, צי האַלט ער זיך אויף צײַטנווײַז אין דער נאָענט פון אַ מקום־קדוש, וואָס געפינט זיך אויפן כּרמל, ווייסן מיר נישט אַקוראַט. אַז ער האָט די שונמית דערזען פון דער ווײַטנס, זאָגט ער צו זײַן משרת גיחזי: „אָט קומט די פרוי פון שונם. אַצינד לויף איר אַקעגן און זאָג צו איר: איז פריד צו דיר? איז פריד צו דײַן מאַן? איז פריד צום קינד?" אלישע איז, זעט זיך אויס, באַזאָרגט צוליב דעם אומגעריכטן קומען פון דער שונמית. אָבער די פרוי וויל זיך נישט אַרײַנלאָזן מיט גיחזין אין קײן לאַנגע שמועסן. אפשר געטרויט זי אים נישט. ענטפערט זי דערפאַר גאַנץ קורץ: פריד!

ערשט אַז זי איז צוגעקומען צו אלישען אויפן באַרג כּרמל, האָט זי זיך פאַר גרויס דרך־ארץ געוואָרפן צו זײַנע פיס און גענומען אויסגיסן איר

ביטער האַרץ. גיחזי, וואָס האָט אַפּנים נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר, האָט זי געוואָלט אַוועקשטויסן פון זײַן האַר. אָבער אלישע האָט פון איר צערפולן פּנים אַרויסגעפילט די גרייס פון איר אומגליק. זאָגט ער צו גיחזין: „לאָז זי אָפּ, וואָרום איר האַרץ איז פאַרביטערט, און גאָט האָט דאָס פאַרהוילן פון מיר, און מיך נישט געלאָזט וויסן". ערשט בײַ די ווער־טער, ברעכט זי אויס אין אַ יאָמערדיק געוויין, און פול פון צער און יסורים, נעמט זי זיך אויסטענהן מיטן נביא: „האָב איך דען געבעטן אַ זון בײַ מײַן האַר? האָב איך נישט געזאָגט דו זאָלסט מיך נישט גענאַרן?" אלישע, זעט אויס, איז טיף גערירט פון איר אומגליק. אַזוי קען נאָר ריידן אַ פרוי, וואָס האָט דאָס טײַערסטע אין איר לעבן פאַרלוירן. זײַן האַרץ איז פול מיט פילעוודיקער גוטסקייט צו דער אומגליקלעכער מוטער. ער וויל אַלץ טאָן, כּדי איר צו העלפן.

באַלד באַפעלט ער גיחזין: „גורט אָן דײַנע לענדן און נעם מײַן שטעקן אין דײַן האַנט און גיי. אַז דו וועסט אָנטרעפן עמעצן, זאָלסטו אים נישט באַגריסן, און אַז עמעצער וועט דיך באַגריסן, זאָלסטו אים נישט ענט־פערן. און זאָלסט אַרויפטאָן מײַן שטעקן אויפן פּנים פון יינגל". און בשעת מעשה זאָגט ער צו דער מוטער: פאַרוואָר, ווי גאָט איז מיר ליב, איך וועל דיך נישט פאַרלאָזן. און ער איז מיט איר מיטגעגאַנגען.

גיחזי גייט פאָרויס און אלישע מיט דער שונמית גייען אים נאָך. גיחזי טראָגט דעם שטעקן פונעם נביא און פונקט אַזוי ווי דער מאַנטל פון אליהון, איז אויך אינעם שטעקן באַהאַלטן אַ געהיימער, מאַגישער כּוח, וואָס קען באַווײַזן ווונדער און אפשר טאַקע אויך מחיה מתים זײַן. מיטן מאָמענט ווען גיחזי ווערט דער שליח פונעם נביא און טראָגט זײַן שטעקן אין דער האַנט, שאַפט זיך אַרום אים, אַזוי האָט מען געגלייבט, אַ גע־שלאָסענער, מאַגישער קרײַז, וואָס מוז פונעם אָנהייב ביזן סוף פון זײַן שליחות בלײַבן אומבאַרירט און ווהין עס זאָלן נישט אַרײַנדרינגען קיין פינצטערע כּוחות פון דרויסן. דערפאַר טאַקע טאָר ער נישט ריידן מיט קיי־נעמען אָדער באַגריסן עמעצן אונטערוועגנס, כּל זמן ער האָט נישט אויס־געפירט זײַן שליחות. אויף אַזאַ אופן ווערט געזיכערט די מאַגישע גאַנצקייט פונעם געשאַפענעם קרײַז.

אין אלישעס שטעקן, וואָס עס טראָגט גיחזי זײַן משרת, ליגט דער הייליקער כּוח פונעם נביא. אויך דער דאָזיקער מאָטיוו איז ווײַט פאַר־שפרייט אינעם אינטערנאַציאָנאַלן פאָלקלאָר. אַזוי למשל האָט מען אין אַלטן בבל אַרויפגעלייגט דעם שטעקן אויפן קאָפּ פון אַ חולה, כּדי אויף

אַזאַ אופן אים צו מאַכן געזונט. בכלל האָט דער שטעקן, — אָנגעפאַנגען פון דעם מטה אהרן (במדבר, י״ז, כ״ג) ביז צו דער שפּעטער פאָלקס־מעשה פון יענעם רב, דעם מרא דאתרא פון שטעטל, וואָס הייסט דעם שמש אַרויסגיין מיט זײַן שטעקן און אָנקלאַפּן אויף אַ באַשטימטן קבר אָדער אין אַ חורבה, כּדי צו רופן דעם ניפטר צו אַ דין־תּורה אָדער צו פאַרטרײַבן די מזיקים וכד׳, — גאָר אַ לאַנגע און פאַרצווײַגטע געשיכטע אין יידישן פאָלקלאָר. גלייבט דאָס פאָלק, אַז אינעם שטעקן ליגט באַ־האַלטן אַ שטיק פון דער פּערזענלעכקייט פון דעם נביא אָדער דעם בעל־מופת, עפּעס פון זײַן גײַסטיקן כּוח, וואָס קען באַווײַזן נסים. דאָס זעלביקע איז אויך נוגע אלישעס שטעקן. דעריבער אײַלט זיך טאַקע גיחזי צו דעם הויז, וווּ דאָס טויטע קינד ליגט; ער לייגט אַרויף דעם שטעקן אויפן קינדס פּנים, ווי זײַן רבי האָט אים געהייסן. אָבער, לאָזט אונדז דער דער־ציילער הערן, דער שטעקן האָט גאָרנישט געפּועלט. דאָס קינד איז געבליבן טויט. ווייל אונדז די פרומע מעשה אָגב אָפּלערנען אַ מוסר־השׂכּל, אַז נסים צו באַווײַזן איז נישט אַ קונץ, וואָס מען קען זיך אויסלערנען. דעם דאָזיקן חסד באַווײַזט נאָר גאָט צו זײַנע יחידי־סגולה, די אויסדערוויילטע און גע־טרײַע שליחים. גיחזי איז אָבער געווען נישט ראוי צו אַזאַ נס.

די פאַרצווייפלטע מוטער פאַרלירט אָבער נישט איר גלויבן אינעם כּוח פון נביא. קאָנצענטרירט זיך איצט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פונעם דערציילער אויף דער לעצטער, העכסט דראַמאַטישער סצענע: דעם אַקט פון מחיה מתים זײַן דורך אלישען. אויך דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ ווײַט־פאַרשפּרייטן מעשׂה־מאָטיוו, וואָס איז פּונקט אַזוי פּאָפּולער אינעם אָריענט ווי אינעם קריסטלעכן מיטל־עלטער. אלישע גייט אַרויף אינעם אויבער־שטיבל, וווּ דאָס טויטע קינד ליגט. ער שליסט זיך אײַן אינעווייניק און פּונקט ווי זײַן רבי אליהו בעת ער איז געווען בײַ דער אלמנה פון צרפת, איז אויך אלישע מתפּלל צו גאָט. דער דערציילער גיט אונדז איבער אַפילו די פּרטים פון דעם אַקט, ווי אַזוי אלישע האָט באַלעבט דאָס קינד. ער האָט זיך אַרויפגעלייגט אויפן קינד, אַרויפגעטאָן זײַן מויל אויפן קינדס מויל, זײַנע אויגן אויף די אויגן פון קינד, זײַנע הענט אויף זײַנע הענט. ער האָט זיך, על כּן, אין גאַנצן אידענטיפיצירט מיטן קינד, וואָס ער האָט גענומען אָפּראַטעווען פון טויט. אלישע האָט זיך אויסגעצויגן אויף אים, ביז דאָס לײַב פון יינגל איז געוואָרן וואַרעם. דערנאָך איז ער אַראָפּ פון בעט, אַרומגעגאַנגען אין שטוב איין מאָל אַהין און איין מאָל אַהער, און איז ווידער אַרויף און זיך אויסגעצויגן אויף אים. מיט אַ מאָל האָט דאָס

קינד אַנגעהויבן צו ניסן, זיבן מאָל נאָך אַנאַנד און דערנאָך אויפגעמאַכט די אויגן. דאָס קינד האָט געלעבט! מיט וועלכער פּשטות פאַרענדיקט דער דערציילער די דאָזיקע שילדערונג, וואָס האָט געהאַלטן אַ לאַנגע צײַט געשפּאַנט זײַן עולם צוהערערס. אלישע לאָזט אַרײַנרופן די שונמית און זאָגט צו איר: נאָדיר דײַן זון! איז זי צוגעקומען און געפאַלן צו זײַנע פיס און זיך געבוקט צו דער ערד. זי האָט גענומען איר זון און איז אַרויס־געגאַנגען. עס זײַנען קנאַפּע שורות, געמאָסטענע ווערטער, וואָסריידן אַזוי שטאַרק צו דער פאַנטאַזיע פונעם צוהערער־לייענער.

ענלעך איז אויך די מסורה, וואָס דער תנ״ך האָט אונדז אויפגעהיטן (מלכים א׳ י״ז, י״ז—כ״ד.) וועגן אליהו הנביאן. דאָרטן געפינט זיך אליהו גראָד אינעם הויז פון דער אלמנה אין צרפת, בעת איר זון ווערט פּלוצעם קראַנק און שטאַרבט. די פרוי קומט צו אליהון מיט אַ ביטערער טענה: „וואָס האָסטו צו מיר, דו געטלעכער מאַן? ביסטו געקומען צו מיר מיך צו דערמאָנען מײַנע זינד, און צו טייטן מײַן זון?״ דעמאָלט נעמט אליהו דאָס טויטע קינד, טראָגט עס אַרויף אין דער אויבערשטוב וואָס ער האָט דאָרטן באַוווינט, און עס אַוועקגעלייגט אויף זײַן בעט. פּונקט אַזוי ווי אין אונדזער מעשה מיט אלישען, ציט זיך אליהו דרײַ מאָל נאָך אַנאַנד אויס איבער דעם קינד און בעט צו גאָט, אַז ער זאָל אומקערן די נשמה פון קינד. און גאָט האָט דערהערט זײַן קול און אויפגעלעבט דאָס קינד. אליהו נעמט דערנאָך דאָס קינד, פירט עס אַראָפּ פון דער אויבערשטוב און גיט עס איבער צו דער מוטער און זאָגט צו איר: זע, דײַן זון לעבט!

ענלעכע ריטואַלן און צערעמאָניעס פון אויפלעבן טויטע זײַנען באַ־קאַנט בײַ אַ ריי פעלקער. אין אַלטן בבל האָט דער כהן געהיילט אַ באַזע־סענעם אָדער אַ שווער־קראַנקן אויף דעם גלײַכן אופן. מיט זײַן גאַנצן קערפּער האָט זיך דער כהן אַרויפגעלייגט אויפן קערפּער פון חולה און אַזוי אַרום געוואָלט פאַרטרײַבן דעם דעמאָן פון קראַנקייט. בשעת דער תנכישער מענטש האָט געגלייבט, אַז אַלע שטראָפן און קראַנקייטן קומען פון גאָט, דעם האַר פון וועלט־באַשאַף, און אַז דער נביא אָדער דער הייליקער מאַן איז נאָר זײַן שליח, וואָס קען געזונט מאַכן אָדער אַפילו מחיה מתים זײַן, האָט מען למשל געהאַלטן אינעם געצנדינערישן אַלטערטום, ווי בכלל אינעם פאָלקסגלויבן פון אַ סך פעלקער, אַז אָט די אַלע אָנשיקענישן קומען פון אַ בייזן רוח אָדער אַ דעמאָן, וואָס נעסטיקט זיך אײַן אינעם קערפּער פון חולה, און דער כהן פאַרטרײַבט אים מיט זײַן מאַגישן צערעמאָניאַל פון כּישוף פונעם קראַנקנס קערפּער. בײַ ייִדן איז דער נביא נישט קיין מכשף,

נאָר דער שליח פון גאָט, וואָס האָט צו דערפילן אין לעבן פון פאָלק אַ ריי רעליגיעז־עטישע און נאַציאָנאַלע אויפגאַבן. דער נס איז, על כּן, נישט גע־ווען קיין כּישופדיק־מאַגישער, נאָר דער פועל־יוצא פון דעם נביאס תּפילה און גאָטס רצון וואָר צו מאַכן די רייד פון זײַן נביא־שליח.

אונדזער דערציילונג צייכנט אָפּ אין גאָר שאַרפע און בולטע קאָנ־טורן די געשטאַלט פון דער אַמאָליקער פרוי אין ישׂראל. עס איז די אשת־חיל, די עקרת הבית, קלוג און טיכטיק, כאַראַקטערפעסט און גלייביק, גוט און גאַסטפרײַנדלעך. איר מוטער־ליבע איז גובר אַלע מיכשולים און צום סוף טריומפירט טאַקע איר גלויבן. נעבן איר פאַרשווינדט לגמרי איר מאַן. מען זעט אים קוים אַרויס. זײַן ראָלע איז אומבאַטײַטיק און טפלדיק. דער־הויבן איז דערפאַר די געשטאַלט פונעם נביא. מען דערזעט אים אין זײַן גאַנצער גרייס. אויף דער איינער זײַט איז ער תּקיפותדיק, האַרט און אומ־בייגעוודיק, אַ מענטש, וואָס טראָגט אויף זיך די שווערע און אחריותדיקע שליחות פון גאָט. אויף דער אַנדער זײַט איז ער דער גרויסער בעל־יסורים און באַגלײַך דער בעל־הרחמים, אַ מענטש מיט אַ גרויס, וואַרעם האַרץ, מיט אַ סך הומאַניטעט און טיפער רעליגיעזער עמאָציע. ער איז אַ ווערק־צײַג אין די הענט פון גאָט און טוט נאָר אַזוי ווי ער באַפעלט אים. אַז גאָט וויל מחיה מתים זײַן דאָס קינד, איז דער מוסר־השׂכל פון דער פרומער מעשׂה, ווערט ער דער שליח, וואָס פירט אויס די הומאַנע טאַט און גיט דערנאָך צוריק דאָס באַלעבטע קינד צו דער מוטער. ווי קנאַפּ און געמאָסטן זײַנען ווידער אַ מאָל די ווערטער פונעם דערציילער אין דער סאַמע לעצ־טער סצענע, בעת די פרוי וואַרפט זיך אַנידער מיט שטילער דאַנקבאַרקייט צו די פיס פונעם הייליקן מאַן און בוקט זיך צו דער ערד. נישט קיין אי־בעריק וואָרט ווערט דאָ געברויכט. אַלץ איז אַזוי נאַטירלעך און עכט, אינ־טים און פול מיט געמיט. דעם דאַנק צום נביא דריקט די גליקלעכע מוטער אויס אין איר געצוימטן שווײַגן. נאָר מיט אַזאַ אײַנגעהאַלטענעם סטיל האָט געקענט שרײַבן דער תּנכישער דערציילער און דערבײַ דערגרייכן דעם מאַקסימאַלן קינסטלערישן עפעקט.

*

ווי אַן עפּילאָג קלינגט דער סיפּור־המעשׂה אין מלכים ב׳, קאַפּ. ח׳, א—ו. דאָ האָבן מיר אפשר צו טאָן מיט אַ פראַגמענט פון אַ גרעסערער מעשׂה, וואָס דערציילט וועגן דער פרוי פון שונם און איר קינד, וואָס זײַ־נען געוועזן זיבן יאָר אין דער פרעמד, בשעת עס האָט געהערשט אַ הונגער אין לאַנד. וועגן איר מאַן ווערט דאָ שוין גאָרנישט מער דערמאָנט. אַז די

מוטער מיטן זון זײַנען נאָך אַזאַ לאַנגער צײַט צוריקגעקומען אַהיים, האָבן זיי געפונען, אַז פרעמדע האָבן בײַ זיי צוגענומען זייער הויז און פעלד. וואָס קען די פרוי מער טאָן, ווי זיך גיין משפטן פאַרן קעניג? האָט דאָך אין דער אַלטער צײַט געקענט יעדער באַוווינער און בירגער פון לאַנד אָנקומען צום קעניג און זיך פאַר אים באַקלאָגן, אויב עס איז אים געשען אַן עוולה. אַזוי גייט טאַקע די שונמית אַהין צום קעניג בעטן הילף. מאַכט זיך, אַז גראָד דעמאָלט האָט דער קעניג געשמועסט מיט אלישעס משרת, גיחזי, וועגן זײַן האַר. מסתמא האָט אלישע שוין דעמאָלט נישט מער געלעבט. האָט אים גיחזי דערציילט וועגן די מעשׂים און נסים פון אלישען און אַגב דערמאָנט די מעשׂה ווי אַזוי אלישע האָט אַמאָל לעבעדיק געמאַכט דאָס קינד פון דער שונמית. גראָד דעמאָלט קומט אָן די שונמית בעטן גערעכטיקייט בײַם קעניג. גיחזי באַמערקט זי און זאָגט צום קעניג: מײַן האַר קעניג, אָט דאָס איז די פרוי און דאָס איז איר זון וואָס אלישע האָט לעבעדיק געמאַכט. דער קעניג ווײַזט אַרויס דער פרוי אַ סך פאַראינטערעסירטקייט און פרעגט זי אויס וואָס עס האָט דעמאָלט פּאַסירט און זי דערציילט אים אַלצדינג גענוי. האָט איר, על כּן, דער קעניג גענייגט זײַן לײַטזעליקייט און אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל דער שונמית אַלץ אומקערן וואָס איז געווען אירס, אַפילו די אײַנקומענישן פון דעם טאָג וואָס זי האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד ביז איצונד.

אפשר וויל גאָר אָט דער סיפּור־המעשׂה אונדז לאָזן הערן אַ ווײַטערדיקן מוסר־השׂכּל, אַז דער נביא האָט נישט נאָר בײַם לעבן, נאָר אַפילו נאָכן טויט מיטיב געווען מיט דער שונמית פאַר דער שיינער מידה פון הכנסת־אורחים, וואָס זי האָט אים באַוויזן אַמאָל. דאָס איז דער אויסערגעוויינטלעכער כּוח פון דעם נביא אָדער שפּעטערדיקן צדיק, וואָס שטאַרבן נישט אָפּ מיטן פיזישן טויט און באַווײַזן נסים אַפילו נאָכן טויט.

פון יעדער שורה פון אונדזער מעשׂה לײַכט אַרויס די גרויסע מאָראַלישע פערזענלעכקייט פון אלישען, דעם געטלעכן שטרײַטער און מוכיח, דעם בעל־רחמים און קרבנות־גרייטן נביא און מורה־דרך, וואָס האָט זיך מיט זײַנע הערלעכע מעשׂים טיף אײַנגעקריצט אינעם האַרץ פון פאָלק. נעבן אים וואַקסט אויס יענע וווּנדערלעכע, אַנאָנימע געשטאַלט פון דער תּנכישער פרוי, גוט און פרום, קלוג און העראָיִש, — וואָס טרובאַדורן און פּאָעטן פון אַלע דורות האָבן זי באַזונגען מיט אַזוי פיל פּאָעטישן חן און זייערע לידער און זי דערהויבן ביז צום שטאַפּל פון אומשטאַרביקייט.

(1959)

חורבן און גאולה אינעם נביאישן חזיון

דאָס קאַפּיטל ירמיה ל״א איז אײנס פון די שענסטע, װוּנדערלעכסטע קאַפּיטלען פון דעם גרויסן נביא־מקונן, װאָס שטראַלט מיט אַ פּנימיותדיקן ליכט פון דערהײבונג און אַ שטאַרקן, אומבאַזיגלעכן גלויבן אין דער גאולה און װידעראויפריכטונג פון פאָלק ישׂראל. דערפון קענען מיר אַ היפּש ביסל אָפּלערנען אויף אונדזער הײַנטיקער אויפגערודערטער, יסורים־דיקער און באַגלײַך נסימדיקער צײַט נאָך דעם גרויסן אומקום אין די טראַגישע יאָרן תּרצ״ט—תּש״ה. װילן מיר דאָ באַלד מאַכן אַ באַװאָרעניש און זאָגן, אַז מיר זײַנען דאָ נישט אויסן קײן שום היסטאָרישע אַנאַלאָגיעס צװישן דעם גרויסן חורבן אין די צײַטן פון ירמיה הנביא און די ביטערע נסיונות און דעם פּאַרגײ, װאָס זײַנען אַזוי אימהדיק באַפאַלן דאָס ייִדישע פאָלק אין אונדזער דור, און װאָס האָט אויף דער אַנדער זײַט געפירט צו דעם נסימדיקן אויפקום פון דער מדינת ישׂראל. אַנאַלאָגיעס, בפרט אויפן װײַטן תּחום פון היסטאָרישע געשעענישן, זײַנען נישט תּמיד אַקוראַט און פּינקטלעך. נישט תּמיד איז דער נימשל גלײַך צום משל. פון דעסטװעגן זײַנען פאַר אונדז, דעם דור װאָס בויט אַ נײַ לעבן אויף די פלײצעס פון דער אַלטער הײם, אַן אמתע התגלות די רייד פול מיט טרײסט און אויפ־מונטערונג, װאָס דער נביא האָט געלאָזט הערן זײַנע בני־דור, און װאָס נישט געקוקט אויף דער יסורימדיקער און מוראדיקער צײַט, שפּאָרן זײ אָן מיט זײער דיכטערישן עלאַן און שװונג אין די סאַמע הויכקײטן פון אַן אויסגעחלומטער, שײנער און אידעאַלער צוקונפט. מאָלט אונדז טאַקע דער נביא אין זײַן עקסטאַטישער װיזיע נישט נאָר דעם שװערן באַרג־אַרויף פון שיבת ציון מיט אַלע זײַנע שטרויכלונגען און קריזיסן, נאָר עס צע־קלינגען זיך באַגלײַך אין זײַנע װערטער די פרייד און דערקװיקעניש פון אַ פאָלק, װאָס איז נאָך לאַנגע װאָגלענישן געקומען אַהײם און זיך גענומען מיט אימפּעט און עקשנות באַאַרבעטן די װיסטע ערד און בויען אַ נײַ לעבן אין זײַן אײגן לאַנד.

קוקן מיר זיך גענויער צו צו אונדזער קאַפּיטל, אַזוי זעען מיר װי עס צעפּאַלט זיך אין אַ רײ װוּנדערלעכע, עקסטאַטישע לידער, פול מיט

טרויער און האָפענונג, וואָס דער גרויסער נביא און ליריקער האָט אויס־געזונגען אין דער שטילקייט פון זײַן האַרץ נאָך דעם גרויסן חורבן. אין די דאָזיקע לידער ברענגט דער נביא אַ בשׂורה פון טרייסט און דער־וואַרטונג פאַר זײַן דערשלאָגן און געפּײַניקט פאָלק. אין זיי דערהייבט זיך דער נביא צו אַ גראַנדיאָזער זעונג, וואָס מאָלט אין גליִענדיקע פאַרבן און מיט אַ נשמהדיקן צאַפּל די גרויסע צוקונפט פון פאָלק נאָך דער שווערער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, וואָס איז באַפאַלן דאָס פאָלק פון יהודה אינעם יאָר 586 פאַר דער הײַנטיקער צײַט.

וואָס פאַר אַ צײַט איז דאָס בעצם געווען, ווען ירמיה האָט מיטן גאַנצן כּוח פון זײַן אָנגעווייטאָגט האַרץ געוועקט און אויפגעמונטערט זײַן פאָלק, אים אָנגעזאָגט די גרויסע בשׂורה פון ישועה און גאולה, וואָס וועט זײַן שענער און ליכטיקער ווי ווען עס איז אין דער פאַרגאַנגענהייט? לאָמיר זיך קורץ דערמאָנען אין וואָס פאַר אַ תּקופה פון דער יידישער געשיכטע מיר שטייען דאָ. ירמיהס נביאות נעמען בעצם אַרום די תּקופה פון יענעם גרויסן נאַציאָנאַלן קריזיס אינעם לעבן פון מלכות יהודה פאַרן חורבן. עס זײַנען אַריבער בערך אַ 150 יאָר זינט עס איז אונטערגעגאַנגען די צפונדיקע מלוכה ישׂראל מיט די עשׂרת השבטים, וואָס זײַנען געפאַלן אַ קרבן פון דעם גרויסן וועלט־באַצווינגער אשור (אַסיריע). בערך 110 יאָר שפּעטער איז אשור גופא געוואָרן צעקלאַפּט און אײַנגענומען פון דער נײַ־אויסגע־וואַקסענער וועלט־מאַכט בבל אין צפון־מיזרח. יהודה אין דרום פון ארץ־ישׂראל איז געבליבן אַ קליין, אָנמעכטיק מדינהלע, אַ שפּיל־באַל אין די הענט פון די גרויסע מלוכות, בעיקר פון מצרים און בבל, וואָס האָט דע־מאָלט באַהערשט דעם גאַנצן מיטעלן מיזרח. גיך האָט בבל אויך אַרויפגע־לייגט זײַן אײַזערנע האַנט אויף דאָס קליינטשיקע יהודה און צוגענומען בײַ איר די זעלבשטענדיקייט. צוזאַמען מיטן קעניג יהויכין האָט דער מעכטיקער קעניג פון בבל פאַרטריבן אַ גרויסן טייל פון די האַרן און די גבורים, די מייסטערס און שלאָסערס, אויסגעליידיקט ירושלים פון אַלע אירע אוצרות, אַזוי אַז עס איז נאָר פאַרבליבן אין לאַנד דאָס אָרעמסטע פאָלק. דער גורל פון פאַרלענדונג האָט שווער געהויערט איבער אַלעמענס קעפּ. אַ טראַגישער גורל האָט געוואַלט, ווי אַזוי אָפט אין דער געשיכטע, אַז אין אַ צײַט פון אַ גרויסער נאַציאָנאַלער סכּנה, איז געשטאַנען בראש פון דער מדינה אַ שוואַכער קעניג צדקיהו, וואָס איז אָבער געווען אַ פּאָליטישער געפאַנגענער פון זײַנע אייגענע הויפלײַט. נאָך לאַנגע פּאָליטישע אינטריגעס איז יהודה אָפּגעפאַלן פון בבל. עס איז געווען דאָס יאָר 587 פאַר אונדזער

צײַט. אומזיסט האָט דער נביא, וואָס האָט קלאָר געזען דעם פּאָליטישן מצב אין דער וועלט, געוואָרנט קעגן אָט דעם מסוכּנדיקן שריט, וואָס דער סוף דערפֿון קען נאָר באַטײַטן אומגליק און פֿאַרניכטונג סײַ פֿאַרן פֿאָלק און סײַ פֿאַרן לאַנד. מיטן גאַנצן כּוח פֿון זײַן גלויבן און דעם ברען פֿון זײַן וואָרעם הארץ, האָט ירמיה געקעמפֿט קעגן אָט דער אומזיניקער פּאָליטיק פֿון מרידה קעגן בבל און פֿאַרלאַנגט, אַז יהודה זאָל שלום מאַכן מיטן געדאַנק און זיך אונטערוואָרפֿן אונטער דער הערשאַפֿט פֿון בבל. דאָס איז געווען דער איינציקער, לאָגישער וועג, כּדי צו דערהאַלטן דאָס פֿאָלק און זײַן לאַנד, אַ קליין לענדל אויפֿן ברעג פֿונעם מיטללענדישן ים. נאָר אין אַ שלום מיט בבל ליגט דער שליסל פֿאַר זײַן ווײַטערדיקן קיום. אַפּטריניקייט מיינט מלחמה, וואָס וועט ברענגען בעל־כּרחו צעשטערונג און פֿאַרניכטונג פֿון אַלצדינג, וואָס איז אים, דעם נביא געווען אַזוי טײַער און צו וואָס ער האָט זיך געפֿילט צוגעבונדן מיט אַלע פֿעדעם פֿון זײַן וואַכיקן הארץ.

אָבער ווי אַזוי אָפֿט אין דער געשיכטע, האָבן אויך דאָ די וואָרנענדיקע, פֿלאַמענדיקע רייד פֿון דעם נביא, וואָס איז געווען טיף באַזאָרגט וועגן גורל פֿון זײַן פֿאָלק, זיך אָנגעשטויסן אויף טויבע אויערן. מען האָט אים נישט געהערט, אים נישט געוואָלט הערן. אַדרבא, ער, וואָס האָט אַזוי הייס ליב געהאַט זײַן פֿאָלק, ממש עד כּלות הנפש, איז גאָר געוואָרן באַשולדיקט אין פֿאַרראַט. דערפֿאַר האָט מען אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ תּפֿיסה, געפּײַניקט מיט אוממענטשלעכע יסורים און שיִער נישט געטייט.

די קאַטאַסטראָפֿע, וואָס דער נביא האָט פֿאָרויסגעזאָגט, האָט אויף זיך נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן. באַלד איז געקומען אַ סוף צו די אילוזיעס פֿון אַ לײַכטזיניקער, פֿאַרפֿירערישער פּאָליטיק פֿון שוואַכן קעניג צדקיהו און זײַן קריגס־פּאַרטיי אין ירושלים. איצט האָט בבל שוין נישט געקענט שווײַגן. מיט זייער גאַנצער מיליטערישער מאַכט זײַנען די בבלים באַפֿאַלן דאָס קליינע לאַנד פֿון יהודה און שווער באַשטראָפֿט דאָס פֿאָלק און זײַן קעניג פֿאַר זײַן אָפּטריניקייט. אויף דעם קליינעם, אָרעמען פֿאָלק פֿון יהודה האָבן זיך אַ שאָט געטאָן שווערע מהומות און הריגות; ווער עס איז געפֿאַלן פֿון דער שאַרף פֿון שווערד און ווער עס איז אומגעקומען פֿון הונגער און מגפֿות. אין יאָר 586 פּ.ד.ה.צ. האָבן די בבלים אײַנגענומען ירושלים און די שטאָט צוזאַמען מיטן בית־המיקדש זײַנען געוואָרן אָפּגעמעקט פֿון באָדן. גרויסע טיילן פֿון פֿאָלק זײַנען געוואָרן פֿאַרשלעפּט אין געפֿאַנגענשאַפֿט. אַ מוראדיקער ייאוש האָט אַרומגענומען דאָס פֿאָלק, אַן אומעט און טרויער האָט באַהערשט די געמיטער. אַ פֿינצטערע נאַכט האָט

אַראָפּגענידערט אויפן לאַנד און עס איז פון ערגעץ נישט געווען צו זען קיין שטראַל פון בטחון.

אָבער גראָד אינעם מאָמענט פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, אינעם ים פון חשכות, פון יסורים און אָנמעכטיקייט, איז געשטאַנען איין מענטש, שטאַרק ווי אַ דאָמב, אומגעבויגן און אומדערשראָקן, מיט אַ טיפן גלויבן אין זײַן געטלעכער שליחות. עס איז געווען דער נביא ירמיה: נישט אײַנגעבראָכן, שטאַרק און באַהאַרצט, מיט אַ ברען און גלויבן אין דער צוקונפט פון זײַן פאָלק. דווקא אין אַ צײַט פון שווערער נויט און פּײַן האָט זיך דער נביא פון זײַן ממעמקים דערהויבן צו אומגעווינטלעכע וויזיאָנע־רישע הייכן און געמאָלן אַ פּרעכטיק בילד פון זײַן אומשטאַרביק, אייביק פאָלק. דער גרויסער מוכיח פון אַמאָל מיט זײַנע שאַרפע, ביטערע שטראָף־רייד, איז איצט געוואָרן דער אייביקער טרייסטער און בעל־רחמים פון זײַן געפּײַניקט און אויסגעהרגעט פאָלק. דאָס אומגליק האָט תּהומותדיק אויפגע־טרייסלט זײַן האַרץ און אַזוי נעמט ער זיך, דער גרויסער בעל־יסורים, אײַנ־שטילן דעם שמאַרץ פון די געפּלאָגטע און באַרויִקן די צעווייטאָגטע געמיטער. צעקלינגען זיך טאַקע אין די לידער פון קאַפּיטל ל״א נײַע טענער, טענער פון האָפענונג און פון האָפערדיקער פרייד פאַר די רעשטלעך פון זײַן פאָלק. דווקא די מוראדיקע טראַגעדיע מיט אַלע אירע קאָנסעקווענצן פון חורבן און אונטערגאַנג, האָט געגעבן זײַן דיכטערישן דמיון אַ פרישן שוווּנג, גאָר אַ נײַעם אימפּולס, וואָס דער נביא האָט איצט מיט אַזוי פיל האַרץ און גלייבי־קער עקסטאַזע אויסגעזונגען אין זײַנע גאולה־לידער. שוין אינעם חורבן און פאַרגיי זעט דער נביא באַצײַטנס די שפּראָצונגען פון אַ נײַ לעבן, אינעם אונטערגאַנג דעם אָנהייב פון אַ פרישן אויפבלי און פון אַ באַנײַונג פון גאַנצן פאָלק.

טיף אינעם האַרץ פון נביא האָט געלעבט דער אומבאַזיגלעכער גלויבן, אַז הגם דאָס פאָלק האָט גאָט דערצערנט מיט זײַנע זינד און אָפּטריניקייט (דער נביא וואַרפט אַלץ כּסדר פאַר דעם פאָלק, אַז עס האָט בוגד געווען אינעם בונד מיט גאָט), פון דעסטוועגן האָט גאָט אין זײַן גרויסער דערבאַ־רעמקייט נישט אין גאַנצן אָוועקגעוואָרפן זײַן פאָלק. אַדרבא, זײַן ליבשאַפט צו אים איז נאָך ווײַטער זייער גרויס. זאָל נאָר דאָס פאָלק ישׂראל תּשובה טאָן, טאַקע מיטן גאַנצן האַרצן צוריקגעפינען זײַן וועג צו גאָט, אַזוי וועט אים גאָט באַשטימט מוחל זײַן אַלע זײַנע זינד און זײַן פאַרדאַרבונג. דער נביא איז בײַ זיך זיכער, אַז גאָט וועט אין זײַן גרימצאָרן נישט פאַרניכטן דאָס גאַנצע פאָלק. עס וועט תּמיד בלײַבן אַ קלענער, געזונטער קערנדל.

אַדרבא, נישט געקוקט אויף די שווערע נסיונות פונעם איצט, טאַקע אינעם סאַמע מיטן פון שרעק און אומגליק, דערזעט דער נביא שוין די שײַן פון דעם קומענדיקן גרויסן ליכט. זײַן אײביק־יונג האַרץ צעוואָרעמט זיך פון זײַן פלאַמיקן גלויבן און פון זײַנע טיפענישן רײַסן זיך אַרויס פרײלעכע טענער, טענער פון געזאַנג און שאַלונג לכבוד דער קומענדיקער גאולה. עס איז די התלהבות פון אַ גרויסער דיכטערישער נשמה, דער ברען פון אַ טיף־גלייביק האַרץ, וואָס מאָלט אונדז מיט גליִענדיקע פאַרבן די ישועה פון זײַן פאָלק וואָס האָלט בײַם קומען, און וואָס האָט אויך געפונען אַ הילכיקן אָפּקלאַנג אין אונדזער צײַט פון ווידערגעבורט און אויפריכטונג פון פאָלק אויף זײַן אייגענעם באָדן.

אַזוי מאָלט אונדז דער נביא, ממש מיט אַ פאַרכאַפּנדיקן אָטעם, אַ גראַנ־דיאָז בילד פונעם קומענדיקן גרויסן קיבוץ־גליות, מיט אַן אונטערשלאַק פון יסורים אָבער אויך פון טיפער פרייד, וואָס איז טאַקע מקוים געוואָרן אין אונדזערע טעג. עס איז אַ פּאַטעטיש בילד פון די פאַרוואָגלטע, וואָס קומען פון די ווײַטע לענדער, צווישן זיי קראַנקע און לאָמע, טראָגעדיקע און געווינערינס, איין גרויס פאָלק, וואָס קומט צוריק צו זיך אַהיים:

„זע, איך ברענג זיי פון צפון־לאַנד
און וועל זיי אײַנזאַמלען פון די עקן ערד;
צווישן זיי בלינדע און לאָמע,
טראָגעדיקע און געווינערינס אין איינעם;
אַ גרויס געזעמל וועלן זיי זיך אומקערן אַהער.״
(ל״א, ז׳).

מיט ליריש־צאַרטע טענער און אַ טיפן צאַפּל אין האַרץ מאָלט ער אונדז די וואונדערלעכע אײַנזאַמלונג פון פאָלק. עס איז ווידער אַ מאָל אַ בילד וואָס כּישופט מיט זײַן פאַרביקייט און זײַן וויזיאָנערישן אויסקוק. דער וועג פון גאולה איז אַ לאַנגער און אַ מידער. דערפאַר וועט גאָט פירן די אויסגעלייזטע בײַ קילע וואַסערן און אויף גלײַכע וועגן, אַז עס זאָלן נישט געשטרויכלט ווערן זייערע פיס. די פּאָטערלעכע האַנט פון גאָט וועט איבער זיי וואַכן:

„מיט געוויין וועלן זיי קומען,
און מיט רחמים וועל איך זיי ברענגען;
איך וועל זיי פירן בײַ טײַכן וואַסער,

אויף אַ וועג אַ גלײַכן אויף וואָס זיי וועלן נישט שטרויכלען;
וואָרום איך בין אַ פאָטער צו ישׂראל און אפרים, ער איז מײַן בכור.״
(ל״א, ח׳).

האָט אַמאָל ירמיה געמאָלט מיט פּינצטערע פאַרבן דעם ביטערן סוף וואָס וועט קומען, אַז פאַרשווינדן וועט פונעם לאַנד די שטים פון פרייד און געזאַנג, ווײַל „פוסט און וויסט וועט זײַן דער אָרט״, אַזוי פלײַסט ער זיך איצט צו טרייסטן זײַן פאָלק און מיט אַ פאָטערלעכער האַנט אָפּצווישן אַ טרער פון זײַן אויג. פול מיט אַנטציקונג איז זײַן שילדערונג פון דעם אויפגיי און באַנײַונג פונעם פאָלק לעתיד לבוא. אויב הײַנט איז דאָס לאַנד חרוב ומוחרב, וויסט דאָס לאַנד און זײַנע באַוווינער צום טייל אויסגע־הרגעט אָדער פאַרשלעפּט אין געפאַנגענשאַפט, אַזוי זעט שוין איצט דער נביא ווי עס וועט באַלד קומען אַ צײַט, ווען מחנות מענטשן, יונג און אַלט וועלן צוריקקומען אַהער, זיך באַזעצן אויפן לאַנד און ווידער אויפבויען די חורבות. באַפעלקערט וועלן ווידער ווערן די שטעט און דערפער און פון אומעטום וועט זיך הערן אַ שטים פון פרייד און פון געזאַנג. ווי אין דער אַלטער צײַט וועלן ווידער אַ מאָל בחורים און מיידלעך אַרויס אין אַ קאָ־ראַהאָד אונטער די טענער פון אַ פריילעכער מוזיק. אַ געשאַל פון פרייד און האָפערדיקייט וועט זיך טראָגן פון פעלד און אַקער, פון בערג און טאָל. „דאָס הויז פון יעקב יובלט, ווײַל עס איז געוואָרן אויסגעלייזט״.

„דענסטמאָל וועט די יונגפרוי זיך פרייען אין טאַנץ,
און בחורים און זקנים אין איינעם;
און איך וועל איבערקערן זייער טרויער אין פרייד,
און וועל זיי טרייסטן און זיי דערפרייען אין זייער טרויער.״
(ל״א, י״ב).

עס איז געווען אַ הערלעכע וויזיע פון דער צוקונפט, וואָס דער גרויסער נביא־טרייסטער האָט געחלומט אויף דער וואָר אין סאַמע מיטן פון אומ־קום און חורבן.

אָבער די גאולה, וואָס דער נביא זאָגט אָן מיט אַזוי פיל צאַרטער בענק־שאַפט און טיפער אמונה, איז נאָך גאָר ווײַט. די אמתעווירקלעכקייט איז האַרט און מוראדיק פינצטער. אַרום איז חורבן און פאַרניכטונג. אויף די וועגן וואָס פירן קיין מיזרח ציִען מחנות פון מידע, אויסגעהונגערטע און געפּײַ־ניקטע מענער און פרויען, וואָס דער שׂונא שלעפּט אין געפאַנגענשאַפט

קיין בבל. דאָס האָרץ פונעם נביא ווערט צעריסן אויף שטיקער, בשעת ער דערזעט די טרויעריקע ווירקלעכקייט אין איר איינפּנימדיקער גרויל. אין טיף־אויפגערודערטע ווערטער שילדערט ער אונדז אַ שטיק טראַגישע יידישע גורלדיקייט אין דער פּערספּעקטיווע פון דער יידישער אייביקייט. עס איז דער לייד־מאָטיוו, וואָס ציט זיך ווי אַ דינער פאָדעם פון די סאַמע אָנהייבן פון דער יידישער געשיכטע. פאַר זײַנע אויגן שטייט די לײַדנדיקע מוטער רחל, וואָס באַוויינט ביטער דעם טראַגישן גורל פון אירע אומ־גליקלעכע קינדער און מאָנט געטלעכן יושר פאַר זיי. זייערע צרות לאָזן איר נישט קיין רו! עס איז אַ פּאַטעטיש בילד, אײַנדריקלעך און שטימונגס־פול. אין רמה, דאָרט ווו רחל האָט אין דער גאָר ווײַטער אַמאָליקייט אויסגעהויכט איר נשמה בײַ דער געבורט פון איר בן־זקונים בנימין, הערט דער נביא מיט אַ ציטער אין האַרץ אַ קול פון ביטערן געוויין און פון קלאָגן. דאָס אומגליק איז ממש נישט צו דערטראָגן. פון וואַנען זאָל זי איצט שעפּן כוח און בטחון?

„אַ קול ווערט אין רמה געהערט,
אַ געיאָמער, אַ ביטער געוויין
רחל וויינט אויף אירע קינדער,
זי וויל זיך נישט טרייסטן נאָך אירע קינדער, וואָס זײַנען נישטאָ מער.״
(ל״א, י״ד).

אָבער ווי גרויס עס זאָל נישט זײַן דער פּאָלקס־בראָך, ווי שווער עס זאָלן נישט זײַן די לײַדן, דער נביא טאָר זיך נישט מיאש זײַן. ער מוז בלײַבן אומגעבויגן און שטאַנדהאַפטיק אין זײַן שליחות. ווידער אַ מאָל געפינט ער ווערטער פון טרייסט און האָפענונג פאַר דער אומגליקלעכער מוטער וועמענס ווייגעשריי האָט אים אַזוי טיף אויפגעציטערט. עס איז דער אייביקייטס־דיאַלאָג, וואָס די בעסטע זין פון דער מענטשהייט פירן, און בתוכם טאַקע די יידן, מיט זיך און מיט זייער גאָט אין פאַרלויף פון דער געשיכטע. עס איז מרידה און הכנעה פונעם שוואַכן, זינדיקן מענטש לגבי דער איבערנאַטירלעכער מאַכט, וואָס באַשטימט זײַן גורל און דעם גורל פונעם כלל־מענטשהייט. אַזוי קומט אויך דאָ דער גרויסער טרייסטער און בעל־רחמים און רופט אויס צו דער מוטער רחל פול מיט דערבאַרע־מונג און בטחון:

„פאַרמײַד דײַן קול פון געוויין
און דײַנע אויגן פון טרערן,

וואָרום פאַראַן אַ לוין פאַר דײַן מי, זאָגט גאָט;
און זיי וועלן זיך אומקערן פון לאַנד פון דעם שׂונא.'
(ל״א, ט״ו).

עס איז פאַר דעם נביא למעלה פון יעדן ספק, אַז גאָט קען נישט צערנען זײַן פאָלק אויף אייביק, אַז קומען מוז באַלד די גאולה. ווען טאַקע די קומענדיקע גאולה זײַן לויט דער קאָנצעפּציע פון דער נבואה, אַ גאַנצע און אַ שלמותדיקע. דער ריס וואָס איז פאָרגעקומען אין די צײַטן פון רחבעם המלך, דער זון פון שלמהן, ווען אפרים אין צפון האָט זיך אָפּ־געריסן פון יהודהן אין דרום, וועט סוף־כל־סוף ווערן געהיילט. עס וועט ווידער אַ מאָל זײַן איין גאַנץ פאָלק. צוזאַמען מיט יהודה וועט אויך קומען די ישועה פאַר אפרים, וואָס איז דאָך דער בן־יקיר, דער ליבלינג פון גאָט. ווי אַמאָל אין ווײַטן עבר וועט אויך איצט אַ בשותּפותדיקער גורל פאַר־בינדן די בײדע פאָלקס־טיילן און זיי וועלן ווידער זײַן איינס אין דער צו־קונפט. האָט דאָך שוין, ווי מיר וויסן הײַנט, דער רעפאָרמאַטאָר־קעניג יאשיהו פון יהודה (639—609 פ.ד.ה.צ.) אָנגעהויבן מיט דער ווײַטזיכטיקער פּאָליטיק פון פאַראייניקן שומרון אין צפון (נאָכן גלות אַשור) מיט יהודהן אין דרום, אַן אַקט, וואָס אויב ער וואָלט געווען אָפּגעגליקט, וואָלט ער נישט ווינציק משפּיע געווען אויפן ווײַטערדיקן גאַנג פון דער ייִדישער געשיכטע. צום באַדויער איז אָבער יאשיהו צו פרי אַוועק פון דער וועלט און זײַן גרויסער חלום האָט זיך נישט דערפילט. זײַן אַרבעט איז געוואָרן איבערגעריסן אין סאַמע מיטן. פאַר ירמיהן, זעט זיך אויס, וואָס האָט זיך מיט אַ וואַכיק אויג צוגעקוקט צו די געשעענישן אין לאַנד, איז דער דאָזי־קער אַמביציעזער פּאָליטישער שריט געווען אַ סימן פון מזל און ברכה פאַר דער צוקונפט, דער אָנהייב פון זײַן גרויסן נאַציאָנאַלן חלום. ער האָט, על כּן, טיף אין זײַן האַרץ שפּעטער נאָך געטראָגן דעם גלויבן, אַז קו־מען וועט די פאַראייניקונג פון די צעשפּליטערטע טיילן פון פאָלק און אַז אויפשטיין וועט ווידער אַ מאָל די גרויסע ייִדישע מלוכה, ווען אפרים וועט צוזאַמען גיין מיט יהודה און פון דאָס נײַ שאַפן די פונעם נביא אויסגע־חלומטע נאַציאָנאַלע גאַנצקייט.

גרויס איז געווען די ליבשאַפט און שטאַרק די בענקשאַפט פונעם נביא צו אפרימען, דעם טײַערן זון פון גאָט. טראַכט ער פון זײַן ליבן אפרים, דעם פאַרלוירן געגאַנגענעם טייל פון פאָלק, אַזוי שטורעמט זײַן האַרץ פון אומרו און ווייטאָג וועגן זײַן ביטערן גורל:

„איז מיר אַ טײַערער זון אפרים,
צי אַ קינד אַ געצערטלטס ?
ווארום ווי נאָר איך רעד פון אים, בענקען בענק איך נאָך אים,
דערום ברומען מײַנע אינגעווייד צו אים,
דערבאַרעמען וועל איך מיך איבער אים, זאָגט גאָט.״
(ל״א, י״ט).

*

לאָמיר זיך נאָך צום סוף אָפּשטעלן אויף אַ קליינע ווײַל אויף דעם ממש רעוואָלוציאָנערן געדאַנק פון דעם „נײַעם בונד״ (ל״א, ל-ל״ג) פונעם נביא, וואָס האָט אין די שפּעטערדיקע דורות אַרויסגערופן אַ שטורעמדיקן וויכוח און אָפּגעהילכט ווײַט און ברייט אין די אַנאַלן פון די גרויסע וועלט־רעליגיעס. עס איז בעצם אַן עסכאַטאָלאָגישע, אַ משיחישע קאָנצעפּציע פון אונדזער נביא־וויזיאָנער, וואָס דווקא אין אַ צײַט פון דאגה און בהלה קומט ער אָנזאָגן די ווונדערלעכע בשורה פון אַ „נײַעם ברית״, וואָס גאָט וועט אָפּשליסן מיט זײַן פאָלק אין די ווײַטע טעג, אינעם אחרית הימים.

ווי מיר ווייסן פון דעם נביאס שטראָפרייד, האָט דאָס פאָלק געהאַט געבראָכן דעם אַלטן ברית, וואָס גאָט האָט געשלאָסן מיט זײַנע אָבות, בשעת ער האָט זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים. דאָס פאָלק האָט אָבער בוגד געווען אין גאָט און פאַרשוועכט זײַן בונד. עס איז אָבער געווען, וויל דער נביא טרייסטן זײַן פאָלק, אַ קורצצײַטיקער, אַ פאַרגייִיקער ברית. אויף זײַן אָרט וועט איצט קומען אַ נײַער ברית, אַ לאַנגדויעריקער, אַ פּערמאַנענטער, אַן אייביקער ברית. נאָך מער, עס וועט זײַן אַ ברית, וואָס גאָט וועט שליסן מיטן הארץ פון מענטש, לויטער פּנימיות, סאַמע רוחניות. ערשט דעמאָלט וועט זיך דער מענטש אומקערן צו גאָט מיט זײַן גאַנץ הארץ און מיט דער ריינקייט פון דער נשמה, און גאָט וועט אים פאַרגעבן אַלע זײַנע זינד און פאַרדאַרבונג. להיפוך צו דעם אַלטן, ביזאיצטיקן ברית, וועט דער נײַער האָבן די מעלה, וואָס גאָט וועט דאָס מאָל אַרײַנלייגן זײַן תורה, וואָס באַשטייט פון טויטע אותיות, נאָר אַ לעבעדיקע, אַ פריש־קוואַליקע, וואָס שטראָמט פון די טיפעניש פונעם מענטשלעכן האַרץ. „און זיי וועלן מער נישט לערנען איטלעכער זײַן חבר און איטלעכער זײַן ברודער, אַזוי צו זאָגן: קענט גאָט! ווארום זיי אַלע וועלן מיך קענען, פון זייער קלענסטן ביז זייער גרעסטן, זאָגט גאָט!״ (ל״א, ל״ג). עס איז אַ

תורה שבלב, לויטער רוחניות און אייביקער אמת, דער העכסטער שטאַפּל פון טיפסטער ריינקייט און גאָט־דערקענטעניש.

אָט די גראַנדיאָזע אחרית־הימים וויזיע פונעם נביא וואָס האָט ווי אַ געטלעכער עמוד־אש באַגלייט און געצערטלט דעם רעליגיעזן געדאַנק פון דער מענטשהייט אויפן וועג פון איר לאַנגער אַנטוויקלונג, איז דווקא גע־בוירן געוואָרן אויף די בערג פון יהודה אין אַ צײַט פון אַ גרויסן גײַסטיקן קריזיס און אַ שווערן גרעאַנגל פאַרן קיום. מיט דעם ברען פון אַ גאון האָט זיך דער נביא דערהויבן צו אַזאַ גײַסטיקער הייך פון וואַנען ער האָט געקענט מיט זײַן וויזיאָנערישן אויג אַריבערקוקן איבער צײַטן און וועלטן און אַריבערוואַרפן בריקן איבער שטחים און פעלקער עד סוף כל הדורות. עס איז, וויל זיך דוכטן, אַן אחרית־הימים שטימונג מיט אַ שטאַרקן אונטער־שלאַק פון אַ קאָנקרעטער איצטיקייט. דאָס פאָלק טאָר זיך נישט בײַ קיין שום אופן מיאש זיין. ליגט טאַקע ירושלים אין חורבות, דער מקום קדוש פאַרברענט און דאָס פאָלק איז פאַרטריבן, קומט דער נביא מיט זײַן ליכ־טיקער בשורה, אַז פון די חורבות וועט אויפגיין אַ גרויס ליכט, אַ באַנײַטער גײַסט, וואָס וועט זײַן דער יסוד פאַר דער נײַער, אינטימער רעלאַציע צווישן גאָט און זײַן פאָלק ישראל. אויף אַזאַ אופן קומט אויף די קאָנ־צעפּציע פונעם נײַעם בונד צווישן גאָט און זײַן באַנײַט, פאַריונגט פאָלק. עס איז אַ בונד פון אַן אייביקער, ספּיריטועלער געטרײַשאַפט וואָס שטייט אָן אַ פאַרגלײַך העכער פון דעם געשריבענעם וואָרט. קיין שום האַנט פון אַן אכזריותדיקן שונא וועט נישט מער זײַן בכוח צו צעשטערן די ווערטער פו־נעם נײַעם בונד, מחמת זיי וועלן זײַן טיף אײַנגעגראָבן אינעם הארץ פון מענטש. די נאַקעטע, רויע פויסט וועט איבער אים שוין מער נישט האָבן קיין שליטה. עס איז אַ גוואַלדיקע מעטאַמאָרפאָזע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט: דאָס צײַטלעכע און סופיקע ווערט איצט אין־סופיק, ספּי־ריטועל־אייביק.

ווי מיר ווייסן האָט דער געדאַנק פונעם „נײַעם בונד״, פון דער ספּי־ריטועלער באַנײַונג פון מענטש, געפונען אַ הילכיקן אָפּקלאַנג אין דער געשיכטע פון קריסטנטום און איז געוואָרן דער עמוד־התווך פון דער גאַנ־צער קריסטלעכער לערע. האָט זיך דאָך דאָס קריסטנטום באַטראַכט ווי דער לאַגישער המשך און אַפילו השלמה פונעם תנכישן ייִדנטום און אויף אַזאַ אופן גענומען פאַרלויפן דעם וועג דער שפּעטערדיקער, אמתדיקער ייִדישקייט. מען האָט, על כן, גענומען ריידן פון דעם „אַלטן בונד״ מיט זײַן „טויטן אות״, וואָס גאָט האָט אָפּגעוואָרפן און וואָס ישו, זײַן זון, איז

געקומען פאַרבײַטן מיטן „נײַעם בונד״, געשאַפן מיט רוח־הקודש, ממש אין קדושה און טהרה. אין ישו האָט דאָס קריסטנטום געזען די רעאַלי־זאַציע פון דעם גרויסן מבשׂר פונעם נײַעם בונד מיט גאָט, זײַן ערב און שליח, וואָס איז געוואָרן אַראָפּגעשיקט פון הימל צו ברענגען דער וועלט די בשׂורה פונעם נײַעם בונד און דערלייזונג.

ווי דאָס זאָל אָבער נישט זײַן, איינס איז קלאָר: אין אַ צײַט פון שווע־רע מהומות און יסורים אין יהודה, האָט דער גאונישער נביא אָנגעשפּאַרט מיט זײַן אָדלער־שווונג אויף גוואַלדיקע הייכן און פון דאָרט געוויזן דעם פאָלק דעם דרך צו נצחיות. עס איז אַ וועג אויף וועלכן עס דאַרף גיין נישט מיטן כּוח פון אַ געטלעכן שליח אָדער אַן ערב (ווײַל יעדער ייִד באַזונדער, האָבן אונדזז אונדזערע חכמים געלערנט, איז אַן ערב פאַרן אַנדערן), נאָר מיטן כּוח פון זײַן פּײַערדיקער גאָט־נאָענטשאַפט און טי־פער גאָט־דערקענטעניש. ריינקייט פון האַרץ און מעשׂים טובים, אמתע תּשובה און גוטע מידות, זײַנען די קאָמפּאָנענטן פון אָט דער רעלאַציע פון מענטש צו גאָט. דער נײַער בונד וואָס ירמיה האָט פאַרטראַכט בײַם סוף פון בית ראשון איז אַן אַפּאָטעאָז אויף זײַן פאָלק אין זײַן שווערן געראַנגל פאַר נצחיות. ער איז אויך באַגלײַך אַן אַקט פון גאָט און זײַן פאָלק, וואָס פירט אינעם סוף פון די צײַטן צו דער אויפריכטעניש פון דעם נביאישן חזיון פון אַ מלכות שדי אויף דער וועלט.

(1963)

פֿאָרשונגען און ליטעראַטור

דער ייִדישער מדרש צו פּרקי אבות

בערך אַרום דעם יאָר 1600 דערשײַנט צום ערשטן מאָל די „צאינה וראינה”, די קלאַסישע „ווײַבערשע תורה”, ווי עס רופט זי אָן ישׂראל צינבערג, פון ר׳ יעקב אשכּנזי פון יאַנאָווע. לאָמיר דאָ תּיכּף דערמאָנען, אַז די עלטסטע ביז איצט אויפגעהיטע אויסגאַבע איז די באַזעלער פון 1622, וואָס איז אָבער שוין געווען די דריטע. איז על כּן אַ סברא, אַז די ערשטע אויסגאַבע פון דער „צאינה וראינה” האָט זיך באַוויזן אין דרוק אַרום 1600 אָדער נאָך פריִער אין פּוילן. האָבן מיר ביז איצט געמיינט, אַז ר׳ יעקב אשכּנזיס מדרש און פאַרטײַטשונג פון חומש מיט די הפטורות און פינף מגילות פאַר דער ייִדישער פרוי און דעם פּראָסטן עולם, איז געווען אַן איינ־מאַליקער אויפטו אויפן געביט פון דער רעליגיעזער פאָלקס־ליטעראַטור אין ייִדיש. קומט אָבער צוגיין דער כּ״י פּאַריז פון די פּרקי אבות און לערנט אונדז אָפּ, אַז שוין מיט קײַלעכדיקע 25 יאָר פאַר דעם (און אפשר נאָך אַ ביסל פריִער), האָט ר׳ אַנשל לוי אָנגעשריבן גאָר אַן אינטערעסאַנטן מדרש אין ייִדיש צו די פּרקי אבות, וואָס קען זייער גוט אויפנעמען דעם פאַרגלײַך מיט דעם מאָנומענטאַלן פאָלקס־בוך פון ר׳ יעקב אשכּנזי.

פרעגן מיר זיך, וואָס איז ר׳ אַנשל לוי דער מחבר פונעם מדרש צו די פּרקי אבות אויסן געווען, און בעיקר, וואָס פאַר אַ שטייגער מדרש אין לשון אשכּנזי איז דאָס? אָבער קודם־כּל לאָמיר געבן אַ פּאָר פּרטים וועגן דעם כּ״י און זײַן מחבר.

דער יקר־המציאותדיקער כּ״י פון די פּרקים געפינט זיך אין דער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אין פּאַריז און איז פאַרצייכנט אונטער .Hebr. 589 אָנגעשריבן האָט אים אַנשל לוי אינעם לעצטן פערטל פונעם 16טן יאָר־הונדערט (פאַרענדיקט אין יאָר 1579) אין איטאַליע פאַר זײַן פּאַטראָנעסע פּערלן בת שמואל פּווישה.

דער מחבר אַנשל לוי האָט געשטאַמט פון דײַטשלאַנד, פון וואַנען ער איז אַריבערגעקומען קיין אויבער־איטאַליע ווי אַ סך אַנדערע דײַטשע ייִדן, און איז שוין דאָרט געוויס פאַרבליבן. לאָמיר דאָ נאָך דערמאָנען, אַז אויבער־איטאַליע (אָדער ווי מען האָט עס אויף אַלט־ייִדיש אָנגערופן:

וועלש־לאַנד) איז געווען אין משך פון דורות אַן אימיגראַציע־לאַנד פאַר דײַטשע ייִדן. אין דײַטשלאַנד איז דער מצב פאַר ייִדן געווען בלי ספק אַ שווערערער און פרנסה גאַר בדוחק. אין איטאַליע האָט זיך דעמאָלט לאַין ערך געלעבט בעסער און רויִקער. עס זײַנען געווען אַ רײ גוט־אײַנגע־פונדעוועטע, אשכנזישע קהילות, באַקאַנטע מקום־תורהס, מיט ישיבות און גרויסע רבנים און אַ שטאַרק פּולסירנדיק גײַסטיק לעבן, וואָס האָט בלי ספק צוגעצויגן אַ סך ייִדן פון דער פרעמד. כּלי־קודש פון דײַטשלאַנד, און נישט זעלטן אויך זעצערס און דרוקערס האָבן זיך דאָרט געקענט לײַכטער אײַנאָרדענען. אַזוי למשל ווייסן מיר, אַז דער באַוווּסטער בעל־מדקדק, דער לעקסיקאָגראַף און ייִדישער דיכטער, אליהו בחור לעוויטאַ, איז שוין גאַר פרי (אַרום דעם סוף פון 15טן יאָרה.) אויסגעוואַנדערט פון דײַטשלאַנד קיין איטאַליע און דערנאָך געוווינט אין ווענעציע, פּאַדוּאַ און רוים.

ווי אַ סך פון זײַנע בני־דור איז אונדזער מחבר אַנשל לוי אַריבער־געקומען פון דײַטשלאַנד קיין וועלש־לאַנד צו זוכן פרנסה. אַחוץ אַ שרײַבער, איז ער אויך געווען מסתּמא אַ קאָפּיסט פון כּתב־ידן און דערפון געפּרוּווט צו מאַכן אַ לעבן. עס קען גאַר געמאָלט זײַן, אַז ער איז אויך דערצו נאָך געווען אַ מלמד און פון די אַלע מלאכות געהאָט פרנסה בדוחק. האָבן מיר אפשר אַן אָנצוהערעניש אויף זײַן מלומדות, אין דער משנה אבות, ד׳, ה׳. פאַרטײַטשט ער די סענטענץ אין דער משנה אַז מען זאָל נישט מאַכן פון דער תּורה „קרדום לחפור בה״: „און אײנער זאָל אויך נישט דרום תּורה לערנען, דאָס ער פיל געלט דערמיט געווינען און וועלט זיך מיט דער תּורה דער נערן... אײן איטלעכער מיינט רײך צו ווערדן״, און איז דערצו מוסיף מיט אַ באַהאַלטענער איראָניע: „און אַל מײַנע פײַנד זאָלן זיך דערנערן מיט קנעלן.״ (אויסלייג מאָדערניזירט).

אַנשל לוי איז בלי ספק געווען אַ שײנער תּלמיד־חכם, ווי עס האָט דעמאָלט געפּאַסט פאַר אַ דײַטשן ייִד. ער איז געווען, זעט זיך אויס, אַ בקי נישט נאָר אין תּלמוד און אין די מדרשים, נאָר אויך אין דער רבנישער ליטעראַטור פון מיטל־עלטער. ווי מיר קענען אָפּלערנען פון זײַנע הערות און אויספירן בײַם פאַרטײַטשן די פרקי־אבות, איז ער אויך געווען באַ־האַוונט אין דער שײנער ליטעראַטור סײַ אין העברעיש און סײַ אין ייִדיש פון זײַן צײַט. הקיצור, ער איז געווען אַ ייִדיש־געבילדעטער מענטש, ווײַט פון בטלנות, מיט אַ ברייטער ידיעה אין הוויות העולם, דערצו טאַקע שטאַרק פרום אָבער נישט פאַנאַטיש, און מיט אַ חוש פאַר הומאָר.

ווי אַ סך פון זײַנע בני־דור האָט אַנשל לוי געוואָלט דינען מיט זײַן

חיבור דער גאָטספאַרכטיקער ייִדישער פרוי און דעם פּראָסטן עולם, דעם ייִשובניק און בעל־מלאכה, וואָס האָבן זיך נישט אַזוי לײַכט פונאַנדערגע־קליבן אין די דריבנע אותיות. פּונקט אַזוי ווי דער מחבר פון דער „לאַנגער מגילה", וואָס איז בעצם געווען אַן אָנזאָג פון אַ נײַעם מדרש־נוסח אין דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור, אָדער יהודה־לייב ברעשס קרעמאָנער חומש־אויסגאַבע (1560), צי דער מחבר פון דער „צאינה וראינה", אַזוי איז אויך אַנשל לוי, „דער אָרעמער שרײַבער, דינער פון אַלע פרומע ווײַבער" (ווי עס איז געווען בדרך כּלל דער טיטל פון די אַלט־ייִדישע שרײַבערס), אויסן גע־ווען צו מאַכן פון די פּרקי אבות אַ פּאָפּולער פאָלקס־בוך, וואָס זאָל זײַן צוטריטלעך פאַר דעם פּראָסטן ייִדישן לייענער. אַחוץ אַ שרײַבער איז ער אויך געווען אַן איבערזעצער, באַאַרבעטער און זאַמלער פון מעשׂיות, וואָס ער האָט מסתּמא צונויפגעשטעלט ווי אַ הוספה צום מדרש פון פּרקי אבות פאַר זײַן פּאַטראָנעסע.

אַנשל לוי איז טאַקע דער מחבר פון אונדזער יקר־המציאותדיקן כּתב־יד, וואָס באַשטייט פון צוויי חלקים, וואָס דערגאַנצן זיך אײנס דאָס אַנדערע. לאָמיר נאָך דערמאָנען, אַז צווישן די אָט־אָ צוויי חלקים געפינען מיר נאָך די קליינע שפּילמענישע פּאָעמע „עקידת יצחק" אָדער „ייִדישער שטאָם", וואָס אַנשל לוי האָט קאָפּירט און אַרײַנגענומען אין זײַן ספר. די דערמאָנטע צוויי חלקים זײַנען אין זיך כּולל: א. אַ מדרש צו די פּרקי אבות. ב. אַ צוגאָב־קאָלעקציע פון 29 מעשׂיות פון אַ מוסרדיק־דידאַקטישן כאַראַקטער.

אויב די „צאינה וראינה" איז אַ „ווײַבערשע תּורה", איז אַנשל לויס חיבור אַ „ווײַבערשער פּרקי אבות" מיט אַלע פּרטים. עס איז אַ פאַר־טײַטשטער פּרקי־אבות, אַ „טײַטש חומש" פון די פּרקים, וואָס מען דאַרף זאָגן יעדן שבת נאָכמיטאָג זומערצײַט. די פאַרטײַטשונג פון טעקסט איז אַ פאָלקסטימלעכע, די שפּראַך, הגם לומדיש, איז לײַכט און פליסיק. שיינע מעשׂיות און משלים, אגדות פון תּלמוד און פון דער שפּעטערדיקער העב־רעיִשער ליטעראַטור זײַנען קונציק אַרײַנגעוועבט אינעם טעקסט און מאַכן דערפון אַ ליטעראַרישע גאַנצקייט.

באַשטייט טאַקע דער מדרש צו די „פּרקי־אבות", שוין לויט זײַן רעליגיעז־פרומען כאַראַקטער, פון מוסר און גאָטספאַרכטיקער התנהגות, האָט מען אָבער דעם דעמאָלטיקן עולם נישט געקענט האַלטן מיט בלויז פרומקייט און מוסר. עס האָט זיך אויך אַ מאָל געוואָלט הערן אַ פריילעכע מעשׂה מיט אַ שטיף און אַ ביסל פאַרשײַטקייט — און דאָס איז אונדז געקומען געבן די צוגאָב־קאָלעקציע פון אַ שפּאָר ביסל וועלטלעכע מעשׂיות,

וואָס געפינען זיך אין צווייטן חלק פון כתב־יד. נעבן מוסר־זאָגן האָט מען אויך געוואָלט אונטערהאַלטן און אַמוזירן דעם עולם. שטויסן מיר זיך טאַקע דאָ אָן אין מעשׂה־שטאָפן פון דער פרעמד, וואָס זײַנען בלי ספק געווען שטאַרק פּאָפּולער אויף דער ייִדישער גאַס.

דעם גאַנצן ספר האָט אַנשל לוי אָנגעשריבן פאַר זײַן פּאַטראָנעסע פערלן, וועמען דער חיבור איז אויך געהייליקט. בײַם סוף פון כתב־יד געפינט זיך אַ געגראַמטע דעדיקאַציע פון אונדזער שרײַבער, דעם „דינער פון אַלע פרומע ווײַבער" צו זײַן נדבן־מעצענאַטין פערלן, וואָס הייבט זיך אָן מיט אָט די שורות:

„בעזרת שוכן שחקים, האָב איך טאָן שרײַבן די פּרקים

דער ערבארן אונ׳ וואָל גיבורן, אויז אַלע ווייבער אויז דער קורן"... (טעקסט מאָדערניזירט).

און עס קומט אַ לאַנגער צעטל, וואָס רעכנט אויס די מעלות און גוטע מידות פון זײַן פּאַטראָנעסע. דער מחבר דערציילט, אַז זי איז „אויסדערווײלט פון אַלע איבעריקע פרויען מיט חכמה און פּיקחות, מיט ענערגיע און פלײַס..". ער רימט אירע מידות טובות און גרויסע מעלות. זי איז אַחוץ אַלעם אַ קענעוודיקע פרוי און פאַרנעמט זיך מיט לייענען און שרײַבן. דערצו טאַקע אַן אשת־חיל, רירעוודיק, טיכטיק און פלײַסיק. זי נייט און שפּינט, היט אָפּ די מיצוות פון חלה־נעמען און טבילה, און גייט אין שול אַרײַן יעדן פרימאָרגן און אין אָוונט.

פאַר אָט די אַלע מעלות טובות און מיצוות וואָס זי טוט, וועט איר טאַקע גאָט באַשערן אַ סך עשירות און כבוד, און אין זכות פון איר צדקה (אפשר אַן אָנצוהערעניש אויף דער תמיכה פאַר אונדזער שרײַבער) וועט זי זוכה זײַן צו אַ לאַנג לעבן.

ערשט נאָך דעם לאַנגן צעטל פון שבחים, איז דער מחבר פאַר אונדז מגלה דעם נאָמען פון זײַן פּאַטראָנעסע און ווער איר משפחה איז. זי הייסט פערלן, משה האָט געהייסן איר שווער, שמואל פּווישה איר פאָטער און מרת הענדל איר מוטער, און ער איז מוסיף, אַז „איר מאַן כמר וואָלפין לוי היישט, אַזוי איז זי הול גיקריישט" (אַזוי האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן בײַ דער צערעמאָניע פון האָלקרייש).

ווילן מיר דאָ אויף אַ רגע אָפּגייגן פון דער הויפּט־טעמע און זיך אָפּשטעלן אויף דער אויסטערלישער צערעמאָניע פון האָלקרייש, וואָס איז געווען אַמאָל פאַרשפּרייט בײַ די ייִדן אין דײַטשלאַנד. מיר האָבן דאָ צו טאָן, ווי אַזוי אָפט, מיט אַ מינהג, וואָס ווײַזט אויף השפּעות פון דער

פרעמד. מיר ווייסן, אַז אין משך פונעם מיטל־עלטער האָבן זיך געהאַט קונה שביתה געווען אינעם יידישן פאָלקסדמיון כּל־המינים גלייבענישן און זאַבאַבאָנעס, נעמען פון רוחות און מכשפות פון דעם גויישן אַרום. ביי די אַלטע טעווטאָנען איז פאַראַן אַ פאָרשטעלונג פון אַ מיאוסער מכשפה מיטן נאָמען Holle (Holle locke) וואָס כאַפּט ניי־געבוירענע קינדער און פאַרשלינגט זיי. האָבן זיך יידן באַנוצט, זעט זיך אויס, מיט אַ סגולה קעגן אָט דעם מכשפה־דעמאָן (אַ קרוב מן הסתם צו לילית און צו אַ סך אַנדערע בייזע רוחות). שוין אין פריען 14טן יאָרהונדערט טרעפן מיר זיך אָן מיט דער צערעמאָניע פון „האָלקרייש" ביי יידן אין דייטשלאַנד. מען גיט דעם קינד נעבן זיין יידישן נאָמען אויך נאָך אַ וועלטלעכן נאָמען, אפשר טאַקע כּדי אויף אַזאַ אופן צו באַגיטיקן אָדער גאָר אָפּוועדן דעם מכשפה־דעמאָן, אַז ער זאָל דעם קינד נישט אָנטאָן קיין בייז. ווי דאָס זאָל נישט זיין, ביי דער צערעמאָניע הייבט מען דאָס קינד דריי מאָל נאָך אַנאַנד אויף אין דער לופט, געוויינטלעך טוען דאָס די קינדערלעך, וואָס קומען זאָגן דעם „המלאך הגואל" ביי דער קימפּעטאָרין און יעדעס מאָל רופט מען הויך אויס דעם נאָמען פון קינד. די פאָרמולע דערפאַר איז געווען אַזאַ: „האָלקרייש, וואָס זאָל זיין דער נאָמען פון קינד?"

אויף אַזאַ אופן האָט מען אויך מסתמא אַ נאָמען געגעבן אונדזער פּאַטראָנעסע פערלן, די טאָכטער פון שמואל פּוישה, וואָס איז אפשר גאָר געווען אַ משפחה פון איר מאַנס צד, דעם כּמר וואלפין לוי, מיט דעם מחבר אַנשל לוי. פאַרענדיקט ער טאַקע זיין דעדיקאַציע צו זיין פּאַטראָנעסע מיט אַ פרומער תּפילה, אַז גאָט דער בורא זאָל דער דאָזיקער צניעותדיקער, גוטער פרוי געבן אַלץ, וואָס איר האַרץ באַגערט. „דאָס טוט בעטן דער אָרעם שרייבער, דינער פון אַלע פרומע ווייבער, — אַנשל לוי הייס איך, געקומען פון דייטש־אין וועלש־לאַנד".

אַנשל לויס אויפטו איז בלי ספק געווען, וואָס ער האָט געשאַפן צום ערשטן מאָל אַ מדרש צו די פּרקי אָבות, נישט סתּם אַ פאַרטייטשונג ווי למשל דער כּ"י אָקספאָרד Can. Or. 12, נאָר אַ פּירוש מיט אַ דרש, ווו די מאָראַלישע סענטענצן פון דער משנה אין אָבות ווערן כּסדר פאַרטייטשט אויף אַ זאַפטיק, מגידיש־פּראָזאַישן לשון און אילוסטרירט מיט שיינע אגדות און האַרציק־פאָלקסטימלעכע מעשׂיות. לויטן שטייגער פון דער „צאינה וראינה" פלעכט אַנשל לוי אַריין אין זיין טייטש אַ סך מאמרי חז"ל און דרש אין אַ ביז גאָר פאָלקסטימלעכן סטיל. אָפט באַנוצט ער זיך מיט דעם קורצן, לאַפּידאַרן סטיל פון רש"יס פּשט אָדער גאָר מיט די באַריכות־

דיקע דערקלערונגען פונעם פירוש ר׳ עובדיה ברטנורה. דערצו גיט ער נאָך אָפּט צו הוספות מיט באַטראַכטונגען פון זיך, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם לעבן און די מענטשן פון זײַן צײַט, און וואָס זײַנען קולטור־היסטאָריש פאַר אונדז זייער אינטערעסאַנט.

געטרײַ צו דעם כאַראַקטער און טעקסט פון די פּרקי־אָבות מיט זייערע פרומע, פּיקחותדיקע שפּרוכן, פלײַסט זיך דער מחבר אויף שריט און טריט צו זאָגן מוסר זײַנע לייענער, פירן זיי בדרך הישר, שטאַרקן אין זיי די אמונה און שאַרפן בײַ זיי דאָס באַוווסטזײַן, אַז דאָס לעבן פון מענטש איז נישט הפקר, אַז איבער אים הערשט אַ העכערער מאָראַלישער כּוח און אַז אַלץ ווערט דעם מענטש אָפּגעצאָלט לויט זײַנע מעשׂים. קומט טאַקע אין אונדזער כּתב־יד באַזונדער בולט צום אויסדרוק דער כאַראַקטער פון דער אַלטיִדישער פאָלקס־ליטעראַטור, מיט איר אייגנאַרטיקן סטיל און וועלט־באַנעם, איר אינטימיטעט און באַזונדערקייט, מיט איר ביז גאָר תּמימותדיקער נאַיִוון טאָן און שפּראַך־ריטעם, וואָס אָטעמט מיט האַרמאָנישער גאַנצקייט פון אַ טיף־גלייביקער נשמה.

מיט זײַנע האַרציקע מעשׂהלעך און משלים, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל חן אַרײַנגעפלאָכטן אינעם טעקסט, האָט אַנשל לוי געשאַפן דעם נײַעם מין „צאינה וראינה״ פון די פּרקי־אָבות. עס איז געווען אַ לייען־ און אונטערהאַלטונג־שטאָף פאַר דער יִדישער פרוי, די עקרת הבית און אויך פאַר דעם פּראָסטן עולם, אין די לאַנגע זומערדיקע שבת נאָכמיטאָגן. דער ספר האָט געזאָלט זײַן אַ מורה־דרך און אַ גײַסטיקער דערציִער פון דער יִדישער פרוי, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער קולטור־פאַקטאָר אין דער דערציִונג פונעם קומענדיקן, יונגן דור. דער סאָרט ספרים האָבן פאַר איר געעפנט נײַע קוואַלן פון עמאָציע און רעליגיעזער אינספּיראַציע, אָפּט טיף פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון יִדישן עבר.

דער טאָן פון דעם גאַנצן ספר, ליגט שוין, וואָלט איך געזאָגט, אין דער הקדמה צו דעם „כל ישׂראל יש להם חלק לעולם הבא״, ווו דער מחבר רעדט אָרום, קלאָר און דײַטלעך, די אויפגאַבע פון זײַן חיבור. ער זאָגט דאָרט: „...אונ׳ אונזער הכמים דיא האָבן גימאַכט אונ׳ אַזו אורדינערט (באַפוילן) דש מן אל שבת זול דיא פרקים זאָגן צווישן מנחה אונ׳ מעריב אם שבת אים זומר, זא די טעג לנג זײַן (אַז די טעג זײַנען לאַנג) אונ׳ דיא לוייט מוישיג זײַן (און דער עולם האָט גאָרנישט וואָס צו טאָן). אונ׳ זיא זולן לייאן דיא גוטן מידות דיא דאַרין גישריבן זײַן, וויא זיך איין מענש זול האַלטן אויף דעם עולם (אויף דער וועלט) אונ׳ זולן זיך

דריין (דערמיט) גיוועגן..." אַן אינטערעסאַנטע פּאַרטײַטשלעכע הוספה געפינען מיר נאָך אויפן ראַנד פון כ"י, ווו דער מחבר מאַכט קלאָר, אַז „...דיא פרקים זײַן איין מידיזינה (מעדיצין) צו דער נשמה. דען עש זײַן מיישט (מייסטנס) גוטי מידות. אונ' ווען זיא (די פרקים) איינר לייאט (לייענט), דאָ קומט אים קיין לוישט צו זוינדן (צו זינדיקן). דש איז דיא בישט (בעסטע) רפואה דיא אויף דער וועלט איז".

הכּלל, די פּרקי־אָבות זײַנען אַ רפואה פאַרן נפש און אַ סגולה קעגן זינד. יעדער איינער וואָס וועט אין זיי אַרײַנקוקן, מסתּמא טאַקע מיטן פּירוש פון ר' אַנשלן, וועט נישט אַזוי לײַכט קומען צו קיין זינדיקע מחשבות. דאָ האָבן מיר, על כּן, בקיצור דעם פּראָגראַם פון ר' אַנשלן: לערנען דעם עולם מוסר און מידות טובות, פירן אים בדרך הישר, אַז ער זאָל זײַן אָפּ־געהיטן פון זינד.

האָבן מיר דאָ פאַר זיך אַ מוסר־ספר אין זײַן ריינסטער געשטאַלט. די מעשׂה, וואָס באַגלייט דעם מוסר. קומט נאָר ווי אַן אילוסטראַציע און וויל אונדז תּמיד לאָזן הערן אַ רבותא מיט אַ פרומען מוסר־השׂכּל צום סוף. ר' אַנשל לוי געהערט אָבער נישט צו יענעם טיפּ מגידים און מוסר־זאָגערס, וואָס ווילן דווקא אָנוואַרפן אַן אימה און אַ גהינום־פּחד אויף זײַן עולם לייענער, ווי עס האָבן דאָס געפּרוּווט טאָן דער רוב בעלי־מוסר פון יענער צײַט. אַדרבא, אַנשל לוי איז אַ מענטש מיט אַ ברייטן וויסן און מיט אַ קלאָרן שׂכל, וואָס באַטראַכט די אַרומיקע וועלט מיט ניכטערע אויגן. ער ווייסט גאַנץ גוט, וואָס עס טוט זיך אַרום אים. איז ער טאַקע בעצם אײַנגעהאַלטן אין זײַן מוסר־זאָגן און איז על־פּי־רוב פרײַ פון וועלכע עס איז מיסטישע עלעמענטן און אַ פינצטערן אַסקעטישן גײַסט. ער איז, וואָלט איך געזאָגט, אַ גרויסער בעל־רחמים, אַ גוט־האַרציקער בעל־מוסר, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. בעצם, אַן אָפּטימיסט, אַ שטאַרקער בעל־בטחון, וואָס קען דאָס לעבן און דעם מענטש מיט זײַן נישט־אויסגעהאַלטנקייט און שוואַכקייטן. הגם ער איז אַ מאָל אָנגעברוגזט אויף זײַנע בני־דור צוליב זייערע חסרונות און דעפעקטן, פון דעסטוועגן פאַלט ער נישט אַרײַן אין אַ וויסטן כּעס און גיסט נישט אויס זײַן ביטערן גרימצאָרן אויף זייערע קעפּ. אַדרבא, ער בלײַבט רויק, געפינט גאָר אַ גוט וואָרט און באַנוצט זיך מיט אַ הלצהלע און אַן איראָנישער באַמערקונג. ער שטראָפט, אָבער אָן דער בײַטש פון ווילדן פּחד און גהינום־אימה.

ווי אַלע בעלי־מוסר איז ער קודם־כּל אויסן צו לערנען דעם ייִד און די פרומע פרוי התנהגות, דעם וועג פון תּורה און מיצוות, אַז זיי זאָלן גיין

בדרך הישר און זוכה זײַן צו אַ סך גוטס. וואָרנט ער דערפֿאַר טאַקע כּסדר אַז מען זאָל נישט מזלזל זײַן אין דער מיצווה פֿון צדקה און גמילות חסדים. וואָס מער צדקה און מעשׂר, פּירט ער אויס, אַלץ מער עשירות, אַז נישט ווערט דער מענטש חלילה געשטראָפֿט און ווערט פֿאַראָרעמט. דערצו ברענגט ער ווי אַן אילוסטראַציע די תּלמוד־מעשׂה (כּתובות ס״ו, ב׳) וועגן נקדימון בן גוריון, וואָס איז אַמאָל געווען אַ גביר אדיר און בשעת דער באַלאַגערונג פֿון ירושלים דורך די רוימער איז ער געוואָרן אַ יורד, אַזוי אַז זײַן איידעלע טאָכטער האָט געמוזט אַרויסגיין אין גאַס קלײַבן פֿון מיסט פֿון די פֿערד רעשטלעך פֿון קאָרן און גערשטן, כּדי צו האָבן עפּעס וואָס צו עסן. דער מוסר־השׂכּל דערפֿון איז אַ קלאָרער, זי איז געשטראָפֿט גע־וואָרן ווײַל איר פֿאָטער האָט אַמאָל נישט געגעבן גענוג צדקה, און דאָס וואָס ער האָט יאָ געגעבן איז נאָר געווען צוליב כּבוד. בכל אופֿן, פּירט ר׳ אַנשל אויס: „עס וור צו וויניק נוך (לויט) זיינם עושר (עשירות)״. על כּן, זאָל דער מענטש נישט זײַן קאַרג נאָר געבן ביד רחבה, און אפֿשר איז אין דעם אויך פֿאַראַן אַ שטאָך פֿאַר די דעמאָלטיקע גבֿירים, וואָס גיבן נישט צדקה לויט זייער יכולת, נאָר זײַנען גרויסע קמצנים. איז ר׳ אַנשל מוסיף מיט אַ חוזק, אַז דער הײַנטצײַטיקער גביר האָט מורא, אַז טאָמער וועט ער געבן אַ פּירער צדקה וועט ער עפּעס חסר זײַן און דערפֿון ווערן אָרעמער.

ער מאָנט בײַ אַלע שיכטן פֿון פֿאָלק, אַז זיי זאָלן זיך אויפֿפֿירן ווי עס געהער צו זײַן און נישט טאָן קיין עוולה איינער דעם אַנדערן. בעיקר דערמאָנט ער די פּרנסים און די פּני, אַז זיי זאָלן זיך תּמיד משתּדל זײַן לטובֿת הכּלל און אין זיינען האָבן „זיך מטריח צו זײַן לשם שמים אונ׳ ניט בון (פֿון) הערשאַפֿט וועגן אַז מן איצונד בעוונות וויניג ווינט (אַז מען געפֿינט הײַנט צום באַדויער גאָר ווייניק)״. גיט דאָ טאַקע ר׳ אַנשל אַ וואָרע־נונג צו אַלע כּלל־טוער און פֿאַרזאָרגערס, אַז קודם־כּל זאָלן זיי האָבן גאָט אין האַרצן און אין זינען האָבן די טובֿה פֿון כּלל און אויף אים נישט אַרויפֿוואַרפֿן זייער הערשאַפֿט. ווייזן מיר דאָך, אַז ענייִוות איז דווקא אַ גרויסע ציר פֿאַר אַ קהלשן עסקן.

זײַנען דווקא פֿאַר אונדז פֿון אַ קולטור היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איני־טערעסאַנט ר׳ אַנשלס מוסרדיקע רייד אויפֿן חשבון פֿון יענע, וואָס זיצן אַרום אויף „ספֿרים פּסולים״ און נעמען נישט אין דער האַנט אַרײַן אַ ייִדיש ספֿר. דער ייִד ווערט אָפּגעפֿרעמדט פֿון זײַן אייגענעם שורש. דאָס תּורה־לערנען, וואָס איז דער עמוד־התּווך פֿון ייִדישן שטייגער לעבן, ווערט

אָפּגעלאָזן. באַקלאָגט ער זיך טאַקע אויף דעם שפל־המצב פון לערנען: „...אַז מן איצונד בעונות הרבים טוט. דאָ זיצן זיא אומדר (תמיד) אויף ספרים פסולים אונ׳ קיינם יידן זיכט מן קיין יודיש ספר נוימר (קיין מאָל נישט) מער אין דער הנט״. עס האַלט שוין אַפילו אַזוי ווײַט, אַז קיין ספרים פאַרקויפן זיך נישט און מען ברויך שוין נישט מער קיין דרוקערײַ. „די ספרים ליגן אויף דען בענקן אונ׳ אויף דען שענקן, בפרט דיא וועלשן...״. הקיצור, קיינער קוקט נישט מער אָן קיין ספר, און די גרעסטע צרה איז בײַ די וועלשן, די איטאַליענישע יידן. זײַנען זיי דאָך געווען נישט אַזוי פרום און אָפּגעהיטן ווי ער, דער דײַטשער ייד. און ר׳ אַנשל פאַרענדיקט זײַן עקסקורס איבער דעם שפל־המצב פון דער תורה מיט די פרומע ווערטער: „הקב״ה דער זול אונז אל אונזר זוינד מוחל זײַן״.

אַזוי איז אַנשל לוי ממשיך מיט זײַן האַרציק־פרומען נוסח פון אַן עכטן, פאָלקסטימלעכן מגיד. ער לערנט פשט, פאַרטײַטשט מאמרי־חז״ל און חזרט אײַן אויף זײַן אייגנדיקן אופן די מוסר־רייד פון די פרקי־אָבות. וואָס באַקומען אונטער זײַן האַנט ווידער לשון, ווערן אַקטועל, צאַפּלדיק און לעבעדיק. בשעת ער נעמט זיך איבערדערציילן אויף זײַן שטייגער אַ משל אָדער אַ מעשׂה, באַקומט זי פלייש און בלוט און לעבט. איר פאַרטיפטער מיין און דערהויבענער מוסר־השׂכּל רעדט מער צום האַרץ פון דעם פּראָסטן ייד, ווי די אימהדיקע, האַמעטנע שטראָפרייד פון די בעלי־מוסר פון יענע צײַטן.

אויך זײַן שפּראַך איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דעם צניעות־דיקן, ווילקענעוודיקן פאָלקסמענטש. עס איז אַ רײַכע, שיינע, זאַפטיקע, טאָג־טעגלעכע, אָפּט לומדישע פאָלקסשפּראַך מיט אַ סך העברעיִזמען און אַפילו איטאַליענישע לאָקאַליזמען, מיט מדרש־ און גמרא שטייגער־ריידן און אויסדרוקן. עס איז אַ ביז גאָר רײַכע שפּראַך מיט אַלע אירע ניואַנסן און באַזונדערקייטן, מיט אירע תּנועות און קניפּלעך און דערצו נאָך מיט אינטערעסאַנטע חידושי־לשון, וואָס מען האָט שוין גערעדט אינעם 16טן יאָרהונדערט בײַ יידן.

אינטערעסאַנט זײַנען אויך די איטאַליענישע ווערטער און אידיאָמאַ־טישע אויסדרוקן, וואָס אַנשל לוי באַנוצט, כּדי צו פאַרטײַטשן פאַר זײַנע לייענער אַ וואָרט אויף דעם גערעדטן לשון בײַ די איטאַליענישע יידן. אַזוי למשל טרעפן מיר זיך אָן מיט אַ ריי אידיאָמען ווי למשל „שטאַמפּא״־דרוקעריי, „פּרימה ווירה״ פרילינג, „שערוויטור״ דינער, „מידיגערן״

היילן, „קונפאנייערן״ זיך חברן, „פורגערן״ — רייניקן, „טראפיגערן״ — האַנדלען, א.אַ.וו., אַז ענין וואָס פאַרלאַנגט אַ באַזונדערע לינגוויסטישע שטודיע.

ווי עס איז צו דערוואַרטן, פאַרמאָגט אויך אַנשל לויס כּתב־יד אַ שלל פון אינטערעסאַנטע פאָלקלאָר־עלעמענטן, פון מינהגים, מסורות, גלייבענישן און פאָלקסווערטלעך, וואָס וואָלטן כ׳לעבן פאַרדינט אַ גרונ־טיקע פאָרש־אַרבעט. דערצו קומט נאָך צו די רײַכע קאָלעקציע פון מעשׂיות און לעגענדעס, וואָס אַנשל לוי האָט אַרײַנגענומען אין זײַן חיבור און וואָס מען וואָלט געדאַרפט גרונטיק אויספאָרשן, פאַרגלײַכן די פאַראַלעלן מיט דער אַלטער יידישער מעשׂה־ליטעראַטור און אַנאַליזירן די מאָטיוון. לעת־עתּה ליגט נאָך אָט די יידישע וויסנשאַפט בײַ אונדז אין די וויקע־לעך און האָט נאָך נישט באַקומען דעם נייטיקן עלאַן און אימפּעט. לאָמיר אָבער האָפן, אַז די דאָזיקע וויכטיקע ליטעראַטור־קריטישע אַרבעט אַרום אַנשל לויס כּתב־יד וועט באַלד געטאָן ווערן. עס איז כּינוס פון יידישע ליטעראַטור־דענקמעלער און עס איז העכסטע צײַט, אַז מען זאָל זיי אײַנ־זאַמלען און אָפּהיטן.*

(1962)

* אַ גרעסערע פאָרש־אַרבעט אַרום דעם כּ״י „פּרקים״, מיטן פולשטענדיקן אָריגינאַל־טעקסט און אַ וויסנשאַפטלעכן אַפּאַראַט, האָט דער מחבר אין צווישן צוגעגרייט אין העברעיִש פאַר דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע אין ירושלים.

אַלט־ייִדישע עפּישע ליטעראַטור

דעם ליכטיקן אָנדענק פון יודא א. יאָפע ז״ל

צווישטראַמיק איז געווען די אַלט־ייִדישע פאָלקס־ליטעראַטור אין אַמאָליקע דורות. זי איז באַשטאַנען פון אַ רעליגיעזער און אַ וועלטלעכער ליטעראַטור. די רעליגיעזע ליטעראַטור איז געקומען קודם־כל צו באַפרידיקן די באַדערפעניש פונעם פשוטן פאָלק און האָט אים באַזאָרגט מיט תנ״ך־איבערזעצונגען, דעם חומש מיט הפטורות און מגילות, מיט סידורים און מחזורים אַלץ אין ייִדיש לשון (טײַטש), מיט דינים און מינהגים־ספרים־לעך, דרש און דערצו נאָך אַ שפּאָר ביסל מעשׂה־ליטעראַטור מיט אַ מוסר־דיק־פרומען אונטערשלאַק. דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ באַשײַמפּערלעכע די־דאַקטיש־מאָראַלישע טענדענץ און איז אויסן געווען צו שטאַרקן די אמונה אין די הערצער פונעם פשוטן פאָלקס־מענטש און אים פירן בדרך הישר, אויפן וועג פון יִראת שמים און פון מעשׂים טובים.

אָבער מיט אָט דער פרום־דידאַקטישער ליטעראַטור האָט זיך די ליטעראַרישע טעטיקייט פון די אַמאָליקע דורות לחלוטין נישט אויסגעשעפּט. די ייִדישע פרוי, דער בעל־מלאכה און יגיע־כפּימניק, האָבן אויך געהאַט אַ יצר־הרע פאַר עפּעס שיינס און פריילעכס און געוואָלט נהנה זײַן אין דער ענגשאַפט פון געטאָ פון אַ ביסל עולם־הזה, אַ קוק טאָן אַרויס אין דער אַרומיקער וועלט און זען וואָס עס טוט זיך אין איר. איז געקומען די וועלטלעכע ליטעראַטור און אויסגעפּילט אָט דעם בלויז. זי האָט נישט בדעה געהאַט צו מוסרן, הייסן טאָן וואָס עס איז גוט און פרום, נאָר טאַקע פאַרשאַפן דעם עולם אַ ביסל תענוג און פרייד, אים אונטערהאַלטן און אַמוזירן. פאַרשטייט זיך, אַז די סאָרט וועלטלעכע ליטעראַטור האָט שוין מלכתחילה אַרויסגערופן קעגן זיך דעם רוגז פון רבנים און סתם פרומע ייִדן, וואָס האָבן אין דעם געזען הוילע עבירות און פאַרדאַרבונג און דעריבער געוואָרנט, אַז מען זאָל זיך חלילה נישט פאַרזינדיקן און נישט נעמען אָט די „נאַרישע און אומגעטלעכע ביכער״ אין דער האַנט אַרײַן. אַפילו די

מחברים און אַרויסגעבער פון כּל־המינים רעליגיעזע ספרים האָבן געטענהט אין זייערע שער־בלעטלעך, אַז מען טאָר בפירוש נישט לייענען דעם סאָרט ביכער אין די שבתים און ימים־טובים, ווען דער ייִדישער־פאָלקס־מענטש איז געווען פרײַ און זיך געוואָלט בעצם אַ ביסל פאַרווײַלן. אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע מניעות און שטערונגען, איז זיך אין משך פון דער צײַט צעוואַקסן אַ רײַכע און פילפאַרביקע וועלטלעכע פאָלקס־ליטעראַטור, וואָס האָט געפלייצט מיט כּוח און איז אַרײַנגעדרונגען אין אַלע ווינקלען פון די ייִדישע ישובים. ווייסן מיר טאַקע הײַנט אַקוראַט פון אַ צאָל עפּישע ווערק פון דער דײַטשער שפּילמענישער דיכטונג, וואָס זײַנען געוואָרן באַאַרבעט מיט אַ סך טאַלאַנט פון ייִדישע זינגער און פּאָעטן, און וואָס האָבן זיך גאָר שטאַרק קונה שם געווען אויף דער ייִדישער גאַס, די דיכטער האָבן זייערע ווערק רעציטירט און געזונגען מיט אַ באַזונדערן ניגון, באַגלייט פון אַ מוזיק־אינסטרומענט פאַרן ייִדישן עולם בײַ כּל־המינים געלעגנהייטן. אָט די וועלטלעכע דיכטונג האָט פאַרברייטערט דעם וועלט־באַנעם פונעם ייִדישן פאָלקס־מענטש, אים באַקענט מיט דער דרויסנדיקער, אָפט פאַנטאַסטיש געשילדערטער וועלט פון די ריטער און זייער לעבנס־שטייגער. עס זײַנען אויך געווען שטאַרק פּאָפּולער אויף דער ייִדישער גאַס פאַרשיידענע פאָלקס־לידער, זינג־ און טאַנץ־לידער, ליבע־ און אַרבעטס־לידער, וואָס ייִדישע פאָלקס־דיכטער, זינגער און גראַמער האָבן במשך פון דורות געשאַפן אין ייִדישן לשון.

דער רעפּערטואַר פון ייִדישן „שפּילמאַן" איז אָבער נישט תּמיד באַשטאַנען פון איבעראַרבעטן און איבערגעשטאַלטיקן פרעמדע סוזשעטן, פון די אויפטועך און גבורות פון דער גויִישער העלדן־וועלט, ווי למשל אַ קעניג אַרטוס, דיטריך פון בערן, הילדעבראַנט, אָדער סתּם פאַנטאַסטישע ריטער־ראָמאַנען מיט פאַרשײַטע ליבע־סצענעס. אַחוץ די עפּישע ווערק, וואָס מען האָט איבערגענומען פון דער פרעמד, זיי צו ביסלעך פאַרייִדישט, אַרויסוואַרפנדיק די ריין־קריסטלעכע עלעמענטן פון דעם נישט־ייִדישן שפּילמאַן, און אַזוי אַרום צוגעפּאַסט פאַרן געשמאַק פון ייִדישן עולם, האָבן זיך מיט דער צײַט אויך באַוויזן עכטע, מקורדיקע ייִדישע עפּאָסן, וואָס האָבן געשעפּט פונעם טיפן קוואַל פון דער ייִדישער מסורה. אין זיי האָט דער ייִדישער דיכטער באַזונגען מיט אַ סך געפיל און נאַציאָנאַלן שטאָלץ דעם גרויסן עבר פון פאָלק, זײַנע מלחמות און גבורות, זײַנע דערפאָלגן און אויפריכטענישן. אָט דער הערלעכער, ווײַטער עבר, מיט זײַן ליכט און גלאַנץ האָט געכּישופט דעם ייִדישן פאָלקס־זינגער און דיכטער, גערייצט

זײַן קינסטלערישע פאַנטאַזיע און אים סטימולירט צו שאַפן דעם גרויסן נאַציאָנאַלן עפּאָס אין ייִדישן לשון. ווי אַ יסוד דערצו האָט געדינט אַ רײַכע, פילפאַרביקע היסטאָרישע ליטעראַטור מיט איר רעאַליזם און בילדעריש־קייט, און דערצו אַן עשירות פון פאָלקסטימלעכע מעשׂיות און לעגענדעס, געשאַפן פון שפּעטערדיקע דורות, וואָס האָבן באַקרוינט מיט אַן אָרעאָל די מעשׂים און גבֿורות פון די אַמאָליקע העלדן, די קעניגן און פירער פון פאָלק. אָט דער רײַכער אוצר פון פאַרצײַטיקע סאַגאַס און מעשׂיות, וואָס האָבן זיך במשך פון דורות געוועבט אין דעם פאָלקס־דמיון און שפּעטער צונויפגעזאַמלט סײַ אין תּלמוד און מדרש און סײַ אין דער מיטל־עלטערלע־כער נאַראַטיווער ליטעראַטור, איז דערנאָך אונטער דעם כּישוף־שטעקעלע פון ייִדישן דיכטער מגולגל געוואָרן אינעם נאַציאָנאַלן עפּאָס. עס איז געווען די גלאַנץ־צײַט פון דער אַלט־ייִדישער דיכטונג, ווען עס האָבן זיך באַוויזן דיכטער פון אַ קינסטלערישן פאַרנעם און איבערגעדיכטעט דעם היסטאָרישן תּוכן פון די תּנכישע ביכער און אין אים אַרײַנגעבלאָזן אַ פרישן לעבנס־אָטעם. די היסטאָרישע פּאַבולע האָבן זיי קונציק אַרומגע־וועבט מיט אגדהשע שטאָפן און לעגענדעס און דאָס אַלץ איבערגעגאָסן אין דער פאָרעם פון אַ נאַציאָנאַלן עפּאָס לויט די אַלע כּללים פונעם אַלט־דײַטשן העלדן־עפּאָס, אין דער באַרימטער ניבעלונגען סטראָפע.

אין אָט דעם קרײַז פון ייִדישע דיכטער און שפּילמענער זײַנען גע־שאַפן געוואָרן די צווי רײַפסטע און וואָגיקסטע נאַציאָנאַלע עפּאָסן פון דער תּקופֿה: דאָס „שמואל בוך" און דאָס „מלכים בוך". ביידע ווערק זײַנען, וואָס אַן אמת, געבויט לויטן מוסטער פון די דײַטשע עפּאָסן, אָבער מיט אַ רבותא: זיי זײַנען כּולו ייִדיש, הן אין זייער תּוכן און הן לויט זייער גאַנצן מהות און וועלט־באַנעם. זייערע עפּישע שורות גליִען מיט אַ פלאַם פון ייִדישן שטאָלץ און נאַציאָנאַלער דערהייבונג, און קלאָרן זיך אינעם שטראַליקן אָרעאָל פון ייִדישן עבֿר. עס איז, על כּן, גאָר קיין וווּנדער נישט, וואָס אַזעלכע געלונגענע דיכטערישע ווערק האָבן זיך גיך קונה שבֿיתה געווען אין דער ייִדישער גאַס, אַזוי אַז דער ניגון פון „שמואל בוך" איז געווען אומעטום באַקאַנט און מען האָט מיט אים געזונגען און רעציטירט. זאָגן טאַקע די אַרויסגעבער מיט שטאָלץ, אַז „דען ניגון פון דעם ספֿר שמואל — דען קאַן גאַנץ ישׂראל". איז טאַקע דאָס „שמואל בוך", וואָס באַהאַנדלט טעמאַטיש די געהויבענע געשטאַלטן פון שאול און קעניג דוד, זײַן מעכטיקע הערשאַפט און די גבֿורות פון זײַנע העלדן, — אַ שטיק גלאַנצפולע ייִדישע פאַרגאַנגענהייט — געוואָרן דער גרויסער נאַ־

ציאָנאַלער עפּאָס פון ייִדישן שפּילמאַן, די קרוין, ווי עס רופט עס אָן ישׂראל צינבערג, פון אַלע אַלט־ייִדישע עפּאָסן. אַ באַטײַטיקע און וואָגיקע אַרבעט וועגן דעם „שמואל בוך" האָט אָנגעשריבן דער באַקאַנטער פאָר־שער פעליקס פאַלק, וואָס האָט אָבער נישט מער זוכה געווען אַז זײַן ווערק זאָל דערשײַנען בײַ זײַן לעבן. ער איז אומגעקומען אינעם מוראדיקן חורבן, וואָס האָט פאַרלענדט די אַמאָליקע בליִענדיקע ייִדישע ייִשובים אין אייראָפּע. דאָס דאָזיקע ווערק, געשריבן אין דײַטש, מיט אַ פאַקסימילע פון טעקסט און אַ וויסנשאַפטלעכן אַפּאַראַט, וואָס האָט זיך על־פּי־נס אָפּגעפונען נאָכן חורבן, האָט אַרויסגעגעבן ל. פוקס אין דער סעריע „פובליקאַציעס פון דער ראָזענטאַליאַנאַ ביבליאָטעק" אין אַמסטערדאַם אין 1961. איצט האָבן מיר צו פאַרדאַנקען ל. פוקסן, דעם אַמסטערדאַמער פאָר־שער, אַ נײַעם וויסנשאַפטלעכן אויפטו. אין דער זעלביקער סעריע פון פובליקאַציעס האָט איצט דערשײַנט זײַן וואָגיקע אַרבעט וועגן דעם צווייטן תּנ"ך־עפּאָס, דאָס „מלכים־בוך".

שוין דער טיטל „מלכים בוך" זאָגט אונדז אָן, אַז אָט דער נאַציאָנאַלער עפּאָס נעמט אַרום די ווײַטע געשעענישן פון דער מלכים צײַט (מלכים א' און ב'), די גלאַנץ־תּקופה פון שלמה המלך, און גייט דערנאָך בהדרגהדיק אַריבער צו דער געשיכטע פון די קעניגן אין יהודה און ישׂראל, ביזן חורבן פון ירושלים. פונקט אַזוי ווי אינעם „שמואל בוך" שטיצט זיך אויך דער מחבר פון „מלכים בוך" קודם־כּל אויפן סיפּור המעשׂה פון תּנ"ך, אָבער דערצו שעפּט ער נאָך מיט אַ פולער האַנט פונעם רײַכן אוצר פון דער אגדה, פון תּלמוד, מדרש און דער שפּעטערדיקער נאַראַטיווער ליטעראַטור. עס איז אַ רײַכער פילפאַרביקער, פאַלקסטימלעכער שטאָף מיט וואָס ער באַפּוצט און אָרנאַמענטירט די געשעענישן און העלדן פון דער תּנכישער פּאַבולע, וואָס ווערן אינעם תּנ"ך גופא דערציילט מיט אַ צימצומדיקער פּשטות און אײַנגעהאַלטנקייט. אינעם שפּיגל פון דער אגדה צעוואַקסן זיך די געשעענישן, זיי ווערן גרעסער, אינטענסיווער, אָנזעעוודיקער און נסימ־דיקער, און דערמיט שוין פאַנטאַסטישער און אינטערעסאַנטער. ווייל דאָך אַפּנים דער ייִדישער דיכטער נישט אין גאַנצן אָפּשטיין פונעם דײַטשן עפּיקער און דערפאַר נעמט ער זיך אויסצומאָלן אַ שטראַליקן, העראָישן ייִדישן עבר, אויב נישט נאָך העכער און ליכטיקער פונעם דײַטשן העלדן־עפּאָס. קומט דאָך אינעם נאַציאָנאַלן ייִדישן עפּאָס בולט אַרויס נישט בלויז דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ פונעם ייִד, נאָר אויך זײַן רעליגיעזער ברען, די מיסטישע התלהבות צו די גרויסקייטן פון אַמאָל, אין וואָס דער תּנכישער

דערציילער האָט אָפּט געקאַרגט. לעבן טאָקע אין דער אגדה זכרונות פון פאָלק, רעשטלעך פון דער אינעם פאָלקס־זכרון אויפגעהיטענער אַמאָליקער גרויסקייט, וואָס האָט פּלוצעם צעשטראַלט זיין עבר. אין איר קומט צום אויסדרוק דער גייסט פון פאָלק, אָנגעפּראָפּט מיט עמאָציע און חזיון, מיט בענקשאַפט און דערוואַרטונג, אַ שטיק היסטאָרישע ווירקלעכקייט ווערט מגולגל אין אַ חלום אויף דער וואָר.

דער עפּאָס „מלכים בוך" מיט זיינע 2262 פירצייליקע סטראָפעס איז דאָס גרויס־פאָרנעמיקסטע ווערק אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור, און דערשיינט צום ערשטן מאָל אין אויגסבורג אין 1543, אין דער זעל־ביקער דרוקעריי ווי דאָס „שמואל בוך" נאָר מיט אַ יאָר פריער. די אַרויסגעבער באַצייכענען אַפילו דיביידע פּאָעמעס אַלס צוויי טיילן פון איין און דעם זעלביקן ווערק. ווערט טאָקע קלאָר געזאָגט אינעם שער־בלאַט פון דער אויגסבורגער אויסגאַבע פון „שמואל בוך": „דער שמואל אישט דז ערשט טייל בון דען ספר מלכים, דען עז קערט אלש צו איינבדר, בור (פריער) האבט איר דש ספר מלכים אונ' איצונד האב איך דען שמואל דר צו גידרוקט אלש איין כתב (ווערק)". הקיצור דאָס „שמואל בוך" איז דער ערשטער טייל פון ספר מלכים און ביידע געהערן צוזאַמען. פריער האָט ער געדרוקט דאָס ספר מלכים און איצט דאָס שמואל בוך.

אַחוץ די דערמאָנטע ערשטע אויסגאַבע פון „מלכים בוך", האָבן זיך נאָך אויפגעהיטן צוויי שפּעטערדיקע אָפּדרוקן, קראָקע 1582 און פּראָג 1607. דער איינציקער כּתב־יד, וואָס געפינט זיך אין דער ראָזענטאַליאַנאַ ביב־ליאָטעק אין אַמסטערדאַם, שטאַמט פון 16טן יאָרהונדערט און איז לויט אַלע סימנים אַ קאָפּיע פון דער אויגסבורגער אויסגאַבע. הגם עס האָט זיך נישט אויפגעהיטן קיין עלטערער כּתב־יד, האַלט אָבער פּוקס, אַז דער עפּאָס איז געוואָרן פאַרפאַסט אינעם 14טן יאָרהונדערט, אַ מסקנא וואָס דער שריי־בער פון די שורות קען נאָר אָננעמען מיט אַ באַוואָרעניש. בדרך כּלל איז די פאָרשונג נוטה צו באַטראַכטן דעם 15טן און 16טן יאָרהונדערט ווי די בלי־תּקופה פון דער עפּישער דיכטונג, און עס איז אַ תּוכיקע סברא, וואָס פאָלק האָט גענומען באַווייזן, אַז דאָס „שמואל בוך" גופא שטאַמט טאָקע ערשט פונעם 15טן יאָרהונדערט.

מכּוח דער ליטעראַרישער השפּעה אויפן „מלכים בוך" לאָזט אונדז פּוקס הערן אַ חידוש, וואָס עס איז כּדאַי אויף דעם זיך ברייטער אָפּצו־שטעלן. די פריערדיקע ליטעראַטור־פאָרשער האָבן געהאַלטן, אַז די אַלט־יידישע עפּאָסן זיינען געווען ריין וועלטלעכע קרעאַציעס און שטאַרק באַ־

ווירקט פון דער דײַטשער דיכטונג. אַט דער כּלל איז אויך חל אויף די נאַציאָנאַלע עפּאָסן, אַ שטייגער דאָס „שמואל בוך" און דאָס „מלכים בוך". מען האָט אפשר אויף אַזאַ אופן געוואָלט אַרויסהייבן די באַזונדערע חשיבות פון דער וועלטלעכער ליטעראַטור, וואָס איר השפּעה איז געקומען פון דרויסן, און אונטערשטרײַכן דעם יסודותדיקן אונטערשייד צווישן איר און דער פרום־רעליגיעזער ליטעראַטור, וואָס איז נישט תּמיד געווען צום האַרצן דעם ראַדיקאַלן פאָרשער. שוין ישׂראל צינבערג האָט אָפּגעפרעגט די ריכטיקייט פון דער טעאָריע און אָנגעוויזן, אַז אַ סך אַלט־ייִדישע פּאָעמען און לידער ציִען זייער ליטעראַרישע און גײַסטיקע יניקה פון די אַלטע מדרש און תּרגום־טראַדיציעס, וואָס זײַנען געוואָרן אַ טייל פון דער פאָלקס־קולטור. אויך אַנדערע פאָרשער נאָך אים האָבן דווקא געלייגט דעם טראָפּ אויף דעם רעליגיעזן כאַראַקטער פון דער אַלט־ייִדישער דיכטונג, וואָס איז טיף פאַרוואָרצלט אין דער אַלטער קולטור־ירושה. קומט אויך איצט צוגיין דער פאָרשער ל. פוקס און וויל באַווײַזן, אַז די נאַציאָנאַל־ייִדישע עפּאָסן זײַנען גאָר אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון דער רעליגיעזער דיכטונג פון דער אַרומיקער וועלט, אַן אינטערעסאַנטע טעאָריע, וואָס פאַרלאַנגט אָבער נאָך אַ סך ווײַטערדיקע און גרונטיקע פאָרשונג, כּדי צו קומען צו אַ קלאָרן אויספיר אויפן סמך פון אַ גענויעם טעקסט־פאַרגלײַך. אַוודאי איז פאַראַן, פירט פוקס אויס, גאָר אַ נאָענטע קרובישאַפט צווישן דעם „שמואל בוך" און „מלכים בוך" אויף דער איינער זײַט און די מיטלהויכדײַטשע עפּישע ווערק פון דײַטשן שפּילמאַן, אָבער דאָס איז נאָר אין פּרט פון טעכניק, פון פאָרעם, סטיל און וואָרט־אוצר. תּוכיק זײַנען זיי אָבער באַווירקט פון דער רעליגיעז־גײַסטלעכער דיכטונג, פון די אַזוי־גערופענע „ריים און היסטאָריען ביבעלן", וואָס האָבן געבליט אין שפּעטערדיקן מיטל־עלטער. שוין אין 11טן יאָרהונדערט באַווײַזן זיך אין דער פאָלקס־דיכטונג סײַ אין דײַטשלאַנד סײַ אין פראַנקרײַך און שפּעטער אין דער האָלענדישער ליטעראַטור, גע־גראַמטע איבערזעצונגען פון תּנ"ך, קאָמפּלעטירט מיט נאַראַטיווע עלעמענטן, געשעפּט פון דער תּלמוד־ און מדרש־ליטעראַטור. ווייסן מיר דאָך, אַז אינעם מיטל־עלטער איז אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווער אויסטויש פון מיינונ־גען און השפּעות צווישן ייִדן און קריסטן, עס קומען פאָר אָפטע וויכּוחים און חילוקי־דעות בנוגע דער פאַרטײַטשונג און אויפקלער פון געוויסע פּסוקים אין תּנ"ך, וואָס איז דאָך סוף־כּל־סוף געווען פאַרהייליקט פוןביידע אמונות.

די מחברים פון די מיטלהויכדײַטשע געגראַמטע תּנכישע פּאַראַפראַזעס

און „היסטאָריעס״, וואָס זײַנען אויפגעבויט אויפן תּנכישן סיפור־המעשׂה און פאַרוועבט מיט אגדה־שטאָפן, מיט פאַרצײַטישע מעשׂיות און רבני־שער עקסעגעזע, זײַנען געווען אי רעליגיעזע און אי וועלטלעכע דיכטער. זיי זײַנען על־פּי־רוב אויסן געווען צו פאַרפלאַנצן אין די הערצער פון די מאמינים טיפע פרומקייט און זיי פירן אויפן דרך הישר. האָט, על כּן, ווי פוקס פירט אויס, דער ייִדישער זינגער און דיכטער איבערגענומען פון דער פרעמדער סביבה געוויסע ליטעראַרישע און עפּישע פאָרמען, אָבער לויט דעם תּוכן זײַנען זײַנע ווערק געווען לחלוטין ייִדיש, טאַקע סײַ נאַציאָנאַל און סײַ רעליגיעז. האָט דאָך די אַלט־ייִדישע ליטעראַטור בעצם אַ רעליגיעזן כאַראַקטער און דערפון האָט נישט אָפּגענייגט דער ייִדישער דיכטער. אונטערשטרײַכט טאַקע פוקס דעם פאַקט, אַז דאָס „מלכים בוך״ איז אַ פּראָדוקט פון צוויי קולטורן. די ליטעראַרישע השפעה, די פאָרמען און טעכניק, דער סטיל און אָפט דער שפּראַך־אוצר איז געקומען פון דער פרעמד, פון דער מיטלהויכדײַטשער דיכטונג, בעת אין תּוך זײַנען די ווערק געווען ייִדיש, אַ פּראָדוקט פון אַ דורות־לאַנגער גײַסטיקער ירושה. דער אגדה־שטאָף אין אַלע זײַנע וואַריאַציעס און פאַרכאַפּנדיקער פאָלקסמיט־לעכקייט איז געווען פון קדמונים אַ שטיק לעבעדיקע פאָלקס־קולטור, אַן אָרגאַנישער טייל פון דער ייִדישער סביבה. פון דאַנען האָט טאַקע דער אַלט־ייִדישער עפּיקער געשעפּט זײַן קינסטלערישע אינספּיראַציע און אַרויסגעכישופט זײַנע תּנכישע געשטאַלטן מיט אַן אָרעאָל פון הערויִזם, וואָס האָט אַנטציקט און באַגײַסטערט דאָס האַרץ פון ייִדישן פאָלקס־מענטש.

אין דער ייִדישער גאַס איז דאָס „מלכים בוך״ געווען פּאָפּולער. מען האָט עס געלייענט און געזונגען בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן, און זײַנע פאַנטאַסטישע מעשׂיות האָבן געכישופט און אַמוזירט, ווי ווײַט עס איז געגאַנגען די פּאָפּולאַריטעט פון אָט דעם עפּאָס קענען מיר אויך אָפּלערנען פון אַ נאָטיץ אין דעם באַקאַנטן אַלט־ייִדישן כּתב־יד, אַ פאַרטײַטשונג פון „פּרקי אבות״ מיט אַ שלל פון אגדות און פאָלקסטימלעכע מעשׂיות, וואָס עס האָט אָנגעשריבן אַנשל לוי אין דער צווייטער העלפט פון 16טן יאָר־הונדערט פאַר זײַן פּאַטראָנעסע מרת פערלן, די פרוי פון כמר וואָלפין לוי (פגל. אויבן ז. 193 און ווײַטער.)

דערציילנדיק די מעשׂה פון שלמה המלך און אשמדאי, דעם הויפּט פון די שדים, באַמערקט ער, אַז „ווען איר וועט אַמאָל לייענען אינעם טײַטשן מלכים בוך, טאָ וועט איר דאָרט געפינען די שמועה אין גאַנצן״. איז טאַקע אָט די תּלמוד־לעגענדע, וואָס האָט פאָלקלאָריסטיש אַן אינטערעסאַנטע

געשיכטע, גאָר באריכות איבערגעגעבן אין אַ דיכטערישער פאָרעם אינעם „מלכים בוך", בעת אונדזער דיכטער דערציילט די גרויסקייטן און װוּנדערלעכע מעשׂים פון שלמה המלך, ווי ער האָט געהערשט מיט זײַן חכמה איבער דער גאַנצער וועלט, אַפילו איבער די שדים און רוחות. שלמה המלך האָלט בײַם בויען דעם רחבותדיקן בית־המיקדש און נייטיקט זיך אין דעם לעגענדאַרישן שמיר־ווערעמל, וואָס זאָל שנײַדן די קוואָדער־שטיינער צום בוי, מחמת מען האָט זיך נישט געטאָרט באַנוצן מיט קיין אײַזן. וווּ געפינט זיך אָבער דער שמיר? נאָר איינער ווייס וועגן דעם און קען העלפן, און דאָס איז אשמדאי. שיקט שלמה אַרויס דעם „הערצאָג בנייה", אַז ער זאָל ברענגען אשמדאין צום קעניג. ווי אַזוי קען מען אָבער פּאַקן אַזאַ פאַנטאַסטישן שד ווי אשמדאי? געוויינטלעך גלייבט דאָס פאָלק, אַז שדים און רוחות האָבן געוויסע מענטשלעכע צורות און אייגנשאַפטן. זיי לעבן ווי מענטשן, עסן און טרינקען, לערנען תּורה און ריידן דאָס לשון פון מענטשן. דערויף דערציילט אונדז די אגדה, אַז כּדי צו פאַנגען אשמדאין, האָט בנייה אין זײַן קלוגשאַפט אָנגעפילט די גרוב, ווו דער מלך פון די שדים וווינט, מיט ווײַן. אשמדאי, הערן מיר, גייט יעדן טאָג אַרויף אין הימל און בעת ער קומט צוריק אַ דאָרשטיקער דעם טאָג פון זײַן פלי אין די אייבערשטע וועלטן, טרינקט ער אויס דעם ווײַן, וואָס בנייה האָט געהאָט פאַר אים אָנגעגרייט. איצט איז שוין גאָר אַ קלייניקייט צו פענטן דעם אָנגעשיכּורטן אַשמדאי. בינדט אים טאַקע בנייה אין קייטן און ברענגט אים צו פירן אין שלמהס פּאַלאַץ. דעמאָלט איז ער אויך מגלה דעם סוד, ווו מען קען געפינען דאָס ווערעמל שמיר און אַזוי איז אויך געשען.

אָבער ווי באַקאַנט האָט אַשמדאַי דער ממזר אָפּגעטאָן שלמהן צום סוף אַ שפּיצל. ער האָט אים פאַרטריבן פון ירושלים און אַ צײַט לאַנג געזעסן אויף שלמהס טראָן. ערשט נאָך לאַנגע גילגולים און לײדן איז שלמה געקומען צוריק אַהיים און אַשמדאַי האָט געמוזט אַנטלויפן. זינגט דער דיכטער אין זײַן פּירצייליקער סטראָפע אָט ווי:

„...דא ער נון ווש אנטפפלוהן שלמה ווידר קויניג, ווש,
אונ' אַזו גאר הערליך אויף זיינים שטול זש.
אבר דענוך ווש קויניג שלמה זורגן ניט ורייא,
ווען ען בורכט זיך שטעט בור דעם טויבל אשמדאי".

הגם אַשמדאַי דער שד איז אַנטלאָפן, האָט זיך פון דעסטוועגן שלמה

נישט זייער זיכער געפילט אויף זײַן טראָן, מחמת ער האָט תּמיד מורא געהאַט פאַר אַשמדאַין וואָס קען אים טאָן אַ רעה. די דאָזיקע לעגענדע, וואָס באַשטייט פון אַ גאַנצע ריי פון מאָטיוון, אַ מין מעשׂה בתּוך מעשׂה, איז זייער פאַרשפּרייט אין דער וועלט־ליטעראַטור און איז אויך אַרײַנגע־דרונגען אין דעם אַלט־ייִדישן עפּאָס. אפשר שטאַמט טאַקע די מעשׂה פון אינדיע, ווי אַ סך פאַרשער מיינען און האָט זיך שפּעטער קונה שביתה געווען בײַ ייִדן און פון דאָרט ווײַטער געוואַנדערט. אויך אין דער גריכי־שער ליטעראַטור געפינען מיר אַן ענלעכן מאָטיוו. אַזוי דערציילט אונדז הערָאדאָט, אַז דער לעגענדאַרישער קעניג מידאַס פון פריגיע, האָט אויך אַמאָל אויף אַזאַ אופן ווי בנייה געפאַנגען סילענוסן, דעם לערער פון באַק־כוסן. די שלמה אַשמדאַי מעשׂה איז אויך מגולגל געוואָרן אינעם שפּיל־מענישן עפּאָס: סאָלאָמאָן און מאַראָלף. אונדזער דיכטער רופט אָן אַשמדאַי „דער אויבערשט טייביל״, דער ראש פון די טייוולאָנים.

אין זײַן אַרײַנפיר שטעלט זיך אויך פוקס אָפּ אויף די פראַגן ווער עס איז געווען דער מחבר פונעם „מלכים בוך״ און ווו עס איז אויפגעקומען. ווער דער מחבר איז געווען און ווו ער האָט געלעבט, ווייסן מיר נישט. ווי אין אַ סך אַנדערע ווערק פון דער אַלט־ייִדישער פאָלקס־ליטעראַטור איז זײַן נאָמען פאַרבליבן אַנאָנים. ווייסן מיר דאָך עד היום נישט אויף זיכער, נישט געקוקט אויף די אַרויסגעזאָגטע סברות פון אַ ריי פאָרשער, ווער עס איז געווען דער מחבר פון „שמואל בוך״. דער אַנאָנימער מחבר פון „מלכים בוך״ איז בלי ספק געווען, ווי מיר קענען זיך אים אויסמאָלן אַ ייִד, אַ יודע ספר און מסתּמא אַ מענטש מיט אַן אַרומנעמיקער וועלטלעכער בילדונג. ער איז געווען אויסגעווייקט אין דער ייִדישער פאָלקס־קולטור, אַ בן־בית אין תּנ״ך מיט זײַנע מפרשים, ווי למשל רש״י, רד״ק (ר׳ דוד קמחי) און רלב״ג (ר׳ לוי בן גרשום), און זיך גוט אויסגעקענט אין תּלמוד און מדרש, ציטירנדיק אַפילו אָפּט מעשׂיות פון תּרגום־שני פאַר זײַנע אימפּראָוויזירטע האַנדלונגען און עפּישע סצענעס. ער איז אויך געווען באַהאַוונט אין הוויות העולם און אַ קענער פון דער ליטעראַטור פון זײַן צײַט. ווי פוקס איז זיך משער, האָט דער מחבר געשטאַמט פון דײַטשלאַנד און שפּעטער געלעבט אין אויבער־איטאַליע, ווו ער האָט געשאַפן זײַן גרויסן עפּאָס. צי דאָס איז באמת אַזוי געווען, איז שווער איצט צו זאָגן, קיין דירעקטע באַווײַזן דערויף פאַרמאָגן מיר נישט.

עס קען אָבער גרײַלעך געמאָלט זײַן, אַז אַזאַ ווערק ווי דאָס „מלכים

בוך", ווי אַ סך אַנדערע, איז באמת געשאַפן געוואָרן אין איטאַליע. ווייסן מיר דאָך, אַז אין משך פון אַ לאַנגער צײַט איז אַנגעגאַנגען אַ שטאַרקע עמיגראַציע פון דײַטשלאַנד קיין אויבער־איטאַליע. מחמת ביטערע רדיפות האָבן ייִדן פאַרלאָזט זייערע וווין־ערטער אין דײַטשלאַנד און געפונען אַ נײַעם מקום־מנוחה אין די רעפובליקן און מדינות פונעם דעמאָלטיקן אויבער־איטאַליע. דאָרט אַהין האָבן זיי, זעט זיך אויס, אויך „אַריבערגע־וואָרפן גאַנצע קהילות מיט זייערע רבנים, ישיבות, מינהגים" און זיך מיט דער צײַט פאַרפונדעוועט און די נײַע יישובים, וווהין זיי האָבן אויך מיטגע־בראַכט דאָס לשון ייִדיש. ייִדישע יישובים האָבן זיך צעוואַקסן, און צע־בליט האָט זיך אויך אַ גײַסטיק לעבן און באַגלײַך אויך די ייִדישע פֿאָלקס־ליטעראַטור. איז דאָך די בלי־צײַט פון דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור אין איטאַליע טאַקע אויסגעפאַלן אינעם 15־16טן יאָרהונדערט, און אַ ראיה דערצו איז דער מײַסטער פון דער ייִדישער עפּיק, אליהו בחור. זײַנען נישט נאָר ספרים און פּאָעטישע ווערק געוואָרן געשריבן אין אויבער־איטאַליע, נאָר אויך דאָרט געדרוקט און זיך דערנאָך צעגאַנגען בכל תפוצות ישראל, אומעטום וווּ ייִדן האָבן געלעבט. זיכער האָט דאָס „מלכים בוך" געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין די איטאַליענישע יישובים. די ציטירטע נאָטיץ פון אַנשל לויס כתב־יד „פרקי אבות" איז אַ ווײַטערדיקער באַווײַז, וואָס באַשטעטיקט דאָס.

מיטן אַרויסגעבן פונעם וויסנשאַפטלעכן טעקסט פון „מלכים בוך" אין דער דײַטשישער שפּראַך, האָט פוקס באַוויזן צו טאָן גאָר אַ וויכטיקע אַרבעט אויפן געביט פון דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור־פאָרשונג. זײַן אַרבעט פאַרנעמט זיך קודם־כל מיט דער גענעזיס פון עפּאָס, זײַן לשון און סטיל, די השפעות פון דרויסן און פון אינעווייניק, און אַנאַליזירט אַ ריי מקורים, הן דעם תנ"ך גופא און הן די מדרשים, תלמוד און מפרשים מיט וואָס דער ייִדישער דיכטער האָט זיך ברייטהאַרציק באַנוצט. צום אויגסבורגער טעקסט, וואָס איז איבערגעדרוקט אין פאַקסימילע, פירט ער אונטער אַ ריי וואַריאַנטן און טעקסט־קריטישע הערות. אַלס הוספה קומט נאָך אַ גלאָסאַר מיט פאַרטײַטשטע (טאַקע אויף דײַטש) ווערטער און אויסדרוקן אין עפּאָס, כדי מסתמא צו פאַרגרינגערן דאָס לייענען פון טעקסט דעם ווייניקער באַהאַוונטן פאָרשער אין דער אַלט־ייִדישער ליטע־ראַטור. האָט אָבער דער גלאָסאַר דעם חסרון, וואָס ער פאַרנעמט זיך לחלוטין נישט מיט דער עטימאָלאָגיע פון די ווערטער, זייער אָפּשטאַם און שפּראַכלעכע אַנטוויקלונג, וואָס וואָלט זיכער געווען אַ וויכטיקער צו־

שטייַער צו דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור־פאָרשונג. עס וואָלט אויך אין דעם צוזאַמענהאַנג געווען אינטערעסאַנט אַ מאָל אַדורכצופירן אַ פאַר־גלייַך צווישן דער שפּראַך און איבערזעץ־טעכניק פונעם תנ״ך־מקור דורכן ייִדישן עפּישן דיכטער און דעם אָנגענומענעם פּאַרטייַטש־נוסח פון די תנ״ך־איבערזעצונגען אין ייִדיש לשון. זיכער וואָלטן מיר דערפון אָפּ־לערנען גאָר אַ סך. אַגב, וואָלט אפשר געווען גאָר אינטערעסאַנט אָנצו־מערקן אין אַ ווערק פון דעם שניט אַ ריי פאָלקסווערטלעך, וואָס קומען פאָר אין עפּאָס און אָנווייַזן אויף זייער מקור און באַטייַט. אַ שטודיע פון דעם מין איז נישט נאָר נוגע, ווילט זיך דוכטן, ליטעראַטור, סטיל, טעכ־ניק וכד׳, נאָר וואָלט אויך געדאַרפט געבן אַ בילד וועגן דעם גאַנצן לעבנס־שטייגער פון אַמאָליקן ייִד, זייַן וועלט־באַנעם, זייַנע גלייבונגען און פירעכצן, זייַן פיקחות און זייַנע ווערטלעך, אַט אַזוי ווי ער זעט זיך אַרויס פון דעם עפּאָס פון ייִדישן דיכטער.

אַ חידוש איז נאָך אויף דעם מלומד לייב פוקס, וואָס איז אַ בר־הכי, אַז ער האָט דווקא אַרויסגעגעבן זייַן וואָגיקע פאָרשונג אין דייַטש. מילא דער עזבון פון פאַלקן האָט שוין געמוזט דערשייַנען אין דער שפּראַך, ווי ער האָט זייַן ווערק אָנגעשריבן און איבערגעלאָזט. אָבער אויף פוקסן, דעם ייִדיש־פאָרשער איז פאָרט אַ קשיה. אויף אים וואָלט מען געקענט פרעגן מיט אַ פּאַראַפראַזע פון יענעם בעל־תּלמוד: לשון דייַטש למה? צו וואָס טאַקע דייַטש? אָדער ייִדיש אָדער אפשר גאָר ענגליש. גייט עס דאָך דאָ וועגן אַ וויכטיקער כּינוס־אַרבעט פון דער אַלט־ייִדישער ליטעראַרישער ירושה און עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז די אַרבעט מוז געטאָן ווערן אויף ייִדיש. אויף אונדזער דור ליגט אָט דער גרויסער חוב און מיר טאָרן אים נישט פאַרזען.

בלייַבט נאָר דעם שרייַבער פון די שורות דאָ זיך און דער ייִדישער וויסנשאַפט צו ווינטשן, אַז לויטן מוסטער פון פוקסעס געניטער און גע־ראָטענער אַרבעט זאָלן בקרוב דערשייַנען, אָבער אויף ייִדיש, די איבע־ריקע תּנכישע עפּאָסן פון אַלט־ייִדישן זינגער. די ספרים יהושע, שופטים, דניאל וכד׳ וואַרטן נאָך אויף זייער גואל. לאָמיר האָפן, אַז זיי וועלן נישט מוזן צו לאַנג וואַרטן.

(1967)

פאָלקסשאַפונג און ליטעראַטור

אינעם בראשית, אין סאַמע אָנהייב פון יעדער ליטעראַטור שטייט די סאַגאַ, דער מיטאָס, דער העלדן־עפּאָס און דאָס פאָלקס־מעשהלע, די פאָבולע און מסורה. עס איז דאָס ביסל אייגנס וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן אין משך פון דורות און וואָס איז געבליבן על־פּי־רוב אַנאָנים, אָן, אַזוי צו זאָגן, לעגיטימע טאַטע־מאַמע. עס איז דער ציבור, דער קאָלעקטיוו, וואָס שפּינט אויך די גילדענע פעדעם פון דער יחידישער שאַפונג, וואָס ווערט מיט דער צײַט איבערגעגעבן פון פאָלק און בלײַבט אַנאָנים. עס שאַפט זיך אַזוי אַרום אַ מין ליטעראַרישער רשות־הרבים פון וואַנען עס כּישופן מיט טויזנט חנען און כּל־המינים קאָלירן אַלטע פאָלקס־מעשהלעך און פּילזײַטיקע מסורות. מיר רעדן געוויינטלעך אין אַזאַ פאַל פון אַ בעל־פּה־טראַדיציע, וואָס איידער זי ווערט פאַרשריבן און פיקסירט, שטראָמט רחבותדיק מיט איר תּמימותדיקער פרישקייט איבער ווײַטע שטחים און צײַטן, ווערט דערציילט, איבערדערציילט מיט שינויים און הוספות, און ווערט איבערגעגעבן פון מויל צו מויל, פון איין דור צום אַנדערן. אין אָט דעם לאַנגן פּראָצעס פון אַנטוויקלונג און אָפּקלײַב מאַכן אָט די פּאָ־בולאַרע סיפּור־המעשיות אַדורך אַ סך גילגולים און ליטעראַרישע טראַנס־פאָרמאַציעס, עס קומען צו אָפט פאַנטאַסטישע שטאָפן פון דער פרעמד מיט נײַע שפּילעוודיקע מאָטיוון, פון וואָס דאָס פאָלק מאַכט אַ שאָפערישע גאַנצקייט, און מיט וואָס שפּעטערדיקע דורות ייַחוסן זיך און גרייסן זיך ביז גאָר. דאָס אַלץ גייט אַרײַן אינעם גדר פון דער אַנאָנימער פאָלקס־ליטעראַטור. ערשט אויף אַ רײַפערער, העכערער קולטור־מדרגה, בשעת עס נעמט זיך פאַמעלעך אויספורעמען די דיכטערישע פערזענלעכקייט, ווערט פון אָט דעם רשות־הרבים אַ ליטעראַרישער רשות־היחיד. עס גייט אויף בהדרגהדיק אַ פולבלוטיקע, אַ פילפּנימדיקע און פּאַרטיפּטע יצירה, מיט איר אינדיווידועלן סטיל און אויסדרוק, פאָרעם און אינהאַלט, וואָס טראָגט דעם בולטן חותם פון דיכטערישער אויטענטישקייט און פליצט מיט אַ סך אייגנקייט און מקורדיקייט.

פרעגן מיר זיך דווקא הײַנט, ווען מיר ריידן אַזוי אָפט און אַזוי פיל

וועגן כּינוס און המשכדיקייט פון אונדזערע קולטורוועסטן, וואָס איז גע־וועזן דער פּלאַץ פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג אין דער ליטעראַטור, אויף ווי ווײַט גרייכט איר השפּעה אויף דער הײַנטיקער יצירה אין ייִדיש? אויב מיר ריידן וועגן פאָלקסשאַפונג, פאַרשטייט זיך, אַז מיר זײַנען כּולל אין דעם אַלץ וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן אין משך פון דורות. עס איז אַ ברייטער, גרעסערער יצירה־שטח, וואָס נעמט אַרײַן סײַ די ייִדישע פאָלקס־מעשׂה, דעם משל און דאָס פאָלקסליד, די לעגענדע און פאָלקס־חכמה, דראַמאַטיק און שטייגער. געווען אַ צײַט, ווען מען האָט בײַ אונדז ווי בײַ אַ סך אַנדערע פעלקער, געקוקט מיט גרויס ביטול אויף דער מעשׂה, דער בײַקע און מסורה. מען האָט דאָס באַטראַכט ווי אַן ענין פון אָפּגעשטאַנענ־קייט און טפלות. אַ סגולה פאַר אײַנגעגלייבטע באָבעס, אָן אַ שום ליטע־ראַרישן ווערט. מען האָט אויף דעם אַלעם געקוקט ווי אויף אַ שטיק פאַר־גרעבטן פאָלקס־פּרימיטיוו, וואָס פּאַסט גאָרנישט פאַרן אויפגעקלערטן וועלט־באַנעם פון קלוגע מיושבדיקע מענטשן. האָט טאַקע די אַמאָליקע משׂכּילישע אינטעליגענץ מבטל געמאַכט די פאָלקס־מעשׂה און פון איר אָפּגעחוזקט. אין דער אמתן האָט מען לחלוטין נישט פאַרשטאַנען דעם באַטײַט און חשיבות פון אמתער, אויסגעשטאַנענער פאָלקסקונסט. אגב, אַזאַ באַציִונג פון ביטול און חוזק האָט מען אויך געהאַט לגבי דעם לשון ייִדיש מיט זײַן שאַפערישקייט און מקורדיקייט, וואָס איז געשטאַנען, און שטייט נאָך הײַנט, אין געוויסע „אינטעליגענטע" קרײַזן, אין אַ מצב פון גײַסטיקן דלות און גראָביונגערישער שיפלות.

עס האָט ערשט געמוזט קומען אַ דור פון רײַפע, באַוווסטזיניקע גײַסט־מענטשן, וואָס האָבן געגומען מאַכן אַן ערנסטן סך־הכּל פון דער ירושהדי־קייט פון עבר. מיט אַ סך קענטעניש און ליבשאַפט צו דער פאָלקסשאַ־פונג האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אין אירע פאַרבאָרגענע טיפענישן און פון דאָרט אַרויסגעצויגן די פאַרזונקענע אוצרות פונעם עבר. מיט אַ סך פאַרשטענדעניש האָט מען זיך גענומען אָפּרייניקן פון זיי דעם שטויב פון יאָרהונדערטער, זאַמלען און באַאַרבעטן די מקורים און מאָטיוון, און אַזוי אַרום פאַרלייגן דעם יסוד פאַר אַ גרונטיקער, קאָמפּאַראַטיווער פאָלקלאָר־פאָרשונג אין ייִדיש. די דאָזיקע צוגרייט־אַרבעט האָט אויך באַלד גע־צײַטיקט אירע ערשטע פּרוכטן. מען האָט גיך אַנטפּלעקט אינעם פאָלקסשאַפן נײַע, קוואַליקע אוצרות, וואָס האָבן געוועקט מיט זייער פרישקייט און תּמימות נײַע כּוחות און שפּעדיק באַווירקט דעם ווײַטערדיקן גאַנג פון אונדזער ליטעראַטור.

בעצם לעבט די פֿאָלקס־מעשׂה אין אַן איראַציאָנאַלער וועלט פֿון דמיון און חלום, און וועבט פֿון צײַט צו צײַט אירע פֿײַנע, דריבנע פֿעדעם סײַ אַרום אַנאָנימע און סײַ אַרום היסטאָרישע פּערסאָנאַזשן און ערטער. זי איז פֿילמיניִמדיק און פֿילפּנימדיק; זי איז אי פֿרום און אי פֿאַרשײַט, תּמיד צוגעפּאַסט צום גײַסט און געשמאַק פֿון דער צײַט. אָפֿט איז זי אויסן צו אונטערהאַלטן און אַמוזירן, אָבער על־פּי־רוב איז זי דידאַקטיש־פֿרום און קומט אונדז צו לאָזן הערן מוסר. די כּוונה פֿונעם מעשׂה־דערציילער איז נישט סתּם צו פּאָפּולירן, נאָר ער וויל מיט זײַן מעשׂה לערנען דעם ייִד דרך־ארץ און גוטע מידות. מיט איר פֿרומען מוסר־השׂכּל וויל טאַקע די מעשׂה לערנען דעם ייִד צו גיין בדרך הישר, זײַן גאָטפֿאַרכטיק און טאָן גוטס זײַן לעבן־לאַנג. האָט טאַקע די מעשׂה אַ לאַנגן און גרויסן ייִחוס. זי קומט פֿון אַלטע צײַטן, שפּאַנט רחבותדיק איבער דורות און געאָגראַפֿישע שטחים, ביז זי שפּאַרט אָן ממש אין אונדזער צײַט. איר וועג איז אַ לאַנגער, אָפֿט אַ פֿאַרפּלאָנטערטער. ער ציט זיך פֿונעם תּנ״ך איבערן תּלמוד און מדרש, איבער דער מיטל־עלטערלעכער רבנישער ליטעראַטור, די מוסר־ספֿרים און חסידות. אין גאַנג פֿון דער צײַט באַנײַט זיך אָבער די מעשׂה כּסדר. זי ווערט מער אײַנפּאַלעריש און נאָוואַטאָריש, אָט בײַט זי איר פֿאָרעם און אָט קומען צו נײַע דעטאַלן, אָפֿט אויסגעבאָרגט־פּלאַדיקע מאָטיוון, ביז זי ווערט מיט אַ מאָל מגולגל אין אַ נײַעם לבוש, אין אַ פֿרישן פֿאָלקסטימלעכן וואַריאַנט.

אַ גרויסע אויפֿלעבונג פֿון דער פֿאָלקס־מעשׂה, וואָס האָט אויפֿגעפֿראַלט נײַע, אומבאַקאַנטע האָריזאָנטן, איז געקומען, ווי מיר ווייסן, אין חסידות. דאָ איז די מעשׂה געוואָרן דערהויבן צו אַ הויכער, שאַפֿערישער מדרגה. חסידים האָבן אין איר אַרײַנגעטראָגן אַ פֿרישן צאַפּל, אַ הייסן גלי און טיפֿ־קייט פֿון געדאַנק, וואָס האָט ממש צעשטורעמט די הערצער. דאָס מעשׂה־דערציילן בײַ חסידים איז געוואָרן אַ מין הייליקער ריטואַל, אַ שטיק עבֿודה, וואָס איז געוואָרן געטראָגן פֿון אַ פֿאַרדבֿקותדיקן געפֿיל און אַ טיפֿן נשמה־דיקן עקסטאַז. אין חסידות האָט זיך די מעשׂה צעשטראַלט מיט איר אַלטן פֿאַרבאָרגענעם ליכט און געשײַנט מיט אַ בראשיתדיקער קלאָרקייט און העלקייט. אַ הייליק פֿײַער האָט אַדורכגעגליט די חסידישע מעשׂה, וואָס האָט צעוואָרעמט דאָס געמיט פֿונעם פּראָסטן ייִד און אים געגעבן חיזוק און טרייסט. זאָגט שוין דער בעל־שם־טובֿ, אַז ווען איינער דערציילט דעם אַנדערן אַ פּשוטע מעשׂה, פֿאַרטרײַבט ער פֿון אים דערמיט נישט בלויז די עצבֿות, נאָר דערהייבט אים צו אַ העכערער מדרגה פֿון ייִחוד, פֿון

באַהעפטונג מיט גאָט ברוך־הוא, מחמת דינען גאָט קען מען נאָר מיט שׂימחה, הײַנט ערשט זײַן אייניקל, דער גרויסער בעל־סוד און גאָט־גע־בענטשטער דיכטער, ר׳ נחמן בראַסלאַווער. דערציילן סיפּור־המעשׂיות וועגן צדיקים, לערנט אונדז ר׳ נחמן, איז גאָר אַ גרויסע זאַך; אין דעם איז פאַראַן די מדרגה פון גדלות דמוחין, פון אַ גײַסטיקן אויפשטײַג. דערמיט ברענגט מען אַראָפּ דעם אור הגנוז פון משיחן און מען פאַרטרײַבט די חשכות און יסורים פון דער וועלט. האָט דאָך ר׳ נחמן אין זײַן גײַסטיקן געראַנגל תּמיד געזוכט אַ לבוש, אַ פאָרעם פאַר זײַנע טיפקוואַליקע און הויכע רעיונות, און זיי געפרוווט אויסדריקן אין בילדער און סימבאָלן. אויף אַזאַ אופן זײַנען טאַקע אויפגעקומען זײַנע פאַנטאַסטישע, בילדערישע מעשׂיות, וואָס האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר דער נײַער פאָלקס־ליטעראַטור אין ייִדיש. די מעשׂה איז שוין דאָ נישט מער אַן ענין פאַרן פּראָסטן המון און חדר־ייִנגלעך, נאָר זי איז געוואָרן אַ דערהויבענע געצײַג פאַרן ייִדן, דעם חסיד, דעם רבין און פאַר דער ווילקענעוודיקער פרוי. חסידות האָט די אַלטע מעשׂה אָפּגעפרישט, זי אויסגעאיידלט און פאַרטיפט, און גע־מאַכט פון איר אַ געהויבענע ליטעראַרישע כּלי. אָט די דאָזיקע ברייט־צע־צווײַגטע מעשׂה־ליטעראַטור פון אַמאָליקע דורות האָט בלי ספק געשפּילט גאָר אַ וויכטיקע ראָלע אינעם פּראָצעס פון צוגרייטן דעם לייענער פאַר דער קומענדיקער ייִדישער פּראָזע־ליטעראַטור.

לאָמיר דאָ נאָך דערמאָנען, אַז אויך די משׂכּילישע ליטעראַטור, הגם מיט איר אויסקוק און אירע מיליטאַנטע טענדענצן איז זי אָפּט געווען ממש דער היפּוך פון חסידות, האָט גערעדט אינעם נוסח פון מוסר־ספר און מעשׂה־ביכל, צו וואָס דער פּראָסטער ייִד, די ייִדישע לייענערין זײַנען שוין געווען צוגעגרייט פון קדמונים. אין דעם זעלביקן נוסח האָט, למשל, אויך געשריבן דער פּאָפּולערער אײַזיק מאיר דיק, וואָס האָט לויטן אַלטן שטיי־גער אָנגעוויזן אויפן שער־בלאַט פון זײַן סיפּור־המעשׂה דעם מוסר־השׂכּל, דעם מיין פון זײַן דערציילונג. בשעת אָבער די השׂכּלה מיט איר ראַציאָנאַלן וועלט־באַנעם און אוטיליטאַרן צוגאַנג צום לעבן, האָט זיך געפלײַסט צו פּרעדיקן טרוקן און מיושבדיק די אידעאַלן פון בילדונג און פון פּראָדוקטי־ווער אַרבעט, און געהאַלטן אין איין שטורעמען קעגן דער פינצטערקייט און אָפּגעשטאַנענקייט פון די מאַסן, האָט חסידות מיט זײַן אייביקן גלי און ברען געשאַפן אַ נײַעם מיטאָס. עס האָט געשפּונען און געוועבט די דורות־אַלטע מעשׂה מיט איר תּמימות און אירע חידושים, מיט איר בראשית־

דיקן פּישוף און נסימדיקייט, וואָס האָט געקוויקט דאָס געמיט פון דעם פאַרלוירענעם, דערשלאָגענעם ייִד.

אַזוי ציט זיך די גאָלדענע קייט פון פאָלקישער שאַפערישקייט מיט איר נוסח און שטייגער, מיט איר צניעות און פשטות, פון די עלטסטע צײַטן ביזן הײַנטיקן טאָג. אויף אָט דעם באָדן פון אַלטן סיפּור־המעשׂה און מסורה האָבן זיך דערצויגן דורות ייִדישע שרײַבערס, וואָס האָבן דערנאָך ווײַטער געשפּונען אין זייערע ווערק די צאַרטע פעדעם פון דער פאָלקסשאַפונג, זי פון דאָס נײַ באַהויכט מיט זייער דיכטערישן חזיון און קינסטלעריש פאַר־טיפט. נימצא, אַז אונדזער ליטעראַטור, אין אַלע אירע פאָרמען און מאַ־ניפעסטאַציעס, איז נישט געבוירן געוואָרן אין עפּעס אַ גײַסטיקן חלל, ממש ווי אַראָפּגעפאַלן פון הימל, נאָר זי האָט אירע טיפע, מקורדיקע וואָרצלען אין דער רײַכער ירושה פון עבר. אָן דעם קען גאָר נישט געמאָלט זײַן קיין נײַע, האַפטיקע ליטעראַטור, וואָס האָט אַזוי שטאַרק, אַזוי גראַנדיאָז משפּיע געווען אויף אונדזער לעבן. בעצם איז אויך מענדעלע, דער באַשאַפער פונעם נײַעם ליטעראַרישן סטיל, סײַ אין ייִדיש און סײַ אין העברעיִש, ממש אַדורכגעזאַפּט מיטן טראַדיציאָנעלן מוסר און מיטן נוסח פון מעשׂה־ביכל, — אַ ירושה פון דער אַלטער רעליגיעזער פאָלקס־ליטעראַטור, — וואָס האָט אַזוי יסודותדיק און אויסנעמיק באַווירקט די מאָדערנע ייִדישע לי־טעראַטור.

צו אַ פונדאַמענטאַלן שינוי בנוגע דער פאָלקסשאַפונג איז מען ערשט דערגאַנגען בעצם אויפן ראַנד פון 20סטן י״ה, בשעת די ייִדישע וועלט האָט מיט אַ מאָל דערוואַכט צו אַ נײַעם, פאַרטיפטן איך־און וועלט־געפיל, עס איז געווען די צײַט פון דער גרויסער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, וואָס האָט גענומען שפּאַרן אויף דער ייִדישער גאַס מיט אַ סך אימפּעט און כּוח. זי האָט טיף אויפגעשטורעמט דאָס לעבן און כּלאחר־יד אָפּגעפרישט די אַקו־מולירטע, שאַפערישע פּאָטענצן פון פאָלק. די אויפגעוואַכטע ייִדישע אינטע־ליגענץ אין מיזרח־אייראָפּע, וואָס איז געווען צײַטנווײַז אָפּגעפרעמדט און אָפּגעריסן פון איר מקור, האָט זיך געגעבן אַ קער אויף צוריק, צום אייגענעם שורש. מיט אַ מאָל האָט מען דערזען דעם שטראַליקן גלאַנץ פון דער גרויסער, רײַכער ירושה פון עבר, מיט אירע פאַרהוילענע, וואָגיקע אוצרות, וואָס זענען געלעגן דורות־לאַנג באַהאַלטן אין די טיפענישן פון דער פאָלקסשאַפונג. מיט אַ סך פאַרשטענדעניש און זוכערישן אינטערעס איז מען איצט צוגעשטאַנען צום פאָלקסשאַפן, זיך גענומען זאַמלען און פאַרשרײַבן כּל המינים מעשׂיות, מסורות און אַנדערע פאָלקלאָר־מאַטעריאַלן. עס האָבן

זיך באַוויזן אָנגעזעענע עטנאָגראַפן, וואָס האָבן עפּנטלעך גערופן דעם עולם אַלצדינג צו זאַמלען וואָס ליגט נאָך אינעם שויס פון דער ייִדישער פאָלקסמאַסע, כּדי עס זאָל נישט גיין לאיבוד.

ווי מיר ווייסן אָבער, איז קיינעם פון די גרויסע שרײַבערס פונעם פאַרגאַנגענעם דור נישט באַשערט געווען צו שפּילן אַזאַ צענטראַלע ראָלע אינעם אויפלעבן און אינטערפּרעטירן פון דער פאָלקס־מעשׂה ווי אונדזער י. ל. פּרצן. ער איז געווען באמת דער אַנטדעקער פון דער מעשׂה מיט איר פאָלקסטימלעכער פרישקייט און פאַרחלומטקייט, וואָס האָט זי גענומען פון דאָס ניַי צו געשטאַלטיקן און איר געגעבן זײַן וויזיאָנעריש־קינסט־לערישן זינען. אין איר האָט פּרץ דערזען נישט נאָר דעם גוף, די עצם פאַבולע מיט איר פּשטות און חן, נאָר אויך די נשמה, איר כּוונה און סוד, און זי טאַקע אויף זײַן אופן באַאַרבעט און אויסגעטײַטשט. פּרץ גייט צו צום ייִדישן פאָלקלאָר, דעם ביסל פאָלקסאייגנס, מיט אַ סך ייִראת־הכּבוד און אַ געפיל פון אַנטציקונג און ליבשאַפט. ער וויל געבן דער האַלב־פאַרגעסענער, אָפט אויסגעלאַכטער מעשׂה איר אמתן תּיקון און פאַר איר קונה זײַן אַ בכּבֿודיקן פּלאַץ אינעם תּחום פון דער ייִדישער ליטעראַטור. כּדי זיך צו דערגרונטעווען צום פאָלקס־מקור, נידערט פּרץ אַראָפּ אין די סאַמע טיפענישן פון עבֿר און ציט אַרויס פונעם ים פון פאַרגעסנקייט אַ שלל מיט אוצרות, וואָס פאַרכאַפּן אונדזער אויג מיט זייער שיינקייט און גלאַנץ.

ווי אַזוי האָט זיך אָבער פּרץ, מער פון אַלע אַנדערע ייִדישע שרײַבערס פון זײַן דור, אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט און אַזוי קרוביש זיך דער־נענטערט צום ייִדישן פאָלקלאָר? מיר ווייסן, אַז דער ראָמאַנטיקער און סימבאָליסט פּרץ, פּונקט אַזוי ווי אַ סך אַנדערע ראָמאַנטיקער אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור, האָט געזוכט אַן אָנשפּאַר אין עבֿר פאַר זײַנע קינסטלערישע שאַפונגען. האָט דאָך דער עבֿר מיט זײַנע פאַרהוילענע מסורות און קאָלירפולער שטייגערישקייט געפּישופט דאָס סענסיטיווע געמיט פון דיכטער. עס איז געווען אַ וועלט אײַנגעהילט אין סוד און רמז, וואָס האָט גערעדט מיט אירע סימבאָלישע מאָטיוון און סובטעלער בילדערישקייט אויף איר אייגנדיקן לשון צו פּרצעס קינסטלערישער וויזיע. אָבער עס איז נאָך פאַראַן אַ ווייניקער באַקאַנטע סיבה, אויף וואָס יעקב שאַצקי האָט זיך אַמאָל באַריכות אָפּגעשטעלט, פאַר וואָס פּרץ האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ שטאַרקן אינטערעס צום ייִדישן פאָלקלאָר אין זײַנע פאַרשיידענע פאָרמען. שוין גאָר פרי האָט זיך פּרץ באַקאַנט אין וואַרשע מיט דעם פאָלקלאָרקרײַז

אַרום דער צײַטשריפט וויסלאַ, וואָס איז אין יאָר 1887 געוואָרן דער הויפּט־אָרגאַן פאַר עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר אין פּוילן. צו אָט דעם קרײַז האָבן געהערט אַזעלכע באַקאַנטע פאָלקלאָריסטן ווי איגנאַץ בערנשטיין, דער זאַמלער פון יידישע שפּריכווערטער, שמואל אַדעלבערג, וואָס האָט זיך קונה שם געווען מיט זײַן מאָנומענטאַלער פּובליקאַציע פון פּוילישע שפּריכווערטער, און לוציאַן קאָן, וועמען שאַצקי באַטראַכט ווי דעם ערשטן נאַציאָנאַלן יידישן פאָלקלאָריסט. אגב, פון קאָנס אַ באַשרײַבונג, וואָס ער האָט פאַרצייכנט בשעת זײַנע שטודיע־נסיעות אויף דער פּוילישער פּראָווינץ, האָט פּרץ גענומען דעם מאָטיוו פאַר זײַן פּאָעמע „בײַ דעם פרעמדן חופּה־קלייד", וואָס דערשײַנט אין יאָר 1896. פּרץ וואָס איז געווען ממש אָנגעזאַפּט מיט אַ שלל פאָלקלאָר־מאָטיוון פון זײַן היימשטאָט זאַמאָשטש האָט איצט, אונטער דער השפּעה פונעם וואַרשעווער קרײַז, אַרויסגעוויזן אַ פאַרשטאַרקטן אינטערעס צו פאָלקלאָר בכלל, וואָס האָט אים אַזוי ווונ־דערלעך אינספּירירט פאַר זײַן קינסטלערישן שאַפן. מיר ווייסן אַפילו, אַז פּרץ האָט זיך אײַנגעהערט מיט גרויס אינטערעס אין פאַרשיידענע מעשׂיות און מסורות, וואָס עס האָבן אים איבערדערציילט בײַ כּלערליי געלעגנהייטן אַזעלכע פאָלקלאָר־זאַמלערס ווי ש. אַנסקי און דער יונגער י. ל. כּהן, און אָפט אויך געשעפּט פונעם לעבעדיקן פאָלקסקוואַל. מיר הערן אַפילו, אַז פּרץ אַליין האָט גענומען זאַמלען יידישע פאָלקסלידער, וואָס ער האָט פאַרשריבן פון מויל פון יידישע דינסט־און אַרבעטער־מיידלעך אָדער פון די פאָלקס־זינגערס אין די וואַרשעווער פּאָפּולערע טאַנצהײַזער. צוליב אומבאַקאַנטע סיבות האָט אָט די זאַמלונג וואָס איז באַשטאַנען פון 42 לידער קיין מאָל נישט דערשײַנט. ווי דאָס זאָל אָבער נישט זײַן, אויף אָט דעם באָדן פון זײַנע ראָמאַנטישע שטימונגען און דעם דערוואַכטן אינטערעס צום לעבעדיקן פאָלקסשאַפן בכלל, האָבן מיר צו פאַרשטיין דעם דרך פון פּרצן אין דער יידישער ליטעראַטור, און באַגלײַך מיט אים, אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון וואָגיקע, השפּעהדיקע שרײַבערס פון יענעם דור.

דער היוצא־לנו מזה איז, אַז מיר קענען באַשײַמפּערלעך זען ווי עס פירט אַ קלאָרע, בכיוונדיקע ליניע פון אַ ירושהדיקן המשך פון דער אַלטער ליטעראַטור אין אירע פאַרשיידנדיקע פאָרמען און געשטאַלטיקונגען ביז צו די סימבאָליש־פאָלקסטימלעכע שאַפונגען פון פּרצן און זײַנע בני־דור. אַלטע מסורות און פאָלקסמאָטיוון האָבן נאָך לאַנגע גילגולים געפונען זייער המשך אין אַ נײַעם קינסטלערישן לבוש אין די פאָלקסטימלעכע געשיכטן און חסידישע מעשׂיות פון פּרצן. ער האָט זיי פאַראַרבעט און גײַסטיק

סובלימירט אויף זײַן שטייגער, אַזוי אַז עס איז אָפט נישט לײַכט צו דערגיין זייער מקור, פון וואַנען זיי האָבן זיך אייגנטלעך גענומען. זײַנען טאַקע פּרצעס איבערגעשאַפענע מעשׂיות אַ ביז גאָר אינטערעסאַנט קאַפּיטל פאַרן קאָמפּאַראַטיוון פאָלקלאָר, אויף וואָס מיר קענען זיך דאָ נישט אָפּשטעלן באַריכות. אָבער אַ פּאָר אַלגעמיינע באַמערקונגען אין דעם פּרט זאָלן דינען צו באַווײַזן ווי אַזוי אַן אַלטער סיפּור־המעשׂה איז אונטער דעם כּישוף־שטעקעלע פון דיכטער מגולגל געוואָרן אין אַ רײַפער, ליטעראַריש־סטיליזירטער דערציילונג מיט אַ בולטער סאָציאַל־עטישער טענדענץ אין פּרצעס שאַפן. לאָמיר אויך דאָ, אַגב אורחא, דערמאָנען, אַז בדרך כּלל האָבן מיר צו טאָן אין פאָלקלאָר מיט וואַנדערמאָטיוון, וואָס זײַנען לויט זייער אינעוויייניקסטן מהות אוניווערסאַל און שפּאַנען איבער צײַטן און לענדער, פון איין פאָלק צום אַנדערן. אין משך פון זייערע לאַנגע וואַנדערונגען בײַטן זיי אָפט זייער צורה און תּוכן, עס קומען צו שינויים און הוספות, פרעמדע, אויסגעבאַרגטע מאָטיוון ווערן פאַריידישט, אַלץ אין הסכּם מיטן גײַסט און גוסט פון דער צײַט.

פּרץ האָט אָבער נישט סתּם איבערדערציילט אַ מעשׂה־נורא פון אַמאָליקע צײַטן, נאָר אויסגעשיילט אַן אַלטן פאָלקסטימלעכן מאָטיוו פון זײַן מקור, אים איבערגעגאָסן אין אַ נײַער כּלי און אין אים אַרײַנגעבלאָזן אַ פרישן אָטעם. זײַן קינסטלערישע האַנט האָט די אַלטע מסורה איבערגעשטאַלטיקט און איבערגעשאַפן און איר געגעבן אַ נײַעם תּוכן און פּירוש. דאָס איז טאַקע די גרויסקייט פון אמתע קינסטלערס, וואָס שאַפן ממש פון ברעקלעך און פראַגמענטן אַ נײַע אָרגאַנישע גאַנצקייט. אויב מיר נעמען, למשל, די פּאָפּולערע מעשׂה „די זיבן גוטע יאָר", אַזוי קענען מיר אַרײַנוואַרפן אַ בליק אין דעם לפני ולפנים פונעם קינסטלער פּרץ, טאַקע אין דעם סאַמע וואַרשטאַט פון זײַן יצירה. האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַן אַלטן מעשׂה־רעקוויזיט פון אליהו הנביא, וואָס פּרץ האָט אים געגעבן אַ בולטע סאָציאַלע טענדענץ און אַריבערגעפירט די אָריענטאַליש־ייִדישע לעגענדע אין דעם שטעטל טורבין אין מדינת־פּוילן. אין די אַלטע וואַריאַנטן ווי בײַ פּרצן האָבן מיר אויך אַן אָנצוהערעניש מיט אַ שאַרפן מוסר־השׂכּל, אַז דאָס עשירות וואָס גאָט גיט אַ מענטש איז נאָר אַ פּקדון אין זײַן האַנט. פירט זיך דער מענטש אויף ווי עס באַדאַרף צו זײַן, גיט ער צדקה און טוט גוטס מיטן געלט אַזוי פאַרבלײַבט בײַ אים דאָס ביסל מזל־ברכה, אַז נישט נעמט מען דאָס צו פון אים. עס איז אַן אַלטער מאָטיוו, וואָס מיר געפינען אים שוין אין ספר חסידים (סי' תתקמ"ה). אויך אין דער וונדער־

לעכער מעשה „דער קונצן מאַכער", למשל, מיט דעם באַקאַנטן מאָטיוו וועגן דעם פרומען, גאָטספאָרכטיקן ייִד, וואָס ווערט ערב פּסח, ממש אין דער לעצטער מינוט, אויפגעריכט, האָבן מיר צו טאָן מיט אַן אַלטן העברעיִשן סיפּור־המעשׂה „רבי נסים המצרי", וואָס באַווײַזט זיך, ווידער אַ מאָל ערב פּסח, צו די אָרעמע בעלי־אמונה און העלפט זיי אין זייער נויט. אויך דאָ באַווײַזט זיך אליהו הנביא, דער אייביק גוטער, געטרײַער העלפער אין אַן עת־צרה אין דער געשטאַלט פון אַ זקן, ר' נסים המצרי, און בײַ פּרץ איז עס דאָס דײַטשל, דער קונצן־מאַכער, וואָס דינגט זיך אָן בײַ דעם אָרעמען פּאָרפּאָלק אויף פּסח און ווערט דערנאָך נעלם. אינטערעסאַנט איז אויך אין דעם פּרט אַ חסידישע מעשׂה פון ר' ישׂכר־בער ראַדאָשיצער, דעם „סבא קדישא". ר' ישׂכר־בער איז געווען באַקאַנט ווי אַ גרויסער בעל־מופת און אַ פּועל־ישועות, אָבער בדיעבד איז ער געווען אַ גרויסער אָרעמאַן און געלעבט אין דחקות. אַ מאָל, אין אַן ערב־פּסח, דערציילט די חסידישע מעשׂה (נפלאות סבא קדישא, ז' 5), בשעת אין שטוב איז נישט געווען מיט וואָס צו פּראַווען דעם סדר, האָבן זיך באַוויזן די צוויי מלאכים, מיכאל און גבריאל, אין דער געשטאַלט פון צוויי דײַטשלעך, און אָנגעגרייט פאַר אים אַ סדר ווי עס באַדאַרף צו זײַן. איז אַ סברא, אַז אָט די מעשׂה־פּלא האָט געדינט פּרצן ווי אַ יסוד פאַר זײַן קונצן־מאַכער. מיט זײַן קינסטלערישן שם־המפורש האָט פּרץ איבערגעשטאַלטיקט אָט דעם וווּנדערלעכן פאָלקס־מאָטיוו און אים געגעבן זײַן ליטעראַרישן תּיקון. דאָ ווי אין אַ סך אַנדערע דערציילונגען שעפּט פּרץ שפּעדיק פונעם אַלטן קוואַל פון דער ייִדישער פאָלקסשאַפונג ווי אויך פון אינטערנאַציאָנאַלן פאָלקלאָר. אַזוי, למשל, האָבן מיר צו טאָן אין זײַן פּײַן געשליפענער און טיפּזיניקער מעשׂה „מסירת נפש" מיט אַן אויסגעבאָרגטן מאָטיוו פון דער טאַנהײַזער־סאַגאַ, וואָס פּרץ האָט אָבער אויף זײַן אופן פאַרייִדישט און די גאַנצע פאַבולע אַדורכגע־גליט מיט אַן אידעאַל פון עכטער הומאַניטעט, פון ליבשאַפט און רחמים צו דער מענטשלעכער בריאה.

פּרץ איז בלי ספק געווען איינער פון די ערשטע גרויסע ייִדישע וואָרט־קינסטלערס, וואָס האָט בחוש דערזען דעם אור הגנוז פון דער פאָלקס־מעשׂה, וואָס האָט אירע טיפע שרשים אין דער אַלטער ליטעראַטור. זי האָט דאָס רחבותדיק צעוואַרעמט זײַן געמיט און אינטויִטיוו צעפלאַמט זײַן קינסטלערישע פאַנטאַזיע, ממש ביז צו אַ מדרגה פון ווירטואָזיטעט. פּרץ האָט די אַלטע פאָלקסטימלעכע מעשׂה־שטאָפן אָפּגעפרישט, זיי אויפגעלעבט און זיניק פאַרטיפט. צוזאַמען מיט אים און נאָך אים האָט זיך באַוויזן אַ

גאַנצע פלעיאַדע פון גאָט געבענטשטע קינסטלערס, איבערגעגעבענע זאַמ־לערס און פאָלקלאָר־פאַרטייַטשערס, ווי למשל, מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, ש. אַנ־סקי און אויך זייַן שטייגער מאַרטין בובער, וואָס פאַר זיי איז פרץ בלי־ספק געווען דער סטימול און כּוח־הדוחף פאַר זייער ווייַטער־דיקער קינסטלערישער־און זאַמל־אַרבעט אויפן געביט פון יידישן פאָלקס־שאַפן. מיט אַ כּישוף־שטעקעלע האָט פרץ און זייַנע נאָכגייערס אויפגעוועקט דאָס האַלב־פאַרשלאָפענע און באַהנטע פאָלקס־מעשהלע פון זייַן דורות־לאַנגן שלאָף און דערפון געמאַכט אַ פייַן־געשליפענע, סובטעלע ליטעראַ־רישע כּלי. נאָך היינט דערוואַרעמט אונדז דאָס ברייטצעשטראַלטע ליכט פון דער האַרציקער פאָלקס־מעשה, מיט איר פּלאַדיקייט און נוסחדיקייט, ווי עס האָט זי קאָנטעמפּלאַטיוו־אידעיִש פאַרטיפט און ווירטואָזיש ממשיך געווען ש. י. עגנון אין זייַנע פּרעכטיקע ווערק פונעם אַמאָליקן רייַכן און קאָלירפולן יידישן עבר. אין זייַן שטייגערישער שילדערונג מיטן געטרייַען סקאַרבאָוון נוסח פונעם מעשה־דערציילער, אין זייַנע איבערדערציילטע פרומע מעשיות, אָנגעשטאָפּט ממש מיטן אַלטן מוסר־השׂכּל און יידישער פּיקחות, פילן מיר נאָך היינט דעם אמתדיקן טעם פון יענער אַמאָליקער וועלט אין מיזרח־אייראָפּע, וואָס איז אַזוי טראַגיש פאַרלוירן געגאַנגען. סייַ בייַ פרצן און סייַ בייַ עגנונען פראַלט זיך אויף פאַר אונדז אַ וועלט פון באַהאַלטענער שיינקייט און פון גרויסער ליכטיקייט, וואָס פאַרכאַפּט ממש דעם אָטעם. אויך עגנונס אייגנדיקע ווערק פאַרמאָגן עפּעס פון יענער רייַפער און באַגלייַך תּמימותדיקער פאָלקסשאַפונג, מיט איר חן און כּישוף, וואָס דער קינסטלער האָט אַזוי שלמותדיק דערהויבן צו נייַע הייכן.

אַזוי קייטלען זיך די קייטן, ציִען זיך די גאָלדענע רינגען, כּסדרדיק, המשכדיק, אָן אַן אָפּשטעל איבער צייַטן און דורות אין אונדזער ליטעראַטור, פונעם ווייַטן עבר ביז צום היינט און מאָרגן. עס איז דער גילגול פון דער אַלטער מסורה און מעשה אין איר נייַעם ליטעראַרישן לבוש, וואָס טראָגט סייַ בייַ פרצן און סייַ בייַ זייַנע דיכטערישע מיטצייַטלערס דעם חותם פון זייער אינדיווידואַלער, שאַפערישער פערזענלעכקייט. דער אָנהייב פון אונדזער נייַער ליטעראַטור ליגט בלי־ספק אינעם תּחום פון דער דורות־אַלטער פאָלקסשאַפונג, וואָס איז אַמאָל אויפגעגאַנגען אינעם קולטור־שטח פון דער אַשכּנזישער יידישקייט און זיך אויסגעשטאַנען אויפן פעטן, פרוכ־פּערדיקן באָדן פון מיזרח־אייראָפּעיִשן פאָלקסלעבן. אין זייַן שמעלצטיגל האָט זי דער דיכטער געריייניקט און געלייַטערט פון כּלערליי פּסולתן, זי אויסגעאיידלט און סובלימירט, און אַזוי אַרום געשטאַרקט און פאַרמערט די

יצירה־קוואַלן פון אונדזער דור פון אויפלעבונג און באַנײַונג. דער מאָדער־נער ייִדישער קינסטלער האָט די פאָלקס־מעשׂה דערהויבן אין די אייבער־שטע ספירות, איר געגעבן דעם אמתן תּיקון און שלמות, אַ נײַעם תּמצית און אַ טיפערן זינען. זי איז אַרײַן אינעם היכל פון דער ליטעראַטור און איז געוואָרן אַ לעבעדיקער, שפּעדיקער טייל פון המשך און יצירה פון אונדזער צײַט.

(1968)

חיים גרינבערג — דער רעפּרעזענטאַנט פון אַ דור

פּאַמעלעך, אָבער מיט פעסטע, זיכערע טריט האָט געשפּאַנט יענער דור מיטן באַגינען פון 20סטן יאָרהונדערט. עס איז געווען אַ דור, וואָס אויפגעהאָדעוועט און אויפגעוואַקסן אויף דעם פעטן באָדן, פון אויסגעשטאַנענער, צײַטיקער יידישקייט, האָט דערוואַכט צו אַ נײַעם, פולן לעבן, צו אַ נײַעם געשיכטלעכן באַוווסטזײַן, וואָס האָט אין זיך כולל געווען וועלט און פאָלק, נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע דערלייזונג. אויף דער איינער זײַט איז דער יונגער דור געווען טיף פאַרוואָרצלט אין דער אַלטער, טראַדיציאָנעלער יידישקייט, רחבותדיק און מיט פולע הענט געבאַלעבאַטעוועט אין איר אָנגעזאַמלטער עשירות, און אויף דער אַנדער זײַט, זײַענדיק אָנגעצויגן פון דעם שטראַליקן ליכט פון אַ רײַכער אייראָפּעיִשער קולטור, זיך מיט איר באַהאָפטן און געשאַפן אַ נײַע יידישקייט־סינטעזע. נישט ווי בעטלער אָדער גײַסטיקע יורדים, נאָר ווי אמתע גבירים, מיט זעק פול פון כל טוב און אַ רײַכן קולטור־באַגאַזש איז מען אַרויס אויפן ברייטן שליאַך פון אייראָפּע, באַגעריק צו לערנען, אײַנצוזאַפּן אין זיך אַלץ, וואָס דער גילדענער מערב האָט נאָר געקענט געבן.

בעצם איז דאָס געווען אַ רײַכע גײַסטיקע וועלט פון וואַנען יענער דור איז געקומען. זי איז נאָך דעמאָלט געווען פעסט אײַנגעפונדעוועט אין דעם מיזרח־אייראָפּעיִשן באָדן און בהרחבההדיק געשפּײַזט דעם יונגן, אויפגייענדיקן דור, אַ דור פון באַנײַער, וואָס איז געווען פול מיט אַן אימפּולס פון מרידה און עקספּלאָזיע. עס איז געווען אַ וועלט אַן אָפּגעצוימטע אָבער מיט אַ סך אייגנס, וואָס האָט זיך אַליין געשפּײַזט, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ סך געמיט און קאָליר. אין משך פון לאַנגע דורות האָט זי געהאַט אָנגעזאַמלט אַן עשירות פון גײַסטיקע גיטער, פון אַ רײַכער קולטור און אַ פאַרביקן לעבנס־שטייגער. דער צוזאַמענשטויס מיט אייראָפּע איז געווען אַ פּרוכפּערדיקער. די שליחות פון דעם אייראָפּעיִשן הומאַניזם מיט זײַנע הויכע פרײַהייט־אידעאַלן, האָט געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג אין דער נשמה פון דעם קולטור־ און פרײַהייט־דאָרשטיקן יונגן ייד. אייראָפּע האָט דעמאָלט געפלייצט מיט לעבן, געפּישופט מיט כל המינים פאַרבן. אַהינצו האָט עס געצויגן די יידישע יוגנט מיט אַלע

אירע רמ״ח אברים. מען האָט געוואָלט אַרויס פון דער היימישער ענגשאַפט אין די אייראָפּעיִשע קולטורווײַטקייט. מיט דער כאַראַקטעריסטישער מידה פון יידישער עקשנות האָט זיך דער יונגער דור געריסן מיט אַלע כוחות צו די קולטור־הויכקייטן פון דעם ליכטיקן מערב. אין זיי האָט ער געזען אידעאַל און פאַרווירקלעכונג, שטרעבונג און ציל.

דער זיווג מיט אייראָפּע איז געווען אַ געראָטענער. אַ דור, אַ יונגער, אַן אָנגעזעטיקטער מיט יידישקייט און אַ קאַמף־דערפילטער, האָט זיך געלאָזט „גיין קיין אייראָפּע״ און מיט אַ ברענענדיקער תשוקה אין האַרץ צו אַלץ, וואָס איז געווען נײַ און פרעמד. מען האָט דאָרט שנעל געלערנט זיך צו באַנוצן מיט די נײַע כּלים פון וויסנשאַפט און פאָרשונג, אָפּצופרעגן און אַנאַליזירן, און אויב נייטיק איבערוווערטן די אַלטע ווערטן. עס איז בעצם געווען אַ מרידה־דור, אַ דור פון גײַסטיקע בונטאַרן און כּל המיני רעוואָ־לוציאָנערן, וואָס איז אַרויס פון דער אייגענער ענגשאַפט אַ וועלט צו באַפרײַען, און אים איז באַשערט געווען די זעלטענע מערכה צו זײַן אַקטיווע שותּפים צו דעם גרויסן גײַסטיקן רענעסאַנס און קולטור־אויפבלי, וואָס האָט אַרומגענומען די יידישע מחנה בײַם אָנהייב פון הײַנ־טיקן יאָרהונדערט. דעמאָלט האָט מען נאָך געהאַט אַקעגן וואָס זיך צו בונטעווען. מען האָט פאַרמאָגט אַ גרויס פאָלק־עשירות און עס האָט כּמעט גאָרנישט אויסגעמאַכט, אויב מען האָט אַפילו צוליב שווילטאַג געפּרוווט צו פאַרטאַכלעווען אַ ביסל דערפון. דער גרויסער ציבור האָט ווײַטער געשאַפן, ער האָט געקניפּט און געבונדן אַלטע מיט נײַע ווערטן, אַזוי אַז פון דער סובסטאַנץ איז כּמעט גאָרנישט חסר געוואָרן. הײַנט האָבן מיר זיך לײדער אויפגעהערט צו בונטעווען, ווײַל עס איז דערווייל נישטאָ אַקעגן וועם. מיר זײַנען געוואָרן דערשלאָגן און אָפּהענטיק, אַ חוזרים בתשובה גרופּע, וואָס ווייסט אַפילו נישט צו וואָס מיר ווילן דאָ, אין די גלות לענדער, צוריק.

צום שבח פון יענעם דור מוז געזאָגט ווערן, אַז הגם שטייענדיק פּנים־אל פּנים מיט דער מעכטיקער קולטור פון מערב, האָט ער זיך נישט אײַנ־געבראָכן, נישט אונטערגעגאַנגען אין דעם קולטור־ים פון פרעמדקייט, וואָס האָט גענומען פאַרפלייצן אַלץ גרעסערע שטחים פון דער יידישער טערי־טאָריע. ער איז געבליבן שטיין, אַן אייגענער, פאַרוואָרצלט אין זײַן באָדן. ער האָט אויסגעהאַלטן זײַן עקזאַמען, אַ סך בעסער ווי דער פריערדיקער דור פון די משׂכּילים און „ליכטטרעגער״. ער איז נישט בטל בששים

געוואָרן, נישט פאַרלוירן זײַן אויטענטישקייט, זײַן ייִדישן פּרצוף. ער איז אין תּוך געבליבן דאָס, וואָס געווען.

עס איז דעם דור געווען באַשערט צו שאַפן די גליקלעכע סינטעזע פון ייִדישקייט און מענטשלעכקייט, צונויפבינדן די הויכע אידעאַלן פון וועלט־דערלייזונג מיט דעם אויפלעבונג־געדאַנק פון ייִדישן פאָלק. עס זײַנען געווען ייִדן מיט אויסגעגלײַכטע רוקנס, שטאָלצע באַוווסטזיניקע ייִדן, וואָס האָבן געטראָגן הויך און מיט ווערדע זייער ייִדישקייט. עס איז זיי געראָטן צו האַרמאָניזירן די שיינקייט פון יפתן מיט דער תּורה פון שם. מען האָט נאָר איבערגעביטן די כּלים, דער תּוכן איז געבליבן דער זעלביקער.

*

אין אָט דעם גײַסטיקן קלימאַט פון אַ רײַפער ייִדישקייט איז אויסגע־וואַקסן חיים גרינבערג. פון זײַן בעסאַראַבישער היים איז ער געקומען מיט אַ רײַכן ייִדישן קולטור־באַגאַזש און אַרײַנגעוואַקסן איז ער אין דער נײַער וועלט גאַנץ, אָן אַ פּגם, מיט דעם אייגענעם סטיל און ייִדישן נוסח. אין אייראָפּע האָט ער אויפגענומען דאָס סאַמע בעסטע, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, דאָס ווערטיקסטע און נאָבעלסטע. אויב מען קען ריידן וועגן אַ גליקלעכער סינטעזע צווישן מיזרח און מערב, צווישן ייִדישקייט און וועלטלעכקייט, איז דאָס באַשטימט געווען דער פאַל בײַ חיים גרינבערגן. די בײדע קולטורן זײַנען ביי אים געווען האַרמאָניש צונויפגעגאָסן און געשאַפן אַן אָרגאַנישע גאַנצקייט. עס איז געווען דער געראָטענער זיווג פון ייִדישער אייגנדיקייט און אייראָפּעיִשער שיינקייט. אין תּוך גענומען זײַנען אָט די בײדע קולטורן בײַ אים געקומען פון אַ טיפן מקור, פון ערלעכער, עכטער הומאַניטעט. און טיפע הומאַניטעט, וואָלט איך געזאָגט, איז בעצם געווען דער לייטמאָטיוו פון זײַן אומרוּיִק, אויפגערודערט לעבן. דאָס איז געווען די קווינטעסענץ פון זײַן גײַסטיקער פּילפּנימדיקייט, פון זײַנע לערעס אין וואָרט און שריפט, פון זײַן אידעאַל און זײַן טאָג־טעגלעכער התנהגות.

אין תּוך גענומען אַ פּאַרטיי־מענטש, אַ פירער פון אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אָבער אַ פירער מיט דער „ה״ הידיעה, מיט אַן אייגענעם סטיל און תּוכן, אַ מענטש sui generis. אַ פירער אין דעם שטרענגן פּאַרטיי־פּאָליטישן זינען איז ער קיין מאָל נישט געווען, דאָס האָט ער אויך נישט געשטרעבט צו זײַן. ער איז געווען אַן אַריסטאָקראַט פון גײַסט. המון־אידעאָלאָגיע, דאָס שפּרינגען קדוש פאַר יעדן געץ, אַפילו ווען ער איז אַ נאַציאָנאַלער אָדער אַ סאָציאַליסטישער, איז אים געווען

לגמרי פרעמד. זײַנע װאָרצלען זײַנען געװען טיף אײַנגעגראָבן אין יענעם דערהױבענעם הומאַניזם, אַזױ װי ער האָט אים פאַרשטאַנען, װי ער האָט אים מקבל געװען פון זײַנע גרױסע ייִדישע און אײראָפּעיִשע רביס. די פּאַרטײ און די ציוניסטישע באַװעגונג האָבן זיך באַצױגן צו אים מיט גרױס דרך־ארץ, זיך צוגעהערט מיט יראת־הכבוד צו דעם, װאָס ער האָט געהאַט צו זאָגן, אָבער געװען איז דאָס גיכער צו חיים גרינבערגן, דעם ערלעכן, נישט־פאַרפלעשטן װאָרט־זאָגער, די רײנע, מאָראַלישע פּערזענ־לעכקײט, װי דעם פּאַרטײ־מענטש און פּאָליטישן מנהיג.

אין דער אמתן האָט זיך גרינבערג געפילט אַ ביסל אומבאַקװעם אין דעם פּאַרטײ־רעמל. פּאַרטײ מײנט גרענעץ, הײסט דאָקטרינעס, באַטײַט אוניפאָרמיטעט, — און פון דעם אַלעם איז ער געװען גאָר װײַט, ממש כרחוק מיזרח ממערב. ער איז געװען צו זײער דינאַמיש, צו שטאַרק אַ קינסטלער פון נאַטור, אַז ער זאָל זיך תמיד קענען האַלטן אין די סטאַ־טישע ריכט־ליניעס פון אַ װעלכער עס איז פּאַרטײ. ער מיט זײַנע הױכע מאָראַלישע פאָדערונגען איז געשטאַנען, װאָלט איך געזאָגט, אױף „יענער זײַט" פון פּאַרטײ און פּאָליטיק. זײ זײַנען אים אױף אַזױ פיל נוגע געװען, װי װײַט זײ האָבן געקענט האָבן אַ פּלאַץ אין זײַן טיפער, װאַרעמער הומאַ־ניטעט, װאָס האָט טאַקע כּולל געװען ייִדישע און װעלט־באַפרײַונג.

בכלל איז גרינבערג געװען אַ מוזישער מענטש, מיט אַ ברענענדיק געפיל פון װעלן אַלץ דערגײן, אַלץ צו דערגרונטעװען. פון נאַטור אַן אומרויִקער, אַ ספקן, אַן אומבאַפרידיקטער, תמיד מיט זיך נישט פּאַרטיק. הײַנט, װי האָט ער געקענט אױף זיך נעמען די תּורה פון אַ פּאַרטײ בשלמות, מיט אַלע אירע דינים און חומרות? לױטן טעמפּעראַמענט האָט אים גיכער געצױגן צו מענטשן אײנזאַמע, װאָס זײַנען בײ זיך בטבע נישט גאַנץ זיכער אָבער װאָס זוכן צו דערגרײכן שלמות, די גאַנצקײט אין זײער שאַפערישקײט.

גרינבערג איז געװען אַ שאַפערישע פּערזענלעכקײט מיט אַ שטאַרקער נטיה צו פּנימיות פאַר װעלכער נאָר געצײלטע מענטשן האָבן געהאַט אַ חוש. ער האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון דעם אַלטן ייִדישן מקובל, פון זײַן אױפגעבראַזטן דמיון און תשוקה צו דעם אין־סופיקן. ער האָט תּמיד געזוכט, קײן מאָל נישט אױפגעהערט צו אַרבעטן אַרום זיך, איבער זיך. ער האָט געלעבט אין אַ װעלט פון אומאױפהערלעכע ספקות און סתירות װי אַ סך באַהױכטע גײַסטער אין דער ייִדישער און אײראָפּעיִשער װעלט. ער איז מיט זיך אױך קײן מאָל נישט פּאַרטיק געװאָרן. אײדער האָבן

טענות צו אַנדערע, האָט ער קודם כּל געוואָלט אויסגעפינען, ווי ער, חיים גרינבערג אַליין, האַלט טאַקע. גערעכט איז געווען דער קאָצקער מיט זײַן זאָג, אַז „הערט אויף צו האָבן טענות צו זיך אַליין, איז מען קיין דרײַער נישט ווערט. צו יענעם טענות — צו וואָס?" דאָס האָט גרינבערג גאַנץ גוט פאַרשטאַנען און דערפאַר טאַקע געווען שטרענג צו זיך אַליין.

„ווײַל איז יענע, וואָס ווייסן אַלץ, וואָס האָבן אויף אַלץ אַ תּשובֿה, וואָס זײַנען תּמיד בײַ זיך זיכער". חיים גרינבערג איז שוין לויט זײַן טעמפּעראַמענט דאָס נישט געווען. ווי קען אַ מענטש זײַן זיכער, אַז עס איז פֿאַראַן אויך אַן אַנדערע זײַט צו דער זעלביקער מטבע? דערפאַר טאַקע איז ער נישט געווען קיין פּוסק אחרון. אַדרבא, ער האָט יעדן געדאַנק איבערגעדרייט אין זײַן מוח צען מאָל, איידער ער האָט אים אַרויסגעזאָגט, ווײַל אין דער אמתן קען מען דאָך אויך אַנדערש פּשט לערנען. אָבער זײַן סקעפּטיציזם איז נישט געווען פון יענעם מין, וואָס איז בעצם דעסטרוקטיוו און פירט ממילא צו ציניזם, נאָר געווען אַ קאָנ־סטרוקטיווער, אַ שאַפערישער, אַ סטימולירנדיקער, תּמיד פֿריש און צאַפּלדיק.

אויף חיים גרינבערגן וואָלט אַמווייניקסטן געפּאַסט דער bon mot (באָן מאָ) פון דעם מאַרבורגער פילאָסאָף הערמאַן כּהן וועגן די ציוניסטן: „די קערלע וואָללען יאָ נור גליקליך זײַן". גרינבערג איז דווקא געווען דער היפּוך דערפון. ציוניזם איז פאַר אים נישט געווען דערפילונג און סוף, נאָר מיטל און פאַרעם אין קאַמף פאַר דער דערגרייכונג פון דער העכער מדרגה פון פּנימיות און אמתע גאולה. ציוניזם, וואָלט איך גע־זאָגט, אין זײַן פאַרגײַסטיקטער אספּקלריא, איז נאָר אַ שטאַפּל וואָס פירט צו נאָך העכערע מדרגות אין דעם פּראָצעס פון צוריקצוקומען צום אייגענעם שורש און ברענגען אַ תּיקון פון פאָלק און וועלט.

פאַר חיים גרינבערגן איז ציוניזם נישט געווען קיין פּאַרטיי־ענין, נאָר אַ מעכטיקע באַוועגונג, וואָס פירט צוריק צו דעם עכטן מקור פון פאָלק, ווי ער האָט אים פאַרשטאַנען. ציוניזם מיט בלויז מדינת ישׂראל אָן אַ גאַנץ ייִדיש וועלט־פאָלק קען נישט ברענגען די גאולה שלמה. אין זײַן באַרימטן רעפעראַט „דערציִונג און ייִדישע קולטור אין גלות", גע־האַלטן אויפן 23טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים, האָט גרינבערג געוואָרנט נישט צו פאַרזוען ווי ביז אַהער דאָס גײַסטיקע לעבן אין די גלות לענדער. מיר קענען חלילה בלײַבן קרח מכּאן וקרח מכּאן, גאָלע פון ביידע זײַטן. מיט בלויז שאַבלאָן־ציוניזם קען מען בײַ הײַנטיקן טאָג נישט מער אויסקומען. „ציוניזם ווי אַזעלכער, האָט חיים גרינבערג אויס־

געפירט, אָדער בעסער געזאָגט בלויז אַ פּלאַטאָנישער ציוניזם קען נישט צוריקגעבן דעם מערבֿ־ייִד דעם ווילן צו לעבן אַ פֿול ייִדיש לעבן אין די ערטער פֿון זייערע וווינונגען... פֿאַר אַ סך פֿון די מערבֿ־ייִדן איז ציוניזם כּביכול אַ מיטל אָפּצוצאָלן זייער לעצטן חובֿ צום פֿאָלק און צו „ייִדישקייט", וואָס פֿאַרפּליכטעט צו גאָרנישט. און ער טענהט ווײַטער, אַז „ציוניזם אַלס אַזעלכער איז נישט בכּוח צו שטאַרקן דעם ווילן פֿון מערבֿ־ייִד צו אַ ייִדישלעך לעבן." ער פֿאַרלאַנגט דערפֿאַר אַ רעוויזיע אין אונדזער שיטה פֿון „גלות" און פֿאָדערט אַ יסודותדיקן שינוי אין דער דערציִונג פֿון יונגן דור, וואָס דאַרף כּולל זײַן די גאַנצע שאַפֿונג פֿון ייִדישן פֿאָלק דורך אַלע יאָרהונדערטער. דער יסוד פֿאַר דער ייִדישער דערציִונג איז, ווי גרינבערג דריקט זיך אויס, נישט עבֿרית אַלס אַזעלכע, ווי אַ שפּראַך, נאָר דער „העברעיִזם" („עבֿריות"), דער סכום פֿון דער העברעיִשער קולטור פֿון אַלע דורות, אַלע מאַניפֿעסטאַציעס פֿון ייִדישן גײַסט אין עבֿר.

פֿאַר דעם ציוניזם און בעיקר טאַקע פֿאַר דעם ייִדישן סאָציאַליסטישן געדאַנק האָט חיים גרינבערג אָוועקגעגעבן זײַנע בעסטע יאָרן פֿון אַרבעט און קאַמף. האַלטנדיק אָבער אין איין זוכן אַ וועג, האָט ער שוין בטבֿע נישט געקענט ווערן דער מאַסן מורה־דרך פֿון דער באַוועגונג. אַדרבא, ער האָט גאָר פֿײַנט געהאַט דאָס מין רביסטווע און דערפֿון אַנטלאָפֿן. ער איז געבליבן אַ מין תּוכו כּברו, ריין און לויטער, אַ דערהויבענע געשטאַלט. ער האָט געהאַט דעם מוט אָפֿט צו זײַן אומפּאָפּולער און צו באַקעמפֿן אַזעלכע דערשײַנונגען אין דער באַוועגונג, וואָס ער האָט באַטראַכט פֿאַר שעדלעך. ער איז געבליבן גײַסטיק אומאָפּהענגיק. ער האָט קיינעמען נישט נושׂא פּנים געווען, פֿײַנט געהאַט אַלע מיני גראָבקייטן, אָנשטעלן און חניפֿה. ער איז געווען אַ מענטש פֿון אַן אומפּשרהדיקן יושר־געפֿיל, מיט וואָס דורות נבֿיאים און בעלי־מוסר האָבן געשאַרפֿט אונדזערע חושים און באַגלײַך פֿאַראיידלט די הערצער.

גרינבערג האָט אַ סך געלערנט אין אייראָפּע. אויף דעם זאָגן עדות זײַנע בליציק־אויפֿגעקלאָרטע עסייען און חריפֿותדיקע אַרטיקלען, וואָס זײַנען מלא וגדוש מיט צײַטיקייט און חכמה. אַלע זײַנע רעדעס און שריפֿטן צייכנט אויס אַ קולטיווירטער, אײַנגעהאַלטענער סטיל, אַ טיפֿקייט פֿון געדאַנק און אַן עכטקייט פֿון געפֿיל. זײַן באַהאַוונטקייט אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור איז געווען גרויס. אין אַ סך געביטן פֿון דער אייראָפּעיִשער קולטור איז ער געווען אַ בן בית און גערעדט מיט אויטאָ־

ריטעט. צוזאַמען מיט זײַן דור האָט ער מיטגעבראַכט פון דער היים אַ רײַפע, זאַפטיקע ייִדישקייט, אַ סך געמיט און פאַרביקייט, וואָס איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט לומדות און עמקות. גרינבערג האָט נישט אָנגעשריבן קיין איינציק גרעסער ווערק, ער האָט נישט אַרײַנגעגאָסן זײַנע געדאַנקען אין איין שיטה. זײַנע ליטעראַרישע אַרבעטן, די פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען, די היסטאָרישע און אַנדערע עסייען (וואָס ווערן אגב אורחא איצט אַרויסגעגעבן אין אַ בוך־פאָרעם), זײַנען אַ מין הקדמה צו זײַן רײַכער שאַפונג, וואָס איז נישט תּמיד געווען בכּתב, נאָר אָפט בעל־פּה, דורך זײַן אופן ריידן און נוסח, אין זײַן גאַנג דורכן לעבן.

זײַענדיק קיין מאָל מיט זיך נישט פאַרטיק, תּמיד אַרײַנגעטאָן אין אַ וועלט פון מחשבות, זוכנדיק צו באַנעמען און אויפקלערן דעם רעטעניש־פולן געפלעכט פון חומר און גײַסט, איז אויך די פאָרעם פון זײַן שאַפן עפּעס אַ נישט־פאַרטיקע, אַ נישט־דערזאָגטע, אַ נישט אָפּגעשלאָסענע. פאַר זײַן גאַנצן גײַסטיקן האַביטוס, פאַר זײַן טעמפּעראַמענט און פּערזענלעכקייט איז כאַראַקטעריסטיש זײַן קלוג, אָפט שאַרף וואָרט, זײַן סטיל־רייִנער עסיי, די קורצע, עמקותדיקע מחשבה און דער „וצריך עיון". עס זײַנען גיכער פראַגמענטן, באַגלייט פון אַ ספקנדיקן, בליציקן פאַרשטאַנד, שיברי דברים פון אַ זוכער און אַ מורד באַגלײַך, ווי גאַנצע, אָפּגעשלאָסענע אַרבעטן. אַלץ איז בײַ גרינבערגן פליסיק, פול דינאַמיק און שוימעדיק־יונג. פון יעדער שורה, פון יעדן וואָרט זײַנעם פילט זיך דער מאַגישער באַריר פון אַ מוזישער פּערזענלעכקייט, דער הייסער אָטעם, דער קינסטלערישער צאַפּל. אומעטום האָט ער אַרײַנגעטראָגן אַ סך פּערזענלעכע נשמהדיקייט, וואַרעמקייט און טיפקייט. סײַ אין זײַנע ליטעראַרישע שאַפונגען, סײַ אין זײַנע רעדעס און סתּם גײַסטרײַכע שמועסן, וואָס זײַנען געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם מאָדערנעם תּורה־זאָגער גרינבערג, פילט זיך זײַן אייגענער ניגון, דער חותם פון זײַן אייגנדיקער פּערזענלעכקייט. עס איז געווען זײַן אייגענער נוסח, נוסח גרינבערג!

ער איז געווען דער רעפּרעזענטאַנט פון זײַן דור, פון דעם גליקלעכן זיווג פון ייִדישקייט און אייראָפּעיִשקייט, אַ דור פון שטאָלצע ייִדן און עכטע אייראָפּעער, וואָס האָט אויסגעחלומט און אויסגעווייטאָגט דעם וועג צו ייִדישער גאולה.

(1953)

מאָדערנע ייִדישע היסטאָריאָסאָפיע

(פון נחמן קראָכמאַל ביז שמעון ראַבידאָוויטש)

וואָס מער מען פאַרטיפט זיך אין די פילצאָליקע ווערק און עמקותדיקע פאָרשונגען פון שמעון ראַבידאָוויטש, דעם פרי־פאַרשטאָרבענעם העברעיִשן שרײַבער, דעם חריפותדיקן היסטאָריאָסאָף און אויסגעצייכנטן עסייִסט, אַלץ בולטער קומט אַרויס זײַן גרויס וויסן, זײַן שאַרפע לומדות און בקיאות און אַלץ קלאָרער ווערט פאַר אונדז זײַן שאַפערישע דענקער־פערזענלעכקייט מיט איר אמתער שיִעור־קומה. דער עילויִשער בחור פון גראַיעווע, וואָס איז קוים אַן 21יעריקער געקומען אינעם יאָר 1919 קיין בערלין מלא וגדוש מיט תורה און ייִדישקייט, האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, ווי אַ סך פון זײַנע בני־דור, אַן אומדערזעטלעכן דאָרשט פאַר בילדונג און אייראָפעיִשער קולטור. אין איר האָט ער זיך טאַקע באַלד אַרײַנגעוואָרפן מיטן גאַנצן האַרץ און גאַנצן מוח און גאָר גיך באַוויזן, וואָס פאַר אַ כלי ער איז. שמעון ראַבידאָוויטש, דער העברעיִשער משׂכּיל, דער גרויסער מתמיד און חריף, איז שוין געקומען קיין מערב־אייראָפּע ייִדישלעך אַ רײַפער און אַ שלמות־דיקער, אָבער מיט איין ציל פאַר די אויגן, וואָס מער לערנען, וואָס מער אײַנזאַפּן אין זיך אייראָפּעיִשע וויסנשאַפט. פאַר אים איז בילדונג און וויסנ־שאַפט געווען דאָס נייטיקע געצײַג וואָס ער זאָל זײַן בכּוח זיך אַראָפּצולאָזן מיט אים אין די טיפענישן פון דער ייִדישער מחשבה און פון ייִדישן עבר, שטודירן און פאָרשן, און שעפּן פון אָט דעם פאַרבאָרגענעם קוואַל מיט נײַע כּלים.

נאָך זײַענדיק אַ סטודענט אויפן בערלינער אוניווערסיטעט, האָט שוין ראַבידאָוויטש פאַרטראַכט אַ פּלאַן פון אַרויסגעבן די מקורות פון דער קלאַ־סישער און נײַער העברעיִשער ליטעראַטור. אַזוי האָט ער שוין אינעם יאָר תּרפּ״ב (1922) אַרויסגעגעבן אין זײַן אייגענעם פאַרלאַג עינות דעם ספר המדע פון רמב״ם מיט וויכטיקע הערות און אַן אינדעקס. אָבער נאָך צוויי יאָר שפּעטער, אינעם יאָר תּרפּ״ד (1924), האָט ראַבידאָוויטש אַלעמען אי־בערראַשט מיט זײַן טעקסט־קריטישער אויסגאַבע פון ר׳ נחמן קראָכמאַלס (רנ״ק) פילאָסאָפיש ווערק מורה נבוכי הזמן. זאָל מען נישט פאַרגעסן אַז

ראַבידאָוויטש איז בסך־הכּל אַלט געווען 27 יאָר, בשעת ער האָט אַרויסגעגעבן די דאָזיקע גרונטיקע וויסנשאַפטלעך־פילאָסאָפישע אַרבעט מיט אַ ברייטן אַרײַנפיר וועגן קראָכמאַלן און זײַן היסטאָריאָסאָפישער שיטה. סײַ ביאַליק און סײַ אחד־העם האָבן די אַרבעט בשעתה שטאַרק געלויבט. כאַראַקטעריסטיש זײַנען דווקא די שבחים וואָס ביאַליק האָט געזאָגט דעם יונגן מחבר, בשעת דער שיינער און וואָגיקער ספר איז אַרויס פון דרוק. ביאַליק איז געווען, ווי מיר הערן פון ראַבידאָוויטשעס אויפצייכענונגען, מלא התפּעלות און האָט צו אים געזאָגט: „איר האָט אָפּגעטאָן אַ גרויסע אַרבעט... נו, איר דאַרפט דעם ספר באַנעצן... איר דאַרפט מאַכן אַ סיום... איר זײַט אַ חתן־תּורה, איצט דאַרפט איר ווערן אַ חתן־בראשית...". אין דער אמתן איז געקומען דער ערודיט פון גראַיעווע און רעהאַביליטירט דעם גרויסן גאַליציאַנער דענקער און היסטאָריקער פון דער השׂכּלה, ר' נחמן קראָכמאַל, און אים אַן אָפּגעפרישטן, אַ באַנײַטן אַרײַנגעפירט אינעם היכל פון מאָדערנעם העברעיִשן דענקען פונעם 20סטן יאָרהונדערט. בעצם האָט דער מיזרח־אייראָפּעיִשער בחור מחזיר געווען עטרה ליושנה פון איינעם פון די גרעסטע מיזרח־אייראָפּעיִשע זין פונעם 19טן יאָרהונדערט.

פון 1924 אָן האָט ראַבידאָוויטש ממשיך געווען מיט אַ סך געניטקייט און גרויסער ערודיציע זײַנע פאָרשונגען פון דער ייִדיש־מיטל־עלטערלעכער פילאָסאָפיע, אָנגעשריבן אַ ריי וואָגיקע אַרבעטן וועגן ר' סעדיה גאון, דעם רמב"ם, משה מענדעלסאָן און זיך ווײַטער פאַרטיפט אין דער פּרשה פון דעם גרויסן השׂכּלה־דענקער ר' נחמן קראָכמאַל. אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן האָט ראַבידאָוויטש צוגעגרייט אַ גרעסערע אַרבעט וועגן דער ייִדישער פילאָסאָפישער מחשבה אינעם מיטל־עלטער און אין די לעצטע דורות, און דערצו אויך אַ ווערק וועגן קראָכמאַלן (רנק"ן). דאָס איז טאַקע געווען די סיבה, ווי מיר הערן פון זײַן נישט־פאַרענדיקטער הקדמה, פאַר וואָס ראַבידאָוויטש האָט כּסדר אָפּגעלייגט די נײַע אויסגאַבע פון דעם קלאַסישן ווערק מורה נבוכי הזמן, וואָס ער האָט געפּלאַנט אין משך פון כּמה יאָרן און וואָס האָט זיך שוין אין צווישן געהאַט אויספאַרקויפט. איצט ערשט, פיר יאָר נאָך ראַבידאָוויטשעס פּטירה, איז אַרויס די נײַע אויפלאַגע פון דעם דאָזיקן וואָגיקן ספר אונטער דעם טיטל כּתבי רבי נחמן קרוכמל,* אַרויסגעגעבן פון דער אַלמנה אסתּר ראַבידאָוויטש און זייער זון חיים יצחק ראַביד. עס איז בעצם דאָס זעלביקע גרונטיקע ווערק, וואָס דער יונגער

---

* ארדט, לאָנדאָן — וואַלטהאַם, מאַסס. אַמעריקע, תשכ"א.

ראַבידאָוויטש האָט געהאַט פֿאַרעפֿנטלעכט אין 1924, אָבער מיט אַ רײַ פֿאַר־בעסערונגען און הוספֿות. אַחוץ אַ קורצער הקדמה, וואָס ראַבידאָוויטש האָט שוין נישט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן, האָבן די אַרויסגעבערס איבערגעדרוקט צונצס הקדמה צו דער ערשטער אויסגאַבע פֿונעם מורה נבוכי הזמן, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1851 נאָכן טויט פֿון ר׳ נחמן קראָכמאַל און דערצו אַ מאמר פֿון ראַבידאָוויטשן וועגן אָט דער אויסגאַבע פֿון צונצן (איבערגעדרוקט פֿון כּנסת). אַ באַזונדערן באַטײַט פֿאַר דעם פֿאָרשער פֿון קראָכמאַלס ווערק האָט די רשימה און מראה־מקומות פֿון די פּסוקים אין תּנ״ך און מאמרי חז״ל, וואָס קומען אינעם מורה נבוכי הזמן, וואָס שמעון ראַבידאָוויטשעס תּלמיד, ד״ר אַבֿרהם גרינבוים, האָט צונויפֿגעשטעלט.

*

אַ סך זײַנען געווען די, וואָס האָבן אין משך פֿון די לעצטע דורות עוסק געווען אין דער אינטערעסאַנטער פּרשה פֿון רנ״קס שיטה אין דער ייִדישער היסטאָריאָסאָפֿיע, אָבער קיינער האָט זיך נישט אַזוי דערגרונטעוועט צו דעם עצם פֿון רנ״קס מחשבה ווי ראַבידאָוויטש. וואָס ווייסן מיר טאַקע וועגן אָט דעם גדול בישׂראל, רבי נחמן קראָכמאַל, דעם טיפֿן ייִדישן דענקער פֿונעם 19טן יאָרהונדערט און איינעם פֿון די פֿאָרלויפֿערס פֿון דעם מאָדערנעם העב־רעיִשן רענעסאַנס? אין וואָס איז באַשטאַנען זײַן גרויסער אויפֿטו אויפֿן געביט פֿון דער ייִדישער היסטאָריאָסאָפֿיע און וואָס איז געווען די ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט אין דער באַנײַונג פֿון דער ייִדישער מחשבה אינעם 19טן יאָרהונדערט? אָבער קודם־כּל עטלעכע פּערזענלעכע און ביאָגראַפֿישע שטריכן וועגן קראָכמאַלן גופֿא.

ר׳ נחמן קראָכמאַל, וואָס איז געווען אָנגעבערייט צו זײַן איינער פֿון די זײַלן פֿון חכמת־ישׂראל אין מיזרח־אייראָפּע, איז געבוירן געוואָרן אין בראָדי, אין יאָר 1785, צו זײַן פֿאָטער ר׳ שלום קראָכמאַלניק, אַ ייִד אַן עושר, וואָס איז צוליב מיסחר־ענינים אָפֿט געפֿאָרן קיין דײַטשלאַנד און געקומען אין אַ נאָענטן באַריר מיט די ערשטע משׂכּילים פֿון מענדעלסאָנס חדר. נחמנס דערציִונג איז געווען אַ ייִדישלעך־טראַדיציאָנעלע, חדר און בית־המדרש, אָבער נישט קיין ענגע, קיין פֿאַנאַטישע. ער האָט געלערנט מיט גרויס חשק די ייִדישע לימודים, טאַקע ש״ס און פּוסקים, אָבער שוין פֿרי איז ער געוואָרן באַהויכט פֿונעם גײַסט פֿון השׂכּלה. אַן אומרויִקער און אַן אומצו־פֿרידענער בטבֿע, האָט ער שוין פֿרי אָנגעהויבן זוכן אַן ענטפֿער אויף די מאַטערנדיקע פֿראַגן פֿון ייִד און וועלט און זיך דערפֿאַר פֿאַרטיפֿט אין דער

מיטל-עלטערלעכער יידישער פילאָסאָפיע, געלערנט דעם מורה נבוכים פון רמב״ם און געשאַרפט זיין אינטעלעקט אַרום די קריטישע פירושים צו דער תורה פון אַברהם אבן־עזרא. נאָך דער חתונה האָט זיך קראָכמאַל אַריבער־געצויגן צו זיין שווער קיין זשאָלקיעוו און דאָרט ממשיך געווען מיט גרויס התמדה זיינע אַלגעמיינע און יידישע לימודים.

*

ר׳ נחמן קראָכמאַל שטייט אויפן שוועל פון דעם גרויסן גייסטיקן איי־בערבראָך, פאַרבונדן מיט אַ טיפן שינוי־ערכין, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער יידישער וועלט אָנהייב 19טן יאָרהונדערט און שפּעטער. דער אַלטער סדר פון לעבן, דער גאַנצער וועלט־אויסקוק נעמט זיך פאַמעלעך בייטן. נייע ווינטן פון מערב־אייראָפּע, פון השׂכּלה און קריטיק הייבן אָן בלאָזן איבער די יידישע יישובים. בשעת אייראָפּע איז שוין געשטאַנען שחרית אין דער גייס־טיקער אַנטוויקלונג, האָבן מיר, יידן, בפרט אין מיזרח־אייראָפּע, ערשט אָנ־געהויבן „פון פאַרנט״, אָבער אָנגעהויבן האָבן מיר. די שפּראָצונגען פון דער השׂכּלה, פון בילדונג און וויסן, האָבן זיך גענומען באַווייזן אומעטום. הגם דער אַלטער לעבנס־שטייגער איז נאָך געשטאַנען פעסט איינגעפונדעוועט אינעם פאָלקסבאָדן, האָט זיך פון דעסטוועגן דער פאַסאַד, דער פראָנט אָנ־געהויבן ביסלעכווייז צו קרישלען. האָט מען גענומען טראַכטן ווי אַזוי אָפּצוהיטן דעם בנין, אַז ער זאָל זיך מיט דער צייט נישט איינברעכן.

עס איז געווען אַ צייט, ווען אונטער דער השפּעה פון דער אויפקלער־באַוועגונג, האָט זיך גענומען אַריינרייסן אין געוויסע קרייזן פון דער יידישער יוגנט דער גייסט פון ראַציאָנאַליזם און קריטיק און אַרויסגערופן אַ טיפע באַאומרויקונג. ספקות זיינען באַפאַלן דעם יונגן ייד, פראַגן מכּוח ייד און מענטש האָבן אים שווער געמאַטערט. עס איז געווען אַ דור פון מאָדערנע נבוכים, פון צעטומלטע און צערודערטע יונגע מענטשן. דערווייל האָט מען נאָך נישט געהאַט געפונען דעם גייסטיקן מנהיג און מורה־דרך, וואָס זאָל אָנווייזן אָט די בלאָנדזשענדיקע דעם ריכטיקן וועג ווהין צו גיין, זיי אַרויספירן פון דער גייסטיקער חשכות מיט אירע שווערע קאָנפליקטן און סתירות, און העלפן שאַפן דעם געגאַרטן סינטעז צווישן יידיש־קייט און דער מערב־אייראָפּעישער קולטור. דערווייל איז מען געווען מלא ספקות און אומרו. תלמוד און פּוסקים האָבן שוין נישט מער באַפרידיקט, אַפילו די „מאספים״ פון די משׂכּילים האָבן נישט מער פאַרענטפערט אַלע פראַגן, וואָס האָבן געפייניקט די יונגע געמיטער. מען האָט געזוכט נייע

װעגן, אָבער עס זײַנען געװען װעגן פול מיט מכשולים און סכּנות. װוהין װעלן זיי פירן, צו צעפּאַלנקייט אָדער שלמות, צו ירידה אָדער עליה?

אין זײַן אויסגעצייכנטן אַרײַנפיר צום מורה נבוכי הזמן גיט אונדז שמעון ראַבידאָװיטש אַ לעבעדיק און געטרײַ בילד פון רנ״קן, פון זײַן יוגנט און שפּעטערדיקן לעבן, זײַנע ראַנגלענישן און ספקות, זײַן מחשבה און שיטה, ביז ער האָט זיך דערגרונטעװעט צו יענע היסטאָרישע אמתן, װאָס האָבן אים און דורות משׂכּילים נאָך אים געהאָלפן אַרויסצוקומען פון דער גײַסטיקער דילעמע צו אַ פרײַער און פאַרטיפטער קאָנצעפּציע פון דעם מהות פון ייִדישקייט אין איר גאַנג פון דורות, צו שאַפן מיט דער צײַט אַ פילגאָרנדיקן פילאָסאָפישן בנין, װאָס זאָל זײַן ביכולת איבערצוקומען די שטורעמס פון דער צײַט. שוין פרי האָט ר׳ נחמן קראָכמאַל אָנגעהויבן זוכן אַן ענטפער אויף די פראַגן, װאָס האָבן אים פונקט אַזוי װי אַ סך פון זײַנע בני־דור געמאַטערט. ער האָט געזוכט און געפאָרשט, געלערנט און שטו־דירט. ער האָט געהערט צו יענע יחידי־סגולה, װאָס בלײַבן קיין מאָל נישט צופרידן מיט האַלבע און פערטלדיקע אמתן, מיט סתם סברות. אין דעם פרט איז ער געװען אַ גרויסער מחמיר, טאַקע נישט נאָר לגבי אַנדערע נאָר קודם־כּל לגבי זיך אַליין. מיט אַ פאַר אים כאַראַקטעריסטישער גרונטי־קייט און התמדה נעמט זיך רנ״ק לערנען און פאָרשן. מיט דעם גאַנצן ברען פון זײַן דאָרשטיקער נשמה לאָזט ער זיך אַװעק שװימען אין די טיפענישן פון דער אייראָפּעיִשער װיסנשאַפט. צוזאַמען מיט דער מיטל־עלטערלעכער ייִדישער פילאָסאָפיע עפנט זיך פאַר אים די אייראָפּעיִשע װעלט פון השׂכּלה און אויפלעבונג. ר׳ נחמן לערנט שפּראַכן, לייענט מענדעלסאָנען, די װערק פון שפּינאָזע, לעסינג, שלמה מײַמון און פאַרטיפט זיך מיט עכט גאונישן ברען אין דעם דײַטשן פילאָסאָפישן אידעאַליזם, אין די שיטות פון אַ פיכטע, שעלינג און העגעל. הגם אַ רעזערװירטער, בעצם אַ שטילער, אַן עניװות־דיקער תּלמיד־חכם, איז רנ״ק באַלד געװאָרן דער רבי, דער גײַסטיקער מנהיג פון די גאַליציאַנער משׂכּילים.

רנ״ק איז געבוירן געװען צו זײַן אַ לערער און אַ מורה־דרך. ער איז אָבער נישט געװען פון יענעם סאָרט לערערס, װאָס פאַשען די תּלמידים נאָר מיט װיסן און מעלה־גרה זײַן ידיעות. ער איז געװען אַ לערער פון גאָר אַן אַנדערן שניט, מיט אַ גרויסן גײַסטיקן פאַרנעם, אַ בעל־יצירה און װיי־זיאָנער, װאָס האָט, װי סאָקראַטעס בשעתו, געװעקט דעם כּוח־יצירה בײַ זײַנע תּלמידים און באַפרוכפּערט זייער דענקען. זײַן גרויסע ערודיציע, זײַן װיסן — צוזאַמען מיט זײַן קריטיש־אַנאַליטישן צוגאַנג צו די

פראָבלעמען פון ייִדישער געשיכטע און די יצירות פון עבר, האָבן אים אוועקגעשטעלט בראש פון די משׂכּילים און געלערנטע פון זײַן דור. ער איז געוואָרן דער רבי און גײַסטיקער אָנשפּאַר פון אַ גאַנצן דור משׂכּילים פונעם 19טן יאָרהונדערט. גרויס איז געווען די צאָל פון די געלערנטע, שרײַבערס און דיכטערס, וואָס האָבן געשעפּט פון זײַן קוואַל. צווישן זײַנע חברים און תּלמידים געפינען מיר אַזעלכע נעמען פון שפּעטער באַרימטע פּערזענלעכקייטן ווי ר׳ שלמה לייב ראַפּאָפּאָרט, מאיר הלוי לעטעריס, יצחק ערטער, שמשון בלאָך א״אַ. רנ״קס השפּעה האָט געגרייכט ווײַט אי־בער די גרענעצן פון דער אַמאָליקער גאַליציע. צווישן זײַנע פרײַנד און תּלמידים איז אויך געווען ר׳ מנשה איליער, איינער פון די ערשטע השׂכּלה־שרײַבערס אין ייִדיש, און דער גרינדער פון דער השׂכּלה אין רוסלאַנד ריב״ל (ר׳ יצחק בער לעווינזאָן), אויך דער העברעיִשער דיכטער אַברהם מאַפּו — זיי אַלע האָבן געצויגן זייער גײַסטיקע יניקה פון רנ״קס תּורה.

לייענען מיר אין זײַן אַרײַנפיר ווי ראַבידאָוויטש באַשרײַבט די פּער־זענלעכקייט פון רנ״קן, זײַן אומרו און ספקות, זײַן טיפקייט און זײַן זוכן דעם אמת, און טאַקע דאָס גיין זײַן אייגענעם וועג. אַזוי קענען מיר דער־קענען אין די דאָזיקע פײַן־געצייכנטע שטריכן אונדזער מחבר גופא: דעם גרויסן תּלמיד־חכם און שאַפערישן גײַסט, דעם שאַרפן קאָפּ און טעאָרע־טיקער, וואָס האָט כּל ימיו געזוכט צו גיין זײַן אייגענעם וועג, האָט קיין מאָל נישט געקענט גיין אין שפּאַן, און איז אָנגעבורייט געווען אין די שפּעטערדיקע יאָרן צו זײַן דער וואָגיקער בר־פּלוגתּא פון אַ ריי גדולים פון זײַן דור. פּונקט אַזוי ווי רנ״ק בשעתו, האָט אויך ראַבידאָוויטש גע־פּרוווט צו געפינען אַ תּשובה אויף אַ ריי אָנגעווייטאָגטע פראַגן, וואָס האָבן געמאַטערט זײַן דור. אויך ער האָט אַראָפּגענידערט אין די טיפענישן פון דער מיטל־עלטערלעכער און נײַער ייִדישער מחשבה, זיך געגריבלט און געראַנגלט, כּדי צו פאַרענטפערן אויף זײַן שטייגער די האַרבע פּרשה פון ייִדישן קיום. פון סעדיה גאון, איבערן רמב״ם, רנ״קן און משה מענ־דעלסאָן, האָט ראַבידאָוויטש געשפּונען דעם גאָלדענעם פאָדעם פון ייִדישער נצחיות ביז אין אונדזער הײַנטיקער צײַט.

קראָכמאַלס פילאָסאָפישע שיטה איז מלכתּחילה באַשטאַנען פון צוויי טיילן: אַ היסטאָריש־קריטישן און אַ פילאָסאָפיש־סיסטעמאַטישן טייל. בשעת רנ״ק איז ניפטר געוואָרן אין יאָר 1840 איז נאָר געווען דער ערשטער חלק פאַרטיק. פון צווייטן טייל איז בלויז געווען אַ פראַגמענט. עס איז געווען דער זכות פונעם גדול פון דער דײַטשער חכמת־ישׂראל, לעאָפּאָלד

(יום־טוב־ליפּמאַן) צונץ, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1851 דאָס לעבנסווערק פונעם גרויסן ניפטר. ער האָט דאָס טאַקע אַ נאָמען געגעבן דעם בוך מורה נבוכי הזמן, אַן אָנצוהערעניש פון צונצן אויפן קלאַסישן ספר מורה נבוכים פון רמב״ם. פּונקט אַזוי ווי דער רמב״ם בשעתו איז אויסן געווען צו שאַפן אַ וועגווײַזער פאַר די בלאָנדזשענדיקע פון זײַן דור, אַזוי איז אויך רנ״קס כּוונה געווען צו זײַן דער מדריך פון די גײַסטיק־בלאָנדזשענדיקע און סקעפּטיקער פון דער נײַער צײַט. בשעת אָבער דער מורה נבוכים איז געווען בעיקר אַ מעטאַפיזיש־רעליגיעז ווערק, האָט דער מחבר פונעם מורה נבוכי הזמן מלכתחילה געוואָלט זײַן היסטאָריש־קריטיש. איז טאַקע דאָס גרויסע פאַרדינסט פון ר׳ נחמן קראָכמאַל, וואָס ער האָט זיך באַדינט מיטן היסטאָרישן אַנאַליז אין זײַן צוגאַנג צו דער באַטראַכטונג פון די פענאָמענען אין דער ייִדישער געשיכטע. אויף אַזאַ אופן האָט ער פאַרלייגט אַ יסוד פאַר דער מאָדערנער ייִדישער היסטאָריאָסאָפיע, וואָס איז לגמרי געווען עפּעס נײַס, און לויט אירע כּללים געפּרוווט צו פאַרטײַטשן און אינטערפּרעטירן די היסטאָרישע געשעענישן.

די גרויסקייט פון רנ״קן איז אויך באַשטאַנען אין דעם, וואָס ביז דעמאָלט איז מאָדערנע ייִדישע היסטאָרישע פאָרשונג געווען לגמרי אומבאַקאַנט, אַ שטיק רויער, אומבאַאַרבעטער באָדן. די גרונטיקע אַרבעטן פון אַ זכריה פראַנקל, אַברהם גײַגער, שי״ר (ראַפּאָפּאָרט), גרעץ און אַנדערע גרויסע פאָרשערס פונעם 19טן יאָרהונדערט זײַנען נאָך נישט געווען בנימצא. איז רנ״ק טאַקע געווען דער מחדש און פּיאָנער אויף דעם געביט. מיט אייגענע כּוחות איז ער צוגעטראָטן צו דער דאָזיקער אַחריותדיקער אַרבעט פון צוגרייטן ציגל פאַר דעם גרויסן בנין און האָט זיך גענומען אַליין אַדורכזיפּן דעם גאַנצן היסטאָרישן מאַטעריאַל פון דעם ים־התלמוד און די מדרשים, כּדי אויף אַזאַ אופן צונויפצוזאַמלען די נײטיקע מאַטעריאַלן פאַר זײַן אַנאַליטיש־קריטישער אַרבעט. ער איז עס טאַקע דער, וואָס האָט פאַרלייגט דעם יסוד פאַר דעם מאָדערנעם היסטאָריאָסאָפישן בנין פון דער ייִדישער געשיכטע, וואָס שטייט הײַנט צו טאָג אין זײַן גאַנצער פּראַכט פאַר אונדזערע אויגן.

רנ״קס הויפּטווערק באַשטייט פון זיבעצן שערים (טויערן) און פאַרנעמט זיך בעיקר מיט היסטאָריש־רעליגיעזע און היסטאָריאָסאָפישע פּראָבלעמען. מיטן בליק פון אַ געניטן היסטאָריאָגראַף נעמט ער אַרום דעם גאַנצן פאַרלויף פון דער ייִדישער געשיכטע, שטיצנדיק זיך דערבײַ אויף די טעאָריעס פון וויקאָ און הערדערן. עס איז אַ פּראָצעס, וואָס באַ־

שטייט פון דרײַ ציקלען (מחזורים), אַ ציקל פון אויפשטײַג, פון רײַפקייט און צעפאַל. אין דער ערשטער סטאַדיע פון אַט דער אַנטוויקלונג ווערט געבוירן דער גײַסט (הרוחני), אין דער צווייטער סטאַדיע דערגרייכט ער די מדרגה פון שלמות און אין דער דריטער סטאַדיע גייט אַלץ אונטער. פון אַט דעם קוקווינקל באַטראַכט ער אויך די ייִדישע געשיכטע פון אירע עלטסטע צײַטן ביז בערך דאָס יאָר 1700. דאָס ייִדישע פאָלק איז אָבער נישט אין גאַנצן ווי אַנדערע פעלקער, עס געפינט זיך כּסדר אין אַ פּראָצעס פון באַנײַונג און פון ווידערגעבורט, תּמיד שטרעבנדיק צו דעם אַבּסאָלוטן גײַסט (הרוחני המוחלט). קוים האָבן ייִדן דערגרייכט דעם לעצטן שטאַפּל פון ירידה, אַזוי הייבט זיך ווידער אָן דער פּראָצעס פון רעגענעראַציע און עס קומט אָן דער ערשטער ציקל פון אַ נײַעם אויפשטײַג. לויט רנ״קן געפינען מיר זיך טאַקע אין די לעצטע דורות ווידער אַ מאָל אין דער פאַזע פון אויפקום און ווידערגעבורט.

אין זײַן תּמציתדיקן אַרײַנפיר ווײַזט ראַבידאָוויטש אויף, אַז פון אַ פילאָסאָפישן קוקווינקל שטייט רנ״ק, פון איין זײַט, אונטער דער השפּעה פון דעם ייִדיש-מיטל-עלטערלעכן דענקען, בעת פון דער אַנדערער זײַט איז ער שטאַרק באַווירקט פון דער אויפקלערונג און פון דער דײַטשער אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע. דער גײַסט (הרוחני) איז פאַר אים אידענטיש סײַ מיט דעם עטאָס און דעם אינטעלעקט און סײַ מיט דער אייביקייט. עס איז, אגב, דער גרויסער פאַרדינסט פון ראַבידאָוויטשן, וואָס ער האָט באַוויזן צום ערשטן מאָל, אַז הגם רנ״ק האָט זיך באַנוצט מיט דער זעלבער טערמינאָלאָגיע וואָס העגעל, קען אָבער קיין רייד נישט זײַן, אַז ער איז געווען אינעם ענגערן זינען אַן אָנהענגער פון דער העגעליאַנישער שיטה אין דער דײַטשער פילאָסאָפיע. רנ״ק, פירט ראַבידאָוויטש אויס, באַדינט זיך בפירוש מיט דעם גענעטישן און נישט מיט דעם דיאַלעקטישן מעטאָד פון העגעלן, אַ הנחה, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אָנגענומען פון כּמעט אַלע פאָרשערס פון דעם ייִדישן פילאָסאָפישן געדאַנק אינעם 19טן יאָרהונדערט. אין דער העברעיִשער וויסנשאַפט האָט רנ״ק אַרײַנגעטראָגן דעם היסטאָריש-קריטישן מעטאָד, וואָס האָט אין אַ גרויסער מאָס באַפרוכפּערט דאָס ייִדישע דענקען פונעם 19טן יאָרהונדערט.

אין רנ״קן, פירט ראַבידאָוויטש אויס, האָבן היסטאָריקערס און פאָרשערס ווי יאָסט און גרעץ, ווײַס און שעכטער, משה העס, אַחד-העם און בערדיטשעווסקי און אַ סך פון די שרײַבערס און געלערנטע פון די שפּעטערדיקע דורות געזען איינעם פון די גרויסע לערערס פון ייִדישן פאָלק,

אַ פּערזענלעכקייט, וואָס האָט דערגרייכט אַזאַ שלמות צו וואָס אַ סך פון די, וואָס זײַנען געקומען נאָך אים, זײַנען נישט דערגאַנגען. רנ״ק, באַטאָנט ראַבידאָוויטש צום סוף פון זײַן אַרײַנפיר, שליסט אָפּ דאָס ייִדישע דענקען פון די דורות פאַר אים און איז באַגלײַך דער עפענער (פּותח) פון אַ נײַעם קאַפּיטל אין דער מאָדערנער ייִדישער פילאָסאָפיע. געגליכן צו דעם גרויסן פילאָסאָף פונעם מיטל־עלטער, דעם רמב״ם, האָט דער פון אָט דער נײַער תקופה מחדש געווען אַ וויכטיקע הלכה, אַז מען טאָר בפירוש נישט אָוועקשטעלן אין גאַנצן דעם מהות פון ייִדישקייט בלויז אויפן שׂכל. מיר זײַנען מחויב, האַלט רנ״ק, זיך סומך צו זײַן אויפן אמת, נישט אויפן שאַרף פון דער לאָגיק, ווי דער ראַציאָנאַליזם פון אַריסטאָטעלעסן וואָס איז אַבסטראַקט און לגמרי ווײַט פון די געשעענישן פון לעבן. רנ״קס אמת איז דער היסטאָרישער אמת, דער ר ע אַ ל ע ר אמת, יענער טיפער אמת פאַר וועלכן ער האָט געקעמפט זײַן גאַנץ לעבן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר ראַבידאָוויטשן, דעם דענקער און שאַרפן ערודיט, זײַנען דווקא די ווערטער מיט וועלכע ער פאַרענדיקט זײַן שיינעם אַרײַנפיר וועגן דעם פילאָסאָף־קעמפער רנ״קן: „רנ״קס קאַמף פאַר קריטיק, וואָס האָט גענומען באַנײַען די יסודות פון ייִדישן דענקען, האָט זיך כמעט אָפּגעשטעלט מיטן טויט פון אָט דעם גרויסן קעמפער. אויב דער דאָזיקער קאַמף, אַ באַהויכטער פונעם אײדעלן גײַסט פון רנ״קן, וועט זיך ווידער באַווײַזן מיט דער צײַט, וועט ער זיכער ברענגען אַ סך מזל־ברכה פאַר אונדזער גײַסטיקער מערכה. קומענדיקע דורות וועלן האָבן צו לערנען אַ סך פון יענעם לערער פון די בלאָנדזשענדיקע פונם 19טן יאָרהונדערט״.

עס איז אפשר מער ווי אַן אָנצוהערעניש פון דעם בשעתו יונגן פאָרשער ראַבידאָוויטש אויף זײַן שפּעטערדיקן גאַנג פון אומאָפּהענגיקייט אין קאַמף פאַר דער ריינקייט פון ייִדישן געדאַנק, וואָס אַ לעבן־לאַנג איז ער געגאַנגען זײַן אייגענעם וועג, אַ מוטיקער און שטאָלצער, אַ מאָנער און אַ קעמפער, וואָס איז געווען באַהויכט פון דער קוואַליקער ייִדישער מחשבה אין גאַנג פון דורות און דעם ספּעקולאַטיוון געדאַנק פון דער אייראָפּעיִשער פילאָסאָפיע.

(1961)

דער מורד אין דער העברעיִשער ליטעראַטור

(צום אַנדענק פון יוסף חיים ברענער)

לויט זײַן גאַנצן גײַסטיקן מהות און טעמפּעראַמענט איז ברענער געווען איינער פון יענע מורדים־שרײַבערס, פול מיט שטורעם און אויפֿברויז, מיט וואָס די אייראָפּעיִשע ליטעראַטור פונעם 19טן יאָרהונדערט איז געווען אַזוי רײַך. עס זײַנען בעצם יענע פּאַראָמערטע, טראַגישע, אומרויִקע און גײַסטיק־צעריסענע דיכטער־נאַטורן, וואָס געפינען זיך אין אַן אייביקן כּף־הקלע און ווערן כּסדר געשלײַדערט צווישן יִיאוש און בטחון, צווישן האָפענונגסלאָזיקייט און גלויבן. עס זײַנען יענע פּראָבלעמאַטישע נאַטורן, מיט אַ תּהומותדיק צעריסענער נשמה, תּמיד מיט זיך פּאַרטאָן, פול מיט סתּירות און ספקות, — אַ גהינום־פֿײַער אין זייער ברוסט. דער עצם פּאַקט פון לעבן איז פאַר זיי אַ קוואַל פון פּײַן און יסורים, מיט וואָס זיי ווערן קיין מאָל נישט פּאַרטיק. זיי קעמפן, אָבער שטייען תּמיד עפּעס מן הצד פון פּראַקטישן לעבן. זיי האָבן פײַנט פּשרות, ווײַל פּשרות הייסט שקר. זײַנען זיי מורד קעגן אַלץ, וואָס איז אַרום זיי; אַקעגן דער פאַלשקייט און טעמפּקייט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אַקעגן זאַטקייט און פויל־קייט, מיטלמעסיקייט און זעלבסט־זיכערקייט, וואָס פירט ביודעים צו דער דעקאַדענץ פון מענטשלעכן גײַסט. אייביק טראָגן זיי אויפן רוקן זייער קרייץ.

ברענערס אָנקום אויף דער אַרענע פון דער העברעיִשער ליטעראַטור איז געווען בסופה ובסערה, מיט ווינט און שטורעם. אַן אומצופרידענער און אַן אויפגעברויזטער, מיט אַ פינצטערן בליק פון אַן אַלטן מוכיח, פול מיט הייליקן צער און צאָרן, האָט ער זיך פאַר אונדז באַוויזן. במשך פון די איבער צוואַנציק יאָר פון זײַן קורץ, אָבער מיט שטאַרקער עמאָציע אָנגעלאָדן שאַפעריש לעבן, איז ער געשטאַנען אויף דער וואַך פון יידישן לעבן און מיט לײַדנשאַפט געקעמפט פאַר דער אויפהיטונג פון זײַנע גײַסטיקע ווערטן. ווי אַ סך פון זײַנע בני־דור האָט ער געשטורעמט די אַלטע פעסטונג פון יידישן לעבן, געקעמפט קעגן דער אָפגעשטאַנענקייט און אָפגעלאָזנקייט, זיך אָנגענומען פאַר די אָרעמע און לײַדנדיקע, מיט זיי געוויינט און געטרויערט. מיט אַ ביטערן חוזק האָט ער געשמיסן די פּאַר־

שיידענע ייִדישע פּאַרטייען, די סאָציאַליסטן און ציוניסטן, אָפּגעלאָכט פון זייערע שאַבלאָנעדיקע פּראָזעס און וועלט־פרעמדע דיסקוסיעס, בשעת דאָס פאָלק האָט זיך געטרונקען ממש אין אַ ים פון טרערן און בלוט.

ברענערס געשיכטע איז בעצם די געשיכטע פונעם דור יונגע ייִדן בײַם סוף פונעם 19טן יאָרהונדערט. אויך ער האָט אַדורכגעמאַכט די אַלע גילגולים און יסורים פון זײַן אַנטוישטן און אָפּגענאַרטן דור. ווי זיי אַלע האָט ער אויך געהערט צו די חובשי־בית־המדרש, צו די באַנק־קוועטשערס, דערנאָך געוואָרן אַ „הציץ ונפגע״, קאַליע געוואָרן און אַנטלאָפן פונעם אַלטן שטייגער־לעבן. אין דער היים האָט געדריקט די אָרעמקייט און די נויט, די פינצטערניש און די ענגשאַפט פונעם קליינעם שטעטל. אויף דער אַנדערער זײַט האָט אַ ליכטיקע אייראָפּעיִשע קולטור געכּישופט מיט כּל המיני פאַרבן און האָט מיט כּוח געצויגן אַהינצו אין די רחבותדיקע ווײַט־קייטן פונעם מערב. בילדונג, השׂכּלה איז געווען דער חלום פון יעדן ישיבה־בחור, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפן די גמרא און זיך גענומען צו לערנען. ווערן אַן עקסטערן, באַלייגן דעם עקזאַמען און אָנהייבן שטו־דירן, איז געווען די גרויסע, שטילע האָפענונג פון יעדן ייִדישן ישיבה־בחור־אינטעליגענט. דער אויסגעחלומטער דאָקטאָר־טיטל האָט געזאָלט מיט אַ מאָל פאַרענטפערן אַלע האַרבע שאלות פון דעם אָנגעווייטאָגטן ייִדישן לעבן.

האָט מען, על כּן, פאַרלאָזט די ישיבות, די בתי־מדרשים זײַנען גע־וואָרן אויסגעליידיקט און מען האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן צום אייראָ־פּעיִשן קולטור־אָלימפּ. פון די קליינע שטעטלעך איז מען אַוועק אין די גרעסערע שטעט, זיך גרייטן ווי אַן עקסטערן אַרײַנצוקומען אינעם קול־טור־היכל פון אייראָפּע. אַ סך זײַנען אַוועק קיין אויסלאַנד, כּדי דאָרט צו זוכן זייער גליק און צו שטילן זייער דאָרשט נאָך בילדונג. דער וועג איז אָבער נישט תּמיד געווען אויסגעבעט מיט סאַמע רויזן. אַדרבא, ער איז אָפט געווען אַ שווערער, אַ דאָרנדיקער און נישט איינער פון אָט די בילדונג־דאָרשטיקע איז געבליבן ליגן אַ פאַרחלשטער אין מיטן אויפן טראַקט. אייראָפּע האָט נישט אַלעמען באַפרידיקט. זי האָט טייל מאָל געשאַפן נײַע פּראָבלעמען און מיכשולים, מיט וואָס מען האָט זיך נישט געקענט אַזוי לײַכט קיין עצה געבן. גיך האָט זיך געשאַפן אַ קאָנפליקט צווישן דער אַל־טער, מקורדיקער ייִדישקייט און דער נײַער אייראָפּעיִשער קולטור, וואָס האָט נישט תּמיד געפּירט צו אַ גליקלעכן סינטעז פון דיביידע קולטורן. בײַ אַ סך האָט דער נײַער קאָנפליקט געשאַפן סתּירות און צעריסנקייט, אָט

דעם „קרע שבלב״, וואָס מען האָט שוין נישט געקענט מער פאַרהיילן. אוודאי האָבן אַ סך פון אָט די בילדונג־דאָרשטיקע באַוויזן אָראָפּצוואַרפן פון זיך דעם עול פון ייִדישקייט, און האָבן אויף זיך גענומען דעם עול פון אייראָפּע, אָפּט מיט אַלע נעגאַטיווע דערשײַנונגען פון אַ פרעמדער קולטור. מען האָט געהאָפט זיך צו באַפרײַען פון דער שווערער לאַסט פון דער אַלטער, אָפּגעשטאַנענער ייִדישקייט, אָבער בשעת מעשׂה איז מען געוואָרן אַ משועבד צו אַן אייראָפּעיִשער עבודה־זרה, וואָס האָט פאַרנאַרט און פאַרפירט ביז אין דעם תּהום פון אָפּגעפרעמדקייט און אַסימילאַציע.

יוסף חיים ברענער איז געווען איינער פון די, וואָס אייראָפּע מיט אירע טויזנט חנדלעך האָט נישט געפאַנגען. אַדרבא, ער איז געבליבן דער הייסער ייִד, דער עקשן און פלאַמיקער וואָרט־זאָגער, וואָס איז לחלוטין נישט גרייט געווען זיך אָפּצוזאָגן פון דער גרויסער קולטור־ירושה און זי אויסצובײַטן אויף מערב־אייראָפּעיִש קליינגעלט. אייראָפּע האָט אים אפשר גאָר נאָך מער אַנטוישט און פאַרביטערט.

ברענער האָט אויפגענומען דעם קאַמף פאַר דער ייִדישער גײַסטיקייט, פאַר אַ באַנײַונג און אַ שינוי־ערכין פון דער קולטור מיטן גאַנצן ברען פון זײַן קינסטלערישער נשמה. נישט אַנטלויפן פון ייִדישקייט, נישט אַוועק־וואַרפן די רײַכע קולטור־ירושה, נאָר זי אָפּרייניקן און אויפפרישן, אַרויסגיסן דעם אָפּגעשטאַנענעם, פאַרזויערטן ווײַן פון די אַלטע כּלים און אין זיי אַרײַנגיסן אַ פרישן, קוואַליקן אינהאַלט. עס האָט קודם־כּל געהייסן קעמפן קעגן אַן אינדיפערענטיזם און ווולגאַריטעט, קעגן הוילקייט און קולטורלאָ־זיקייט, וואָס האָבן באַהערשט דאָס ייִדישע לעבן.

ברענער דער סענסיטיווער, ספקותדיקער מענטש, איז דאָס געוויסן פון דער העברעיִשער ליטעראַטור. פּונקט אַזוי ווי דער אַמאָליקער נביא־מוכיח, זעט אויך ברענער אין יעדער פּגימה אויפן קולטור־קערפּער פון ייִדישן פאָלק אַ דעפעקט און אַ פּסול. אַלץ איז בײַ אים פאַרגרעסערט, צענפאַך, הונדערט־פאַך. יעדע געזעלשאַפטלעכע עבירה ברענט אים מיט טויזנט פײַערן, אַז ער שרײַט אַזש ממש אויס פון פּײַן און שמערץ. דווקא אין דער צײַט פון אַ שטאַרקן אויפבלי פון דער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור, זעט ער, דער טראַגישער ספקן, אומעטום אָפּגעלאָזנקייט און פאַרגליווערטקייט. פרעגט ער טאַקע מיט אַ געפיל פון פאַרצווייפלונג אין איינעם פון זײַנע פּובליציס־טישע אַרטיקלען פון יאָר תרס״ו: „...ווהין זאָלן מיר אַרויסגיין, צו וואָס פאַר אַ לעבן? עס איז דאָך אַלצדינג אַרום אונדז פאַרגליווערט. עס איז אַ פאַרגליווערטקייט און אַ גלײַכגילטיקייט פון גײַסטיקע קבצנים, וואָס נישט

זיי האָבן עפּעס נישט ליב און נישט זיי האָבן עפּעס פֿײַנט...". ניין, מען איז צו אַלצדינג אינדיפֿערענט, מען אינטערעסירט זיך מיט גאָרנישט. אָט די גלײַכגילטיקייט איז פֿאַר דעם אויפֿגערודערטן ברענערן נאָך ערגער ווי הוילע עם־הארצות. ווייסן מיר דאָך, אַז דאָרט ווו עס איז פֿאַראַן אומצופֿרידנקייט און קאָנפֿליקט איז אויך פֿאַראַן לעבן. אָבער דאָרט, ווו עס הערשט אַפּאַטיע און אינדיפֿערענטיזם, דאָרט שמעקט עס מיט בית־הקברות־שטימונג. עס איז אַלץ טויט.

יוסף חיים ברענער געהערט אָבער לויט זײַן נשמה־תּמצית צו די דורות עקשנים און מורדים, וואָס גיבן זיך נישט אונטער, יעבור עלי מה... ווען עס גייט אין סאַמע עיקר. אַזוי קעמפֿט ער טאַקע מיטן גאַנצן ברען פֿון זײַן נשמה פֿאַר אַ באַנײַטער, גאַנצער, אינטעגראַלער ייִדישקייט. מיט פּשרות און פּאַליאַטיוון גיט ער זיך נישט אָפּ. ער וויל זיך נישט טרייסטן מיט חלשות־טראָפּנס און פֿאַלשע האָפֿענונגען, אַז עס איז אַלץ גוט, ווייל און פֿײַן אין אונדזער לאַגער: „...אַז די אינטעליגענץ הייבט אָן צוריקצוקומען, אַז דאָס פֿאָלק פֿאַרלאַנגט קולטור, אַז די יוגנט רײַסט זיך צום ליכט פֿון ייִדישקייט..."

דאָס איז, ווייסט ברענער בײַ זיך אין האַרצן, אַ ליגן, אַ שקר מוחזק. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די אינטעליגענץ שטייט פֿון דער ווײַטנס, וואָס עס איז ממש נישטאָ קיינער, וואָס זאָל עפּעס פֿאַרלאַנגען, און נישט געקוקט אויף דער אָפּהענטיקייט, וואָס הערשט אויף דער ייִדישער גאַס, טענהט ברענער, מוזן מיר ווײַטער אָנגיין, ממשיך זײַן די ייִדישע יצירה. עס איז דער בעל־כּרחו פֿון ייִדישן לעבן, דער אף־על־פּי־כן, וואָס איז דער מאָראַלישער אימפּעראַטיוו פֿון ייִדישן קיום. אַנדערש קען עס גאָר נישט געמאָלט זײַן. דאָס איז דער איינציקער אויסוועג און דרך פֿאַר דעם איבערגעבליבענעם רעשט, דעם טראַגישן קולטור־רעשטל.

ברענער, דער בעל־נפש מיט זײַן שטאַרקער התעוררות, מיט זײַן פֿלי צו גײַסטיקע הויכקייטן און זײַן דראַנג צו העראָישע מעשׂים, האָט נאָר אַ וואָרט פֿון ביטערן חוזק פֿאַר די קליינקעפּלדיקע ברואים, די משונהדיקע קרעמער אויף דער ייִדישער גאַס, וואָס פֿון זיי שפּאַרט אַ גײַסטיקע פֿוילקייט און אָפּגעשטאַנענקייט. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, קלאָגט זיך ברענער, אַז מען האָט בײַ אונדז אַפֿילו אויפֿגעהערט צו וועלן פֿאַרשטיין די טראַגעדיע, די מוראדיקע אָפּהענטיקייט פֿון אַ פֿאָלק. ער זעט נאָר אַרום זיך אַ פּוסטקייט און אַ גאווה פֿון קליינע מענטשעלעך מיט ענגע מוחות. אַלץ אַרום איז פֿאַרקריפּלט. אין ערגעץ זעט ברענער נישט קיין פֿרישע מחשבה, קיין פֿונק פֿון שאַפֿערישקייט. עס פֿעלט אמתע גרויסקייט און טיפֿקייט, וואָס

מיינט אין ברענערס לשון, הערא‏ָישקייט, אינספּיראַציע און גבורה. אַלץ איז בײַ אונדז אָפּגעשטאַנען און די טראַגעדיע, וואָס מען וויל דאָס נישט אײַנזען, איז מוראדיק גרויס. „אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן איז פאַרפוילט, אין דער ליטעראַטור הוילע דעקאַדענץ, אַ שפּיל מיט פּוסטע מליצות... ווי איז אונדז, וואָס פאַר אַ טראַגעדיע!", לאָזט ברענער אויס מיט אַ פּאַטעטישן צאָרן.

ברענער, ווי ער ווערט אָפט אָנגערופן, דער דיכטער פון ייִדישער צעפאַלונג, איז געווען אַ רעאַליסטישער דערציילער מיט אַ שטאַרקער נטיה פאַרן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז. ער האָט געשריבן דערציילונגען, ראָמאַנען און ליטעראַטור־קריטיק, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם. ער איז אויך געווען אַ פּובליציסט בחסד עליון, אַ מײַסטער פון אַ פּובליציסטיק, וואָס איז געווען קולטור־קריטיש שאַרף און שטעכיק און האָט קיינעמען נישט פאַרשוינט. אַפילו אין זײַנע דערציילונגען און ראָמאַנען איז ברענער בעצם אַ פּ ו ב ל י צ י ס ט, אַ מוכיח מיט אַ שאַרפן ברי. לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז אין יענעם דור האָט נאָך געלעבט די תּוכחה־טראַדיציע פון דער השׂכּלה, מיט איר שפּאָט און חוזק פון אַלץ און אַלעמען. אויך ברענער האָט געזנומען אַרונטערגערײַסן דעם שלייער פונעם ייִדישן לעבן אַזוי ווי ער האָט עס געזען, מיט זײַנע קליינלעכע אינטערעסן און השגות, פלאַכקייט און פּוסטע מליצות, און נישט געשוינט סײַ די ציוניסטן און סײַ די סאָציאַליסטן אין אַלע זייערע שאַטירונגען. שפּיגלען טאַקע זײַנע ווערק אָפּ גיכער שטימונגען ווי האַנדלונגען. ברענער איז עמאָציאָנעל, סענסיטיוו, זײַן האַרץ טרויערט מיט די מענטשלעכע ליידן אין דער וועלט דרויסן און מיט דער נויט און מיטלמעסיקייט פון אינעווייניק. ברענער לעבט, וואָלט איך געזאָגט, אין אַן איבערגעהיצטער פּסיכישער אַטמאָספערע, און זײַן רעאַקציע איז תּמיד אַ שטורעמדיקע, פול מיט געשפּאַנטקייט און אויפברויז. אַלצדינג איז בײַ אים סוביעקטיוו, עס איז אַ מין השתּפכות־הנפש פון אַ צאַרט געמיט, וואָס פליסט פון די טיפענישן פון אַ צעווייטאָגט האַרץ.

אָנגעהויבן צו שרײַבן האָט ער שוין פרי. קוים נײַנצניעריק, גיט שוין ברענער אַרויס זײַן בוך „מעמק עכור", בילדער פון ייִדישער נויט, אַ בוך, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם. שוין דער טיטל פונעם בוך איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ברענערס ליטעראַרישער נטיה. ער זעט נאָר עוולות און יסורים אין לעבן. עס איז אַ טאָל פון אומגליק, אַ חשכותדיק טאָל, פול מיט פּײַן און טרערן, מיט אַנטוישונגען און פאַרלוירענע האָפענונגען. ברענער זעט אומעטום און תּמיד נאָר די געפּײַניקטע, די פאַרשטויסענע און באַליידיקטע. פאַר נאָרמאַלע, געזונטע מענטשן האָט ער בכלל

נישט קיין אויג. זיי אינטערעסירן אים אפנים נישט. ער זעט נאָר דאָס אויסנעמיקע און אויסטערלישע אין לעבן. אַזוי זיינען זיי אַלע די העלדן ברענערס: מענטשן מיט אַ קין־צייכן אויף זייער שטערן, אומרויִקע, גע־רודפטע און נע־ונד, אָן אַ היים און אָן אַ באָדן אונטער די פיס. זיי זיינען אומפּראַקטיש און פויל, אייביקע בעלי־הזיות און פאַנטאַסטן, — אַ גילגול פון די אַבלאָמאָווס אין דער רוסישער ליטעראַטור. אַ גאַנץ לעבן חלומט מען וועגן מעשׂים און דערגרייכונגען אָבער צום סוף איז גאָרנישט פאַראַן. מען שטייט מיט ליידיקע הענט. דאָס ביסל לעבן איז געוואָרן צעטרענצלט, אויסגערונען צווישן די פינגער.

עס איז געווען די שטימונג פון דער צייט, פון אַ גאַנצן דור. עס האָט געשמעקט אומעטום מיט דעקאַדענץ, מיט אַ שטימונג פון אונטערגאַנג, פון קריזיס אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור און קולטור. עס האָט געהערשט אַ שטימונג פון מידקייט און פאַרשמאַכטקייט. די גרויסע גייסטער פון אייראָפּע זיינען געווען אַנטוישט אין די רעזולטאַטן פון אַ ראַציאָנאַליזירטער און מעכאַניזירטער קולטור, מיט איר וווּלגאַרן מאַטעריאַליזם, וואָס האָט אין איר אימפּעטיקן אויפשטייג פאַרלוירן איר האַרץ און נשמה, בעיקר אָבער דעם מענטש גופא. אַזעלכע טיפע גייסטער ווי טאָלסטאָי און ניטשע זיינען געקומען אָפּפרעגן די ווערטן פון דער מאָדערנער קולטור, מיט אירע גייסטיקע און סאָציאַלע שאָדנעס, וואָס זי האָט גורם געווען. קומט ניטשע אין זיין מרידה און וויל „איבערווערטן די ווערטן", איינפירן נייע מאָ־ראַלישע מאָסן און שטעלט אגב פאָר אונדז אַוועק דעם אידעאַל פון אַן איבערמענטש מיט זיין נייעם וועלט־באַנעם, בעת, למשל, טאָלסטאָי גייט גאָר צוריק צו די אַלטע ווערטן פונעם אומפאַרדאָרבענעם, ריינעם קדמון־קריסטלעכן אידעאַל.

אין דעם דאָזיקן גייסטיקן בין־השמשות פון פיין און בויט, שפּיגלען ברענערס העלדן אָפּ אַ שטימונג פון אויפברויז און מרידה, וואָס ענדיקט זיך אָבער גיך אין ספקות און אַ ביטערער רעזיגנאַציע. זיינע העלדן ליידן, נישט ווייסנדיק אָפּט דעם פאַרוואָס און פאַרוועו. זייער ליידן, וואָלט איך געזאָגט, איז בלינד פונקט אַזוי ווי דער גורל פונעם לעבן גופא. מען ליידט, ווייל מען איז צו גאָרנישט מער פעיִק, ווייל מען איז צעבראָכן, געבליבן אָן אַ גאָט און אָן אַן אידעאַל, אויסגעשעפּט און ליידיק, אָפּגענאָרט און אַנטוישט. אַ גאַנץ לעבן האָט מען זיך געמאַטערט און געזוכט אַ זינען, אַן אינהאַלט, און אים, באַדויערלעך נישט געפונען. איז מען דעריבער פאַרבליבן אויסגעוואָרצלטע (תלושים), קראַנקע, אויסגעשפּילטע אינטעליגענטן מיט

דעקאַדענטע נטיות און אַ טיפן ריס אין זייער האַרץ. עס זײַנען שוואַכע באַשעפענישן, וואָס ציטערן ממש פאַר זייער אייגענעם שאָטן און פּרוּוון צו אַנטלויפן פון אים. עס איז די טראַגעדיע פון אַ דור המידבר, וואָס בלאָנ־דזשעט אין אַ וועלט פון סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם און נאַציאָנאַליזם, אָן אַ ייִדישן תּוכן, אָן פּנימיות און אָן דעם פײַער פון אמתן גלויבן און קרבנות־גרייטקייט. דער סוף איז, אַז מען בלײַבט קרח מכאן ומכאן, גאָלע פוןביידע זײַטן, מען שטייט מיט לײדיקע הענט און מען איז גאָר ווײַט, סײַ ווי אַ יחיד און סײַ ווי אַ רבים, פון אַנטגילטיקער מענטשלעכער דערלייזונג.

אַזוי שטייען זיי טאַקע פאַר אונדז מיט זייער בייזער מערכה אָט די פּײַערמאַנס אין „בחורף״, די דאַווידאָווסקיס און אַבראַמסאָנס אין „מסביב לנקודה״, דוד דיאַספּאַרין אין „מכאן ומכאן״ און יחזקאל חפץ אין „שכול וכשלון״. עס זײַנען פּראָבלעמאַטישע נאַטורן, מענטשן אַנטוישטע און פאַרביטערטע מיט אַ געפּיל פון וועלט־שמערץ אין זייער ברוסט. ראַנגלען זיי זיך שווער כּדי צו געפינען אַ זינען און אַן ענטפער אויף די סאַמע אַנגעווייטאַגטע פראַגן פון ייִדישן קיום. חלומען זיי פון אַ האַר־מאָניע, וואָס איז אָבער אין זיי לגמרי נישט פאַראַן. אפילו אין דער וועלט פון סאָציאַליזם געפינען זיי נישט קיין באַפרידיקונג. עס איז אַ טראַגישע וועלט, אויסזיכטלאָז און האָפענונגלאָז. אַזוי פאַרזינקען זיי אַלץ טיפער אין אַ וועלט פון מרה־שחורה און יִאוש, וואָס מוז קאָנ־סעקווענט דערפירן צו אַ טראַגישן סוף: צו שיגעון אָדער זעלבסטמאָרד.

אַזוי איז, למשל, דער גורל פון ברענערס העלד אַבראַמסאָן אין „מסביב לנקודה״. דער אַמאָליקער ישיבה־בחור אַבראַמסאָן קומט אין דער גרויסער שטאָט (האָמעל), ווו ער ווערט אַ לערער און אַ ביבליאָטעקאַר פון דער לאָקאַלער ציוניסטישער ביבליאָטעק. אַבראַמסאָן חלומט דעם גרויסן חלום פון ייִדישן וואָרט־זאָגער. ער האָט עפּעס צו זאָגן, טאַקע אָן שאַבלאָנען און מליצות. עס דאַרף זײַן עיקרדיק און תּוכיק. עס איז די צײַט פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905, מיט אירע ליכטיקע האָפענונגען און אַ טיפן גלויבן. גיך אָבער צערינט אַלץ. די רעאַקציע פאַרשטאַרקט זיך. עס קומען אָן די פּאָגראָמען און דאָס ייִדישע לעבן טרינקט זיך אין נויט און בלוט. די פאַרביטערונג און דער יִאוש זײַנען גרויס. די ייִדישע יוגנט פילט זיך אָפּגענאַרט און פאַרראַטן. אַבראַמסאָן, ווי אַלע העלדן ברענערס, איז אַן אידעאַליסט און באַגלײַך אַ בעל־חלומות. ער איז נישט קיין מענטש פון מעשׂים. בטבע איז ער, ווי ברענער גופא, אַן איינזאַמער, אַ ספקן און דערצו אַ גרויסער לא־יוצלח. פאַר אים ווי פאַר

זײַנסגלײַכן איז נישטאָ קיין פּלאַץ אין דער קאַלטער, באַרעכנטער וועלט פֿונעם 20סטן יאָרהונדערט.

אייראָפּע איז קראַנק און מען אַנטלויפֿט פֿון איר. ייִדישע יונגעלייט גייען אַוועק בויען אַ נײַ לעבן, אויף געזונטע, דויערהאַפֿטיקע יסודות אין ארץ־ישׂראל. פֿאַר ברענער־אַבראַמסאָן דעם בעל־חלומות און אידעאַליסט, מיט אַ טיפֿן עטאָס אין האַרצן, איז ציוניזם אַ גײַסטיקע באַוועגונג, וואָס דאַרף באַנײַען דאָס גאַנצע פֿאָלק־לעבן אין אַלע זײַנע מאַניפֿעסטאַציעס און דערפֿירן צו אַ זיווג מיט דעם באָדן פֿון ארץ־ישׂראל. ציוניזם פֿליסט פֿון די סאַמע טיפֿענישן פֿון ייִדישן לעבן, ער איז דער גרויסער געדאַנק, וואָס וויל באַפֿרײַען די שכינה, די אַקומולירטע גײַסטיקע פּאָטענצן פֿון ייִדישן פֿאָלק און זיי צוריקגעבן זייער אַמאָליקן גלאַנץ און שאַפֿערישן כּוח. דער דאָזיקער ציוניזם איז נישט קיין סטאַטישער, קיין מעכאַנישער, נאָר ער דרינגט אַרײַן תּהומותדיק טיף אין אַלע ווינקלען פֿון ייִדישן לעבן (מכאן ומכאן, ז. 104). אָבער די אַרומיקע וועלט איז אַן אַנדערע, אַ ניכטערע און אַ פּראַקטיש־מיושבדיקע. זי איז נישט געמאַכט פֿאַר דעם שניט מענטשן ווי די אַבראַמסאָן־ברענערס. זײַן אידעאַלע וועלט איז צעשטערט און געבליבן איז ער מיט גאָרנישט. אָפּגעריסן פֿון אַלץ, איז אים אַפֿילו די צאַרטע ליבע פֿון אַ פֿרוי (עוואַ איסאַקאָוונאַ) נישט מער בכּוח אַרויסצורײַסן פֿון זײַן טיפֿער אַפּאַטיע. אַז זײַן פֿרײַנד אוריאל דאַווידאָווסקי, דער שאַרפֿער אינטעלעקטואַל און אייביקער זוכער פֿאַלט אַרײַן אין אַ טיפֿער מרה־שחורה, וואָס ענדיקט זיך אין זעלבסטמאָרד, איז אויך אַבראַמסאָנס גורל באַזיגלט, ער ווערט משוגע.

ברענער וואַנדערט איבער דער ייִדישער וועלט. אויף זײַן לאַנגן נע־ונד־וועג קומט ער אויך קיין לאָנדאָן, וווּ ער גיט אַרויס דעם זשורנאַל „המעורר“. ווידער אַ מאָל איז דער נאָמען כאַראַקטעריסטיש ביז גאָר פֿאַר ברענערס פּראָגראַם. זײַן צײַטשריפֿט וועקט און מאָנט. ער באַקעמפֿט פּאַרטייען און רופֿט אויפֿצוהיטן די ווערטן פֿון ייִדישן עבר. ברענער קען נישט אײַנרוען. ער רײַסט שטיקער פֿון זיך און פֿון אַנדערע. ער וויל די ייִדישע אינטעליגענץ אויפֿטרייסלען פֿון איר שלאָף, איר ווײַזן אַ נײַעם וועג, פֿירן צו אַ באַנײַונג פֿון די גײַסטיקע ווערטן. אָבער דאָס לעבן אַרום אים, די עמיגראַנטן פֿון כּל המינים, די סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און ציוניסטן, די אַרבעטער און סתּם בעל־הבתּישע ייִדן, מיט זייערע השׂגות און חשבונות וואַרפֿן אָן אַ מורא אויף דעם סענסיטיוון, איידעלן ברענער. ער זעט אומעטום נאָר אָפּגעשטאַנענקייט און גײַסטיקע

פוילקייט, פאַרגרעבטקייט און קולטורלאָזיקייט. אין אַ וועלט פון אָלרייט־ניקעס פילט זיך ברענער, ווי זײַן העלד יוחנן אין דער דראַמע „מעבר לגבולין״, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין לאָנדאָן, אַ יוצא־דופן, אַן אַרויס־געשטויסענער. ער איז אַ פרעמדער אויף דער אייגענער חתונה. שפּעט ער טאַקע אָפּ מיט אַ ביטערן חוזק פון די „העניעס״ און „בעקיס״, פון די „הערריסעס״ און „דזשעקס״, וואָס פּרוכפּערן און מערן זיך און פּילן אָן מיט אַ געשריי און אַ געטומל די יִדישע גאַסן און געסלעך אַרום ווייטשעפּל. נישטאָ, קלאָגט זיך ברענער, קיין קולטור, קיין יִדישקייט, אַפילו נישט קיין שאָטן פון אַ תּוכיק יִדיש־געזעלשאַפטלעך לעבן. אומע־טום וואַרפט זיך אין די אויגן די קולטורלאָזיקייט, דער שרײַענדיקער זשאַרגאָניזם פון די „קולטור־טוער״ און ער גיט צו מיט אַ בײַסנדיקן סאַרקאַזם: „איך זאָג דיר, ברודער מײַנער, אַז דו וועסט דאָ ווערן אין גאַנצן אַ צעמישטער און בלײַבן אַ חסר־דעה. דעמאָלט וועסטו בײַ דיר אין האַרץ טראַכטן, אַז אויך לאָנדאָן איז נישט קיין נפקא־מינה, אַז עס איז אומעטום דאָס זעלביקע״. עס איז אַלץ איין גרויס געשטאַנק. ברענער האָט טענות צו די „זשיטלאָווסקיס, דובנאָווס און בירנבוימס, „וואָס ווילן דווקא אינעם דאָזיקן מיסט (רפש) זען אַ באָדן פאַר אַ יִדיש־נאַציאָנאַל לעבן״. צום באַדויערן איז אין דעם אַלעם גאָרנישט פאַראַן, „אַפילו נישט קיין ספּעציפיש־יִדישע עוולות״, פאַרענדיקט ברענער מיט אַ שטעכיקער איראָניע.

ברענער פאַרלאָזט לאָנדאָן, קומט אויף אַ שטיקל צײַט קיין לעמבערג, ווו ער אַרבעט צוזאַמען מיט זײַן פרײַנד ג. שאָפּמאַנען און גיט אַרויס די זאַמלביכער „רביבים״. אינעם יאָר 1909 איז ער עולה קיין ארץ־ישׂראל, ווו ער באַטייליקט זיך מיט זײַן שאַרפער פּובליציסטיק און ליטעראַטור־קריטיק אין אַ ריי העברעיִשע זשורנאַלן און רעדאַקטירט באַגלײַך דעם „הפּועל הצעיר״, „מעברות״ און „האדמה״. בינו־לבינו האָט אויך ברענער מקיים געווען די מיצוות־עשׂה פון זײַן פּראָדוקטיוו דורך פיזישע אַרבעט, אַ כּלל־גדול אין זײַן עטישן שולחן־ערוך. אַזוי האָט ער געאַרבעט אויפן לאַנד און אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך מיט ברען אָנגעשלאָסן אין דעם „גדוד העבודה״ און אַ צײַטלאַנג געאַרבעט בײַם שאָסיי־בוי. אין מיטן פון זײַן גרויסן חלום צו העלפן דערלייזן זײַן פאָלק, איז ברענער אינעם ערשטן מײַ 1921, אינעם סאַמע יום־טוב פונעם פּראָלעטאַריאַט, געפאַלן אַ קרבן פון דעם אַראַבישן פּאָגראָם אין יפו.

אָבער אויך אין ארץ־ישׂראל, ווו ער האָט מיטן גאַנצן כּוח פון זײַן

נשמה געגאַרט זיך צו באַהעפטן מיטן באָדן און מיט אַ נײַ, פּראָדוקטיוו לעבן, האָט דער תּמיד אויפגעברויזטער, אומרויִקער ברענער נישט געפונען די באַגערטע רו. זײַן חלום איז נישט מקוים געוואָרן. ער איז גיך געוואָרן אַנטוישט פון דעם מצב, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אין לאַנד, און די אַלטע ספקות האָבן גענומען פון דאָס נײַ עגבערן זײַן מוח. זײַנע צוויי ארץ ישראל־ראָמאַנען „מכאן ומכאן" און „שכול וכשלון" זאָגן עדות פון דעם גײַסטיקן מצב אין וועלכן ער האָט זיך דעמאָלט געפונען. ברענער דער אייביקער פּעסימיסט וויל נישט, צי אפשר קען ער גאָרנישט זען דאָס פרייליקע און האָפענונגספולע, דאָס נײַע און ליכטיקע, וואָס האָט גענומען פּאַמעלעך אויפגיין אין דעם אַלט־נײַעם באָדן פון ארץ־ישראל. ניין, ברענער זעט נאָר דאָס קרומע און פאַרהויקערטע אינעם לעבן פון ייִשוב. די באַגײַסטערונג פון אַמאָל, וואָס האָט צעצונדן מיט טויזנט פלאַמען די הערצער פון די עולים און זיי אָנגעפילט מיט אַ געפיל פון שאַפערישער פרייד, איז עפּעס ווו אַרײַן אין אַ טיפער בלאָטע, פון וואַנען מען קען שוין גאָרנישט אַרויסקריכן. אַלצדינג איז אין אַ האָפענונגלאָזן מעמד. אומעטום זעט ער נאָר די קללה פון גלות־לעבן שוועבן איבער דעם ייִשוב. דאָס לאַנד האָט דעם ייִד נישט באַפרײַט, אים נישט באַנײַט. אַדרבא, עס זײַנען אומעטום די זעלביקע משונה־ווילדע ברואים, וואָס זײַנען אַהער מגולגל געוואָרן פון די גלות־לענדער, וואָס האָבן נישט קיין כּוח און נישט קיין רצון עפּעס צו ענדערן. עס זײַנען מענטשן, באַטאָנט ברענער, וואָס לעבן נישט פון דער אייגענער פּראַצע, לעבן אָן אַ האָפענונג און אָן אַ מאָרגן, און אָן אַ באָדן אונטער די פיס. עס איז דאָס זעלביקע געטאָ, רופט ברענער אויס מיט ביטול אין „מכאן ומכאן", מיט אַלע זײַנע נעגאַטיווע אַטריבוטן פון בטלנות און אָפּגעלאָזנקייט, אַ בבל פון שפּראַכן און די אַלטע ייִדישע פּרנסות. מען פאַרלאָזט זיך ווײַטער אויף נישט־ייִדישער אַרבעט און דער ייִד ווערט נישט פּראָדוקטיוו און צוגעבונדן צו דער סאָכע. פּונקט אַזוי ווי אין גלות, רעכנט ברענער ווײַטער אויס, איז מען אויך דאָ אָפּהענגיק פונעם גוי, מען האָט מורא פאַרן גויישן שכן און על כּולם גייט אָן אַן אויסוואַנדערונג פון לאַנד. עס איז אַלצדינג אַזוי אויסטערליש, אַזוי משונהדיק־ווילד, לאָזט ברענער אויס, אַלץ ווי געוועזן.

אין דער דאָזיקער געדיכטער פינצטערניש באַווײַזט זיך פאָרט אַ שטראַל פון האָפענונג אין דער ליכטיקער געשטאַלט פון אריה לפּידות, אין וועמען ברענער האָט געפּרוווט צו פאַרקערפּערן א. ד. גאָרדאָנען, דעם גרויסן לערער און מורה־דרך פון דער צווייטער עליה. אין אריה לפּידות

לעבט די גרויסע שאַפערישע וויזיע פון אַ באַנײַטן ארץ־ישראל, וואָס ער נעמט זיך צו פאַרווירקלעכן אין זײַן אייגן לעבן, נישט געקוקט אויף די אומצאָליקע שווערע נסיונות און מיכשולים. אוודאי איז דער וועג אַ לאַנגער, אַ שווערער און אַ יסורימדיקער. פון דעסטוועגן גיט זיך לפּידות נישט אונטער. גרויס איז טאָקע זײַן עקשנות, אָבער נאָך גרעסער זײַן אמונה און בטחון אין דעם אַנטגילטיקן נצחון. אין דער פּערזענלעכקייט פון אריה לפּידות זעען מיר דעם קאָנטראַסט צווישן דעם אידעאַליסט און קעמפער, וואָס האָט זיך מיט זײַנע ציין אַרײַנגעביסן אין דעם האַרטן באָדן פון ארץ־ישראל און יענע שוואַכע, צעריסענע, אומפּראַקטישע יונגע לײַט, וואָס קענען נישט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען. ווי אַן אַפּאָטעאָז אויף לפּידות־גאַרדאַנען, אויף דער עקשנות פונעם יחיד, דעם אף־על־פּי־כן פון אונדזער לאַנגן און שווערן וועג אין ארץ־ישראל, קלינגט די קורצע אָבער ביז גאָר סימבאָלישע סצענע בײַם סוף פון ראָמאַן.

עס איז געווען צום סוף פון אַ לאַנגן וועג פון יסורים און פּלאָגן, פון שווערע נסיונות און ביטערע אַנטוישונגען פאַר דער משפּחה פונעם אַלטן לפּידות. נאָך די שווערע רעגנס האָט זיך דער הימל ווידער גענומען אויסלײַטערן. עס איז געוואָרן וואַרעמער. די לופט אַרום איז געווען פול מיט האָפענונג און די הונגעריקע משפּחה האָט געגלוסט נאָך אַ שטיקל פריש ברויט. מען נעמט זיך באַקן ברויט. דער קלײנער עמרם (לפּידות אייניקל) גייט אַרויס צונויפקלײַבן דערנער און שטעכעלקעס כּדי צו מאַכן אַ פײַער. „רעשטלעך דערנער האָבן געהאַנגען אין זייערע צעריסענע קליידער און אין די האָר. דעמאָלט האָט די פרוי, וואָס האָט זיך געשטעלט באַקן ברויט, זיי גערופן איר צו העלפן. זײַנען זיי צוגעקומען און זיך בײַ איר אָוועקגעשטעלט. און דער סוד האָט זיך אויך געוועבט אין זייערע דערנער און אין זייער שטיין. זיי זײַנען געשטאַנען אויף דער וואַך, אויף דער וואַך פון לעבן. דער אַלטער און דאָס קינד. די זון האָט ווידער געשײַנט ווי פאַר דעם רעגן. די נאַטור האָט אויפגעלעבט. עס איז געווען אַ דערנער־עקסיסטענץ. דער חשבון איז נאָך נישט פאַרענדיקט".

יאָ, די זון האָט גענומען ווידער שײַנען. די נאַטור האָט זיך ווידער באַנײַט. אַלצדינג איז געווען פול מיט אַ בראשית־האָפענונג. הגם עס איז געווען אַ שווערע, דאָרניקע עקסיסטענץ, האָט אין די הערצער פון די מענטשן געלעבט אַ געפיל פון בטחון אויף דעם מאָרגן. עס איז געווען דער סוד פון קיום, די מיסטעריע פון באַנײַונג, וואָס האָט ברענערן, דעם קינסטלער, שטאַרק פאַראינטריגירט. דער חשבון איז נאָך נישט פאַר־

ענדיקט. אַדרבא, מיר האַלטן ערשט גאָר פון אָנהייב. דער קאַמף פאַר באַנײַונג גייט ווײַטער אָן. עס איז אָן אָפּטימיסטישע נאָטע מיט וואָס ברענער פאַרענדיקט זײַן ראָמאַן „מכאן ומכאן".

זײַן צווייטער ארץ־ישׂראלדיקער ראָמאַן „שכול וכשלון" איז אויך מער אײַנגעהאַלטן און געצוימטער אין זײַן אויסקוק, הגם עס פעלן אויך אין אים נישט קיין האַרטע רייד, באַגלייט פון אַ טרויעריקער נביאות אויף ירושלים און דעם יישוב. ווידער אַ מאָל איז דער הויפּט־העלד פון ראָמאַן יחזקאל חפץ איינער פון יענע איבעריקע און אַרויסגעשטויסענע, מיט וואָס די גאַלעריע פון ברענערס העלדן איז אַזוי רײַך. חפץ איז אַ סענסיטיווער, קראַנקער און איינזאַמער מענטש, וואָס קען זיך עפּעס גאָר שווער צופּאַסן צום לעבן און בלײַבט דערפֿאַר תּמיד פון דרויסן. נאָך לאַנגע וואַנדערונגען קומט ער, ווי ברענער בשעתו (אגב, אַלע ראָמאַנען פון ברענערן זײַנען אויטאָביאָגראַפישע ראָמאַנען), קיין ארץ־ישׂראל מיט אַ וויזיע פון אַ שאַפערישער באַנײַונג אויף דעם אַלט־נײַעם באָדן. האָט דאָך ברענער גופא כל ימיו געגאַרט צו דער דאָזיקער סינטעזע פון פּראָדוקטיוויזאַציע און יחידישער שאַפערישקייט אויף דעם באָדן פון ארץ־ישׂראל. ווערט טאַקע חפץ אַ חלוץ און אַרבעט אין אַ קבוצה. אָבער, ווי די איבעריקע העלדן ברענערס, איז ער אַן אייביקער לא־יוצלח. גיך ווערט ער קראַנק און פאַרברענגט אַ לענגערע צײַט אין אַ שפּיטאָל פאַר גײַסטיק־קראַנקע אין ירושלים. ער קומט אַרויס אַ צעבראָכענער און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. זײַן שלאַפקייט האָט פאַראַליזירט זײַן לעבנס־רצון און כּוח צו וועלכע עס איז מעשׂים. חפץ ווערט באַהערשט פון אַ מוראַדיקער הילפלאָזיקייט און ביטערע ספקות נעמען בײַ אים צו די לעצטע רו. פירט חפץ מעלאַנכאָלישע זעלבסטגעשפּרעכן, מיט וואָס אגב דער ראָמאַן פון ברענערן איז אַזוי רײַך, און פילאָסאָפירט איבער לעבן און זײַן מיין. בינו־לבינו גייט דאָס לעבן איבער אים אין גאַנצן אַוועק. „מיר זײַנען אַלע אומגליקלעכע מענטשן, זייער אומגליקלעך. פאַרדינען מיר אַ ביסעלע מיטלייד", רופט ברענער אויס מיט אַ געפיל פון מידת־הרחמים וועגן דעם פאַרשפּילטן, אומגליקלעכן לעבן פון זײַן העלד. ניין, דער מענטש איז אומשולדיק. ער איז דאָך נאָר אַ קליין, נישטיק שרײַפּעלע אין דער גרויסער לעבנס־מאַשין, וואָס שרעקט כּסדר אים צו צעברעכן. „אויף וועם איז זיך דאָ אייגנטלעך צו בייזערן, פון וועם זאָל מען גאָר חוזק מאַכן? זאָל חוזק מאַכן ווער עס וויל!", לאָזט ברענער אויס זײַנע באַטראַכטונגען מיט אַ מילדן שמייכל פון רעזיגנאַציע.

אַרום חפצן פליִצט לעבן. מיר זעען די נײַע און די אַלטע וועלט

מיט די אויגן פון ברענערן דעם ספקן. אויף דער איינער זײַט זײַנען עס די אידעאַליסטן און אַרבעטער פון דער צווייטער עליה, משׂכּילים און אינטעליגענטן, ליידיקגייער און פאַרשטויסענע מיט זייערע ראַנגלענישן און יסורים, וואָס ברענער שילדערט אונדז מיט אַ סך געמיט און אַ טיפן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז. אויף דער אַנדערער זײַט מאָלט ער אונדז מיט אַ שטאַרקן רעאַליזם דאָס לעבן אין ירושלים צום אָנהייב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט, מיט אירע חלוקה־ייִדן און תּקיפים, מיט איר בטלנות און אָפּגעשטאַנענקייט. מיר האָבן דאָ פאַר זיך די אַלטע וועלט, אַ שטיק לעבעדיקער גלות מיט אַלע זײַנע פאַרקרומטקייטן און אַנאָמאַליעס אַריבערגעטראָגן אויפן באָדן פון ארץ־ישׂראל. עס איז אַ טראַגישע ייִדישע ווירקלעכקייט, מיט אָרעמקייט און נויט, מיט אַרומרײַסענישן און פּינצטערניש. די שטימונג איז האָפענונגלאָז. עס איז נישטאָ צו וואָס זיך צו נעמען. וואָנדערן ייִדן אויס. האָט שוין ברענער אין זײַן פריִערדיקן ראָמאַן „מכאן ומכאן" רעאַגירט מיט אַ ביטערן סאַרקאַזם אויף דער אַלטשטאָט מיט אירע פרומאַקעס און טעמפּע בעלי חשבון: „ירושלים איז אַ הייליקע קראָם, וווּ אַלצדינג איז אויסגעשטעלט אין דער וויטראַזש... זי איז אַ מין הייליקע יאַטקע, וווּ קדושה ווערט פאַרקויפט אויף אונצן...". ווי האָט דער אייביקער מורד ברענער געהאַסט די צבועקעס, וואָס האַנדלען מיט קדושה און מאַכן דערבײַ זייערע קונציקע אָנשטעלן! „אין ארץ־ישׂראל", לאָזט ברענער אויס מיט ביטערן צאָרן, קענסטו גאָרנישט מאַכן אַן שנאָרערײַ".

ברענער איז אפשר די סאַמע אומקאָנפאָרמיסטישע פיגור אין דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור. ער איז פאַר אונדז דער סימבאָל פון יענער אומרו־ און ספקות־שטימונג, וואָס האָט געהאַט אַרומגענומען דעם דור פון דער ייִדישער אינטעליגענץ נאָך דער אַדורכגעפאַלענער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905. די אַנטוישונג און פאַרצווייפלונג איז געווען גרויס. בעת פּרץ האָט גערופן „אין שול אַרײַן", איז ברענער געווען אַן עומד במרדו, פול מיט פּראָטעסט און מרידה. עס איז געווען דער „דור המעבר", אַ דור פון איבערגאַנג, וואָס האָט זיך שווער געראַנגלט פאַר דער באַנײַונג פון ייִדישן מענטש אויף דער שוועל פון דער נײַער תּקופה. יוסף חיים ברענער איז געווען איינער פון די גרויסע מעפּילים, די וואָס שטורעמען אַרויף־צו, אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. זײַן אומרויִק לעבן פּונקט אַזוי ווי זײַן טראַגישער טויט געהערט צו יענע זעלטענע מיסטעריעס פון פאַרגיי און אויפגיי, וואָס זײַנען טיף אַרײַנגעוועבט אין אייביקן סוד פון ייִדישן קיום.

(1961)

איבעררייַס אָדער המשך?

(צום 85סטן יובל פון מ. ז. פייַערבערג)

דער פּראָבלעם פון המשך, פון אָנהאַלטן און ממשיך זייַן די ירושה פון דורות, איז בעצם נישט קיין נייַער, וואָס אונדזער הייַנטיקער, אויסגעליידיקטער און אויסגעוואָרצלטער דור האָט באַשאַפן. די פּראָבלעמאַטיק, וואָס איז בדיעבד דער רעזולטאַט פונעם צוזאַמענשטויס פון צוויי קולטורן, די טראַדיציאָנעל־ייִדישע און די אייראָפּעיִש־וועלטלעכע, איז שוין געשטאַנען אין די לעצטע דורות אינעם צענטער פון וויכּוח. יעדער דור מיט זייַן אייגענעם „על פּרשת הדרכים״ און מיט זייַן ספּעציפישן פּראָבלעם פון ווּהין, לאָן? ווּ גייט מען ווייַטער, ווּהין פירט דער וועג פון דאַנען? ווי אַזוי האַלט מען אָן דאָס אַלטע, דאָס ירושהדיק־נאַציאָנאַלע קעגן איבער די כּוחות, וואָס שטורעמען מיט אימפּעט אַרייַן פון דרויסן און זייַנען מסוכּנדיק שווער פאַרן עצם קיום פון פאָלק? דווקא דער דור פון נאַציאָנאַלער און קולטורעלער ווידעראויפלעבונג, מיט זייַן תּהומותדיקער אויפרודערונג און מחשבה־אויפברויז, איז געווען פול מיט זייַנע אימאַנענטע סתּירות פון המשכדיקייט און איבעררייַס, פון אָנהאַלטן אָדער גאָר אָנהייבן אַ נייַ יצירה־קאַפּיטל. דער צוזאַמענשטויס צווישן צוויי, אין תּוך גענומען פאַרשיידנמיניקע וועלטן, פון דער אַלט־ייִדישער וועלט מיט איר פרומען לעבנס־שטייגער און דער מערב־אייראָפּעיִשער מיט איר ראַציאָנאַליזם און סעקולאַריזאַציע, איז געווען צו פּלוצעמדיק, צו עלעמענטאַר, אַז ער זאָל זייַן ביכולת צו שאַפן דעם נייטיקן און בהדרגהדיקן איבערגאַנג, אָן שווערע, אינעווייניקסטע קאָנפליקטן און אויפטרייסלונגען.

דער דור פון השׂכּלה, וואָס איז פאָרויסגעגאַנגען דעם דור פון נאַציאָנאַלער ווידעראויפלעבונג, האָט, ווי באַוווּסט, געפּרעדיקט וויסן און בילדונג אַלס אַ מיטל צו פאַרבעסערן דעם אייַנגעהויקערטן סאָציאַל־עקאָנאָמישן מצב פון די ברייטע מאַסן פון פאָלק. מיטן כּישוף־וואָרט פון אייראָפּעיִשער קולטור האָט מען געהאָפט צו געפינען די נייטיקע רפואה פאַר דעם קראַנקן פאָלקס־קערפּער. מיט השׂכּלה און בילדונג האָט מען גערעכנט צו קענען אַרייַנקומען אין דעם „לפני ולפנים״ פון דער מערב־

קולטור און אַזוי אַרום ווערן לעגיטימע בירגער פון אַן אויפגעקלערטער, פרייַער וועלט. מיט גרויס יִראת־הכּבֿוד און זעלטענער התפּעלות האָט מען זיך פאַרהאַלטן צו אַלץ, וואָס איז געקומען פון דער פרעמד און איז געווען נוסח אייראָפּע. די אייגענע קולטור־ווערטן האָט מען באַטראַכט ווי פאַרעלטערט און אָפּגעשטאַנען און געקוקט האָט מען אויף זיי פון אויבן אַראָפּ, מיט אַ גרויסער מאָס פון ביטול און זילזול. איז דערפון טאַקע אַרויסגעקומען אַ מין משׂכּיליש פאַרזעעניש. כּדי צו זײַן ראוי צו דעם גרויסן קולטור־ליכט פון אייראָפּע, האָט מען מבֿטל געמאַכט דאָס ביסל אייגנס און זיך געגרייסט מיטן אייראָפּעיִשן וויסן, מיט השׂכּלה און פרעמדקייט. מען האָט אַפילו געטענהט, אַז כּדי צו זײַן אַ גוטער אייראָ־פּעער מוז מען ממש ווערן בטל בשישים אינעם פליישיקן קולטור־טאָפּ פונעם מערבֿ און זיך דערבײַ אָפּזאָגן פון אַ היפּש ביסל יִידישע ווער־טיקייטן, וואָס זײַנען נישט אין גאַנצן צוגעפּאַסט צום גײַסט פון דער צײַט. דער מאָסשטאָב, מיט וואָס מען האָט געמאָסטן די אייגענע קולטור, איז געוואָרן דאָס גויִישע אייראָפּע. עס האָט שוין אַפילו געהאַלטן אַזוי ווײַט, אַז מען האָט אויפגעשטעלט אַ טעאָריע פון אַ מין קולטור־דואַליזם, פון זײַן אַ ייִד בײַ זיך אין דער היים, טאַקע בחדרי־חדרימדיק, אָבער אַ מענטש, דאָס הייסט אַן אייראָפּעער לויטן שולחן־ערוך פון די אויפ־קלערער, אין דרויסן, צווישן מענטשן, אויף דער גאַס. אַפּנים, אַז ביידע, דער ייִד און דער מענטש, זײַנען נישט אידענטיש און קענען על כּן נישט גיין האַנט אין האַנט אין דער וועלט, דרויסן. איז טאַקע די דאָזיקע גײַסטי־קע האַלטונג לגבי דעם ייִד און זײַן ייִדישקייט, וואָס דער דור פון אויפ־לעבונג האָט געירשנט פון דער השׂכּלה, געוואָרן דער אבן־נגף פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור אינעם ברייטן זינען פון וואָרט ביזן הײַנטיקן טאָג; און דערצו נאָך — די סיבה פון יענעם שווערן, טראַגישן קאָנפליקט, וואָס האָט יסורימדיק פאַראומערט די געמיטער און געשאַפן אַ וויסטע צעריסנ־קייט און אַ מוראדיקע שפּאַלטונג אין דער נשמה פונעם יחיד. דער ייִדישער מענטש האָט זיך געהאַט אין גאַנצן פאַרלוירן, זײַן ייִאוש איז אָפּט געווען גרויס. פול מיט צער און ביטערקייט האָט ער זיך געפרעגט די אייביקע קשיה: וווּהין גייען מיר? צו אַ פונאַנדערפאַל אָדער נאַציאָנאַלער אויפריכטעניש, צו אונטערגאַנג אָדער גאולה?

דער גאַנצער דור פון העברעיִשע שרײַבער פונעם סוף 19טן יאָרהונ־דערט, פון מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, איבער יוסף חיים ברענערן, ביז צו דעם פרי־פאַרשטאָרבענעם מרדכי זאב פײַערבערג, האָט זיך שווער גע־

ראַנגלט מיטן פּראָבלעם פֿון המשך און קיום. יעדער פֿון זיי האָט אויף זײַן אופֿן געזוכט אַן אויסוועג פֿון אָט דער דילעמע, וואָס האָט געהייסן ייִדיש־קייט און אייראָפּעיִשע קולטור, עבר און הײַנטצײַטיקייט. צום בולטסטן קומט אַרויס אָט דער אינעווייניקסטער צוזאַמענשטויס, דער ויתרוצצו פֿון די צוויי וועלטן, בײַ בערדיטשעווסקין, דעם שטרײַטער און קעמפֿער אין דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור, דעם עסטעט מיט אַ שאַרפֿער מעטאַפֿיזישער נטיה. הגם בערדיטשעווסקי איז געווען אײַנגעטונקען ממש אין ייִדישקייט און געשעפּט מיט פֿולע הענט פֿון אַלע אירע קוואַלן, האָט ער שוין גאָר פֿרי גענומען אָפּפֿרעגן אַ סך פֿון אירע איבערגענומענע אַקסיאָמען. שוין פֿרי האָבן אים געמאַטערט די אייביקע פֿראַגן פֿון ייִדישן קיום, פֿון עבר און המשך, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אין זײַנע שריפֿטן, שטעלנדיק תּמיד דעם טראָפּ אויף די אַנגעווייטאָגטע פֿראַגן פֿון זײַן אָדער נישט זײַן, פֿון צעשטערונג און אויפֿבוי. אַן אומרויִקער און אַ גײַסטיקער בונטאַר בטבע, האָט ער פֿײַנט געהאַט די אַלטע אויסגעטראָטענע וועגן און געזוכט אַלץ נײַע וועגן און פֿאָרמען פֿאַר זײַן מחשבה. זײַענדיק באַווירקט פֿון דער פֿילאָסאָפֿישער שיטה פֿון ניטשע, האָט ער פֿאַרלאַנגט אַן איבער־ווערטונג פֿון אַ סך אַלטע ווערטן, פֿון פֿאַרצײַטיקע, אַלט־אײַנגעבאַקענע באַ־גריפֿן און די בירושה איבערגענומענע השׂגות, און אומדערשראָקן געפֿירט אַ קאַמף פֿאַר אַ רעוויזיע פֿון ייִדיש־היסטאָרישן דענקען. זײַנע מסקנות זײַנען אָפֿט געווען אָריגינעל, תּוכיק און ראַדיקאַל. עס איז געווען שטור־רעמדיקער אויפֿברויז און בונטאַרישער ברען קעגן אַן אָפּגעשטאַנענעם, פֿאַרגליווערטן עבר.

בערדיטשעווסקי, דער אָריגינעלער און קריטישער גײַסט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, איז אויך געווען דער גרויסער בר־פּלוגתּא פֿון אחד־העמען, און זײַן קוק אויף דער המשכדיקער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פֿונעם ייִדנטום. דאָרט, ווו אחד־העם האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויפֿן כּלל, ווי דעם אַנטשיידנדיקן פֿאַקטאָר, וואָס לייגט אַרויף זײַן חותם אויף דער יצירה פֿון פֿאָלק — האָט דער אינדיווידואַליסט, בערדיטשעווסקי, דווקא געוואָלט זען דעם פּרט, דעם יחיד. בשעת אחד־העם האָט געשטרעבט צו אַ כּסדרדיקן המשך פֿון דער היסטאָרישער ייִדישקייט אין אַלע אירע אַספּעקטן און מאַניפֿעסטאַציעס, האָט בערדיטשעווסקי גערופֿן מיט דער התלהבות פֿון אַ מאמין צו אַ באַנײַונג פֿון איר תּוכן, צו אַ באַלעבונג פֿון אירע שאַפֿערישע כּוחות אויף גאַנץ נײַע יסודות. ער, דער גרויסער בעל־חזיון, האָט מיט אַ סך בקיאות און חריפֿות זיך געפּרוווט צו דערגרונטעווען

צום סאַמע מקור, צום סאַמע שורש פון דער ייִדיש־היסטאָרישער מחשבה, אָפּגעפּרעגט און אָפּגעוואָרפן, און געזוכט נײַע דרכים צו דער פאָלקס־יצירה. אויך זײַן גרויסער רבי, דער פילאָסאָף ניטשע, האָט געפּרוווט צו מאַכן זײַן וועלט־חשבון פון דאָס נײַ און איבערצוווערטן די אַלטע ווערטן. אין בערדיטשעווסקיס האַרץ האָט זיך געוועבט אַן אַלטער חלום פון אַמאָ־ליקער גרויסקייט און אַ טיפע בענקשאַפט צו אַ נײַעם מאָרגן. דער הווה מיט זײַן נאָענטן עבר איז געווען ענג און קלאָגעדיק, האָט זיך זײַן אומ־רויִקער גײַסט געריסן צו די הויכקייטן פונעם ווײַטן, מיטאָלאָגישן בראשית. דאָרט האָט ער געזען דעם שאַפערישן אָנהייב, אַ פרישן און אַ שטאַרקן, אַן עלעמענטאַרן און א מקורדיקן. האָט נישט ניטשע גערעדט פון דעם, וואָס איז מעטאַפיזיש אויף „יענער זײַט פון גוטס און שלעכטס"? עס איז געווען אַ דרייסטער פלי פון דעם בעל־חזיון בערדיטשעווסקי אין די היסטאָרישע מרחקים פונעם ווײַטן עבר, אַרויס פון דער גײַסטיקער ענגשאַפט פונעם הײַנט צו די כּישופדיקע רחבותן פונעם תּנכישן ייִדנטום און אויב נישט נאָך העכער...

דער פּראָבלעם פון המשך אָדער איבעררײַסן, שטייט אויך נאָך הײַנט אינעם צענטער פון דער דיסקוסיע אין מדינת ישׂראל. צאָלרײַכע העברעיִשע שרײַבערס, אינעם „שטורעם און דראַנג" פון זייער יצירה ווילן איבעררײַסן מיטן אַלטן און דערגיין צו נײַע אָנהייבן, צו אַ נײַעם בראשית. זיי בעמיִען זיך צו נעגירן אַ שטיק לעבעדיקע ייִדישע גײַסטיקייט פון אַ גרויסן עבר און ווילן בעל־כּרחם צוריקגיין צו די העראָיִשע צײַטן פונעם תּנכישן מענטש, מיט זײַן פּשטות און עלעמענטאַרישקייט, מיט זײַן יונגנט־לעכער גבורה און געזונטע אַפּעטיטן. וויל מען, על כּן, אַריבער־וואַרפן אַ בריק פון דעם הײַנטיקן, גלותדיקן עמק־הבכא צו דעם ליכטיקן, ווײַטן תּנכישן עבר און אויף אַזאַ אופן אַריבערהיפּערן איבער דער רײַכער יצירה פון שפּעטערדיקע דורות. עס איז בעצם דער זעלביקער פּראָצעס פון וועלן עלימינירן לעבעדיקע, אינטענסיווע שטיקער פאָלקס־לעבן פון נעכטן, פון וועלן זיך אָפּזאָגן פונעם גאַנצן שווערן באַגאַזש פון דורותדיקער יצירה און ממילא אָנהייבן אַלץ פון דאָס נײַ. עס איז אַנטי־גלותיזם מיט אַלע זײַנע פליטערלעך. עס איז אָפּענע מרידה קעגן גלות מיט אַלע זײַנע דערגרייכונגען און גײַסטיקע שאַפונגען, מיט וואָס מען וויל מער נישט האָבן צו טאָן.

בערדיטשעווסקיס דור איז געווען אַ דור, וואָס איז געשטאַנען אויפן שיידוועג. מען האָט געבלאָנדזשעט און געזוכט נײַע וועגן. עס האָבן דעם דור אויסגעפּעלט די אמונה־געוויסיקייט, די גײַסטיקע כּוחות פון אַמאָל.

טיפע ספקות און אומרו האָבן באַהערשט די געמיטער. מען איז געווען כסדר אַרײַנגעטאָן אין סתירהדיקן געראַנגל און אין ביטערע נשמה־קאָנפליקטן און זיך געמאַטערט צו געפינען אַן אויסוועג. אָבער נישט אַלץ איז אין אַט דעם דור געווען הוילע נעגאַציע און מרידה. נישט אַלע האָבן געוואָלט איבעררײַסן מיטן עבר און מיטן ייִדישן שטייגער לעבן. געווען אַזעלכע בעלי־חשבון, וואָס האָבן ערלעך און יסורימדיק געבענקט נאָכן נעכטן, נאָך דער רוחניות און שײנקייט פונעם אַמאָליקן לעבן, און געוואָלט עס מיט אַלע כּוחות אויפהאַלטן. אײנער פון זײ איז טאַקע געווען דער יונגער, פרי־רײַפער לירישער טאַלאַנט מרדכי זאב פײַערבערג (1874—1899). אויך ער, ווי אַ סך פון זײַנע בני־דור, איז געווען פול מיט ספקות און יאוש. אָבער ער האָט נישט געוואָלט און נישט געקענט איבעררײַסן מיט אַט דער וועלט, מיט וואָס ער איז געווען אַזוי טיף, נשמהדיק פאַרבונדן און צו וואָס ער האָט געגאַרט מיט אַ נישט־אײַנגעשטילטער בענקשאַפט. זיכער איז בערדיטשעווסקי מיט זײַן אַדלערפלי געווען טיפער, גרונטיקער און אַ וועלטלעך־צעשטראַלטער, אָבער אַנטלויפנדיק פונעם נאָענטן עבר, באַווײַזט ער אַ נטיה צום אײביקן כאַאָס, צום תוהו ובוהו פון פאַר די מעשׂי־בראשית. ער איז געווען די גרויסע אומרו אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, דער ספקן, דער אָפּפרעגער, וואָס האָט נישט תּמיד געהאַט קײן ענטפער אויף זײַנע ביטערע שאלות. אויך דער יונגער פײַערבערג איז ווי זײַן דור פאַר־דאגהט און פאַריסורימט. ער ראַנגלט זיך שווער מיטן פּראָבלעם פון וועלט און ייִדישקייט. אויף דער אײנער זײַט אַ פאַרעלטערטע, אָפּגעשטאַנענע ייִדישקייט, וואָס געפינט זיך אין אַ מצב פון ירידה און פונאַנדערפאַל, און אויף דער אַנדער זײַט אַן אָפענע, פרײַע, האָפערדיקע וועלט, וואָס ווינקט מיט טויזנט חנען, און קען פאַרפירן. אָבער דער צאַרטער, פאַרלוירענער פײַערבערג זוכט אויף זײַן אופן אַ תּשובה אויף זײַנע פראַגן, וויל האָבן אַ באַשייד און געוויסקייט פאַר זײַנע אַנגעווייטאָגטע פּראָבלעמען. אַרויס פון דער גײַסטיקער צעריסנקייט פון זײַן דור, שטרעבט ער קודם־כּל צו גאַנצ־קייט און האַרמאָניע, וואָס ער זעט אין דער וועלט פון נעכטן און צו וואָס ער וויל זיך אומקערן. נישט אַוועקלויפן ווי בערדיטשעווסקי אין די פאַר־צײַטיקע ווײַטקייטן, נאָר צניעותדיק פאַרבלײַבן אין די אײגענע מויערן, אין דער אײגענער אויסגעבענקטער היים, דאָרט ווו דער ייִדישער גײַסט האָט געפונען זײַן תּיקון און געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין לעבן.

פײַערבערג, וואָס איז געשטאָרבן אַלט זײַענדיק אין גאַנצן 25 יאָר, האָט איבערגעלאָזט אַ קלײנע אָבער בכבודיקע ליטעראַרישע ירושה פון

דערציילונגען, קריטישע עסייען און בעיקר איז געוואָרן אַ שם־דבר אין דער העברעיִשער ליטעראַטור זײַן דערציילונג „לאן" („וווהין ?"). אַלץ וואָס דער דאָזיקער סובטעלער, פֿרירײַפֿער שרייבער האָט געשריבן, טראָגט אויף זיך דעם הותם פֿון אַ צאַרטן ליריזם און אַ נאָגנדיקער בענקשאַפֿט. ער איז דער הייסער ראָמאַנטיקער אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. ער איז דער בעל־חלומות, דער בעל־דמיון, וואָס חלומט אויף דער וואָר. ווי אַלע ראָמאַנטיקער לעבט ער אין אַ וועלט פֿון נעכטן, מיט זײַן גלאַנץ און גלאָריע פֿון אַמאָליקע דורות. עס איז אַ וועלט פֿון תּמימות און גאַנצקייט, צו וואָס עס לעכצט דאָס דאָרשטיקע האַרץ פֿונעם דיכטער, און וואָס פֿאַרגייט אָבער אַזוי שנעל, ממש אונטער די אייגענע אויגן. דערפֿאַר טאָקע באַמיט ער זיך אָט די וועלט צו דערהאַלטן אַ לעבעדיקע, אַ צאַפּלדיק־פֿרישע אין זײַן דיכטערישער פֿאַנטאַזיע. צייכענען זיך טאָקע אויס זײַנע דערציילונגען און שילדערונגען מיט זייער ווייכער ראָמאַנטישער שטימונג און מיט זייער טיפֿער, ספּאָנטאַנישער בענקשאַפֿט צו רעליגיעזער שלמות און קדושה, וואָס איז אים, דעם דיכטער, אין צווישן פֿאַרלוירן געגאַנגען.

די וועלט דרויסן מיט איר השׂכּלה און וויסן איז אים פּונקט אַזוי פֿרעמד ווי אַלע ראָמאַנטיקער. ער האָט ליב די פֿינצטערקייט פֿון דער נאַכט מיט אירע שאָטנס, וואָס זײַנען פֿאַר אים צייכנס און סימבאָלן פֿונעם עבר. אין אָט די שאָטנס זוכט ער אַ טרייסט און אַ שוץ פֿאַר דער סתּירהדיקייט פֿון דער אַרומיקער האַרטער וואָכנדיקייט. האָבן מיר אין זײַנע דערציילונגען בלאַסע, אומזיכערע שטריכן פֿון שאָטנס, וואָס באַוועגן זיך בײַ נאַכט בײַם פֿלעמל פֿונעם גראָשנדיקן חלב־ליכטל אויף די ווענט פֿונעם אַלטן בית־המדרש. דאָרט זיצט ער, דער „חפני בעל דמיון" און חלומט דעם גרויסן חלום פֿון אַמאָליקן גלאַנץ און פּראַכט פֿונעם ייִדישן לעבן. עס איז שטילע שירה פֿול מיט עמאָציע און השתּפּכות הנפש אויף אַ וועלט, וואָס פֿאַרגייט אונטער זײַנע אויגן. דערמאָנען מיר זיך, אַגב, אין ביאַליקס „על סף בית המדרש" (אויפֿן שוועל פֿון בית־מדרש), ווו דער דיכטער באַקלאָגט אין לירישער דערהויבנקייט דעם חורבן פֿון דער אַלטער וועלט מיט דעם בית־מדרש, וואָס שטייט ליידיק און די פֿאַרגעלטע בלעטער פֿון ספֿרים און כּתבֿים, צו וואָס קיינער רירט זיך נישט צו. עס איז דאָס זעלביקע האַלב־אײַנגעפֿאַלענע בית־מדרש, וואָס פֿײַערבערג שילדערט מיט אַ סך עלעגישן טרויער און פּאַטאָס. דאָרט גליטשן זיך בײַ נאַכט אויף די ווענט זײַנע באַליבטע שאָטנס פֿונעם עבר, אַ האַלב־רעאַלע און אַ האַלב־טויטע וועלט. וואָלט מען געקענט דאָ אָנווײַזן אויף דער סמיכות, און אפשר

בלא־יודעים, צווישן דעם העברעיִשן שרײַבער פײַערבערג און דעם דײַטשן דיכטער פון דער ראָמאַנטיק, נאָוואַליס. בײדע ווײַזן אַרויס אַ ליבשאַפט און אַ נאָענטשאַפט צו דער נאַכט און אירע סודותדיקע שאָטנס, וואָס באַוועגן זיך מיט אַ באַזונדערן ריטעם אין זייער איררעאַלער וועלט. ווי בײַ אַ סך ראָמאַנטיקער, פילט זיך אויך בײַ זיי עפּעס אַ פאַרבאָרגענער פּחד פאַר דער ליכטיקער שײַן פון טאָג, ווען עס צערינען און צעפליסן די נאַכטזעונגען און עס קומט אָן דער טאָג מיט זײַן רויער ווירקלעכקייט. עס איז טאַקע אַ וועלט פון חלומות און וויזיעס, אָן אומרעאַלע, אילוזיאָנערע און שאָטנדיקע וועלט, ווו עס לעבן און באַוועגן זיך פײַערבערגס העלדן. עס איז די וועלט פונעם עבר, אין וועלכער פײַערבערג איז אַזוי שטיל פאַרליבט, ווײַל דאָרט ליגן טיף פאַרגראָבן זײַנע וואָרצלען, און פון דאָרט ציט איר יניקה זײַן גלייביקע נשמה.

עס איז דעריבער גאָר קיין חידוש נישט, וואָס דער עלעגישער ראָמאַנטיקער מ. ז. פײַערבערג, פונקט אַזוי ווי זײַן אַנטיפּאָד, דער בונטאָר און איקאָנאָקלאַסט מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, האָט זיך דערפילט אַזוי היימיש און נאָענט צום פאָלקס־שאַפן, וואָס האָט געפּישופט זײַן דיכטערישע נשמה מיט איר חן און פּראַכט. זיי אַלע זײַנען געגאַנגען אין די פוס־טריט פון דעם גרויסן רבין און מײַסטער פּרץ, וואָס האָט דער ערשטער אַנטפּלעקט דעם אור־הגנוז פון דער ייִדישער פאָלקס־מעשׂה, אין איר פאָלקסטימלעכן און חסידישן לבוש. פײַערבערג האָט זיך מיט דער התלהבות פון אַ גוטן ייִד דערוואָרעמט מיט דער אַלטער מסורה און מעשׂה און זי דיכטעריש פאַרוועבט אין זײַנע עלעגישע שילדערונגען און דערציילונגען. אויך דאָ האָט זיך צו אים אַנטפּלעקט דער עבר. מיט זײַן טיפן באַגער אויפצולעבן די אַלטע פאָלקס־מעשׂיות, וואָס די משׂכּילים קוקן אויף זיי פון אויבן אַראָפּ, מיט שפּאָט און ביטול, ווי אויף אַ שטיק רעליגיעזן פאַנאַטיזם, וואָס מען דאַרף דערווײַטערן פון דער ליטעראַטור. אינעם פאָלקס־שאַפן האָט ער אַנטפּלעקט דעם סאַמע פּינטל, דאָס מקורדיקע און עכטע, דאָס פּנימיות פונעם ייִדישן עבר, וואָס דערוואָרעמט און מאַכט דערהויבן.

פײַערבערגס „לאָן", וואָס האָט בשעתו אויפגערודערט אַ גאַנצן דור העברעיִשע לייענער און בית־מדרש בחורים, וואָס האָבן, גלײַך ווי ער, געזוכט אַן אויסוועג פון די סתירות אין לעבן, איז בלי ספק דאָס צײַטיקסטע ווערק פון דעם פריצײַטיק פאַרשטאָרבענעם מחבר. אין „לאָן" איז דער הויפּטהעלד „נחמן דער משוגענער" מלכתחילה נישט קיין פּערסאָנאַזש פון אַ שאָטנדיקער, איררעאַלער וועלט, מיט זײַן ראָמאַנטישער בענקעניש

און אַ געפיל פון וועלט־פאַרלוירנקייט, נאָר אַן אמתער קעמפער און אומ־דערמידלעכער שטרייטער. ער איז פול מיט ספקות און קאָנפליקטן און פרוּווט זיך אַרויסצורייסן, ווי אַ סך העלדן אינעם מיטצייטלערישן העב־רעיִשן ראָמאַן, פון דער גייסטיקער ענגשאַפט, כּדי צו זוכן נייַע וועגן, וואָס פירן צו השׂכּלה און ליכט. ער ווערט דער טיפּישער משׂכּיל־מורד און אַפּיקורס. אָבער זייַן השׂכּלה־אַפּיקורסות באַפרידיקט אים נישט. ער גייט אַרום מיט אַ ריס אינעם האַרץ, ראַנגלט זיך שווער מיט די סתירות פון לעבן, ביז פייַערבערג פירט אים אַרויס, נאָך אַ סך שווערע נסיונות, אויפן דרך הישר פונעם אידעאַל פון נאַציאָנאַלער דערוואַכונג און גייסטיקן רענעסאַנס.

די מעשׂה פון נחמן „דעם משוגענעם" הייבט זיך אָן מיט דעם באַקאַנטן אַפּיקורסישן שפּיצל, וואָס ווערט אָפט געשילדערט פון די השׂכּלה־שרייַבערס ווי למשל ליליענבלום א.א., פון אויסלעשן די ליכט יום־כּיפּור בייַ נאַכט אין שול פאַר די אויגן פון כּל הקהל. עס איז די באַקאַנטע דעמאָנסטראַציע בפרהסיה פון דעם אַפּיקורסישן נחמן קעגן אמונה, פאַנאַטיזם און גייסטיקער פאַרבלענדונג. אויף אַזאַ אופן הייבט נחמן אָן צו גיין אויף דעם וועג פון פרייַהייט און ליכט...

אָבער פייַערבערג איז צו פּאָזיטיוו ייִדיש, פאַרמאָגט אַ צו שיינעם באַגאַזש פון עכטער, מקורדיקער ייִדישקייט, אַז ער זאָל לאָזן זייַן העלד פאַרבלייַבן בייַ אָט דער פּוסטער און נעגאַטיווער דעמאָנסטראַציע קעגן אמונה און מכּלומרשטער פינצטערקייט. אַדרבא, נאָך לאַנגע ראַנגלענישן און נשמה־זוכענישן, געפינט זייַן העלד צוריק זייַן וועג צו זיך, צו אַ באַנייַטער און פאַרטיפטער ייִדישקייט, וואָס אין איר צענטער שטייט דער אידעאַל פון אויפלעבן דאָס ייִדישע פאָלק צוזאַמען מיטן נאָענטן מיזרח. נחמן, דער ראַדיקאַל און בונטאַר, האָט זיך אַנטוישט אין דער השׂכּלה און איז געוואָרן אַ מין גייסטיקער בעל־תּשובה. די מעשׂה מיטן ליכט־אויסלעשן, לאָזט אונדז פייַערבערג הערן, האָט ער אָפּגעטאָן אין אַ פינצטערן מאָמענט פון ייִאוש און דעפּרעסיע, אין אַ רגע פון ביטערע ספקות און אומגעוויסי־קייטן. נחמן האָט טאַקע פאַרלוירן זייַן „וועלט". אָבער ער איז פאָרט געבליבן אַ געטרייַער ייִד, וואָס דרייט זיך אַרום אינעם בית־מדרש ווי אַן אומגליקלעכער „משוגענער", וואָס האַלט זיך אין איין מאַטערן און גריבלען, ביז ער דערשלאָגט זיך צום געדאַנק פון אַ גייסטיקער גאולה פאַרן פאָלק, וואָס דערפרישט און באַלעבט זייַן פאַראומערט, פאַרייִאושט האַרץ.

עס איז דער איבערבראָך פון דער השׂכּלה מיט אירע צערונענע חלומות

פון ליכט און פרײַהייט. די ייִדישע יוגנט, אַן אַנטוישטע און אַ פֿאַרפּירטע, אַנטלויפֿט פון דער השׂכּלה, „דער געטלעכער טאָכטער", ווי די אויפקלערער האָבן זי אָנגערופן, און פון איר אײַז־קאַלט ליכט. די השׂכלה האָט אײַנגע־בראָכן דעם אַלטן צוים, און די שיינע, פעטע פעלדער פון דער אַמאָליקער ייִדישקייט זײַנען געוואָרן פאַרפלייצט פון אַ גרויסן געוויסער, וואָס וויל אַלצדינג אָפּשווענקען. שטייט דעריבער בײַ פײַערבערגן דער טראָפּ אויף דעם „וווּהין" פון דעם נײַעם דור. וווּהין זאָל גיין די ייִדישע יוגנט מיט איר „ריס אין האַרצן", אַ פאַרייאָושטע און פאַרקלעמטע? ווער זאָל זי אָפּהיטן פון גײַסטיקן אומקום און אויסמישונג? אַ טיפּע אימה באַפאַלט דעם יונגן פײַערבערגן פאַר דעם גורל פון זײַן פאָלק און ער זוכט אין זײַן געראַנגל אַ וועג ווי אַזוי אַרויס פון כאַאָס, ווי אַזוי צוריקצוקומען צו זיך, צום מקור, צו דער ייִדישקייט פון אַלטן בית־מדרש (דער ביאַליק־מאָטיוו) און צו גײַסטיקער שטאַנדהאַפטיקייט. נחמן — פײַערבערג געפינט, נאָך לאַנגע מאַטערנישן, דעם וועג. ער פירט אים צו אַ נײַעם סינטעז אינעם מיזרח, אַ סימביאָזע צווישן דעם אויפגעלעבטן מיזרח און דער אַלטער, תּמיד פרישער און זאַפטיקער ייִדישקייט. דער מיזרח וועט ווערן באַנײַט מיטן כּוח פון אַ זיך באַנײַענדיקן פאָלק ישׂראל. „קיין מיזרח, קיין מיזרח!", רופט אויס נחמן דער „משוגענער" אין זײַן וויזיאָנער־דראַמאַטישער דרשה פאַרן עולם ציוניסטישן יונגוואַרג. דער גרעסטער שונא פונעם ייִדישן גײַסט, וואָרנט אונדז נחמן — פײַערבערג, איז דער באַנקראָטער, דעגענע־רירטער און אויסגעלײדיקטער מערב. די ישועה פון ייִדישן פאָלק קען נאָר קומען פון מיזרח. די מיזרח־פעלקער, וואָס שלאָפן נאָך זייער דורות־לאַנגן כּישוף־שלאָף, וועט דאָס ייִדישע פאָלק, וואָס קערט זיך אום קיין ציון, אויפוועקן מיט זײַן כּישוף־שטעקעלע צו אַ נײַ און גרויס לעבן. ארץ־ישׂראל, פירט פײַערבערג אויס, איז דער נײַער וועג פון ייִדישן פאָלק, אַרויס פון גײַסטיקן כאַאָס. דאָרט וועט, אויף דעם באַנײַטן באָדן, זיך צונויפגיסן דער נעכטן מיטן הײַנט צו איין אָרגאַנישער גאַנצקייט, וואָס וועט באַפרוכפּערן און באַנײַען די קולטור פון די מיזרח־פעלקער. דעמאָלט, — פירט נחמן מיט התלהבות אויס זײַן רעדע — „וועט זיך דאָס פאַרשאָלטענע פאָלק (די ייִדן) שטעלן בראש פון די פעלקער, בראש פון דעם לעבעדיקן מיזרח". עס איז אַ גראַנדיאָזע וויזיע פון אַ טיפן, עמאָציאָנעלן דיכטער מיט אַ וווּנדערלעכער אינטויציע!

די השׂכּלה און וויסנשאַפט, קומט פײַערבערג צום אויספיר, האָבן אָפּגענאַרט און איבערגעפירט דעם יונגן ייִד. זיי האָבן אים איבערגעלאָזט

אַ נאַקעטן, אַ קרח מכאן ומכאן. נישט קאַנט און נישט דאַרווין, נאָר די נבואה, דאָס לעבעדיקע וואָרט פון גאָט, וועט זיין בכּוח אויפצורודערן די מידע, געשטרויכלטע און זיי פירן צו נייע, גרויסע מעשׂים. מיט זיין תּורה און מיט זיין גורל וועט זיך דאָס יידישע פאָלק פאַרבינדן מיטן מיזרח. דער אומקער קיין ציון וועט, על כּן, זיין, נישט נאָר אַ נאַציאָנאַל־היסטאָרישער, נאָר אַן אוניווערסאַלער, באַקרוינט מיט אַ ראָמאַנטיש־רעליגיעזער גלאָריע.

אין דעם גרויסן וויכּוח צווישן המשכדיקייט און באַנייונג, פון איבער־רייסן אָדער ממשיך זיין, איז פייערבערג געגאַנגען אויף דעם וועג פון היסטאָרישן יידנטום. די טעאָריע פון אחד־העם וועגן דעם גייסטיקן צענטער אין ארץ ישׂראל, וואָס זאָל ווערן דער גלי־פּונקט פונעם אויפלעבנדיקן יידישן גייסט, האָט מיט אַ וווּנדערלעכן ברען צעפלאַמט די דיכטערישע נשמה פון פייערבערגן. ער האָט מיט זיין אינטויציע דערזען דאָס, וואָס אַ דור משׂכּילים און שרייבערס האָבן נישט געזען. עס איז געווען אַ העראָישע וויזיע, אַ וויזיע פון גאולה פון פאָלק און זיין משועבדיקן גייסט. ווי אַלץ ביי פייערבערגן, גייט אויך דאָ האַנט אין האַנט דמיון און חזיון, עבר און עתיד. עס איז גאולה פון פאָלק אין אַ וועלט־מאַסשטאַב.

(1965)

דער פֿאָלקסטימלעכער איוב

(שלום-עליכמס „טביה דער מילכיקער")

איר קענט אים ממש דערזען מיט אײַערע אייגענע אויגן אָט דעם גוטמוטיקן, האַרציקן, פּשוטן און עמכדיקן טביהן, דעם פריילעכן קבצן און גרויסן בעל-בטחון, ווי ער זיצט מיט זײַן „געליבטן, טײַערן פרײַנד רב שלום-עליכם" און דערציילט אים אַלע זײַנע צרות, גיסט פֿאַר אים אויס זײַן ביטער האַרץ און טענהט זיך אָגב אויס מכּוח זײַן פינצטערן מזל. טביה איז בלי ספק דער טיפּישער פּאָרטרעטער פונעם יידישן כּלל מיט זײַנע שלעק און אַנשיקענישן, וואָס זײַנען אים כּסדר באַפֿאַלן. דאָ דערזעען מיר אין זײַן גאַנצער טראַגישער געשטאַלט דעם הײַנטיקן, פֿאָלקסטימלעכן איוב, אַ געשלאָגענעם, אַ געפּײַניקטן און אַ באַעוולטן, וואָס וויל זיך בשום אופן נישט אונטערגעבן און טענהט זיך אויס אויף זײַן שטייגער מיטן בורא-עולם וועגן די עוולות און מעשׂים תּעתּועים אין דער וועלט, און זוכט צו געפינען אַן ענטפער אויף די סאַמע אַנגעווייטאָגטע פראַגן פון לעבן. פרעגט טאַקע שלום-עליכם מיטן מויל פון אָט דעם אָרעמען, שווער-געפּרוּווטן טביהן אַזעלכע ביטערע פראַגן, וואָס ציטערן אויף דאָס געמיט און שטעכן ממש ביז אין דער זיבעטער ריפּ: „וואָס האָסטו, גאָטעניו, אַזעלכעס דערזען אין דעם אַלטן איוב, וואָס דו לאָזסט אים נישט אָפּ אויף קיין מינוט?" פֿאַר וואָס קומט דאָס אים טאַקע, אָט טביהן, דעם פּראָסטן, גאָטפֿאַרכטיקן, ערלעכן ייִד, אַז ער מוז אַזוי פיל לײַדן, פֿאַר וואָס מוז ער דווקא נעמען דעם גרעסטן חלק אין גאָטס פּורעניותן און פּלאָגענישן אויף דער וועלט? איז ער שוין נישט געגנוג פֿאַרשוואַרצט מיט זײַנע בני-בית, פֿאַרהאָרעוועט און פֿאַרפינצטערט מיט זײַן אָרעם ביסל לעבן, אַז דער בורא-עולם האָט דווקא אים אויסגעקליבן איבערצוטראָגן אַלע ליידן און יסורים פון אַן איוב, און צום סוף אָפּילו נישט זינדיקן מיטן מויל?

אין דער אמתן זײַנען דאָס אייביקע פראַגן, וואָס עגבערן פון קדמונים די מוחות פון די בעסטע און שענסטע גײַסטער פון דער מענטשהייט: פֿאַר וואָס גייט עס דעם גוטן מענטש אויף דער וועלט שלעכט, און פֿאַר וואָס באַגליקט דווקא דער רשע מיט אַלץ, וואָס ער טוט. דאָס איז, אויב

איר ווילט, אויך דער גרונט־מאָטיוו פון שלום־עליכמס, „טביה דער מילכי־קער״, איינע פון די רײַפסטע און טיפסטע ווערק, וואָס שלום־עליכם האָט געשאַפן. בעצם איז דאָס אַן איוב־ראָמאַן פון דעם יסורימדיקן וועג פון טביהן און זײַנע שווערע נסיונות, וואָס שלום־עליכם האָט אַרומגעזוימט מיט אַזאַ ליכטיקן, ריינעם און קוואַליקן הומאָר. טביה איז אַ ייִד אַן אָרעמאַן טאַקע ביז אין די זיבן פּאַלעס. ער האָרעוועט שווער, אָבער ער איז אַ צופרידענער קבצן, אַ מסתפק במועט, וואָס האָט נישט צו קיינעם קיין טענות און שפּײַזט זיך פון דעם אייביקן קוואַל פון ייִדישן בטחון. שיקט אים אָבער גאָט צו דעם ערשטן נסיון, ער ווערט אויפגעריכט. עס איז אַ מעשׂה, וואָס קלינגט ווי דאָס „גרויסע געווינס״. צערעדט זיך טאַקע טביה אויף זײַן שטייגער: „ווי זאָגט איר: למנצח על הגתית — אַז סע גייט לויפט עס; ס'איז גאָר נישטאָ דערבײַ קיין שׂכל מיט קיין בריהשאַפטן. און טאָמער חלילה פאַרקערט, מעגט איר צעזעצט ווערן ריידנדיק, וועט אײַך העלפן, ווי דער פאַראַיאָריקער שניי״ (אויסלייג מאָדערניזירט). עס איז געווען אַ מעשׂה מיט צוויי פאַרבלאָנדזשעטע ווײַבער, וואָס טביה האָט האַלב־טויט האַלב־לעבעדיק אַהיימגעבראַכט צו זייער טאַטן, אַ גביר פון יעהופּעץ, וואָס איז געזעסן אין בויבעריק אויף דאַטשע. ווערט טביה באַלוינט מיט אַ פולער האַנט. שענקט מען אים אויך נאָך אַ קו, און אַזוי אַרום ווערט אונדזער טביה אַ מילכיקער, וואָס באַזאָרגט די יעהופּעצער גבֿירים, וואָס האַלטן פון דער אכילה, מיט כּל־טוב. מיט פּוטער און קעז, מיט מילך און סמעטענע און מיט אַנדערע גוטע זאַכן.

האָט אָבער דאָס ביסל מזל נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. באַלד הייבט זיך אָן אַ סדרה פון צרות און אומגליקן, וואָס שיטן זיך אויס אויפן קאָפּ פון אונדזער טביהן, און וואָס איינער איז שווערער פאַר דעם אַנדערן. עס הייבט זיך אָן מיט מנחם־מענדלען, דעם שלימזלניק און לופט־מענטש, טביהס עפּעס אַ שטיקל קרובֿ, „מײַן פּערדס בײַטש־שטעקעלע״, וואָס האָט דערשמעקט די פּאָר קערבלעך, און שלאָגט אָן גרויסע געשעפטן מיט פּאַפּירן אויף דער בערזע. אויף אַ מינוטקעלע האָט טביה געהאַט זיסע חלומות פון עשירות און גליק. גיך קומט אָבער די אויסניכטערונג. דאָס ביסל געלט איז אַוועק מיטן רויך, מנחם־מענדל האָט אַלץ פאַרשפּילט, און טביה איז געבליבן דער קבצן, דער יגיע־כּפּימניק וואָס אַמאָל. דערנאָך גייט אַוועק אַ סדרה צרות פון קינדער. די סאַמע טראַגישע פאַר טביהן איז דער שמד פון זײַן שיינער טאָכטער חווה, וואָס האָט חתונה מיטן דאָרף־שרײַבער כוועדקאַ. באַלד אָבער רוקט זיך אָן אַ נײַ אומגליק מיט זײַן טאָכטער

שפּרינצע. אין איר פֿאַרליבט זיך אַראַנטשיק, דאָס זונדל פֿון דער רײַכער יעקאַטערינאָסלאַווער אַלמנה, וואָס געפֿינט זיך אין בויבעריק אויף דאַטשע. די רײַכע משפּחה דערלאָזט נישט צום שידוך. עס פּאַסט זיי נישט טביה דער מילכיקער אַלס אַ מחותן. ווײַל די גבירים־משפּחה אָפּקויפֿן טביהן מיט אַ שיינער אפּותיקו לאַ־יחרץ־געלט, כּדי דעם ענין צו פֿאַרגלעטן. אָבער זיי, די גבירים די יעהופּעצער סנאָבעס, מאַכן דעם חשבון אָן דעם בעל־הבית. טביהס מענטשלעכע און פֿאָטערלעכע געפֿילן קען מען נישט אָפּקויפֿן מיט קיין געלט! דער סוף איז אַ טראַגישער. שפּרינצע קען נישט איבער־טראָגן די שאַנד און וואַרפֿט זיך אין וואַסער אַרײַן. ווער קען אַרײַנקוקן אין אַ טאַטנס האַרץ, בעת עס פֿאַרקלעמט זיך אַזוי שטאַרק, אַז עס שרײַט פֿון אים אַרויס די אַלטע, פֿאַרצווייפֿלטע איוב־פֿראַגע, פֿאַר וואָס קומט מיר דאָס אַלץ? פֿאַר וואָס, פֿרעגט טביה אויף זײַן תּמימותדיקן שטייגער, „זאָלן מענטשן פֿאַרביטערן דאָס לעבן אי יענעם, אי זיך, אַז זיי האָבן ביד אַ לעבן זיס און גליקלעך?" און אפשר גאָר, פֿרעגט טביה חקירהש ווײַטער, האָט גאָט טאַקע „באַשאַפֿן דעם מענטשן צוליב דעם, ער זאָל אָפּקומען אויף דער וועלט?... און וואָס, גיט ער צו מיט אַ באַהאַלטענעם צווייפֿל, האָט דאָס אים גענוצט?..."

מיינט איר אפשר, אַז טביה איז שוין דערמיט אַלץ אָפּגעקומען, האָט איר במחילה אַ גרויסן טעות. זײַנע צרות און יסורים הערן גאָרנישט אויף. „כּאשר אבדתי אבדתי — געוועזן אַ שלימזל און אַ שלימזל וועל איך שטאַרבן", פֿילאָסאָפֿירט טביה מיט הומאָר אויף זײַן שטייגער. זײַן ווײַב גאָלדע שטאַרבט אים אַוועק און ער בלײַבט אַן אַלמן. זײַנע אייגענע דאָרפֿסלײַט פֿאַגראָמירן אים, לכל הפּחות מוז ער אַליין בײַ זיך אין דער כאַטע אויסשלאָגן אַ פּאָר פֿענצטער ווי אַ זכר לפֿאָגראָם, ווײַל אַזוי הייסט מען פֿון אויבן, און די פּויערים ווייסן נישט פֿון קיין שום קונצן. געדויערט נישט לאַנג, בלײַבט זײַן טאָכטער צייטל אַ וויסטע „אַלמנה מיט פּיצעלעך קינדער אָן אַ שטיקל ברויט", און זיי קומען צו אים. נישט גענוג דערמיט, באַפֿאַלן אים באַלד ווידער נײַע יסורים און צרות. מען טרײַבט אים פֿון דאָרף, אָפּגעלעבט אַ לעבן, געהאָרעוועט און פֿאַרשוואַרצט געוואָרן אויפֿן דאָרף, קומט אויף דער עלטער דער גירוש. ייִדן מוזן אַרויס פֿון די דערפֿער. וווהין זיי זאָלן גיין, דאָס איז קיינעמס עסק נישט. עס העלפֿט גאָרנישט. דער ייִד טאָר אין ערגעץ נישט זײַן פֿאַרוואָרצלט, טאָר זיך אין ערגעץ נישט פֿילן אין דער היים. אַלט און צעבראָכן, נעמט טביה ווידער דעם וואַנדער־שטעקן אין דער האַנט אַרײַן; ער לאָזט זיך פֿון דאָס נײַ אין וועג אַרײַן.

עס איז אַ נײַער לך־לך. טענהט זיך טאַקע טביה בשעת מעשה אויס אויף זײַן שטייגער מיט גאָט, ווי אַ זון מיט אַ פאָטער, און פון יעדן וואָרט פילט זיך דער ווייי־געשריי פון דעם בעל־יסורים: „אַך טי, רבונו־של־עולם, גאָטעניו, וואָס האָסטו זיך עפּעס צוגעטשעפּעט צו טביהן גראָד? פאַר וואָס זאָלסטו בעסער נישט אַ שפּיל טאָן זיך אַ מאָל אויף טשיקאַוועס, למשל, מיט אַ בראָצקין, אָדער מיט אַ ראָטשילדן? פאַר וואָס לערנט מען מיט זיי נישט די סדרה לך־לך? זיי וואָלט, דאַכט מיר, בעסער אָנגעשטאַנען..." און ער לאָזט אויס מיט אַ נאָטע פון באַהאַלטענעם חוזק: „לאָזן זיי אויך זען, אַז מיר האָבן אַ שטאַרקן גאָט".

די אַלע טענות ומענות האָבן אָבער גאָר קיין ווערט נישט, בשעת דער אוראַדניק קומט מיט אַ פּאַפּיר און הייסט גיין. פאַרקויפט טביה אַלץ אויף דער שנעל, און אַז ער קומט צוריק צו זיך אין שטוב אַרײַן, וויינט בײַ אים דאָס האַרץ פון צער און יסורים: „טרעף איך שוין נישט קיין שטוב, נאָר אַ חורבה. די ווענט נאַקעט, זיי וויינען ממש מיט טרערן!... אויפן פּריי־פּעטשיק זיצט די קאַץ, ווי אַ יתומה נעבעך, טרויעריק — עס האָט מיך אָנגעזשעט אַ נעם געגעבן בײַם האַרצן...".

די ערד טרייסלט זיך אונטער זײַנע פיס. צוזאַמען מיט דער דרויסנ־דיקער וועלט ברעכט זיך אויך אײַן טביהס וועלט. נײַע סאָציאַלע כּוחות, וועגן וואָס טביה האָט נישט די מינדסטע השגה און וואָס פּאַסן זיך גאָר־נישט אַרײַן אין זײַן אַלטמאָדיש־פרומען לעבנס־שטייגער, שטורעמען אויך בײַ זײַן טיר און נעמען זיך איבעראַנדערשן דעם גאַנצן ריטעם פון לעבן פון אָט דער דאָרפישער משפחה פון טביה דעם מילכיקן.

*

להיפוך צו מענדעלען, למשל, איז די וועלט פון שלום־עליכמען נישט קיין סטאַטישע נאָר אַ שטאַרק דינאַמישע. זי בײַט זיך כּסדר, אַפילו דעמאָלט, ווען עס דוכט זיך, אַז זי שטייט נאָך פעסט פאַרוואָרצלט אינעם נעכטן. דאָס שטעטל קאַסרילעווקע צי גלופּסק האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, עס האָט זיך גענומען בײַטן זײַן גאַנצער סאָציאַלער געבוי. אָט די נײַע, זיך כּסדר בײַטנדיקע וועלט, איז אים, טביהן, בעצם פרעמד, ער פאַרשטייט זי נישט. ער אַקצעפּטירט זי נאָר, ווי מענטשן אַקצעפּטירן דאָס אומפאַרמײַדלעכע, און טאַקע מיט אַ קערנדל הומאָר און גלויבן. אָבער טביה איז נישט נאָר דער גרויסער בעל־בטחון, דער שטענדיקער אָפּטימיסט, וואָס געפינט אויף אַלץ אַן ענטפער. אין דער אמתן פאַרמאָגט

טביה אַ היפּש ביסל פון דער דורות־אַלטער עקשנות פונעם ייִד, פון זײַן שטאַלענער האַרטקייט, וואָס וויל מלכתּחילה אויף גאָרנישט מוותּר זײַן, ווײַל ער וויל זיך אַליין געטרײַ בלײַבן. דאָ ליגט אויך דער סוד פון ייִדישן קיום. טביה גיט דאָרט נאָך, ווו מען מוז נאָכגעבן, דאָרט, ווו עס גייט וועגן אַ טפל. אָבער ער בלײַבט פעסט, אָפּט האַרט ווי אַ שטיין דאָרט, ווו עס גייט וועגן עיקר־ייִדישקייט. דעמאָלט איז ער אויף גאָרנישט מוותּר. קיינער קען למשל בײַ אים נישט פועלן צו ענדערן זײַן באַשלוס און מוחל זײַן זײַן טאָכטער חוהן. ניין, ער וועט פון דעם דין־ישׂראל נישט אָפּנייגן, אַפילו נישט ווען עס איז ממש סכּנות נפשות. עס איז אַן אַלטע, שטאַלענע ייִדישקייט, וואָס האָט געשמידט דעם כאַראַקטער פון ייִדן אין משך פון לאַנגע דורות. עס איז זיכער נישט לײַכט, אָבער וואָס איז לײַכט אין לעבן? און טביה איז גרייט דערפאַר צו באַצאָלן דעם פּרײַז, טאַקע אַ שווערן פּרײַז, אָבער ער באַצאָלט אים...

אָבער דאָס איז אַלץ נאָך נישט דער גאַנצער טביה. טביה איז אין דער אמתן אַ סך פילפּנימדיקער און טיפער, ווי אייניקע פון אונדז האָבן אים געזען. אמת, טביה איז טאַקע אַ ייִד, אַ גאַנצער, אַ פאַרוואָרצלטער, אָבער ער האָט זײַנע ספקות און ער זאָגט זיי אַרויס, הגם ער טוט דאָס אויף אַ כּשר־וישרדיקן אופן, שלמותדיק און מיט אמונה, פאַרבראַקט מיט פּסוקים און מאמרי חז״ל, וואָס ער טײַטשט, ווי תּמיד, אויף זײַן אייגנדיקן, אָפּט פּראָסטאַצקן אופן. הגם ער איז בדיעבד אַלץ מקבּל באהבה, וויל זיך נישט צו פיל קלּיגלען און פּרווּט אַלצדינג אויסלייגן צום גוטן, פון דעסטוועגן פרעגט ער פאָרט, ווי מיר האָבן געזען, קשיות בײַם רבונו־של־עולם, לאָזט זיך אַרײַן אויף זײַן שטייגער אין חקירות איבער וועלט און מענטשן, איבער גוטס און שלעכטס, און ראַנגלט זיך שווער מיט זײַן גאָט, וואָס האָט אים אַזוי געשטראָפט און אויף אים אָנגעשיקט אַזוי פיל מוראדיקע צרות און יסורים. אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעם בלײַבט טביה פעסט בײַ זיך, ווי איוב בשעתו, און באַשטייט זײַן נסיון. ער איז בעצם דער גאַנצער, דער אינטעגראַלער ייִד פון די אַמאָליקע דורות, וואָס זייער ייִדישע וועלט האָט זיך נאָך נישט קיין טרייסל געטאָן. דעריבער טאַקע קומט טביה אַרויס פון דעם פײַער־פּרווו, אפשר אַ צעוויטאָגטער, אַ געניזוקטער און אַ צעפליקטער, אָבער אין תּוך גענומען אַ געלײַטערטער און אַ דערהויבענער. נישט געקוקט אויף די שווערע נסיונות, האָט ער סײַ זײַן אמונה און סײַ זײַן הומאַניטעט נישט פאַרלוירן. ער טרייסט זיך מיט זײַן ייִדישן גורל און נעמט אָן גאָטס משפּט. הגם ער איז דאָס אָפּט נישט אין

גאַנצן תּופֿס, ווייסט ער פֿאַרט, אַז אין דעם אַלעם ליגט סוף־כּל־סוף דער סוד פֿון קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק. זעט ער טרייסט און האָפֿענונג אינעם ייִדישן וועלט־באַנעם און גיט דאָס צו פֿאַרשטיין אויף זײַן פֿאָלקסטימלעכן שטייגער: „...און ווי מיר זאָלן זיך נישט קליגן און ווי מיר זאָלן נישט וועלן גיין מיט אויבער־הסברות, מוזן מיר מודה זײַן, אַז מיר ייִדן זײַנען פֿאָרט דאָס בעסטע און דאָס קליגסטע פֿאָלק פֿון אַלע פֿעלקער... ווי קען זיך גלײַכן אַ גוי צו אַ ייִד? אַ גוי איז אַ גוי, און אַ ייִד איז פֿאָרט אַ ייִד, ווי איר אַליין זאָגט אין אײַערע מעשׂה־ביכלעך, אַז אַ ייִד באַדאַרף מען זײַן געבוירן... אַז ווייל איז צו מיר, וואָס איך ביז געבוירן געוואָרן אַ ייִד, ווייס איך דעם טעם פֿון גלות־יון, פֿון אַרומשלעפּן זיך צווישן פֿעלקער... ווו געטאָגט, דאָרט נישט גענעכטיקט, וואָרום פֿון זינט מען האָט מיט מיר געלערנט די סדרה „לך לך"... האַלט איך נאָך אַלץ אין איין גיין, און איך ווייס נישט פֿון קיין מקום־מנוחה... טביה פֿרעגט נישט קיין קשיות, מ'האָט אים געזאָגט גיין — גייט ער...". טביה איז געבליבן גאַנץ. אַזוי ענדיקט טאָקע שלום־עליכם זײַן טביה־ראָמאַן מיט זײַן בטחון־מאָטיוו, וואָס איז באַגלײַך אַן אַפּאָטעאָז אויף דער אַלטער, גוטער ייִדישער אמונה. בשעת טביה געזעגנט זיך מיט שלום־עליכמען (און דאָס מאָל שוין טאָקע אויף אייביק), רופֿט ער אים צו: „און לאָזט גריסן אונדזערע ייִדעלעך און זאָגט זיי דאָרטן, זיי זאָלן זיך נישט זאָרגן: אונדזער אַלטער גאָט לעבט!"

*

אויב די ייִדישע ליטעראַטור איז אַ פֿאָלקס־ליטעראַטור און אירע שרײַבערס זײַנען פֿאָלקס־שרײַבערס, איז שלום־עליכם איינער פֿון די גרעסטע ייִדישע פֿאָלקס־שרײַבערס. זײַן „טביה דער מילכיקער" איז אַ פֿאָלקס־בוך אין בעסטן און שענסטן זינען פֿון וואָרט, שוין מיט אַלע זײַנע פֿאָלקס־טימלעכע חנען און פּשטות. מיט זײַן לשון און סטיל, און אַ שפע פֿון פֿאָלקלאָר (אגב, די רײַכע פֿאָלקלאָר־עלעמענטן אין שלום־עליכמס שאַפֿונגען פֿאַרדינען אויך אַ יסודותדיקע אַרבעט, וואָס דאַרף נאָך געטאָן ווערן). שוין די מאָנאָלאָג־פֿאָרעם וואָס שלום־עליכם האָט אויסגעקליבן פֿאַר זײַן בעצם טראַגישן סיפּור־המעשׂה, איז כאַראַקטעריסטיש ביז גאָר פֿאַר שלום־עליכמען דעם פֿאָלקסשרײַבער. אַ סך גרויסע שרײַבערס פֿאַר אים, נישט־ייִדן און ייִדן, האָבן באַנוצט די מאָנאָלאָג־פֿאָרעם, אָבער בײַ שלום־עליכמען האָט דער מאָנאָלאָג, מיט זײַן פֿאַרב, ריח און עשירות פֿון אויס־דרוק, דערגרייכט אַן אמתע שלמות. שלום־עליכם איז דער מײַסטער פֿון

מאַנאָלאָג, ווײַל אין אים האָט געלעבט דער אַקטיאָר, און וואָס פאַר אַן אַקטיאָר! אויף דעם זאָגן עדות די רעציטאַציעס פון זײַנע ווערק, וואָס ער פלעגט געבן. שוין דער אופן פון זײַן ריידן, זײַן זאַפטיקער דרום־ייִדיש מיט אַלע זײַנע המצאהלעך און קניפּלעך, די וואָרעמקייט פון זײַן טאָן און די פּאַרביקייט פון זײַן הומאָר, האָבן געכּישופט די צוהערערס. זאָגט אַ מאָל מאַרק טווין, אַז „די הומאָריסטישע געשיכטע איז בעצם אַ קונסט־ווערק — אַ גרויסע און דעליקאַטע קונסט, און נאָר אַ קינסטלער קען זי דערציילן". אַזאַ געשמאַקער דערציילונגס־קינסטלער איז שלום־עליכם געווען. ער האָט אַמוזירט און דערפרייט, אַפּט מיט אַ שטאָך ביז אין דער זיבעטער ריפּ, אָבער דער עולם האָט אים פאַרשטאַנען, זיך מאכלדיק גע־קוויקט און געקײַכט פון געלעכטער.

מיטן מויל פון שלום־עליכמס העלדן האָט נישט גערעדט דער אַב־סטראַקטער קינסטלער־יחיד, נאָר דער ייִדישער כּלל, דאָס אמתדיקע, סאַמע יאָדערדיקע פאָלק, מיט וועמען שלום־עליכם איז געווען אַזוי אויסגעבונדן און אויסגעקניפּט. קיינער האָט אפשר נישט געקענט דעם פּראָסטן ייִד, אַזוי אַרײַנגעדרונגען אין זײַן סאַמע פּינטל, ווי שלום־עליכם. אויף אים איז אפשר חל דאָס, וואָס דער באַקאַנטער ענגלישער שרײַבער ג. ק. טשעסטערטאָן האָט אַמאָל געזאָגט וועגן טשאַרלז דיקענסן, אַז „דיקענס האָט נישט געשריבן דאָס, וואָס דער עולם האָט געוואָלט, נאָר דיקענס האָט געוואָלט אַקוראַט דאָס, וואָס דאָס פאָלק האָט געוואָלט". דאָס איז שלום־עליכם אין זײַן גאַנצער דיכטערישער גרייס. דאָס איז אויך די סיבה פאַר וואָס שלום־עליכם איז געווען אַזוי באַליבט בײַם פאָלק, וואָס האָט זיך ממש געקוויקט מיט יעדן וואָרט, מיט יעדער שורה, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. שלום־עליכם האָט זיך לגמרי אידענטיפיצירט מיטן ייִדישן כּלל, געוואָרן אַ שטיק פון דער ייִדישער סביבה, אַ שטיק קאַסרילעווקע און יעהופּעץ. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן און טיפן גלויבן אינעם פּראָסטן ייִד, אין זײַן מענטשלעכקייט און נאַטירלעכער גוטסקייט. שלום־עליכם האָט קיין מאָל נישט גערעדט צום פאָלק פון אויבן אַראָפּ, אים געשטראָפט אָדער געזאָגט מוסר. ער האָט ליב געהאַט אַ ייִד מחיה נפשות, טאָקע אַזוי ווי ער איז געווען, אָן קונצן און התפּעלותן, מיט אַלע זײַנע חסרונות און פאַרקרומטקייטן. שלום־עליכם האָט זיך ממש געצאַצקעט מיט זײַנע טביהס און מנחם־מענדלס, געקענט יעדן פאַרבאָרגענעם ווינקל אין זייער האַרץ, יעדע תּנועה און העוויה, גע־קענט יעדעס ווערטל און קללה, יעדער חכמה און זאָג פון פּראָסטן ייִד — און דערפון געשאַפן אַ וווּנדערלעכע מאָזאַיִק פון ייִדישן לעבן, אויף וואָס

עס איז אויסגעגאָסן אַ באַזונדערער פאָלקסטימלעכער חן און נאַטירלעכע שיינקייט.

די ניַין קאַפּיטלעך פון דעם טביה־ראָמאַן, וואָס דערציילן מיט אַזוי פיל צאַרטקייט און קלאָר די גילגולים פון טביהן, זיַין לעבן און יסורים, זיַין פרייד און טרויער, זיַינען ווונדערלעכע, ביז גאָר מענטשלעך־טיפע שילדערונגען אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. עס זיַינען טראַגישע דערציילונגען, וויַיל קלאָגעדיק און קאָשמאַריק איז געווען דאָס ייִדישע לעבן אינעם אַמאָליקן תּחום־המושב, מיט זיַינע רדיפות און גזרות, אָבער בשעת מעשׂה כּישופט שלום־עליכם פאַר אונדז אַרויס אַ צאַפּלדיקע, ברויזיקע וועלט, וואָס פּלייצט מיטן לעבן און אימפּעט. אָבער אונדזער שלום־עליכם איז נישט נאָר אַ גרויסער קינסטלער, נאָר אויך אַ גאָט־געבענטשטער הומאָריסט, אַ שפּאַטער בחסד עליון, פון גאָר אַ באַזונדערער מדרגה, וואָס דערהייבט און באַפריַיט מיט זיַין קונסט. קיינער האָט אפשר נישט געקענט אַזוי דעם סוד פון לאַכן, ווי שלום־עליכם. עס איז געווען אַ לאַכן פון דעם איידלסטן און טיפסטן סאָרט. בשעת ער דערציילט אונדז די צרות און ליידן פון טביהן, איז זיַין לאַכן געווען אַ לאַכן מיט יאַשטשערקעס, וואָס האָט געריסן פאַרן האַרצן.

שלום־עליכם איז נישט געווען איינער פון יענע בײַסיקע סאַטיריקער פון דעם פאַרגאַנגענעם דור משׂכּילים, וואָס האָבן אַלץ אַראָפּגעריסן און פון אַלץ אָפּגעשפּאָט, הגם ער האָט אונדז מיט זיַין שאַרפער פען געמאָלן דאָס סאַמע גראָטעסקע, דאָס פאַרהויקערטע, שלימזלדיקע און יוצא־דופנדיקע, — אַ קאַריקאַטור פון ייִדישן לעבן. אַלצדינג האָט ער געזען מיט איין לאַכנדיק און מיט איין וויינענדיק אויג, אַ טראַגישע אָבער אויך אַ משונהדיק־גראָטעסקע און קאָמישע וועלט! דורך זיַין קוואַליק־שפּעדיקן הומאָר ווערט דער טראַגיזם אין לעבן געמילדערט, דער פּעסימיזם פאַרזיסט, און אַפילו דאָס ביסל שלעכטס אויף דעם עולם השפל באַקומט זיַין תּיקון, — אַלצדינג ווערט אויסגעאיידלט און דערהויבן. אפשר איז שאָפּענהויער גערעכט, וואָס דעפיניערט הומאָר ווי „דעם ערנסט, וואָס באַהאַלט זיך הינטער דעם שמערץ״. דאָס איז אפשר די סיבה, פאַר וואָס די סאַמע הומאָריסטישע דערציילונגען פון שלום־עליכמען און בתּוכם טאַקע „טביה דער מילכיקער״ פאַרמאָגן אַזוי פיל פּאַטאָס. דער גרויסער הומאָריסט איז אויך באַגליַיך אַ גרויסער טראַגיקער. באַהאַלט זיך טאַקע הינטער דעם האַרציקן הומאָרפולן טביהן דער בעצם טראַגישער פאָלקסמענטש, וואָס נישט געקוקט אויף אַלע זיַינע טענות און תּרעומות צום

רבונו־של־עולם, נעמט ער אַלץ פאַר ליב און האָט בטחון. קומט ער טאַקע צום סוף צו זײַן פילאָסאָפישן אויספיר, אַז סוף־כּל־סוף „...איז שוין טביה גערעכט, וואָס ער זאָגט, אַז מיר האָבן אַ שטאַרקן גאָט, און אַ מענטש כּל־זמן ער לעבט, טאָר בײַ זיך קיין מאָל נישט אַראָפּפאַלן, ובפרט אַ ייִד...".

עס איז אַ בשׂורה פון האָפענונג און בטחון, וואָס ליגט טיף פאַרוואָרצלט אינעם ייִד, וואָס האָט אים באַשירעמט און באַהיט אין צײַטן פון אומגליק און חורבן, און וואָס באַגלייט אים אויך הײַנט אויף זײַן נײַעם וועג פון ייִדישער פרײַהייט און נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט.

(1959)

אַנ־סקי און דער ייִדישער פֿאָלקלאָר

ש. אַנ־סקי (ש. ז. ראַפּאָפּאָרט) האָט זיך, ווי מיר ווייסן, קונה שם געווען מיט זײַן דראַמאַטישער לעגענדע „דער דיבוק", וואָס זײַן קינסטלערישע אינסצעניזאַציע האָט אומעטום אַרויסגערופֿן גרויס התפּעלות, בפֿרט נאָך אין דער אַרומיקער וועלט, וואָס האָט זיך מיט אַ מאָל באַקענט מיט אַ שטיק ייִדיש לעבן, וואָס האָט געפּישופּט מיט אַ סך שטייגער און עקזאָטיק, מיט אַ פֿאַרצײַטיקער תּמימות און פּשטות. פֿאַר אַ סך, בפֿרט פֿאַר דער ייִדישער אינטעליגענץ אין מערבֿ־אייראָפּע, איז דאָס געווען ממש אַן אַנטפּלעקונג פֿון אַ פֿאַרבנרײַכער ייִדישער וועלט, אַן אייגנדיקע און אַ מיסטישע, מיט אירע גלייבענישן און אײַנשטעל, התנהגות און אויסקוק, וואָס די „ווילנער טרופּע" אונטער דער רעזשי פֿון דוד הערמאַן, און די „הבימה" אין דער אינסצעניזאַציע פֿון וואַכטאַנגאָוון האָבן מיט אַזוי פֿיל גלאַנץ אויפֿגעלעבט אויף די ברעטער פֿון די וועלט־בינעס. איז דערפֿאַר טאַקע אַנ־סקיס פּירסום ווי אַ דראַמאַטישער דיכטער געווען אַ גרויסער. אָבער ווייניק איז באַקאַנט די ראָל וואָס אַנ־סקי האָט געשפּילט אויפֿן געביט פֿון ייִדישער עטנאָגראַפֿיע און פֿאָלקלאָר־פֿאָרשונג, וואָס איז פֿאַר אים אין די שפּעטערדיקע יאָרן געוואָרן אַ ווינקלשטיין אין זײַן עכט ייִדישלעכן קולטור־באַנעם. אַנ־סקי דער דיכטער און פֿאָלקס־מענטש, האָט זיך מיטן גאַנצן ברען פֿון זײַן סענסיטיוון געמיט מיט אַ מאָל אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער אויספֿאָרשונג פֿון דעם אָקומולירטן ביסל קולטור־אייגנס, געזוכט און געבענטשט אין דער ירושהדיקייט פֿון דורות, כּדי אויף אַזאַ אופֿן זיך צו דערגרונטעווען צו דעם עצם־יסוד פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקסשאַפֿן, וואָס האָט לעבעדיק און רחבֿותדיק געפֿלאָסן צווישן די ברייטע ייִדישע מאַסן, און פֿון וואַנען מיר ציִען נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג אונדזער גײַסטיקע יניקה. מיט אַ חוש פֿון אַן אמתן קינסטלער האָט ער דערזען דאָס פֿאַרבאַרגענע ליכט וואָס שײַנט אַרויס תּהומותדיק פֿון אַ וועלט, אַ פֿאַרהוילענער, אַ ווײַטער און אַ פֿאַרצײַטיקער, מיט אַ שלל פֿון שטייגערישקייט און פּאָעזיע, וואָס האָט געפּישופּט אַנ־סקיס דיכטערישע פֿאַנטאַזיע און אים געצויגן צו זיך מיט איר אַלטמאָדישן חן און פֿאָלקס־טימלעכער שיינקייט. ווייסן מיר טאַקע, אַז בשעת ער האָט געזוכט און

געזאַמלט די אַלטע, פאַרזונקענע אוצרות פון דער פאָלקס־קולטור, האָט זיך אַנ־סקי אויך אָנגעשטויסן אין דעם דיבוק־מאָטיוו. פאַרשפּרייט נישט בלויז צווישן ייִדן נאָר אויך אינעם אינטערנאַציאָנאַלן פאָלקלאָר. אָט די פאָלקסטימלעכע לעגענדע האָט ער אין זײַן צײַטיקן שאַפן געשטאַלטיקט אויף אַ מײַסטעריש־דראַמאַטישן אופן, פאַרוועבט מיט אַ סך שטייגעריש־קייט און בילדערישקייט, וואָס האָט געקוויקט און צעוואַרעמט דאָס ייִדישע האַרץ.

עס איז דערפאַר גרײַלעך ווערט צו דערמאָנען, ווי אַזוי אָט דער טאַלאַנטירטער, פײַנער רוסיש־ייִדישער שרײַבער, דער אַמאָליקער איבער־געגעבענער נאַראָדניק, וואָס איז צוזאַמען מיט דער מיטצײַטלערישער רוסיש־ייִדישער אינטעליגענץ „געגאַנגען צום פאָלק”, טאַקע צום רוסישן פאָלק, כּדי אים אויפצוקלערן, פאַרשפּרייטן וויסן און בילדונג, פאַרבעסערן זײַן סאָציאַלע מערכה און העלפן אים באַפרײַען, האָט זיך שפּעטער דער־נענטערט צו זײַן אייגענעם מקור און געהאָלפן פאַרלייגן דעם יסוד פאַר אַ גרונטיקער פאָלקלאָר־פאָרשונג אויף לשון ייִדיש. עס איז געווען אַ לאַנגער, מײַקער פּראָצעס פון אָט דעם ערלעכן זוכער, פול מיט שאַפערישן צאַפּל, וואָס האָט אים אין זײַנע אויסגעשטאַנענע יאָרן געשטויסן אַראָפּצונידערן אין די טיפענישן פון דער ייִדישער פאָלקסשאַפונג, מיט איר אייגנדיקייט און פּשטות, זי דערשאַצן און זיך מיט איר שאַפעריש צו באַהעפטן. אָבער ווי אַ סך פון זײַנע בני־דור איז אויך אַנ־סקי אין זײַנע יונגע יאָרן געווען פאַרכאַפּט פון דעם גלאַנץ פון דער רוסישער קולטור, וואָס האָט גבורהדיק געפלייצט פון אַרום. מען האָט זיך געוואָלט אַרויסרײַסן פון דער אייגענער ענגשאַפט און געזוכט די ווײַטקייט פון דער וועלט דרויסן. עס איז אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז אין יענע יאָרן, בעת זײַן „גאַנג צום פאָלק”, האָט דער אידעאַליסטישער אַנ־סקי אַרומגעוואַנדערט איבער די רחבותדיקע פעלדער פון רוסלאַנד, געלעבט צווישן פּויערים און שאַכטיאָרן, זיך צוגעקוקט מיט אינטערעס צו דעם לעבן פון די רוסישע פאָלקסמאַסן און אײַנצײַטיק זיך אויך באַקענט מיטן רוסישן פאָלקסשאַפן, זײַנע מעשׂיות און מסורות, באַגנעם און פירעכץ, וואָס האָבן בלי ספק געהאַט אַ טיפע השפּעה אויף דעם עמאָציאָנעלן, ברייט־צעעפנטן געמיט פון יונגן אַנ־סקין. אפשר איז שוין דעמאָלט געוואָרן פאַרזייט אין זײַן צאַרטער נשמה די זריעה פון דעם קומענדיקן אויסטײַטשער און פּאָפּולאַריזאַטאָר פון דער ייִדישער פאָלקסשאַפונג, וואָס איז דערנאָך געוואָרן זײַן שליחות, — אַן אויפגאַבע וואָס ער האָט אויסגעפירט מיט אַ סך ברען און עקשנות, מיט

אַ סך געטריישאַפט און ליבשאַפט. דערוויַיל אָבער איז אַנ־סקי געשטאַנען ראשו ורובו פון דרויסן, זיך געטובלט אין דער אַרומיקער, פרעמדער קולטור מיט אירע סאָציאַל־פּאָליטישע אויפטרייסלונגען, וואָס האָט אים ווי אַ סך פון זיַינע מיטצייַטלער געהאַט פאַרכאַפּט מיט איר רעש און גלאַנץ.

ווייסן מיר, אַז בדרך כּלל האָט די רוסיש־ייִדישע אינטעליגענץ אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרה. געפיבערט מיטן אידעאַל פון ליבעראַליזם און פרייַהייט, און אין אַ גייַסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם געחלומט דעם זיסן חלום פון באַנייַונג און פּראָגרעס. אָבער גיך איז געקומען אַ סוף צו די אַלע גליקלעכע חלומות פאַר ייִדן. די רוסישע רעאַקציע האָט זיך וואָס אַ מאָל מער פאַרשטאַרקט, די אונטערדריקונגען און רדיפות אויף ייִדן זייַנען געוואָרן אַלץ מוראדיקער. אַ כוואַליע פון פּאָגראָמען האָט זיך אין די 80ער יאָרן אויסגעגאָסן אויף די קעפּ פון ייִדישן כּלל, וואָס האָט דערפירט צו אַ שווערן קריזיס און אַן איבערבראָך אינעם לעבן פון אַ גרויסן טייל פון דער רוסיש־ייִדישער יוגנט. די אַנטוישונג אינעם רוסישן פרייַהייט־אַפּגאָט איז געווען אַ גרויסע און אַ ביטערע. מען האָט זיך דערפילט אָפּגענאַרט און פאַרפירט, און די גייַסטיקע צערודערונג איז געווען מוראדיק. מען האָט זיך דעריבער גענומען זוכן נייַע וועגן, אַ דרך צום אייגענעם שורש, געפינען אַ פרישן צוגאַנג צו דער אַלטער קוואַליקייט און די ייִדיש־נאַציאָנאַלע ווערטן, וואָס זאָלן געבן אַן אָנשפּאַר און אַן אַחיזה אינעם לעבן פון פאָלק דער פאַרפירטער אינטעליגענץ. איז טאַקע מיט דער צייַט אויפגעגאַנגען די גרויסע נאַציאָנאַלע אויפלעבונג, וואָס האָט גענומען שפּאַרן מיט אַ סך אימפּעט און כּוח־גברא אויף דער ייִדישער גאַס. זי האָט יסודותדיק אויפגעשטורעמט דאָס ייִדישע לעבן, אין אים אַרייַנגעטראָגן אַ פרישן תּוכן און מיין, און אויף אַזאַ אופן אָפּגעפרישט און רעגענערירט די אָקומולירטע, דורות־אַלטע פּאָטענצן מיט זייער תּמציתדיקייט און פּנימיות, און זיי דערהויבן צו נייַע שאַפערישע הייכן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייַע תּקופה אינעם לעבן פון ייִדישן פאָלק, אַ דערוואַכונג פון אַ נייַעם וועלט־געפיל פון ייִד, און דערמיט איז געקומען דער אויפגיי פון אַ מאָדערנער, וואַגיקער, ייִדיש־וועלטישער ליטעראַטור מיט אירע המשכדיק־טיפע וואָרצלען אין דער ירושהדיקייט פון פאָלק.

אָבער גראָד אין יענע יאָרן פון גייַסטיקן „שטורעם און דראַנג” האָט זיך אַנ־סקי געפונען אין אויסלאַנד. סוף 1892 פאַרלאָזט ער רוסלאַנד און גייט אַוועק קיין מערב־אייראָפּע, צוערשט קיין בערלין, דערנאָך אין דער שווייץ און פאַרבלייַבט אַ ריי יאָרן אין פּאַריז. דאָרט האָט ער פאַרנומען

די שטעל ווי אַ סעקרעטאַר בײַ פּיאָטר לאַווראָוון, דעם באַקאַנטן רוסישן דענקער און פירער פון די ס.ר. (סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן). נעבן זײַן ברייט־פאַרצווײַגטער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, איז אַנ־סקי אויך אָנגעגאַנגען מיט זײַן ליטעראַרישער אַרבעט. ער דרוקט אַרטיקלען און דערציילונגען פון רוסישן און ייִדישן לעבן אין אַ ריי וואָגיקע רוסישע זשורנאַלן און פּעריאָדישע שריפטן. אַנ־סקיס נאָמען ווי אַ שרײַבער ווערט באַלד אַ שם־דבר. זײַן פּען איז שאַרף און זײַן וואָרט געפינט אַן אָפּקלאַנג. אויך דאָ, אויף דעם נײַעם באָדן פון פראַנקרייך, האָט זיך אַנ־סקי, דער נאַראָדניק, צוגעקוקט מיט גרויס אינטערעס צו דעם לעבן פון די פראַנ־צייזישע מאַסן, דער אופן פון זייער אַרבעט און זייער פירעכץ. פאָלקלאָר און סאָציאָל־פּאָליטיק האָבן אים כּסדר פאַראינטערעסירט. ער איז תּמיד געווען אַ בעלן צו לערנען און פאַרמערן זײַן וויסן. דווקא אין מערב־אייראָפּע האָט ער געהאַט די זעלטענע מעגלעכקייט צו שטודירן פאָלקלאָר ווי אַ וויסנ־שאַפט. מיט דער התמדה פון אַן אמתן תּלמיד־חכם האָט ער גענומען לערנען די תּורה פון עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר, און שטודירט די וואָגיקע ווערק און וויסנשאַפטלעכע אויפטועז פון די מערב־אייראָפּעישע געלערנטע. דאָ האָט ער זיך נענטער באַקענט מיט די מאָדערנע שיטות און פאָרש־מכשירים פון די גרויסע פאָלקלאָר־רבּיס. עס זײַנען געווען גרונטיקע, וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן מיט קאָמענטאַרן און אַ קאָמפּאַראַטיוון שליסל פאַר די נאַראַטיווע שטאָפן און מאָטיוון אין דער אינטערנאַציאָנאַלער מעשׂה און לעגענדע. עס זײַנען געווען אינטערעסאַנטע חידושים פאַר דעם לערן־דאַרשטיקן אַנ־סקי, וואָס האָט איצט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַרײַכערן סײַ טעאָרעטיש און סײַ פּראַקטיש זײַנע ידיעות און קענטענישן אויפן געביט פון דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער פאָלקלאָר־פאָרשונג, און אײַנצײַטיק פאַרטיפן זײַן בקיאות אינעם תּחום פון דער ייִדישער פאָלקסשאַפונג, אָנהייבנדיק מיט דער אגדה פון תּלמוד און מדרש און אויסלאָזנדיק מיט דער פאָלקס־מעשׂה. אין אַנ־סקיס שאַרפן מוח האָט זיך געשאַפן אַ גליקלעכער סינטעז צווישן דעם מערב־אייראָפּעישן וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג מיט זײַן גענױקייט און פּינקטלעכקייט, און זײַן ייִדישער באַהאַוונטקייט און בקיאות. עס איז געווען אַ מזלדיקער זיווג צווישן תּורה און אייראָפּעישער חכמה. די מערב־אייראָפּעישע וויסנשאַפט האָט אים אָפּנים געדינט ווי אַ וועגווײַזער פאַר זײַנע שפּעטערדיקע זאַמ־לונגען און פאָרשונגען אויפן געביט פון דער ייִדישער עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר, וואָס האָבן בקרוב פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין זײַן שפּעדיקער ליטעראַרישער און פאָרשערישער אַרבעט.

אין די יאָרן פון זײַן גײַסטיקן נע־ונד זײַן, איז אַנ־סקי געווען אָפּגעריסן פון דער היימישער סביבה אין רוסלאַנד, וואָס האָט שוין דעמאָלט געפּלייצט מיט אַ סך נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן אויפברויז און באַפרײַונג. אָבער בשעת ער האָט געשריבן זײַנע קינסטלעריש־רײַפע נאָוועלן אין רוסיש, האָט ער אויך געשאַפן די סאַטירישע פּאָעמע „אשמדאי" וואָס האָט זיך געדרוקט אין „פריינד" אין יאָר 1904, און געשריבן ייִדיש־רעוואָלוציאָנערע לידער, ווי למשל די „שבועה", וואָס איז געוואָרן דער הימען פון בונד. אָבער בהדרגהדיק קומט אַנ־סקי צוריק צו ייִדישקייט און צו ייִדיש לשון. האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט סימנים פון אַ גײַסטיקן איבערבראָך, פון אַ פאַרלוירנ־קייט אויף פּרעמדע שליאַכן, זוכנדיק אַ תיקון פאַר זײַן צעריסנקייט און אַ וועג צוריק צו זײַן שורש? ווי מען זאָל דאָס נישט וועלן אויסטײַטשן, זיכער איז, אַז הגם אַנ־סקי איז געווען צײַטנווײַז אָפּגעריסן פון דער ייִדישער סביבה, איז ער קיין מאָל נישט געווען אָפּגעפרעמדט פון איר. ער האָט תמיד פאַרמאָגט אַ סך ייִדישע שלמות, אויסגעקנאָטן פונעם רײַנסטן זעמל־מעל, אָן פּסולת, מיט אַ ייִדישלעך צעוואָרעמט און צעשטורעמט האַרץ. דעריבער טאָקע איז זײַן דרך פון תשובה, פון אַ צוריק צום אייגענעם שורש געווען אַ גאַנצער, אָן עכטער מיט אַ גרויסער מאָס פון ייִדישער דערהויבנ־קייט און ליכטיקייט. ער איז נישט צוריקגעקומען מיט לײדיקע הענט. זײַן וועג פון מחשבה, זײַן וועלטגעפיל און הומאַניטעט האָבן תמיד געהאַט טיפע וואָרצלען אין זײַן ייִדנטום, וואָס האָבן אים געשפּײַזט אַפילו אין די מאָגערע יאָרן פון זײַן דרויסנדיקייט און סביבה־אָפּגעריסנקייט.

בשעת ער איז אין 1905, אינעם יאָר פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד, האָט זיך פאַר זײַנע אויגן אַנט־פּלעקט דער גרויסער שינוי וואָס איז פאָרגעקומען אינעם תחום פון ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן. די ייִדישע ישובים אין מיזרח־אייראָפּע האָבן געפּלייצט מיט געזעלשאַפטלעכן אויפברויז און אַ צעוועקטער וויטאַליטעט. עס האָט געשטורעמט מיט געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע באַ־וועגונגען, מיט ציוניזם און סאָציאַליזם, און אײַנצײַטיק האָט זיך געהאַט אויך צעוואַקסן אַ צײַטיקע, וואָגיקע ליטעראַטור אין ייִדיש, וואָס איינער פון אירע ראשי־המדברים איז געווען דער תמיד זוכערישער און צעוואָרעמ־טער י. ל. פרץ. אַנ־סקי, דער ווילער און בר־הכי אין תנ"ך און תלמוד, וואָס שווימט מסוגלדיק אין דעם ברייטן ים פון דער ייִדישער אגדה, ווערט פשוט פאַרכאַפּט פון דעם פרישן גײַסט, וואָס שפּאַרט גבורהדיק פון אַלע ווינק־לען פון אַ באַנײַט ייִדיש לעבן. עס הייבט זיך בײַ אים איצט אָן אַ נײַע,

שאַפערישע תּקופה אין וואָס ער גייט אַרײַן אַ דערהויבן־צעשטראַלטער מיט באַנײַטע כּוחות. פֿון דער היים האָט ער מיטגעבראַכט אַ סך ייִדישע תּוכיקייט און ירושהדיקייט, און פֿון דער פֿרעמד אַ רײַכן, וויסנשאַפֿטלעכן באַגאַזש וואָס וועט זײַן מזל־ברכהדיק פֿאַר זײַן ברייט־פּאַרטראַכטער זאַמל־ און פֿאָרש־אַרבעט. זײַן דיכטעריש געמיט ווערט פֿון דאָס נײַ סטימולירט און שפֿעדיק אינספּירירט פֿון די לעבעדיקע און באַהאַלטענע כּוחות וואָס שטראָמען אין דער ייִדישער פֿאָלקסשאַפֿונג. מיט אַ סך ברען, באַהאַוונטקייט און ליבשאַפֿט, וואַרפֿט ער זיך אַרײַן, אין די סאַמע צײַטיקע יאָרן פֿון זײַן שאַפֿן, אין אַן אַרבעט פֿון סיסטעמאַטישער צונויפֿזאַמלונג און גרונטיקער אויספֿאָרשונג פֿון דעם ביסל גײַסטיקן האָב און גוטס פֿון פֿאָלק, מיט זײַן פּשטות און פּנימיות, וואָס איז געוואָרן די קרוין פֿון זײַן לעבנסווערק.

זײַנען טאַקע געווען אין אונדזער ייִדישלעכער וועלט אַן־סקיס אויפֿ־טוען און דערגרייכונגען ווי אַ פֿאָלקלאָר־פֿאָרשער, באַטײַטיק און וואָגיק ביז גאָר. פֿון דעסטוועגן טאָר מען נישט פֿאַרקוקן, אַז מיט אַלע זײַנע מעלות און וואַרעמען אינטערעס פֿאַר דער פּילמינימדיקער ירושהדיקייט פֿון פֿאָלק, איז ער פֿון דעסטוועגן נישט אויסגעוואַקסן צו דער מדרגה און פּאָזיציע פֿון אַן אייראָפּעיִשן פֿאָרשער פֿון פֿאַרנעם. ער איז געבליבן דער ענטוזיאַסטישער דיכטער, דער פֿלאַמיקער ראָמאַנטיקער, וואָס האָט דערזען מיט זײַן קינסטלערישן חוש די שיינקייט און חנעוודיקייט פֿון דער פֿאָלקס־מעשׂה, אויסגעטײַטשט איר אייגנדיקייט, אינטערפּרעטירט אירע מאָטיוון, אָבער עס האָבן אים פֿאָרט געפֿעלט די וויסנשאַפֿטלעכע כּללים און אפֿשר אויך די נייטיקע קוואַליפֿיקאַציעס, וואָס עס האָבן פֿאַרמאָגט די מאָדערנע פֿאָרשער פֿון אַ ברייטן, אינטערנאַציאָנאַלן פֿאַרנעם. אַן־סקי איז אויך נישט געווען איינער פֿון די ראשונים אין אָט דעם נײַעם צווײַג פֿון מאָדערנער וויסנשאַפֿט. נאָך איידער ער איז צוגעקומען צו זײַן עטנאָגראַפֿיש־ פֿאָלקלאָ־ריסטישער אַרבעט, האָבן מיר שוין פֿאַרמאָגט, כּמעט פֿון דער צווייטער העלפֿט פֿון 19טן יאָרהונדערט, אַ שפּאָר ביסל ייִדישע געלערנטע, ליטע־ראַטור־היסטאָריקער און פֿאָלקלאָריסטן, וואָס האָבן געפֿאָרשט מיט אַ סך געניטקייט און זאַך־קענטעניש די אוצרות פֿון ייִדישן עבר. זיי האָבן דאָס געזוכט און געפֿונען אין די אַרכיוון פֿון די גרויסע וועלט־ביבליאָטעקן, אַלטע, פֿאַרגעלטע, האַלב־פֿאַרגעסענע כּתב־ידן פֿון אַ גרויסן ליטעראַרישן ווערט, קאָלעקציעס פֿון מעשׂיות, פֿון מסורות און לעגענדעס, וואָס מען האָט זיך גענומען צו באַאַרבעטן וויסנשאַפֿטלעך, קאָמענטירט מיט פּירושים, פֿאַרזען מיט הערות צו די מקורים, און דערנאָך אַרויסגעגעבן אין דרוק.

מען האָט זיך אויך אַרײַנגעטאָן און געפאָרשט דעם ייִדישן לעבנס־שטייגער, מינהגים און גלייבעניש, וואָס זײַנען געווען אַ וויכטיקער צושטײַער צו דער פאָלקלאָר־פאָרשונג. עס זײַנען אויך געווען התחלות פון זאַמלען ייִדישע שפּריכווערטער און פאָלקסלידער, בעל־פה מסורות און נאַראַטיווע שטאָפן און דאָס אַלץ אַרײַנטראָגן ווי אַ מין ייִדישן נדן אין דעם ברייטן שטראָם פון אינטערנאַציאָנאַלן פאָלקלאָר. לאָמיר דאָ דערמאָנען כאָטש עטלעכע נעמען פון די באַטײַטיקע פאָרשער, אַ שטייגער פעליקס פערלעס, ב. ברילֹ, מאַקס גרינבוים, און שפּעטער מאַקס גרונוואַלד און בערנאַרד העללער, וואָס האָבן געשריבן אין דײַטש. באַקאַנט זײַנען אויך די וואָגיקע ענגליש־ייִדישע מלומדים ווי יוסף דזשייקאָבס, משה גאַסטער און לואי ג׳ינצבערג, און ישׂראל לוי אין פּאַריז. זיי און אַ סך אַנדערע האָבן זיך מיט אַ סך קענעוודיקייט און באַהאַוונטקייט פאַרטיפט אין דער פאָלקס־קולטור פון עבר און פאַרלייגט דעם יסוד פאַר אַ ברייטער, אַרומנעמיקער און גרונטיקער פאָרשונג פון די העברעיִשע און ייִדישע ליטעראַטור־אוצרות און פאָלקלאָר בכלל.

אָבער אַן־סקיס אויפטועז און פאָרדינסטן זאָלן בשום אופן נישט ווערן פאַרמינערט. אויב די ייִדישע וויסנשאַפט אין מערב־אייראָפּע האָט זיך פאַרנומען מיט דער קולטור־ירושה פון פאָלק, איז דאָס געווען על־פּי־רוב אַן אַקאַדעמישער ענין. מען האָט שטודירט מסורות און מעשׂיות אין ייִדיש, מינהגים און שטייגער ווי אַ מוזעאַלע זאַך, אַ שטיק עקזאָטיק פון ווײַטן עבר, וואָס האָט אַ קנאַפּע שייכות צו דעם הײַנט. ביי אַן־סקין איז דאָס געווען פּונקט דער היפוך. פאַר אים דעם וואַרעמען, שטאָלצן מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִד, מיט זײַנע טיפע וואָרצלען אין ייִדישן לעבן, איז דער טראָפּ געלעגן דווקא אויף דער איצטיקייט. עס איז געווען אַ לעבעדיקע ייִדישקייט מיט איר פאָלקס־שאַפן און אַ דורות־אַלטער שטייגערישקייט, מיט איר אייגנדיקייט און קאָלאָריט, וואָס ער האָט געוואָלט אָפּהיטן, אַז זי זאָל נישט גיין לאיבוד פאַר דער לעבעדיקער קולטור. פאַר אים איז געווען עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר אַ וויכטיקע קולטור־הצטרכות פון אַן עקסיסטירנדיק, שאַפעריש ייִדיש פאָלק, וואָס לעבט נישט בלויז מיטן עבר נאָר האָט אויך אַ הײַנט און אַ מאָרגן. אגב, האָבן שוין שרײַבערס פון זײַן דור, ווי למשל מ. י. בערדיטשעווסקי (מ. י. בן־גוריון) און אַנדערע, און אַ פּשיטא שוין דער באַהויכטער י. ל. פּרץ, פרי דערשמעקט מיט זייער קינסטלערישן חוש־הריח די פרישקייט און קוואַליקייט וואָס שלאָגט תהומותדיק פון דער פאָלקסשאַפונג. יעדער פון זיי האָט אויף זײַן אופן,

ווי אַ דור שפּעטער ש. י. עגנון, פון דאָס נײַ אָפּגעפרישט די אַמאָליקע שטייגערישקייט און נוסחדיקייט, די תמימות און פּשטות פונעם פאָלקס־לעבן, דאָס אַלץ קינסטלעריש פּאַרטיפט און סובלימירט אין זייערע ווערק, און דעם אַלעם געגעבן אַ צאַפּלדיק־פרישן אויסדרוק און אַ נײַע פאָרעם. אָבער אַנ־סקיס פאַרדינסט און זכות באַשטייט נישט בלויז אין דעם פּרט, וואָס ער האָט גענומען פּאָפּולאַריזירן צווישן דער ייִדישער אינטעליגענץ אין מיזרח־אייראָפּע דעם געדאַנק פון עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר וואָס געהער צו דעם קולטור־פאַרמעג פון פאָלק, פאַרטײַטשן און באַשיידן די קוואַליקייט פון פאָלקסשאַפן, נאָר וואָס ער האָט זיך גענומען אַקטיוו צו דער גרויסער זאַמלערישער אַרבעט פון די צעזייטע און צעשפּרייטע אוצרות פון דער פאָלקס־קולטור, און זי אָפּהיטן אַז זי זאָל נישט גיין אין גאַנצן פאַרלוירן. ער איז אויך געווען איינער פון די ראשונים אין מיזרח־אייראָפּע, וואָס האָט גענומען לערנען און טאַקע קנעלן מיטן עולם הלכות פאָלקלאָר, זײַן מהות און באַטײַט, אַז מען זאָל דערשאַצן די אייגנדיקע ווערטן, וואָס נאָר אויף זיי קען זיך אויפבויען אַ ווײַטערדיקע, המשכדיקע ייִדיש־נאַציאָנאַלע ליטעראַטור. אַזוי האָט נישט גערעדט אַ טרוקענער פאָרשער און טעאָרעטיקער, און אַ פּשיטא שוין נישט אַ סיסטעמאַטישער אָפּקלײַבער און זאַמלער פון די אַלטע, כמעט פאַרזונקענע אוצרות פון ייִדישן שאַפן. ווי אַ דיכטער איז אַנ־סקי ממש געווען אײַנגעליבט אין זײַן אַרבעט, וועגן איר גורל געפּיבערט און געחלומט. ער גייט צו צו זײַן אַרבעט מיט דעם גאַנצן ערנסט און דער וואַרעמקייט פון זײַן עמאָציאָנעל הארץ. אַוודאי זײַנען שוין דעמאָלט, ווי מיר האָבן דערמאָנט, פאַראַן געווען אַ שפּאָר ביסל וויכטיקע אָנהייבן אין וויסנשאַפטלעכע אויפטוען, אָבער וואָס אַנ־סקי האָט אַרײַנגעטראָגן אין זײַן אַרבעט, איז געווען אַחוץ קענעוודיקייט, אַ סך ברען, איבערגעגעבנקייט, נשמהדיקייט פאַרבונדן מיט אַ רעאַליסטישן צוגאַנג.

ביז צו אַנ־סקיס אָנקום, איז דער פאָלקלאָר אויף דער ייִדישער גאַס געלעגן ממש אין הינערפּלעט. עס האָט זיך זעלטן ווער אײַנגעהערט אין דעם בת־קול, וואָס וואַרקעט פון צווישן דער מפּולת פון ייִדישער שטייגערישקייט, וואָס ברעכט זיך אײַן און פאַלט אַלץ וואָס אַ מאָל מער פונאַנדער. קיין בעסערן מזל האָט אויך נישט געהאַט די אַלטע, ייִדישע מסורה און פאָלקס־מעשׂה. מען האָט אויף איר געקוקט מיט ביטול און אַ געפיל פון חוזק, אַ סאָרט באָבע־מעשׂה, וואָס פּאַסט זיך עפּעס גאָרנישט פאַר אַ מאָדערנעם, אויפגעקלערטן און מיושבדיקן אינטעליגענט. מען האָט אַלץ נאָך געקוקט אויף די רעשטלעך פון דער אַמאָליקער פאָלקס־

שאַפונג, מיט איר תּמימות און פשטות, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן אין משך פון דורות, ווי אויף אַן ענין פון בטלנות און אָפּגעשטאַנענקייט, וואָס האָט קיין שום שייכות נישט צו דעם היינטצייטיקן, אויפגייענדיקן קולטור־לעבן. איז געקומען צו גיין אַנ־סקי מיט זיין דיכטעריש־צעוואָרעמטן געמיט און זיין וואָרטזאָגערישער אויטאָריטעט און גענומען לערנען מיט דעם עולם אינטעליגענץ פשוט דעם אַלף־בית אין הלכות פאָלקסשאַפן, זיין מהות און תּוכיקייט, און אויף אַזאַ אופן שאַפן די נייטיקע אַטמאָספערע פון אַ רעוויזיע און אַ טיפערן פאַרשטענדעניש פאַר דעם גייסטיקן קנין פון פאָלק אין משך פון דורות. אים זיינען וויניקער אָנגעגאַנגען די גרויסע, חריפותדיקע קעפּ ביי יידן, די גאונים און דענקער, מיט זייערע אויפטועון און פילאָסאָפיעס, ווי וויכטיק זיי זאָלן נישט זיין פאַר דעם פאָלק־פאַרמעג, נאָר גיכער דער פשוטער ייד, זיין דרך און מחשבה, זיין אויסקוק און התנהגות, זיין חכמה און פיקחותדיקע אַנעקדאָטן, די פלאַדיקע מעשיות און גלייבענישן, פון וואָס מיר קענען עפּעס אָפּלערנען. בקיצור, עס גייט וועגן אַלצדינג וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן אין גאַנג פון דורות, און וואָס אַ קולטור־פאָלק ווי יידן באַדאַרף ווי געהעריק אָפּשאַצן, פאַר־שטיין און מיט באַדאַכט אויפהיטן. נאָר אויף אָט דעם יסוד וועט מען קענען ווייטער בויען אַ באַנייטע, נאַציאָנאַלע ליטעראַטור וואָס וועט ציִען איר המשכדיקייט אויך אויף להבא.

דעריבער נעמט אַנ־סקי, סיי אין וואָרט און סיי אין שריפט, אין זיינע וואָגיקע מאמרים און עסייען, וואָס זיינען ערשט נאָך זיין טויט געוואָרן אַרויסגעגעבן (באַנד 15 פון זיינע געזאַמלטע ווערק), לערנען און באַשיידן דעם עצם מהות און באַטייט פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג. אין זיין פיינעם עסיי „די יידישע פאָלקסשאַפונג" רעדט ער אַרום באריכות די גרונטמאָטיוון פון די יידישע נאַראָטיווע שטאָפן, דאָס עיקרדיקע און אייגנ־דיקע אין זייער וועלט־באַנעם. ער שטעלט זיך אָפּ אויף דעם כאַראַקטער פון דער פאָלקס־מעשה, איר תּוכיקייט און טענדענץ, אַנאַליזירט אירע עלע־מענטן און מאָטיוון און ווייזט אָן מיט וואָס זיי שיידן זיך אָפּ בעצם פון דער פרעמדער, אינטערנאַציאָנאַלער דערציילונג. אַנ־סקיס צוגאַנג צום פּראָבלעם פון קאָמפּאַראַטיוון פאָלקלאָר, זיינע ראיות און מסקנות, זיינען אָפּט פאַרעלטערט. האָט דאָך די מאָדערנע פאָרשונג באַוויזן גאָר אַ סך אויפצוטאָן אויפן געביט פון נאַראַטיווע מקורות און די פאַרשפּרייטונג און השפעה פון די אינטערנאַציאָנאַלע מאָטיוון. פון דעסטוועגן פאַרמאָגן אַנ־סקיס אינטערפּרעטאַציעס און פאַרגלייכן אַ שפּאָר ביסל נייס און

חידושים, וואָס האָבן געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין זײַן צײַט. לערנט אַנ־סקי פּשט אינעם מהות פון ייִדישן סיפּור־המעשׂה און ווײַזט אָן, אַז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער פאָלקסשאַפונג, וואָס נעמט אויך אַרום די שטראָמיקע אגדה פון די עלטסטע צײַטן, איז דווקא איר ירושהדיקע אייגנקייט, איר פּנימיות און רוחניות. אויב די פאָלקס־מעשׂה בײַ די אומות־העולם אַקצענטוירט און פאַוואָריזירט מיט גדלות דעם פיזישן כּוח, די מגושמדיקע גבורה פון אירע העלדן, טאָ איז דער סימן־מובהק פון דער ייִדישער מעשׂה גראָד דער היפּוך. עס איז די פיזישע שוואַכקייט פון העלד זײַן איידלקייט און נשמהדיקע גרויסקייט. זײַן גבורה באַשטייט אין כּוח פון גײַסט, אינעם כּוח פון וואָרט, דער אייביקער „קול יעקב". זײַן כּלי־זיין איז נישט די שווערד, נאָר דער כּוח פון דער תּורה, וואָס אַדאַנק איר קען ער גובר זײַן כּל המינים מיכשולים, זיך שטאַרקן איבער זײַן שׂונא און אים באַצווינגען. בכלל, פּירט אַנ־סקי אויס, שפּילט די תּורה ווי אַ גײַסטיקער עלעמענט, אַ צענטראַלע ראָלע אינעם ייִדישן פאָלקסשאַפן. דאָס איז נישט בלויז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מעשׂה און לעגענדע, נאָר אויך אין אַ היפּשער מאָס פאַר דער ייִדישער חכמה, פאַרן שאַרפן ווערטל און האַרציקן פאָלקסליד. עס איז אומעטום פּנימיות און ייִדישער תּמצית. אין דער מעשׂה איז די העכסטע מדרגה צו וואָס דער העלד וויל דערגיין, די סיתרי־תּורה, די סודות, דאָס פאַרהוילענע ליכט וואָס איז באַהאַלטן אין דער תּורה, וואָס שפּײַזט מיט חכמה און הייליקער גבורה. אויך דאָס פאָלקס־ליד פאַרמאָגט אַ סך תּורה־אַסאָציאַציעס און אַן עשירות פון מאָטיוון פון תּורה־לערנען. ווי אַן אילוסטראַציע ברענגט אַנ־סקי אַ ריי וויגלידער, וואָס דאָס פאָלק האָט געזונגען אין משך פון דורות, און ווו די תּורה ווי אַ סימ־באָל פונעם גײַסטיקן כּוח פון ייִד שטייט אינעם צענטער פון זײַן וועלט־אויסקוק, זײַן חלום און האָפענונג. וויגט די ייִדישע מאַמע איר ייִנגעלע, אַזוי זינגט זי אים אײַן מיטן באַקאַנטן ליד „דאָס קינד וועט לערנען תּורה... ספרים וועט ער שרײַבן, אַ גוטער און פרומער ייִד וועט ער בלײַבן". אויך דער אידעאַל פונעם מיידעלע איז אַ חתן, אַ בן־תּורה, וואָס וועט שײַנען מיט זײַן לערנען און פרומקייט. זינגט איר דאָס פאָלקסליד צו, אַז איר חתן וועט לערנען תּורה און ספרים שרײַבן און זי וועט אַ גוטע, פרומע ייִדישע טאָכטער בלײַבן. אַפילו אין די צײַטן פון דער „רעקרוטשינאַ" (פון צוואַנג־דינסט בײַ פאָניען) האָט דאָס פאָלק באַקלאָגט דעם ביטערן גורל פונעם רעקרוט אַפּנים נאָר דערפאַר, וואָס ער וועט נישט קענען לערנען קיין תּורה און מקיים זײַן די מיצוות. לאָזט זיך דאָס ליד טאָקע אויס מיט

אַ נאָטע פון גאַליקן הומאָר: „בעסער גאָטס תּורה צו וויסן, איידער מיטן ביקס צו שיסן".

אין דעם דערמאָנטן עסיי, שטעלט זיך אַנ־סקי אויך אָפּ אויף אַ ריי באַקאַנטע רעקוויזיטן, וואָס קומען כּסדר פֿאָר אין די פֿאָלקס־מעשׂיות. אַזוי למשל דער מאָטיוו פון אליהו הנביא, דער געטריַיער העלפער אין אַן עת־צרה, קפיצת הדרך, אַ שבת אין גן־עדן צוזאַמען מיט די אָבות, באַליבטע רעקוויזיטן וואָס מיר געפינען נישט בלויז אין דער ייִדישער מעשׂה, נאָר וואָס זיַינען אויך שטאַרק פאַרשפּרייט אינעם אינטערנאַציאָנאַלן פֿאָלקלאָר. דער חילוק איז נאָר וואָס בײַ ייִדן האָבן זיי אַן עכט ייִדישלעכן חותם, זיַינען ציכטיק און ריין, מיט אַ סך אייגנדיקייט און סביבה־קאָלאָריט. אַגב דער־מאָנט אונדז אַנ־סקי אין דעם באַקאַנטן כּלל, אַז דאָס רוב ייִדישע מעשׂיות הייבן זיך אָן מיטן פֿאָלקסטימלעכן נוסח „אַמאָל איז געווען אַ רב מיט אַ רביצין", דאָס איז אַ גאַנצע מעשׂה. אַ רב אָן אַ רביצין איז אַ האַלבע מעשׂה, אַ רביצין אָן אַ רב איז גאָר קיין מעשׂה נישט. דעם ייִד איז פרעמד, לאָזט אונדז אַנ־סקי אָפּט הערן, די מידה פון רויער, פיזישער גבורה. ער פּילט „אַ טיפן עקל צו פיזישער קראַפט". דער ייִדישער העלד איז תּמיד אַ גוטער, אַן איידעלער, אַ בעל־רחמים אָבער אויך אַ בעל־לשון. זיַין כּוח איז מיטן מויל. ער שלאָגט נישט מיט דער האַרטער, מגושמדיקער פויסט ווי עשׂיו, אָבער ער קען אַ ברי טאָן מיטן צונג און אַ שטאָך געבן מיט אַ וואָרט ביז אין די זיבעטע ריפּ. דערפאַר זאָגט טאַקע דאָס פֿאָלקס־ווערטל: „היט מיך גאָט פאַרן גויישן כּוח און ייִדישן שׂכל". אָדער גאָר „אַ ייִד שלאָגט זיך מיט דער דעה און שיסט מיטן קוק".

אָבער מער ווי אין איין פּרט איז אַנ־סקי געווען הינטערשטעליק אין זיַינע באַטראַכטונגען און מסקנות, און מען מוז אַ מאָל אָפּפרעגן זיַין טעזע. זיַינע כּוונות זיַינען געווען גוטע און ערלעכע, אָבער נישט תּמיד איז זיַין קאָנצעפּציע געווען אַ ריכטיקע און אַן אויסגעהאַלטענע, בפרט פון אַ מאָדערנעם וויסנשאַפטלעכן קוק־ווינקל. געטריַי צו זיַין ראָמאַנטיש־אידעיִ־שער שיטה, לייגט ער ס'רוב דעם טראָפּ אויף דעם רוחניותדיקן מאָמענט אין דער פֿאָלקסשאַפונג. פאַראַן דעריין אַ סך אידעאַליזאַציע פון אַ ראָמאַנ־טיקער, אַלץ איז לויטער קדושה, ממש אָן אַ טראָפּן גשמיות. אַנ־סקי האַלט, אַז די ייִדישע פּאָעזיע האָט זיך פון קדמונים באַצויגן מיט ביטול צו פיזי־שער גבורה און זי אין גאַנצן איגנאָרירט. די ייִדן האָבן זייערע היסטאָרישע פּערסאָנאַזשן, אַ שטייגער משה רבנו, יהושע בן־נון, דוד המלך און זיַינע גבורים, כּסדר אידעאַליזירט און פאַרהייליקט. באַטאָנט ער טאַקע אין זיַין

דערמאָנטן עסיי, אַז „אַוודאי איז אין דעם ייִדישן לעבן נישט געווען קיין שום באָדן פאַר ריטערלעכער פּאָעזיע, מיט די אַלע מאָטיוון אירע, מיט די ריטערלעכע גבורות, העלדישע אויפטריטן, דועלן א.ז.וו.". אויף אַן אַנדער אָרט קומט ער צו דער מסקנה, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלקסליד פאַרמאָגט נישט קיין שום עפּישע שילדערונגען פון מלחמות און שלאַכטן, נאָר גראָד יסורים וואָס מען לעבט איבער אין דער מלחמה, פאָדערט אָבער אָט די כּוללדיקע טעזע אַ שטאַרקע באַוואָרעניש. אַנ־סקי איז געווען בלי ספק אַ גרויסער ידען אויפן געביט פון פֿאָלקלאָר, אָבער ער האָט בעצם נישט געקענט וויסן וואָס די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור־פאָרשונג וועט בקרוב אויסגעפינען. זײַן פּסק מכּוח דעם כאַראַקטער פון דער פֿאָלקס־יצירה אין גאַנג פון דורות, איז געווען טעותדיק. וויסן מיר הײַנט זייער גוט, אויפן סמך פון די נײַסטע ליטעראַטור־פאָרשונגען, אַז די אַלט־ייִדישע ליטעראַטור פאַרמאָגט אַן אַ שיעור מאָטיוון פון פיזישער גבורה און ריטערלעכע קאַמפן, לעבעדיקע שילדערונגען פון שלאַכטן און מלחמות, וואָס האָבן אין די אַמאָליקע דור־ רות פאַסצינירט דעם עולם אין די געטאָס, וואָס האָט ממש געגאַרט נאָך אַ ביסל פאַרווײַלונג און קאַטאַוועס. די מיטל־עלטערלעכע ייִדישע דיכטונג האָט דווקא יאָ געזונגען פון ריטערס און העלדן, וועגן זייערע מלחמות און נצחונות, ריוואַליטעטן און גבורות. אונדז זײַנען איצט באַקאַנט עפּישע ווערק אין אַלט־ייִדיש פון אַ גרויסן ליטעראַרישן און קינסטלערישן פאַר־ מעסט, ווי אַ שטייגער דאָס „שמואל בוך", דאָס „מלכים בוך" און אַ גאַנצע ריי איבערדיכטונגען פון תּנכישע טעקסטן, וואָס זייער טעמאַטיק איז געווען פיזישע גבורה, קאַמף און נצחון. די ייִדישע דיכטער האָבן מאָדעלירט זייערע עפּישע ווערק לויטן מוסטער און אינעם סטיל פון דײַטשישן העלדן־עפּאָס. אַוודאי האָט דער אַלטייִדישער זינגער און פּאָעט געשעפּט פון טיפן קוואַל פון דער ייִדישער מסורה, בילדעריש געשטאַלטיקט די געשעענישן און פּער־ סאָנאַזשן פון תּנ"ך און זיי פאַרוועבט מיט אַ סך לעגענדאַרישן מאַטעריאַל פון תּלמוד און מדרש. אָבער אײנצײַטיק האָט ער אויך באַזונגען מיט פרייד און נאַציאָנאַלן שטאָלץ דעם ליכטיקן עבר פון זײַן פֿאָלק. די גרויסקייט פון אַ דוד אָדער שלמה המלך, זייערע מעשׂים און גלאַנצפולע הערשאַפט. מיט זײַן נאַציאָנאַלן עפּאָס האָט דער ייִדישער דיכטער אַפּנים נישט געוואָלט אין גאַנצן אָפּשטיין פונעם דײַטשישן עפּיקער, און דערפאַר מאָלט ער אויף אַ ברייטער קאַנווע די געשעענישן פון אַמאָל, דעם העראָישן ייִדישן עבר מיט זײַנע מלחמות און נצחונות, מיט וואָס שפּעטערדיקע דורות האָבן זיך געקוויקט און מחיה געווען. פאַרמאָגן מיר אין דער אַלט־ייִדישער ליטע־

ראַטור, סײַ אין איר פּאָעזיע און סײַ אין די מעשׂיות און אַנעקדאָטישע געשיכטעס, אַחוץ שבת־יומטובדיקער ייִדישקייט, פרומקייט און דערהויבנקייט, אויך אַ שפּאַר ביסל סימנים פון לײַכטע, פלאַכע שאַפּונגען, פאַרבראַקט מיט חוזק און שטיפעריי און אַפילו מיט אַ שמיץ פאַרשײַטקייט, אַלץ לויטן סטיל און געשמאַק פון דער צײַט, כּדי דאָס פאָלק צו פאַרווײַלן און אַמוזירן. אַנ־סקי האָט וועגן אָט דעם ליטעראַרישן זשאַנער גאָר ווייניק געווּסט, און דעריבער זײַנען זײַנע מסקנות אַ ביסל היפּערבאָליש און איבערגעכאַפּט. פאַר דעם מאָדערנעם פאָרשער זײַנען דאָס גראָד וויכטיקע פאַקטאָרן וואָס ער מוז אַרײַננעמען אין זײַן חשבון. די פאָלקס־ירושה איז נישט תּמיד פון איין גוס, ווי אָפּגעהיטן אַמאָליקע דורות זײַנען נישט געווען. זי איז אַ מין כּל־בו, פּילפאַרביק און פילפּנימדיק, וואָס האָט אויפּצווײַזן סטימולן און השפּעות פון דער אַרומיקער וועלט. אָבער דאָס אַלץ, דאָס אייגענע און פרעמדע, מיט זײַן פרישן תּוכן און ייִדישלעכן לבוש, געהער זיך אָן אין זײַן שאַפערישן סך־הכּל, אינעם קנין פון גאַנצן פאָלק, וואָס מיר טאָרן נישט בײַ קיין שום אופן אויסטיילן און אַ פּשיטא שוין נישט דיסקרימינירן, נאָר פאַרשטיין און אָפּשאַצן.

נישט געקוקט אויף געוויסע חסרונות אין זײַן צוגאַנג, איז אַנ־סקיס באַהאַוונטקייט אינעם תּחום פונעם לעבעדיקן, אָרגאַנישן פאָלקסשאַפן, געווען אַן אַ שיעור גרויס. ער האָט געשעפּט פון די סאַמע טיפענישן פונעם אָקומולירטן גײַסטיקן פאָלק־פאַרמעג. זײַן פאַרטראַכטער פּלאַן איז געווען די גאַנצע ירושהדיקייט פון אַמאָל און פון הײַנט, צונויפצוזאַמלען און אָפּהיטן פאַר קומענדיקע דורות, איידער עס ווערט צו שפּעט. מיט זײַן דיכטערישן חוש האָט ער עפּעס דערפילט, ווי עס רוקן זיך אָן שווערע צײַטן פאַרן ייִדישן כּלל. ער איז געווען אַן עדות פון אַ שטאַרקער טראַנספאָרמאַציע אינעם תּחום פון ייִדישן לעבן. עס זײַנען געווען בולטע סימנים פון אַ קולטורעלן און סאָציאַלן איבערבראָך. די מערכה אויף דער ייִדישער גאַס איז געווען אַ ביטערע. אויך דעמאָגראַפיש האָט זיך דאָס בילד כּסדר געביטן. ייִדן פאַרלאָזן די קליינע שטעטלעך און גייען אַריבער אין די גרעסערע שטעט, אין די צענטערס פון האַנדל און אינדוסטריע. דער ייִד ווערט אָפּגעריסן פון זײַן היימישער סביבה, ער פּראָלעטאַריזירט זיך, ווערט צו ביסלעך אָפּגעפרעמדט און פאַרלירט זײַן אַמאָליק קלסתּר־פּנים. איינצײַטיק גייט אויך אָן אַ מאַסן־עמיגראַציע קיין מערב און מעבר־לים, וואָס בײַט און טראַנספאָרמירט דעם ייִדישן שטייגער־לעבן. ווי אַ סך אַנדערע, האָט אויך אַנ־סקי דערשפּירט די סכּנה, זעענדיק ווי דאָס ייִדישע לעבן ווערט

אויסגעליידיקט פון זײַן תּוכן און עס פֿאַרשווינדן וואָס אַ מאָל מער אַלטע ווערטן און אײַנגעשטעלטע פֿאָרמען. פֿאַר אַנ־סקין איז אָט דער מצב געווען אַ קוואַל פון טיפער אומרו און זאָרג. די טראַגישע יאָרן פאַרן ייִדישן כּלל אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, די רעוואָלוציע מיט אירע מהומות און דער בירגער־קריג מיט זײַנע בלוטיקע קרבנות, האָבן באַלד אונטערגעראָבן דעם יסוד פון דעם רוסיש־ייִדישן לעבן. הײַנט ערשט די מוראדיקע פֿאַרלענדונג פון מיליאָנען ייִדן אונטער היטלערן, דער אומקום און וויסטער חורבן פון די ייִדישע יישובים אין מיזרח־אייראָפּע, האָט גאָר גיך באַזיגלט דעם גורל פון דעם גרויסן, וואַגיקן און שאַפערישן ציבור ייִדן, און אימהדיק אויסגעלאָשן דאָס שטראַליקע ליכט פון דער אַמאָליקער אייגנקייט און קוואַליקייט.

אָבער צום גליק, אין יענע יאָרן בשעת אַנ־סקי האָט געווּעקט און געמאָנט צו אַ גרויסער, פֿאַרנעמיקער זאַמל־אַרבעט פון דער ייִדישער פֿאָלקסשאַפונג, איז דאָס ייִדישע לעבן נאָך געווען גאַנץ און שלמותדיק, געווען נאָך שטאַרק פֿאַרוואָרצלט אין זײַן שאַפערישן באָדן. דער ראשו ורובו פון פֿאָלק איז דערווײַל נאָך געווען קאָנצענטרירט אין די קאָמפּאַקטע מיזרח־אייראָפּעיִשע יישובים, וואָס האָבן גבורהדיק געפּלייצט מיט אויפגיי און מקורדיקייט. אינעם יאָר 1912 איז מיט דער הילף פון באַראָן האָראַץ גינזבורג געוואָרן אָרגאַניזירט די ערשטע גרויסע ייִדיש־עטנאָגראַפישע עקספּעדיציע, וואָס בראש פון איר איז געשטאַנען אַנ־סקי, און אין וואָס עס האָט זיך אויך אַקטיוו באַטייליקט די ייִדיש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט אין פּעטערבורג. די עקספּעדיציע איז אַוועק אין די געדיכטע ייִדישע יישובים פון דרום־רוסלאַנד, בעיקר קיין וואָלין און פּאָדאָליע, ווו זי האָט אָנגעהויבן מיט אַ סך ליבשאַפט און איבערגעבנקייט, מיט איר אינטענסיווער און סיסטעמאַטישער זאַמל־אַרבעט. ווי עס זאָגט וועגן דעם עדות אברהם רעכטמאַן, איינער פון די אָנטיילנעמער פון דער עקספּעדיציע, האָבן אַנ־סקי און זײַנע געטרײַע העלפערס, צווישן זיי דער קאָמפּאָניסט יואל ענגעל, „אַרומגעוואַנדערט איבער די פֿאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון אוקראַיִנע. אומעטום געזאַמלט פֿאַרבליבענע אוצרות פון אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט, פֿאַרשריבן מעשׂיות, לעגענדעס, היסטאָרישע פּאַסירונגען, אָפּשפּרעכענישן, סגולות און תּרופות”. דערצו האָט מען אויך פֿאַרנאָטירט פֿאָלקסלידער, משלים, גלײַכווערטלעך און ריידנסאַרטן, און אויפגעגעבומען אויף פּלאַטן אַלטע ניגונים און תּפילות. מען האָט אויך געזאַמלט ייִדישע אַנטיקן, דאָקומענטן, פּנקסים, תּשמישי־קדושה, צירונג און הלבשה פֿאַר אַ ייִדישן מוזיי. אַנ־סקיס עקספּעדיציע האָט שטאַרק באַגליקט. זי איז געווען מזל־

ברכהדיק פאַר זײַן געפּלאַנטער אַרבעט. אין משך פון דרײַ יאָר האָט אַנ־סקי מיט זײַנע מיטאַרבעטער אָנגעקליבן און צונויפגעזאַמלט גאָר אַ רײַכן עטנאָגראַפישן און פאָלקלאָר־מאַטעריאַל, וואָס איז געוואָרן אַ שם־דבר און געזאָלט דינען ווי אַ יסוד פאַר אַ ווײַטערדיקער, אַרומנעמענדיקער פאָרש־אַרבעט. ווען אין יאָר 1914 איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה האָט די עקספּעדיציע אָפּגעשטעלט איר אַרבעט, די אַלע מוזעאַלע חפצים און דאָקומענטן האָט מען אַוועקגעפירט קיין פּעטערבורג, ווו מען האָט זיך באַלד גענומען דעם מאַטעריאַל צו קלאַסיפיצירן און באַאַרבעטן. מען האָט אָבער נאָר באַוויזן אַרויסצוגעבן דעם ערשטן באַנד פון דער געפּלאַנטער סעריע, וואָס דערשײַנט אין פּעטערבורג, 1915 אונטערן טיטל „דאָס יידי־שע עטנאָגראַפישע פּראָגראַם: דער מענטש", וואָס נעמט אַרײַן אַחוץ כּללים פאַר פאָלקלאָר־זאַמלער, אויך פראַגעס בנוגע דעם טעגלעכן לעבן פון ייִד, זײַנע פאָרשטעלונגען, גלייבענישן און מינהגים. די מלחמה און די שפּע־טערדיקע געשעענישן אין רוסלאַנד, מיט זייערע אויפטרייסלונגען און צע־שטערונגען, האָבן אַ סוף געמאַכט צו אַלע ווײַטערדיקע פּלענער. די באַ־טײַטיקע און פילצאָליקע מאַטעריאַלן פון אַנ־סקיס עקספּעדיציע זײַנען פאַרבליבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, צו וואָס עס האָט אָבער ביז איצט נישט געהאַט קיין שום צוטריט אַן אויסלענדישער געלערנטער.

אַנ־סקי גופא האָט פאַרלאָזט רוסלאַנד אין יאָר 1918 און אָנגעקומען קיין ווילנע אַ קראַנקער, אַן אויסגעשעפּטער און אַ צעבראָכענער. פון דעסט־וועגן האָט ער דאָ ממשיך געווען זײַן אַרבעט און געשאַפן אַ היסטאָריש־עטנאָגראַפישן מוזיי. דער טראַגישער טויט פון זײַן פרײַנד א. ווײַטער, בעת אַ פּאָגראָם אין ווילנע אין 1919, האָט אים אַזוי שטאַרק אויפגעצי־טערט, אַז ער איז געוואָרן שווער האַרץ־קראַנק. ער איז דערנאָך אַוועק אויף קוראַציע קיין אָטוואָצק, און כ"ג חשון תרפ"א (9טן נאָוועמבער 1920) איז ש. אַנ־סקי, דער צעשטראָלטער ייִד און באַהויכטער דיכטער, ניפטר געוואָרן אין וואַרשע. אַ גרויסע תּקופה אינעם לעבן פון רוסישן ייִדנטום האָט זיך מיט זײַן טויט פאַרענדיקט. אָבער מיט זײַן זאָרג און עקשנות, האָט ער געלייגט דעם יסוד פאַר אַ גרונטיקער און אַרומנעמיקער פאָרש־אַרבעט אויפן געביט פון ייִדישן פאָלקסשאַפן, וואָס אַ דור פאָרשער, עט־נאָלאָגן און פאָלקלאָריסטן איז נאָך הײַנט ממשיך מיט אַ סך ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט, סײַ אין מדינת ישראל און סײַ אין אַ ריי ייִדישע יישובים איבער גאָר דער וועלט.

לאָנדאָן, אין טאָג פון אַנסקיס פופציקסטער יאָרצײַט. (1970)

עקדה און גאולה־מאָטיוון אין לייוויקס שאַפונגען

(געדאַנקען און שטריכן)

גאָרנישט איז אפשר אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אייגנדיקן גאַנג פון לייוויקן דורך דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי זײַנע טיפזיניקע רייד אין זײַן באַקאַנטן רעפעראַט „דער ייִד — דער יחיד", וואָס ער האָט גע־האַלטן אויפן אידעאָלאָגישן קאָנגרעס אין ירושלים אינעם זומער 1957 (אָפּ־געדרוקט אין „צוקונפט", אָקטאָבער 1957). דאָרט רעדט לייוויק צום סוף וועגן זיך, דעם יחיד און געוויסע קינדהייט־איבערלעבענישן, וואָס האָבן זיך טיף אײַנגעקריצט אין זײַן נשמה. ער זאָגט דאָרט, אַז „מער פון אַלץ גייט מיר נאָך יצחקס ליגן אויף דעם עקדה־מזבח, זײַן קוקן אויפן אויפ־געהויבענעם מעסער ביז דער מלאך פון גאָט זאָגט אָן אַז ס'איז געווען נאָר אַ נסיון...". איז טאָקע דער טענאָר פון זײַן דיכטונג געבליבן אָט דער מוראדיקער מזבח־בראַנד, די אייביקע עקדה פונעם מענטש, דעם טראַגישן קרבן, וואָס ליגט כּסדר מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז אונטער דער שאַרף פון תּלינס מעסער. איז טאָקע לייוויקס גאַנץ לעבן געווען איין לאַנגער און שווערער עקדה־וועג, ווו ער אַליין איז דער קרבן און אַ געבונדענער אויפן וועלט־מזבח קוקט ער רחמימדיק „אויפן אויפגעהויבענעם מעסער..." און ווײַל לייוויק וויל נישט בלײַבן קיין לײַדנדיקער און באַוואוסטער, אַ פּאַסיווער קרבן פון דעם אייביקן שוחט־מענטש, ווײַל ער וויל בײַ קיין שום אופן נישט געהערן צו דער האַמעטנער סטאַדע שעפּסן, וואָס ווערט געפירט צו דער שחיטה, ראַנגלט ער זיך מיט זײַן ביטערן גורל, רעוואָלטירט ער און זוכט אַ וועג צו באַפרײַונג, וואָס זאָל באַגלײַך פירן צו גאולה פון פאָלק און מענטשהייט.

אַזוי זײַנען געווען לייוויקס אָנהייבן, זײַנע ערשטע, נאָך אומרײַפע טריט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, פול מיט לײַדן און אויפברויז, אַנטוי־שונגען און מרידה, וואָס האָבן אים, דעם יונגן רעוואָלוציאָנער געפירט אי־בער די צאַרישע תּפיסות און סיבירער קאַטאָרגע צו דער תּקופה פון קינסט־לערישער צײַטיקייט, וואָס ער האָט דערגרייכט אויף זײַן לאַנגן, שווערן

וועג פון זײַן דיכטערישן באַרג־אַרויף. זײַן מרידה איז געווען אַן עטישע, אַ הומאַניטאַר־סאָציאַלע. איז טאַקע לייוויק פאַר אונדז קודם־כל אַ טיף־מאָראַלישע פערזענלעכקייט, אַ דיכטער פון אַ גרויסן פאַרנעם, וואָס שטייט מיטן פּנים צו די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון דער צײַט, און וואָס זײַנע שאַפונגען זײַנען אַדורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקן רעליגיעז־סאָציאַלן עטאָס. ווי זײַן משיח בן דוד, איז דער דיכטער דאָס געוויסן פון דער וועלט, דער גרויסער בעל־יסורים, וואָס טראָגט אויס אין זײַן צעווייטאָגטער נשמה דעם גאַנצן צער און די האָפענונגען פון דורות. ווי דער גרויסער נאַציאָנאַלער וואָרט־זאָגער איז לייוויק כּולל אין זיך אַלע שווערע, אימהדיקע איבערלעבענישן פון דער הײַנטיקער תּקופה, די בלוטיקע עקדות פון זײַן פאָלק און באַגלײַך די יסורימדיק־אויסגעטראָגענע און אויסגע־בענקטע גאולה־האָפענונגען פון אונדזער דור, דעם דור פון טראַגישן אומ־קום. תּמיד אַ צעריסענער פול מיט ספקות און סתּירות, אַ גרויסער בעל־חזיון און אַן אייביק אומרויִקער, וואָס איז כּסדר מיט זיך פאַרנומען און ווערט קיין מאָל מיט זיך נישט פאַרטיק, פּרוּווט לייוויק אויף זײַן אייגנדיקן אופן מיט דער הילף פון זײַן סימבאָליזם צו געבן אַ פּירוש אויף דער אייביקער איוב־דראַמע פון מענטש, אויף זײַן שרעקלעכער נויט און ראַנגלעניש, זײַן נסיון און זײַן שטענדיקן שטרײַט קעגן דעם ביטערן גורל. עס איז אַ סימבאָליזם, וואָס האָט גאָר אַ וויכטיקע פונקציע אין לייוויקס דראַמאַטישע שאַפונגען און וואָס וועבט אַ סודותדיק־מיסטעריעזע שטימונג אַרום דעם נעכטן און הײַנט, אָפּט פאַרוואַנדלענדיק רעאַליטעט אין אַ חלום און אַ חלום אין אַ קאָנקרעטיזאַציע.

אין צענטער פון לייוויקס שאַפונג שטייט תּמיד דער יחיד. עס איז דער יחיד אין זײַן אויפּרודערישער גרויסקייט, אין זײַן אָפּט אויסזיכטלאָזן, אָבער פאַרט גבורהדיקן פאַרמעסט מיט די כּוחות פון פינצטערקייט פאַר אַ בעסערן און ליכטיקערן מאָרגן. עס איז דער יחיד, ווי דער דיכטער גופא, וואָס קען נישט און וויל נישט גיין אין שפּאַן און איז דעריבער מורד. עס איז זײַן גורל תּמיד צו שטיין אין קאַמף מיטן רבים, מיט דער געזעלשאַפט, ווײַל ער איז אַנדערש פון די אַנדערע, ווײַל זײַן וועלט איז אין תּוך גענומען אַן אַנדערע, אַ טיפערע און אַ מאָראַלישערע, וואָס שטייט אונטער אירע אייגענע געזעצן. דערפאַר טאַקע גייען לייוויקס העלדן, ר׳ מרדכי מאַזע, דער מהר״ל און הירש לעקערט, דער מהר״ם און די אַנדערע, זייער אייגענעם וועג. אמת, עס איז אַ שווערער וועג פון עקשנות און הייליקן ווידערשטאַנד, פון מסירת נפש און לײַדן, אָבער וואָס פירט סוף־כּל־סוף צו די ליכטיקע

הייכן פון אַ רייגער, שלמותדיקער גאולה, פון כולו זכאי. עס איז דער חזיון פון די שענסטע און בעסטע גײַסטער פון אַלע פעלקער און בתּוכם טאָקע פון ייִדישן פאָלק. עס זײַנען, ווי תּמיד, שטאַרקע, דערהויבענע מורדים־פערזענלעכקייטן, עקשנים־טרוימער און קעמפער, וואָס ראַנגלען זיך מיט זייער אייגענעם און זייער פאָלקס גורל, וואָס ווילן נישט וויסן פון קיין פּשרות און זײַנען גרייט צו גיין דעם לעצטן וועג פון קידוש השם. הירש לעקערט גלייבט פונקט אַזוי ווי זײַן אַנטיפּאָד דער גרויסער ר׳ מענדעלע קאָצקער אינעם כּוח פון יחיד, פון א י י ן י י ד. איין עקשנותדיקער קעמפער איז גענוג, כּדי צו באַפרײַען אַ וועלט, אַראָפּצוברענגען משיחן.

באַפרײַונג, גאולה אין איר גאַנצער לויטערקייט און שלמות איז דער־פאַר דער סאַמע לייטמאָטיוו פון אַ ריי דראַמאַטישע ווערק פון לייוויקן. שוין זײַן ערשטער דראַמאַטישער פּרווו „די קייטן פון משיח" (געשריבן אין דער מינסקער תּפיסה אין יאָר 1908), מיט זײַן גאַנצן שטאַמלענדיקן, אומצײַטיקן לשון, איז שוין אַן אָנזאָג פאַר דער קומענדיקער משיח־גאולה־טעמאַטיק פון לייוויקן. עס זײַנען די קייטן פון משיחן, וואָס האַלטן אים כּסדר געבונדן, אַז ער קען נישט באַפרײַען די וועלט. די אמתע גאולה, לערנט אונדז לייוויק פּשט אין זײַנע שפּעטערדיקע דראַמאַטישע פּאָעמעס, ווערט כּסדר געפּעלשט. תּמיד באַווײַזן זיך פאַלשע משיחים, אומגעלומ־פּערטע גולם־משיחים, וואָס מאַכן פון דער הייליקער גאולה־בענקעניש פון דער מענטשהייט אַן אינסטרומענט פאַר זייערע פּערזענלעכע מאַכט־אַמבי־ציעס און ממילא פון עוולות און פּײַן. ווי אַזוי קען משיח קומען, אויב די וועלט איז כּולו חייב און מלא צביעות און רציחה? ווי זאָל מען אַנטקעגן גיין משיחן, אויב די וועגן, וואָס פירן צו אים, צו גאולה, זײַנען פול מיט הרוגים? אין „גולם" הייסט דער מהר"ל דעם אַלטן בעטלער (אליהון) צונעמען דעם יונגן בעטלער (משיחן) און אַנטלויפן, ווײַל „ווער זאָל עפּע־נען פאַר אים די טירן, די בלוט־פאַרשמירטע הענט פונעם רוצח?" ווי קען בכלל געמאָלט זײַן עכטע, ריינע, שלמותדיקע גאולה, אויב זי ווערט באַ־גלייט פון תּאווה צו מאַכט, פון רויב און מאָרד, פון אַ כּסדרדיקן בלוט־פאַרגיסן און אַלץ נײַע עקדות?

ווײַל די צײַטן אין מהרלס פּראָג (16טער יאָרה.) זײַנען געווען ווי די הײַנטיקע, ביטערע צײַטן, מיט מלחמות, צרות, שרעק און פאַרצווייפלונג, און מען קען זיך אויף משיחן נישט דערוואַרטן, באַשאַפט דער מורד־מהר"ל דעם גולם (יאָסל). עס איז, לויט לייוויקס באַנעם, אַ מין סעקונדערער

משיח, אַ סוראָגאַט פון דער לויטערער משיח־געשטאַלט, און ער איז אויך דער איינציקער „וואָס מעג זײַן פינצטער, וואָס מעג פאַרגיסן בלוט פאַר בלוט״. דער גולם אָבער וואָס איז געקומען אויף דער וועלט כּדי צו דינען די דערהויבענע גאולה־צילן פון מהר״ל, שטראָפן די רשעים, נקמה נעמען פאַר די עוולות קעגן ייִדן, ווערט צום סוף אײַנגעזונקען אין די „שרעק פון משוגעת״ פון זײַנע אייגענע פינצטערע מיטלען... ער איז געוואָרן אַ פינצ־טער ווערקצײַג, וואָס פאַרגיסט בלוט, על־פּי־רוב אומשולדיק בלוט, און רײַסט זיך מיט אַלע כּוחות צו זײַן פרײַ, צו שטיין אין זײַן אייגענעם רשות, זײַן אַ ציל פאַר זיך... דערשרעקט זיך דער מהר״ל פאַר זײַן אייגענעם באַ־שאַף און רופט אויס מיט ייִאוש „איך האָב געוואָלט פאַרמײַדן בלוט — און בלוט פאַרגאָסן״. ער האָט נישט מער קיין שליטה אויפן גולם, וואָס נעמט זיך רעוואָלטירן קעגן זײַן באַשאַפער, דעם מהר״ל פון פּראָג. עס איז אַ תּהום צווישן אָט דעם אויסלייזער־גולם וואָס איז יאָ געקומען, און דעם אמתן, ליכטיקן גואל, וואָס זײַן צײַט איז נאָך נישט געקומען, ווײַל די וועלט איז נאָך מלא רציחות און איז על כּן נאָך נישט ראוי אויסגעלייזט צו ווערן.

פאַר לייוויקס טיפן הומאַניזם איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, וואָס דער פּראָבלעם פון מענטשלעכער דערלייזונג גייט אים נאָך דאָס גאַנצע לעבן, דורך זײַן גאַנצער דיכטונג. אין זײַן דראַמאַטישער פּאָע־מע „די גאולה קאָמעדיע״ צײַטיקט בײַ לייוויקן דער געדאַנק, אַז עס קען גאָר געמאָלט זײַן, אַז דער אמתער גואל זאָל זיך אַליין גאַרנישט קענען אויס־לייזן. ער לייזט אויס אַ וועלט, אָבער נישט זיך אַליין, ער בלײַבט חייב. אויב אויסלייזן אַ פאָלק, אַ וועלט הייסט, אַז בלוט מוז זיך גיסן, טאָ מוזן אויך דעם גואלס הענט זײַן גרייט אײַנגעריכט צו ווערן פון בלוט. הײַנט ווי קען דער גואל ברענגען אַ שלמותדיקע גאולה אויף דער וועלט און זיך זעלבסט, ווי דעם העכסטן מאָראַלישן פּרימאַט אויסלייזן, אויב זײַנע הענט זײַנען בלוט־באַפלעקט, אויב זײַן געוויסן איז באַלאָדן מיט אַ שווערער אחריות פאַר יעדן פאַרגאָסענעם טראָפּן בלוט? דערפאַר טאַקע קלײַבט לייוויקס משיח (חנינה) אויס גאולה נ אָ ר פאַר אַנדערע, פאַר דער וועלט דרויסן, אָבער נ י ש ט פאַר זיך אַליין. ווי קען ער, וואָס איז לויט לייוויקס קאָנצעפּציע, דאָס געוויסן פון דער וועלט, זײַן אויסגעלייזט, אַז גאולה בלוט קלעפּט נאָך צווישן זײַנע פינגער? שאַפט זיך דעריבער אַזאַ טראַגי־קאָמישע סיטואַציע, אַז בשעת די „אויסגעלייזטע״ טאַנצן, ווי אַמאָל די באַ־פרײַטע פון מצרים אַרום דעם גילדענעם קאַלב, און פרייען זיך מיט דער

שׂימחה פון זייער גרויסן נצחון, זיצט דער משיח בן דוד, דער גואל נאָמן אַליין אין אַ פינצטערער תפיסה־קאַמער, אײַנגעהילט אין גרויסער עצבות, מיט אַ האַרץ פול פּײַן און יסורים און איבער זײַן קאָפּ שוועבט די האַק פון אייביקן תּלין... די קאָמעדיע פון גאולה איז איר גרויסע טראַגעדיע. דער נימשל אויף דער הײַנטיקער צײַט מיט די פאַרפעלשטע רעוואָלוציעס און די גולם־באַפרײַערס איז קלאָר. עס קלינגט ווי אַ מעשׂהלע פון גאַר אַלטע צײַטן מיט אַ פרומען מוסר־השׂכּל צום סוף. ווי אַ דראַמאַטיש ווערק איז דאָס סובלימע דיכטונג, וואָס פליסט פון טיפע, ריינע קוואַלן, פון דער לויטערקייט פון לייוויקס געמיט.

אין לייוויקס ליד פּונקט אַזוי ווי אַ טייל פון זײַנע דראַמאַטישע פּאָע־מעס, אָנגעהויבן פון „גולם", איבער דער מיסטעריעזער „חתונה אין פערנ־װאַלד" ביז צו זײַן לעצטער דראַמע „אין די טעג פון איוב", גאַרנישט עפּעס אַנדערש ווי אַ פּירוש, אַ טיפּזיניקע אינטערפּרעטאַציע פון לייוויקס עטאָס אויף די אויפטרייסלענדיקע געשעענישן פונעם הײַנט, מיט אירע איבערקערענישן און רעוואָלוציעס, מלחמות און בלוטיקע מהומות. אומעטום זעט לייוויק דעם מענטש ליגן א געבונדענעם אויפן עקדה־מזבח אונטער דעם תּלינס מעסער; אומעטום ווערט דער יחיד פאַרפּײַניקט אין די תּפיסות און אין די לאַגערן, אויף די אויטאָ־דאַפעען און אין מאָדערנע גאַז־קאַמערן, און אַלץ אין נאָמען פון פרײַהייט, אין נאָמען פון אַ גליק־לעכן מאָרגן. די פּראָבלעמען זײַנען נישט צײַט־געבונדן, זיי זײַנען איבער־צײַטלעך. לייוויק זעט זיי אין זייער אייביקייטס־פּערספּעקטיווע. עס איז נישט בלויז דער צער פון אונדזער דור, נאָר דער צ ע ר פ ו ן ד ו ר ו ת. דער טרויעריקער הײַנט פּאַרמישט זיך מיטן בלוטיקן נעכטן און עס ווערט פון זיי איין גאַנצקייט, איין גרויסע, טראַגישע רעאַליטעט. אַזוי באַגעגנט זיך דניאל פון דאַכאַו מיטן מהר"ם פון רוטענבערג (13טער יאָרה.) און לייוויק גיט אונדז אָנצוהערן:

„...מיר זײַנען נישט די איינציקע אין צער
אין יידישע יסורים, איבער אונדז —
די לעבעדיקע פּײַן פון דורות".

און כדי צו פאַרשטאַרקן אין אונדז דאָס באַוווסטזײַן פון דורות־צער און פּײַן, וואָס מאַכט דעם הײַנטיקן ווי אַמאָליקן ייִד שטאָל־האַרט, תּמיד גרייט איבערקומען דעם גרויסן נסיון פון קידוש השם, לאָזט אונדז לייוויק הערן דורך דעם אַלטן אַהאַספער:

„...אַ ייִד, וואָס איז אין דאַכאַו, איז אויך אין מאַיִנץ,
אַ ייִד, וואָס איז אין מאַיִנץ, איז אויך אין דאַכאַו
אין איינער און דער זעלבער רגע — דאָרט און דאָ".

פֿאַר דעם יונגן דניאלן פֿון דאַכאַו („מהר"ם פֿון רוטענבערג") איז נישטאָ קיין גרויסער חילוק צווישן די מזבחות מיט די עקדות, וואָס פֿלאַקערן דאָ און דאָרט, אינעם גאַנג פֿון דער ייִדישער געשיכטע, צי אין

„...מוריה, עין חרוד, נבו, מיידאַנעק,
איין פֿלאַקער פֿײַער נעמט זיי אַלעמען אַרום".

אָבער נישט געקוקט אויף די מוראדיקע פּײַן און אומקום פֿון די לעצטע יאָרן, טראָגט דער דיכטער אין זײַן האַרץ אַ שטילע, טיפֿע האָפֿענונג, אַ גלויבן אין גאולה, אין באַנײַונג און ווידעראויפֿלעבונג. עס איז דער גלויבן אין ייִדישער נצחיות. וואָס דען וויל אונדז זײַן מיסטעריע־שפּיל „די חתונה אין פֿערנוואַלד", וואָס לייוויק האָט אָנגעשריבן באַלד נאָך זײַן באַזוך בײַ דער שארית הפּליטה אין די לאַגערן אין יאָר 1946, לאָזן הערן? עס איז אָן שום ספֿק אַן אַפּאָטעאָז איף ייִדישן בטחון און אויפֿריכטעניש, אויף אַ קומענדיק, אויפֿגייענדיק נײַ ייִדיש לעבן. דאָרט ווו נעכטן זײַנען נאָך געשטאַנען די פֿאַבריקן פֿון טויט, ווערט הײַנט געפּראַוועט אַ חתונה, די ערשטע חתונה פֿון צוויי לעבנגעבליבענע פּליטים אינעם דײַטשן לאַגער. די חתונה איז דער סימבאָל און אָנזאָג פֿון אַ רצון צו לעבן, פֿון אַ ווײַטערדיקן המשך פֿון געפּײַניקטן פֿאָלק.

אַרום דער חתונה הערשט אַ שווערע, אַן אימהדיקע שטימונג. די אַטמאָספֿערע איז אָנגעזעטיקט מיט פּחד און שרעק, מיט שאָטנעס פֿון די אומגעקומענע, פֿון די פֿאַרפּײַניקטע און געוואַרצחנטע. צוזאַמען מיט די ייִדן פֿון דער שארית הפּליטה, קומען אויף דער חתונה די נעכטיקע געשטאַלטן, די פֿאַרגאַזטע און פֿאַרברענטע און בראשם פֿירט דער אַלטער פּליט (אליהו) אים, דעם יונגן פּליט (משיח צדקנו), וואָס איז „געווען מיט זיי אין סאַמע פֿײַער". מיט די פֿאַרברענטע איז ער געווען אין די פֿלאַמען פֿון די גאַז־אויוונס, איצט איז ער דאָ מיט דער שארית הפּליטה אויף איר ערשטער חתונה, בײַם אָנהייב פֿון אַ נײַ לעבן. ער איז איצט דער משיח פֿון די געראַטעוועטע און לעבנגעבליבענע. צוזאַמען מיט זיי שטייט ער בײַם אָנהייב פֿון אַ נײַ לעבן. עס איז אַ געניזוקטער, אַ צעפּליקטער, אָבער אַ לײַכטנדי־קער גואל, וואָס לעבט צווישן די ייִדן, וואָס קרענקט און ווייטאָגט מיט

זיי, אָבער וואָס פרייט זיך מיט זייער שׂימחה און איז תּמיד בײַ זיי. ער איז מיט זיי געגאַנגען אין פֿײַער אַרײַן און אַ ווידערגעבוירענער הייבט ער אָן צוזאַמען מיט זײַן עדה אַ נײַ לעבן.

האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ נײַעם פּירוש פֿון לייוויקן אויף דער אייביקער משיח־וויזיע, איז די „חתונה אין פֿערנוואַלד" די גאולה־דראַמע פֿון אונדזער צײַט? איין זאַך איז קלאָר, זי פֿאַרענדיקט מיט די לאַגערן און גאַזקאַמערן פֿון נעכטן און שטראַלט אויס אַ נײַע האָפֿענונג, אַ נײַע מאָס בטחון און אַ באַגינען פֿון אַ נײַ לעבן. עס איז אַ גרויסער טייל פֿון דעם נײַעם לעבן, וואָס גייט איצט אויף אַזוי מזל־ברכהדיק אויף דעם באָדן פֿון מדינת ישׂראל.

(1959)

ברוך האַגער — דער חסידות־דערציילער

זינט דער נעאָ־ראָמאַנטיק אין אונדזער ליטעראַטור, איז חסידות אין דער מאָדע און געוואָרן אַ ליטעראַרישער יש. שוין מיט אַ דור־צוויי צוריק, האָבן זיך אַ ריי פֿון אונדזערע ראשונים מיט פּרצן בראש, גענומען פֿאַר־טיפֿן און ליטעראַריש זיך צו דערגרונטעווען צו די אַלטע פֿאָלקס־אוצרות וואָס האָבן סודותדיק געפּישופּט מיט זייער תּמימות און חן און פֿון דאָרט געשעפּט עמערוויַיז אינספּיראַציע פֿאַר זייערע מײַסטערישע שילדערונגען. זיי האָבן אויך בשעת־מעשׂה קינסטלעריש אינטערפּרעטירט און ברייט צע־עפֿנט די פֿאַרבאָרגענע מקורים פֿון חסידות, מיט זײַן שטייגער און לשון, מיט זײַנע מעשׂהלעך און נוסח פֿאַר דער מאָדערנער ליטעראַטור. פֿאַר דעם הײַנטיקן ספּיריטועל פֿאַראָרעמטן און אויסגעלײדיקטן דור, איז חסידות על־פּי־רוב געוואָרן אַן ענין פֿון ראָמאַנטישער נאָסטאַלגיע, פֿון בענקשאַפֿט נאָך דעם פֿאַרלוירענעם גן־עדן פֿון אַ זאַפֿטיקער, קוואַליקער ייִדישקייט, וואָס האָט רחבותדיק געפּלייצט אין אַמאָליקע דורות. מען שעפּט שוין נישט מער פֿון אייגענעם, לויטערן קוואַל, נאָר פֿון אַ צווייטער, דריטער האַנט, אָפֿט פֿון אָפּגעבליאַקעוועטע, אָפּגעניצטע כּלים, פֿון דעם וואָס עס טראָגט זיך אַ טוכלער ריח. ווער איז דאָס הײַנט נישט קיין מבֿין און גאָר אַ מומחה אין הלכות חסידות? ווער עס האָט נאָר אַ מאָל געהאַלטן אַ קליאַמקע פֿון אַ רבישער טיר אין זײַן האַנט, איז געוואָרן אַ גאַנצער בר־סמכא אינעם תּחום פֿון חסידות אין אַלע זײַנע גילגולים און רעליגיעזע מאַניפֿעסטאַציעס. יע־דער בעל־דמיון און בעל־הזיה, נעמט זיך איצט לערנען פּשט און אַרויס־זאָגן סבֿרות מיט גרויס התפּעלות און פֿרומער שײנגײַסטיקייט וועגן דעם דרך פֿון חסידישער מחשבֿה און זײַנע דערהויבענע געשטאַלטן. אַוודאי איז דאָס שוין נישט מער דער טיפֿער, הייליקער ברען פֿון דעם אַמאָליקן מאמין און מקובל, די טיפֿע אומרו פֿון דעם אייביקן אמת־זוכער וואָס וויל זיך דערשלאָגן צו דער סאַמע נקודה פֿון חסידישן חזיון. אַדרבא, וואָס טונקע־לער און מיסטישער דער ענין, קען מען זיך מער פֿײַנשמעקעריש פּשטלען, אינטערפּרעטירן און אימפּראָוויזירן, יעדער איינער אויף זײַן שטייגער און ביסל יכולת. אָבער בדיעבד זײַנען דאָס בלויז קונציקע, אַקטיאָרישע

שטיק מיט וואָס מען וויל אויסבאַהאַלטן דילעטאַנטיזם און אייגענע אומזי־כערקייט אין דער צעטומלעניש פון דער הײַנטיקער צײַט. אָבער דאָס איז בשום אופן נישט דער וועג כּדי צו דערגיין צו דער חסידישער נקודה, אויפּפּראַלן דאָס באַהאַלטענע ליכט וואָס שײַנט פון חסידות, אין זײַן גאַנ־צער תּוכיקייט און תּמצית.

*

לייענט מען איבער דאָס לעצטע בוך „אין גאולה אומרו" פון ברוך האַגערן, אַזוי דערזעט מען באַלד דעם חילוק צווישן אים און זײַן צוגאַנג צו דער פלאַדיקער וועלט פון חסידות, און אַ סך פון די הײַנטיקע אימ־פּראָוויזאַטאָרן און פאַרטײַטשער. דאָ רעדט צו אונדז נישט קיין פרעמדער, אַן אויסגעליידיקטער און אַ דרויסנדיקער, נאָר דווקא אַן אייגענער, אַ בן־בית, וואָס זײַנע שרשים ליגן טיף פאַרבאָרגן אין אָט דעם עסאָטערישן באָדן. ברוך האַגער איז אויסגעקנעטן פון אַ גאַנץ אַנדערן חומר, איינער פון די חסידישע בני־עליה און אַ שרײַבער אַ בעל־מדרגה. ער איז נישט בלויז אַ דיכטער פון אַ פאַרנעם, אַ יחיד במינו, מיט אַן אייגענעם רי־טעם און ניגון, נאָר גאָר אַ וואָגיקער חסידות־דערציילער, אַ קינסטלער מיט אַן אייגענעם לשון וואָס ער היט אָפּ און צערטלט גאָר שטאַרק. אין וואָס עס גייט האַגערן, דוכט זיך מיר, איז אין זוכן נײַע שטעגן, נישט אויסגעטראָטענע שליאַכן, נײַע פאָרמען מיט אַן אייגנדיקן ווערטער־אָפּ־קלײַב פאַר דער חסידישער מחשבה ווי ער האָט זי איבערגענומען פון זײַנע אָבות, די רבים. עס איז אויך בײַ אים נישט סתּם אידעאַליזאַציע מיט אַ מאַניעריסטישער סטיליזאַציע פון אַ רײַכן פאָלקלאָר־מאַטעריאַל און דורותדיקע מסורות, נאָר אַ געטרײַ, אָפּט נוסחדיק איבערדערציילן פון חסידישן דרך פון אמונה, פון הויכע רעיונות און טיפע השגות, איבער־געגעבן אינעם חסידישן אידיאָם, עכט און תּוכיק. האַגער איז ווײַט נישט קיין חסידישער אינטערפּרעטאַטאָר. פון זײַנע שורות און בילדער ריידן צו אונדז דורות חסידים, גרויסע ייִדן, בעל־מדרגות, מיט זייער אייגן לשון, מיטן קנייטש און תּנועות, מיט זייערע רמזים און סודותדיקייט. עס זײַנען לעבעדיקע, צאַפּלדיקע מענטשן, אַ גאַלעריע פון ווונדערלעכע פּאָרטרעטן פון דערהויבענע ייִדן, וואָס דער צער פון דער וועלט און פונעם יחיד לאָזט זיי נישט אײַנרוען. עס איז אַ קאָמפּליצירטע גאַמע פון געפילן, געדאַנקען און שטימונגען פון אַן אויפגעברויזטער צײַט, וואָס ראַנגלט זיך כּלות־הנפשדיק מיט גאָט און זײַן באַשאַף אין דער איי־

ביקער גאולה־אומרו. פאַר האַגערן דעם דיכטער איז חסידות, על כּן, נישט מיושבדיקער ראַציאָנאַליזם אָדער סתּם הוילע ראָמאַנטיק, וואָס צעגיסט זיך השתפכות־הנפשדיק און זוכט אַ תּיקון פאַר דער אייגענער אויסגע־ליידיקטקייט. פאַר אים איז חסידות סאַמע תּוך, מחשבה און נשמהדיקייט, און קודם־כּל אַ טיפע, עמאָציאָנעלע איבערלעבעניש. אין חסידות זעט ער אַ שטיק צאַפּלדיקע אויפגעשטורעמטע ייִדישע ווירקלעכקייט, פול מיט רעליגיעזן ברען, צעברויזטער חזיון און גאולה־אומרו, וואָס ער נעמט זיך קינסטלעריש צו געשטאַלטיקן. עס איז אַ ייִדישע ווירקלעכקייט מיט איר נויט און קדושה, מיט אירע יסורים און דערהויבנקייט אינעם טראָט פון דורות. דערפילן מיר טאַקע אין האַגערס בילדער און שילדערונגען, אַרומגעזוימטע מיט אַ סך רעליגיעזער עמאָציע, ווי האַגערס האַרץ איז צע־וועקט פון אַ הייליקער אומרו, צעשטורעמט פון ייִדישן ווייטאָג און אמונה־גלי, אַ חסידישע דבקות, וואָס לעבט אין אים מקורדיק און גזעדיק פון זײַנע רבישע אָבות.

בעצם איז האַגערס וועלט אַן אומרויִקע, אַן אויפגעשטורעמטע און אַ פאַריסורימטע. די נויט איז גרויס און גרויס איז אויך די תּשוקה צו גאולה. בשעת ער מאָלט מיט זײַנע זעלטענע פאַרבן, בילדער וואָס דער־מאָנען אַ רעמבראַנדטן מיט זייער סודותדיקייט און עמקות, די גרויסע, געלײַטערטע ייִדן מיט זייער כּלות־הנפשדיקן געראַנגל, האָט ער אויך אַן אויג פאַר דעם פּשוטן, פאַרהאַוועטן ייִד, דעם אומבאַהאָלפענעם און פאַרצרהטן, וואָס קלאַפּט אָן אין זײַן נויט אין די טירן פון די רבּיס, בעטנדיק אַ ברכה און הילף. האַגערס וועלט איז רײַך אין פּנימיות מיט אָן אַ שיעור רוחניות, ווו חיצוניות איז ממש נאָר אַ בײַזאַך, פּשוט כּדי צו דערהאַלטן דאָס חיות. אין דער וועלט מיט אירע פּראָסטאַקעס און מאמינים, מיט אירע שאַרפע קעפּ, זוכער־נאַטורן און גאולה־דאָרשטיקע, לעבט דער דיכטער האַגער. ער איז אַ טייל פון איר, איינער פון די רינגען וואָס פאַרבינדן דעם צעוואָרעמטן עבר מיטן אויפגעברויזטן הײַנט, און אפשר אויך מיט אַ מאָרגן וואָס זײַנע אומקלאָרע קאָנטורן זײַנען נאָך פאַרבאָרגן פון אונדזערע אויגן.

אַוודאי האָט חסידות געהאַט, ווי אַ סך אַנדערע רעליגיעזע און סאָציאַלע באַוועגונגען, נעבן דערהויבנקייט און עליות, אַ שפּאַר ביסל ירידות. ווי האָט דאָס גאָר געקענט אַנדערש זײַן? פאַרלירט דאָך יעדע באַוועגונג, ווי ריין און אידעאַל זי זאָל נישט זײַן אין איר באַגינען, אַ סך פון איר פרישקייט און אימפּעטיקייט אין אַ שפּעטערדיקער צײַט. איז דאָך

דער מרחק צווישן אידעאַל אוןווירקלעכקייט תּמיד אַ גרויסער. אַזוי איז דאָס אויך געווען מיט חסידות. נאָך די גרויסע אויפגײ־יאָרן, האָט חסידות אין די שפּעטערדיקע דורות פאַרלוירן אַ סך פון זײַן שאַפערישער מקור־דיקייט. עס האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ קאָנווענציאָנאַליזם מיט אַ רגילות, וואָס האָט געפירט באַרג־אַראָפּ, צו טעמפּקייט און אַ סקאַרבאָווער ייִדיש־קייט, אָן חיות און אָן חזיון. אָבער אינעם בראשית פון חסידות, מיט זײַן שטורעם און התלהבותדיקן אימפּעט, איז נאָך אַלץ געווען צאַפּלדיק־פריש, קוואַליק און ליכטיק. פון די צעברויזטע, צעוועקטע הערצער האָט געשפּאַרט רעליגיעזע עמאָציע און אַ פּנימיות, וואָס האָט זיך דבקותדיק צעזונגען מיט אויסערגעוויינטלעכער תּשוקה און לעכצונג צום אין־סוף. פאַר אָט די דערהויבענע מענטשן איז די וועלט געווען בלויז אַ ראַם, אַ לבוש וואָס האָט פאַר זיי מעגלעך געמאַכט משׂיג צו זיין די הוויות העולם, אָבער אין איר האָט מען כּמעט ווי נישט געלעבט. די הייליקע אומרו איז געווען צו גרויס, אַז מען זאָל קענען צו לאַנג טראַכטן וועגן דעם ביסל עולם־הזהדיקייט. דאָס האַרץ אין זײַן השתּוקקות האָט זיך געריסן צו אַלץ העכערע הייכן און זיך געוואָלט מתייחד זײַן מיטן בורא־עולם. מען האָט געוואָלט אַראָפּוואַרפן וואָס גיכער דאָס ביסל חומר און זיך דערהייבן פון דער ערדישער שיפלות צו אָן אויסגעחלומטער וועלט פון אמת און שלמות. אין אָט דער סביבה פון פּנימיות און געלײַטערטער מחשבה איז אויס־געוואַקסן ברוך האַגער, און ער שעפּט פון דאָרט זײַן גײַסטיקע יניקה און שאַפערישע כּוחות. אין זײַנע איבערדערציילטע מעשׂיות פאַרנעמען מיר אַ בת־קול פון יענעם שווערן געראַנגל נאָך שלמות און גאולה פון די אַמאָליקע גרויסע ייִדן, זייער וווּנדערלעך פּירעכץ און מעשׂים. געטרײַ צו דעם סטיל פון דער חסידישער מסורה, רעדט טאַקע האַגער צו אונדז גאָר אָפט מיט סימבאָלן, מיט רמזים און אָנצוהערענישן. עס זײַנען אָפּגעהאַקטע, פראַגמענטאַרישע בילדער, צאַפּלדיקע אימאַזשן, אויסגעלײַטערטע אינעם שמעלץ־טיגל פון זײַן קינסטלערישן געמיט. ווי אין דער חסידישער מסורה, האָבן מיר אויך בײַ האַגערן נישט צו טאָן סתּם מיט אַ מעשׂה־שהיה, אַ שיינע, אַמוזאַנטע נאַראַציע, נאָר זי קומט אונדז עפּעס לאָזן הערן. אין יעדער מעשׂה ליגט אַ באַהאַלטענע כּוונה, יעדער משל האָט זיך זײַן נימשל. אַ מאָל איז דאָס אַ רבישע תּורה, מיסטעריעז, סודותדיק און פלאַדיק, וואָס דער צדיק טוט אָן אַ קאָנקרעטן, גשמיותדיקן לבוש, אַז מען זאָל זי פאַרשטיין. בעצם זײַנען דאָ אַרײַנגעפלאָכטן אַזוינע הויכע השׂגות און אַבסטראַקטע רעיונות, וואָס לאָזן זיך גאָרנישט אויסדריקן מיטן געוויינט־

לעכן לשון, מיט ווערטער און רייד. אַלץ איז דאָ עפּעס פאַרהוילן, רמז און סוד. האַגערס קינסטלערישע האַנט שאַפט פון אָט די ברעקלעך און פראַגמענטאַרישע סיפורי־מעשיות אַ ליטעראַרישע גאַנצקייט, וואָס אָטעמט מיט חנעוודיקער קוואַליקייט. פון יעדן שטריך און בילד וואָס ער צייכנט אונדז, פילט מען דעם נשמהדיקן ציטער, די כלות־הנפשדיקע בענקשאַפט צו געלייַטערטקייט און גאולה פון זייַנע יחידי־סגולה, פון וואָס האַגער איז בלי ספק איינער פון זיי.

אַפילו דאָרט ווו האַגער באַנוצט זיך מיט אַ סטיליזאַציע און אידעאַליזאַציע פון זייַנע אימאַזשן, פילן מיר זייער עכטקייט און מקורדיקייט. עס זייַנען צייַטיקע, אויסגעשטאַנענע קינסטלערישע שילדערונגען, פאַרטיפט און אַרומגעזוימט מיט אייגענער מחשבה און באַהויכט פון אַ גאולה־חזיון און עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען. אַזוי דערציילט אונדז האַגער מיט דיכטערישן צימצום און שפּראַך־אײַנגעהאַלטנקייט די מעשׂה פּלא פונעם גוואַלדיקן גאולה־אויפברויז, אין וואָס עס איז געווען אַרייַנגעטאָן מיט מוח און האַרץ די חבריא קדישא פון לובלין. די שיפלות איז גרויס, ייִדישע נויט האָט גאָר קיין ברעג נישט און מען קוקט אַרויס אויף גאולה. עס איז אַ צייַט פון גרויסע איבערקערענישן אין דער וועלט דרויסן, עס גייען אָן בלוטיקע מלחמות פון גוג ומגוג, צווישן דעם קייסער נאַפּאָלעאָן פון פראַנקרייַך און די קייסאָרים פון די אַנדערע, מעכטיקע מדינות. דאָס משקולת פון דער וועלט וואַקלט זיך צווישן כולו זכאַי און כולו חייב. די הערצער פון די גרויסע חסידישע מנהיגים פון יענעם דור זייַנען צעשטורעמט פון אַ טיפן גאולה־אויפברויז, אַ זוכעניש אין דער אַרומיקער פינצטערניש, כדי אַרוים פון דעם מן המצר. מען וויל מאַכן אַ סוף צו ייִדישע צרות און אַראָפּברענגען משיחן מיט כוח. ר׳ יעקב יצחק, דער חוזה פון לובלין, דער גרויסער בעל־מופת און בעל־דעה, האָט זיך אייַנגעעקשנט און וויל נישט אָפּלאָזן. האָט ער דאָס גוזר געווען אויף ר׳ הערשעלע זידיטשויוער, דעם מקובל און בעל־מדרגה, אַז ער זאָל צוהעלפן אין דער גרויסער פעולה מקרב צו זייַן די גאולה. „שטיל ווי אויף הוילע זאָקן גייט מען דאָ אַרום (אין זידיטשויווער הויף). געהיטן שטעלט מען אַ טריט פאַר אַ טריט, בלחש פאַרבייַט מען אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט. אויפן קול רעדט מען דאָ נישט, און דאָס דאַווענען אַפילו איז אויך נאָר אייַנגעהאַלטענער ברעז. און ווען ס׳זעצט שוין פון די ביינער, דערהערט זיך בלויז נישט מער ווי דער קאָכעדיקער ברום: האַ־האַ־האַ־האַ! אָבער זינט ער האָט זיך אומגעקערט פון לובלין, דאָס לעצטע מאָל, איז

שוין בלויז אויפֿן אויג, אויפֿן אויער... אַ פֿײַערדיקע שווערד הענגט איבערן גורל פֿון דער וועלט... ר׳ הערשעלע זיצט דאָרט פֿאַרבויערט און פֿאַר־דמיונט אין די גלגלים און אין צירופֿים, ער מעסט און חשבונט צײַטן און תּקופֿות פֿון אָנהייב אָן פֿון באַשאַף. דער לובלינער האָט אַזוי געהייסן, אויף אים גוזר געווען״ (ז. 22).

דער דרך פֿון זידיטשויוער איז לויטער התבוננות, פּאַרטאָענקייט אין הויכע השׂגות, ווי נישט פֿון דער וועלט. גייט ער אַרויס „פֿון זײַן פֿאַר־באַרגעניש, באַווײַזט ער זיך פֿאַר דער טיר פֿונעם אויבערשטיבל, דאָס פּנים ווי פֿונעם פֿײַער אַרויסגענומען, און די אויגן נאָך פֿאַרטונקען אין געשפּין פֿון געדאַנק, שטייט ער ווי פֿאַרבלאָנדזשעט פֿון וועג און דער־כאַפּט זיך ערשט. דערזעענדיק פּנימער פֿינצטערע פֿון פּײַן און באַוואָשן פֿון געוויין...״ (ז. 23). דערפֿאַר אָבער, בשעת אינעם אויבערשטיבל פֿון זידיטשויוער איז אַלץ אײַנגעהילט אין אַ התבודדות, אין זוכענישן און תּורה־לערנען, טוט מען אונטן, אינעם רבישן הויף, דאָס וואָס די הייליקע תּורה לערנט. אין קורצע, געצוימטע שורות גיט אונדז האָגער אַ פּרעכטיק בילד פֿון דעם חסידישן שטייגער, פֿון מעשׂים־טובֿים, גוטסקייט און אַהבֿת־ישׂראל, מיט וואָס עס עסקט זיך און איז פֿאַרקאָכט די רבישע משפּחה, די ווײַבער און דאָס הויזגעזינד. „שטיבער־וועלדער, אין איין שורה, מיט אָפֿענע טירן צווישן געסקלעפּעוועטע סטעליעס און גע־סקלעפּעוועטע ווענט, שטייען אין גרויסן רעש; געמורמל אויף תּפֿילה־דיקע ליפּן, האָוועניש פֿון רירעוודיקע הענט און טריט געאײַלטע, הין און הער, רוישן צעטראָגנדיק. און ס׳איז אַ האָסט אָן אָן אָפּשטעל, אָן אײַניאָגעניש ווי פֿאַר ליכטצינדן, טאָג ווי נאַכט, אַלע טעג״ (ז. 25). מ׳קאָכט, מ׳באַקט, מ׳גרייט פֿאַרן עולם הונגעריקע ייִדן, אָרעמע און באַדערפֿטיקע, אַז זיי זאָלן עסן צו דער זעט. אין קיך, מיט אירע משרתים און צעפּלאָמטע, ציכטיקע קעכינס, גייט אָן בנאמנותדיק און מיט גרויס ליבשאַפֿט די זידיטשויוער רביצין מיטן געזעמל פֿון טעכטער און שנורן, מיט איר הייליקער אַרבעט. „און ס׳צעפּעכלען זיך גילדן און זילבערן געבלעטערטע זײַדענע טיכלעך, זוימענדיקע, לענגלעכע דורכגעליכטיק־טע פּנימער און מיט אויגן, מאַנדלען אין האָניק געטונקען, צווישן די זאָלצבררעטער. און ס׳בלישטשען סאַמעטענע ברוסטטיכער מיט פּערל און געהאָפּטן מיט פֿעדעם פֿון גאָלד, אויף לאַנגע אַטלעסענע קליידער, בײַ די אויפֿגייענדיקע טייגן. און ס׳פֿלאָטערט שטיל פֿון צניעותדיקע ליפּן תּחינה־דיק געשעפּטש״ (ז. 26). גרויס איז די מיצווה פֿון הכנסת־אורחים בײַ

ייִדן, אָבער נאָך גרעסער איז אפשר די מיצווה פון אַ מתּן־בסתר, פון שטילער הילף פאַר דער באַהאַלטענער, באַדערפטיקטער אָרעמקייט. דאָס טוען טאָקע „פאַרשלאָסענע בלייכע צורות, מיט געקרייַזלטע פּאות, און מיט שאַטנדיקע שווערע בערד — משולחים! און ס'זייַנען די עובֿדות זייערע פאַרשלאָסן ווי ס'זייַנען די צורות זייערע". זיי גייען דאָס „מיט דער לענג פונעם טאָג, גאַס איין גאַס אויס, נישטערן אין פאַרוואָרפענע געסלעך און שפּייַען (זוכן) אין פאַרגעסענע ליקלעך, אויסצוגעפינען וווּ ערגעץ ס'פינצטערט נישט די נויט" (. 27). באַהאַלטענערהייט לייגן זיי אַוועק אונטער טירן געלט אויף די הצטרכותן פון דער וואָך. אונטער די פאָלעס פון זייערע לאַנגע שוואַרצע קאַפּטאַנעס „טראָגן זיי יאַכלעך צו קראַנקע, צוגעקליבענע מאכלים פאַר זקנים, וואָס האָבן נישט ווער ס'זאָל האָבן זאָרג פאַר זיי". עס איז אַ צניעותדיקע, שיינע וועלט, וואָס האַגער האָט גענומען אויפלעבן פון דער ווייַטער ייִדישער אַמאָליקייט, אימאַזשן וואָס ער מאָלט מייַסטעריש מיט שפּאָרעוודיקע, צאַרטע קאָלירן.

אויב די ראשונים פון חסידות זייַנען געווען קעגן דער אַקטואַלי־זאַציע פון גאולה, האָט אַ דור־צוויי שפּעטער דווקא געוואָלט אַראָפּ־ברענגען משיחן מיט כּוח. די אומרו און גלוסטעניש איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט ממש גענומען אייַנרייַסן די הימלען כּדי צו ברענגען די גאולה. גרויסע בעל־מדרגות מיטן לובלינער בראש האָבן זיך אייַנגע־עקשנט און געוואָלט מאַכן אַ סוף צום ייִדישן גלות און זייַן גייַסטיקער שיפלות. די אומרו און קאָכעניש אין לובלין איז געווען אַזוי גרויס, אַז איסרו־חג פון שבֿועות קאַיאָר, לאָזט דער לובלינער שפּאַנען די בוידן צו פאָרן קיין קאָזשעניץ צום מגיד. „דער אַלטער האָט נישט געוואָלט גיין אין פייַער אַרייַן, וועלן מיר אים איצט נעמען אויף כּוח", האָט דער לוב־לינער אַ זאָג געטאָן. אין לובלין איז געווען אַ מצבֿ פון אַ גוואַלדיקער התרוממות. „זיי האָבן זיך געגרייט חדשים אויף חדשים, גערייניקט און געהייליקט דאָס לייַב און דאָס נפש. מען האָט זיך צעשרויפט יעדעס אבֿר, יעדעס גליד, צעלאָזט עס אויפן פייַער און איבערגעגאָסן. ס'האָט יעדער איינער געפּוצט, געגלאַנצט די נשמה און טאָג פאַר טאָג אַרויסגענומען פון דער האַרצטיפעניש און אויף דער האַנטפלאַך געשפּיגלט קעגן דער זון" (ז. 51). עס איז געווען אַ שווערע האַרעוואַניע, אַן עבֿודה פון דבֿקות און אמונה־גלי אין וואָס די הייליקע חבֿריא האָט זיך געהאַט אַרייַנגעוואָרפן מיט מוח און האַרץ, כּדי צו ברענגען די גאולה. דער עיקר, אַז דער משולש, דער בונד פון דער דרייַגעשטעל, וואָס מען האָט געקאָוועט אין דער קייט,

די אײַזערנע אמונה אין זייער רבין, זאָל נאָר אויסהאַלטן. מאַכט זיך, אַז איינער פון די שטאַרקסטע רינגען אין דער קייט, דער גרויסער בעל־מוח, דער ייִד הקדוש, איז אַרויסגעפאַלן. ער איז אַוועק קיין פשיסכע און גע־נומען פירן פאַר זיך. צייכנט האַגער אָפּ אָט די גרויסע געשטאַלט פון ר׳ יעקב יצחקן, דעם פשיסכער, וואָס האָט אַרויסגערופן אַן איבערקערעניש אין דער שיטה פון חסידות, מיט אַזוינע ליכטיקע, רמזימדיקע שטריכן. „ס׳האָט דאָך פון אים געברויזט אַ געזאַנג. ער איז דאָך נישט געגאַנגען, ס׳האָט אים געטראָגן איבער דער ערד און אַ פײַער האָט זיך פון אים גע־טראָגן איבער דער ערד און אַ פײַער האָט זיך פון אים געצונדן וואָס האָט אַלעמען פאַררינגלט אין פלאַם״ (ז. 54). ער, דער פאַרדבקותדיקער, צע־פלאַמטער ייִד, אַ סנה בוער, וואָס ברענט און פאַרלעשט זיך נישט, קען נישט גיין אויפן וועג פון זײַן חבר און רבין, דעם לובלינער. מען טוט דאָרט אָפּ מעשׂים כּדי דוחק צו זײַן דעם קץ. דאָס איז נישט זײַן דרך.

עס איז אַ קאַפּיטל פון גרויס התעוררות, פון אויפברויז און אָנ־שטרענג, וואָס האָט אַרומגענומען די וועלט פון חסידים אין יענעם דור, כּדי צו מאַכן אַ סוף צו דער שיפלות און ברענגען די גאולה אויף דער וועלט. פאַרן לובלינער גופא איז דאָס געווען אַ שווערער געראַנגל. אין זײַן דמיון האָט ער געזען, ווי ס׳איז אים געשטאַנען אין שפּיל צו פאַר־לירן די וועלט און יענע וועלט. „אַראָפּגעקומען איז ער אַהער, אויפן עולם העשׂיה, מיט אַ גרויס שליחות, מיטן תּיקון אין קעשענע אויסצולייזן די וועלט. וואָרעם ווען נישט מיט דעם בטיחות, וואָלט מען בײַ אים נישט געפּועלט, אַפילו די גאַנצע פמליא של מעלה נישט!״ (ז. 71). עס איז גע־ווען אַ לאַנג צוגרייטעניש און אַ שווערע עבודה, אָבער די וועלט איז צעטיילט און צערודערט. עס גייען אָן רכילותן און קריגערײַען. נישט אַלע קענען גיין מיטן אימפּעט און דעם בטיחות פון לובלינער. ער, ר׳ יעקב יצחק, דער חוזה, גייט מיט פעסטע, זיכערע טריט. גאָרנישט האָט אים אָפּגעשטעלט. טענהט ער: „זייערע אויגן זײַנען פאַרשמירט. זיי זעען נישט דאָס ליכט וואָס ס׳גייט פאַר אונדז אויף״. פאַרעט מען זיך עקשנות־דיק ווײַטער אין לובלין און עס פאָרן די בוידן מיט שאַרפע חסידים מיטן לובלינער בראש צו דעם מגיד קיין קאָזשעניץ. די הערצער זײַנען צע־שטראַלט, פול מיט חדווה און אמונה־גלי. אין קאָזשעניץ וועט געשען די גרויסע פּעולה. אָבער „אַ צאָרן איז אַראָפּגעפאַלן און ווי אַ ווילד אָפּרײַ־סעניש בטל געמאַכט די גאַנצע הייליקע האָרעוואַניע, די הכנות פון לאַנגן ערב פאַרן לאַנגן אייביקן טאָג״. עס קומט אַ גרויס פאַרדרייעניש

און אַ פאַרבלענדעניש. די פערד בלאָנדזשען, בלײַבן שטיין, נישט צו גע־פינען דעם וועג. פון הימל האָט מען נישט צוגעלאָזט, אַז די צוויי צדיקי־הדור זאָלן זיך טרעפן און אויספירן זייער גאולה־שליחות. ערשט נאָך אַ וואָך פאַרעכץ און בלאָנקענישן האָבן זיך די בוידן דערשלעפּט ערב שבת אין אַ שטעטל, ווו מען האָט געהאַלטן שבת. דער פינאַל איז אַ טראַגי־שער. דאָ האָט דער לובלינער, אַ צעפלאַמטער און צעברענטער פון זײַן דבקותדיקן אָפּשײַן, געפונען אין זײַן אַלטיטשקן דרדקי־מלמד, וואָס האָט אויף אים אַרויסגעקוקט אַ גאַנץ פאַרחשכטע לעבן, דעם גילגול פון משיחן. דווקא אין דעם אָרעמען, אויסגייענדיקן אַלטן מלמד, מיט אַן אָפּ־געגנומענען לשון, זעט האַגער אַ ניצוץ פון משיחן, וואָס וואָלט ביכולת געווען צוזאַמען מיטן פאַררעיונטן לובלינער אויסצולייזן די וועלט. קלינגט טאָקע סודותדיק אויס אָט די אויסטערלישע באַגעגעניש צווישן דעם אַלטיטשקן מלמד און זײַן גרויסן תּלמיד. ס׳איז אַן אָרעמע, שבתדיקע סעודה, באַשײַנט פון צוויי גראָשנדיקע ליכטלעך וואָס גייען נישט אויס, אָבער דער לובלינער איז „אָנגעצונדן, צעברענט פון זײַן „אור־הנפש״ און פּראָוועט טיש לאַנג, ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן״. „און ס׳איז דאָס קליינע ענגע שטיבל, מיטן פינצטערן נידעריקן בעליק, געררוים געוואָרן און הויך צע־שוועבט. און אַ ליכטיקייט אַ באַגילדנדיקס האָט געשלאָגן פון די סיווע און געהויקערטע ווענט״ (ז. 77). דער אַלטיטשקער מלמד גייט אָבער אויס אונטער זײַנע הענט, און מיט אַ שווער געמיט רופט דער לובלינער אויס: „פאַרשפּעטיקט... מיר וואָלטן אים דערשלעפּט צו דער מלווה־מלכּה — וואָלט ער קיין ברירה נישט געהאַט, דער בן־ישי, קיין ברירה נישט...״ (ז. 79).

דעם לובלינערס הענט זײַנען געוואָרן אָפּגעשוואַכט. דער בונד פון דער חבריא קדישא איז זיך צעפאַלן. מען האָט דעם נסיון נישט אויס־געהאַלטן. אַ סברא, אַז דער דור איז נישט ראוי געווען. אין איין יאָר, כּמעט צו דער זעלביקער צײַט, זײַנען אַלע דרײַ גלידער פון דער גיל־דענער קייט, דער חוזה פון לובלין, דער ייד הקדוש פון פּשיסכע און ר׳ ישׂראל, דער קאָזשעניצער מגיד, ניפטר געוואָרן. אַ שיינער חלום איז אויסגערונען, משיח איז נישט געקומען. די פאַנטאַזיע פון פאָלק האָט גע־שפּינט אַ ליכטיק געוועב אַרום די דרײַ חסידישע גדולים, זייער גערײַנגל, עקשנות און התרוממות, וואָס ברוך האַגער האָט אויף זײַן אייגנדיקן אופן קינסטלעריש פאַרטיפט און געשטאַלטיקט.

חסידות איז אָבער נישט תּמיד געווען אויסגעטאָענקייט פון דער

װעלט, פֿאַרטראַכטקײט אין הויכע רעיונות, נאָר האָט אויך געהאַט אַן אויג און אַן אויער פֿאַר דער טעגלעכער נויט און אָרעמקײט פֿון ייִד. קומען טאַקע אין האַגערס פּרעכטיקער דערציילונג „דער צדיק", צו ר' מאירל פּרעמישלאַנער, פּראָסטע ייִדן, עמך־ייִדן, מיט זייערע װאָכעדיקע, ערדישע זאָרג: פּרנסה און געזונט. זײ האָבן נישט די גלוסטונג צו זײַן אין אײנעם װי אײן גרויסע, געלײַטערטע און צעפּלאַמטע עדה בײַם רבינס שבת־יומטובדיקן טיש און זיך אָננעמען מיט קדושה. צו אַט דער מדרגה זײַנען זײ נישט דערגאַנגען. קומען זײ קײן פּרעמישלאַן צו ר' מאירן בעטן הילף אין אַ נויט. איז ער זײ מקרב און האָט פֿאַר יעדן אַ גוט װאָרט, װאָס איז מזל־ברכהדיק. פֿאַרשטײט זיך, אַז שאַרפֿע חסידים און בעל־מדרגות האָבן אויף ר' מאירלען פֿאַראיבל. זײ האָבן טענות, זײ געפֿעלט נישט זײַנע דרכים און פּירעכץ. ער נידערט אַראָפּ צו טיף צום המון, „ני־דערט די מדרגות".

אָבער װיפֿל מענטשלעכע דערהויבנקײט שײַנט אַרויס פֿון די התנהגות פֿון אָט דעם זעלטענעם בעל־רחמים. זײַן האַרץ גײט ממש אויס צו די דערשלאָגענע, פֿאַראָרעמטע און געראָדפֿטע ייִדן, װאָס זוכן בײַ אים אַ תּיקון פֿאַר זײער נפש און חיות. „ס'איז דאָך גאָטס רחמנות אויף ייִדן, אויף געשטראָפֿטע, אויף געשלאָגענע נפשות. ס'ברעכט זיך דאָך אײַן ס'האַרץ", רופֿט אונדזער דיכטער אויס צוזאַמען מיט ר' מאירלען. אַזוי איז ער שוין תּמיד געװען. שוין קלײנערהײט, אַ חדר־ייִנגל בײַ זײַן אָרעמען פֿאָטער אין דער הײם, האָט ער אַרויסגעװיזן אַן אַ שיעור ליבשאַפֿט צו אַלץ, צום מינדסטן באַשעפֿעניש, צום ליכטיקן גרעזל װאָס גרינט, צי אויפֿן פֿעלד צי אין װאַלד. הײַנט ערשט זײַן אהבת־הבריות האָט דאָך גאָר קײן ברעג נישט. װי אַ געטרײַער פּאַסטעך היט ער זײַנע שאָף, אַז עס זאָל נישט געשען קײן בײז. פֿאַרבענקט ער זיך צו גאָטס שײנער װעלט, לאָזט ער אַלץ שטײן און ליגן און גײט אַװעק אין די װעלדער און אויף די בערג. דאָרט, אין זײַן התבודדות, אויף דער פֿרײַער, ליכטיקער נאַטור, װאַרפֿט ער אַראָפּ פֿון זיך דעם רבישן האַרמידער און פֿאַרנומענקײט. איז ער זיך מתייחד מיטן בורא־עולם און דערפֿרישט באַגלײַך זײַן צעטראָגן געמיט. איז אָבער די װעלט נישט בלויז לײַטזעליקײט און ליבשאַפֿט. אין איר לעבט אויך אַ שפּאַר ביסל שקר און שינאה. רבישע קינדער און אײניקלעך מיט זײער האָפֿערדיקײט און גדלות, קענען אים נישט מוחל זײַן דעם ביטול װאָס ער האָט צו זײ. לעבן זײ דאָך מיט זײער זכות־אָבות, און ער האָט געמוזט שװער האָרעװען אויף דעם ביסל זכות־עצמו. פֿאַרגינט מען

אים דאָס נישט. האָבן מיר דאָ אַ פײַן־געצייכנטע קאָנפראָנטאַציע צווישן די אײַנגערעדטע, גאַווהדיקע יורשים פון יִחוסדיקע, יוסטע רבישע די־נאַסטיעס און דעם פאָלקסטימלעכן, צניעותדיקן ר׳ מאירל, דעם כלומרשט־אויפגעקומענעם צדיק, וואָס איז דערגאַנגען צו אַ הויכער מדרגה מיט איי־גענע כוחות, — אַגב, אַ באַקאַנטער מאָטיוו סײַ אין פאָלקלאָר און סײַ אין דער ליטעראַטור.

דאָס קורצע, תוכיקע בילדל „ר׳ ברוכל״ איז אַ פּערל אין דער חסידי־שער דערציילערישקייט. הן אין מחשבה און הן אין זײַן אייגנדיקער ליטע־ראַרישער פאָרעם. ווייס איך נישט, וואָס דער אַמאָליקער צדיק ר׳ ברוכל קער זיך אָן מיט אונדזער ברוך האַגער. די גזע איז די זעלביקע. פילט זיך צווישן די שורות אַ נשמהדיקע נאָענטקייט פון אָט דער דערהויבענער געשטאַלט פון ר׳ ברוכלען און דעם קינסטלער ברוך האַגער, וואָס שטאַמט אַפּנים אָפּ פון אים. דער יִחוס־בריוו איז גרײַלעך פאַראַן. שוין פון קינד־ווײַז אָן, לאָזט אונדז האַגער הערן, איז ר׳ ברוכל, דער וויזשניצער, גע־ווען אויסגעטאָן פון גשמיות און וואָכעדיקע ענינים. דבקותדיק האָט ער זיך געריסן צו רוחניות און שלמות. זיצט ער איצט, נאָכן פאַטערס לוויה, אויף זײַן רבישן שטול, רײַסן ייִדן אײַן טיר און טויער. גרויס איז די נויט, אַ העלפט פון וויזשניצע שווימט אין אַ מבול, אָבער מען לאָזט קיינעמען נישט אַריבער איבער זײַן שוועל. „וואָס וועט ער פועלן, אַז ער איז גאָר אין גאַנצן נישט אויף דער וועלט!״ מיט האַגערס אַ רמז דערזעען מיר די ליכטיקע געשטאַלט פון אָט דעם בן־גדולים און זײַן דרך פון מחשבה. ער איז „מלא פנימיות. דער קאָפּ איז בײַ אים אַן אינעווייניקסטער. די פאַרע שלאָגט נישט אַרויס. און די אהבה צו גאָט און צו מענטשן איז אַ טיף פאַרבאָרגענע, אַ פאַרגראָבענע...״ (ז. 97). און האַגער איז מוסיף מיט אַ שאַרפן, פילאָסאָפישן זאָג, אַז בײַ אים איז „מער פון דער מיצווה אַליין, דער ברען מקיים צו זײַן די מיצווה״. אַזוי זעט אים דער דיכטער אין זײַן גאַנצער מיסטישער עמקות און טיפער ערלעכקייט. עס איז נישט תּמיד דאָס חיצוניות פון דער מיצווה, די קאָנוועניץ און דער הרגל, נאָר טאַקע די התרוממות, דער ברען און דאַרשט צו טאָן די מיצווה, אין וואָס עס גייט אָט דעם געלײַטערטן ייִד און מסתּמא אויך האַגערן גופא.

ר׳ ברוכל, ווי אַ סך באַהויכטע גײַסטער, האָט זײַנע ספקות, זײַן וויסעוודיקייט און יכולת זײַנען באַגרענעצט. קלאַפּן ייִדן בײַ זײַן טיר נאָך הילף, געזונט און שפע, איז ער אָבער אַרײַנגעטאָן אין אַן אַנדערער וועלט, אַ וועלט פון פנימיות און מדרגות. אויף זײַנע שוואַכע פּלייצעס קען ער

בײַ קיין שום אופן נישט טראָגן דעם שווערן עול פון אַ ציבור ייִדן, זײַנע טעגלעכע דאגות און יסורים. „אַ מנהיג, טענהט ער, מוז קודם־כל זײַן אַ בעל־כּוח — אַ גבר!" און קבליש־חסידיש איז האַגער מוסיף: „דער מנהיג מוז אין זיך כּולל זײַן אַלע מדרגות פון דור — שלעכטס און גוטס. און דאָס גוטע באַדאַרף ער דערהייבן צו די הייכן, און דאָס שלעכטע מוז ער אויסברענען און צעבלאָזן עס מיטן ווינט". דערצו מוז מען אָבער האָבן כּוח, אַ סך גבורה. „אַזוי פיל אַכזריות אין זיך, צו קענען איבערטראָגן ייִדישן צער..." שטייט ער פאַר דער וועלט „אַ פאַרלוירענער, אַ צעבראָכענער ווי אַ פאַרמשפּטער צו גרויסער שטראָף". טענהט ער זיך אויס תּחנונימדיק מיטן עולם: וואָס וויל מען פון אים. ער האָט נישט דעם כּוח פון זײַנע אָבות. צו זײַנע זיידעס זײַנען ייִדן געפאָרן נאָך רוחניות. שוין בײַ זײַן טאַטן איז געווען אַנדערש. „די השׂגות זײַנען שוין געווען געפאַלענע. האָט ער אָבער מיט איין קאַפּיטל תּהילים געקענט אויפרײַסן די שערי־רחמים און מיט זײַנע תּפילות צעברעכן די הימלען. איך — איך קאָן אויף זײַן וועג נישט גיין... און ייִדישע צרות, ייִדישע זאָרג וואַרפן מיך פון די פיס... כ'האָב קיין כּוח נישט..." (ז.100). האָבן מיר אויך דאָ צו טאָן מיט אַ באַקאַנטן מאָטיוו, וואָס פּרץ האָט קינסטלעריש סובלימירט אין דער „גאָלדענער קייט" און וואָס האַגער האָט אויף זײַן אופן מיט חסידישן גלי דערציילעריש געשטאַלטיקט.

האַגער איז אָן ספק איינער פון אונדזערע פײַנסטע פּראָזאַיִקער, אַ ראָמאַנטיקער פון חסידות, מיט זײַן מקורדיקער מחשבה און אַן אייגענעם, געצערטלטן לשון. פון דעסטוועגן איז שווער מסכּים צו זײַן מיט איינער פון זײַנע הנחות מכּוח דער אַלטייִדישער ליטעראַטור, אין זײַן וואָגיקן און תּוכיקן אַרײַנפיר „דרך חסידות". האַגער איז אַזוי שטאַרק אײַנגעליבט אין דער דערהויבענער מחשבה פון חסידות און זײַן נוסחדיקן לשון, אַז ער רעדט מיט אַ געוויסן ביטול וועגן דער קדמון־ליטעראַטור אין ייִדיש און אירע קינסטלערישע ווערטן. פילט זיך די איראָניע, בשעת ער זאָגט, אַז „הונדערטער יאָרן האָט ייִדיש לשון געבלאָנדזשעט אין פרעמדע וועלדער, גענומען אויף זיך ווילדפלייש — ווי 'די ניבעלונגען זאַגאַ' — ווי די אויסטערלישקייטן פון 'קעניג אַרטורס הויף', און אָנגעלאָדן זיך מיט מעשׂיות פון פּיפּערנאָטערס און פאַרזעענישן. צו דער אייגענער מעשׂה, צום אייגענעם חלום איז דער וועג געווען פאַרשיט".

איז דאָס אַ חידוש וואָס האַגער דער ליטעראַטור־קענער און פײַנער שרײַבער, זאָל נישט האָבן דערשאַצט די ווערטן פון דער אַלטייִדישער

פאָלקסליטעראַטור, מיט איר תוך און קוואַליקייט. אַוודאי האָט חסידות אָפּגעפרישט דעם מקור פון ייִדיש, אים באַרײַכערט און אויסגעאיידלט. אָבער ביז צו יענער צײַט האָט לשון ייִדיש נישט סתם אַרומגעבלאָנקעט אויף פרעמדע פעלדער און געווען אָפּגעלאָזן. דאָס איז נישט דער דרך ווי אַזוי אַ לשון שאַפט זיך. אַ שפּראַך בײַ אַ פאָלק ווערט נישט געבוירן איבער נאַכט. זי גייט אַדורך פאַרשיידענע גילגולים, וואַקסט, צײַטיקט זיך אויס ביז זי ווערט אַ ליטעראַרישע כּלי. מוז מען אויך דערמאָנען דעם שיינעם חסידות־דערציילער, האַגערן, אַז אין די קדמון־טעג פון ייִדיש־לשון האָט זיך געהאַט צעבליט אַ רײַכע, קאָלירפולע און פילפּנימדיקע פאָלקס־ליטעראַטור, וואָס האָט רחבותדיק געפלייצט אין די ייִדישע יישובים פון אַמאָל. צי ייִדן האָבן געלייענט די „ניבעלונגען זאַגאַ” צי נישט, זיכער איז, אַז די אַלט־ייִדישע דיכטערס און זינגערס האָבן זיך באַנוצט מיט דער אַלט־דײַטשער ניבעלונגען־סטראָפע בײַ דער באַאַרבעטונג פון פרעמדע עפּישע ווערק און פאַנטאַסטישע ריטער־ראָמאַנען. זיי האָבן די פרעמדע סטראָפן צוביסלעך פאַרייִדישט און צוגעפּאַסט פאַרן געשמאַק פון ייִדישן עולם. אָבער אַחוץ די „אויסטערלישקייטן פון קעניג אַרטורס הויף” (אַגב, זאָל מיר האַגער מוחל זײַן דעם טעות, מחמת דער אינטערנאַציאָנאַלער ריטער־ראָמאַן וואָס אַ ייִדישער זינגער האָט באַאַרבעט, הייסט אין אָריגינאַל „קעניג אַרטיש הוף”), האָבן ייִדישע זינגערס פון 15טן יאָרהונדערט. אויך געשאַפן אַזעלכע נאַציאָנאַלע און קינסטלעריש־תוכיקע עפּאָסן ווי דאָס „שמואל בוך”, דאָס „מלכים בוך” א.אַ., וואָס זײַנען בפירוש אַ צירונג פאַר דער אַלטער ליטעראַטור. הײַנט ערשט די צײַטיקע ליטעראַרישע שאַפונגען פון אליהו בחור, זײַן „בבא בוך” און „פּאַריז און וויענאַ”, וואָס זײַנען גע־ווען אין זייער צײַט אַ גרויסער קינסטלערישער אויפטו און דורות ייִדן האָבן זיך מיט זיי געקוויקט.

ווער שמועסט נאָך וועגן דער ייִדישער מעשׂה ? עס וואָלט געווען אַ טעות צו גלייבן, אַז דער וועג צו איר איז געווען פאַרשיט. אַדרבא, דווקא די מעשׂה, דער משל און די פאַבולע, מיט איר כּישוף און תּמימותדיקן חן, איז געווען אַ לעבעדיקער טייל פון דער רײַכער, קאָלירפולער פאָלקשאַפונג, וואָס איז נישט בלויז צניעותדיק געפלאָסן אין די מוסר־ספרים פון דורות, נאָר אויך רחבותדיק און שאַפעריש געפלייצט בײַ ייִדן מיט אירע שטאָפן און מאָטיוון פון קדמונים. עס איז געווען אַ ליטעראַרישער זשאַנער, וואָס האָט זיך תּחילתדיק געוועבט בעל־פּה, פון דור צו דור, און דערנאָך געוואָרן פיקסירט און געזאַמלט אין אַלטייִדישע כּתב־ידן און דערנאָך דערשײַנט אין

אַ בוך־פֿאָרעם. דאָ געהערט אַרײַן דאָס באַרימטע „מעשׂה־בוך", דאָס שפּעטערדיקע ספר „מעשה נסים", „מעשה ה׳" א.אַ. זיי האָבן דאָס באַווירקט דעם מעשׂה־נוסח פֿון חסידות, וואָס האָט געצויגן זײַן יניקה פֿון אָט די אַלטע מסורות און מקורים. פֿון דעם קוואַל האָבן אויך אין די לעצטע צוויי דורות געשעפּט זייער חזיון און אינספּיראַציע אַזוינע קינסטלערס ווי אַ שטייגער י. ל. פּרץ, מ. י. בערדיטשעווסקי, יהודה שטיינבערג, ש. י. עגנון, און אים צו לאַנגע יאָרן, אונדזער מחבר גופא. דווקא דאָס צײַטיקע, תּוכיקע און שפּראַך־אָפּגעהיטענע בוך „אין גאולה אומרו" זאָגט בפּירוש עדות אויף אָט דער המשכדיקער קייט פֿון יצירה אין אונדזער ליטעראַטור. האַגערס טעות מכּוח דער חשיבות פֿון דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור און איר לשון, איז נאָר, וואָלט איך געזאָגט, אַ שיינקייט־פֿעלער, וואָס מינערט לחלוטין מיט גאָרנישט דעם באַטײַט און הויכן ליטעראַרישן ווערט פֿון זײַן קינסטלערישער שאַפֿונג. זי איז אין זיך כּולל, ווי בײַ זײַן שטאַמזיידן ר׳ ברוכל, אַלע מדרגות פֿון מחשבה און פּנימיות, און גליט מיט אַ כּלות־הנפֿשדיקן פֿײַער פֿון חסידישער התרוממות און גאולה־אומרו.

(1971)

אַ דײַטש־ייִדישער חשבון־הנפש

עס איז מיר שוין אויסגעקומען זיך אָפּצושטעלן אויף די שפּאַלטן פון דער „צוקונפט” אויף די שריפטן און וואָגיקע פאַרשונגען, וואָס עס גיט אַרויס מיט אַ סך וויסנשאַפטלעכער פּינקטלעכקייט דער „לעאָ בעק אינסטי־טוט” פון דער שארית הפליטה פון דער אַמאָל אַזוי גרעאַטענער און ייִחוס־דיקער ייִדישקייט אין די דײַטש־שפּראַכיקע לענדער. דער תּחום פון די פאַרשונגען נעמט נישט בלויז אַרום דעם גאָענטן עבר, מיט זײַנע אימפּאָ־זאַנטע אויפטוען און קולטור־דערגרייכונגען, נאָר שפּאַרט אויך בשעת־מעשׂה אָן ביז צו די דורות פון דער השׂכּלה מיטן אויפגיי פון דער חכמת ישׂראל, דעם קאַמף פאַר עמאַנסיפּאַציע און דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן אויפ־שטײַג, וואָס האָט אַרויפגעלייגט זײַן בולטן חותם אויף דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג און דעם שפּעטערדיקן וווקס פון דעם דײַטש־ייִדישן קיבוץ. עס איז אַ ביז גאָר אינטערעסאַנט און אינסטרוקטיוו קאַפּיטל אין דער מאָדערנער ייִדישער געשיכטע פון אַקומולירטע פאָלקס־ענערגיעס וואָס האָבן זיך בשעת הכּושר געגומען רײַסן אַרויפצו מיט ענערגיע און אימפּעט און באַוויזן דער וועלט וואָס זיי קענען אויפטאָן. איז דאָס טאַקע חל געווען אויף כּמעט אַלע געביטן פון עפנטלעכן לעבן, סײַ אין דער ווירטשאַפט און סײַ אין דער פּאָליטיק, אין דער וויסנשאַפט און קונסט. געוויס זײַנען דאָס געווען יאָרן פון אַ שווערן פּאָליטישן און אינטעלעקטועלן געראַנגל, אָבער די רעזולטאַטן זײַנען געווען פאַר דעם דײַטשישן קיבוץ ייִדן ממש פון אַ רעוואָלוציאָנערן באַטײַט און אים אַוועקגעשטעלט אַ צײַט־לאַנג אין די פאָדערשטע רייען פונעם ייִדישן כּלל־פאָלק. האָט אויך זײַן גײַסטיקע השפּעה געגרייכט ווײַט איבער דער ייִדישער וועלט און כּולל געווען די נאָך בשעתּה פעסט־אײַנגעפונדעוועטע מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישקייט פון די לעצטע דורות.

נישט געקוקט אויף די מיכשולים און אַנטוישונגען, אויף צערונענע האָפענונגען און אַ שפּאָר ביסל ייִדיש־גײַסטיקער שיפלות אין דעם דאָזיקן רוישיקן אויפבליץ, איז דאָס געווען אַ גלאַנץ־תּקופה אינעם לעבן פון די ייִדן אין דײַטשלאַנד, וואָס וועט אַרײַנשרײַבן אַ נײַ, ליכטיק בלעטל אין

דער געשיכטע פון ייִדישן װעלט־פֿאָלק און פון װאָס שפּעטערדיקע דורות װעלן נאָך ציִען זייער יניקה. עס קען גאָר גרינגלעך געמאָלט זײַן, אַז מען װעט ריידן אין אַ הונדערט אָדער צװיי הונדערט יאָר אַרום פון אַט דער תקופה מיט איר רחבותדיקער און אויסגעשטאַנענער קולטור פון פאַר דער גרויסער שקיעה, װי מיר באַטראַכטן הײַנט די גלאַנצפולע עפּאָכע פון די שפּאַנישע ייִדן. אפשר װעט מען דעמאָלט גאָר אַנדערש װעגן און מעסטן, אַנאַליזירן און אויסטײַטשן די חשיבות און װערטיקייט פון די דײַטש־ייִדישע שאַפונגען אין אַלע זייערע אופנים, מיט זייער אוניװערסאַליזם און אָפּ־טער גאונות און זיי פאַרגלײַכן מיט דעם גײַסטיקן אויפֿברויז, מיט דער שירה און דעם דרך אין דער ייִדישער מחשבה אין דער ייִדיש־אַראַבישער תקופה. װער װייס צי מען װעט נישט אַ מאָל זען אין אַ זיגמונד פרוידן, אַן איינשטיין, אַ צװייטן, מאָדערנעם שפּינאָזע, װאָס האָט מיט זײַן גאונות אַרײַנ־געטראָגן אַ יסודותדיקן שינוי אינעם שטח פון דער מענטשלעכער מחשבה און אויף אַזאַ אופן דירעקט משפּיע געװען אויפן גאַנצן װעלט־אויסקוק און גײַסטיקן באַנעם פון דער מענטשהייט בכלל.

האָט דער „לעאָ בעק אינסטיטוט" באַװיזן, אונטער דער געניטער רע־דאַקציע פון ראָבערט װעלטשן, אַרויסצוגעבן פאַר די לעצטע יאָרן, אַחוץ אַ ריי װיסנשאַפטלעכע װערק אויך דרײַצן „יאָרביכער" (דער לעצטער, אַט װאָס דערשײַנטער יאָרבוך איז פון 1968), װאָס פאַרמאָגן אַ שלל פון פאַקטישע דאָקומענטאַציע־מאַטעריאַלן און זכרונות, און דערצו נאָך אַ שפּאַר ביסל גרונטיקע אַרבעטן אינעם תחום פון פּאָליטיק, סאָציאָלאָגיע און עקאָנאָמיע מיט אַ צולאָג פון גוט־פאַרטראַכטע היסטאָרישע פאָרשונגען. יעדער באַנד מיט זײַנע חידושים און פאָרשערישע אויפטוען, װאָס װאַרפן אָפּט אַ נײַ ליכט אויף אַמאָליקע און הײַנט־צײַטיקע פּראָבלעמען, אויף געשעענישן און פערזאָנען, װאָס האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם נישט בלויז אויפן ציבור ייִדן נאָר אויך אויף דער געשיכטע פון דײַטשישן פאָלק בכלל. איז דאָך תמיד פאַראַן אַ שייכותדיקייט, אַ מין אינטעראַקציע פון דער ייִדישער געשיכטע און די געשעענישן אין דער אַרומיקער װעלט, אַן װעל־כער מיר קענען לחלוטין נישט פאַרשטיין און אַ פּשיטא שוין נישט אויס־טײַטשן די פענאָמענען אין ייִדישן לעבן.

אינעם צענטער פון די היסטאָריש־אַנאַליטישע באַטראַכטונגען שטייט על־פּי־רוב דער עצם פענאָמען פון דײַטשישן ייִד אין אַלע זײַנע מאַני־פעסטאַציעס און גילגולים. דערװײַל גייט עס דאָ װעגן צונויפגעקליבענע פאַקטישע מאַטעריאַלן, באַלויכטן און אויסגעטײַטשט אין קורצע מאָנאָגראַ־

פּיעס, וואָס דערפון וועט דער קומענדיקער היסטאָריקער שאַפן זײַן סינטעטיש ווערק. זײַנען דאָס טאַקע שטודיעס וואָס איידער זיי פאַרסכהכלען, בעמען זיי זיך אַנאַליזירן און אָפּפרעגן די היסטאָרישע מערכה פון דײַטשישן ייִד מיט זײַן אימפּעטיקן פּאָליטיש־עקאָנאָמישן אויפשטײַג, זײַן אַקטיוון אָנטייל אין דער דײַטשישער קולטור מיט אַלע ווײַטגייענדיקע קאָנסעקווענצן, און פון דעם וועלן עפּעס אָפּלערנען אויף להבא. עס איז ווידער אַ מאָל די דיאַלעקטיק פון דער געשיכטע מיט איר גאַנצן קוויל פון פּראָבלעמען, סתירות און קאָנפליקטן אין דער דײַטשישער געזעלשאַפט און דער געראַנגל זיי גובר צו זײַן, כּדי צו האָבן אַ דריסת־הרגל אין דער קולטור פון דײַטשישן פאָלק. איז דאָך דאָס געווען די תּקופה פון ליבעראַליזם מיט איר געזעלשאַפטלעכן אויפברויז, מיט איר אמונה אין פרײַהייט און פּראָגרעס, אַ צײַט פון „שטורעם און דראַנג“, פון עקאָנאָמישער עקספּאַנסיע און אַ קענטיקן אויפבלי פון גײַסטיקן לעבן. האָט דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, אָביעקטיוו געשטופּט דעם ייִד פאָרויס. ער האָט געוואָלט אָניאָגן די פאַרזוימטע מעגלעכקייטן און וואָס גיכער מאַכן יד־אחת און ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פון דײַטשישן פאָלק, אויב שוין נישט פון ישוס, טאָ לכל הפּחות פון משהס גלויבן.

אַז מיר קוקן הײַנט צוריק אויף די פאַרגאַנגענע הונדערט און פופציק יאָר פון דער אויפגעברויזטער ייִדישער געשיכטע אין די דײַטשישע לענדער, ווייסן מיר גאַנץ גוט וואָס פאַר אַ שווערן פּרײַז ייִדן האָבן באַצאָלט פאַר זייערע אָפּגעטאָענע יוגנט־זינד, די חטאות נעורים, פאַר דער פּריווילעגיע צו זײַן גלײַכבאַרעכטיקטע בירגער. עמאַנסיפּאַציע ווי מען האָט זי פאַרשטאַנען און אויסגעטײַטשט אין מערב־אייראָפּע, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן ווי אַ סכּנה פאַרן גײַסטיקן קיום פון ייִדן ווי אַ פאָלק. די אַסימילאַציע־טענדענצן זײַנען געוואָרן אַלץ בולטער און האָבן ביודעים געפירט צו נאַציאָנאַלער אָפּגעפרעמדקייט און אַ ניוועלאַציע פון ייִדישע, מקורדיקע ווערטן. פון אַ ייִדישן קוק־ווינקל איז דאָס געווען אַ פּרווו וואָס האָט נישט באַגליקט. האָבן טאַקע ייִדן אין דײַטשלאַנד אין משך פון דורות פאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס אינעם קולטור־ און עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד, געשפּילט אויך פּאָליטיש אַ וויכטיקע ראָלע, אָבער דער געווינס דערפון איז סוף־כּל־סוף געווען אַ מאַגערער. עס איז תּמיד באַשטאַנען אַ מחיצה צווישן ייִדן (ווי געטרײַ, גוט און פרום זיי האָבן נישט געוואָלט זײַן אַלס דײַטשישע נאַציאָנאַליסטן) און דער אַרומיקער, נישט ייִדישער וועלט. ייִדן זײַנען פאַרבליבן אין די אויגן פונעם רוב דײַטשן אַ פרעמדקערפּער, אַ

נישט־פֿאַרדײַעטער מאכל אינעם דײַטשישן מאָגן. אַפֿילו אין די גאָלדענע יאָרן פֿונעם כּלומרשטן דײַטשישן ליבעראַליזם, האָבן ייִדן געטראָגן אַ סאָרט גײַסטיקע לאַטע פֿון פֿרעמדקייט, פֿון נישט־צוגעהעריקייט צו דער דײַטשישער נאַציע, פֿון וואָס זיי זײַנען נישט געווען ביכולת זיך אָפּצוטרייסלען. אָט דער פֿלעק פֿון ייִד־זײַן, די אַמאָליקע ספּיריטועלע לאַטע איז טאַקע בימי היטלער, אויסגעוואַקסן צו אַ בולטער, שווערער און פֿינצטערער געלער לאַטע מיט אַלע אירע טראַגישע קאָנסעקווענצן.

פֿעלן טאַקע נישט הײַנט קיין מענטשן און דערצו ערנסטע וואָרטזאָגערס, וואָס פֿרעגן אָפּ די רבותא פֿון דער עמאַנסיפּאַציע, צי דער גאַנצער ענין האָט זיך באמת געלוינט, צי דאָס איז בכלל נישט געווען קיין מקח־טעות. איז דאָ נישט דער אָרט זיך אַרײַנצולאָזן אין אַ טעאָרעטישן וויכּוח און וועלן אָפּשאַצן דעם עצם פֿאַקט פֿון דער עמאַנסיפּאַציע, וואָס האָט אַרײַנגעטראָגן אַזוי פֿיל יסודותדיקע שינויים אינעם ייִדישן לעבן. מיר האָבן דאָ בלי ספק צו טאָן מיט אַ היסטאָרישן פּראָצעס, גוט צי שלעכט, וואָס האָט משמעות געמוזט קומען, וואָס האָט זיך אָבער אויפֿן באָדן פֿון דײַטשלאַנד נישט אײַנגעגעבן. פֿאַראַן דערפֿאַר אַ סך סיבות. אפֿשר ליגט גאָר די הויפּט־סיבה, וואָס דער זיווג איז נישט געווען קיין געראָטענער, אין דעם עצם מהות און וועלט־באַנעם פֿון דײַטשישן פֿאָלק גופֿא. פֿון דעם ייִדישן צד איז באַשטימט נישט געווען קיין מניעה, קיין שטער דערפֿאַר. מיט אַ סך ברען און התלהבות האָבן זיך ייִדן געוואָלט באַהעפֿטן מיט דער קולטור פֿון דײַטשישן פֿאָלק, אָבער זײַן מיליטאַנטישער נאַציאָנאַליזם, זײַן שׂינאה לגבי אַלצדינג וואָס איז געווען פֿרעמד זײַן דײַטשיש וועזן, האָט דערצו נישט דערלאָזט. דער ייִד איז, על כּן, פֿאַרבליבן אַ יוצא־דופֿן, אַ פֿרעמדער וועמען מען האָט פּשוט נישט געטרויט. די דאָזיקע אײַנגעזעסענע אומטאָלעראַנץ, אַפֿילו שׂינאה, און נישט נאָר צו ייִדן, נאָר אויך צו סלאַוון און פֿראַנצויזן למשל, האָט געהאַט בלי ספק אירע טיפֿע היסטאָרישע וואָרצלען. זי באַווײַזט זיך אויף ס׳נײַ אין דער ראָמאַנטיק מיט איר קאָנצעפּציע פֿון דער אייגנקייט פֿון דײַטשישן פֿאָלק, און האָט שפּעטער רחבותדיק געשפּײַזט די ראַסיסטישע אידעאָלאָגיע פֿון די נאַציס. אַ שטודיע וואָס עס פֿאַרעפֿנטלעכט אינעם לעצטן „יאָרבוך” (1968) יאָהאַננאַ פֿיליפּסאָן איבער קאָנסטאַנטין פֿראַנץ קען אונדז דינען ווי אַ תּנא דמסיע. קאָנסטאַנטין פֿראַנץ איז געווען אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט, אַ פּאָליטיקער מיט אַ נאָמען און אַ שרײַבער, אַ בעל־יכולת אין זײַן צײַט. זײַנע רעאַקציאָנער־פּאַן־גערמאַניסטישע טעאָריעס האָבן געשפּילט אַ באַטײַטיקע ראָלע אין דײַטשלאַנד

במשך פון עטלעכע יאָרצענדליק אינעם 19טן יאָרהונדערט. זײַענדיק אַן איבערצײַיגטער, אַ פֿאַרברענטער פעדעראַליסט, איז ער געווען בשעתו דער בר־פּלוגתּא פון ביסמאַרקן, בעת ער האָט געשאַפן אַ פֿאַראייניקטע דײַ־טשע מלוכה, און שפּעטער שאַרף אַטאַקירט זײַן קולטור־קאַמף קעגן די קאַטאָליקן.

פראַנץ, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער השפעה פון דעם פילאָסאָפישן מורה־דרך, דעם ראָמאַנטיקער שעללינג, האָט געגלייבט באמונה שלמה, אַז די דײַטשן זײַנען אַנדערש ווי אַלע פעלקער, אַז זיי זײַנען גורלדיק געוואָרן באַשטימט צו פירן די וועלט, צו זײַן אַ מין אור לגויים. ווי אַ תּלמיד פון זײַנע גרויסע רביס שעללינג און העגעל, האָט ער אויך גורס געווען, אַז נאָר דאָס קריסטנטום איז די ערשטע, אמתע מאָנאָטעיִסטישע רעליגיע און נישט דאָס יידנטום. היות ווי דאָס קריסטנטום איז די איינציקע אמתע אמונה, האָט זײַן שינאה לגבי יידן ממש נישט געקענט קיין גרענעץ. כּדי אָפּצוהיטן די אייגנקייט פון פאָלק, מוז די מדינה לויט זײַן שיטה זײַן אַ ריין־קריסטלעכע און דעריבער איז אין איר נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר קיין יידן, וואָס זײַנען „פרעמדע צווישן אַלע פעלקער". פראַנץ דער פאַרביסע־נער שונא־ישׂראל האָט געטענהט, אַז אַ „ייד בלײַבט תּמיד אַ ייד" און דאָס מוז וויסן דאָס דײַטשישע פאָלק. ער האָט אַפילו אין זײַן מיאוסער שינאה אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז יידן זײַנען נאָר אויסן צו באַהערשן די וועלט, אַ בילבול וואָס ווערט כּסדר איבערגעחזרט ביז אויפן הײַנטיקן טאָג און וואָס האָט אונדז שוין אָפּגעקאָסט מוראדיקע צרות און יסורים. ער לאָזט אויך אויס זײַן אומגעצוימטן כּעס צו דער נאַציאָנאַל־ליבעראַלער פאַרטיי אינעם דײַטשישן פאַרלאַמענט („רײַכסטאַג"), וואָס האָט אונטער־שטיצט די פּאָליטיק פון ביסמאַרקן און וואָס האָט פאַרמאָגט אַ צאָל פּראָ־מינענטע יידישע פּאָליטיקער, צווישן זיי עדוואַרד לאַסקער און לודוויג באַמבערגער. אומעטום זעט ער נאָר יידן פון וועמען מען קען גאָרנישט פּטור ווערן. ער פאַרגינט אַפילו נישט די יידן זייערע דירות אינעם בערלי־נער קוואַרטאַל טירגאַרטן און רופט אים אָן בייזוויליק „זייער נײַ ירושלים". קומט פּרופ׳ פיליפּסאָן צו אַן אינטערעסאַנטן אויספיר מכּוח די וואָרצלען פון אַנטיסעמיטיזם אין דײַטשלאַנד, וואָס וויל אונדז לאָזן הערן אַ חידוש. באַטאָנט די פאָרשערין, אַז דער אַנטיסעמיטיזם אין דײַטשלאַנד ציט אין דער ערשטער ריי זײַן יניקה פון דער דײַטשישער אַנטי־ליבעראַלער אָפּ־ווענדונג פון דער מערב־אייראָפּעיִשער קאָנצעפּציע פון מדינה און פאָלק, וואָס איז בעצם פרעמד דעם דײַטשישן באַנעם. אַגב, אויף דער דאָזיקער

אַנטינאָמיע האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט דער באַקאַנטער היסטאָריקער און סאָציאָלאָג האַנס כּהן. די פּאָליטישע אידעאָלאָגיעס פון דײַטשלאַנד און מערב־אייראָפּע זײַנען אין זייער יסוד פאַרשיידן און האָבן נישט קיין בשותּפותדיקן באָדן. איז דאָס שוין, דוכט זיך, אַן אַלטע פּלוגתּא, וואָס איז קודמער, די מדינה צי דאָס פּאָלק. פאַר די דײַטשן מיט זייער טראָפּ אויף פּאָלקישקייט איז פון תּמיד געווען די מדינה (שטאַאַט) אַ בלויזע פאָרעם, אַ מין יורידישע פיקציע. נאָר די נאַציאָנאַלע סוווערעניטעט פון פאָלק לייגט אַרויף זײַן חותם אויף דער מדינה. האָט שוין פראַנץ און זײַנע שפּעטער־דיקע חברים־לדעה געטענהט, אַז דער ייִד קען נישט אָנגעהערן צו דער מדינה און זײַן אַ טייל פון פאָלק, מחמת ער איז אין גאַנצן אַ פרעמדער. מען האָט ייִדן פײַנט געהאַט, ווײַל מען האָט אין זיי געזען די עקספּאָנענטן פון אַ ליבעראַלער, מערב־אייראָפּעיִשער אָריענטאַציע, וואָס איז דער היפּוך פון דער דײַטשישער און קען זײַן מסוכּנדיק ביז גאָר פאַר דעם עכטן, מקורדיקן גײַסט פון דײַטשישן פאָלק. עס ווערט באמת אומעטיק אויפן האַרץ, בעת מיר הערן די אימהדיקע נביאות פון אָט דעם שונא־ישׂראל קאָנסטאַנטין פראַנץ, אַרויסגעזאָגט אין יאָר 1883. עס וועט קומען אַ צײַט, שרײַבט דעמאָלט פראַנץ, „וואָס די וואַקסנדיקע הערשאַפט פון ייִדן וועט דערפירן צו אַזאַ אומדערלאָזבאַרן מצב, אַז ער וועט צום סוף אַרויסרופן דעם צאָרן פון פאָלק... דעמאָלט וועט נישט די פּאָליציי און נישט דאָס מיליטער בכּוח זײַן צו באַשיצן די ייִדן קעגן אַזאַ גרויסער מאַסן־באַוועגונג". האָט ער נביאות געזאָגט, וואָס עס וועט זיך טרעפן פּופציק יאָר שפּעטער? האָט זיך אין דײַטשלאַנד אויף אַן אמת גאָרנישט געענדערט? און איז אַזוינס נאָר מעגלעך אין דײַטשלאַנד, נישט געקוקט טאַקע אויף אַלע אונד־זערע אָנגעווייטאָגטע חשבונות מיט זײַן פאָלק? קען חלילה אַזוינס נישט אַ מאָל אויך אַנדערשוווּ פּאַסירן?

האָט מען אַ דור שפּעטער געמיינט, אַז די אומטאָלעראַנטע, שׂינאה־באַציִונג צו ייִדן וועט זיך בהדרגהדיק ענדערן אונטער דער השפּעה פון די פרײַהייטלעכע, דעמאָקראַטישע אידייען, איז דאָס במחילה געווען גאָר אַ ביטערער טעות. קומען ווײַטער צו גיין פאָרשונגען און מאַטעריאַלן, וואָס עס פאַרעפנטלעכט דאָס „יאָרבוך" און זאָגן עדות אויף אונדזער טעות. אַפילו אין די האָניק־חדשים פון דער ווײמאַרער רעפּובליק נאָך דער ערש־טער וועלט־מלחמה, מיט אירע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס און אַ סאָ־ציאַליסטישער רעגירונג, בשעת עס האָט זיך געהאַט גאָר שטאַרק פאַנאַנ־דערגעבליט אַ רײַכע וויסנשאַפט, אַ שיינע קונסט און אַ וואָגיקע ליטע־

ראַטור, האָט זיך פּאָליטיש בעצם גאָר ווייניק געביטן. בערלין איז אַפילו דעמאָלט געווען אַ גרויסער קולטור־צענטער, וווהין עס האָבן אויך אַנגעשפּאַרט אַ צאָל רעפּרעזענטאַטיווע העברעיִשע און יידישע שרײַבערס און וואָרט־זאָגערס, אָבער אין דער אמתן איז דאָס בלויז געווען אַ דעמאָ־קראַטישער פּאַסאַד, אַ מין כשרות־שילד וואָס האָט אויבנאויפיק פּאַרדעקט די ניבזהדיקע צורה פון דער דײַטשישער רעאַקציע און איר דורות־אַלטער שינאה צו יידן. פּונקט אַזוי ווי הײַנט, איז דײַטשלאַנד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען פּאָליטיש שטאַרק הינטערשטעליק, נישט אויסגעאַ־שטאַנען, אַ שטייגער ווי די מערב־מלוכות מיט זייער לאַנגער, ליבעראַלער טראַדיציע. די דעמאָקראַטיע איז געווען אַ ביז גאָר שוואַך־אײַנגעפונדע־וועטע, אַן טיפע וואָרצלען און געשטאַנען ממש אויף הינערשע פיסלעך, אַז אַ ליאַדער ווינט האָט זי געקענט אָוועקבלאָזן. די כוונות פון די פאַרשיי־דענע דעמאָקראַטישע רעגירונגען אין דער ווײַמאַרער תקופה זײַנען געוויס געווען גוטע און ערלעכע, אָבער זיי האָבן אַרויסגעוויזן ווייניק איניציאַטיוו, אײַנפּאַלערישקייט און צילזיכערקייט אין זייער קאַמף פאַר אַ קיום. שוין פון אָנהייב אָן האָט מען זיך משמעות פאַרלאָזט אויפן ביסל פּאָליטישן מזל, אויף דער מסופּקדיקער מערכה פון די דעמאָקראַטישע מאַסן און דאָס האָט אָפּנים פאַרפירט. אַוודאי האָט דײַטשלאַנד פאַרמאָגט אין יענע יאָרן אַן אָר־גאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט, אַ שפּאָר ביסל ליבעראַלע פּאָליטיקער, אַ גרוי־סע צאָל אינטעלעקטואַלן און באַהויכטע גײַסטער, וואָס האָבן עקשנותדיק געגלייבט און געקעמפט פאַר פרײַהייט און הומאַניטעט. אָבער דאָס אַליין איז נאָך נישט געווען גענוג. דער יסוד איז געווען, ווי עס האָט זיך דער־נאָך אַרויסגעוויזן, אַ שוואַכער, דער פּאָליטישער פּראָגראַם אומזיכער, עפּעס נישט דערזאָגט. עס איז געווען אַ שטאַרקער אידעאַליסטישער, אַפילו אַ פּאַטעטישער גלויבן אין דעמאָקראַטיע, אָבער אָן אַ רעאַלן, פּאָליטישן באָדן. מען האָט אָפּנים איבערגעשאַצט די אייגענע כוחות און היפּשלעך אונטערגעשאַצט דעם צד־שכנגד, די דרייסטע, מיליטאַנטישע אָפּאָזיציע פון דער רעאַקציע. עס איז געווען אַ חשבון אָן דעם אייגנטלעכן באַלעבאָס, דעם פינצטערן דײַטשישן נאַציאָנאַליזם מיט זײַן אײַנגעבוירענער שינאה צו אַלצדינג וואָס איז ליבעראַל און אַזוי אַרום טאַקע בעצם פרעמד דעם וועזן פון דײַטשישן פאָלק, בפרט טאַקע נאָך דער פאַרשפּילטער גרויסער וועלט־מלחמה פון 1914—1918.

די ווײַמאַר רעפּובליק איז נישט געווען קיין רואה את הנולד, זי האָט זיך גאָרנישט געריכט אויף אַזאַ שנעלער מפּלה. ווי געזאָגט, זי איז נישט

געווען צוגעגרייט צום קאַמף. מען האָט זיך צו פיל פאַרלאָזט אויף יושר, אויף אײַנזעעניש און פּאָליטישער רײַפקייט פון די מאַסן, וואָס זײַנען אָבער גיך געוואָרן פאַרשלונגען פון דעם נאַציאָנאַליסטיש־נאַצישן מבול. בשעת דער אימהדיקער יום־הדין איז געקומען, איז מען געשטאַנען ווי געפּלעפּטע, צערודערט און באַטויבט. מען האָט זיך שוין דעמאָלט נישט מער געקענט קיין עצה געבן. וואָס אַן אמת, יִדן האָבן פון תּמיד געהאַט אַ שטאַרקן חוש־הריח פאַר סכּנות וואָס רוקן זיך אָן, אָבער אין דעם פּרט האָט מען זיי אויך נישט ווי געהעריק דערשאַצט. אַוודאי האָבן יִדן נישט געשוויגן, אָבער בשעת מעשׂה האָט מען זיך געקוויקט מיט פאַלשע האָפע־נונגען, פאָרט געגלייבט אַז אַזוי מוראדיק קען גאָרנישט זײַן דער סאַמע טײַוול. מען האָט זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דאָס דײַטשישע קול־טור־פאָלק וועט אַראָפּפאַלן אין אַזאַ וויסטן תּהום פון אַכזריות. דער אײַנ־געבוירענער יִדישער אָפּטימיזם האָט פּשוט גאָרנישט געקענט צולאָזן אַזאַ מוראדיקן געדאַנק.

אויף די שטימונגען און געשעענישן אין דײַטשלאַנד אין יענע אַפּאָ־קאַליפּטישע צײַטן, ווארפן אויך אַ ליכט די טאָגביכער, וואָס עס האָט גע־פירט אין די יאָרן 1930—1932 ערנעסט פעדער, דער פּאָליטישער רעדאַק־טאָר פונעם „בערלינער טאַגעבלאַט" וואָס איז געווען בשעתו אַ שם־דבר אין דער וועלט. אַ טייל פון די מאַטעריאַלן מיט אַ פײַנעם קאָמענטאַר האָט איצט פאַרעפנטלעכט אינעם „יאַרבוך" (1968) אַרנאָלד פּאַוקער. ווי אַ זשורנאַליסט און אַן אַקטיווער פּאָליטיקער, איז פעדער געווען אויסגעבונדן מיטן פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעך־קולטורעלן לעבן פון דײַטשלאַנד אין יענע טעג. פעדער איז געווען אַ ייִד, וואָס הגם ער האָט געהאַט אַן אינטע־רעס פאַר באַשטימטע יִדישע ענינים, האָט ער זיך אָבער ווי אַ סך פון זײַנע אַסימילירטע בני־דור געהאַלטן פון דער ווײַטנס פון יִדישן כּלל. זײַנע אינטערעסן זײַנען געלעגן אינעם תּחום פון דײַטש־פּאָליטישן לעבן. ער איז געשטאַנען נאָענט צו דײַטש־יִדישע שרײַבערס און קינסטלערס, אָנגעהאַלטן אַן אינטימען קאָנטאַקט מיט פּאָליטיקער און מענטשן פון דער ווירטשאַפט און האָט בלי ספק געהאַלטן דעם דופק פון דער צײַט אין זײַן האַנט. פון דעסטוועגן איז ער, דער קלוגער און מיושבדיקער פּאָליטיקער, איינער פון די ראש־המדברים פון „בערלינער טאַגעבלאַט" און דעם קרײַז אַרום אים, אין תּוך געווען מאָדנע נאַיִוו און נישט רעאַליסטיש געגוג בנוגע דעם פּאָליטישן מצב אין דײַטשלאַנד. מען האָט נישט געזען, צי אפשר האָט מען גאָרנישט געוואָלט זען וואָס עס טוט זיך אָפּ פון אַרום. מען איז עפּעס

געוועזן מאָדנע בטוח אין די דעמאָקראַטישע כּוחות פון דעם נײַעם דײַטשלאַנד אונטער דער ווײַמאַרער רעפּובליק און מען האָט זיך גאָרנישט געקענט אויסמאָלן, אַז עס וועט קומען צו אַזאַ מיאוסן און ביטערן סוף.

דער חשבון־הנפש וואָס ייִדן פון דײַטשלאַנד גיבן זיך הײַנט אָפּ, נעמט אויך אַרום דעם ממעמקים־תּחום פון גײַסטיקער אָפּגעפרעמדקייט און דאָס פּראָבלעם פון אידענטיפיקאַציע פון דעם אַמאָליקן ייִדישן אינטעלעקטואַל אין די דײַטש־שפּראַכיקע געביטן. ווי האָט דאָס געקענט אַנדערש זײַן? אַ סך האָבן זיך ביטער געראַנגלט מיט די פּראָבלעמען פון ייִדישקייט, איר תּוכן און מחשבה. אינעם פּרט פון אַ פראַנץ קאַפקאַ איז דאָס געוועזן מזל־בּרכהדיק און דעם דאָזיקן פאַרלוירענעם דיכטער געגעבן אַ נאַציאָנאַלן תּיקון. ער איז צוריקגעקומען צו זײַן שורש. אָבער על־פּי־רוב האָט די דאָזיקע קאָנפראָנטאַציע צווישן ייִד און דער אַרומיקער וועלט געפירט ממש צו טראַגישע קאָנסעקווענצן, וואָס טרייסלען אויף אונדזער געמיט. האָבן דאָך דײַטשישע ייִדן אַרויסגעגעבן גרויסע קעפּ, אַ סך באַהויכטע גײַסטער, וויסנשאַפטס־מענטשן מיט אַ שיעור־קומה און באַטײַטיקע קינסטלערס און וואָרט־זאָגערס, אָבער ווייניק פון זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ ייִדישער שלמות. אַדרבא, פון אַ ייִדישן קוק־ווינקל זײַנען דאָס געוועזן בלאָנקענדיקע, פאַרלוירענע נשמות, וואָס געפינען זיך אין אַן אייביקן כּף־הקלע, נישט כּולו זכאי, אָבער אויך נישט כּולו חייב. די געשיכטע פון ייִדן אין דײַטשלאַנד פאַר די לעצטע הונדערט און פופציק יאָר האָט אויפגעוויזן אַ סך אַזעלכע טראַגישע פּערזענלעכקייטן. זיי האָבן זיך דערווײַטערט פון ייִדישן מקור, זיך געטובלט אין די שטראָמיקע קולטור־וואַסערן פון דײַטשן פאָלק, אָבער קיין מאָל נישט דערגאַנגען צום סאַמע ברעג. דער געראַנגל איז געווען אַ שווערער, אַ ביטערער, וואָס האָט אָפט דערפירט צו אַ טראַגישן סוף. זיי זײַנען פאַרבליבן פון דרויסן, ממש גאָלע פון ביידע זײַטן. דאָס דײַטשישע פאָלק האָט זיי נישט אויפגענומען מיט דער בײַטיקער פאַרשטענדעניש און האַרציקייט און נישט אָקצעפּטירט ווי גלײַכע שותּפים. אַדרבא, מען האָט זיי תּמיד באַגלייט מיט חשד און אומצוטרויען און אַזוי זײַנען זיי גאָר פאַרבליבן שטיף־קינדער, פרעמדע, אומגעבעטענע געסט, וואָס מען האָט בשעת־הצורך טאָלערירט, אָבער אין תּוך איז געבליבן אַ וואַנט, אַ מחיצה באַשטיין.

שטייט דאַ פאַר אונדז דאָס פּראָבלעם פון ייִדישער אידענטיפיקאַציע אין זײַן גאַנצער האַרבקייט און טראַגיזם. אויך דער הײַנטיקער, בפרט דער ייִנגערער דור ייִדן אין די פאַרשיידענע לענדער פון אונדזער צעשפּרייטונג,

ראַנגלט זיך שווער און יסורימדיק מיט אַט דער פּראָבלעמאַטיק. די צעטומ־לונג און די גײַסטיקע צעריסנקייט איז גאָר גרויס. אַ גרויסער טייל פֿון דער יוגנט גייט אָוועק פֿון אונדז, איז תּוכיק אָפּגעפֿרעמדט. דער ענין פֿון קיום פֿון פֿאָלק און די זאָרג פֿאַר זײַנע קולטור־הצטרכותן אינטערעסירט גאָר ווייניק. מען איז אָוועק פֿונעם ייִדישן שורש, אָפּגעריסן פֿון אייגענעם באָדן און אָוועק, ווי אַזוי אָפֿט אין דער ייִדישער געשיכטע, דינען עבֿודה־זרות, וואָס פֿאַרבלענדן מיט זייער גלאַנציקער חיצוניות, און צום סוף ווערט מען זיך פֿילן אָפּגענאַרטע און פֿאַרפּירטע. אַוודאי האָבן זיך ייִדישע יחידים־שרײַבערס און גײַסט־מענטשן אײַנגעשאַפֿט אַ דריסת־רגל אין דער אַרומיקער קולטור, וואָס שטורעמט לעת־עתּה מיט זייער עקזאָטיק און אַנדערשקייט, אָבער אין תּוך פֿאַרבלײַבט מען אַ היפּש ביסל יוצא־דופֿנדיק און פֿרעמד. מען רעדט אַפֿילו הײַנט, אַ שטייגער אין אַמעריקע, וועגן אַקולטוראַציע, וואָס זאָל באַשיידן דאָס פּראָבלעם פֿון דעם קולטור־ווידעראַנאַנד און אפֿשר גאָר דערפֿירן צו אַ האַרמאָניע אינעם תּחום פֿון די פֿיל־מינימדיקע קולטורן און עטנישע גרופּעס. ווער ווייס, אפֿשר קען דאָס זײַן אַ משמעותדיקער ענטפֿער פֿאַר אַמעריקע. אָבער אין אַנדערע, מער האָמאָגענישע לענדער, מיט אַלטע, אייגנדיקע קולטור־טראַדיציעס, איז דאָס דערוויַיל אַ האַרבע קשיה, אויף וואָס מען קען נישט געבן קיין לײַכטע תּשובֿה.

אַ טראַגיש קאַפּיטל אינעם תּחום פֿון ייִדישער אידענטיפֿיקאַציע פֿון נאָענטן עבֿר, האָבן מיר אין דער דערהויבענער פּערזענלעכקייט פֿון אַ וואַלטער ראַטענוי, דעם אינדוסטריאַליסט, פּאָליטיקער און באַטײַטיקן דײַטשיש־ייִדישן וואָרטזאָגער. די פּערזענלעכקייט פֿון וואַלטער ראַטענוי פּישופֿט נאָך עד־היום, כּמעט פֿופֿציק יאָר נאָך זײַן טראַגישן טויט (1922). איז דאָס טאַקע די טעמע פֿון אַ פֿײַן־צוגעטראַכטן עסיי פֿון ראָבערט אַ. פֿויז „וואַלטער ראַטענוי אין זײַן ייִדישער פֿאַרלוירנקייט" („יאָרבוך 1968). ראַטענוי דער שאַרפֿער אינטעלעקטואַל, דער אָריגינעלער בעל־מחשבֿה און תּוכיקער שרײַבער וואָס האָט זיך געפֿילט אַ בן־בית אין דער אייראָפּעי־שער קולטור, שטעלט מיט זיך פֿאַר אין דער אמתן אַ טראַגישן פּאַראַדאָקס פֿון דעם געבילדעטן, הויך־קולטיווירטן ייִד פֿאַר דער לעצטער צײַט. ער, דער קאָסמאָפּאָליט, דער מיושבֿדיקער ווירטשאַפֿטסמענטש, דער פּיקחותדי־קער און פֿעיִקער פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַט, איז כּל ימיו געשטאַנען פֿאַר אַ גײַסטיקער דילעמע. דער פּראָבלעם פֿון זײַן ייִדישקייט האָט אים כּסדר געמאַטערט, זיך אַרומגעטראָגן מיט ספֿקות און אַ טיפֿער אומרו. ראַטענוי דער באַרימטער אָרגאַניזאַטאָר פֿון דער דײַטשישער ווירטשאַפֿט במשך פֿון

דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין דער צײַט פון דער ווײמאַר־רעפּובליק געווען צו ערשט מיניסטער פון אויפבוי און דערנאָך אויסלאַנדס־מיניסטער, וואָס האָט אַגב אָפּגעשלאָסן מיט סאָוועט־רוסלאַנד דעם באַקאַנטן ראַפּאַל־לאַ־אָפּמאַך און דערנאָך געפאַלן אַ קרבן פון אַ נאַציאָנאַליסטישן אַטענטאַט, איז געווען כסדר פאַרטאָן אין דער פרשה פון ייִדן און ייִדישקייט. עפּעס האָט אָט דעם דאָזיקן דערהויבענעם מענטש, דעם אײראָפּעיִשן ספקן און אָפּגעפרעמדטן ייִד טיף באַאומרויִקט. ער האָט געקוקט אויף זײַן ייִדנטום מיט אויגן פון אַ שטרענגן קריטיקער, געהאַט טענות און געזאָגט מוסר ווי איינער וואָס שטייט לגמרי פון דרויסן. שוין אין די פריִע יאָרן האָט ראַטע־נוי שאַרף פּאָלעמיזירט מיט זײַן אַרומיקער ייִדישקייט און אין איר נאָר געזען נעגאַטיווע עלעמענטן, וואָס זײַנען געווען פרעמד צו זײַן אויסגע־שטאַנענער, קולטיווירטער גײַסטיקייט. עס איז געווען דער אײַנשטעל פון אַן אַסימילירטן ייִד און זייער סענסיטיוון בעל־מחשבה, וואָס האָט מיט זיך און זײַן סביבה נישט געקענט קומען צו קיין טאָלק. אפשר איז אין דעם אויך געווען עפּעס פון יענעם גערירשנטן זעלבסט־האַס פונעם אַסימילירטן ייִד, וואָס האָט אים אַזוי אויפגערודערט און נישט געלאָזט צו רו. אין תּוך איז אפשר דאָס גאָר געווען זײַן אייגענע פּסיכישע אומזיכערקייט אַלס ייִד. ער האָט אַ סך געטראַכט, געזוכט נײַע וועגן פאַר זײַן מחשבה, אָבער זיך נישט דערטראַכט. ער איז געבליבן אַלס ייִד שטיין אין דער מיט, צווישן צוויי וועלטן, אָן אַן אָנשפּאַר אין איינער פון זיי. דעם אַסימילירטן ייִד וואָלטער ראַטענוי איז, זעט זיך אויס, דער אור הגנוז פון ייִדישן פאָלק געבליבן פאַרהוילן. ער האָט זיך שטאַרק געראַנגלט מיט דעם פּראָבלעם פון זײַן ייִד־זײַן, אָבער נישט ביכולת געווען שלום צו מאַכן מיט דער ייִדישער וועלט און דעם חזיון פון ייִדישן פאָלק.

עס איז געווען אינעם לעבן און שאַפן פון אָט דעם דערהויבענעם ייִד און באַהויכטן אײראָפּעער, אַ סך ייִדישע גורלדיקייט, אַ שטיק ייִדישער טראַגיזם, וואָס פירט אויך הײַנט אַוועק פון אונדז אַ טייל פון אונדזערע אינטעלעקטואַלן און אויפגערודערטע, אומרויִקע גײַסטער אויף וועגן פון וואַנען עס איז שוין אפשר קיין צוריק מער נישטאָ. און אפשר וועלן מיר פון אָט דעם חשבון־הנפש פאַרט עפּעס אָפּלערנען!

(1969)

עמאַנסיפּאַציע און ייִדישע גורלדיקייט

עס זײַנען איצט געוואָרן גאַנצע הונדערט יאָר, זינט דאָס דײַטשע פֿאָלק האָט נאָך אַ שווערן און עקשנותדיקן קאַמף אָפֿיציעל רעגולירט זײַן פּאָליטישן חשבון מיט זײַנע ייִדישע בירגער און באַשטעטיקט אויף אַ לעגאַלן אופֿן זייערע רעכט מיטן עמאַנסיפּאַציע־אַקט פֿון 1869. דער אַקט האָט געזאָלט זײַן אַ בפֿירושער אָנזאָג און אפֿשר אויך אַ ווענדפּונקט אין דער געשיכטע נישט בלויז פֿון די ייִדן אין דײַטשלאַנד נאָר אויך איבער דער גאָרער וועלט. איז טאַקע אָט די גורלדיקע תּקופֿה פֿון קאַמף פֿאַר פּאָליטישער פֿרײַהייט און רעכט, וואָס איז אַגב אָנגעגאַנגען פּאַראַלעל מיטן סאָציאַלן און קולטורעלן אויפֿשטײַג פֿון די דײַטשע ייִדן, אויך פֿון אַ היסטאָרישער חשיבֿות געוועזן פֿאַרן מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, וואָס זײַן אינטעליגענץ האָט אין משך פֿון די לעצטע דורות געצויגן איר גײַסטיקע חיונה פֿון דער צעשטראַלטער דײַטש־ייִדישער קולטור. קומט איצט דער לעצטער באַנד פֿון דער סעריע „יאָרביכער" (1969) פֿון לעאָ בעק פֿאָרש־אינסטיטוט און וויל אונטערפֿירן אַ סך־הכּל פֿון היסטאָרישן פּראָצעס פֿון יענער אויפֿגעשטורעמטער תּקופֿה מיט איר דראַמאַטישן געראַנגל און באַגלײַך אָפּשאַצן דעם עצם מהות פֿון דער עמאַנסיפּאַציע, ווי זי איז צושטאַנד געקומען, אירע מניעות און אינעווייניקסטע סתּירות, אירע מיכשולים און פּאָליטישע קאָנסעקווענצן, און ווי אַזוי אָט די האָפֿענונגספֿולע תּקופֿה האָט זיך טראַגיש פֿאַרענדיקט אין יאָר 1933, ווען עס זײַנען געקומען אין דײַטשלאַנד די נאַציס צו דער מאַכט.

שוין פֿון לאַנג גייט אָן אַ שאַרפֿער וויכּוח, צי האָט זיך די עמאַנסיפּאַציע באמת געלוינט, האָט זי באַגליקט און וואָס האָט זי באַוויזן צו שאַפֿן. נישט איין מאָל האָט מען זיך געפֿרעגט צי איז די עמאַנסיפּאַציע ווי אַזוינע געווען גוט צי שלעכט פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. האָט זי דערפֿילט די גרויסע האָפֿענונגען וואָס מען האָט געהאַט אויף איר געלייגט, אָדער האָט זי לגמרי אַנטוישט? ווען מיט אַ דור־צוויי צוריק האָט זיך מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישקייט שווער און ביטער געראַנגלט פֿאַר איר פֿיזישן קיום און

געקעמפט פאַר בירגערלעכע רעכט, און אין מערב איז די ייִדישע מערכה געווען מער אָדער ווייניקער געגרונטפעסטיקט, האָט מען זיך דאָך בכלל די דאָזיקע שאלה נישט געשטעלט. מען איז געווען זיכער, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג אויף וועלכן ייִדן קענען גיין. פון אַ מערבֿ־אייראָפּעיִשן קוק־ווינקל איז די עמאַנסיפּאַציע געווען באמת מזל־ברכהדיק און גע־שײַנט מיט טויזנט חנען. האָבן דאָך ייִדן אין די מערבֿ־לענדער געפירט אַ זאַט, צופרידן און קולטורעל רײַך לעבן, הגם דאָס ריין ייִדישלעכע לעבן האָט גאָר שטאַרק אונטערגעהינקט, און אַ סך ערנסטע באַטראַכטער האָבן אַפילו מורא געהאַט, אַז עס זאָל זיך חלילה נישט אויסגליטשן אין גאַנצן און בלײַבן ליגן אין מיטן וועג אין אַ מין פיזישער און פסיכישער גסיסה. האָט נישט בלויז אַסימילאַציע, געמישטע חתונות און שמד דערצו, גע־ריסן לעבעדיקע שטיקער פון דעם האַלב־אָפּגעשטאַנענעם פאָלקס־קערפּער, נאָר דער גאַנצער גײַסטיקער אײַנשטעל, דער פלאַכער, ביליקער אויסקוק האָט געפירט מסוכּנדיק באַרג־אַראָפּ.

פון דעסטוועגן, ווילט זיך זאָגן, אַז נישט געקוקט אויף די שווערע נסיונות און טראַגישע איבערלעבונגען פון אונדזער דור, מוזן מיר פאָרט זײַן געוואָרנט אין אונדזערע מסקנות און נישט וועלן בחיפּזונדיק דיסקרי־מינירן אַ היסטאָרישן פּראָצעס וואָס האָט אפשר געמוזט קומען, און אים פאַרמשפּטן אויפן סמך פון פאַקטן און אמתן, צו וואָס מיר זײַנען דער־גאַנגען הײַנט־צו־טאָג. אַמאָליקע מאָטיוון זײַנען נישט תּמיד די זעלבע וואָס הײַנט. היסטאָרישע אַנאַלאָגיעס קענען אַ מאָל פאַרפירן, מחמת עס זײַנען נישטאָ קיין פּינקטלעכע איבערחזורונגען אין דער געשיכטע. יעדער דור און זײַנע טעותים. אַוודאי מוזן מיר קענען עפּעס אָפּלערנען פון דעם נעכטן, אָבער נישט שטענדיק זײַנען די סיטואַציעס די גלײַכע. הײַנט איז מען תּמיד קליגער ווי נעכטן, מחמת דער נעכטן האָט אונדז עפּעס אָפּגע־לערנט און דערפון מוזן מיר ציִען אַ מוסר־השׂכּל. יעדער דור האַנדלט על־פּי־רוב לויט זײַן אײַנזעעניש און די אָביעקטיווע מעגלעכקייטן פון זײַן צײַט. די געזעצן, ווי אַ שטייגער אין דער נאַטורוויסנשאַפט, קענען נישט פּשוט חל זײַן אויף דער געשיכטע. זיכער האָט זיך אויסגעוויזן די עמאַנסיפּאַציע אין יענע דורות צו זײַן מזל־ברכהדיק פאַרן כּלל ישׂראל, נישט געקוקט אויף זײַנע שפּעטערדיקע חסרונות און פּגימות, און מיר קענען זי נישט לײַכט אָפּפרעגן. ווער פון יענע עקשנותדיקע קעמ־פער פאַר פּאָליטישער פרײַהייט און גלײַכבאַרעכטיקונג האָט געקענט פאַרויסזען אין אַ צײַט פון וואַקסנדיקן ליבעראַליזם און אַ ממש גלייביקן

פּראָגרעס, אַז עס װעט זיך אין אַ דור־צװײ שפּעטער אָנרוקן אַן אימהדיקע שקיעה אויף אַלע אָנגענומענע קולטור־װערטן, און עס װעט קומען אַ טראַגישער סוף צו דעם קיבוץ יידן אין דײַטשלאַנד און דערמיט דער אומקום פון דעם רוב יידן אין אייראָפּע?

הײַנט װייסן מיר שוין זייער גוט, אַז דער עצם געדאַנק פון עמאַנסיפּאַציע, פון געבן יידן גלײַכע רעכט, װי עס האָבן װעגן אים געחלומט זײַנע פאָרקעמפער און פּיאָנערן, איז בשום אופן נישט געװאָרן רעאַליזירט אין זײַן ריינער, אידעאַלער געשטאַלט. און צוריקגעשמועסט, װאָס פאַר אַן אידעאַל, װי ריין און שלמותדיק ער זאָל נישט זײַן אינעם װיזיאָנערן־גלױבן פון זײַנע באַשאַפער, װערט דאָס רעאַליזירט אָן אַ פּגם, אָן אַ מענטשלעך־מאַטעריעלן פלעק? אַזױ איז דאָס אויך געװען מיטן שיינעם און ליכטיקן אידעאַל פון עמאַנסיפּאַציע. שוין מלכתחילה איז קענטיק געװען דער גאַנצער קנויל פון פּראָבלעמען, דער געזעלשאַפטלעכער װידעראַנאַנד און די מניעות פון דרויסן, מיט װאָס די עמאַנסיפּאַציע האָט געשװאָנגערט. נעבן אַ סך מעלות, האָט זי שוין פון סאַמע אָנהייב געהאַט אויפצוװײַזן אַ שפּאָר ביסל באַטײַטיקע און גרונטיקע חסרונות. פון אונדזער הײַנטיקן קוק־װינקל האָבן אַפילו די חסרונות איבערגעװויגן די מעלות. די מעלות זײַנען געװען קלאָר. אַ שפּלדיק, אונטערדריקט פאָלק, געיאָגט און געפּלאָגט, אָן רעכט און אומעטום פרעמד, באַקומט נאָך לאַנגע װאָקלעניש אַן אָנשפּאַר אין דער מדינה װוּ עס לעבט. עס באַקומט די לאַנג־פאַרהאָפטע און צוגעזאָגטע גלײַכבאַרעכטיקונג און קען זײַן מיט אַנדערע גלײַך. אַװדאי איז דאָס נישט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק. סתירות פון אינעװייניק און שטערונגען פון דרויסן זײַנען געװען גאָר גרויסע, פון דעסטװעגן האט מען געהאָפט, אַז מיט דער עמאַנסיפּאַציע װעט קומען די ישועה. אָבער יידן האָבן דערפאָר געמוזט באַצאָלן אַ הויכן פּרײַז. גלײַכבאַרעכטיקונג האָט משמעות געמיינט פאַרלירן די נאַציאָנאַלע אידענטישקייט, זיך אָפּזאָגן פון דער פאָלקישער אייגנקייט, װאָס האָט אין משך פון לאַנגע דורות אויסגעפורעמט אַ קװאַליקע און אָרגאַנישע ייִדישקייט. מען האָט געמוזט װערן אַ טייל פונעם גאַסט־פאָלק צװישן װעלכן מען האָט געלעבט. בדיעבד האָט די עמאַנסיפּאַציע פאַרשנעלערט דעם פּראָצעס פון אויפטיילן דאָס יידישע פאָלק אין קלענערע אָדער גרעסערע עטנישע גרופּעס, אין שבטים פון איינצלנע, געאָגראַפיש אָפּגעטיילטע לענדער. האָט מען שוין אָנגעהויבן ריידן פון דײַטשישע, פראַנצײזישע, ענגלישע יידן, מיט זייער באַשטימטן סביבה־קאָלאָריט און גײַסטיקן קלסתר־פּנים, װאָס זײַנען אויבנאויפיק געװען

פאַרבונדן מיט אַנאַנד מיט שוואַכע פעדעם פון יידישן דת און אַ קולטור־עבר. עס איז געווען אַ וועג וואָס איז, וואָס אַ מאָל מער געוואָרן אַ סכנה פאַרן קיום פון פאָלק ווי אַ נאַציאָנאַלע גאַנצקייט.

עס איז שוין היינט קלאָר, אַז בדרך כלל האָט די עמאַנסיפּאַציע פאַר־שנעלערט דעם טעמפּאָ פון אַסימילאַציע, הגם זיי זיינען נישט תּמיד גע־גאַנגען פּאַראַלעל. געווען לענדער וווּ די יידישע אייבערשיכט האָט זיך אָנגעהויבן צו אַסימילירן נאָך לאַנג איידער יידן בכלל האָבן זוכה געווען צו גלייכע רעכט. אין דייטשלאַנד זיינען מיר עדות פון אַ שטאַרקער כוואַליע פון אַסימילאַציע, מיט אָפּפאַל און שמד, וואָס האָט זיך נאָך אָנגעהויבן תּחילת 19טן י״ה, לאַנג נאָך פאַרן אָפיציעלן אַקט פון עמאַנסיפּאַציע. אַ גרויסער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ האָט זיך פאַרפאַנגען אין אָט דעם כּישוף־ראָד און נישט מער געקענט אַרויס פון אים. אָבער נישט געקוקט וואָס אָט די אינטעלעקטועל־הויכוועדטיקע יוגנט איז גיך אָפּגע־פאַלן פון זייער שטאַם ווי פאַרוועלקטע בלעטער, איז דערווייל דאָס פאָלק פאַרבליבן שלמותדיק און ממשיך געווען זיין פאַרצייטיקן לעבנס־שטייגער און אָפּגעהיט זיין נאַציאָנאַלע אייגנקייט. נאָך ביים סוף פון 18טן יאָרהונדערט איז דאָס יידישע פאָלק, וואָס זיין רוב האָט זיך קאָנצענ־טרירט אין מיזרח־אייראָפּע, געווען גייסטיק אַ מאָנאָליט, גאַנץ ווי פון איין גוס. עס איז געווען אַ וויטאַלע, אַ שאָפעריש־נאַציאָנאַלע און קערנדיקע פאָלקס־יידישקייט, וואָס אירע געאָגראַפישע גרענעצן האָבן זיך געצויגן איבער ווייטע שטחים און לענדער, פון דניעפּער, בוג און ניעמאַן אין מיזרח, ביז אַראָפּ צום ריין־דונאַי און ווייטער ביז קיין מעץ אין עלזאַס. פאַרבונדן האָט אָט די אַשכּנזיש־יידישע יישובים נישט בלויז דער רעלי־גיעזער וועלט־באַנעם און אַ רייכער קולטור־עבר, נאָר אויך דער איינגע־שטעלטער נוסח און שטייגער, און נישט צו פאַרגעסן יידיש ווי אַ פאָלקס־שפּראַך. נעבן לשון־קודש איז עברי־טייטש־יידיש געווען גאָר אַ וויכטי־קער קולטור־פאַקטאָר, וואָס האָט באַהעפט איין אַשכּנזישן יישוב מיטן אַנדערן און געשאַפן אַן אויסגעטיילטע פאָלקס־גאַנצקייט. יידיש און דער אַלטער לעבנס־שטייגער איז געווען אַ מויער, ממש אַ פעסטונג וואָס האָט אָפּגעהיט און באַשיצט דאָס יידישע לעבן פון די שטורעמס וואָס האָבן געבושעוועט פון דרויסן. לאָזן אונדז די פאָרשער פון יענער צייט הערן אַ רבותא, אַז דער כּתב־יידיש איז נישט פאַרשוווּנדן אַפילו ביי משומדים. איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז אַפילו די באַהויכטע רחל לעווין־וואַרנהאַגן, וואָס האָט אַגב געשמט אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט

מיט איר בערלינער ליטעראַרישן סאַלאָן, און מיט וועמען די ליטעראַטור־גדולים און פילאָסאָפן פון יענער צייַט האָבן זיך אינטים געחברט, האָט נאָך געשריבן אירע בריוו צו איר ברודער אין דייַטש מיט יידישע אותיות, שוין לאַנג נאָך זייער שמד, ווען זיי האָבן ביידע שוין געהאַט פולשטענדיק איבערגעריסן מיטן יידנטום. דערווייַל האָט זיך די פרומע, אָפט אַלטמאָדישע וועלט נאָך נישט געהאַט אייַנגעבראָכן. אָבער ווי לאַנג האָט פאָרט אָט די שוץ־מויער געקענט אָנהאַלטן? כוחות פון דרויסן, פאָליטישע, סאָציאַלע און קולטורעלע, האָבן כסדר געשטורעמט די אַרומגעצוימטע מויער און סוף־כל־סוף באַוויזן אונטערצוגראָבן איר יסוד. דער בנין וואָס דורות יידן האָבן געבויט און כסדר באַפעסטיקט, האָט זיך בייַם אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט געטאָן אַ שטאַרקן טרייסל אין די מערב־לענדער. די פריש־אויפגעקומענע און וואַקסנדיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע שיכט פון אויפגעקלערטע יידן אין די דייַטש־שפּראַכיקע לענדער האָט עקשנותדיק געקעמפט פאַר אַ בירגערלעכער גלייַכבאַרעכטיקונג, און איז געווען גרייט אין דעם דאָזיקן פאַרמעסט אויפצוגעבן איר נאַציאָנאַלע אייגנדיקייט, אַבי נאָר צו דערגרייכן איר ציל.

פאַר דער מיזרח־אייראָפּעישער יידישקייט איז די געשיכטע פונעם קאַמף פאַר עמאַנסיפּאַציע אין דייַטשלאַנד און דער קולטורעלער אויפשטייַג פון די דאָרטיקע יידן, פון אַ באַזונדערער חשיבות. איז דאָס נישט בלויז דערפאַר וואָס אין משך פון דורות, בפרט פון דער בערלינער השׂכּלה, איז די אינטעליגענץ אין מיזרח־אייראָפּע געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון דער דייַטשישער קולטור, נאָר אויך צוליב דעם וואָס מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל געשיכטע פון אַ כּלל־יידישן וועלט־פּראָבלעם. גערעכט איז דעריבער ראָבערט וועלטש, דער רעדאַקטאָר פון „יאָרבוך", וואָס באַטאָנט אין זייַן פּייַנעם, אַרומנעמענדיקן אַרייַנפיר, אַז אין קיין שום לאַנד זייַנען נישט אַלע אַספּעקטן פון יידישער גלייַכבאַרעכטיקונג, די רעליגיעזע און סאָציאַלע, די פּאָליטישע און קולטורעלע, די אוניווערסאַלע און נאַציאָנאַלע, געוואָרן אַזוי גרונטיק און אויסשעפּיק באַהאַנדלט ווי דווקא אין דייַטשלאַנד. דעריבער טאַקע איז די מאָדערנע דייַטשישע געשיכטע אין איר וועלט־ווייַטן קאָנטעקסט פון אַ באַזונדערן אינטערעס און באַטייַט פאַר דער כּלל־יידישער געשיכטע.

אויב מיר פרעגן זיך הייַנט, נאָך די שווערע נסיונות און פּורעניותן פון אונדזער דור, צי איז די עמאַנסיפּאַציע מיט אירע קאָנסעקווענצן פאָרט נישט געווען קיין מקח־טעות, טאָרן מיר נישט פאַרגעסן, אַז פאַר דעם

דור וואָס האָט אַזוי עקשנותדיק און מיט נאמנות געפירט אַ קאַמף פאַר פּאָליטישער פרייַהייט און גלייַכע רעכט, האָט דאָס פאַרט אַנדערש אויס־געזען. לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז מיט אַ הונדערט־פופציק יאָר צוריק, זייַנען די דייַטשישע מדינות געשטאַנען בסימן פון אַ גרויסער אינטעלעקטועלער דערוואַכונג. עס איז געווען אַ תקופה פון אַ שטאַרקן גייַסטיקן אויפגייי. עס האָט זיך געהאַט צעבליט אַ רייַכע דיכטונג און קונסט, אַן אויסנעמיק־טיפע פילאָסאָפישע מחשבה, וואָס האָט געשטראַלט מיט אַן אימאַנענטן אוניווערסאַליזם און צוגעצויגן מאַגנעטיש די בילדונג־דאָרשטיקע ייִדישע יוגנט אין דייַטשלאַנד. די יוגנט, ווי מיט אַ צוויי־דרייַ דורות שפּעטער אין מיזרח־אייראָפּע, האָט זיך געריסן מיט אַלע כּוחות אַרויס פון דער אייגענער ענגשאַפט אויף דער פרייַ. מיט אַ גייַסט פון מרידה און אַ ווילן צו באַנייַונג האָט זיך דער יונגער דור ייִדן גענומען צו צעשטערן אויף עולמות די מויער וואָס טיילט אים אָפּ מיט זייַנע פאַרצוימונגען פון דעם ברויזיקן און רוישיקן קולטור־אַרום. האָבן מיר אַפּנים דאָ צו טאָן מיט אַן ענלעכן רעוואָלט ווי אין דער הייַנטיקער צייַט, אַן אויפברויז פון דער יוגנט וואָס חוזרט זיך איבער כּמעט אין יעדן דור, אין דער אָדער אין יענער פאָרעם. פרומע טאַטעס זייַנען שוין נישט געווען ביכולת אייַנצוהאַלטן זייערע קינדער אויך אין יענער תקופה פון גייַסטיקן „שטורעם און דראַנג". די יוגנט האָט געוואָלט אַרויס פון דער היימישער, אָפּגעהיטענער טאַטע־מאַמע סביבה. אין דרויסן האָט מען געזען דעם גלאַנץ פון אַ רייַכער, פילפאַרביקער קולטור, און ביי זיך, האָט געשפּאָרט מיט מכלומרשטער פינצטערקייט און אָפּגעשטאַנענקייט. האָט מען געוואָלט פּטור ווערן פון עול. די ייִדישקייט איז געווען אַ שטער אַרייַנצוקומען אינעם היכל פון דער אייראָפּעיִשער קולטור. דערווייַל זייַנען נאָך פאַראַן געווען געענוג מיכשולים בייַם אַריבערשפּאַנען די גרענעץ, פון געטאָ, קיין אייראָפּע. לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז די מדינה איז געווען אַ קריסטלעכע, און דער עקוויוואַלענט פון מלוכה איז געווען די הערשנדיקע רעליגיע. פון קדמונים איז געווען אַ כּלל, אַז נאָר קריסטן קענען זייַן פולע גלייַכבאַרעכטיקטע בירגער אין דער קריסטלעכער מדינה. ייִדן מיט זייער אַנדערשקייט און אָפּגעזונדערטקייט קענען דערפאַר נישט האָבן אין איר קיין דריסת־הרגל. די איינציקע רפואה איז געווען, ווי אַזוי אָפט: אויסצובייַטן דאָס רענדל, זיך אָפּשמדן.

פאַר אַ טייל פון דער ייִדישער אינטעליגענץ אין דייַטשלאַנד, וואָס איז שוין געווען אָפּגעפרעמדט פון איר מקור, אין דער שמד געווען אַ

רײנע פֿאָרמאַליטעט. דער ראַציאָנאַליזם פֿון 18טן יאָרהונדערט האָט געהאָט אונטערגעגראָבן די יסודות פֿון אמונה בײַ אַ גרויסן טײל פֿון די אויפֿגעקלערטע און דאָס נישט נאָר בײַ ייִדן. גײַסטיק איז מען שוין סײַ װי געװען אָפּגעריסן פֿון שורש, הײַנט װאָס פֿאַר אַ באַטײַט האָט שוין געקענט האָבן דאָס ביסל שמד־װאַסער. דער דת איז פּשוט געװען אַ שװערער עול פֿון װאָס מען האָט געװאָלט װאָס גיכער פּטור װערן. איז מען טאַקע אַריבער מיט לײַכטע טריט אויף יענער זײַט באַריער. אַוודאי האָבן זיך יענע יונגע ייִדן נישט געשמדט מחמת איבערצײַגונג. װי ראַציאָנאַליסטן האָט מען געקוקט אויף דעם ענין רעליגיע מיט גרויס סקעפּטיציזם. דער שמד האָט אָבער געהאַט די מעלה, װאָס ער האָט ברײט צעעפֿנט די טױערן קײן אײראָפּע. עס איז געװען דער אײנציקער פּאַספּאָרט פֿון געטאָ אין דער פֿרײַער, אײראָפּעיִשער געזעלשאַפֿט. ממש איבער נאַכט איז מען געװאָרן גלײַך מיט אַנדערע. אַזױ האָט אויך הײנריך הײנע, דער גרויסער לץ אין דער דײַטשישער ליטעראַטור, געקוקט אויף זײַן שמד: דער אַרײַנקום־בילעט אין דער גרויסער, אָפֿענער מערב־װעלט. דער פּראָבלעם פֿון פֿאָלקס־אײגנדיקײט, אמונה, ירושהדיקײט, האָט לחלוטין נישט אינטערעסירט. מען האָט דאָס באַטראַכט װי אַלטפֿרענקיש, גײַסטיקע בטלנות, רעשטלעך פֿון אַן אָפּגעשטאַנענער, פֿאַרשטײנערטער קולטור, װאָס האָבן באמת קײן שום װערט נישט פֿאַר מאָדערנע, אויפֿגעקלערטע מענטשן.

הײַנט װײסן מיר, אַז אויך דער ראַציאָנאַליזם מיט זײַן איבערגעשפּיצטן צוגאַנג צו דעם ענין פֿון דער פֿאָלקס־מסורה, אמונה און שטײגערישקײט, האָט היפּשלעך איבערגעפּירט, און מיט זײַן כּלומרשטן גלאַנץ פֿאַרבלענדט די אויגן און פֿאַרטונקלט די מוחות. איז אין דעם צוזאַמענהאַנג אינטערעסאַנט פֿאַר אונדז צו הערן צו װעלכן אויספֿיר עס קומט אַ מאָדערנער פֿאָרשער (ד״ר הערצבערג), בנוגע אַ רײ פּראָמינענטע פּיאָנערן פֿון דער אויפֿקלערונג. טענהט ער, אַז דער רוב פֿון זײ, זײַנען געװען אָפֿענע שׂונאי־ישׂראל און זיך גאָרנישט געשעמט מיט זײערע אײַנגעװאָרצלטע פֿאָראורטײלן און שׂינאה־געפֿילן לגבי ייִדן. װי אַ ראיה ברענגט ער דעם גרויסן פֿראַנצײזישן שרײַבער און פֿילאָסאָף פֿון 18טן יאָרהונדערט, װאָלטער, װאָס האָט אַפֿילו פֿאַרטראַכט דעם געדאַנק און פּאַטראָניזירט דעם מאָדערנעם, ראַסיסטישן אַנטיסעמיטיזם. היות װי װאָלטער איז געװען אַ כּופֿר אין דער קריסטלעכער אמונה, איז זײַן שׂינאה צו ייִדן געװען באַזירט נישט אויף קײן רײן־קריסטלעכע נאָר טאַקע װעלטלעכע מאָטיװן.

דערפון איז טאַקע אַרויסגעקומען אַ סעקולאַריזירטער אַנטיסעמיטיזם מיט אַלע פּיטשעווקעס, וואָס האָט אינספּירירט אַ גרופּע פון עלזאַסער אַנטי־סעמיטן פון יענעם דור מיט פּואַסאַקן בראש, און וואָס איז אַזוי אַרום איבערגעגאַנגען בירושה צו די שפּעטערדיקע דורות. אויסגעצײַטיקט האָט זיך ערשט אָט די ביטערע פּרוכט מיט איר גאַנצער אימהדיקער קאָנסע־קווענץ אין סאַמע 20סטן י״ה, ממש פאַר אונדזערע אויגן. נישט אַנדערש איז דאָס, אַגב, אויך געווען אין דער ליכטיקער צײַט פון אייראָפּעיִשן הו־מאַניזם פון 16טן יאָרהונדערט. די אויפגעקלערטע גײַסטמענטשן און ערו־דיטן פון יענעם דור, אַ שטייגער דער גאונישער עראַסמוס פון ראָטערדאַם און דער הומאַניסט מיט אַ וועלט־נאָמען יאָהאַנעס רויכלין, האָבן בעצם פּײַנט געהאַט ייִדן און זיך באַצויגן צו זיי מיט גרויס חשד און אומצוטרוי. די אויפגעקלערטע הומאַניסטן פון אַלע מינים האָבן טאַקע גערעדט וועגן פרײַהייט און גײַסטיקער באַנײַונג, אָבער די אַלטע שינאה צו ייִדן איז ווײַטער פאַרבליבן. זאָלן מיר פון דעם אַלעם ציִען אַן אַנאַלאָגיע מיט אַ קל־וחומר אויפן אויפגערודערטן הײַנט? לייגן אײַן וועלטן הײַנטצײַטי־קע רעוואָלוציאָנערן, קאָמוניסטישע מנהיגים און אַ לינקיסטישע יוגנט, וואָס ווערט פאַרפירט פון אַ פאַלשן רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס, אָבער אין תוך איז עס די אַלטע, איבערגעניצעוועטע שינאה צו ייִדן, וואָס ברענגט כסדר און פון דאָס נײַ פרישע צרות אויפן כלל־ישׂראל.

אָבער דאָס נאָר אגב אורחא. לאָמיר זיך אַ קער טאָן אויף צוריק צו דעם עצם ענין וואָס גייט אונדז דאָ אָן, דער קאַמף פאַר עמאַנסיפּאַציע אין דײַטשלאַנד און ייִדישע גורלדיקייט. אין פראַנקרײַך איז די עמאַנסי־פּאַציע געקומען אַ סך פריִער, און טאַקע אויפן פּאָן פון דער רעוואָלוציע און מיטן כּוח פון געזעץ. אין דײַטשלאַנד האָט זיך אָבער דער פּראָצעס פאַרצויגן גאָר לאַנג און האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. דער וועג איז געווען אַ שטעכיקער, אַ שווערער און אַ האַמעטנער, ביז עס איז געקומען דער אָפיציעלער מתן־עמאַנסיפּאַציע פון דעם צפון־דײַטשישן רײַכסטאַג אין 1869. דעם דאָזיקן היסטאָרישן גאַנג, מיט זײַנע שטערונגען און אָפּ־האַלטן, רעדט אַרום באַריכות און מיט גרויס פאַרשערישער פּינקטלעכ־קייט ערנעסט האַמבורגער אין זײַן אַרבעט „הונדערט יאָר עמאַנסיפּאַציע״ אינעם „יאָרבוך״ פון 1969. עס איז אין תוך אַן אַנגעוויטאַגט קאַפּיטל פון בזיון און חרפּה, ביז ייִדן האָבן זיך דערשלאָגן דערצו, אַז מען זאָל זיי געבן פאָרמאַלע גלײַכבאַרעכטיקונג. אָבער איידער וואָס, איידער ווען האָט דער קאַמף אָנגעהאַלטן און די מניעות זײַנען געוואַקסן. אין דעם

צוזאַמענהאַנג איז כּדאַי קודם־כּל צו דערמאָנען די שאַרפֿע סתּירה, וואָס מיר באַמערקן אינעם תּחום פֿון דײַטשישן סאָציאַלן לעבן פֿון יענער צײַט. אין דער ערשטער העלפֿט פֿונעם 19טן יאָרהונדערט איז דײַטשלאַנד נאָך געווען בפירוש אַן אַגראַר־לאַנד, נישט אינדוסטריאַליזירט און מיט אַן אָפּגעשטאַנענער געזעלשאַפֿטלעכקייט. אויף דער אַנדער זײַט האָט זיך געהאַט צעבליט אַ שטאַרק גײַסטיק לעבן, מיט אַן אויסגעמיקן קולטור־אויפֿגיי. דאָס אײַנגעפֿירטע געזעץ פֿון אַלגעמיינער שול־פֿליכט, וואָס איז זינט 1833 אויך חל געווען אויף די אַמאָליקע פּוילישע קאַנטן אין פּרײַסן, איז געווען שטאַרק מזל־ברכהדיק פֿאַר דער סאָציאַלער מערכה פֿון די ייִדן. הגם נאָך ווײַט פֿון גלײַכבאַרעכטיקונג, האָבן זיי אָבער באַוויזן כּסדר צו פֿאַרבעסערן זייערע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. עס איז אָנגע־גאַנגען אַ פּראָצעס פֿון אַ כּסדרדיקער איבערשיכטונג אינעם תּחום פֿון פּרנסות און פּראָפֿעסיעס. ביז איצט זעען מיר אויפֿן סאַמע שפּיץ פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן לייטער אַ דינע, עליטאַרע שיכט פֿון ייִדישע פֿינאַנסיסטן און רײַכע סוחרים און דערצו אַ קליין הייפֿעלע פּאָליטיקער, און גאַנץ אונטן איז געשטאַנען די אָרעמע מאַסע פֿון הענדלערס און דאָרף־גייערס. גיך האָט זיך גענומען בײַטן אָט דאָס אומגלײַכע סאָציאַלע משקולת. ייִדן זײַנען באַלד אַרײַן אין אַ ריי נײַע פּראָפֿעסיעס און גענומען אויספֿירן וויכטיקע עקאָנאָמישע פֿונקציעס. אין דײַטשלאַנד גופֿא קומט פֿאָר אַ סאָציאַלע טראַנספֿאָרמאַציע. פֿון דעם אַמאָליקן אַגראַר־לאַנד ווערט איצט אַ מדינה פֿון אינדוסטריעלער פּראָדוקציע מיט אַ וואַקסנדיקן אינטער־נאַציאָנאַלן מיסחר, אין וואָס ייִדן האָבן געשפּילט אַ באַטײַטיקע ראָל. מען האָט אָנגעהויבן אַריבערצוגיין פֿון די דאָרפֿישע ייִשובים און שטעט־לעך אין די שטעט, פֿון די מיזרח־פּראָווינצן אין די צענטראַלע־ און דרום־מערב געביטן מיט זייערע אינדוסטריעלע־ און האַנדלס־צענטערן. ייִדישע באַנקירן פֿינאַנסירן די פֿריש־אויפֿגעקומענע גרויס־פּראָדוקציע, דעם בוי פֿון באַנען, און אַ ריי מיסחר־פֿעיִקע ייִדן האָבן אויך פֿאַרלייגט דעם יסוד פֿון אַ שווערער אינדוסטריע, וואָס האָט שפּעטער געשמט איבער דער וועלט. מיט דער פֿאַרבעסערונג פֿון דער סאָציאַלער מערכה איז אויך שטאַרק געוואַקסן אין פּראָפּאָרץ די צאָל ייִדן אין די הויכשולעס און אוני־ווערסיטעטן, וואָס האָט ממילא באַווירקט דעם פֿאַרשנעלערטן גאַנג אין דער קולטורעלער און עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פֿון דעם ציבור ייִדן אין דײַטשלאַנד.

אָבער דערווײַל איז מען נאָך געווען ווײַט פֿון אַן ענדגילטיקן שריט

אויפֿן וועג פֿון פּאָליטישער עמאַנסיפּאַציע. נישט געקוקט אויף די אויפֿטועך און דערגרייכונגען פֿון ייִדן אויפֿן שטח פֿון קולטור אוןווירטשאַפֿט, איז דער מצב פֿאַרבליבן זייער קאָמפּליצירט. אַפֿילו נאָכן רעוואָלוציאָנערן אויפֿברויז פֿונעם יאָר 1848 און דעם ליבעראַליזם און פֿרײַהייט־שטימונגען אין די דײַטשישע לענדער, האָט זיך גאָרנישט געענדערט לגבי די ייִדן. די פּאָליטישע דיסקרימינאַציעס זײַנען פֿאַרבליבן ווי געווען. אַדרבא, פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך געטאָן אַ שאָט כּל המינים אַנטיסעמיטישע אַרגומענטן, וואָס זאָלן אָפּהאַלטן דעם אַקט פֿון עמאַנסיפּאַציע. אַ סך פֿון די פּאָליטישע וואָרט־זאָגערס האָבן געטענהט, אַז ייִדן זײַנען אויסן צו שאַפֿן אַ מלוכה אין דער מלוכה. פֿאַר אַ טייל פֿון זיי זײַנען ייִדן אַפֿילו געווען אַ באַציל, וואָס פֿאַרסמט די אַרומיקע, גויִישע סביבה, אַ טערמינאָלאָגיע מיט וואָס די שפּעטערדיקע נאַציס האָבן זיך אַזוי חוצפּהדיק־ברוטאַל באַנוצט אין זייער מוראַדיקן פֿאַרניכטונגס־קאַמף קעגן די ייִדן אין אייראָפּע. ערשט פּאַמעלעך נעמען זיך די בלאָסע, פֿאַרבלאָזע ליבעראַלע כּוחות אין לאַנד צו ליקווידירן די פֿאַרוואָרצלטע פֿאָראורטיילן און משונהדיקע השׂגות מכּוח ייִדן, און אַ סוף מאַכן צו די פּאָליטישע באַגרענעצונגען וואָס האָבן באַלאַסטעט דעם קיבוץ ייִדן אין דײַטשלאַנד. אַפֿילו אַזאַ באַהויכטער גײַסט ווי דער גרויסער פֿילאָסאָף פֿון יענעם דור, העגעל, וואָס זײַן מחשבה האָט פּרוכטיק באַווירקט די פֿילאָסאָפֿישע און פּאָליטישע שיטות פֿון 19טן יאָרהונדערט, איז געווען דער רבי און מורה־דרך פֿון קאַרל מאַרקסן, האָט פֿון אַ טעאָלאָגישן קוקווינקל זיך באַצויגן צום ייִדנטום מיט גרויס ביטול און אַ געפֿיל פֿון זילזול. ער האָט געטענהט, אַז ייִדן זײַנען אַ נישט־געוווּנטשענער עלעמענט אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפֿט. פֿון אַ ריין פֿאָרמאַלן, מענטשלעכן שטאַנדפּונקט, האָט העגעל פֿאָרט נוטה געווען צום געדאַנק, אַז מען דאַרף ייִדן עמאַנסיפּירן, אין תּוך אַ תּרתּי דסתּרי אין העגעלס צוגאַנג צום פּראָבלעם ייִד און ייִדנטום. פֿון דעסטוועגן איז זײַן בפֿירושע אַנטיפּאַטיע לגבי ייִדן פֿאַרבליבן אַ שטאַרקער עלעמענט אינעם נאַציאָנאַלן באַוווּסטזײַן פֿון דײַטשישן פֿאָלק, וואָס האָט מסתּמא געפֿירט דערצו, אַז נישט געקוקט אויף דער עמאַנסיפּאַציע איז דער אַנטיסעמיטיזם אין דײַטשלאַנד נישט פֿאַרשוווּנדן.

און אַזוי האָט זיך געצויגן אַן עקשנותדיקער קאַמף מצד די ייִדן און אַ גרופּע ליבעראַלן אַ לאַנגע צײַט. ערשט אינעם יאָר 1869, צוויי יאָר פֿאַר דער אוניפֿיקאַציע פֿון דײַטשן רײַך אין 1871, נאָך דער פּרײַסיש־פֿראַנצייזישער מלחמה, איז געקומען די לאַנג־פֿאַרהאָפֿטע פּאָליטישע

ישועה. ייִדן זײַנען געוואָרן מיט אַן אַקט פון פּאַרלאַמענט גלײַכבאַרעכ־טיקט, און אומדירעקט אויך ווײַטער פּאַרבעסערט זייער סאָציאַלע און עקאָ־נאָמישע מערכה. אין די 70ער יאָרן, וואָס זײַנען געשטאַנען אין דײַטשלאַנד בסימן פון נאַציאָנאַלער אייניקייט און אַ ליבעראַליזאַציע פון געזעץ, האָבן ייִדן שוין פאַרמאָגט אַ צאָל אָנגעזעענע פּאָליטיקער און פּאַרלאַמענטאַריער. אַזוי למשל איז עדואַרד לאַסקער געווען איינער פון די באַטײַטיקע פּאַר־לאַמענט־מיטגלידער, און אַ מענטש ווי לודוויג באַמבערגער האָט געשמט נישט בלויז ווי אַ פּאָליטיקער נאָר אויך ווי אַ גרויסער מומחה אין באַנק־און געלט־ענינים. אין יענער צײַט האָט זיך אויך שטאַרק קונה־שם געווען אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי דער הייסער דעמאָקראַט לעאָפּאָלד זאָנעמאַן, דער באַזיצער און רעדאַקטאָר פון דער באַרימטער „פראַנקפורטער צײַטונג”.

אין דער אמתן, וואָלט איך געזאָגט, איז דער אַקט פון עמאַנסיפּאַציע געבליבן אַן אײנזײַטיקער, מיט אַ סך פּאָליטישער חיצוניות, אָבער אָן אַ ביסל וואַרעמער פּנימיות. אוודאי זײַנען ייִדן געווען שטאָלץ מיט זייער פּאָליטישער דערגרייכונג און אַרײַנגעוואָרפן זיך אין דעם דײַטשישן קולטור־קעסל מיט אַ סך התלהבות און ברען. ווי שיינע מחותּנים האָבן זיי אַרײַנ־געטראָגן מיט אַ ברייטער האַנט דעם נדן, סײַ פּאָליטיש און סײַ עקאָנאָמיש און קולטורעל. כּדי צו באַווײַזן זייער אמתע דײַטשישע פּאַטריאָטישקייט און זײַן גלײַך מיט די דײַטשן ווי אַ פּאָלק, האָבן זיי זיך אין זייער ליב־שאַפט צום „דײַטשטום” דערקלערט פּאַר דײַטשן פון משהס גלויבן, אַ טער־מינאָלאָגיע, וואָס האָט געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג בײַ ייִדן אויך אין אַנ־דערע לענדער. איז טאַקע זייער אויפשטײַג געווען אַ זעלטענער. אומעטום האָבן זיך ברייט צעקלונגען ייִדישע נעמען ווי שרײַבערס און קינסטלערס, וויסנשאַפטלעכע גדולים און מאַגנאַטן פון דער אינדוסטריע און פינאַנצן. מען האָט דער גויישער וועלט באַוויזן וואָס ייִדן קענען אויפטאָן אויב מען לאָזט זיי נאָר אַרויס אויף דער פרײַ. דער חסרון איז נאָר געווען וואָס די כּלה איז אפשר צו שיין, און דעם צד שכּנגד, די דײַטשישע מחותּנים איז דער שידוך נישט געווען צום האַרצן. דער פּראָבלעם ייִד־דײַטש איז נישט אַראָפּ פונעם סדר־היום, אַפילו באַלד נאָך דעם אָפיציעלן אַקט פון עמאַנסיפּאַציע. ייִדן זײַנען ווײַטער פּאַרבליבן אַ פרעמד־קערפּער, וואָס דער דײַטשישער מאָגן האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרדייען. דערפון האָט זיך טאַקע גענומען, וואָס אין די סאַמע האָניק־חדשים פון דער עמאַנסיפּאַציע האָבן ווײַטער געבלאָזן קאַלטע ווינטן און פאַרשטערט די שׂימחה. די אַגרע־סיווע שטימונג לגבי ייִדן מיט אַלץ נײַע אַרגומענטן און בזיונות, האָבן זיך

נישט אָפּגעטאָן. דער באַקאַנטער היסטאָריקער פון די 70ער יאָרן, טריי־טשקע, איז געווען איינער פון די ראש־המדברים אין דעם פון דאָס ניי־צעברענטן וויכּוח אַרום דער פראַגע פון יידישער עמאַנסיפּאַציע. זיין טענה איז געווען, אַז דאָס אמתע גערמאַניש־נאַציאָנאַלע געפיל קען בשום אופן נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, צו האָבן אַרום זיך אַ פרעמדן עלעמענט, וואָס האַלט זיך אין איין צעשפּרייטן און פאַרנעמט אַלץ מער וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער דייטשישער געזעלשאַפטלעכקייט.

אַפילו דער גרויסער היסטאָריקער פון יענער תּקופה, טעאָדאָר מאָמזען (וואָס זיין קאַפּיטל „יהודה און די יידן" אין זיין מאָנומענטאַלער רוימישער געשיכטע, האָט בשעתו געמאַכט אַ רושם), האָט געהאַלטן, אַז די איינציקע תּרופה פאַר יידן איז אויפלייזן זיך, אָפּשמדן זיך און אַן עק זאָל זיין צו דער יידישער עקשנות. ווי אָפט האָבן מיר שוין געהערט פון אונדזערע גוטע עצה־געבערס, אַז יידן זאָלן אַרויס פון זייער ענגשאַפט און גייסטיקער פאַרשטיינערונג אין די פרייע ווייטקייטן פון דער קריסטלעכער וועלט! לאָמיר אויך נישט פאַרגעסן, אַז צווישן די אַרטיקולירטע דם־שונאים פון יידישן פאָלק איז געווען וואַגנער. דאָ אַהער קער זיך אויך אָן דער טעאָרעטיקער פון מאָדערנעם אַנטיסעמיטיזם, דער ענגלענדער הוסטאָן ס. טשעמבערליין, וואָס האָט אַפּנים נישט געפונען קיין באָדן פאַר זיינע אויסטערלישע דעות אין ענגלאַנד און זיך דערפאַר באַזעצט אין דייטשלאַנד, ווו דער גייסטיקער קלימאַט איז געווען צייטיק פאַר זיינע גיפטיקע און געפעלשטע תּורות.

אַזוי האָט דאָס אויסגעזען אין דער תּקופה נאָך דער עמאַנסיפּאַציע. נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער ייד האָט זיך געוואָלט אַלץ מער אויס־פיינען אין די אויגן פון זיינע פרעמדע בעל־בתּים און זיי אַרויסווייזן וואָס מער געטריישאַפט און ליבשאַפט, האָט ער דערמיט נישט באַגליקט. די אַנטיסעמיטישע כוואַליעס האָבן זיך כּסדר געהויבן און דער פּראָבלעם ייד איז כּמעט נישט אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדענונג. אַפילו דאָס ליבעראַלע פראַנקרייך איז נישט אָפּגעשטאַנען אין דעם פּרט. אויך דאָרט האָט זיך דערהערט דער מיאוסער געשריי פון אַן עדואַרד דרומאָנט, אַז יידן זיינען אַ גרויסע סכּנה פאַרן ווױלזיין פון פראַנקרייך. דאָס איז אויך געווען דער קלימאַט פאַר דעם דרייפוס־בילבול, וואָס האָט אויפגעשטורעמט פראַנק־רייך אין די 90ער יאָרן און געפירט צו הערצלס „יודענשטאַט", וואָס איז געוואָרן דער כּוח הדוחף פונעם מאָדערנעם ציוניזם און געשאַפן די באַ־נייטע מדינה אין ישׂראל.

עס זײַנען איצט געוואָרן הונדערט יאָר זינט עס איז געוואָרן אָפיציעל פּראָקלאַמירט אין דײַטשלאַנד די עמאַנסיפּאַציע פון ייִדן. נעמט זיך דאָס „יאָרבוך" (1969) פון לעאָ בעק אינסטיטוט, נישט בלויז צו פאַרסכהכלען דעם היסטאָרישן פּראָצעס מיט זײַן פּאָליטישן קאַמף און גערײַנגל פאַר רעכט, די סאָציאַלע דערגרייכונגען און עקאָנאָמישע אויפטוען, נאָר וויל אויך מאַכן אַ שטיקל חשבון־הנפש פון אָט דער דראַמאַטישער תּקופה מיט איר ייִדישער גורלדיקייט און שווערע נסיונות. פרעגן מיר זיך איצט, איז די עמאַנסיפּאַציע געווען בלויז אַ שײַנער, ווײַטער חלום, וואָס די שפּע־טערדיקעווירקלעכקייט האָט צעשטערט? איז דאָס אַלץ געווען אַ מקח־טעות פון אַ דור אָפּטימיסטן און אידעאַליסטן, אַ פּאַרמעסט וואָס האָט נישט באַגליקט? אַוודאי איז די עמאַנסיפּאַציע ווי אַ פּאָליטישער אַקט נישט ביכולת געווען צו ליקווידירן די אײַנגעבוירענע שׂינאה צו ייִדן, פאַר־בײַטן די פינצטערע אינסטינקטן פון קינאה און פײַנדשאַפט, און שאַפן אַ שײנע, גליקלעכע וועלט פאַר ייִדן, ווי יענער דור האָט געהאָפט. דוכט זיך, אַז אַפילו דער סאַמע דערהויבענער אידעאַל איז נישט בכוח איבערצו־אַנדערשן די מענטשלעכע נאַטור מיט אירע אינהיביציעס און שׂינאה־געפילן. האָבן זיך אפשר די דײַטשישע ייִדן אָפּגענאַרט און בײַם סוף פון דער תּקופה געבליבן שטיין צעטומלטע, פאַרייִאושטע און אָפּהענטיקע? דער־ווײַל ראַנגלט זיך נאָך די דײַטשישע שארית־הפּליטה מיט דעם פּראָבלעם עמאַנסיפּאַציע און ייִדישקייט צו וואָס מען וויל זיך דערגרונטעווען און געבן דערויף אַ היסטאָריש־אויסגעהאַלטענעם ענטפער.

ווי מיר זאָלן נישט הײַנט קוקן אויף אָט דעם פּראָבלעם און דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פונעם דײַטשישן ייִדנטום פון פאַר דער עמאַנ־סיפּאַציע און דערנאָך, מיט זײַנע בולטע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, זײַן נאַציאָנאַלער פאַרקרומטקייט און גײַסטיקער פאַרקריפּלטקייט, טאָר מען אָבער פאַרט נישט פאַרזען די באַטײַטיקע ראָלע וואָס אָט דאָס ייִדנטום האָט געשפּילט אין ייִדישן לעבן אין די לעצטע דורות. עס איז געווען אַ זעלטענער כּוח, וואָס האָט באַפרוכטיקט די ייִדישע ייִשובים איבער גאָר דער וועלט מיט זײַן תּורה און חכמה, מיט זײַן וויסן און קולטור. עס איז געווען אַ דורותדיק־אָקומולירטע, אויסגעשטאַנענע גײַסטיקייט וואָס האָט באַווירקט מיט איר דרך פון מחשבה, די ייִדישע וועלט, און פאַר איר ברייט צעעפנט דעם אַרײַנגאַנג אינעם היכל פון דער אייראָפּעיִשער קול־טור. אויף דעם באָדן פון דײַטשלאַנד איז אין תּוך גענומען געקומען אַ סינ־טעז פון ייִדישער קוואַליקייט און עמקות מיט דײַטשישער גרונטיקייט

און סיסטעמאַטישקייט. דווקא אין די יאָרן פון דער ווײמאַרער רעפּובליק, וואָס האָט געגעבן די ייִדן אַ מין צווייטע, באַנײַטע פּאָליטישע לוחות מיט אַלע רעכט, האָט זיך פאַרשטאַרקט דאָס ייִדיש־נאַציאָנאַלע באַוווסטזײַן מיט אַ וואַקסנדיקער פּאָזיטיוו־ייִדישער קולטור־טעטיקייט. דײַטשישע ייִדן האָבן גענומען זוכן אַ נײַעם, אַן אייגענעם וועג פון אַ צוריק צו זיך, צוריק צום ייִדישן מקור און העלפן בויען אַ בריק צווישן דעם עבר און דעם עתיד. עפּעס איז פאַרט פאַרגעקומען אין די יאָרן פון פאַר היטלערן. דער עמאַנ־סיפּירטער, זעלבסט־זיכערער ייִד האָט מיט אַ מאָל אינסטינקטיוו דערפילט אַ טיפן ציטער, אַן אומרו אין האַרץ און אַ זאָרג פאַרן מאָרגן וואָס האָט געשאָטנט מיט אימה אויפן האָריזאָנט. עס זײַנען פאַראַן געווען סימנים, וואָס האָבן אָנגעזאָגט נישט קיין גוטס, ייִדישע גורלדיקייט האָט געקלאַפּט מיט הילכיקע זעץ פאַר די טויערן. ייִדן האָבן זיך גענומען אַרומקוקן און זען ווי מען האַלט. מען האָט אָנגעהויבן אָפּפרעגן געוויסע געזעלשאַפטלעכע אמתן, וואָס זײַנען געוואָרן אַ שאַבלאָן, און רעווידירן דעם פּלאַן, בלאָסן עמאַנסיפּאַציע אַני־מאמין. אַ סך צו דער דאָזיקער איבערווערטונג פון ווערטן האָט אויך בײַגעטראָגן דער ציוניזם, וואָס האָט אין דײַטשלאַנד געהאַט אַ פאַרטיפטן, הומאַניסטיש־אידעאָלאָגישן אונטערשלאַק. דעם דור צעטומלטע בלאָנקענדיקע ייִדן האָט דער ציוניזם גענומען ווײַזן דעם וועג אויף צוריק צו זיך, צו ייִדישער מקורדיקייט און צו אַ רײַכער, תּוכיקער פאָלקס־ייִדישקייט, וואָס האָט בעצם געצויגן אַ סך פון איר יניקה פונעם מיזרח־אייראָפּעיִשן קוואַל. אָט דער ציוניזם מיט אַנדערע פּאָזיטיווע עלע־מענטן אין דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט אין דײַטשלאַנד, מיט זײַן אייגענעם דרך פון מחשבה און אַ געפיל פאַר ייִדישער אייגנדיקייט, האָט זיך אַרויסגעוויזן בײַם סוף פון דער תּקופה פון עמאַנסיפּאַציע, ווען עס האָט זיך אָנגערוקט אַן אימהדיקער חורבן און פאַרלענדונג, צו זײַן אַ געגנוג שטאַרקער כּוח צוזאַמענצוהאַלטן דעם קיבוץ ייִדן און אים שטאַרקן אין די מסוכּנדיקע צײַטן. אָט די נאַציאָנאַלע כּוחות האָבן אויך געהאָלפן אַריבערפלאַנצן צענדליקער טויזנטער ייִדן פון דײַטשלאַנד קיין ארץ־ישׂראל, וואָס האָבן צוזאַמען מיטן איבעריקן ייִשוב ווײַטער געבויט דאָס לאַנד און פאַרלייגט דעם יסוד פאַר דער קומענדיקער ייִדישער מדינה.

(1971)

געדאַנקען װעגן גאולה

דורות לאַנג האָבן ייִדן אַרויסגעקוקט אויף משיחן, וואָס זאָל נישט נאָר זײ אויסלייזן פון פּײַן און גלות, נאָר באַגלײַך אויך ברענגען די גאולה פאַר דער וועלט. האָבן מיר ייִדן פון תּמיד אָן געוווּסט, אַז אַן אמתדיקע, לעצטגילטיקע דערלייזונג פון איין פאָלק איז בפירוש אוממעגלעך און קען טאָקע נישט זײַן געמאָלט, אויב די איבעריקע וועלט איז ווײַטער פאַר־יסורימט, אונטערדריקט און אַרײַנגעטאָן אין אַ טיפער חשכות. האָבן טאָקע שפּעטערדיקע דורות, בפרט די בעלי־חזיון און בעלי־סוד, אַרײַנגעטראָגן דעם קאָסמישן עלעמענט אינעם פּראָצעס פון גאולה אין דעם רחבותדיק־גדלותדיקן שפּאַן פון ייִדישן פאָלק צו נצחיות איבער צײַט און שטח. ברענגט דער אוניווערסאַלער ייִדישער גואל, צדק און יושר, אַבסאָלוטע גערעכטיקייט אויף דער וועלט, אַ דערהייבונג פון שיפלות און אַ באַנײַטן, פאַרטיפטן גלויבן אין אַ הומאַניטעט, וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם פון אייביקייט. עס איז אַבסאָלוטע, געטלעכע גאולה, וואָס ברענגט מיט זיך די באַפרײַונג פון גאַנצן באַשאַף, אַ תּיקון פון עולם השפל. איז דאָס בעצם די גרויסע, ליכטיקע האָפענונג פון דער גאַנצער מענטשהייט אויף אַ נײַעם וועלט־סדר, אויף אַ יושרדיקער באַנײַונג פון די יסודות פון מענטשלעכן לעבן, פרײַ פון עוולות און שלעכטס, אַ פרײַהייט וואָס איז נישט אויפגע־בויט אויפן חשבון פון אַנדערע, פון שוואַכערע און סאָציאַל־באַעוולטע. כּל־זמן עס איז נאָך פאַראַן אויף דער וועלט אונטערדריקונג און פּײַן, קען גאָרנישט געמאָלט זײַן אמתדיקע, סופיקע גאולה.

טראָגט טאָקע אין זיך ייִדישע גאולה אינעם חזיון פון דורות אַ ניצוץ פון דער אייביקער מאָראַלישער וועלט־אָרדענונג, דעם הויך פון אין־סופי־קייט. זי מיינט נישט סתּם אַ באַפרײַונג מיט כּוח פון נויט און שיפלות, פון אַראָפּוואַרפן פון זיך די קייטן פון קנעכטשאַפט און ווערן איבער נאַכט סאָציאַל פרײַ און נאַציאָנאַל עמאַנסיפּירט. דאָס וואָלט שוין מלכתחילה באַ־טײַט אַ באַגרענעצונג פונעם סאַמע עיקר פון גאולה־געדאַנק, וואָס שפּאַנט גבורהדיק איבער דעם ייִדישן מחשבה־שטח פון דורות, און וואָס איז אין

זײַן לעצטער אַנאַליזע אַ טראַנסצענדענטאַלער, אַ געטלעכער אַקט. דאָ ליגט שוין נישט דער טראָפּ אויף דאָס חיצוניות פון פרײַהייט, אויף בילי‌קע לאַזונגען, וואָס פאַרטומלען נאָר די מוחות, נאָר אויף אַ תּמציתדיקייט און פנימיות, וואָס זייער סימן־מובהק איז יסודותדיקע הומאַניטעט און מאָ־ראַלישקייט. אָט די סאָרט גאולה צילט צום העכסטן, צום סאַמע שפּיץ פון דער שטרעבונג צו אַ תּיקון און שלמות, וואָס מען קען נישט דערגרייכן אויף אַ לײַכטן, באַקוועמען וועג, נאָר דורך שווערע נסיונות, יסורים און עינוים. שטייט טאַקע דאָס יידישע פאָלק אין זײַן דורות־לאַנגן געשיכטלעכן גאַנג צווישן צוויי פּאָלוסן: לייד און גאולה. אַזוי הייבט זיך טאַקע אויך אָן די יידישע געשיכטע פון שיעבוד מצרים ביזן הײַנטיקן טאָג. זי שטייט ווי דער לייטער פון יעקב אָבינו צווישן הימל און ערד, אויף דער איינער זײַט קנעכטשאַפט און יסורים און אויף דער אַנדער זײַט גאולה, באַהויכט פון אַ דערהויבענער נצחיות. שווערע נסיונות, ליידן און חורבן זײַנען, לויט דער יידישער קאָנצעפּציע, אַ מין פאַרבאַדינג פאַר גאולה. אַנישט, קומט אויס, איז דער מענטש פשוט נישט דערוואַקסן, איז ער ממש נישט ראוי צו ווערן אויסגעלייזט. צרות און יסורים רייניקן דעם מענטש, איידלען אויס זײַן נפש און גרייטן צו זײַן הומאַניטעט צו דעם אַקט פון אַ לעצטגיל־טיקער גאולה.

כּדי גאולה זאָל האָבן אַ האַפט און נישט ווערן פאַרפעלשט, מוז דער מענטש אויף זיך נעמען אַ מאָראַלישן עול, אַ התחייבות לגבי דעם עטישן פּרינציפּ, וואָס זאָל באַוואָרענען מלכתּחילה, אַז נישט תּאוות און הפקרות, גזלות און רציחות, נאָר אמת און גוטסקייט, יושר און די אַכפּערונג פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט, זאָלן הערשן אויף דער וועלט. אָט דער מאָראַליש־עטישער עול מוז זײַן אַ מין תּנאי קודם למעשה, איידער עס קען קומען די דערלייזונג, אַנישט בלײַבט אַ מעכאַנישע, פאַלשע, מאַטע־ריעלע באַפרײַונג, פון סאַמע קנעכט, פון אומפרײַע נישט דערלייזטע מענטשן, וואָס בלײַבן שטעקן ראשם ורובם אין זייער מגושמדיקייט און אַמאָליקער שיפלות. עס איז אין דער אמתן אַ פרײַהייט פון תּקיפים און געוועלטיקער, וואָס הערשן מיט זייער צינישן פּאַטערנאַליזם איבער די מאַסן און וויגן זיי אײַן מיט זיסע חלומות און ביליקע האָפענונגען, וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן זייער פּאַטעטישן אויפברויז און געבליבן ווי אַ גולם, אָן אַ נשמה און אָן אַ האַרץ.

נאָר די גאולה וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם פון אַ מאָראַלישער וועלט־אָרדענונג, פון אַן עטישער געצוימטקייט און אַ געפיל פון אחריות

לגבי דער מענטשהייט ווי אַ גאַנצקייט, מיט אירע סתּירותדיקייטן און קאָנ־פליקטן, קען האָבן אַ קיום און דערגרייכן סוף־כּל־סוף צו דער העכסטער מדרגה פון מענטשלעכער שלמות. איז דווקא אין דעם צוזאַמענהאַנג אינ־טערעסאַנט אַן אַלטע, טיפזיניקע אינטערפּרעטאַציע פון מדרש בנוגע דעם אַקט פון יציאת מצרים. לערנען טאַקע אונדזערע חכמים פּשט, אַז דער דור פון די אויסגעלייזטע, פון די יוצאי־מצרים, האָבן געמוזט אויף זיך נעמען צו ערשט דעם עול פון מתּן־תּורה, פון אָרדענונג און געזעץ, איידער זיי זײַנען געוואָרן רײַף צו אַ נאַציאָנאַלער סוווערעניטעט. דער פאַקט אַליין, אַז מען איז געוואָרן באַפרײַט פון דער מצרישער קנעכטשאַפט איז נאָך נישט געווען קיין גאַראַנטיע פאַר אַ דויערעוודיקער פרײַהייט. מען קען זיך פילן פרײַ און בעצם בלײַבן אַ קנעכט, מיט אַ קנעכטישער נשמה. דעריבער האָט בײַם אַקט פון יציאת־מצרים געמוזט נאָך עפּעס אַזעלכעס צוקומען, וואָס זאָל געבן דער עצם באַפרײַונג אַ זינען און תּוכן. עס איז דעריבער געקומען די גײַסטיקע קאָנסטיטוציע פון באַרג סיני, מיט איר ספּיריטועלער אייגנקייט און מאָראַלישער נאָרמע, וואָס האָט געזאָלט צוגרייטן דאָס פאָלק פאַר זײַן גרויסער היסטאָרישער שליחות. איז טאַקע דער עצם פאַקט פון קבלת־התּורה מיט זײַן גאַנצער גײַסטיק־רעליגיעזער אימאַנענץ און די יסודותדיקע עטיש־סאָציאַלע געבאָטן, געוואָרן דער פּײַערדיקער זײַל, וואָס לײַכט דער מענטשהייט ביזן הײַנטיקן טאָג אויף איר וועג צום ווײַטן עתיד. איידער דאָס פאָלק האָט געקענט באַצווינגען דאָס לאַנד כּנען און זיך פאַראַרבן אין אים, האָט געמוזט, על כּן, קומען דער אַקט פון קבלת־התּורה מיט זײַנע נצחיותדיקע ווערטן. דאָס פאָלק און זײַן לערע איז געוואָרן איין אָרגאַנישע גאַנצקייט.

כּדי די באַפרײַונג פונעם מענטש זאָל האָבן אַ קיום, אַז זי זאָל נישט ווערן דעספּאָטיש, מוטוויליק און הפקרדיק, מוז זי זײַן אַ פון אינעווייניק אַרויס אַ געצוימטע, מוז איר יסוד זײַן, לויט דעם ייִדישן וועלט־באַנעם, אַ מאָראַליש־אַקטיווער, אַ מחייבדיקער, אַן אימפּעראַטיווער. אינעם עול וואָס דער מענטש נעמט אויף זיך מיט דער מאָראַלישער וועלט־אָרדענונג, מיט איר מענטש־ און וועלט־הייליקייט, איז בעצם פאַראַנקערט יענע פרײַהייט, וואָס איז אין תּוך אַ גײַסטיקע, אַ דערהויבענע און אַ טראַנסצענדענטאַלע, וואָס שפּרײַזט איבער צײַט און שטח מיטן פּנים צו דער אייביקייט. איז אפשר כאַראַקטעריסטיש ביז גאָר די שאַרפזיניקע אינטערפּרעטאַציע, וואָס עס לאָזן אונדז הערן די גרויסע גײַסטמענטשן פון אַמאָליקע דורות, וועלנ־דיק אונדז איבערגעבן דעם טיפערן מיין פון די עשׂרת הדברות, מיט זייער

הימלדיקער דערהייבונג. אין שמות (ל״ב, ט״ז) לייענען מיר, אַז אויף די לוחות איז געווען אויסגעקריצט: חָרות, (אַ קמץ אונטערן ח׳) דער כּתב פון גאָט. קומען צו גיין אונדזערע חכמים מיט זייער טיפן חוש פאַר דעם יידישן מהות און זייַן מחשבה־גלי, און מאַכן פון דעם וואָרט „חָרות״ אַ גייסטרייַכיק וואָרטשפּיל, וואָס זאָגט אונדז מער ווי אַלע לאַנגע מאמרים און גאַנצע פילאָסאָפישע שיטות. „לייען נישט, טייַטשן זיי, חָרות (מיט אַ קָמץ אונ־טערן ח׳), אויסגעקריצט, נאָר דווקא חֵרות (אַ צירה אונטערן ח׳). (עירובין נ״ד, א)״. אָט וועגן וואָס עס גייט. די עשׂרת הדברות מיט זייער מאָראַלישער וועלט־אָרדענונג און קדושה־ווערטן, האָבן אויפגעטרייסלט דאָס פאַרשלאָפענע געוויסן פון מענטשן און געבראַכט מיט זייער געזעצלעכ־קייט דער וועלט אַ נייַעם באַגריף פון אַ גייַסטיקער פרייַהייט, וואָס באַ־שטראַלט און דערהייבט. עס איז אַן אַבסאָלוטע אומגעפעלשטע פרייַהייט, וואָס מאַכט דעם מענטש פרייַ און אומאָפּהענגיק פון די טעמפּע נאַטור־כּוחות און אַ פינצטערער גורלדיקייט, וואָס האַלט אים צוגעקאָוועט צום ערדישן עמק־הבכא.

אַגב לאָמיר דאָ דערמאָנען, אַז די דייַטשישע אידעאַליסטישע פילאָ־סאָפיע און בראש פון איר דער גרויסער דענקער פונעם 18טן יאָרהונדערט, עמנואל קאַנט, האָט כּסדר באַטאָנט די מאָראַלישע התחייבות פון מענטש לגבי זייַן פרייַהייט. בשעת קאַנט רוקט אַרויס דעם פּרימאַט פון קאַטעגאָ־רישן אימפּעראַטיוו, לייגט ער דעם טראָפּ אויף גאַנץ באַשטימטע, געבונדענע רעליגיעז־עטישע נאָרמעס מיט אַלע אירע קאָנסעקווענצן פאַר דעם עצם פון אַ פרייַער האַנדלונג פון מענטש פון וואָס ער טאָר זיך נישט אָפּזאָגן. פרייַהייט מיינט נישט, על כּן, זיך באַפרייַען פון אַלץ, אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם מאָראַליש־געזעצלעכן עול מיט אַלע געזעלשאַפטלעכע התחייבותן. צו זייַן באמת פרייַ הייסט נישט, טאָן אַלצדינג וואָס דאָס האַרץ באַגערט, לעבן אַ גוטן טאָג אויפן חשבון פון אַנדערע, נאָכגיין כּל המינים הפקר־דיקע תּאוות, טאָן עוולות און גורם זייַן יסורים און עינוים די איבעריקע מענטשן. אַזאַ פרייַהייט, אַפילו ווען זי מאַכט דעם פרומען אָנשטעל פון סאָציאַלער גלייַכהייט, פון אַ רעוואָלוציאָנערן ברען און פּאַטאָס, איז זי אין דער אמתן נאָר אַ סוראָגאַט, אַ פאַלשע, פאַרקרומטע פרייַהייט, וואָס פירט צו פרישע יסורים און אכזריותדיקייטן, צו אונטערדריקונגען און אַ דעהומאַניזירונג פונעם מענטשלעכן מין. אויף אָט דעם באָדן זייַנען טאַקע אויפגעשטאַנען כּל המינים פאַלשע משיחים אין משך פון דורות, וואָס זייַ־נען געקומען ראַטעווען, אויסלייזן, אָבער צום סוף פאַרפירט די וועלט.

אַנשטאָט גאולה האָבן זײ געבראַכט נײַע פאַרשקלאַפונג און צרות, און פאַרמערט די אָפּהענטיקייט און דעם יאוש פונעם כלל. דער גואל פון נעכטן איז געוואָרן דער גולם-הענקער פון הײַנט. אָבער די אמתדיקע פרײַהייט איז אַן אימפּעראַטיווע, אַן אויטאָנאָמע און אַ מאָראַלישע, וואָס שטורעמט אויף דאָס האַרץ פון מענטש און לאָזט אים נישט צו רו. זי מאָנט פון אים כּסדר אַחוץ מעשים טובים, ערלעכקייט לגבי זיך און אַנדערע, קודם-כּל נישט זיך און נישט די אַנדערע וועלן אָפּנאַרן מיט פאַלשער צידקות, נאָר טאַקע קעמפן מיט אַלע כּוחות פאַר דעם העכסטן פּרינציפּ פון אמת און יושר. דעריבער מוז דער מענטש זײַן פרײַ צו דערפילן זײַן אויפ־גאַבע, צו נעמען אויף זיך דעם עול פון אַ מאָראַלישער שליחות אין אַ וועלט וואָס איר האַרץ איז פאַרשטאָפּט, און איר רצון איז געוואָרן אָפּגע־טעמפּט. נאָר דעמאָלט קען קומען די אויסגעבענקטע גאולה סײַ פון יחיד און סײַ פון כּלל, אַ גאולה שלמה, וואָס שטייט אויף אַ העכערן פלאַך. אפשר איז דאָס טאַקע דער וועג צו יענער דערהויבענער שבת-יום-טובדיקייט פון וואָס עס האָט געחלומט אונדזער פּרץ און אַ סך גרויסע ייִדן פאַר אים. עס איז דער אייביקער גאַנג משיחן אַנטקעגן, אַ וועג אויף וואָס עס איז נישטאָ קיין אָפּשטעל, ווו מען זיצט נישט אויף באַקוועמע שטולן, נאָר מען גייט ווײַטער און ווײַטער. עס איז אייביקע עליה.

אָט אַזעלכע און ענלעכע רעיונות שווימען דווקא איצט אַרויף, בשעת דאָס ייִדישע פאָלק איבער גאָר דער וועלט און בעיקר אין ארץ-ישׂראל, פּראַוועט דעם גרויסן נאַציאָנאַלן יום-טוב פונעם צוואַנציק-יאָריקן באַשטיין פון דער מדינת ישׂראל. עס איז אַ וואָגיקער און תּוכיקער יום-טוב, וואָס פילט אונדז אָלעמען אָן מיט אַ סך שטאָלץ און טיפער פרייד, וואָס טראָגט אַרײַן אין אונדזער טעמפּער וואָכעדיקייט אַ געפיל פון שבת-יום-טובדיקייט און דערהויבנקייט, פון בטחון און האָפענונג. נאָך דעם טראַגישן אומקום און מוראדיקן חורבן, איז ווידער אַ מאָל אויפגעגאַנגען אויפן ייִדישן הימל אַ שטראַליק, בראשיתדיק ליכט, וואָס וואַרעמט אונדזער מאַט האַרץ און קוויקט אונדזער פאַרצאָגט געמיט. אָבער בשעת אונדזער שׂימחה איז גרויס און מיר זאָגן דעם הלל און שבח מיטן גאַנצן האַרץ פאַר די נסים, וואָס האָבן זיך אונדז געטראָפן, לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז מיר זײַנען נאָך גאָר ווײַט פון דער אמתער גאולה פון ייִדישן פאָלק און פון דער וועלט ווי אַזעלכער. פרײַהייט באַרױשט — טאָר מען נישט בפירוש פאַרגעסן, אַז דער פּרימאַט פון אמתער אַבסאָלוטער פרײַהייט איז כּולל אַלעמען, זיך און יענעם, דעם אַנדערן און פרעמדן. נאָר אויף דעם יסוד קען זיך אויפבויען אַן

אומבאפלעקטע, גאולה־דארשטיקע פרייהייט מיט איר יושר און הומאני־טעט, א פרייהייט פון התחייבותן לגבי זיך און דער וועלט בכלל. אמתע גאולה פון א העכערער, ספיריטועלער פלאך געזען, איז נישט עפעס אן ענין פון א מין אתה־בחרתניזם, צי פון א שבט, א פאלק אדער א קלאס, נאר איז א וואגיקע שליחות פון טיפסטער מאראלישקייט וואס דער מענטש נעמט אויף זיך און וואס איז איינגעקייטלט אינעם לאנגן פראצעס פון א קאס־מישער באנייונג, וואס איר ציל איז אין־סופיקע קאנטינויטעט.

אוודאי זיינען פאר אונדז טייער און וויכטיק די גרויסע אויפטוען און דערגרייכונגען, וואס מיר האבן באוויזן אויפן באדן פון ארץ־ישראל אין משך פון א צוויי־דריי דורות. אבער מיר טארן נישט בלייבן שטיין ביי דער סאמע חיצוניות, ביי דער פארעם, וואס האלט זיך נאך אין איין אי־בערגעשטאלטיקן. אין א ים פון צביעות, פון שקר און קנעכטשאפט אינעם ארום, איז פון א גרויסן באטייט די פראקטישע, אוטיליטארע פרייהייט, מיט איר מיושבדיקן אידעאליזם און סאציאלן יושר. מיר טארן אבער נישט פארלירן דעם בליק פאר דעם נביאיש־משיחישן ענדציל, דעם חזיון אויף א דערהויבענעם לעתיד־לבוא. צוזאמען מיט אונדזער פאליטישער און סא־ציאלער באפרייונג מוז אויך גיין האנט אין האנט די גאולה פון יידישן גייסט. דער דור פון גאולה מוז ארויס פון זיין גייסטיקן שיעבוד, ארויס־ווארפן פון זיין מיט די פרעמדע געטער צו וואס מען בוקט זיך אלץ נאך מיט א סך התלהבות און ווערן פרייע מענטשן, אמתע בני־חורין. די תשוקה נאך גאולה מוז זיין בכוח צו צעצינדן אינעם הארץ פונעם הייַנטיקן ייד די קדמון־כוחות פון אמונה און מסירת־נפש פאר די הייליקייטן פון פאלק און זיינע דורות־אלטע יצירה־קוואלן. מיר מוזן קודם־כל זיך זעלבסט אויסלייזן פון אייגענער שיפלות, געפינען דאס לשון און דעם וועג צוריק צו זיך, צו דעם פינטעלע ייד אין זיין גאנצער מקורדיקייט. מיר מוזן זיין בכוח צו זיין סיי ייד און סיי מענטש, הא בהא תליא, דאס איינע אן דעם אנדערן איז בפירוש נישט מעגלעך. גאולה איז גארנישט עפעס אנדערש ווי צוריק צום אייגענעם שורש. דערמאנט זיך מיר גראד דא א חריפותדיק ווערטל פון יענעם גרויסן שבת־יום־טובדיקן מורד, ר' מענדל קאצקער. ער האט גערעדט מיט ביטול פון יענע רביים וואס זיינען מרעיש עולמות, כדי אראפצוברענגען משיחן. האט ר' מענדל געטענהט, אז איידער מרעיש צו זיין די אייבערשטע הימלען, זאל מען ליבערשט אויפשטורעמען דאס מנוחה־דיק־איינגעשלאפענע הארץ פון ייד, אז ער זאל דערפילן די אומרו און אנהייבן צו בענקען נאך דער גאולה. נאר אז דער ייד וועט צוריקקומען צו

זײַן שורש וועט דער דור זײַן ראוי צו גאולה. אָט וועגן וואָס עס גייט אין דער אמתן. נישט קיין באַקוועמע, מעכאַנישע פרײַהייט מיט איר גאַנצער עולם־הזהדיקייט, וואָס לאָזט דעם מענטש אײַנזיצן און יוצא זײַן מיט שיינע רעדעס און הילכיקע דעקלאַראַציעס, נאָר עס מוז קומען יענער אימהדיקער ציטער, יענער טיפער נשמה־טרייסל, וואָס וועקט, מאָנט און פירט צו נײַע התחייבותן, צו נעמען אויף זײַנע פּלייצעס דעם עול פון גאולה. עס איז בפירוש נישט גענוג צו וועלן יוצא זײַן מיטן הערן דעם שופר פון גאולה פון דער ווײַטנס. דער התלהבותדיק־אויפגערודערטער און גאולה־דאָרשטיקער ייִד מוז דערזען פון דער נאָענט די קולות און ברקים פון אַ נײַעם מתן־תורה, וואָס פירט אינעם דיאַלעקטישן פּראָצעס, פון גײַסטיקן שיעבוד צו דער־הויבנקייט און פאָלק־גאַנצקייט, צו רעגענעראַציע און מקורדיקייט. דער לייטער שטייט פעסט אײַנגעפונדעוועט אונטן אויף דער ערד, אָבער די באַפרײַטע, שאַפערישע ייִדישע מחשבה רײַסט זיך אַרויף ביזן הימל, צו די סאַמע אין־סופיקע גאולה־הויכקייטן, ווו די אידעע לעבט אייביק.

(1968)

ווערק פון מחבר:

DAS MA'ASSEBUCH — Seine Entstehung und Quellengeschichte
Berlin, 1933.

THE MA'ASEH in the Yiddish Ethical Literature
London, 1958.

די שבחים פון רבי שמואל און רבי יודא חסיד
לאָנדאָן, 1961.

מעשה־בוך
בוענאָס איירעס, 1969.

פאַרלאַג „ישראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען
אַנטאָלאָגיע פון יִדיש־שאַפן אין ישראל

ישעיהו שפּיגל / פלאַמען פון דער ערד
ראָמאַן

רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן
לידער

מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי
יִדיש — ד. שטאָקפיש

רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווייַזער
עסייען

רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן
לידער

ריקודה פּאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים
דערציילונגען

יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן
לידער

משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פּאַריז
דערציילונגען

אריה שמרי / דאָס יִנגל פון דיזשאָן
פּאָעמע
צייכענונגען — יואב שועלי

רפאל מאַהלער / ספר סאַנץ
היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות

משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט
דערציילונגען און מיניאַטורן

אריה שמרי / געזאַנגען אין שייַער
לידער און פּאָעמעס

מנוחה ראָם / אַרום דער ווערבע
דערציילונגען

משה זאַלצמאַן / ...און מען האָט מיך רעהאַביליטירט
איבערלעבונגען פון אַ יִדישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד

אברהם שלאָנסקי / לידער
אָפּקלייַב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג
יִדיש — משה יונגמאַן

משה גראָס-צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן
עסייען און פּראָפילן

רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער
לידער

ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן
לידער

מלכּה חפץ טוזמאַן / בלעטער פאַלן ניט
לידער

ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד: אַ פרעמדע וועלט; אין נײַעם לאַנד
ראָמאַנען

ישעיהו שפּיגל / די קרוין
דערציילונגען

משה יונגמאַן / רעגן-בויגן צוקאָפּנס
לידער

דאָרע טייטלבוים / געזאַנג פון זינקזאַמד דור
לידער און פּאָעמעס

יעקב צבי שאַרגעל / טויערן אין די בערג
לידער

נח גריס / פון פינצטערניש צו ליכט
עסייען וועגן ישעיהו שפּיגל

אליעזר קופּערמאַן / פון וועלט צו וועלט
דערציילונגען

משה זלצמן / וזכיתי לריהאַביליטציה...
מייִדיש — גרשון לימור

מלכּה חפץ-טוזמאַן / אונטער דײַן צייכן
לידער

רחל אויערבאַך / וואַרשעווער צוואָות
באַגעגענישן, אַקטיוויטעטן, גורלות 1933—1943

יעקב פרידמאַן / לידער און פּאָעמעס
דרײַ בענד, מיט אַ באַגלייטוואָרט פון פּראָפ. יודל מאַרק

מאיר חרץ / לידער צו אייגענע
לידער און פּאָעמעס

אריה שמרי / רינגען אין שטאָם
לידער און פּאָעמעס
צייכענונגען — בען

יעקב י. מײַטליס / אין גאַנג פון דורות
עסייען